STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00253

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Nancy "Chanah" Paul
in honor of
the Ganste Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן

אייראָפּעיִשע תקופה

דריטער באַנד

מיטלאַלטער

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.

ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn"

THIRD VOLUME:
MIDDLE AGES

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

מיין געטרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — א מתנה

פון מחבר

פערטער טייל

דער קאַמף פון קבלה און מסורה
קעגן פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם

ערשט בוך

ערשטער קאַפּיטל.

צחיי וועלטאַנשויונגען — צוויי וועלטן. — דער ראַציאָנאַליסטישער גאָט־באַגריף (דעיִזם) און די רעליגיעזע התלהבות. — שלום־טרעגער און פשרה־מאַכערס. — שם־טוב בן פַאלקירה און זיין „אגרת הויכוח"; דער באַטייט פון זיין דידאַקטישע דערציילונג „המבקש". — די אומבאַפרידיקטע „זוכערס". — יצחק אבן לטיף. — די וועגן, וואָס פירן צו מיסטיק; דער מקור פון די מיסטישע שטרעמונגען. — די לערנונג וועגן „אויסשטראַלונגען" און „ספירות". — די „אָבות" פון קבלה אין דער פּראָוואַנס. — יצחק דער סגי־נהור און דער מדרש „בהיר". — דער מיסטיקער עזריאל און זיין פּירוש אויף די צען ספירות. — דער אַבסאָלוט אומפאַסבאַרער („אַין") און זיינע אויסשטראַלונגען (אצילות). — דער מקובל יצחק בן יעקב הכּוהן און זיין „מאמר על האצילות השמאלית". — די „לינקע ספירות" און די צען כּיתּות פון קריג און רשעות. — דער פּראָטעסט קעגן דעם ראַציאָנאַליזם. — יעקב בר ששת און זיין „שער השמים".

דער קאַמף צווישן די מיימוניסטן און זייערע קעגנער, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער פּראָוואַנס אינם יאָר 1232, האָט זיך געשטילט צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן. די העל־אויפגעפלאַקערטע שייטערהויפנס, אויף וועלכע מען האָט געברענט ניט נאָר דעם רמב"מס „מדע" און „מורה נבוכים", נאָר גאַנצע וואָגנס מיט מסכתות פון תלמוד — האָט איינגעשראָקן ביידע צדדים. דער קאַמף האָט זיך אָבער ניט אויסגעלאָזט מיט אַן ענדגילטיקן שלום, נאָר מיט אַ צייטווייליקן פרידנסצושטאַנד, וואָס האָט יעדע מינוט געקאָנט איבערגיין אין אַ נייעם פאַרביטערטן קאַמף. און דאָס איז געווען אָנבאַלאַנגט ניט פון דעמס אָדער יענעמס בייזן ווילן, ניט „מחרחרי ריב" זיינען געווען אין דעם שולדיק — דאָס איז געווען אַ לאָגישער פועל־יוצא פון ריין אָביעקטיווע סיבות, פון דער טיפער סתירה, וואָס איז געלעגן אין די צוויי אידעען־שטרעמונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן.

מיימוני, דער מענטש מיטן קלאָרן און שאַרפן שכל, האָט געהאַלטן פאַר לייכט מעגלעך ברענגען דעם סטיכישן תוהו־ובוהו פון מענטש־לעכע געפילן, באַגריפן און איינדרוקן אונטער דעם יאָך פון שטרענגע,

פעסטגעזעצטע טעזיסן; דעם אומאונטערבראָכענעם לעבעדיקן פּראָצעס פונם מענטשלעכן באַוווּסטזיין האָט ער געפּרוּווט איינפּאַסן אין סכעמאַטישע, קאַלט־לאָגישע געזעצן און כללים. דער גרויסער פּשטן, האָט ער אינעם קאָמפּליצירטן און פילפאַרביקן לעבנס־געוועב געוואָלט אַרויסבאַקומען דעם איינפאַכן פּשוטן תמצית, דעם קלאָרן שכל הישר. ביי דעם ממש קינדישן צושטאַנד, אין וועלכן ס'האָבן זיך נאָך דעמאָלט געפונען אַזוינע וויסנסבראַנזשעס, ווי אַלגעמיינע קולטור־געשיכטע, פּסיכאָלאָגיע און די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון דעם מענטשנס באַוווּסטזיניקע און אומבאַוווּסטע געפילן און וואָרנעמונגען, — איז דער איינזייטיקער ראַציאָנאַליזם פּאַקטיש ניט געווען אימשטאַנד צו באַלייכטן דעם טונקעלן תוהו־ובוהו פון מענטשלעכע אינסטינקטן, ליידנשאַפטן, אָביעקטן און ווילנסדערקלערונגען. דער „שכל הישר", דער שטאָלצער קריטישער געדאַנק, וואָס האָט אַלץ געוואָלט דערקלערן און איבער אַלץ געוועלטיקן, איז ביי דעם דעמאָלטיקן מצב, אין וועלכן די נאַטורוויסנשאַפטן האָבן זיך געפונען, געווען פּאַקטיש אימשטאַנד צו באַלייכטן בלויז אַ גאַנץ קליינעם שטח פון דעם מענטשנס געפילן און מעשים. די טונקעלע טיפענישן פונם מענטשנס גייסטיקן מהות (דאָס וואָס מען רופט נשמה), פון דעם אומבאַוווּסטן און אומאונטערבראָכענעם לעבנס־פּראָצעס, זיינען פאַר אים געבליבן פאַרשלאָסן און פאַרהוילן. דער ראַציאָנאַליזם האָט זיך אָבער דערמיט ניט געוואָלט רעכענען; דער שכל הישר איז לויט דעם ראַציאָנאַליסטישן וועלטבאַנעם דער איינציקער באַפעלער און געוועלטיקער, ער דאַרף און מוז אַלץ באַגרייפן און פאַרשטיין, ווייל אַלץ איז אונטער זיין שליטה, און וואָס דער שכל איז ניט משיג, דאָס עקסיסטירט ניט, דאָס איז — לא היה ולא נברא. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס מיימונים ראַציאָנאַליסטישער גאָט־באַגריף האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן די מענטשן מיט אַ התלהבות־געפיל, ביי וועלכע דער גלויבן איז געווען אַ האַרצבאַדערפעניש, ניט קיין שכל־פּראָבלעם. פאַר די דאָזיקע טיף־רעליגיעזע נאַטורן מיט זייערע פילפאַרביקע אינערלעכע איבערלעבונגען, זיינען געווען צו קאַלט און טרוקן די שכלדיקע סברות פון מיימונים פילאָזאָפיש־רעליגיעזער סיסטעם, מיט אירע לאָגישע באַווייזן, ווי נוצלעך די אָדער יענע מצווה איז.

עס זיינען, אמת, אין יענער צייט געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון צו מאַכן אַ פּשרה צווישן די דאָזיקע אַנטקעגנגעזעצטע שטרעמונגען. די פּשרות האָבן אָבער קיין שום ערפאָלג ניט געקאָנט האָבן, ווייל זיי זיינען ניט געווען בכוח צו געבן דאָס, וואָס ס'איז געווען צומנייטיקסטן: אַן אָרגאַניש גאַנצע וועלטאַנשויונג, וואָס זאָל אין זיך פאַר־

אייניקן דעם גערדאַנק און דאָס געפיל, באַפרידיקן די תביעות אי פונם פאַרשטאַנדיקן שכל, אי פונם בענקענדיקן האַרץ. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט די ליטעראַרישע טעטיקייט פון שם טוב פאַלקירה, איינער פון די געלערנטסטע שריפטשטעלער פונם XIII יאָרהונדערט [1]. אַ מענטש פון ענציקלאָפּעדישן וויסן, גרינדלעך באַקאַנט מיט דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע, האָט פאַלקירה פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי ווערק איבער פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע [2], געשריבן אַ פירוש צום רמב"מס „מורה נבוכים" [3] און איבערגעגעבן אין העברעיִש דעם תמצית פון שלמה גבירולס באַרימט פילאָזאָפיש ווערק „מקור חיים" [4]. אַ הייסער אָנהענגער פון די צוויי גרויסע ראַציאָנאַליסטן, משה בן מיימון און אבן רשד [5], האָט פאַלקירה נאָך אין די יונגע יאָרן פאַרפאַסט זײַן „אגרת הוכוח" [6], אין וועלכן עס פירן אַ וויכוח דער אָנהענגער פון ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע (חכמה) מיט דעם גאָטספאַרכטיקן פרומען „חסיד". דאָס ווערק באַצוועקט צו דערווײַזן, אַז „חכמה און תורה" זײַנען „צוויי צווילינג־שוועסטער" (החכמה אחות לתורה ותאומה), וואָס קאָנען און דאַרפן לעבן אין אחדות און אין שלום. דער פאַרפאַסער גופא איז אָבער געווען צו שאַרפזיכטיק, ער זאָל סוף־כּל־סוף ניט אײַנזען, אַז ניט מיט אַפּאָלאָגעטישע וויכוחים קאָן מען פאַרענטפערן שאַרפע סתירות און מאַכן אַ פשרה צווישן גרונדפאַרשיידענע וועלטאַנשויונגען. ער האָט פאַרשטאַנען געהעריק אָפּצושאַצן דאָס געפיל פון אומבאַפרידיקטקייט, וואָס ס'האָבן שמאַרצהאַפטיק געשפּירט אין זיך פילע פון זײַן דור, אָט

---

1 געבוירן בערך אין 1225, געשטאָרבן נאָך 1290.

2 דעו רייסטער פון זיינע ווערק, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט ביז אין די פערציקסטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט פאַלקירה געגעבן אין דעם אָנהייב פון זיין „המבקש".

3 דער פירוש הייסט „מורה המורה", פאַרעפנטלעכט דורך ביסעליכעס אין 1837. פאַלקירה גיט אין זיין פירוש אַ זייער נוטע, אמת וויסנשאַפטלעכע איבערזעצונג פון פילע שווער וויסנשאַפטלעכע שטעלן אין דעם רמב"מס „מורה", וועלכע אבן תיבון האָט לויט פאַלקירהס מיינונג ניט ריכטיק איבערגעזעצט. אין סוף פון זיין בוך (148—158) גיט פאַלקירה זייער וויכטיקע פילאָלאָגישע באַמערקונגען בנוגע צו אבן תיבונס פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע.

4 זע ערשטן באַנד, ז׳ 86.

5 וועגן פאַלקירהס פאַרהאַלטן זיך צו אבן רשד, זע די פאָררעדע צו „מורה המורה". ווען שלמה פטי האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַמף קעגן דעם רמב"ם, האָט פאַלקירה פאַרפאַסט אַן אָפענעם בריוו, אין וועלכן ער טרעט אַרויס אַלס הייסער אָנהענגער פון מיימונים אידעען (רער בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין „מנחת קנאות" און אויך אין „אגרות קנאות".)

6 צום ערשטן געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1570), דערנאָך אין פּראָג אין 1610. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט יעלינעקס אויסגאַבע פון 1875.

דעם אומרויִקן דראַנג צו זוכן דעם ריכטיקן לעבנס-וועג, וואָס פירט צום
פאַרבאָרגענעם אמת. די דאָזיקע פראָבלעם שפּיגלט זיך גאַנץ בולט אָפּ
אין פאַלקירהס דידאַקטישער דערציילונג „המבקש״ (דער זוכער), וואָס ער
האָט פאַרענדיקט אין האַרבסט 1263. לויט זיין ליטעראַרישן לבוש גע-
הערט דאָס דאָזיקע ווערק צו די זשאַנראַרטיקע, ביי די אַראַבער באַליבטע
ליטעראַרישע שאַפונגען, ווו עס איז שווער צו באַשליסן: וועהין, אייגנט-
לעך, געהערט אָט דאָס דאָזיקע ווערק — צו פילאָזאָפיע אָדער שיינער
קונסט. אַ קלאַסישן מוסטער פון אַזאַ אַרט שאַפונגען שטעלט מיט זיך
פאָר דעם אַראַבישן דענקער אַבו ביכר אבן טופילס[1] מייסטערווערק —
זיין באַרימטער, אויף פיל אייראָפּעיִשע שפּראַכן איבערגעזעצטער, פילאָ*
ראָמאַן „איבן יקטאַן״. דער העלד פון דעם דאָזיקן ראָמאַן איז אַ אייגנאַר-
טיקער ראָבינזאָן; נאָך אַלס זויגקינד ווערט ער פאַרוואָרפן אויף אַן אָפּ-
געזונדערטן אינזל, ווערט דאָרטן דורך אַ גאַזעלע אויפגעצויגן, און אייגער
אַליין, אַדאַנק זיין אומדערמידלעכן דראַנג נאָך פאָרשן און וויסן, דער-
גרייכט ער די העכסטע מדרגות פון וועלט און גאָט-דערקענען. דערנאָך,
ווען ער באַקענט זיך אויף דער עלטער מיט מענטשן און מיט זייערע
קליינלעכע תביעות און באַגריפן, קומט ער צום ענדגילטיקן באַשלוס, אַז
בלויז אין התבודדות, אין אָפּגעזונדערטקייט פון דער ערדישער וועלט,
אין דעם אומדערמידלעכן שטרעבן אין די הייכן, אין פאָרשן און זוכן
דאָס אייביקע און אומפאַרגענגלעכע — ליגט דעם מענטשנס העכסטער
ציל. אבן טופילס ראָמאַן איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די יידן אין
שפּאַניע, מען האָט אים שפּעטער (סוף 13טן י״ה) איבערזעצט אויף העב-
רעיִש (אגרת חיואן בן יקטאן) און דער באַוווסטער משה נרבוני האָט
אויף אים אַ פירוש געמאַכט. עס איז אויסער ספק, אַז דער פילזייטיק גע-
בילדעטער פאַלקירה איז געווען גוט באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן אַראַבישן
פילאָזאָפישן ראָמאַן, וואָס זיין השפּעה פילט זיך אין דעם ליטעראַרישן
לבוש פון זיין „המבקש״.

„פריער פון אַלץ — זע חכמה צו קויפן! דער שכל — אָט דאָס איז
דער תמצית פונם מענטשן, אַלץ אויסער אים האָט קיין שום ווערט ניט!״
אָט מיט דעם „אני מאמין״ הייבט אָן אונזער פאַרפאַסער זיין ווערק. דער
פאַרפאַסער דערציילט ווייטער, ווי ער פלעגט אין די יונגע יאָרן פיל זיך
אָפּגעבן מיט פּאָעזיע און אַ סך שירים געשריבן; ווען ער איז אָבער על-
טער געוואָרן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז לידער שרייבן איז בלויז די
פילאָזאָפישער

1 געבוירן אין קאַדיקס (אַנדאַלוזיע) אין 1100, געשטאָרבן אין מאַראָקע אין 1185.

צייט צו פאַרטרייבן, „האָב איך געגעבן אַ גט דער געטין פון געזאַנג, מיט דער חכמה האָב איך מיך פאַרליבט, מיט דער טאָכטער פון וויסן זיך פאַרבונדן אויף אייביק!" [1]. דאָך איז דער גרעסטער טייל פונם „המבקש" גופא געשריבן אינם פּאָעטישן מאַקאַמען־סטיל. אמת, די לידער, וואָס זיינען איינגעפּאַסט אין דער גערייַמטער פּראָזע, זאָגן טאַקע עדות, אַז זייער פאַרפאַסער האָט זיךווירקלעך „געגט" מיט דער געטין פון געזאַנג, און ס'איז אויך צו גלויבן, אַז ער איז מיט איר קיין מאָל נים געווען פאַרבונדן...

דער העלד פון דער דערציילונג איז דער אייביקער „זוכער" (המבקש) [2], וואָס וויל אויספאָרשן אַלע וועגן, אויף וועלכע מענטשן זוכן דאָס אמתע גליק און די העכסטע מדרגה פון שלמות. וועלכער וועג איז דער בעסטער? וועלכער איז דער ריכטיקער וועג? דער „זוכער" גייט פריער צום עושר, וועלכער זעט אינם גאָלד דעם יסוד פונם מענטשנס גליק און מאַכט. אומבאַפרידיקט גייט ער ווייטער, און קומט צום שטאָלצן גיבור, וואָס זעט אין מאַכט און קאַמף דעם תמצית פון לעבן. „ניי וויסן, — דערקלערט דער גיבור, — אַז די גאַנצע וועלט איז נאָר אויף קאַמף געשטעלט אין דעם שוואַכן און אין דעם פּחדן זיצט אַ נידעריקע נשמה, שיינקייט און גרויסקייט פונם מענטשלעכן גייסט אַנטפּלעקט זיך נאָר אינם מוטיקן קאַמף. עס עקסיסטירט און לעבט ווירקלעך נאָר דאָס, וואָס שטרעבט צום ניצחון, דאָס שוואַכע און נידעריקע מוז אונטערגיין. ניצחון — אָט אין דעם איז דאָס לעבן, און אין הכנעהדיקייט און שיפלות — דער טויט. און ווייל יעדער באַשעפעניש שטרעבט צום לעבן, דערפאַר וויל עס ניט בעטן און בעטלען, נאָר אַליין דערווערבן אין קאַמף" [3].

פונם גיבור האָט דער „זוכער" געוואַנדערט צום גרויסן מייסטער (חרש חכם והוא ראש בעלי אומניות), פון אים צום באַרימטן אַרצט, פונם אַרצט צום חסיד דעם תם, וואָס וויל ניט וויסן פון חכמה נאָר פון גוטע מידות. דערנאָך האָט ער באַזוכט דעם בעל־לשון, דעם גרויסן

---

[1] „המבקש" (טיר ציטירן נאָך דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע 1772):

בנות שיר מעלי פני אשלח — ואגרתי תהי ספר כריתות
ובת חכמה אארש לי לאשה — ואקנה. בת תבונה לי צמיתות.

[2] וועגן דער קרובישאַפט צווישן פאַלקירהס „המבקש" און אַלנאַזאַלים אַ דערציילונג, זע „העבר. ביבל.", X, 86.

[3] דאָרטן, 26: „כי זה העולם בנוי על הניצוח וכל דאלים גבר, ואל ההויה ואל הניצוח יכסופ כל דבר ודבר... הניצוח בטבע החיים והשאלה בטבע המות והנפש לא תאהב המות ועל כן תאהב לקחת הדברים בניצוח לא בשאלה."

מדקדק, און פון אים צום דיכטער, דעם מייסטער פון געזאנג. ביי יעדן פון זיי האָט ער פאַרבראַכט חדשים און יאָרן, און איז אַלץ געבליבן אומ־באַפרידיקט [1]. „ער האָט זיך איבערצייגט, — ווייזט אָן דער פּראָפעסער — אַז ניט די דאָזיקע וועגן פירן צום אמתן גליק; דאָס זיינען בלויז פאַר־שטופּעס, וואָס קענען ערשט ברענגען צום וועג פון העכסטן גליק — צום וויסן" (לעלות עמם אל ההצלחה האמתית שהיא הידיעה) [2], און אונ־זער העלד לאָזט זיך ווייטער וואַנדערן. ער קומט צום פרומען מאמין, וואָס גיט אים צו פאַרשטיין, אַז „מען דאַרף זיך ניט אַריינלאָזן אין קיין חקירות, ניט פאַרלאָזן זיך אויפן שכל, נאָר אויף דער הייליקער תורה, וואו עס זיינען געטלעכע סודות באַהאַלטן, וועלכע דעם מענטשנס שכל איז ניט אימשטאַנד משיג צו זיין" [3]. דער העלד, אין וועמעס נאָמען עס רעדט דער פּראָפעסער גופא, ענטפערט אָפּ דעם פרומען מאמין מיט כעס און מיט ביטול: „די נאַרישקייט האָט דיין האַרץ פאַרשטאָפּט, דיינע אויערן פאַרטויבט און דיינע אויגן בלינד געמאַכט" [4].

פונם מאמין גייט דער „זוכער" צום תלמיד־חכם, דעם שאַרפן תלמודיסט, וואָס איז אויך אַ גרויסער בקי אין די חכמות הטבע. אַ פאַר־ערער פונם „מורה נבוכים", דערקלערט דער חכם אינם גייסט פון מיימוני, אַז ס'איז ניט כדאי צו פטרן די גאַנצע צייט אויף פּילפּול און שקלי־וטריא (אין ראוי לבלות כל הימים בקושיות ודחיות), און בכדי זיך צו באַקאַנען מיט דער תורה שבעל־פּה „גענוגט ביי היינטיקע צייטן" (ודי לאדם בזמן הזה) צו שטודירן דעם אַלפס, דעם רמב"מס „משנה תורה" און זיין פּירוש אויף משניות [5]. „מ׳ו ניט ווי פילע אַנדערע, וואָס זיצן אָפּ גאַנצע נעכט איבער איין הלכה, און אַז מען פרעגט זיי אין דער פרי, פלאָנטערן זיי מיט דער צונג און ווייסן ניט וואָס צו ענטפערן. בכדי גרינדלעך די תורה צו פאַרשטיין, שטרייכט דער חכם אונטער, מוז מען זיך באַקענען מיט אַלע אַנדערע חכמות. דער „זוכער" פאָלגט דעם חכמס עצה, און די ווייטערדיקע 30 זייטן (72—102), וווּ עס ווערט באַשריבן, ווי אַזוי אונזער העלד באַקענט זיך ביי פאַרשיידענע פאַך־געלערנטע מיט די וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען, האָבן באַשטימט אַ קולטור־היסטאָרישן אינטערעס: מיר באַקומען דאָרט אין אַ קלאָרער פּאָפּולערער פאָרם אַן

---

1 אַ היסטאָרישן אינטערעס האָבן די מיינונגען, וואָס דער פּראָפעסער זאָגט דערביי אַרויס וועגן דעם באַטייט און ווערט פון דער פּאָעזיע (ז׳ 56—62).

2 דאָרטן, 64.

3 דאָרטן, 66.

4 דאָרטן, 70: „הסיכלות השמין לבך מהשכיל, והכביד אזנך משמוע ועיניך השע".

5 דאָרטן, 72.

אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דעם מצב פון אַלע הויפּט-וויסנשאַפטן אין יענער צייט [1].

דער „זוכער" האָט זיך גענומען פלייסיק שטודירן די אַלע וויסנ־שאַפטן ביי די גרעסטע חכמים, נאָר סוף־כל־סוף איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויך די אַלע חכמים „בלאָנדזשען בלויז אַרום דעם מלכס פּאַלאַץ, אָבער אינעווייניק איז קיינער ניט אַריינגעדרונגען" [2]. דאַן האָט ער באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דעם גרעסטן מושלם, וואָס דרינגט אַריין מיט זיין שאַרפן מוח אין די פאַרבאָרגנסטע טיפענישן, צו דעם, „וועלכער הייסט אין גריכישן „פילאָזאָף". דאָ רייסט אָבער דער פאַרפאַ־סער איבער אין דער מיט. ער דערמאָנט נאָר אַגב אורחא, אַז דער „זוכער" האָט פאַרבראַכט ביים פילאָזאָף גאַנצע דריי יאָר. דעם לעזער בלייבט אָבער אומבאַקאַנט, צי האָט ענדלעך דער העלד געפונען דאָס, וואָס ער האָט מיט אַזאַ עקשנות געזוכט, אָדער ער בלאָנדזשעט נאָך אַלץ איבער דער וועלט און זוכט דעם אמת פונם לעבן...

דער אויפמערקזאַמער לעזער מוז מודה זיין: עס בלאָזט אַ קאַלט טרוקן ווינטל אין פאַלקירהס דערציילונג. נאָר ניט דער געלערנטער פאַר־פאַסער איז אין דעם שולדיק. עס ווענדט זיך גיכער אין דער גאַנצער סיסטעם, אין דער אידעענוועלט, אין וועלכער דער מיימוניסט פאַלקירה האָט געלעבט, און פאַר איר געקעמפט. עס איז דערפאַר גאַנץ פאַרשטענד־לעך, וואָס אין דער דאָזיקער ראַציאָנאַליסטישער אַטמאָספער, ווי אַלץ

---

[1] אַ צווייטער געלערנטער פון XIII יאָרהונדערט, דער פאַרפאַסער פון אַ ספּעציעלן ווערק איבער מאָס און וואָג אין ביבל און תלמוד, יוסף אבן עקנין אויס באַרצעלאָנע (ניט צו פאַרביטן מיטן רמב"מס געליבטן תלמיד, וואָס טראָגט אויך דעם איינענעם נאָמען), גיט אין דעם 27טן קאַפּיטל פון זיין אַראַביש ווערק „טב אל נפוס" (מרפא הנפש) אַ פולשטענדיקע פּראָגראַם פון דערציִונג און בילדונג אין יענער צייט. די וויסנשאַפטן וערן ביי אים גענוי אַזוי איינגעטיילט, ווי ביי פאַלקירהן. אבן עקנין רעכנט אויס פאָלגנדיקע דיסציפּלינען: לאָגיק, מאַטעמאַטיק, געאָמעטריע, אָפּטיק, אַסטראָנאָמיע, פיזיק, מינעראַלאָגיע (חכמת הדומם), באָטאַניק (הצמחים), זאָאָלאָגיע (בעלי־החיים), פּסיכאָלאָגיע און מעטאַפיזיק. דער דאָזיקער קאַפּיטל איז איבערגעדרוקט אין גידע־מאַנס ווערק „דאָס יודישע אונטערריכטסוועזן ווערענד ד. שפּאַניש-אַראַבישען פעריאָדע", ז"ז 43—140; אין העברעיִש, שטאַרק פאַרקירצט, האָט איבערזעצט ש. חעפּענשטיין אין סאָקאָלאָווס „ספר היובל", 1904. אַ רייסטער פון די דערמאָלטיקע וויסנשאַפטן גיט אויך פאַלקירהס אַ בן־דור, דער פאַרפאַסער פון „משל הקדמוני" (ערשטע אויסגאַבע, ז' 9), דאַן דער באַרימטער אברהם אבן עזרא (אין „יסוד מורא", 11, 16), אויך אין זיין פירוש אויף תורה (שמות, 3, 31). זיי אַלע גרופּירן די וויסנשאַפט נאָך דעם סדר, וועלכן ס'האָבן איינגעפירט די אַראַבישע פילאָזאָפן, בפרט אַלפאַראַבי.

[2] דאָרט, 102: „וראה כי יש מהם אשר שמעו שמע המלך, אבל לא באו אל חצר בית המלך פנימה ופני המלך לא ראו".

האָט אויסגעזען אַזוי פּשוט און קלאָר, אַלץ ווערט געוויזן אויף דער וואָג פון לאָגיק, און אין אַלעמען ווערט געזוכט דער שׂכלדיקער תּכלית און פּראַקטישער נוצן — האָט זיך טאַקע געמוזט מערן די צאָל פון אומ־באַפרידיקטע „זוכערס״ מיט בענקענדיקע נשמות, וואָס האָבן אַזוי שמאַרצהאַפטיק געזוכט אַן ענטפער אויף די פאַרפּלאָנטערטע און אומ־לעזבאַרע רעטענישן פונם לעבן. און ניט ביי פילאָזאָפן-ראַציאָנאַליסטן פון פאַלקירהס חדר האָבן זיי געקאָנט געפינען דאָס, וואָס זיי האָבן גע־זוכט...

זייער אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט פאַלקירהס אַ בן־דור, יצחק בן אברהם אבן לאַטיף. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ ברייטער פילאָזאָפישער בילדונג, מיט אַ באַגאַבטער איידל־פילנדיקער נשמה. אין טיף רירנדיקע, האַרציקע ווערטער דערציילט ער וועגן זיין לעבנס־דראַמע [1]: ווי ער האָט געקלאַפּט אין אַלע טירן, געוואַנדערט איבער אַלע וועגן, איבעראַל געזוכט דעם לויטערן ליכטיקן אמת, געפּאָרשט נאָך גאָטס לעבעדיק ברענענדיק וואָרט... ער דערציילט, ווי ער איז געקומען צו די טרעגער פונם פילאָזאָפישן ספּעקולאַטיוון געדאַנק. ער האָט דאָרט געפונען מענטשן זעלבסטצופרידענע, גלאַסן־רויִקע, וואָס זיינען אַזוי שטאָלץ און זיכער, אַז ביי זיי איז דער ריכטיקער אמת, אַז אַלע זייערע סברות און געדאַנקען שטיצן זיך אויף פעסטע יסודות. „איך האָב מיך אָבער אי־בערצייגט — דערקלערט אבן לאַטיף — אַז זיי לעבן אין טעות, זייער גאַנצער בנין הענגט אין דער לופטן; זיי מיינען: מיט זיי איז דער אמת און דערגרייכט האָט זייער פאָרשנדיקער געדאַנק דעם וועג צום אייביקן ליכט — און זיי טאַפּן נאָך אַלץ אין דער פינסטער ווי בלינדע; פאַר־באָרגן איז פאַר זיי דער לעבעדיקער קוואַל, זיי בלאָנדזשען נאָך אַלץ אין דרויסן, און קאָנען ניט געפינען דעם אַריינגאַנג אין היכלטום...״ [2].

אבן לאַטיף קאָן בשום אופן ניט איינשטימען מיט מיימונים מיי־נונג, אַז אַלץ, וואָס אַריסטו האָט געלערנט וועגן דעם סדר פון דער ער־

---

1 אינם ווערק „צורת העולם״, קאַפּ׳ 5; אויך אינם אָנפאַנג פון זיין „אגרת התשובה״.

2 דאָרטן, 9: „ואדרוש בבעלי החכמות העיוניות... וחזרתי על כל צדדי עיונם וגאותם וגאונם והוחלתי לדבריהם אאזין עד תבונותיהם ומששתי את כל כליהם אשר תארום בחכמה ותושיה, וראיתי קצתם כקיר נטויה וגדר הדחויה ומקצתם מתהפכים בתחבולותם ודורשים מסבות אחר מחיצות רבות והם בעיניהם המחזיקי שרשי אמונה... ואין איש בנקודת האמת נוגע כי קצר המצע מהשתרע וילאו למצוא הפתח ולא מצאו דרך לגשת אל קדש הקדשים בהקדמות עיוניות ובהיקשים ונראה כי אין וכי מקור האמת נעלמת מן העין״.

דישער וועלט און דער נאַטור ביז צו די גרענעצן פון דער לבנה — איז לויטער אמת, און נאָר אַן אומוויסנדיקער מענטש קאָן דערמיט ניט מסכים זיין. „איך שטיי אַוודאי אין געפאַר — באַמערקט אבן לאַטיף מיט אַ איראָנישן שמייכל [1] — אַז מען וועט אויך מיך דערקלערן פאַר אַן עם־הארץ און אומוויסנדיקן מענטשן, איך האָב אָבער דאָך די העזה אָפּן אַרויסזאָגן מייַנע ספיקות און אָנווייזן, אַז הן אין אַריסטוטס פיזיק הן אין פּטאָלאָמעוס אַסטראָנאָמישער סיסטעם איז ניט אַלץ ריכטיק. איך געפין, אַז דאָס וואָס זיי דערציילן וועגן די ספערן, גלגלים און פּלאַנעטן און אויך זייער לערע וועגן דעם תמצית פון מאַטעריע און פאָרם — זיינען פול מיט סתירות און אומבאַגרינדעטע הנחות [2]. „צי זעט איר דען ניט קלאָר— רופט ער אויס — אַז אַלע זייערע פרוון לאָגיש צו באַווייזן די עקסיס־טענץ פון די גלגלים און פון דער ערשטער שאַפנדיקער סיבה, בלייבן אומבאַגרינדעט און הענגען אַלע אין דער לופטן" [8].

אומבאַפרידיקט, פול מיט ספיקות אין הארצן, בעט אבן לאַטיף: „גאָט מיינער, דו גאָט פון אברהם! באַווייז דיין גענאָד פאַר מיר, דיין קנעכט, איך זאָל זוכה זיין אויסצופאָרשן דיינע טיפע סודות, די גרויסע וווּנדער פון דיין אָפּנבאַרונג און פון די אַנטפּלעקונגען פון דיינע נביאים!" [4].

פאַלקירהס העלד (אין „המבקש") רופט דעם פשוטן מאמין „בלינדער אומוויסנדיקער מענטש", דערפאַר, וואָס יענער וויל ניט אָנערקענען אין אמונה־זאַכן דעם שכל הישר פאַר דעם העכסטן אויטאָריטעט. דער מאמין בלייבט אָבער ביי זיינעם. דער אמת רעליגיעזער מענטש נייטיקט זיך גאָר ניט אין דעם הסכם פון דער פילאָזאָפיע, זי זאָל אים דערווייזן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז די לערע פון דער תורה איז אמת און גערעכט. פאַר דעם אמת גלויביקן איז פאַראַן, לויט זיין וועלט־באַנעם, אַ גרעסערער אויטאָריטעט, דער אויטאָריטעט פון דער מסורה און קבלה, וואָס זאָגט עדות, אַז די תורה איז מן השמים, און אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין פאָלק אויפן באַרג סיני. דער ראַציאָנאַליסט פלייסט זיך אויסצופאָרשן דעם גאָטסבאַגריף, פאַרשטיין על־פי חקירה די גרויסקייט פון גאָט; דער מיטלעלטערלעכער גלויביקער אָבער,

1 דאָרטן, 6.

2 דאָרטן, קאַפּ' 2 — 3.

8 דאָרטן, 8: „ועתה ראה גם ראה האיך בנו השכלים וגם מציאות המניע הראשון על יסוד מתנועע מבלתי מיוסד במקום נאין שהרי כבר חזרו על כל צדדי עיונם ולא תתקיים להם מופת על התמדת התנועה ולא יתקיים לעולם".

4 דאָרטן, 9 — 10.

דער מאמין, פילט גאָט מיט זיין גאַנצער נשמה, ער טראָגט אים אין די טיפעניש פון זיין האַרצן... און דאָרט, ווו דער יחיד דערפילט אין זיך, אין זיין באַגרענעצטן איך, די קרובהשאַפט צום געטלעכן און אומענדלעכן — דאָרט פלאַקערט אויף דאָס רעליגיעזע געפיל מיט מיסטישער התלהבות, דער גלויבן ווערט אַ מיסטעריע, פול מיט געטלעכע ווונדער [1].
דאָס רוב אומרו:קע „זוכערס" פונם XIII יאָרהונדערט האָבן דערפאַר געפונען רו און באַפרידיקונג ניט אינם שוים פון דער ראַציאָנאַליסטישער מעטאַפיזיק, נאָר ביי די מיסטיקער מיט זייער התלהבות, מיט זייער ברענענדיקן פאַטאָס, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די שטרענגע געזעצן פון דער קאַלטער לאָגיק און שטורמיש זיך געריסן אין דער הויך צו די הימלישע ספערן. דער ראַציאָנאַליזם האָט געוואָלט זיין דער אַליינהערשער, דער איינציקער געוועלטיקער איבער דעם קולטורעלן לעבן, דאָס מיטלעלטערלעכע לעבן איז אָבער אַזוי ווייניק געווען פאַסיק דערצו. און די מרידה האָט זיך גלייך אָנגעהויבן. טאַקע אינם XIII יאָרהונדערט, ווען מיימונים ראַציאָנאַליזם האָט ניצחונדיק געשפּרייזט איבער שפּאַניע און פּראָוואַנס, איז אויף דעם פאָדערגרונד פונם יידישן קולטור־לעבן אַרויסגעטרעטן דעם ראַציאָנאַליזמס פאַרביטערטער קעגנער — די „תורה שבלב", די סודותדיקע קבלה.

מיר האָבן שוין אין פריערדיקן באַנד אָנגעוויזן, ווי אַזוי געוויסע מיסטישע אידעען און שטרעמונגען האָבן אויס בבל איינגעוואַנדערט קיין איטאַליע, און פון דאָרט צו די ברעגן פונם ריין. מיר האָבן געזען, ווי די דאָזיקע אידעען זיינען אַ לאַנגע צייט געווען באַקאַנט בלויז אין ענגע קרייזן, אָבער צום סוף XII יאָרהונדערט זיינען זיי אַרויסגעטרעטן אויף דער ברייטער אַרענע פונם יידישן לעבן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו געוועלטיקן איבער די מוחות פונם דייטשן יידנטום, זיינען אויך אַריינגעדרונגען איבער יענער זייט פירענעען און פאַראינטערעסירט די הויכגעבילדעטע פאַרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין שפּאַניע. ביים גרעסטן יידיש־שפּאַנישן דיכטער און דענקער פון XI יאָרהונדערט, ביי שלמה גבירול, שפּילט שוין, ווי מיר ווייסן, אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע די לערע וועגן אויסשטראַלונגען (עמאַנאַציעס), וואָס לויט איר איז די וועלט

[1] גאַנץ ריכטיק באַמערקט וועגן דעם דער רוסישער פאָרשער ל. קאַרסאַווין אין זיין ווערק Основы средневѣковой религіозности в XII — XIII в. в. (стр. 51 — 52): „Лишь только к убѣжденію или вѣрѣ присоединяется мнимое или реальное ощущеніе сверхчувственнаго, религіозность становится мистической, переходит в мистику, не переставая быть религіозностью... Трудно отдѣлить религіозность от мистики. Еще труднѣе провести грань между религіозным и мистическим".

באשאפן געווארן דורך די אוים דער גאטהייט אויסגעשטראלטע קרעפטן. עס איז קיין ספק ניט, אז גבירולס פילאזאפיע איז אויסגעארבעט געווארן אונטער דער השפעה פון די אראבישע דענקער, וועלכע האבן זיך באקענט מיט די אידעען פון די נעאפלאטאניקער פילאן און פלאטין אוים דער סירישער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור. די „עמאנאציע־לערע" איז ביי די דאזיקע אראבישע דענקער געווען שוין גאנץ סיסטעמאטיש אויסגעארבעט. שוין דער ערשטער באדייטנדיקער אראבישער דענקער, אלקינדי, נעמט א גאנץ נאענטן אנטייל אין דער אראבישער איבערזעצונג פונם פילאזאפישן ווערק „טעאלאגיע", וואס דארט ווערט באשריבן, ווי אזוי אוים דעם אייביקן ליכט־קוואל האט אויסגעשטראלט דער „עולם השכלי", די „געדאנקען־וועלט", אדער דער „אדם עילאה", דער „הימלישער מענטש". פון אים, דעם „עולם השכלי", האט ווייטער אויסגעשטראלט א נייע ליכט־עמאנאציע — „הנפש הכללית השמימית", די „אוניווערסאלע נשמה פון דער הימלישער וועלט" [1]. און שוין אין גבירולס צייטן פרוווט דער פארפאסער פון דעם ערשטן ניט לאנג געפונענעם ווערק „מעאני אל נפס" (די לערע וועגן דער נשמה) [2] צו פאראייניקן די עמאנאציע־לערע מיט די צען ספירות פונם „ספר יצירה". די ערשטע אויסשטראלונג הייסט אין דעם „מעאני אל נפס" — „חכמה", אבער אויך „שכינה" און „כבוד" [3].

ביי גבירולן האבן זיך הארמאניש פאראייניקט דער ברען פון מיסטישער התלהבות מיט דעם איזערנעם גלויבן אין דער גרויסער מאכט פון וויסן און פארשן; א באגייסטערטער ליריקער, דער דיכטער פונם גרויסן וועלט־שמערץ, איז ער פעסט איבערצייגט, אז אויף די ליכטיקע פליגל פונם שטאלצן פרייען פארשער־געדאנק וועט דעם מענטשן געלינגען זיך דערהויבן אין דער הויך צו די הימלען, און דארט שטילן זיין דארשט, זיין שמארציקן דראנג נאך דעם קוואל פון אמת. די אידעען פון דעם דאזיקן גלענצנד באגאבטן נעאפלאטאניקער האבן אבער געפונען א גאנץ קנאפן אפקלאנג ביי דער יידישער אינטעליגענץ. אן אנדער אידעען־סיסטעם האט באוועלטיקט די דעמאלטיקע יידישע אינטעליגענטע שיכטן — דער אריסטאטעלישער ראציאנאליזם, וואס האט באלד פארנומען דעם פארדערגרונט פון דעם יידישן קולטורעלן לעבן אין שפאניע, און פארגעסן איז געווארן דער „מקור חיים" און זיין לערע. ניט אבער אויף לאנג פאר־

---

1 זע, א. הרכבי, „חדשים גם ישנים", X 17; 290, 252—56, S. Munk, Melanges.

2 מע רעכנט, אז דאס חערק האט געשריבן דער באריםטער פארפאסער פונם „חובות הלבבות", בחיי אבן פקודה. די העברעישע איבערזעצונג „ספר תורת הנפש" האט פארעפנטלעכט יצחק ברוידע אין 1896.

3 זע הרכבי, צים. ווערק, 18; י. גוטמאן, „מאנאטסשריפט", 1897, 451.

געסן געוואָרן. פריי און ליכטיק איז געווען אין דעם שטאָלצן טורעם פון דער אַריסטאָטעלישער סיסטעם, נאָר קאַלט און פּראָסטיק; און אומבאַפרידיקט האָבן אים פאַרלאָזן פילע שטורמישע זוכנדיקע און בענקענדיקע נשמות. אויפסניי האָט אויפגעגלאַנצט דער נעאָפּלאַטאָנישער שטערן, גערופן און געצויגן צו זיך האָבן די סודותדיקע טיפענישן פון דער קבלה, דער „חכמת הנסתר"...

און עס איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, וואָס די פאָלקס־אגדה האָט פאַרבונדן די געבורט פון מיסטישע שטרעמונגען אין שפּאַניע און פראַנקרייך... וואַנס גראָד מיטן נאָמען פון דעם זעלבן תלמיד־חכם, וואָס איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם רמב"מס ראַציאָנאַליזם. אַן אַלטע אַגדה דערציילט, אַז אליהו הנביא האָט זיך באַוויזן צו דעם פרומען למדן רבי דוד, און האָט אים מגלה געווען טיפע פאַרבאָרגענע סודות. די דאָזיקע סודות האָט רבי דוד איבערגעגעבן זיין איינציקן זון, אַברהמען, דעם באַרימטן פאַרפאַסער פון די „השגות" אויף דעם רמב"מס „משנה תורה" [1]. דער ר' אַברהם בן דוד (דער ראב"ד השני) איז ווירקלעך געווען אַ בעל־קבלה; ער האָט פאַרפאַסט אַ פירוש אויפן „ספר יצירה", ווו ער רעדט באַריכות וועגן דער געטלעכער קראַפט, וואָס שטעקט אין די אותיות פון דעם יידישן אלף־בית [2]. די זעלבע אַגדה דערציילט ווייטער, אַז דער ראב"ד האָט איבערגעגעבן די דורך אליהו הנביא אַנטפּלעקטע סודות זיין זון, ר' יצחק דער סגי־נהור. דאָס לעבן פון דעם בלינדן ר' יצחק, וועלכן פילע רעכענען פאַרן „אבי הקבלה", דעם „פאָטער" פון דער חכמת הנסתר — איז איינגעהילט אין אַ געדיכטן שלייער פון פאַנטאַסטישע לעגענדעס. עס איז בלויז פעסטגעשטעלט, אַז אויך ער האָט געשריבן אַ פירוש אויפן „ספר יצירה" און האָט פיל זיך אָפּגעגעבן מיט דער לערע וועגן „גילגול הנפש" [3]. עס איז אויך אַ סברה, אַז ר' יצחק סגי־נהור איז דער פאַרפאַסער פונם באַקאַנטן מיסטישן מדרש „בהיר" (באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען „מדרש נחוניה בן הקנה"), ווו עס ווערט צום ערשטן מאָל געגעבן אין אַ קלאָרער סיסטעמאַטישער פאָרם די לערע

---

1 זע „מצרף לחכמה", 66 (יאָרשעווער אויסגאַבע); גרעץ אין שפ"רס איבערזעצונג, IV, 357.

2 „מצרף לחכמה", 51, ווו עס ווערן געבראַכט דעם ראב"דס ווערטער: „אין האותיות העבריות כאותיות שאר הלשונות כי חיות הן".

3 אַ לעגענדע דערציילט וועגן יצחק סגי־נהור, אַז איידער ער איז בלינד געוואָרן, פלעגט ער אין פנים פון יעדן מענטשן גלייך דערקענען, צי איז יענעמס נשמה אַ נייע, אָדער אַ גילגול פון אַן אַנדער מענטשן, וואָס האָט שוין פריער געלעבט אויף דער וועלט.

ווענן די אויסגעשטראַלטע „ספירות״ [1]. אין דעם דאָזיקן ווערק ווערן די „ספירות״ געשילדערט אַלס די ערשטע גרונט־יסודות פון „מעשה בראשית״, פון דער וועלט־שאַפונג, אַלס ערשטע אויסשטראַלונג פון דער געטלעכער עקסיסטענץ. און אַלע ספירות צוזאַמען באַטרעפן דעם גאַנצן קאָסמאָס; זיי הייסן „כל״ — דאָס „גאַנצע״ פון דער וועלט [2]. נאָר נישט אַלע ספירות זיינען פון גלייכער מדרגה. די וויכטיקסטע זיינען די ערשטע דריי: כתר עליון, חכמה און בינה, און ערשט זיי האָבן פון זיך אויס־געשטראַלט די איבעריקע זיבן, פון וועלכע עס האָט זיך געבילדעט די מאַ־טעריעלע וועלט [3].

---

1 מיר זיינען שטאַרק מסופק, צי דאָס דאָזיקע ווערק זאָל האָבן פאַרפאַסט איין פערזאָן, בפרט נאָך אַ געלערנטער אויס דער פּראָווּאַנס. קעגן דעם זאָגט עדות דער קאַבּאַליסט פונם XIII יאָרהונדערט, יצחק כוהן, ווענן וועלכן עס ריידן מיט אַזאַ יראת הכּבוד דער פילאָזאָף יצחק אַלבּאַלאַג און דער באַקאַנטער מקובל שם־טוב בר שם־טוב. יצחק כוהן דערציילט, אַז דער „ספר הבהיר״ איז פאַרפאַסט געוואָרן אין ארץ־ישראל, פון דאָרט האָבן דאָס ספר באַקומען די דייטשע בעלי־קבלה, און ערשט פון דייטשלאַנד איז עס דערגאַנגען צו די קאַבּאַליסטן פון דער פּראָוואַנס, און דאָס נים פּולשטענדיק. דער שם־טוב שרייבט ווענן דעם אין זיין „ספר אמונות״ (חלק 8, קאַפּ׳ 9): „ר׳ יצחק הכוהן ז״ל... כי ספר הבהיר המיוסד בלשון ירושלמי היקר מזהב ומפז רב אשר גלת ברמזים וסתרים ונעלמים... ר׳ נחוניה ב״ה, והספר ההוא בא מארץ ישראל לחסידי הקדמונים הכמי אשכנז המקובלים ומשם הופיע והגיע עד קצת הגאונים הקדמונים רבני פרובינציא הרודפים אחרי כל מיני חכמות הרשומות יודעי דעת עליון, אפס קצתו ראו וכולו לא ראו ולא הגיע לידם מלואו ושלמותו... ודברי ר׳ יצחק הכהן נכונים ומקובלים״. זע אויך ג. שלומס אינטערעסאַנטן אַרטיקל „צור פראַגע דער ענטשטעהונג דער קאַבּאַלאַ״ אין „קאָררעבּפּאָנדענץ־בּלאַט״, 1928, 6: „היער (אין „ספר הבחיר״) ליעגט אין דער טהאַט איין ילקוט מיסטישער דיקטאַ אויס גאַנץ פערשיעדענען צייטען אונד קוועלען פאָר״...

2 „בהיר״, קאַפּ׳ 15: „וקראתי שמו כל, שהכל תלוי בו והכל יוצא ממנו והכל צריכים לו ובו צופים ולו מחכים ומשם פורחים הנשמות״. דעם דאָזיקן געדאַנק קאָן מען שוין געפינען אין אַ גאַנץ קלאָרער פאָרם אויסגעדריקט ביי גבירולן און אויך ביי משה אבן עזרא אין זיין „בשם אל אשר אמר״:

והוא כל ובו הכל — ונמצא בקרב כל
ואם גבהו מכל — דרכיו ומדותיו.

3 דאָרטן קאַפּ׳ 50—51. עס איז אַ סברה, אַז דער פאַרפאַסער פונם „בהיר״ האָט זיך באַנוצט מיט דעם ווערק „מסכת אצילות״, וואָס ס׳האָט געשריבן אַ מיסטיקער פון XII יאָרהונדערט, יעקב נזיר (ז. יעלינעק, „אויסוואַהל קאַבּאַליסטישער מיסטיק״, 5), ווי עס געפינט זיך שוין די לערע וועגן פיר פאַרשיידענע וועלטן: „ברא הקב״ה ארבע עולמות נגד שבו יתברך שנאמר בו ארבע אותיות, אלו שמותן: אצילות... עולם הבריאה... עולם היצירה... עולם העשיה״. אין דעם דאָזיקן ווערק ווערט שוין אגב אורחא דערמאָנט וועגן „סוד הצימצום״ (צמצם הקב״ה אורו). די „מסכת אצילות״ איז אָפּגעדרוקט אין סוף פון „מדרש אגדת בראשית״ (לובלינער אויסגאַבע, 112—120), איבערגעדרוקט אין יעלינעקס „אויסוואַהל קאַבּאַליסט. מיסטיק״.

די סיסטעם פון יצחק סגי־נהורס מיסטישער לערע האָבן ווייטער אַנטוויקלט זיינע צוויי תלמידים אויס גערָאָנע עזרא און עזריאל, דער עיקר דער לעצטער [1].

ווען עזראן ווייסן מיר בלויז, אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ פּירוש אויף „שיר השירים”, וואָס ווערט אָפט ציטירט פון די מיטלעלטערלעכע בעלי הקבלה. מער פּרטים זיינען אונז באַקאַנט וועגן זיין חבר עזריאל (1160—1238). אַ מענטש פון פילאָזאָפישער בילדונג, פּרוּווט עזריאל אין זיין קורצן פּירוש אויף די צען ספירות דערקלערן די יסודות פון דער תורת הקבלה אין אַ ריין פילאָזאָפישער שפּראַך [2]. ער גייט אַרויס פון דעם זעלבן גרונטפּרינציפּ, וועלכן ס'האָבן אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן הן די יידישע, הן די אַראַבישע דענקער: אַז מען קאָן דער גאָטהייט ניט צו־שרייבן קיין שום פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן (אַטריבוטן): „ניט קיין רצון, ניט קיין כוונה, ניט קיין ווילן, ניט קיין מחשבות, וואָס ווערן אויסגע־דריקט דורכן וואָרט, ניט קיין מעשים” [3]. דער באַגריף פון גאָט שליסט אויס דעם באַגריף פון וועלכער ס'איז ענדערונג און שינוי, ווייל גאָט איז דאָך אויסער יעדער גרענעץ, דערפאַר קאָן אים דער מענטשלעכער געדאַנק גאָר ניט משיג זיין, און די „חכמי המחקר” (פילאָזאָפן) זיינען טאַקע גערעכט, וואָס זיי זאָגן, אַז אונזער גאָט־באַגריף קאָן זיין נאָר אויפן נעגאַטיוון אופן, ד"ה, מיר קאָנען נאָר וויסן דאָס, וואָס גאָט איז נ י ט, און ריידן נאָר וועגן די אייגנשאַפטן און אַטריבוטן, וועלכע גאָט באַזיצט נ י ט. שוין דאָ, ביי דעם פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישן וועלטבאַנעם פון דעם אַלטן מקובל עזריאל, באַווייזט זיך דער אייגנאַרטיקער דיאַלעקטישער דענקונגס־שטייגער, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען די גאַנצע נעאָ־

---

[1] צונץ („גאָטעסדיענסטליכע פאָרטר.” 2טע אויפלאַגע, 417) און לאַנדויער („ליטער.-בלאַט ד. אָריענטס”, 1845, 196) האַלטן אַפילו דערוועגן, אַז עזרא און עזריאל זיינען איין און די זעלבע פּערזאָן. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. דער דיכטער משולם דאַפּערא, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, רעדט וועגן צ ו ו י י באַזונדערע מיסטיקער: „עזרא ועזריאל ויתר אוהבי דעות וגו’” (זע „מורת מקום המורה”, 12). אויך אַ בן־דורו, אַ אומ־באַקאַנטער דיכטער, שרייבט אונטער: „ולי עזרא ועזריאל לעזרה” („אוצר נחמד”, II, 85). אויך אַ מיסטיקער אויס דער צווייטער העלפט פונם XIII יאָרהונדערט רעדט וועגן צוויי באַזונדערע בעלי־קבלה: עזרא און עזריאל (זע יעלינעק, „פילאָזאָפיע”, 2). דער קבלה־פאָרשער ג. שלום האָט ניט לאַנג געפונען אין אַן אַלטן מאַנוסקריפּט אַ אינטערעסאַנטע אָנווייזונג, אַז עזריאל איז געווען עזראס איידים (זע „קרית ספר” VI, 26).

[2] געדרוקט צוזאַמען מיט מאיר אבן גבאים „דרך אמונה”, 1850. זע אויך יעלינעק, „ביישטרעגע צור געשיכטע דער קאַבאַלאַ”.

[3] „פירוש עשר ספירות”, 4: „דע כי אין־סוף אין לומר כי יש לו רצון ולא כונה ולא חפץ ולא מחשבה ולא דבור ומעשה”.

פלאַטאָניש געפאַרבטע יידישע מיסטיק. דער גרויסער נייַן און דער גרויסער יאָ, דאָס נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע זיינען ניט קיין צוויי אָפּגעזונדערטע וועלטן, ווייל איינס געבווירט דאָס אַנדערע, ווערט מגולגל אין זיין קעגנזאַץ. ארויסגייענדיק פון דעם דאַזיקן שטאַנדפּונקט, שטעלט עזריאל ארויס דעם טעאָרעטישן פּרינציפּ, וועלכער איז געוואָרן דער יסוד פון דער גאַנצער שפּעטערדיקער קבלה: גאָט, דער אוניווערסאַלער יאָ־זאָגער, דער אורקוואַל פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט, איז דער גרויסער, אומבאַגרייפלעכער און פאַרהוילענער „אַין״, דער גרענעצלאָזער, אומטיילבאַרער און איינהייטלעכער „אין־סוף״, וואָס נעמט אין זיך אַרום דעם גאַנצן קאָסמאָס מיט אַלע באַשעפענישן, און קיין זאַך עקסיסטירט ניט און קאָן ניט עקסיסטירן אויסער אים. דאָ איז עזריאלן אויסגעקומען צו דערקלערן און פאַרענטפערן אַ סך שאַרפע סתירות און קשיאָס, און דאָס אויך אויפן דיאַלעקטישן אופן: ווי פונם „אַין״ ווערט דער „יש״ געבוירן, פונם אומענדלעכן דאָס ענדלעכע און באַגרענעצטע, פון דעם, וואָס אויסער דער צייט — דאָס צייטיקע און ווערנדיקע. וויבאַלד קיין קרעאַטור קאָן ניט עקסיסטירן אויסער דעם „אין־סוף״, ווי קאָן מען עס דערקלערן די אַנטשטייונג פון דער וועלט? וואָרעם, ווען מיר זאָגן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט דאָך אין דעם מאָמענט געמוזט פאָרקומען אַ שינוי אין גאָט און אין זיין ווילן, ווייל ער איז דאָך פון רו איבערגעגאַנגען צו אַרבעט און פון אַ ניט־באַשעפער געוואָרן אַ באַשעפער. אין דעם „אין־סוף״ קאָן דאָך אָבער קיין שום שינוי ניט פאָרקומען. עס איז אויך זייער שווער צו באַגרייפן, אין וואָס פאַר אַ שייכות עס געפינט זיך דער אומענדלעכער „אַין״ מיטן „יש״, מיט דער רעאַלער וועלט. די גאָטהייט, אַלס אייביקע און אומענדלעך עקסיסטירנדיקע קראַפט, איז דאָך די העכסטע מדרגה פון אַבסאָלוט־אומטיילבאַרער איינהייטלעכער רוחניות, ווי אַזוי־זשע קאָן זי זיין דער מקור פון דער מאַטעריעלער וועלט, וואָס באַשטייט דאָך פון אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן? הייגט ווי קאָן מען דערקלערן, וואָס בנוגע גאָט, וואָס אים קען מען ניט משיג זיין און וואָס איז אומענדלעך, ווערן אין די הייליקע ספרים, און אין דער תורה גופא, געבראַוכט אַזוינע ריין מענטשלעכע, גשמיותדיקע אויסדריקן און באַגריפן, ווי: גאָטס האַנט, גאָטס שטימע, גאָטס גרימצאָרן אאַז״וו? אָט די אַלע קשיות און סתירות פּרוּווט עזריאל צו פאַרענטפערן דורך זיין לערע וועגן גאָטס אויסשטראַלונגען (אצילות, עמאַנאַציעס). צווישן דעם אומענדלעכן און ענדלעכן, צווישן דער גאָטהייט און דעם וועלטאַל איז דאָ אַ צווישן־רינג, אַ איבערגאַנגסשטופע — די „ספירות״, אָדער אצילות. זיי זיינען גאָטס אָפּגלאַנץ, און

דאָך ניט גאָט אַליין, און טאָקע זיי און זייער לבוש דאַרף מען עס פאַר־שטיין אונטער די אַלע אויסדריקן, ווו עס ווערט גערעדט אין די הייליקע ספרים וועגן גאָטס אייגנשאַפטן און אַטריבוטן. די פּראָבלעם וועגן „מעשה בראשית", וועגן דער וועלט־באַשאַפונג באַקומט אין עזריאלס סיסטעם גאַנץ אייגנאַרטיקע פאָרמען. ב כ ו ח עקסיסטירט דער גאַנצער וועלטאַל שוין פון אייביק אָן אין דעם שויס פון דעם „אין־סוף", און די „מעשה בראשית" באַשטייט אין דעם, וואָס די וועלט, וועלכע האָט פריער עקסיסטירט בלויז בכוח, איז דורך דעם פרייען געטלעכן ווילן געוואָרן אַ רעאַלע דערשיינונג ב פ ו ע ל. מען קען דאָ ניט ריידן — שטרייכט אונ־טער דער מקובל עזריאל — וועגן וועלט־ב אַ ש אַ פ ו ן; באַשאַפן אַ „יש מאין" — דאָס איז לאָגיש אַן אוממעגלעכע זאַך, ווייל אויסער דעם „אין־סוף" קאָן דאָך גאָרניט עקסיסטירן. וואָס פון דעם זאָל ערשט די וועלט קאָנען באַשאַפן ווערן. עס איז דערפאַר ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז גאָט באַ־שאַפט — נייערט גאָט ש ט ר אַ ל ט אַלץ אויס פון זיך. ווי די זון שטראַלט אויס פון זיך ליכט און וואַרעם און ווערט דורכדעם אויף קיין האָר ניט געמינערט, אַזוי שטראַלט דער „אין־סוף" פון זיך אויס די גרונט־יסודות פון דעם קאָסמאָס — די צען ספירות, און בלייבט אַליין אַבסאָלוט אומ־פאַרענדערט און ניט געמינערט אין זיין קראַפט און מאַכט [1]. די דאָזיקע צען ספירות ווערן אין דעם „פירוש עשר ספירות" איינגעטיילט אין דריי גרופּעס: די ערשטע באַשטייט פון: רום המעלה, חכמה און בינה, דאָס איז די אינטעלעקטועלע וועלט, דער „עולם השכל"; די ווייטערע דריי ספירות: חסד, תפארת, פחד — זיי זיינען די מאָראַליש־גייסטיקע וועלט, דער „עולם הנפש", און די לעצטע פיר: נצח, יסוד עולם, הוד, צדיק — די מאַטעריעלע וועלט, דער „עולם הגוף" [2]. דער צוזאַמענבונד פון אַלע צען ספירות אינאיינעם טראָגט ביי עזריאלן דעם נאָמען „כבוד" (דע כי כל הספירות נקראות כבודו), וועלכער שפּילט, ווי מיר האָבן פריער גע־זען [3], אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע ביי די דייטשע מיסטיקער — יהודה חסיד און אלעזר בעל־„הרוקח". נאָר ניט אין דעם אַליין אַנטפּלעקט זיך די פאַרוואַנדשאַפט צווישן דעם בעל „פירוש עשר ספירות" און די דייטשע מיסטיקער פון זיין דור. ווי יענע שרייבט אויך עזריאל אַ פירוש אויף

---

[1] דעם אונטערשייד צווישן באַשאַפן און אויסשטראַלן שטרייכט עזריאל מערע־מאָל אונטער אין פאָלגנדיקע ווערטער: „כל בריאה שנוטלין כמנה תתמעט ותחסר... כח האצילות שנוטלין ממנו ואיננו חסר".

[2] דאַרטן, 3b.

[3] זע דעם צווייטן באַנד, ז' 99.

די תפילות און גלייך מיט די פאַרפאַסער פונם „ספר חסידים” זוכט ער אין די תפילות כיפע פאַרבאָרגענע סודות. ער איז פול מיט פאַרדראָס אויף די, וואָס פלייסן זיך אַדויסבאַקומען אויף אַ ריין אוטיליטאַר־ראַציאָנאַליסטישן אופן די „טעמי המצוות” און דערנווינען על־פּי־שכל, דעם פּראַקטישן נוצן פון יעדער מצוה באַזונדער. ער, דער טיפּישער מיסטיקער, זעט דאָך אין די מצוות אַ אוניווערסאַל־קאָסמישע דערשיינונג, וועלכע האָט מי יודע וואָס פאַר אַן אַלוועלטלעכן באַטייט. יעדע מצווה איז דאָך משפּיע די געטלעכע אויסשטראַלונג; אַ הייסע, מיט כוונה דערהויבענע תפילה — דאָס איז אַ ליכט־שטראַל, וואָס דערהויבט זיך פון דער נידער גלייך אַנטקעגן דער פון אויבן פליסנדיקער געטלעכער אויסשטראַלונג; זי, די תפילה, איז דער שליח, די פאַרמיטלערין, וואָס פאַרבינדט די מאַטעריעלע וועלט מיט דעם קוואַל פונם לעבן, דעם „אין־סוף”[1].

אין עזריאלס „פירוש עשר ספירות” האָבן מיר געזען, ווי אַזוי די ייִדישע מיסטיקער האָבן געפּרווט פאַרענטפערן די האַרבע סתירה, וואָס דער „אין”, די אַבסאָלוט אומטיילבאַרע און איינהייטלעכע רוחניות, איז דער מקור פון דער מאַטעריעלער, פאַרשיידנאַרטיקער און פילפאַרביקער וועלט. עס האָט אָבער געמוזט פאַרענטפערט ווערן נאָך איין גרויסע סתירה, וואָס זי איז ענג פאַרבונדן מיטן טיפן רעטעניש פון דער וועלט: גאָט איז דאָך כולו טוב, ער איז דער קוואַל פון ליכט, ער איז דאָס „גאַנצע” (כל) פון דער וועלט, אַלץ עקסיסטירט נאָר אין אים, און אויסער אים קאָן קיין שום זאַך ניט עקסיסטירן, — ווי זשע איז צו דערקלערן די מאַכט פון רישעות און שנאה, פון די פינסטערע כוחות, וואָס געוועלטיקן אין דער וועלט? גאָט איז דער גאָט פון גערעכטיקייט — און איינגעטונקט אין בלוט און שמוץ איז די וועלט. דאָס בית־המקדש איז חרוב, אין גלות איז די שכינה, און די מלכות פון רישעות, די מלכות של אדום, רעגירט איבער דער וועלט? אָט די דאָזיקע סתירה, די פּראָבלעם וועגן דעם נעראַנגל צווישן גוטן און שלעכטן אין דער וועלט, האָט געמוזט צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די ייִדישע מיסטיקער, און מיר וועלן טאַקע ווייטער זען, וואָס פאַר אַ בכבודיקן אָרט עס פאַרנעמט אין די קבלה־ספרים די פראַגע וועגן די „קליפות”, דער „סיטרא־אחרא” און דעם „שר” פון אדום. אָבער שוין אַ ייִנגערער בן־דור פון דעם מקובל ר' עזריאל — יצחק בן יעקב הכוהן — האָט זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פראַגע אין אַ ספּעציעלער אָפּהאַנדלונג „מאמר על האצילות

---

1 „צריך אתה לדעת סוד הברכות וחיובם לפי שהברכה היא אצילת תוספות ימשכה מאפיסת המחשבה (אין־סוף) שהוא מקור חיים”.

השמאלית" 1. יצחק הכוהן, א געבוירענער ספרדי, וואָס האָט געלעבט א לענגערע צייט אין דער פּראָוואַנס, ווייזט קודם־כל אָן, אַז די דעות, וואָס ער גיט איבער אין זיין אָפּהאַנדלונג, האָט ער צו פאַרדאַנקען איינ־ קע „וסגים אשר במלכות אלמאניה", דאָן אַ קבלה-ווערק פון יהודה חסיד אויס רעגענסבורג, און דער עיקר אַ „קונדרים", מיט וועלכן די חכמי הקבלה האָבן זיך באַקאַנט אין דער פּראָוואַנסאַלער שטאָט ארל. דעם דאָ־ זיקן „קונדרים", דערציילט ווייטער יצחק הכוהן, האָט געבראַכט פון ארץ־ישראל אַ „חכם גדול וחסיד" אויס דמשק. מען מוז דערביי געדענקען, אַז גראָד אין פאַדער־אַזיע, פון וואַנען עס שטאַמט די הויפּט-קוועלע, מיט וועלכער דער בעל „מאמר על האצילות השמאלית" האָט זיך באַנוצט, האָט באַזונדערס רייך זיך אַנטוויקלט די לערע וועגן מאַגיע און דעמאָנאָלאָגיע; אויך האָט דאָרט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג די פּאַרסיסטישע דואַליס־ טישע לערע וועגן צוויי „רשויות", וועגן דעם ליכטיקן מלכות פון גוטס און פינסטערן מלכות פון שלעכטס. דערציילט אונז יצחק הכוהן אין זיין אָפּהאַנדלונג, אַז קעגן די צען „הייליקע ספירות" זיינען אויך פאַראַן צען „לינקע ספירות" (אצילות שמאליות), די צען כיתות פון קריג און רישעות (עשר כתות התגרה). די ערשטע דריי כיתות — „לא היתה להם קיום, ונימוחו מן העולם", זיי האָבן קיין קיום ניט געהאַט און אויסגעמעקט זיינען זיי געוואָרן פון דער וועלט; און אָט וועגן זיי, דערקלערט יצחק הכוהן, דערציילט עס די אַלטע אגדה, אַז הקב"ה „היה בונה עולמים ומחריבן". די איבערגעבליבענע זיבן „כיתות המקטרגין", מיט אַלע זייערע חיילות, זיי פירן עס אַ שטענדיקע מלחמה מיט די מלאכים פון ליכט און הייליקייט, דאָס איז די ממשלה פון סמאל, דעם „גרויסן שלאַנג", און אונטער סמאלס דגל געפינט זיך דער „שר" של עשו, וואָס פירט אַ שטענ־ דיקע מלחמה מיט יעקבן. יצחק הכוהן האַלט פאַר נייטיק מערערע מאָל אַנצוווייזן, אַז אויך סמאל מיט אַלע זיינע חיילות און „צבאות מקטרגים" שטאַמען אויך פון דעם איינציקן מקור — פונם מקור שכולו טוב, וואָרעם קיין אַנדער מקור איז ניט פאַראַנען. אמת, יצחק הכוהן ווייזט אָן, אַז די „כיתות המקטרגין" שטאַמען ניט דירעקט אויס דער דריטער עמאַנאַציע, אויס דער „אצילת התשובה", ווייל צווישן זיי איז פאַראַן אַ מחיצה, אַ „מסך מבדיל", דאָס איז די קראַפט, וואָס שטראָמט אַרויס פון דער דריטער אצילה און טראָגט דעם נאָמען „מסוכיאל". דאָך מוז יצחק בן יעקב סוף־כל־סוף קומען צום אויספיר, אַז דער „מסך מבדיל"

---

1 צום ערשטן פאַרעפנטלעכט דורך דעם קבלה-פאָרשער ג. שלום אין „מדעי היהדות", II, 244—264.

קאָן ניט ענדערן די לאַגע, און מען מוז דאָך מודה זיין, אַז אויך די מלכות פון רישעות שטאַמט פון דעם מקור הטוב [1]. די שפּעטערדיקע מקובלים, ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָבן געפּרוווט אויף אַ דיאַלעקטישן אופן פאַרענטפערן די דאָזיקע סתירה, יצחק בן יעקב לאָזט זיך אָבער נים אריין אין קיין שום חקירות, ער דערקלערט אָפן: „ואם אחר הטוב ההוא יצר רע ממנו — אין דעתנו משגת עומק הסוד הזה הנעלם כי חתום הוא" — מיר פאַרשטייען ניט דעם דאָזיקן טיפן, פאַרבאָרגענעם סוד; און ער גיט אויך דעם לעזער די פרומע עצה: „שתוק ואל תהרהר, במופלא ממך אל תדרוש ובמכוסה ממך אל תחקור" (דאַרטן, 259—260).

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס גראַד אין יענער צייט לאָזט זיך הערן אויס דעם מיסטיקער-קרייז אַ שאַרף פּראָטעסטירנדיקע שטים קעגן די „פילאָזאָפירנדיקע", וואָס זיינען שטאָלץ מיט זייער מענטשלעכן שכל און מיינען, אַז דער שכל איז דער איינציקער זיכערער וועגווייזער אויך אין אמונה־ענינים. „פאַר אונזערע גרויסע זינד — קלאָגט זיך עזריאלס אַ בן-דוד, וואָס שטאַמט טאַקע פון עזריאלס געבורט־שטאָט, יעקב בר ששת, אין זיין מאמר „שער השמים", וועלכן ער האָט פאַרפאַסט אין 1246 [2] — האָבן זיך ביי אונז יידן באַוויזן פּורצי גדר, וואָס שפּינען פאַלשקייט אין זייערע הערצער, און דעם אמת טוען זיי פאַרוואַרפן. זיי פעלשן אונזער תורה און לעסטערן גאָט. זיי טראַכטן אויס, אַז אונזערע הייליקע מצוות באַצוועקן בלויז פּשוטע פּראַקטישע צילן: אַ טייל פון זיי זיינען היגיעניש כללים צו פאַרהיטן דאָס געזונט, אַן אַנדערער טייל רעגולירט דאָס געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע לעבן, אַנדערע ווייטער — דאָס פּאָליטישע און דעם סדר פון דער מדינה אאַז"וו. דעם גאָט פון יעקבן האָבן זיי גע-גליכן צו די פרעמדע געטער, פאַרבלאָנדזשעט האָבן זיי אין די קרומע וועגן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע; אַלץ ווילן זיי דערפאָרשן מיט לאָ-גישע סברות, און זיי בלייבן טאַפּן אין דער פינסטער, ווערן וואָס מער פאַרבלאָנדזשעט, און זיינען ניט בכוח פאַרויס צו קומען. דעם לעבעדיקן קוואַל האָבן זיי פאַרלאָזן, דעם עול פון תורה אָפּגעוואָרפן, יעדער באַ-זונדער פאַרלאָזט זיך אויף זיין פאַרשטאַנד... מיט חוצפה דערקלערן זיי, אַז די וועלט איז אַ קדמון און ווען משה רבנו האָט געשריבן: „בראשית

---

[1] דאָרטן, 259: „ואע"פ שאין לו חלק ונחלה בעולם שכולו טוב, אין תחלת אצילותו מאצילות רע, וזהו מה שאמרנו בתחלת דברינו שאינו בוחר זולתי בטוב".

[2] דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטלעכט אין „אוצר נחמד" III, 153—165. דער „שער השמים" איז געשריבן אין נעגראָפּאָנטער פּראָוונץ; די דאַטע איז אָנגעוויזן אין פאָלגנדיקער פּראָזע: „ובבר עברו אלף קע"ח שנה לגלותי" (דאָרטן, 163)

בראֿ", האָט ער דערמיט בלויז געוואָלט אָפּנאַרן דעם המון. זיי דערקלערן, אַז גאָטס השגחה געוועלטיקט ניט אויף דער ערד, איבער דעם מענטשנס לעבן, אַז די צדיקים באַקומען ניט קיין שכר און די רשעים קיין עונש, ראָם האָבן אַלע די ראשים פון פאָלק אויסגעטראַכט (והיו מאשרי העם הזה מתעים); מען דאַרף בלויז שאַרפן דעם שכל, ווייל בלויז דער געדאַנק איז אומשטאַרבלעך, בלויז ער בלייבט נאָך דעם מענטשנס טויט"[1]. מיט גרויס כעס רעדט אויך יעקב בר ששת וועגן דעם ראַציאָנאַליסטישן קוק אויף דעם באַטייט פון תפילות און געבעטן. ווי אַלע אַנדערע מיסטיקער, אַזוי זעט אויך יעקב בר ששת אין דער תפילה די טיפסטע מיסטעריע. דערביי זאָגט ער אויך אַרויס אַ געדאַנק, וואָס באַווייזט דעם פיינעם חוש פון דעם דאָזיקן מיסטיקער, וועלכער האָט שוין אין יענער צייט פאַר־שטאַנען געהעריק אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, און זיך רעכענען מיט איר ווי מיט אַ פאַקטאָר פון גרויסער מאָראַלישער באַדייטונג. „איך וואָלט — שרייבט ער — זייער הויך געשעצט די תפילית אויך דאַן, ווען זיי זאָלן זיין בלויז אַ הסכם־זאַך, וואָס איז צו אונז איבערגעגאַנגען אַלס מסורה פון אונזערע אָבות. וואָרעם די מסורת־אָבות, דאָס, וואָס ס'איז געוואָרן אָנגענומען דורכן ווילן און הסכם פון דעם גאַנצן קיבוץ — אין דעם שטעקט די באַדייטנדיקע מאָראַלישע קראַפט פון יעדער אומה. און דער יחיד, וואָס איז מורד אין דער מסורה פונם קיבוץ, וואָס זונדערט זיך אָפּ פון דעם לעבנסשטייגער פון פאָלק און וואַרפט אָפּ פון זיך די טראַדיציעס, וועלכע ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך מיט זיין מוטערס מילך — דער מאַכט חרוב מיט אייגענע הענט זיין גייסטיקע וועלט"[2].

יעקב בר ששת קאָן ניט מוחל זיין די ראַציאָנאַליסטן, וואָס מיינען, אַז דער גאַנצער באַטייט פון די תפילות באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס זיי רייניקן דעם מענטשנס געדאַנק און דערוועקן אין זיכרון גאָטס נאָ־מען. זיי האַלטן דערפאַר פאַר אַ גרויס נאַרישקייט און חילול־השם דאָס דאַווענען אויף אַ קול. נאָר דערמיט, זאָגן זיי, וואָס דער המון איז אַזוי פינ־סטער און פאַרגרעבט, איז צו דערקלערן, וואָס אָרעמע און נויטבאַדערפ־טיקע מענטשן שטייען אויף ביינאַכט פון שלאָף און מיט געוויין און מיט טרערן טוען זיי מתפלל זיין פאַר גאָט. ווי אַזוי, טענהן זיי, קאָן מען

---

1 דאָרטן, 163—164.

2 „אוצר נחמד", III, 165: „ואל תהיה תפלה רק הסכמה מקובלת לבעליה, לקרתי ואקרב אליה, הלא ההסכמה תתן כח לכל אומה ואומה ולאין אונים עצמה, וכל המורש מתקנה מקובלת בעמו, משא אשר יסרתו אמו ידחה שבלי בשתי ידים, כי עשה יעשה לו כנפים".

עס זיך ווענדן צו דעם, וואָס איז פאַר אונז פאַרבאָרגן און אומבאַגרייפלעך — מיט געשרייען און געבעט: ענטפער אונז! שטיי אויף און גיב אונז הילף! וואָס פאַר אַ זין האָט אונזער איבערחזרן: „ברוך אתה", געבענטשט זיי דו, גאָט? צי נייטיקט ער זיך אין אונזערע ברכות?[1].

אונזער פּראָפעסער האַלט אַזאַ פאַרהאַלטן זיך צו די תפילות פאַר דער גרעסטער זינד. „ווער עס לייענט אין די הייליקע תפילות,—רופט אויס יעקב בר ששת, — דעמס נאָמען וועט אויסגעמעקט ווערן אויס דעם געדעכעניש פונם פאָלק; ווער עס אָנערקענט בלויז דעם שכל, דער דערקלערט דעם קריג ניט אונז, נאָר משה רבנו און אַלע שפּעטערדיקע נביאים, פאַר וועלכע גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט; דער האַלט מלחמה מיט די חכמי המשנה, מיט די בעלי התלמוד און מיט אַלע אונזערע גרויסע און אויסדערוויילטע"[2].

און ער רופט אויס מיט התלהבות: „ווי איז צו זיי, מיט די האַרטע הערצער און אומריינע געדאַנקען, וואָס בלאָנדזשען איבער קרומע וועגן און גראַבלען אין דער פינסטער! ווי איז צו זיי, וואָס גייען נאָך פרעמדע געלערנטע פון פרעמדע פעלקער, לאָזן זיך פאַרפירן אין זייערע פאַלשע דרכים, און די זיכערע וועגן פון דער הייליקער תורה טוען זיי [illegible] לאָזן!"[3].

---

1 דאָרטן, 164.

2 דאָרטן, 165.

3 אין דעם טעאָרעטישן טייל פון דעם „שער השמים" פילט זיך קודם כל די השפּעה פון דעם „ספר יצירה" און פון שלמה גבירולס לערע וועגן גאָטס ווילן. בעת ביי די אַנדערע בעלי-קבלה פון יענער צייט טראָגט די ערשטע געטלעכע אצילה (עמאַנאַציע, אויסשטראַלונג) פאַרשיידענע נעמען (אין מסכת אצילות" — כתר, אין „ספר הבהיר" — כתר עליון, אין „פירוש עשר ספירות" — רום מעלה), הייסט זי ביי יעקב בר ששת גלייך ווי ביי גבירולן — רצון. עס איז אויך מעגלעך, אַז ס'פילט זיך דאָ די השפּעה פון יעקב בר ששתס בן-דור — יצחק אבן לאַטיף, וואָס אויך ביי אים טראָגט די ערשטע אצילה דעם נאָמען „חפץ" (זע „צורת העולם", 16: „וכזוי כבודו ומגוגה נגדו השפיע החפץ הקדמון, ר"ל חפץ הבורא י"ת הנברא הראשון והוא השר הגדול הרם והנשא על כל נברא העולם").

צווייטער קאפיטל.

די גּעראָנער קאַבאַליסטישע שול. — משה בן נחמן אַלס תּלמודיסט. — דער רמב״ן און דער רמב״ם. — דעם רמב״נס אָפּטימיזם; די וועלט אַלס לויטער נס. — דער רמב״ן אַלס פּייטן, בעל־קבלה און ביבל־דערקלערער. — דעם רמב״נס וויכּוח מיט פּאַבלו כריסטיאַני; דעם רמב״נס נסיעה קיין ארץ־ישראל. — אברהם אַבולעפיה אַלס פערזענלעכקייט און אַלס „זוכער". דער „סוד האותיות"; דער פאַרבייט פונם נאָמען מיט דער זאַך גופא, דאָס צונויפמישן פון ז י י ן און ד ע נ ק ע ן. אַבולעפיהס חלומות וועגן ביאת משיח; זיינע תּלמידים. — יוסף גיקאַטילאַ. אַבולעפיהס פּראָפּאַגאַנדע אין רוים; זיינע „נביאישע" ביכער און זייער סטיל. טינט און בלוט. דער מיסטיקער קעגן די רבנים. די אַנטפּלעקונג פונם „זוהר".

אוים דער זעלבער געראָנער שול, צו וועלכער עס האָבן געהערט די פּראָפעסער פון „פירוש עשר ספירות" און „שער השמים", שטאַמט אויך דער באַרימטער מאַן, וואָס האָט מיט זיין גרויסן שם און אויטאָריטעט באַזונדערס מיטגעהאָלפן, אַז די „תורת הנסתר" — די מיסטישע אידעען זאָלן אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטע יידישע קרייזן אין שפּאַניע און פּראָוואַנס. דאָס איז — רבנו משה בן נחמן, דער רמב״ן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקאַנט ביים ערשטן קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן דעם רמב״ם און זיינע ווערק [1].

דער רמב״ן איז געבוירן אין געראָנע אין 1194. אַ מענטש מיט אַן איידעלער און טיף־גלויביקער נשמה, באַגאַבט מיט גלענצנדיקע פעיִקייטן, האָט ער שוין אין די יונגע יאָרן זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען מיט זיינע פאָרשונגען אויפן תלמודישן געביט. אַדאַנק זיין חריפישן מוח און גלענצנדיקער דיאַלעקטיק, האָט ער גלייך פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ צווישן די ערשטקלאַסישע בעלי תוספות. אין די דאָזיקע יוגנט־אַרבעטן

---

[1] איינינקע פאָרשער רעכענען, אַז דער רמב״ן איז איין פּערזאָן מיט דעם יידישן געלערנטן, וואָס פיגורירט אין קריסטלעכע דאָקומענטן אונטער דעם נאָמען .Bonastruc de Porta

באַמערקן זיך שוין גאַנץ בולט דעם רמב"נס ריין קאָנסערוואַטיווע טענדענצן. ער האָט גרויס דרך-ארץ פאַר די „ראשונים", די פריערדיקע אויטאָריטעטן, ער קאָן זיך ניט אָפּלויבן פון זייער חכמה, און יעדער וואָרט זייערס איז ביי אים הייליק. „ווער ס'לערנט — זאָגט ער — תורה ביי די „אַלטע", דער איז געגליכן צו דעם, וואָס טרינקט אַלטן וויין („המלמד מן הזקנים דומה לשותה יין ישן"). עס איז דערפאַר כלל ניט קיין צופאַל, וואָס טאַקע אין זיין ערשט באַדייטנדיק ווערק „מלחמות" האַלט דער רמב"ן מלחמה פאַר דעם „אַלטן" אַלפס און פאַרטיידיקט אים קעגן די שאַרפע קריטישע הערות פון זרחיה הלוי, דעם בעל „המאור". בלויז דאַן, ווען ער זעט אויף קלאָר, אַז ווער פון די „ראשונים" האָט טאַקע אַ טעות געהאַט, זאָגט ער עס אָפּן אַרויס, פאַרענטפערנדיק זיך דערביי: „איך וויל דאָך ניט געגליכן ווערן צו אַ מאַלפע, וואָס טראָגט זיך אַרום מיטן ספר אין האַנט".

אַליין אַן אַרצט פון פּראָפעסיע, איז דער רמב"ן געווען אויך באַקאַנט מיט די נאַטור־וויסנשאַפטן און מיט דער פילאָזאָפיע פון יענער צייט, דאָך זיינען הלל פון ווערָאָנע און זרחיה חן [1] ניט אומגערעכט געווען, ווען זיי האָבן דערקלערט, אַז דער רמב"ן איז ניט קיין גרויסער בקי אין ריין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אַ מענטש מיט אַ טיף גלויביקער נאַטור און מיסטישער התלהבות, זיינען פאַר אים פרעמד געווען די קאַלטע, ריין לאָגישע הנחות און סברות פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע. אין זיין „שער הגמול" [2] רעדט ער מיט איראָניע וועגן די „חכמי המחקר", וואָס האָבן די העזה צו ריידן מיט אַזאַ ברייטקייט וועגן גאָטס ווונדערלעכע מעשים און זיך קריטיש פאַרהאַלטן צו דעם, וואָס מיר האָבן בקבלה פון אונזערע הייליקע אָבות — בעת דער בוי פון זייער אייגענעם קערפּער איז פאַר זיי אַ פאַרשלאָסענער סוד און בלייבט אומאויסגעפאָרשט, שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם מענטשנס נשמה [8]. ביי זיין גרויסן רעספּעקט צום באַרימטן פאַרפאַסער פון דער „משנה תורה" האָט דער רמב"ן אים דאָך ניט געקענט מוחל זיין זיינע ראַציאָנאַליסטישע אידעען, וואָס טרעטן אַזוי בולט אַרויס פון דעם „מורה נבוכים". דער

1 זע צווייטן באַנד ז' 265.

2 דער לעצטער קאַפּיטל פון זיין „תורת האדם", חוץ עס ווערן געגעבן אַלע דינים און מנהגים, ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין מיט אַ בר-מינן.

8 „וכבר יצאנו לענין איסר בחקירה הזאת מפני המתגאים על יוצרם להתחכם בתוכן מעשיו וסודות יצירותיו הנפלאים והם לא ידעו בנין גופם בכל מחקריהם אף כי נפשם; ומדוע יתפארו על קבלתנו... ואנחנו על קבלה אמתית מאבית הקדושים שלא השפיקו בילדי נכרים" (מיר ציטירן נאָך דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע 1518).

רמב"ם האט ניט וויניק מי געפטרט, בכדי צו דערקלערן על־פי שכל די ניסים, וועגן וועלכע די תורה דערציילט. ביי דעם רמב"ן אבער איז דאס ווונדערבארע געווען די געוויינלעכסטע זאך, פאר אים איז די גאנצע וועלט — איין גרויס ווונדער, א ווונדערבארע אנטפלעקונג פון גאטס אומבאגרענעצטער מאכט. „ווער עס גלויבט ניט — זאגט דער רמב"ן — אז אין געוויסע מאמענטן פון אונזער לעבן רעגירט דאס ווונדער איבער אונזערע מעשים, ווער עס וויל ניט באגרייפן, אז ניט אלץ קאן מען דערקלערן על־פי דרך הטבע און ניט איבער אלץ געוועלטיקן די מעכאנישע געזעצן פון דער נאטור — דער דארף זיך ניט באטייליקן אינם לערנען די תורה, וואס משה רבנו האט אונז געגעבן".

רבנו משה בן מיימון און רבנו משה בן נחמן — דאס זיינען צוויי פארשיידענע וועלטן. דער רמב"ם פלייסט זיך צו באווייזן, אז די יידישע אמונה איז קודם־כל דער אפגלאנץ פון געטלעכער חכמה, און איז געבויט אויף די פעסטע יסודות פון לאגיק און שכל. אלע דאגמען און הנחות פון דעם יידישן דת קאן מען דערפאר דערקלערן על־פי דרך השכל און אין דעם טאקע ליגט, נאך דעם רמב"מס באגריף, די גרויסקייט און שטארקייט פון דער יהדות. ביי משה בן נחמן אבער איז די יידישע אמונה קודם־כל א ווונדערבארע אנטפלעקונג, אן אנטפלעקונג פון דעם טיפן געטלעכן סוד, וועלכן דעם מענטשנס שכל איז ניט אימשטאנד משיג צו זיין, נאר עס בענקט און לעכצט צו אים דעם מענטשנס נשמה אין התלהבות־דיקער אנציקונג. דורכגעדרונגען מיט דעם פעסטן גלויבן אין דעם באשעפערס בארעמהארציקייט און אין דער אומענדלעכער פראכט פון זיינע ווונדער, האט בן נחמן מיט אנטציקטע אויגן פון א תמימותדיק קינד פארחידושט באטראכט די ארומיקע וועלט, וווּ אלץ איז אזוי ווונדער־שיין, אלץ טראגט דעם שטעמפל פון גאטס לייטזעליקייט און גאטס אומבאשרייבלעכער חכמה...

בעת דער רוב קריסטלעכע מיסטיקער פון יענער צייט האבן מיט ביטול און פאראכטונג געקוקט אויף דעם זינדיקן עולם־הזה און געגאנגען אויף דעם וועג פון אסקעזע און התבודדות, זיינען ביי בן־נחמנען געווען טייער און ליב אלע אנטפלעקונגען פון דעם ארומיקן לעבן. ווארעם אויך אין דער ערדישער וועלט, אין יעדן צאפל און ציטער פונם לעבן האט דער מיסטיקער אויס געראנע געזען דעם פארבארגענעם סוד פון געטלעכער אומדערגרינדעטער חכמה...

זייער כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דעם רמב"נס קליין ווערק „אגרת הקדש", ווו עס ווערט באהאנדלט די פראגע, וועגן דעם גע-

שלעכטלעבן פאַרקער צווישן מאַן און פרוי [1]. דער ראַציאָנאַליסט מיימוני, וואָס האָט געהאַלטן פאַר ווערט און וויכטיק נאָר די ריין גייסטיקע דערשיינונגען, וועלכע טראָגן דעם שטעמפּל פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד — האָט מיט גרויס ביטול געקוקט אויף דער קערפּערלעכער זייט פון דעם מענטשנס לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט ליידנשאַפטן און גלוסטונגען. אין דעם מענטשנס תאוות און ליידנשאַפטלעכע באַגערן זעט מיימוני דאָס שענדלעכע און גראָב־חיהשע, וואָס דערנידעריקט דעם מענטשן צו דער מדרגה פון אַ פּשוטער חיה און איז דער געפערלעכסטער אבן־נגף אויפן וועג פון פאַרפולקומונג און שלימות. אַט סעגן דעם שטאַנדפּונקט טרעט זייער שאַרף אַרויס דער רמב״ן אין זיין „אגרת הקדש״. „דער בעל „המורה״ — דערקלערט משה בן נחמן — לאָזט זיך פאַרפירן דורך אַריסטון און מיינט גלייך מיט אים, אַז אין דעם געשלעכטלעבן פאַרקער שטעקט עפּעס שענדלעכס. דער גריך האָט אַ גרויסן טעות געהאַט״ [2]. דאָרט, ווו דער מעטאַפיזיקער מיימוני האָט געזען בלויז דאָס נידעריק־חיהשע, האָט דער דיאַלעקטיש דענקענדיקער רמב״ן געזען דעם הייליקן גלאַנץ פון שעפערישער קראַפט, דעם טיפן סוד פון אומשטאַרבלעכן לעבן... טיף דורכגעדרונגען מיטן פעסטן גלויבן אין דער אומענדלעכער חכמה אין דעם גנאָד פון גאָטס באַשאַפונג, האָט בן נחמן אויך אין די מענטשלעכע געשלעכטלעכע אינסטינקטן, אין דעם סעקסועלן לעבן, ניט געקאָנט זען עפּעס שענדלעכס און אומווערדיקס. מען דאַרף ניט — זאָגט ער — אין ליידנשאַפטן און אינסטינקטן זען לויטער זינד און שלעכטס, ווייל אויך די תאוות, וואָס ליגן אין דער נאַטור פונם מענטשן, זיינען דאָך ענג פאַרבונדן מיט דעם גרויסן געטלעכן ציל. און דאָס, וואָס ס׳איז אָנגעצייכנט דורך דער געטלעכער השגחה — דאָס קאָן ניט זיין שענדלעך און שמוציק.

פאַר איה, דעם באַגייסטערטן תורה־דערקלערער, ווו דאָס פאַמיליען־לעבן שפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע, האָט דער זיווג־געלעגער ניט געטראָגן דעם פלעק פון זינד און שאַנד — ער האָט עס איינגעהילט אין דעם זעלבן מאַנטל פון הייליקייט, ווי די ריין גייסטיקע ערשיינונגען פונם לעבן. דאָס סעקסועלע לעבן פון מאַן און ווייב איז ביי דעם רמב״ן אַ היי־

---

[1] „אגרת הקדש ששלח הרב הגדול... הרמב״ן ז״ל לא׳ החברים בענין חבור האדם אל אשתו כדי לזכות לבנים הגונים״. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער אַלטער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע.

[2] דאָרטן, קאַפּ׳ 2: „שאין הדבר כמו שחשב הרב המורה ז״ל בסורה הנבוכים בהיותו משבח לארסטו על מה שאמר כי חוש המשוש הוא חרפת לנו. חלילה, אין הדבר כמו שאמר היוני״.

ליקע מיסטעריע. „איבער דעם געלעגער פון מאַן און ווייב — זאָגט בן נחמן — שוועבט די הייליקע שכינה". אין דעם געשלעכטלעכן פאַרקער, אין דער ווילן־דערקלערונג ניי לעבן צו שאַפן און אומדערמידלעך דעם מענטשלעכן שטאַם באַנייען — ליגט, לויט דעם רמב״נס איבערצייגונג, דער וווּנדערבאַרער סוד, וואָס אַנטפּלעקט גאָטס גלאַנץ און גרויסקייט [1].

עס איז לייכט באַגרייפלעך, אַז אַזאַ געפילס־מענטש ווי דער רמב״ן האָט זיך געמוזט פאַראינטערעסירן מיט דער „חכמת הנסתר" [2], מיט וועלכער ס'האָבן אים באַקאַנט זיינע לערער יהודה בן יקר און דער פאַרפאַסער פון „פירוש עשר ספירות" [3]. עס איז אויך אויסער ספק, אַז דער רמב״ן איז געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון די דייטשע מיסטיקער. אלעזר דעם בעל „הרוקח" ציטירט ער זיין באַקאַנטן אָפענעם בריוו צו די פראַנצויזישע רבנים, און עס איז אַפילו פאַראַן אַ פאָלקס־לעגענדע, ווי אַזוי דער בעל „הרוקח" איז מיט דער הילף פון „צירופי אותיות" אויף אַ וואָלקן אַריבערגעפלויגן קיין שפּאַניע, בכדי צו באַקענען דעם רמב״ן מיט די סודות פון דער קבלה [4].

---

1 דאָרטן: „החיבור הוא קדוש ונקי... וכל אדם שיאמר כי בחיבור יש גנאי וכיעור חלילה וחס... השי״ת ברא הכל כפי שגזרה חכמתו ולא ברא דבר שיהי בו גנאי ולא כיעור... כשיהי החבור לשם שמים אין טהיר ונקי למעלה ממנו... בזמן שהאדם מתחבר לאשתו בקדושה ובטהרה שכינה ביניהם". אַ באַדייטנדיקער טייל פונם „אגרת הקידוש" (קאַפּ' 3—6) זיינען כמעט ווערטערלעך אויסגענוצט אין דעם באַקאַנטן מוסר־ספר „מנורת המאור" (סימ' 181—186).

2 וועגן דעם רמב״נס פירוש אויף „ספר יצירה" זע ג. שלום'ס אַרבעט אין „קרית ספר", VI, 385—400.

3 אין דער לענינגראַדער ביבליאָטעק פון „אָפּע" געפינט זיך אין מאַנוסקריפּט אַ ביאור צום רמב״נס פירוש אויף תורה. דער נאָמען פונם פאַרפאַסער איז ניט אָנגע־וויזן; אין דעם לויט אונזער מאַנוסקריפּט אין וואַרשע פאַרעפנטלעכטע אויסגאַבע (1875) איז אָנגעמערקט, אַז דער דאָזיקער ביאור „מיוחס להרב ר' מאיר בר' שלמה אבוסאולה תלמיד הרשב״א" (זע „קהלת משה", נומ' 1181); דער קבלה־פאָרשער, ג. שלום האָט אָבער דערוויזן, אַז דעם פירוש האָט פאַרפאַסט דעם רשב״אס תלמיד יהושע ן' שועיב (זע „קרית ספר", V, 117, 293, און אויך פריוואַטע בריוולעכע מיטטיילונגען). און אַט דער פאַרפאַסער ווייזט אָן אין זיין ביאור, אַז אויף דעם רמב״נס מיסטישע אָנשויונגען האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה אַ מקובל מיט דעם נאָמען בן־בלימה (?) צ״ב דף צ״ח: „כוונת הרב ז״ל ושמעתי כי כן קבל מהחכם המקובל בן־בלימה"; דאָרטן דף ק״י: „שמעתי כי זה פרק הרב ז״ל באחד בק״ש כמו שקבל מבן־בלימה ז״ל".

4 זע „מדעי היהדות", II, 1927, 254; שטיינשניידער־מאַלטער „ספרות ישראל", 155. אויפן סמך פון דער דאָזיקער לעגענדע ווערט אין „קורי הדורות" און אין אַנ־דערע קוועלן אָנגעוויזן, אַז דער רמב״ן האָט געלערנט קבלה ביי אלעזר דעם בעל „הרוקח" (זע אויך יוסף סמברי ביי נייבויערן אין „סדר הכמים", I, 125). די פאָלקס־לעגענדע איז ווייטער קאָלאָריסטיש איבערגעגעבן אין „מעשה נסים", נומ' 7.

ווי יצחק סגי־נהור, אַזוי האָט אויך דער רמב״ן פיל זיך אָפּגעגעבן מיט דער לערע פון „גילגול הנפש״, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ באַדייטנ־דיקע ראָלע אין דער שפּעטערדיקער קבלה. מיר האָבן שוין אינם ערשטן באַנד פון אונזער ווערק, ריידנדיק וועגן דעם רמב״ם און יהודה הלוי, אָנגעוויזן, ווי אַזוי די דאָזיקע צוויי גרויסע מענער מיט זייערע דיאַמעט־ראַל פאַרשיידענע וועלט־אָנשויונגען פאַרהאַלטן זיך צו דער פּראָבלעם וועגן דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און איר אַנטוויקלונג [1]. יהודה הלוי זעט אין דער מסורת אָבות, אין דער טראַדיציע פון די פריערדיקע דורות די גרויסע באַפעלנדיקע קראַפט, וואָס געוועלטיקט איבער דעם מאָראַלישן באַוווסטזיין פונם יחיד, און גילט אַלס פעסטער ריכטשנור פון זיין גאַנצן טאָן און האַנדלען. די גרויסע נאַציאָנאַלע, רעליגיעז־קול־טורעלע כוחות, וואָס זאַמלען זיך אָן און לעבן אין דעם לבוש פון מסורה (טראַדיציע) אין משך פון אַ לאַנגער דורות־קייט, ווערט נאָך הלוים וועלטאָנשויונג געהייליקט צום „קאַטעגאָרישן באַפעל״ אינם האַרצן און אינם איניקסטן באַוווסטזיין פונם יחיד, לייזט אים אויס פון ספקות און גיט אים די פעסטע זיכערקייט, אַז אַזוי מוז עס זיין, אַזוי דאַרף געטאָן און געהאַנדלט ווערן און ניט אַנדערש. פון די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַלס ירושה פון די אָבות, שעפּט, לויט הלוים איבערצייגונג, דער יחיד זיינע מאָראַלישע און גייסטיקע כוחות. דער רמב״ם אָבער זעט די העכסטע מדרגה פון דעם מענטשנס גייסטיקער שלימות אין דעם פאָרשער־געדאַנק; און דער טרעגער פונם געדאַנק איז ניט דער קיבוץ, נאָר דער יחיד. ניט די ירושה און די מסורה פון פאַרגאַנגענע דורות, נאָר דער שטאָלצער פרייער געדאַנק פונם אויסדערוויילטן יחיד, וואָס שטייט הויך איבער דעם המון, דאָס דענקען און אומדערמידלעכע פאָרשן — אָט וואָס עס דערהויבט די מענטש־לעכע פּערזענלעכקייט צו דער העכסטער מדרגה און באַשענקט זי מיט אומשטאַרבלעכקייט. די פּראָבלעם וועגן השארת הנפש, וועגן דעם מענטשנס אומשטאַרבלעכקייט, טיילט דער ראַציאָנאַליסט פון מיימונים חדר אינגאַנצן אָפּ פון דעם קאָלעקטיוו. די זכיה פון אומשטאַרבלעכקייט האָט נאָר דער יחיד, וועלכער איז אימשטאַנד זיך צו פאַרטיפן אין פי־לאָזאָפישע פּראָבלעמען און וועמעס שאַרפער פאָרשער־געדאַנק דערגרייכט צו די הייכן פונם „שכל הפועל״. גאָר אַנדערש פאַרהאַלט זיך דער מיס־טיקער צו דער פּראָבלעם פון „השארת הנפש״. דער סוד פונם מענטשנס גייסטיקן לעבן, פון דעם מענטשנס נשמה, האָט מיט זיין גאַנצן כישוף

---

1 דאָרט, ז׳ 214.

נעצווינגן צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון די עלטערע מיסטיקער, וואס האבן נאך געלעבט פאר דעם רמב״ן. אלעזר דער בעל „הרוקח״ האט גע־שריבן א ספעציעל ווערק „חכמת הנפש״ [1]. זיין בן־דור און גוטער באַ־קאנטער, דער דיכטער (החזן) שמואל בן קלונימוס, פירט מיט אים א בריוולעכע קארעספאנדענץ אלץ מכוח דעמזעלבן טעם, און אין א שיין געדיכט גיט ער איבער דאס טיפע בענקען פון דער נשמה נאך דעם מיס־טיש־פארבארגענעם און דעם איבערערדישן. „עלי ערש יצועי בתנומה״, פאנגט אן דאס ליד, „אויפן געלעגער אין טיפן דרעמל, פארלאזט דעם גוף די נשמה; ווי א לייכטע טויב פליט זי אין די הימלען — פארנעמט אין הייליקער שטילקייט די פארבארגנסטע סודות. זי וויל מער נים פארלאזן די הימלישע הייכן — נאר שטרענג איז דער באפעל, און זי קערט צוריק אין איר פינסטערער תפיסה. זי דערוואכט פון איר שלאף — נאר דעם הימלישן חלום קאן זי מער נים פארגעסן!״ [2]. „מיין נשמה — דערקלערט אן אנדער מיסטיקער פון יענער צייט, ישעיהו בר׳ יוסף [3], אין איינעם פון זיינע לידער — טוט ווי א אינדין צום קוואל גלוסטן און שטרעבן צו דעם גאט אין די הימלען. אך, ווען וועט זי ווי א פויגל פליען צו איר באשעפער אין זיינע הימלישע הייליקטימער. זי דארשט און לעכצט אין דעם אייביקן ליכט אויפצולייכטן, און פאלן און קניען פאר אים, דעם גאט פון אייביקן לעבן...״ [4].

די אומשטארבלעכקייט פון דער נשמה איז ביי די דאזיקע מיס־טיקער ענג פארבונדן מיטן קיבוץ, זיי באטראכטן די נשמה פונם יחיד אלס א רינג אין דער לאנגער קייט פון דורות, וואס זיינען פאראייניקט

---

1 צום ערשטן פארעפנטלעכט אין לעמבערג אין 1876.

2 על ערש יצועי בתנומה — פרודה מן הגויה הנשמה
מרחפת כיונת על שחקים — ישומעת עתידות קול דממה.
ולא תחפוץ צאת פני אל — וגוער בה ושבה אל מקומה
בשובה ובבואה בית מעונה — אזי תקיץ וזוכרת חלומה.

3 זע, באנד צוויי, ז׳ 87.

4 נפשי כאיל אל אפיקי מים — תערוג ותשתוקק לאל שמים
מתי תהי עפה כמו צפור אלי בוראה ותשכון תוך קדוש מחנים
צמאה ונכספה מאור לאור באור — נצחיה ואז משתחוה אפים
לבי לפני אלוה חי בלי חיים...

אין א אנדער ליד דערקלערט ישעיהו בר׳ יוסף:
העת אתבודד עם נפשי — ואחלוץ גופי מעלי
אראה עצמי תוך מלאכים — ושכינת אל שוכן עלי
אז מכת התנופות אצא — ואחזה אל דובר אלי:
בוא עבדי רב בי רבי יוסף — ושבה אתי ושכח אלי.

און צונויפגעוואקסן דורך דער מסורה און דער גייסטיקער ירושה פון די אבות. עס איז דערפאר גאנץ באגרייפלעך, וואס אונזערע מיסטיקער האבן שטייענדיק אויף דעם דאזיקן שטאנדפונקט אזוי פיל אויפמערקזאמקייט געשענקט דעם גלויבן אין „גילגול הנפש". דער רמב"ן, ווי אויך די שפעטערדיקע בעלי הקבלה, זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז דעם מענטשנס נשמה, נאכדעם ווי זי צעשיידט זיך מיטן קערפער, קערט זי זיך ניט גלייך אום צו איר מקור, נאר ווערט נאך פריער מגולגל אין אן אנדערן בשר־ודם, און מאכט דורך אויפסניי, אין ווייטערע דורות, דעם מענטשנס לעבנס-וועג אויף דער ערדישער וועלט. אבער ניט נאר נאך דעם מענטשנס טויט לעבט ווייטער זיין נשמה — אן אפגלאנץ פון דעם אייביקן ליכטקוואל, לעבט זי פון אייביקע צייטן, פון פאר מעשה בראשית. אט דער דאזיקער געדאנק געפינט א שיינעם אפקלאנג אין דער ערשטער סטראפע פון בן־נחמנס באקאנטער תפילה „מראש מקדמי עולמים" [1]. זינט דעם אנפאנג פון אלע אייביקן בין איך (די נשמה) אויפגעוואקסן געווען אין זיינע פארבארגענע אוצרות. פון דעם „ניט באגרייפלעכן" (מאין) בין איך נתגלה געווארן און אין דעם סוף פון די לעצטע צייטן וועל איך צוריקגערופן ווערן פאר די אויגן פון דעם מלך".

גלייך מיט יהודה חסיד און אלעזר דעם בעל „הרוקח", האט אויך דער רמב"ן געגלויבט אין דער אומגעהייערער קראפט, וואס איז פארבארגן אין די „צירופי אותיות". אין יעדן אות פון גאטס א „שם" ליגט א באזונדערער סוד, דורך „מצרף" זיין די דאזיקע אותיות קאנען די „חסידי הדורות" די גרעסטע וווּנדער באווייזן; מיט זייער הילף קאנען זיי „טויטן און לעבעדיק מאכן, בויען און פלאנצן, פארוויסטן און צעשטערן" (להמית ולהחיות, לנתוש ולנתוץ, להאביד ולהרוס, לבנות ולנטוע).

דער רמב"ן רעכנט אפילו, אז די סודות פון דער „פארבארגענער חכמה, וואס איז ברייטער פונם ים" (החכמה נעלמת בעיני כל חי ורחבה מני ים), דארף מען ניט מגלה זיין פארן ברייטן עולם, דאך דערמאנט ער אליין גאנץ אפט די דאזיקע סודות, ווען אויך בלויז מיט רמזים. אין זיין באקאנטער דרשה „תורת ד' תמימה" ווייזט דער רמב"ן אן, אז „די גאנצע תורה, פון „בראשית" ביז „לעיני כל ישראל", באשטייט פון גאלע „שמות". דאס אייגענע איז אויך אין די ספרי נביאים. ביי יחזקאל, למשל, אין דער פרשה וועגן דער מרכבה אדער אין דעם קאפיטל, ווו עס

---

1 ביר ציטירן נאך גיינערס „סלא חפנים" 39–41, ווו די דאזיקע תפילה איז פולשטענדיק אפגעדרוקט.

ווערט דערציילט וועגן דעם טאָל מיט די טויטע ביינער, קאָן מען דורך „צירופי אותיות" באַקומען אַזאַ „שם", וואָס מיט אים קאָן מען מחיה מתים זיין [1]. דעם זעלבן געדאַנק זאָגט דער רמב״ן אויך אַרויס אין דער הקדמה צו זיין פירוש אויף תורה [2], וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אין זיינע לעצטע יאָרן, נאָך דעם, ווען ער האָט געמוזט, לויטן באַפעל פון דער רעגירונג, פאַרלאָזן זיין היים און האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. דער רמב״ן איז שוין געווען אַ בן־שבעים בעת דער אַראַגאָנישער מלך האָט אים אויפגעפאָדערט אַלס רב הכולל פון דער גאַנצער מדינה, ער זאָל דערפילן דעם ווונטש פון דעם משומד פּאַבלאָ כריסטיאַני, און האַלטן מיט יענעם אַ וויכוח וועגן אמונה־פראַגן. אויפן וויכוח צווישן דעם רמב״ן און כריסטיאַני זיינען בייגעווען דער קיניג מיט זיינע הויפּלייט און פילע אָנגעזעענע גייסטלעכע. אויף דעם וויכוח האָט מנצח געווען דער רמב״ן [3]; דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די קאַטוילישע גייסטלעכע; זיי האָבן באַשולדיקט דעם רמב״ן, אַז ער האָט געלעסטערט דעם קריסטלעכן גלויבן, און דאָס געריכט האָט געפּסקנט, אַז דער באַשולדיקטער רב מוז גלייך פאַרלאָזן דאָס לאַנד [4]. פאַרטריבן פון דער אייגענער היים, האָט דער רמב״ן זיך געלאָזט צום לאַנד פון די אָבות [5]. אינעם יאָר 1267 האָט ער זיך באַזעצט אין אַקראַ, וועלכע איז באַלד געוואָרן אַ באַדייטנדיקער קולטורעלער צענטער, ווייל זיין באַרימטער נאָמען האָט צו זיך צוגעצויגן זייער פיל תלמידים [6]. באַלד נאָך דעם ווי ער האָט דאָרט פאַרענדיקט זיין

---

1 „תורת ד' תמימה", 30—31: „כל התורה כלה מבראשית ועד לעיני כל ישראל כלה שמות... וכן בנביאים מפרשת הכרכבה של יחזקאל יוצאים שמות של פתחי היכלות ומפרשת הבקעה יוצא השם שבו אומרים מחיה מתים, ודבר נודע לרבים כי מפסוקי ויסע ויבוא ויט (שמות י״ד, י״ט) יוצא שם של שבעים ושתים אותיות".

2 „יסוד כל אותיות שבתורה הוא כי מהן מן האותיות יצאו לנו צרופי שמות של הקב״ה... כל התורה כולה משמותיו של הקב״ה היא... וכל הנמסר למשה רבנו בשערי הבינה הכל נכתב בתורה בפירוש או שרמוזה בתיבות או בגימטריאות או בצורת האותיות הכתובות כהלכתן או המשתנות בצורה".

3 דעם „וויכוח" האָט דער רמב״ן אַליין באַשריבן (אָפּגעדרוקט אין „מלחמת חובה", 1710). איבערגעדרוקט באַזונדער אין 1929.

4 דוד פּהנא פּרווט באַווייזן („השלוח", ל״ב, 266), אַז מען האָט פאַרשפּט ניט דעם רמב״ן, נאָר אַן אַנדער רב אויס געראָנע. מיט פּהנאס באַווייזן איז אָבער שווער מסכים צו זיין.

5 די בריוו, וואָס דער רמב״ן האָט געשיקט פון ארץ־ישראל צו זיינע איינענע, וו ער באַשרייבט די דעמאָלטיקע צושטאַנדן אין פּאַלעסטינע, האָבן אַ קולטור־היסטאָרישן אינטערעס (איבערגעדרוקט צוזאַמען מיטן „וויכוח" אין 1929).

6 פאָרנדיק איבערן ים האָט דער רמב״ן פאַרפאַסט אַ „תפילת הים", וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „אָנא האל הגדול הגבור והנורא" (פּגרעפּנטלעכט אין האַנאָווערס „שערי ציון").

באַרימטן פירוש אויף תורה האָט זיך אויך פאַרענדיקט זיין לעבנס-וועג (1270).

אַדאַנק דעם רמב"ן מיט זיין גרויסן אויטאָריטעט האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וואַקסן אין די ברייטע קרייזן דער אינטערעס צו דער „חכמת הנסתר". מיט זיין נאָמען און מיט זיין נסיעה קיין ארץ-ישראל אויף דער עלטער, נעפינט זיך אויך אין געוויסער פאַרבינדונג די פּלוצלינגע אַנט-פּלעקונג פון דעם גרעסטן און זייער געהייליקטן קבלה-ספר — דעם „זוהר", וואָס ביי זיין צונויפזאַמלען און רעדאַקטירן האָבן זיך אָן שום ספק באַטייליקט דעם רמב"נס צוויי הייסע אָנהענגער [1] — אברהם אבולפיה און משה די ליאון.

אברהם בן שמואל אַבולפיה [2] איז אַ זייער טיפּישע מיטלעלטער-לעכע פיגור. אַ מענטש מיט רייכער באַגאַבונג, מיט אַ פאַרחלומטער פּאָ-עטישער נשמה, נאָר טאַקע דערביי מיט אַ גאַנץ ווילדער, אמת מזרחישער פאַנטאַזיע, וואָס גייט אָפט איבער אין קרענקלעכער התלהבות און אַנט-ציקונג. ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אבולפיה איז געווען זיין גאַנץ לעבן אָן אומדערמידלעכער זוכער פונם איבערנאַטירלעכן און וווּ-דערבאַרן. אבולפיה איז צו אַכצן יאָר אַ יתום געבליבן און אין צוויי יאָר אַרום האָט ער זיך געלאָזט אין אַ לאַנגן און שווערן וועג קיין פּאָדער-אַזיע צו זוכן דאָרט דעם לעגענדאַרן טייך סמבטיון, בכדי זיך צו באַקענען מיט די „עשרת השבטים", וואָס וווינען פון יענער זייט טייך. ער איז אָבער דערפאָרן בלויז צו דער האַפנשטאָט עכו און פון דאָרט זיך גע-מוזט אומקערן, מחמת דער גרויסער מלחמה, „וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן עשון און ישמעלן" [3], ד"ה צווישן די קרייצפאָרער און די מאַנגאָלן. אבולפיה האָט אַ שטיק צייט געוואַנדערט איבער גריכנלאַנד און איטאַליע, האָט זיך באַזעצט אין דער איטאַליענישער שטאָט קאַפּוּאַ, בכדי צו שטודירן פילאָזאָפיע ביי דעם יידישן, אונז שוין באַקאַנטן [4] גע-לערנטן הלל אויס וועראָנע. „איך האָב מיך אָפּגעגעבן דער פילאָזאָפיע מיט לייב און לעבן — דערציילט אבולפיה, — טאָג און נאַכט האָב איך מיך מיט איר פאַרנומען; דעם „מורה נבוכים" האָט איך איבערגעחזרט מערערע מאָל". ער האָט אַפילו דערנאָך אַליין געלייענט פאָרלעזונגען

---

1 אַברהם אַבולפיה שרייבט וועגן דעם רמב"ן אין זיין „חיי הנפש": „והרב רבנו משה בן נחמן אשר האיר עיני הגולה".

2 אַבולפיה איז געבוירן אין סאַראַגאָסאַ אין 1240.

3 אַזוי דערציילט אַבולפיה אין זיין ביאָגראַפישער נאָטיץ, וואָס איז פאַרעפנט-לעכט אין יעלינעקס „בית מדרש" III, XL—XLII.

4 זע באַנד II, ז' 257—266.

איבער מיימונים פילאָזאָפיש ווערק [1]. זיין התלהבות צום בעל „מורה נבוכים" איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אים אין רעליגיעזע פיוטים באַזונגען, און זיין שיר „אשתעשע במשול קדמון" [2] פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקן שבח: „קוראי תורת משה בן עמרם עם דת משה בן מיימון זה נושע" [2]. אין אַ צייט אַרום האָט ער אָבער געוואָרפן אַן אומחן אויף די פילאָזאָפישע לימודים. פאַר זיין בענקענדיקער נשמה זיינען די לאָגישע ראַציאָנאַליסטישע סברות פון אריסטוס שיטה געווען צו קאַלט און טרוקן, און ער דערציילט אַליין, ווי אים זיינען געוואָרן איבערדריסיק „די איבערקלוגע פילאָזאָפירער", וואָס באַרימען זיך, אַז נאָר זיי אַליין זיינען דערגאַנגען דעם ריכטיקן אמת" (והמתחכמים והמתפלספים המתפארים בחבורי האמת).

אבולפיה איז ווידער געוואָרן אַ אומרויִקער „זוכער". ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער טעאָרעטישער קבלה, וועלכע האָט די ערשטע צייט געגעבן נענוג שטאָף זיין היציקער פאַנטאַזיע. באַלד איז ער אָבער אויך מיט איר געוואָרן אומצופרידן; אויך אירע ראיות און סברות וועגן די אצילות און צען ספירות שמעקן, לויט אבולפיהס מיינונג, צו פיל מיט די קאַלטע פילאָזאָפישע סכעמען. אבולפיה האָט געפונען, אַז אויך די מיסטישע לערע וועגן די ספירות דערקלערט ניט דאָס גרויסע רעטעניש פונם לעבן, אַנטפּלעקט ניט דעם טיפן סוד, ווי אַזוי וועלטן ווערן באַשאַפן אויס דעם שוים פונם אייביקן תוהו־ובוהו, און ווייזט ניט דעם וועג, ווי אַזוי דער מענטש זאָל אויך קאָנען זיך באַטייליקן אין דעם דאָזיקן געוואַלטיקן פּראָצעס פון באַשאַפן און געבוירן. די „חכמי הספירות", זאָגט אבולפיה, זיינען טאַקע גאַנץ נאָענט פונם ריכטיקן וועג, „דעם קירצסטן וועג" האָבן זיי אָבער דאָך ניט געפונען.

אבולפיה שטרייכט גאַנץ שאַרפזיניק אונטער די שוואַכע זייט פון דער „ספירות"־לערע: די חכמי הקבלה זיינען ביי זיך אַליין ניט קלאָר, אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט דער תמצית פון די ספירות: צי דאַרף מען זיי באַטראַכטן אַלס באַזונדערע עקסיסטענצן, אַלס זעלבשטענדיקע כוחות און אינטעלעקטן (שכלים נבדלים), אָדער בלויז אַלס „כלים" און שאַ־

---

[1] „בית מדרש", III, XLI.

[2] געדרוקט אין דער זאַמלונג „שירים וזמירות ותשבחות", נומ׳ 12. אפילו דערנאָך, ווען אבולפיה איז געוואָרן אַ התלהבותדיקער מיסטיקער, איז ער אַלץ געבליבן דעם רמב״מס אַ הייסער חסיד, האָט געזען אין זיין „מורה" טיפע סודות, וועלכע ער באַהאַנדלט אין אַ ספּעציעל ווערק „חיי הנפש".

פונגס־נעציינ [1]. „דאַרפסט וויסן — שרייבט אַבולפיה צו זיינעם אַ באַקאַנטן מיטן נאָמען יהודה (מיטן ביינאָמען שלמון) [2] — אַז די בעלי הקבלה אלס איבערצייגטע מאָנאָטעיִסטן קעמפן טאַקע קעגן דער לערע וועגן דריַי־אייניקייט. זיי אַליין אָבער פאַרבייטן מיט זייער ספירות־לערע די דריַי־אייניקייט מיט אַ צען־אייניקייט. די קריסטן גלויבן, אַז גאָט אַנטפּלעקט זיך אין דריי געשטאַלטן און בלייבט דאָך איינער, און אייניקע פון די בעלי־קבלה דרינגען, אַז די גאָטהייט באַווייזט זיך אין די צען ספירות, וואָס פאַראייניקן זיך אַלע צוזאַמען אין דער געטלעכער אייניקייט" [3].

מיט האַרציקער פשטות דערציילט ער ווייטער אין דעם זעלבן בריוו, ווי ער האָט אַלץ געזוכט און געפאָרשט נאָך דעם „פּינטעלע אמת" (נקודת האמת), האָט זיך געוואָרפן פון איין וויסנשאַפט צו דער צווייטער, זיי אַלע פירן אָבער צו דער „געשפּיצטער זעלבסטצופרידנקייט" (התהללות החכמה), ניט צו דעם, נאָך וואָס עס בענקט זיין נשמה — צו דעם נביאישן עקסטאַז און דער שיינקייט פון התגלות (תפארת הנבואה) [4].

ערשט צו 31 יאָר, דערציילט אַבולפיה [5], ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין שפּאַניע, האָט ער ענדלעך געפונען דאָס, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מי געזוכט. אין באַרצעלאָנע האָט ער זיך פאַרטיפט אין דעם „ספר יצירה" מיט זיינע פירושים; און אָט זיי, די ספר־יצירה־דערקלערער, בפרט די דייטשע מפרשים מיט אלעזר אויס וואָרמס בראש, האָבן אים געעפנט די אויגן. „גאָטס גייסט האָט דערוואַכט אין מיר, דער רוח־הקודש האָט באַרירט מיין נשמה, און עס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר וווּנדערבאַרע ניסים, געוואַלטיקע זעונגען (ואראה מראות נוראות רבות ונפלאות)... און געטרויערט האָט מיין האַרץ, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג ניט אָנגעטראָפן דעם פאַסנדיקן מענטשן, וואָס זאָל מיר אָנווייזן דעם ריכטיקן

---

1 „ויקראו לכל ספירה וספירה שמות, כהם משותפים וכהם מיוחדים, וכששאלנום. לא ידעו היודעים כהם אלה הספירות על איזה דבר יפלו שמותיהם בעצם: אם על גופם ממש או על חמרים בלי צורות, או על צורות בלתי בעלי חומר או על מקרים נשואים על גופים והם כוחות בם או על נפשות נפרדות מכל נושא או על דעות הנקראים שכלים נפרדים".

2 פאַרעפנטלעכט דורך יעלינעק אין „גנזי חכמת הקבלה", I, 13—28.

3 דאָרטן, 19: „אודיעך שבעלי הקבלה הספירות חשבו לייחד השם ולברוח מאמונת השלוש — ועשרוהו, וכמו שהגוים אומרים הוא שלשה והשלשה אחד כן מקצת בעלי הקבלה מאמינים ואומרים כי האלוהות עשר ספירות והעשרה הם אחד".

4 דאָרטן, 18.

5 „בית המדרש", III—XLII.

וועג, און איך האָב גאַנצע 15 יאָר געבלאָנדזשעט, געגראַבלט אין דער פינס־טער ווי אַ בלינדער, נאָכגעיאָגט נאָך פאַרפירערישע שאָטנס, ביז גאָט האָט זיך איבער מיר דערבאַרעמט און מיר די אויגן דערלויכטן".

דער „ספר יצירה" מיט זיינע דייטשע מפרשים האָבן, ווי מ׳ זעט, אבולפיהן „דערלויכטן די אויגן". אַ גרויסע השפּעה האָבן אויף אים אויך געהאַט די קאַבאַליסטישע ווערק „הבהיר" און „פּרקי ר׳ ישמעאל" [1], און אויך אברהם אבן עזראס „ספר השם", אויף וועלכן אבולפיה האָט אפילו געמאַכט אַ פירוש [2]. ער האָט זיך פאַרטיפט אין די סודות פון „קבלה מעשית" מיט איר גימטריאות און צירופי אותיות. אבולפיה איז גע־ווען פעסט איבערצייגט, אַז די העברעיִשע שפּראַך מיט איר אלף־בית קאָן מען כלל נישט פאַרגלייכן מיט אַלע אַנדערע לשונות. יענע זיינען נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, יעדער שפּראַך באַזונ־דער איז אַ אָרגאַניש געוויקס, באַשאַפן דורך אַ באַזונדערן קיבוץ [3], די העברעיִשע שפּראַך אָבער, די שטייט אויסער דער צייט, זי האָט שוין עקסיסטירט נאָך פאַר „מעשה בראשית". דער דאָזיקער קוק אויף דער אויסשליסלעכער לאַגע פון דער ביבל־שפּראַך איז אין מיטלאַלטער געווען ביי אַלעמען אָנגענומען. אים האָבן אַרויסגעזאָגט אַלע גדולי ישראל פון יענער תקופה: שלמה אבן גבירול אין זיין „הענק", יהודה הלוי אין „כוזרי"; אברהם אבן עזרא שטרייכט אונטער אין זיין „שפה ברורה": „וזאת הכמת לשון תורה ומקרא אחת מכל לשונות היא יתירה... ואראה כי לה"ק היא היא הראשה" (דאַרטן, דף 1, עמ׳ א׳, 4 עמ׳ ב׳). אפילו דער רמב"ם איז אויך געווען איבערצייגט, אַז די אַראַבישע שפּראַך איז בלויז אַ פאַרגרייזט העברעיִש [4]. יהודה אבן מטקה דערקלערט אין זיין „מפרש החכמה", אַז לשון־קודש איז דער מקור פון אַלע אַנדערע שפּראַכן [5]. אין דעם גלויבט אויך פעסט עמנואל רומי (זע „מאַנאַטס־

---

1 אבולפיה ווייזט אַליין דערויף אָן אין זיין „שבע נתיבות" (פאַרעפנטלעכט דורך יעלינעק אין זיין „פילאָזאָפיע א. קאַבבאַלאַ", 21).

2 אברהם אבן עזרא איז אַפילו געווען נוטה צו מיססיק (זע אויבן, באַנד I, ז׳ 232), דאָך איז ער געווען אַ קעגנער פון די, וואָס מיינען, אַז דורך „צירופי אותיות" קאָן מען וווּנדער באַווייזן, און טאַקע אין דעם זעלבן „ספר השם" דערקלערט ער: „על כן האומרים כי בשם יעשו מעשים גדולים לא ידעו השם".

3 זע יעלינעקס „פילאָזאָפיע א. קאַבבאַלאַ", X.

4 „אגרות הרמב"ם", II, 27 עמ׳ ג׳: „לשון ערבי שהוא ודאי לשון עברית שנשתבשה מעט".

5 „ודע כי לשוננו נקרא לשון הקדש בעבור... כי לשוננו הוא הקדמון... והמבין בלשוננו ידע בודאי כי אין ערך אותיותינו לאותיותיהן אלא הערך הצלם העשוי מאבן לאנוש החי"...

שריפט", 1885, 244). נאר איין זרחיה חן האט ארויסגעזאגט בנוגע צו דער פראגע אפיקורסישע געדאנקען [1]. עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס אונזער מיסטיקער אבולפיה האט גערעכנט די ווערטער פון דער ביבל פאר אייביקע „אידעען" און די אותיות פונם אלף־בית האט ער באטראכט אלס סימבאלן פון אייביק שאפנדיקע קרעפטן. די וועלט גופא איז דאך באשאפן געווארן דורך „מימרות", דורך דעם „צירוף" פון העברעישע אותיות און שמות. און אט די באהעפטונגען פון אותיות און שמות הייסן „ספירות", דורך וועלכע דער באשעפער האט דעם וועלטאל געשאפן. ווערטער און נעמען באקומען אויף אזא אופן א גאנץ באזונדערן באטייט. זיי זיינען שוין ניט קיין בלויזע סימנים, מיט וועלכע דער מענטש באצייכנט די דערשיינונגען און זאכן פון דער ארומיקער וועלט — זיי גופא זיינען עס די ערשטע יסודות פון זיין, די אוניווערסאלע „אידעען" פון פאר „מעשה בראשית", און די גאנצע רעאלע וועלט, אלץ וואס ס'איז, איז בלויז זייער אפגעשפיגלט בילד [2].

מיר קאנען דא זיך ניט אפשטעלן באריכות אויף דער פראגע, ווי ווייט די דאזיקע אנשויונג פון די יידישע מיסטיקער געפינט זיך אונטער דער השפעה פון די אלטע גריכישע דענקער פיטאגארוס און אפלטון. מיר מוזן אבער דא אונטערשטרייכן, ווי היסטאריש אומגערעכט זיינען די, וואס פרווון באווייזן, אז מיר האבן דא צו טאן מיט אזיינע אנשויונגען, וואס זיינען כאראקטעריסטיש ספעציעל פאר די מיסטיקער, זיינען אבער לחלוטין פרעמד דעם ראציאנאליסטישן וויסנשאפטלעך־ניכטערן

---

1 זע אונזער העבר, ב' II, 255.

2 די דאזיקע אנשויונג פירט אבולפיה דורך ניט נאר אין זיינע רעליגיעז־מיסטישע ווערק, נאר אויך אין ריין פילאזאפישע. אין זיין „סוד דרכי הניקוד והברת התניעה" דערקלערט אבולפיה:

חקור חולם חקור קמץ וצרי — חקור חרק ושרק הפלאות
חקור א' חקור ת"ו ראש ותכלית — וחלק לחמשה כל צבאות
ובוון החמשה מול חמשה — והתכוון ותמצא בם פלאות

(זע „העבר' ביבל'" IV, 76—77).
אויף א גאנץ ענלעכן אופן שילדערט אויך דער זוהר די וועלט־שאפונג: לויט דעם בילד פון יעדן יווארט האט נאט די באשעפנדיקע זאך באשאפן. זע זוהר II, פרשה תרומה, דף 161, עמ' א: „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ, אסתכל בהאי מלה וברא את השמים; כתיב בה ויאמר אלהים יהי אור, אסתכל בהאי מלה וברא את האור, וכן בכל מלה ומלה". עס איז אויך וויכטיק אנצומערקן, אז אבולפיהס בני־דור, די ברידער יעקב און יצחק כוהן, האבן ספעציעלע אפהאנדלונגען געשריבן וועגן די סודות, וואס זיינען באהאלטן אין די אותיות און די „טעמי הנקודות וצורתם" (זע „מדעי היהדות", II, 201—219, 265—268).

וועלטבאַנעם פון די פעריפאַטעטיקער (אַנהענגער פון אַריסטוס שיטה). וואָרעם דווקא אין אַריסטוס סיסטעם טרעט צומבולטסטן אַרויס אַט דאָס צונויפמישן פון דעם וואָרט מיט דער זאַך, און דאָס פאַרבייטן פון דענקען מיט זיין. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז פאַר מענטשן בכלל עקסיסטירט בלויז דאָס, וואָס זיינע חושים האָבן אויפגענומען אַלס פאַרשטעלונג, וועלכע ער באַצייכנט מיט אַ וואָרט, גיט עס אַ נאָמען. כל-זמן אַ זאַך האָט נאָך ניט קיין נאָמען, איז ניט באַשטימט דורכן וואָרט — עקסיסטירט עס ניט פאַר מענטשן, איז עס ניט אַריינגעדרונגען אין זיין באַוווסטזיין. און פול מיט טיפן באַטייט איז די אַלטע ביבלישע דערציילונג (בראשית, ב׳, 19), ווי אַזוי גאָט האָט געבראַכט צו פירן גלייך נאָכן באַשאַפן אַלע חיות פון דער ערד און אַלע פייגלען פון די הימלען פאַרן מענטשן, יענער זאָל זיי אַלעמען געבן נעמען, „און מיט דעם נאָמען, וואָס דער מענטש האָט געגעבן — לעבט יעדער לעבעדיק באַשעפעניש" (וכל אשר יקרא לו האדם נפש חיה הוא שמו). און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין דעם פרט, וואָס אין די קדמונישע צייטן איז ביי יידן געווען אָנגענומען דער גלויבן, אַז נאָכן מענטשנס טויט בלייבט ווייטער עקסיסטירן זיין נאָמען, אָבער ניט די נשמה [1]. „אין דער התחלה איז געווען דאָס וואָרט"; אָבער ניט נאָר גאָט האָט מיטן וואָרט די וועלט באַשאַפן, נייערט אויך דער מענטש באַשאַפט זיין וועלט מיט דער הילף פונם וואָרט [2]. „צווישן דעם וואָרט — זאָגט דער טיפער רוסישער פאַרשער פאָטעבניאַ — און דעם געדאַנק וועגן דער באַטרעפנדיקער זאַך איז געווען אַזאַ ענגער פאַרבאַנד, אַז מיט דער ענדערונג פונם וואָרט האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז די זאַך ווערט דורכדעם אויך נשתנה... אין דער שפּראַך און אין דער פּאָעזיע געפינען זיך גאַנץ קלאָרע באַווייזן, ווי ביי אַלע אייראָפּעישע פעלקער איז געווען פאַרשפּרייט די איבערצייגונג, אַז דאָס וואָרט איז דער געדאַנק גופא, אַז דאָס וואָרט איז דער לעבעדיקער „אמת, די חכמה, דער דיכטונגס־קוואַל. ווי די חכמה און דאָס געזאַנג, האָט אויך דאָס וואָרט געגאָלטן אַלס דער וויכטיקסטער יסוד פונם מענטשלעכן מהות. דאָס וואָרט איז די זאַך גופא. די דאָזיקע פאַרשטעלונג געפינט איר אָפּשפּיגלונג ניט נאָר אין דער קרובהשאַפט צווישן די באַנעמונגען, וואָס באַצייכענען דאָס וואָרט און די זאַך, נאָר אויך אין דעם

---

1 זע מאַקס וועבערס „דאָס אַנטיקע יודענטום", 154, 236.

2 מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז ניט נאָר די ווערטער, נאָר אויך די אותיות זיינען ניט קיין טויטע צייכנס, ווייל אויך זיי זיינען אין דער התחלה געווען בילדער און סימבאָלן פון לעבעדיקע באַשעפענישן און רעאַלע זאַכן.

גלויבן, וואס איז געווען אזוי פארשפרייט, אז די ווערטער באטרעפן דעם אמתן תוך פון די דערשיינונגען" [1].

ביי אזא נאענטער קרובהשאפט צווישן דעם וואָרט און דעם עצם פון דער זאך, א קרובהשאפט, וואס באגלייט דעם מענטשן ווי א שאָטן אינם משך פון זיין גאנצן שווערן און מיפולן וועג פון קולטורעלער אנט-וויקלונג, איז לייכט באגרייפלעך, וואס דער מענטשלעכער געדאנק איז כוף־כל־סוף געקומען צו אזא מסקנא: ווו עס איז פאראן א באגריף, דאָ מוז דאך זיין דער עצם אויך. מיר זאָגן: יושר, אמת, שיינקייט — מוזן זיי דאך האָבן א תוך, מוז דאך עקסיסטירן דער עצם גופא, וואס ער איז דער טרעגער פון דעם אָדער יענעם באגריף. דער גריכישער דענקער סאָקראטעס איז געווען זיכער, אז יעדעם וואָרט, יעדער נאָמען האָט אין דער התחלה אויסגעדריקט דעם ע צ ם פון דער זאך. נאך ווייטער איז געגאנגען אויפן וועג פון פארקערפערן דעם אבסטראקטן באגריף סאָקראטעסעס תלמיד אפלטון. פאר אים איז געווען קלאָר און זיכער, אז פריער פון אלעם עקסיסטירט און א י ז דער באגריף, די פאָרמען, די אידעען פון די זאכן, און נ־ט די זאכן גופא. דאָס שיינע עקסיסטירט נ־ט נאָר אין שיינע זאכן, דאָס גוטע לעבט ניט נאָר אין דעם גוטן מענטשן — דאָס שיינע, דאָס גוטע אלס אוניווערסאלע באגריפן — אָט זיי זיינען עס דער אמתער עצם און תוך. און ניט נאָר זיי לעבן זייער זעלבשטענדיק לעבן, נאָר פאקטיש זיינען זיי דער איינציק מעגלעכער יש, דאָס איינציק רעאלע אוןווירקלעך עקסיסטירנדיקע. דאָס, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונזערע חושים, דאָס איז בלויז דאָס צופעליקע, די בלאסע און לייכט פארגייי־לעכע אָפשפיגלונג פון דעם אמתן תוך. דער לאָגישער אלגעמיינער באגריף, וואס דער מענטש באקומט אלס פועל־יוצא, אלס סכום פון די רע־אלע אָפגעזונדערטע דער־שיינונגען — ער ווערט אינגאנצן אָפגעטיילט פונם פרט, ער באקומט א זעלבשטענדיקע אוניווערסאלע עקסיסטענץ, און ווערט דער טרעגער פונם איינציק וויכטיקן, פונם אמתן, ווירקלעך ווערט־פולן תמצית. אינם וואָרט, אין דער אבסטראקציע הייבט מען אָן זען דעם אמתן עיקר און תוך פון דער זאך, איר פאָרבילד און מוכטער, די שאפנדיקע א־

[1] А. А. Потебня, Мысль и язык, 142 — 3 (4-ое изд., 1922): „Между родным словом и мыслью о предметѣ была такая тѣсная связь, что измѣненіе слова казалось непремѣнно измѣненіем предмета.. В языкѣ и поэзіи есть положительныя свидѣтельства, что по вѣрованіям всѣх индоевропейских народов, слово есть мысль, слово — истина и правда, мудрость, поэзія. Вмѣстѣ с мудростью и поэзіей слово относилось к человѣческому началу... Слово есть самая вещь, и это доказывается не столько филологическою связью слов, обозначающих *слово* и *вещь*, сколько распространенным на всѣ слова вѣрованіем, что они означают сущность явленій“.

דעע. דאס אלץ איז אבער כאראקטעריסטיש ניט נאר פאר אפלטונס לערע. אדרבה, די טענדענץ פון זוכן דעם אמתן תמצית אינם ווארט, זעען אינם באגריף א זעלבשטענדיקע עקסיסטענץ, די איינציק ממשותדיקע, די אלגעמיין גילטיקע, — דאס געפינען מיר אין א באדייטנד גרעסערער מאס אויך אין אריסטוס סיסטעם, אין זיין לערע וועגן די אלגעמיינע און גאטונגס-באגריפן, אין דעם אונטערשייד, וואס ער מאכט צווישן דעם עצם און דעם צופעליקן (אקצידענץ), צווישן דעם מעגלעכן און שוין עקסיסטירנדיקן, צווישן דער פארם און דער מאטעריע. דווקא ביי דעם קלאסישן מעטאפיזיקער אריסטון, וואס אים האט געפעלט די פאעטישע אינטויציע און באגייסטערטער פאטאס פון זיין רבין, זייגען אפלטונס אוניווערסאלע, מיט גלאנץ און שיינקייט באגאסענע „אידעען", וואס זיינען געווען דער מקור פון דיאלעקטישער באוועגונג, פון אומדערמידלעכער אנטוויקלונג, און האבן נאך לאנגע גילגולים באקומען זייער קלאסישע התגלות אין דער נייערער צייט אין דער גאונישער העגעלישער סיסטעם — פארשטארט געווארן אין מעטאפיזיש-טויטע און טרוקענע אבסטראקטע באגריפן. ערשט ביי אריסטון איז פארגעקומען די ענדגילטיקע צונויפמישונג פון דעם געדאכטן מיט דעם וואס ס'איז, דער פארבייט פונם באגריף מיט דער זאך; דיווירקלעכע פארשטעלונג פונם דענקענדיקן מענטשן ווערט באטראכט אלס א גאר פרעמדע, בלויז ערשט „מעגלעכע" איינגשאפט פון א גאנץ זעלבשטענדיקער אפגעזונדערטער זאך, וואס דער מענטש דארף ערשט באטראכטן און אויספארשן. אט דער ממש געצנדינערישער קוק אויף דעם ווארט, דער ריין מעטאפיזישער פילפול וועגן דעם צוזאמענהאנג צווישן דעם איינצלנעם און דער מערהייט, דאס צונויפמישן די פארמען פון דענקען מיט די פארמען פון זיין, די אביעקטיווע מיט די סוביעקטיווע עלעמענטן פון אונזערע פארשטעלונגען און זאכלעכע באגריפן — דאס אלץ איז העכסט כאראקטעריסטיש פאר דעם אריסטאטעלישן ארט דענקען. און אט דער דאזיקער הארבער טעות האט, אדאנק אריסטוס געוואלטיקן אויטאריטעט, געוועלטיקט איבער דעם מיטלעלטערלעכן אייראפעישן געדאנק [1]. ער האט אנגענומען באזונדערס מגושמדיקע פארמען אין דער קריסטלעכער סכאלאסטיק, און טאקע אים האט די סכאלאסטיק צו פארדאנקען, וואס זי האט אזוי לאנג געבלאנדזשעט אינם געדיכטן וואלד פון מעטאפיזישן פילפול [2].

---

[1] עס איז כדאי צו דערמאנען די פלוגתא צווישן די נאמענאליסטן און רעאליסטן אינם קריסטלעכן מיטלאלטער.

[2] א גלענצנדיקע אנאליז פון דער דאזיקער שוואכער זייט אין אריסטוס סיסטעם גיט אלבערט לאנגע אין זיין „געשיכטע ד. מאטעריאליזמוס".

אַט דער דאָזיקער תוהו־ובוהו, דאָס צונויפמישן פונם באַגריף מיטן רעאַלן זיין, — דערגרייכט די העכסטע מדרגה ביי דעם מיסטיקער אברהם אבולפיה. ניט נאָר זעט ער אין דעם וואָרט, אינם נאָמען פאַרבאָרגן אַ אויס־שליסלעכע שעפערישע קראַפט[1], ער איז אויך איבערצייגט, אַז מען קאָן אונטער געוויסע באַדינגונגען אויסנוצן די דאָזיקע פאַרבאָרגענע כוחות, און מיט זייער הילף איז דער מענטש אימשטאַנד איבערוואַרפן אַ בריק צווישן דעם ענדלעכן און אומענדלעכן, צווישן דעם שטאַרבלעכן און אייביקן. מיט הילף פון קונציקע גימטריאות און מצרף זיין די אותיות פון די געטלעכע „שמות" וואָס אין דער תורה קאָן מען, לויט אבולפיהס איבערצייגונג, אַנטפּלעקן די טיפסטע סודות און באַשאַפן די גרעסטע וווּנדער. דער גאַנצער ביבל־טעקסט ווערט ביי אבולפיהן פאַרוואַנדלט אין לויטער סימבאָלן און פאַרבאָרגענע צייכנס, וואָס זייער אמתן באַטייט קאָן מען אַנטפּלעקן נאָר מיט דער הילף פון גימטריא, נוטריקון און תמורה[2]. „נאָר מיט דער הילף פון „חכמת השמות" — דערקלערט אבולפיה[3] — קאָן דער מענטש דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון

---

1 עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַבולפיהן, וואָס ער שטרייכט באַזונדערס אונ־טער, אַז אין דער תורה האָבן די וואָכעדיקע טעג ניט קיין באַזונדערע נעמען, זיי הייסן בלויז: דער ערשטער טאָג, דער צווייטער טאָג אאַז"וו; בלויז דער הייליקער יום השבת האָט זיין באַזונדערן נאָמען; „און דערפאַר טאַקע איז דער שבתדיקער טאָג דער פול־סטער קעגנזאַץ פון די וואָכן־טעג". זע אַבולפיהס „חיי הנפש", 1טער טייל, קאַפּ' 4: „...ימי החול אין להם שבות מיוחדים... ואלה הששה ימים שהם ימי החול והם ששת ימי בראשית נאמר על כל אחד מהם בשוה ויהי ערב ויהי בוקר. אך בשביעי... כבר נבדל תכלית ההבדל... ונקרא בשם מיוחד והוא שבת... אך יום שבת הוא לבדו קדש לד'". מיר ציטירן לויט דעם מאַנוסקריפט, וואָס געפינט זיך אין פירקאָוויטשעס ערשטער קאָלעקציע, נומ' 185.

2 גימטריא הייסט דער פאַרבייט פון איין וואָרט דורך אַן אַנדערן, וואָס זיינע אותיות באַטרעפן די אייגענע צאָל, וואָס די אותיות פונם ערשטן וואָרט. צום ביישפּיל: „יוסי" אַנשטאָט „אלהים", ווייל ביידע באַטרעפן 86. נוטריקון — ווען די אותיות פונם וואָרט ווערן באַטראַכט אַלס „ראשי־תיבות" פון אַנדערע ווערטער. למשל: „אשר" מאַכט „אלף שנה רבוא". תמורה — ווען מען שטעלט איבער די אותיות פונם וואָרט. למשל: פונם וואָרט „ישמח" מאַכט מען „משיח".

3 אין זיין ווערק „ספר חיי עולם הבא והוא פי' שם המפורש". אין אָנהייב פונם ווערק געפינט זיך אַן אַקראָסטיך מיט די ראשי תיבות: „שם המפירש יהוה"; צום סוף אַ צווייטער אַקראָסטיך מיט די ראשי תיבות: „רזי חיי העולם הבא מראה הנבואה חיים". דאָס ווערק איז ניט פאַרעפנטלעכט. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ פאָרמעטענעם מאַנוסקריפט, וואָס געפינט זיך אין הרבבים קאָלעקציע אין דער ביבליאָטעק פון „צפע" (זע ביילאַגע נומער 1).

שלמות״ [1]. ניט יעדער בשר־ודם האָט אָבער די זכיה אַרינצודרינגען אין די „סתרי תורה״. אבולפיה רעכנט, אַז נאָר די יחידי סגולה, די אויס־דערוויילטע און מאָראַליש אומבאַפלעקטע מענטשן, וואָס זיינען „ווי גאָלד געלייטערט געוואָרן דורך דער טעסט פון שווערע נסיונות״, נאָר זיי זיינען באַשענקט מיט דער גרויסער מתנה, נאָר זיי קאָנען וואַנדער באַ־ווייזן מיט דער הילף פון די אין דער תורה פאַרבאָרגענע סודות [2]. אָבער אויך זיי זיינען אימשטאַנד אויסנוצן זייער וואונדערבאַרע מאַכט בלויז צו אַ באַשטימטן צוועק — גאָטס נאָמען צו באַשיינען און זיינע גרויסע מעשים צו לויבן [3]. אבולפיה פאַלט דערפאַר אָן אויף די „נאַראָנים״, די בעלי שמות פון זיין צייט, וואָס מיינען, אַז מען קען זיך באַנוצן מיט דער וואונדערבאַרער קראַפט פון „צירופי אותיות״ פאַר פערזענלעכע ריין עגאָיסטישע צוועקן [4]. אבולפיה גיט דערביי גאַנץ גענויע פאָרשריפטן, ווי אַזוי די יחידי סגולה דאַרפן זיך נוהג זיין, בכדי צו דערגרייכן דעם געוואונטשטן צושטאַנד פון דבקות און התפשטות הגשמיות [5]. אין דעם דאָזיקן צושטאַנד, פאַרזיכערט אבולפיה, קאָן דער מענטש דורך לאַנגן

---

1 דאָרטן, דף 35, עמ׳ א׳: „ואת החכמה אשר היא חכמת השמות היא לבדה באמת המביאה את האדם לידי השלמות האחרון אשר היא ההשגה האלוהית״.

2 „חיי הנפש״, 1טער טייל, קאַפּיטל 1: „שהעולם הזה דומה למצרף הכסף ולכור הזהב לכשיזוקק בו אדם ויזדכך הזיכוך הראוי לו אחר נסיון, ובחינה הוא אדם ראוי לבדו לגלות לו סתרי תורה ולזולתו נמנע... עד שלא ימצאו מטמנותיה כי אם... לחוקר סודותיה ולשואלי נסתריה ולאוהבי תעלומותיה באמת והכונה בזה להשאיר התורה האמתית ביד היחידים אשר הם סגולת ההמון ונבחר המין האנושי״...

3 „ספר חיי עולם הבא״ (כתב־יד), דף 4, עמ׳ א׳: „הזהר מאוד כאשר הזהירוך אבותיך מן האש שלא תשרף בו ומן המים שלא תטבע בהן ומן הרוח שלא יזיקך, אשר לא תשתמש בתגיא. כל המשתמש בשם המפורש לצורך שימוש עצמו עבר על מצות השם. רק שימוש הזה הוא ראוי להיותו לכבודו לבד״.

4 דאָרטן, דף 31, עמ׳ א׳: „אבל הפתאים אשר אין בהם דעת חושבים שהשם מטר שמותיו שהם כלי המציאה כלה לאדם להשתמש בהם בהבלי מחשבותם ובשקרי דמיונות ולפעול בהן בחפצן שנויי הטבעים או מעשים דומים להפכי הטבעים או דברים רחוקים להשיגם... והסכלים האוילים חושבים שהנביאים והחכמים הראשונים פעלו בשמות לצורך עצמם ומביאים ראיה מהכתובים הצריכים פרושים ארוכים ומפרשים אותם כפי דעתם באלו הנביאים והחכמים הודיעם פירושי דבריהם והראום אמיתת מעשיהם... וזה כלו קרה להבון חכמי דורנו רובם״.

5 די דאָזיקע פאָרשריפטן דערמאָנען זייער אין דער הנהגה פון די „יורדי מרכבה״ בעת זיי האָבן געוואָלט דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון התלהבות (זע צווייטן באַנד, ז׳ 83—88). די דאָזיקע שטעלע אין „ספר חיי עולם הבא״ איז זייער כאַראַקטעריס־טיש פאַר די מיטלאַלטערלעכע מיסטיקער, מיר ברענגען זיי דערפאַר בשלימות. זע ביי־לאַגע, נומ׳ 1.

איבער־חזרן פון „שמות", איבערשטעלנדיק דערביי די אותיות אין פאַר־שיידענעם סדר, זוכה זיין צו ווערן א „גלוי עינים", באַקומען אָפענע אויגן, פאַר וועלכע עס אַנטפּלעקן זיך אַלע געטלעכע סודות פון דער תורה און עס ווערן נתגלה די פאַרבאָרגנסטע רעטענישן פונם לעבן [1].

און אַבולפיה, דער התלהבותדיקער מיסטיקער, האָט געמיינט, אַז אים איז ווירקלעך געלונגען אריינצודרינגען אין די טיפע סודות, אראָפּ־צורייסן דעם דעקטוך פונם אייביק פאַרבאָרגענעם לעבנס־רעטעניש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס רוט איבער אים דער רוח־הקודש, דערוואַכט האָט אין אים דער גייסט פון די נביאים, ער איז דער מאַן מיט די אָפענע אויגן... „עס האָט זיך — דערציילט אַבולפיה — אַנטפּלעקט פאַר מיר דער באַשעפער פון אַלע וועלטן, ער האָט פאַר מיר מגלה געווען זיין גרויסן סוד, אָנגעזאָגט האָט ער דעם קץ פונם גלות, דעם טאָג, ווען עס וועט זיך אָנפאַנגען די גאולה און באַפרייונג" [2]. ער איז געווען זיכער, אַז ס'האָט שוין אויסגעבראָכן דער קאַיאָר פון דעם גאולה־טאָג, ווייל עס האָט זיך שוין באַוויזן דער גרויסער „פּאַסטעך", דער ליכטיקער גואל, אויף וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. און דער גואל — איז טאַקע ער אַליין, אברהם אַבולפיה!..

„נאָט, דער באַשעפער פון די הימלען, — דערקלערט אַבולפיה — האָט דערהערט דאָס געשריי פון יעקבס קינדער, און האָט געשיקט א שליח, וואָס פאַרקינדיקט זיין נאָמען; זכריהו הייסט דער שליח [3]. פאַר זיין טיף נעפלאָגט פאָלק, וואָס יעדע אומה, יעדער ערב־רב האָט אים געדריקט און געיאָגט — איז געקומען דער טאָג פון דער גרויסער ליכטיקער בשורה. אָט קומט דער שליח זכריהו, ער לאָזט זיך אַנידער אויף א לייכטן באַ־פליגלטן וואָלקן, וואָס טריפט מיט געבענטשטן טוי..." [4].

די התלהבותדיקע פּרעדיקן פון דעם פאַרחלומטן מיסטיקער האָבן געמאַכט א געוויסן רושם. עס האָבן זיך באַלד געפונען באַגייסטערטע

---

1 אין דער פאָררעדע צו זיין „חיי הנפש" פאַרזיכערט אַבולפיה:

לו עיני איש היו חוזות — תורת סֵפר סְפוּר וּסְפָר

לו חכמו ישכלוה זאת — היו לעד שוכני עָפָר.

2 יעלינעק, „אויסוואַהל קאַבאַליסטישער מיסטיק", I, 18: „בהגיעי אל השמות ובהתירי קשרי החותמת נגלה אלי אדון הכל וגלה לי את סודו והודיעני את קץ הגלות וזמן התחלת הגאולה על גואל הדם".

3 אַבולפיה רופט זיך אַמאָל זכריהו, אַמאָל רזיאל, ווייל ביידע נעמען באַטרעפן בגימטריא דאָס אייגענע, וואָס אַברהם = 248. ער רופט זיך אויך צייטנווייז — ברכיהו, ווייל אייך דער נאָמען באַטרעפט בגימטריא דאָס זעלבע: וואָס אַברם = 243.

4 איים אַבולפיהס בוך „ספר האות" (ז' 75), פאַרעפנטלעכט אין „גרעץ־יובל־שריפט", צווייטע אָפּטיילונג, 65—85.

תלמידים, וואס האבן מיט צאפלדיקע הערצער דארשטיק געשלונגען יעדעס ווארט פון דעם „שליח״. צווישן דעם דאזיקן ענגן קרייז פון אבולפיהם חסידים האט פארנומען דעם ערשטן פלאץ א יונגער פילאזאפיש געביל־דעטער מאן, יוסף בן אברהם גיקאטילא (דזשיקאטילא) [1], וואס האט זיך קונה שם געווען מיט זיינע מיסטישע ווערק.

אויך דער דאזיקער אבולפיהם באליבטסטער תלמיד איז, גלייך ווי זיין רבי, געקומען צו דער מיסטישער וועלטאנשויונג ערשט נאכדעם, ווי ער האט זיך אנטטוישט אין די פילאזאפישע אמתן. „איך האב געזען, קלאגט זיך גיקאטילא, ווי פינסטער און קרום עס זיינען די וועגן, איבער וועלכע עס בלאנדזשעט מיין פאלק. איך האב מענטשן געזען, וואס לייקענען אין דער השגחה און ווילן אלץ באווייזן, אז דעם מענטשנס מזל הענגט אינגאנצן אפ פון די גלגלים און די פלאנעטן. אויפן סמך פון אריסטון לייקענען זיי אינגאנצן אפ דעם מענטשנס בחירה און זיין פרייען ווילן. זיי ווילן זיך כלל ניט רעכענען דערמיט, צי פילט דער מענטש גאט אין זיין הארצן. זיי דרינגען, אז אלץ פירט זיך נאכן סדר פון די אייזערנע געזעצן, וואס געוועלטיקן אין דער נאטור, און ניט גאט איז דער מנהיג העולם, דער רעגירער פון דער וועלט. זיי גלויבן ניט, אז די תורה איז מן השמים, און אז די וועלט איז באשאפן געווארן אין א באשטימטער צייט. זיי גלויבן אין קדמות העולם, זיי גלויבן, אז אלץ באוועגט זיך פון אייביק אן נאך באשטימטע געזעצן, אין וועלכע עס קאנען ניט פארקומען קיין שום ענדערונגען. אויף דעם סמך לייקענען זיי אפ אלע ניסים און וווּנ־דער, ווייל זיי וואלטן דאך סותר געווען די דאזיקע געזעצן. זיי ווילן זיך כלל ניט רעכענען דערמיט, וואס דער גלויבן אין ניסים איז דאך דער יסוד פון אונזער תורה, און ווארפן זיי אים אפ — לייקענען זיי אויך אין דער גאנצער תורה״ [2].

---

1 לויט גיקאטילאס אנווייזונג אין דער פאררעדע צו זיין „גנת אגוז״, איז ער א געבוירענער אויס קאסטיליע פון דער פראווינץ מעדינא (ואנו יוסף ן׳ גקטילה הדר בקצה קשתילה במדינת סאלה). אין דער ביבליאטעק פון דעם לענינגראדער „אזיאטישן מוזיי״ געפינט זיך א מאנוסקריפט פונם „גנת אגוז״, פארענדיקט אין 1561. דארט גע־פינט זיך אין דער פאררעדע א אנווייזונג (זי פעלט אין דער געדרוקטער אויסגאבע), אז גיקאטילא איז געבוירן אין 1248: „לבשתי בגדי חרדות וסמכתי ביסוד כל הסודות חברתי ספרי מעלה הסודות בשנת שלשים וארבע למנין אחר חמשת אלפים לבנין ואני כבן עשרים וששה סמכתי על עשרים וששת וכו׳״.

2 „גנת אגוז״, ערשטע אפטיילונג, בל׳ 13, עמ׳ ב׳: „כמו שאני רואה היום מאותם שמתעסקים בחכמת הטבעים שאמונתם נוטה לקדמות הנמצאים מאחר שאין לטבעים שינוי לא יאמינו באפשירות הנסים והנפלאות כי יאמרו אין דבר משתנה

און גיקאַטילאַ בענקענדיקע אויגן האָבן געזען אַרום זיך לויטער ווונדער, זיין געוואַלטיקע פאַנטאַזיע האָט געזוכט דאָס אויסערגעוויינ־לעכע, און מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה האָט ער זיך איבערגעגעבן דער מיסטישער וועלט, מיט אירע פאַרבאָרגענע אומאויסגעפאָרשטע טיפע־נישן. ער ווייס — אין די דאָזיקע טיפענישן לויערן אויך גרויסע געפאַרן. „ברענענדיק הייס און גיריק צעשטערנדיק איז דער פלאַם פון דער פאַר־באָרגענער חכמה — דערקלערט גיקאַטילאַ — נאָר בעסער ברענען אין דעם דאָזיקן גין־גאָלדענעם פלאַם, איידער גראָבלען אין דער פינסטער ווי די חיות אין וואַלד" [1].

פונקט ווי זיין רבי אבולפיה, אַזוי האָט אויך גיקאַטילאַ, זיך פאַר־טיפט אין די סודות פון כל המיני גימטריאות, און טאַקע זיי האָט ער גע־ווידמעט זיין הויפּטווערק „גנת אגוז" [2]. דאָס וואָרט „גנת" איז טאַקע די „ראשי תיבות" פון גימטריא, נוטריקון און תמורה [3]. און דאָס וואָרט „אגוז" — די נוס, דערקלערט דער פאַרפאַסער גופא, דאָס איז דאָך דער סימבאָל פון חכמת הנסתר [4].

גיקאַטילאַ האָט שטאַרק קונה שם געווען אַלס גרויסער בעל-מקובל. אַ לעגענדע דערציילט, אַז ער פלעגט באַווייזן געוואַלטיקע ווונדער און מען האָט אים דערפאַר גערופן „יוסף בעל נס". אבולפיה זאָגט אויך עדות אויף זיין תלמיד, אַז ער איז אַ „ווונדערבאַרער מוצלח" (הצליח הצלחה

מטבעו... וזהו היסוד שכל תורתנו מיוסדת עליו בהאמין מעשה הנסים והנפלאות כי בתוכם נשיג סוד יחודו וקדמותו יתברך וחדוש כל הנמצאים כולם". אויף דער סתירה צווישן דעם גלויבן אין ניסים און אַריסטוס טעזיס וועגן קדמות העולם, האָט אויך אָנ־געוויזן מיימוני אין זיין „מורה נבוכים", II, קאַפּ' 25: „אמונת הקדמות... הנה היא סותרת הדת מעקרה ומכזבת לכל אות".

1 „גנת אגוז", דף 3, עמ' א' (מיר ציטירן נאָך דער האַנויער אויסגאַבע).

2 צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין האַנוי, 1615.

3 וועגן דעם באַטייט פון די דאָזיקע דריי הויפּט־יסודות פון דער פּראַקטישער קבלה רעדט דער פאַרפאַסער באַריכות אין דעם סוף פון דער צווייטער אָפּטיילונג (דאָרטן, 64).

4 דער „גנת אגוז" באַשטייט פון דריי טייל. אין דעם ערשטן ווערט גערעדט וועגן נאָמען „שמות", אינם צווייטן — וועגן די „צירופי אותיות" און דעם יסוד פון די הייליקע צאָלן: 3, 7, 10; אינם דריטן — וואָקאַלן (ניקוד), וואָס ווערן דאָרט באַ־טראַכט אַלס סימבאָלן און עמבלעמען (למשל, דער חולם, שורק און חירק זיינען אַ רמז אויפן עולם העליון, אויפן עולם התיך און עולם השפל). גיקאַטילאַ האָט אויך פאַר־פאַסט אַ סך אַנדערע ווערק וועגן קבלה. איינס פון זיי „שערי אורה" האָט אַ קריסט־לעכער געלערנטער ריציוס איבערזעצט אין לאַטיין (געדרוקט אין 1516) און די דאָזיקע לאַטיינישע איבערזעצונג האָט דער באַריכטער רייכלין אויסגענוצט אין זיין De Arte Cabalistica.

מופלאה) און דער רוח-הקודש רוט אויף אים (וד' היה עמו) [1]. אברהם אבולפיה האָט זיך אָבער ניט געוואָלט באַנוגענען מיט דעם ענגן קרייז תּלמידים און אָנהענגער. ער האָט געוואָלט די גאַנצע וועלט זאָל זיך וואָס גיכער דערוויסן וועגן זיין „שליחות". ער האָט פאַרלאָזן זיינע תּלמידים און זיך געלאָזט קיין איטאַליע. אין דער שטאָט אָרבינאָ שרייבט ער (אין 1279) זיין ערשט נבואה־בוך „ספר הישר", און נאָך אים קומען שנעל איינס נאָכן אַנדערן גאַנצע צענדליקע קאַבאַליסטישע ווערק, אין וועלכע עס זיינען אָן אַ שום סדר צונויפגעמישט אמת באַגייסטערטע בלעטער, פול מיט גרויסן פּאַטאָס און רייך מיט פּאָעטישע בילדער, צוזאַמען מיט ווילדע השבעות, משונהדיקע „שמות" און אַ גאַנצן תוהו־ובוהו פון אומ־פאַרשטענדלעכע ווערטער און רמזים [2].

„און גאָט האָט געזאָגט דעם שליח זכריהו: „הייב אויף דיין שטים, נעם די פעדער אין האַנט און גיב אַלעמען צו וויסן גאָטס וואָרט!" און גאָט איז געווען מיט אים, און זכריהו האָט אַלץ פאַרשריבן, וואָס גאָט האָט אים באַפוילן" (דאָרטן, ז' 76).

ניט נאָר מיט דער האַנט האָט ער געשריבן, דער דאָזיקער מיסטי־קער, וואָס זיין נשמה האָט זיך געטראָגן אינם ווילדן ווירבל־ווינט פון פאַנטאַסטישע חלומות, נאָר אויך מיטן בלוט פון זיין האַרצן. „וואָס ס'ווערט אין האַרצן געבוירן, ווערט מיט דער פייערדיקער שריפט און פלאַם-ברענענדיקער פעדער אויף דער וועלט געבראַכט... אימהדיק און שרעקלעך איז די מאַכט פון דער פעדער, די טינט — איז בלוט, גאָטס נאָמען לעבט אין איר און יעדער טראָפּן פון דעם געבענטשטן זאַפט זע־טיקט די ערד, באַפרוכפּערט די וויסטעניש..." [3].

אָט דאָס דאָזיקע בילד, ווי טויטע בלעטער באַקומען לעבן דורך טינט און פעדער, ווערן באַפרוכפּערט מיטן בלוט פונם האַרצן און דעם זאַפט פון די נערוון, חזרט זיך אָפּטמאָל איבער ביי אבולפיהן. אין זיין נבואה-בוך „האות" דערציילט ער אונז:

„גאָט האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: אָט איז דיין נשמה, און איר נאָ־מען איז — בלוט; און טינט הייסט דער גייסט, וואָס לעבט אין דיר!.. ווי נאָר איך האָב דערהערט דעם גרויסן אונטערשייד צווישן מיין נשמה און

---

1 „בית המדרש", III, XLI.

2 אַבולפיה גופא וויזט אָן („פילאָזאָפיע אונד קאַבאַלאַ", 23), אַז ער האָט פאַר־פאַסט 26 קבלה-ספרים און 22 ספרי-נבואה. דאָס רוב פון זיי איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ טייל פון אַבולפיהס ליטעראַרישער ירושה האָט פאַרעפנטלעכט יעלינעק.

3 „דינים ודברים מחדש לבי בקרבי ובמכתב אש יכתבם בעט שלהבת. נורא ואיום כח העט, והדיו דם, שמי בקרבי נטפי טלו משקים הארץ ומלחלחים יבשה" (דאָרטן, 75).

מיין גייסט — בין איך פול געוואָרן מיט פרייד און אנטציקונג... דעמאָלט האָב איך באַגריפן, אז מיין נשמה טראָגט די פאַרב, וואָס געהער צו איר נאַטור — רויט איז זי ווי בלוט, און אויך מיין גייסט איז אַזוינער, ווי ער דאַרף זיין — שוואַרץ איז ער ווי טינט. און גרויס איז געווען אין מיין האַרצן די מלחמה צווישן בלוט און טינט... און טינט האָט גובר גע־ווען דאָס בלוט, און דער שבת האָט גובר געווען דעם אומדערוואָכן" [1].

אבולפיה האָט אָבער א טעות געהאַט; זיינע ספרי־נבואה האָבן קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען. דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט אָנערקענען דעם נייעם „נביא", זיינע ברידער האָבן זיך מיט עקשנות אָפּגעווענדט פון דעם „שליח". „די אומגליקלעכע, צו וועלכע ער איז געשיקט געוואָרן, די וועל־כע ער האָט געוואָלט אויסלייזן — האָבן אים ניט געוואָלט אָנערקענען, און אים באַגעגנט מיט שפּאָט און געלעכטער. די לעצטע שעה איז שוין געקומען, אויפגעוועקט דאַרפן אַלע ווערן פונם שלאָף פון פינסטערניש און דעם דרעמל פון אומוויסן, עס קומט דער טאָג פון גאולה פאַר דעם אויס־דערווייל־טן פאָלק — און קיינער האָט ניט דערוואַכט, קיינער וויל ניט וויסן וואָס ס'קומט פאָר!" [2].

אבולפיה פאַרלירט אָבער ניט דעם מוט. וויל זיין אייגן פאָלק ניט הערן, וועט ער דער גאַנצער וועלט מודיע זיין וועגן זיין שליחות, אָנזאָגן דעם אמת, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים. ער וועט אַלע פעלקער אָנ־זאָגן די בשורה: עס קומט דער טאָג פון דער גאולה און באַלד וועט זיך פאַר דער גאַנצער וועלט אַנטפּלעקן גאָטס אומענדלעכע פּראַכט. בכדי צו ווירקן אויף דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, צוציען צו זיך איר אויפמערק־זאַמקייט, האָט ער די לערע פון די צען ספירות צונויפגעשמאָלצן מיט דער קריסטלעכער דאָגמע וועגן דריי־איינקייט. „גאָטס נאָמען — דערקלערט אבולפיה — באַווייזט דעם עצם פון איינקייט אין דרייפאַכער געשטאַלט. נאָר די דרייהייט איז די פולשטענדיקע איינהייט" [3].

---

1 גרעץ־יובלשריפט, 81.

2 יאַרטן, 79.

3 „יש לו יתברך שם מיוחד מורה על עצם אחד שהוא ג"כ משולש השלוש הוא אחד". אין אַן אַנדער ווערק דערקלערט אבולפיה:

וקם נביא בחיר האל, ופתח לשבח לגוזר מאמרות
ולא זכר שבחיו רק שלשה, והניח ולא פקד עשרות
אצפה מענה מאל אמרות, ואמרותיו אמרות הטהורות.

דערביי מוז אָבער אויך אָנגעמערקט ווערן, אז צו קריסטן האָט אבולפיה זיך פאַר־האַלטן מיט שנאה און פאַראַכטונג. לאַנדויער ציטירט („ליט.־בל. ד. אָריענטס", 1845, 590) פאָלגנדיקע שטעלע ביי אבולפיהן: „אני רזיאל בן שמואל מכיר הברכה והקללה, מכיר ממזר בן הנדה, מכיר ישו ומחמד".

אין 1280 לאָזט זיך אַבולפיה אוועק קיין רוים, געטראָגן פון דעם פאַנטאַסטישן געדאַנק איבערצוצייגן אין זיין געטלעכער שליחות דעם הויפּט פון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט, דעם פּויפּסט ניקאָלאַי דעם דריטן. עפּעס דורך אַ נס איז אונזער בעל־חלומות געלונגען ראַטעווען זיין לעבן און פאַרלאָזן רוים נאָך דעם, ווי ער איז אָפּגעזעסן אַ חודש אין תפיסה [1]. ער איז אוועק קיין סיציליע און אין דער הויפּטשטאָט פּאַלערמאָ איז ער ארויסגעטראָטן מיט פייערדיקע דרשות וועגן זיין „שליחות". זיין פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט האָט שטאַרק באַאומרויִקט די אָרטיקע רבנים און די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה. זיי האָבן זיך אָנגעפרעגט ביים באַדייטנדיקסטן שפּאַנישן רב פון יענער צייט, ביים רשב״א (ר' שלמה בן אדרת), ווי זיי דאַרפן זיך פאַרהאַלטן צו די „נביאישע" פּרעדיקן פון דעם דאָזיקן מיסטיקער. דער רשב״א איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון אַבולפיהן, און האָט געזען אין זיין מיסטישער טעטיקייט אַ גרויסע געפאַר פאַרן יידישן קיבוץ; ער האָט דערפאַר גלייך געשריבן קיין סיציליע, זיי זאָלן זיך זייער היטן פאַר דעם דאָזיקן „פאַלשן משיח", דעם „נידערטרעכטיקן מענטשן", געפערלעכן „ליגנער" און „פאַרפירער" [2]. נאָך אַזאַ תשובה האָט מען שוין אָנגעפאַנגען שטאַרק צו רודפן אַבולפיהן. איינער פון זיינע חסידים [3] באַקלאָגט זיך, ווי אַזוי מען האָט דעם „נביא" אַריינגעזעצט אין תפיסה און צוגענומען זיין גאַנץ פאַרמעגן, אפילו זיינע ספרים זיינען אַריין אין די הענט פון די „רויבער".

די רדיפות האָבן נאָך מער געשטאַרקט אין אַבולפיהן דעם גלויבן, אַז ער איז טאַקע גאָטס „שליח", וואָס מוז ליידן פאַר די זינד פון דער וועלט. „גאָט האָט געשיקט — דערקלערט אַבולפיה — צו זיין פאָלק דעם גואל, וואָס זאָל פאַרהיילן דעם פאָלקס טיפע ווונדן, און פאַר זיינע חכמים און געלערנטע אַנטפּלעקן גאָטס הייליקן נאָמען. שטאַרק קראַנק זיינען

---

1 אַ פאַנטאַסטישע באַשרייבונג, ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פון דעם שייטערהויפן, גיט אַבולפיה אין זיין ווערק „ספר העדות" (די באַשרייבונג איז פאַרעפנטלעכט אין „מאָנאַטסשריפט", 1887, 558).

2 „אותו הנבל שם רשעים ירקב, אותו אברהם ששם עצמו נביא ומשיח בסיציליאה ופתה בכזביו כמה מבני ישראל... ולבלי הטות אוזן קשבת לכל הוזה מסית ומדיח" (שו״ת רשב״א, נומ' 548).

3 דעם רמב״נס תלמיד, שלמה בן יצחק, ער באַזינגט אַבולפיהן אין פאָלגנדיקע סטראָפן:

משוך נא את חסדך — לאברהם עבדך — ויודע סודך — לבל ישוב נכלם.
הלא הוא ונכסיו — ספריו עם סוסיו — והיר מכסיסיו בתוך זורם כולם.
ביד שוסים נמסר — וזה כמה נאסר — ומאכלו נחסר — וארמונו נעלם.
ראה נא את עניו — ותשביע עדיו — ויתן את פריו — ובמלאכתו ישלם.

אבער די חכמי ישראל, באדרעקט זיינען זיי מיט אזוינע געשווירן, וואס זייער גלייכן ווערן אפילו ניט דערמאנט צווישן די קללות, וועלכע זיינען באשריבן אינם ספר פון תורת משה, דעם געטלעכן מאן... און זיי זיינען אויפגעשטאנען, אט די, וואס לייקענען אין דער אמתער חכמה, די מיט געשווירן באדעקטע, און פון טויטלעכע קרענק געטראפענע — זיי לעסטערן מיט חוצפהדיקע רייד גאט און זיין געזאלבטן. אויפגעפלאמט האט דערפאר גאט אין זיין צארן קעגן די ווידערשפעניקע, וואס לייקענען אין אים, האט ער געשיקט צו זיי זיין מוכיח און שטראפער, נאר אויך אים האבן זיי מיט שפאט באגעגנט, גערודפט אים פון שטאט צו שטאט, פון לאנד צו לאנד" [1].

פארביטערט דורך די רדיפות, וואס ער איז אויסגעשטאנען, האט אבולפיה אויסגעגאסן זיין גאנצן האס און צארן אויף זיינע קעגנער — די „חכמי התלמוד" און רבנים. אויף א קליינעם, אפגעזונדערטן אינזל קומטינא (לעבן מאלטא), וווהין ער האט געמוזט אנטלויפן פון זיינע שונאים, שרייבט אבולפיה (אין 1288) זיין שוין אפט פון אונז ציטירטן ספר־נבואה „האות", דאס ערשטע יידישע בוך, אין וועלכן עס ווערט גערעדט מיט אזא אפענער שנאה וועגן די בעלי התלמוד און רבנים.

„און גאט האט אין יענע טעג געזאגט צו זכריהו: „שרייב אן דאס דאס דאזיקע בוך, אנטבלויז אין אים די גענג פון די חכמי ישראל, ווי זיי בארימען זיך מיט אלץ, וואס מיר ווערן צוממייסטן פארהאסט. זיי זאגן: וואס דארפן מיר טראכטן וועגן גאט, וואס טויג אונז געדענקען אן אים. וואס פאר א נוצן קאן אונז ברענגען, אז מיר וועלן רעכענען און ציילן זיינע הייליקע „שמות", בעסער וועלן מיר ציילן אונזער גאלד און זילבער, דאס וועט דאך געווים נוצן אונז אין אונזער לעבן" [2].

מיט דעם זעלבן האס רעדט ער אויך אין זיין אנדער ווערק „אמרי שפר" וועגן דעם „רוב פון די חכמי התלמוד", וועלכע הייסן ביי אים „נאראנים, וואס וועלן קיין תקומה ניט האבן, ווייל זיי האלטן זיך פאר גרויסע חכמים" (אוילים מתחכמים בעצמם ואין להם תקנה). די דאזיקע קאסטע (וזאת הכת) איז ביי זיך זיכער, אז זייער לימוד „איז גרעסער פון אלע אנדערע חכמות". ער, אבולפיה, ווייסט אבער, אז זייער מדרגה איז א גאנץ נידעריקע, ווייל „דער אונטערשייד צווישן דעם תלמודי און דעם, וואס איז ארייננעדרונגען אינם סוד פונם שם המפורש, איז ניט קיין

---

1 גרעץ־יובלשריפט, 78.

2 דארטן, 78.

קלענערער, ווי צווישן דעם יידישן תלמודי און דעם געלערנטן פון די אומות העולם" [1].

דער „אמרי שפר" האט אבולפיה געשריבן אינם יאר 1290. וואס ס'האט שפעטער פאסירט מיט אבולפיהן, איז ניט באקאנט. ער ווערט מיט אמאל פארשווונדן, און איינגעהילט אין טיפן סוד איז דער ווייטערער לעבנסוועג פון דעם דאזיקן אייגנארטיקן מיסטיקער.

און גראד אין דער זעלבער צייט איז פארגעקומען א געשעעניש, וואס איז פון גרעסטן באטייט ניט נאר פאר דער יידישער מיסטיק, נאר אויך פאר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער גאנצער יידישער קולטור. אויסן שוים פונם אומבאקאנטן האט זיך פלוצלונג א ריזן־ווערק אנטפלעקט, א זאמלווערק פון דער גאנצער יידיש־מיסטישער אידעען־וועלט, דער גרעסטער און גלענצנדיקסטער דענקמאל פון קבלה און מיסטישן שאפן, וואס האט זיך אנגעזאמלט אין משך פון לאנגע, לאנגע דורות... און דאס ריזן־ווערק האט זיך אויף דער וועלט באוויזן, איינגעהילט אין סוד, באקרוינט מיט וואונדערבארע אגדות. ס'איז נישט קיין בוך, נאר אן אנטפלעקונג, און אנטפלעקט האט זי זיך ניט פאר קיין פשוטן בשר ודם, נאר פאר דעם געטלעכן תנא רבי שמעון בר יוחאי. פול מיט גלאנץ איז געווען די אנטפלעקונג, דערפאר טראגט דאס וואונדערבוך דעם נאמען „זוהר".

---

[1] „ההפרש בין התלמודי ובין היודע השם המפורש כהפרש שבין התלמודי היהודי ובין הגוי המלומד" (זע יעלינעק, „פילאזאפיע אונד קאבאלא", 35, ווו עס זיינען אפגעדרוקט די ערשטע קאפיטלען פון אבולפיהס ווערק „אמרי שפר".

דריטער קאַפּיטל.

זוהר און קבלה. — משה די ליאון און זיין שייכות צום זוהר. — די פּאַר־שיידענע טיילן, פון וועלכע דער זוהר באַשטייט. — דער זוהר אַלס קאָמ־פּענדיום פון יידישער מיסטיק. — די לערע וועגן „אין־סוף“; די צען „ספירות“ און דער „צימצום“ פון דעם „אין־סוף“. — די לערע וועגן אַנ־דרוגינוס (טאָפּלגעשלעכטיקייט) אין דער יידישער מיסטיק. — די אייניקייט פון דענקען און זיין, פון דעם וואָס ס'איז מיט דעם וואָס ס'דאַרף זיין. — דער עטישער עלעמענט אין דער קבלה. — די ראָלע פון דער פּער־זענלעכקייט אינם זוהר; דער באַגריף וועגן דעם „איבער־מענטש“ (אדם עילאָה).—דער ענגער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אייבערשטער וועלט מיט דער אונ־טערשטער; „צדיק יסוד עולם“. — די סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די תּפילות.—די לערע וועגן דער נשמה; די באַשעפעניש און זייערע פאַר־בילדער; דער היכל פון ליבע.

אין סוף פון די אכציקער יאָרן פונם XIII יאָרהונדערט האָט משה בן שם־טוב די ליאון אויס דער שפּאַנישער שטאָט גוואדאלאַסקאַר, אַ פאַר־פאַסער פון פילע גאַנץ מיטלמעסיקע ספרי־קבלה [1], אָנגעהויבן צו פאַר־שפּרייטן אין פילע אָפּשריפטן דעם „מדרש הזוהר“, וועלכער איז ביז דע־מאָלט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. משה די ליאון האָט דערקלערט, אַז דעם דאָזיקן ספר האָט דורך רוח־הקודש געשריבן דער הייליקער תּנא ר׳ שמעון בן יוחאי בעת ער איז געלעגן באַהאַלטן אין דער הייל, און דערנאָך האָבן אים פאַרענדיקט זיינע תלמידים. דעם אַלטן כתב־יד זאָל האָבן געפונען דער רמב״ן בעת ער איז געווען אין ארץ־ישראל, און האָט

---

1 עס איז אינטערעסאַנט, וואָס אויך משה די ליאון איז, גלייך ווי אַברהם אַבולפיה, אין די יונגע יאָרן געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דעם רמב״ם. אין דער קאָלעקציע מאַנוסקריפּטן, וואָס האָט געהערט דעם באַראָן גינצבורג, האָט זיך געפונען אַ מורה־נבוכים־מאַנוסקריפּט פונם XIII יאָרהונדערט, וו עס געפינט זיך צום סוף פאָלגנ־דיקע צושריפט: „אני שמואל בר׳ יצחק ס״ט כיינו כתבתי זה ספר המורה להמשכיל ר׳ משה די ליאון יצ״ו, וסיימתיו יום א׳ י״ב אלול שנת „נר לרגלי דבריך“ (1264). צום אָנפאַנג און צום סוף פונם מאַנוסקריפּט געפינען זיך לויבגעזאַנגען וועגן דעם רמב״ם און זיין „מורה“. ווען משה די ליאון איז געשטאָרבן איז נים פעסטגעשטעלט. זע וועגן דעם ג. שלום׳ס אַרטיקל אין „מדעי היהדות“, I.

אים איבערגעשיקט זיינע אייגענע קיין קאַטאַלאָניע, און פון דאָרט איז ער איבערגעגאַנגען צו אים, משה די ליאון, אין די הענט.

די פראַגע וועגן דער אַנטשטייונג פונם זוהר, וואָס איז אין משך פון לאַנגע דורות געווען אַזוי געהייליקט ביים פאָלק, איז נאָך עד-היום ניט אינגאַנצן געלייזט. אין דער השכלה־צייט האָט דעם אָביעקטיוו־וויסנ־שאַפטלעכן אויספאָרשן די דאָזיקע פראַגע פיל געשטערט די שנאה, מיט וועלכער די משכילים האָבן זיך פאַרהאַלטן צו דער מיסטיק בכלל און דער חסידות בפרט. אפילו אַזאַ אָנגעזעענער געלערנטער פון דער השכלה־תקופה, ווי דער געשיכטע־פאָרשער גרעץ, אַטעסטירט דעם זוהר אַלס „ליגנבוך", וועלכעס ס'האָט געשריבן דער „פאַלסיפיקאַטאָר" און „שאַר־לאַטאַן" משה די ליאון, בכדי אויסצונאַרן ביים עולם וואָס מער געלט[1].

עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז נ י ט משה די ליאון, דער מיטלמעסיקער שריפטשטעלער, מיט זיין פּראָזאַישן בלאַסן סטיל, איז דער פאַרפאַסער פון דעם אויסערגעוויינלעכן ווערק[2], אין וועלכן ס'זיינען אַזוי אייגנאַרטיק צונויפגעפלאָכטן נאַיוו־קינדישע איינפאַלן און ווילדער אָבערגלויבן, מיט אַ טיף פילאָזאָפישער פאַנטאַסטיש געבויטער וועלט־אַנשויונג, געטראָגן אויף די מעכטיקע פליגלען פון דער ריזיקער באַגייס־טערונג און פאַרקערפּערט אין פילפאַרביקע, אָריענטאַלישע, אמת פּאָע־טישע בילדער און סימבאָלן. עס איז אויך קלאָר, אַז דער זוהר איז ניט

---

[1] גרעץ טרעט צו צו דער זוהר־פראַגע ניט אַלס פאָרשער, נאָר אַלס פּאָלע־מיקער. אָט זיינען אַ פּאָר ציטאַטן פון גרעצס „וויסנשאַפטלעכער" פּאָלעמיק קעגן דער קבלה און דעם זוהר, וועלכע זיינען אים געווען זייער פאַרהאַסט: „די צווייטראַכט איסט די בוטער דיעזער אונהיימליכען געבורט" („געש. ד. יודען", ב. VII, ז' 74). „ער (דער רמב"ן) האַט דיע קבלה אויסעראָרדענטליך געפערדערט אינדעם ער זיע מיט זיינער אויטאָריטעט דעקטע, אונד האַט עבען דאַדורך צור פערדונקעלונג אונד ערקיטטערונג דעס יודענטומס דאַס זייניגע בייגעטראַגען" (דאָרטן, 56). „דיעזע פיער קאַבאַליסטען ערשטען ראַנגעס... איסאַאַק אבן לאַטיף, אַבראַהאַם אַבולאַפיאַ, יוזעף גיקאַטילאַ אונד מאָזעס די ליאון... האַבען דאַס גייסטערליכט דאַס דיע קראַפטמעננער פון סעדיה ביז מיימוני אינערהאַלב דעס יודענטומס חעללייכטענד געמאַכט, מיט דעם דיסטער איינעס וויסטען ווירוואַררס פערדונקעלט, אונד אַן דיע שטעלע איינעס געלויטערטען גאָטעסגלויבענס פאַנטאַסטישע, יאַ — גאָטעסלעסטערליכע חאהנגעבילדע געזעצט. די פאַרפינסטערונג דער פאָלגענדע יאַהרהונדערטע אין דער יודענהייט איסט צום גראָסען טייל איר ווערק. זיא האַבען אירע צייט אונד דיע נאַכוועלט דורך געפליסענטליכעס אָדער אונאַבזיכטליכעס גיקעלווערק אין די אירע געפירט, אונד דיע שאַדען דיע זיע דער יודענטום בייגע־בראַכט, זינד נאָך ביז אויף דען הייטיגען טאַג פיהלבאַר" (דאָרטן, 220).

[2] נאָר אין דער לעצטער צייט האָט זיך מיט דער דאָזיקער פראַגע ספּעציעל פאַרנומען דער קבלה־פאָרשער ג. שלום. זע זיין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, אויך אין „קרית ספר", VI, 109.

קיין איינהייטלעך בוך, געשריבן פון איין פעדער, געשאַפן פון איין גוס. אייניקע חלקים פונם זוהר, ווי דער „ספרא דצניעותא“, „אידרא רבא“ און „אידרא זוטא“, זיינען ווארשיינלעך שוין זייער אַלט און זייער היימאַט איז געווים דאָס לאַנד, ווו עס איז געשטאַנען די וויג פון דער יידישער מיסטיק — פאָדער־אַזיע[1]. עס איז אויך מעגלעך, אַז די דאָזיקע מיסטיש־ע קונטרסים האָט די פאָלקס־מסורה ווירקלעך פארבונדן מיטן פאַ־פולערן נאָמען פון שמעון בר יוחאי, דעם באַליבטן העלד פון פילע מיס־טישע ווערק[2]. צי זיינען די דאָזיקע קונטרסים ווירקלעך איבערגעשיקט געוואָרן פון פאָדער־אַזיע קיין שפאַניע דורך דעם רמב״ן, צי דורך אַנ-דערע הענט, דאָס איז נאַטירלעך שווער פעסטצושטעלן, און עס איז אויך בכלל נים וויכטיק. עס איז אויך קיין ספק ניט, אַז פילע בלעטער פונם זוהר, ווי דאָס האָט שוין אין זיין צייט פעסטגעשטעלט לאַנדויער[3], געהערן אברהם אַבולפיה. משה די ליאון איז העכסט ווארשיינלעך געווען בלויז דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט באַארבעט און אויפסניי רעדאַקטירט דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. ביי איצטיקער צייט איז אָבער שווער צו באַקומען אַ קלאָר בילד וועגן דער דאָזיקער רעדאַקטאָרישער אַרבעט פון משה די ליאון, ווייל דער טעקסט פונם געדרוקטן זוהר אונטערשיידט זיך זייער פון דעם טעקסט, וועלכן משה די ליאון האָט בשעתו פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט. אין די שפּעטערדיקע דורות האָט מען פילע שטעלן אַרויס־געוואָרפן, נייע אַריינגעשטעלט, און ביז איצט האָט מען זיך נאָך ניט געגעבן די מי קריטיש צו פארגלייכן דעם געדרוקטן טעקסט מיט די אַלטע מאַנוסקריפּטן.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז דער זוהר איז דער „כל בו“, דער קאָמפּענדיום פון יידישער מיסטיק, אין וועלכן עס זיינען צונויפגעזאַמלט אַלע מיסטישע עלעמענטן, וואָס האָבן וועגן געפונען אַ ליטעראַרישן אָפּ-קלאַנג אין דער יידישער סביבה זינט די אסיים און גנאָסטיקער ביז די פיל שפּעטערדיקע דורות. לויט דעם זוהרס וועלטאַנשויונג איז די „עילת העילות“, די אַבסאָלוטע און איינציקע אור־ערשטע סיבה — העכער

---

1 א. פראַנק אין זיין „לאַ קאַבאַלאַ“ שטרייכט באַזונדערס אונטער די השפעה פון פאַרסיזם (זע דאָס צים. ווערק 200—283; מיר ציטירן נאָך יעלינעקס דייטשע אי־בערזעצונג).

2 למשל: תפילות ר׳ שמעון בן יוחאי, נסתרות ר׳ שמעון בן יוחאי, מכילתא דר׳ שמעון בן יוחאי.

3 אין „ליטעראַטורבלאַט דעם אָריענטס“, 1845, 178 א״וו. לאַנדויער איז אָבער באַגאַנגען דעם טעות, וואָס ער האָט גערעכנט, אַז אַברהם אַבולפיה איז דער פאַרפאַ־סער פונם גאַנצן זוהר. אין דעם זעלבן טעות פאַלט אויך אַריין שמעון בערנפעלד („דעת אלהים“, 378).

פון וועלכן ס'איז באַגריף און דערקלערונג. די שאַפנדיקע אור־ערשטע קראַפט, לערנט דער זוהר, איז די אַבסאָלוטע אומענדלעכקייט („אין־סוף"), די אומפאַרטייליקע איינציקייט. אויסדריקן איר עצם מיט וועלכן ס'איז נאָמען איז אוממעגלעך — זי איז העכער פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. גאָט, דאָס איז אוניווערסאַל נעגאַטיווע, דער אומבאַגרע־נעצטער „ניין" (אַיִן), ווייל, דערקלערט דער זוהר, מיר ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט, און עס קאָן ניט דערגרונטעוועט ווערן, אין וואָס זיין עצם באַשטייט [1].

אין דעם „אין־סוף", אין דער אַבסאָלוטער איינציקייט, וואָס איז אויסער יעדע פאָרם, זיינען פאַרבאָרגן אַלע אומענדלעכע מעגלעכקייטן פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע שאַפונגס־קרעפטן, און אַלע אַנצאָליקע פאָרמען פון זיין און ווערן. דער פאַרבינדונגס־רינג, די פאַרמיטלונג צווישן דעם פאַר־הוילענעם אומענדלעכן און דעם באַגרענעצטן זיין זיינען די צען „ספירות" אָדער „מידות" — די ערשטע אַנטפּלעקונג פון דעם באַשעפער. די דאָזיקע „ספירות", וואָס זיינען בלויז פאַרשיידענע אָפּשפּיגלונגען פון איין און דעם זעלבן ליכט, וואָס ס'שטראַלט אויס דעם „עילת העילות" — זיי אַלע צוזאַמען זיינען דאָך ניט די פולשטענדיקע אָפּבילדונג פון דעם אַבסאָלוט־אומענדלעכן, זיי זיינען בלויז די אָפּשפּיג־לונג פון זיין צוזאַמענגעשרומפּטן ליכט („צימצום"), ווייל גאָר אין דער פאָרם קאָן זיך דער אומענדלעכער אַנטפּלעקן. לויט אבן גבירולס פילאָ־זאָפישער וועלטאַנשויונג, באַשטייט דער גאַנצער וועלטאַל מיט אַלע זיינע גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקע ערשיינונגען — פון דער הזדווגות, פונם צוזאַמענבאַהעפטן צווישן שטאָף (יסוד) און פאָרם (צורה) אין אַלע מעג־לעכע פאַרהעלטענישן און גראַדן. דער יסוד, דאָס איז לויט גבירולס באַ־גריף דער פּאַסיווער טייל, וואָס נעמט אויף די השפּעה; די צורה, — איז דער אַקטיווער טייל, וואָס איז משפּיע. דער אייגענער גרונד־געדאַנק חזרט זיך אויך איבער אינם זוהר: אַלץ, וואָס ס'איז, באַשטייט אויס באַ־העפטונג פון צוויי עלעמענטן — דעם אַקטיוון „מענלעכן" און פּאַסיוון „ווייבלעכן" [2]. דורך דעם זיווג פון די צוויי עלעמענטן אַנטשטייען ניט

---

[1] זוהר, III, דף רפח, עמ' ב' (מיר ציטירן נאָך דער מאַנטווער אויסגאַבע, איבערגעדרוקט אין אַמסטערדאַם, 1728).

[2] „כלא אתקיים בדכר ונוקבא" (זוהר, III, דף רץ, עמ' א'). „קיין זאַך האָט ניט געקאָנט עקסיסטירן, דערקלערט דער זוהר (III, 292), ביז דער אייביקער האָט זיין געשטאַלט אַנטפּלעקט, די געשטאַלט, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פונם מענלעכן און ווייבלעכן" (עד דאתתקן עתיקא קדישא ואתתקן בדכר ונוקבא). צו דעם דאָזיקן גע־דאַנק ווענן טאָפּלגעשלעכטיקייט, ווענן דעם אויסשטראָמען אויס דעם „עילת העילות",

בלויז די מאטעריעלע ערשיינונגען, נאר אויך די וועלט פון רוחניות און פון אלע גייסטיקע פארשטעלונגען. אט די עלעמענטן מיט אלע פון זיי שטאמענדיקע ערשיינונגען בילדן דעם גאנצן וועלטאל אין פארם פון איין אומענדלעכער קייט, וועלכע באקומט מיט יעדן ווייטערדיקן רינג אלץ מער פארגרעבטע פארמען, ווערט אלץ מער גשמיות, וואס גרעסער עס ווערט די מחיצה צווישן איר און דעם מקור פון ליכט און לעבן — דעם באשעפער פון אלץ וואס עקסיסטירט.

די ערשטע און העכסטע אצילה (עמאנאציע, אויסשטראלונג) פון דעם „אין סוף" הייסט אינם „זוהר": כתר (כתרא עילאה), ווייסער קאפ (רישא חיוורא), אויך ערשטער אדער פשוטער פינטל (נקודה ראשונה און נקודה פשיטא). „אז דער פארבארגנסטער פון אלע פארהוילענע האט זיך אנטפלעקן געוואלט, האט ער קודם־כל באשאפן די נקודה, דעם פינטל" [1]. די דאזיקע ערשטע געטלעכע אצילה „איז דער מקור, וואס פון אים פליסט ארויס דאס אומענדלעכע ליכט... נאר זי אליין האט נאך ניט קיין בילד און קיין פארם". אויס דעם „כתר", אין וועלכן עס זיינען שוין פארבארגן בכוח אלע אנדערע ספירות, שטראלט אויס די צווייטע ספירה „חכמה", וועלכע טראגט אויך דעם נאמען „אבא" (פאטער), ווייל זי איז דער „פאטער", דער אקטיווער, באפרוכפערנדיקער עלעמענט פון דעם גאנצן זיין. צוזאמען מיט דער חכמה שטראלט אויס פון דעם כתר אויך

דעם תמצית פוןביידע עלעמענטן, דעם מענלעכן און ווייבלעכן, וואס פארנעמט דעם צענטראלן ארט אין דעם זוהר — באגעגענען מיר אויך ביי אבולפיהן און כמעט ביי אלע עלטערע מיסטיקער. לויט אברהם אבולפיה זיינען די דריי טיפסטע און דערהויבנסטע וועלטרעטענישן: די „סתרי בראשית", די „סתרי מרכבה" און דער סוד פון זיווג (אין דער פארעדע צו „חיי עולם הבא": „כי סתרי עריות וסתרי בראשית וסתרי מרכבה הם ענינים עליונים מאוד"). אין דעם זעלבן ווערק חייזט אויך אבולפיה אן, אז אין דעם „שם המפורש" איז פארבארגן דער סוד פון דעם מענלעכן און ווייבלעכן (זה שם המפורש הוא ראשית לכל השמות והתחלה לכל הנבראים בעליונים ובתחתונים וסוד זכר ונקבה בראם). דער געדאנק וועגן דער געטלעכער טאפלגעשלעכטיקייט, וועלכן ס'האבן ארויסגעזאגט פילע גנאסטיקער, ווערט ביי חזקיאן אויסגעבויט אין א גאנצער סיסטעם; ער חזרט זיך אויך אפט איבער ביי די בעלי־התלמוד. „אלץ, וואס גאט האט אין זיין וועלט באשאפן, האט ער עס באשאפן דורך דעם מאן און דער פרוי" (בבא בתרא, דף עד, עמ' ב'). „גאט וואט באשאפן דעם מענטשן אויס דעם שטויב פון דער ערד: דער שטויב (עפר) דאס איז דאס מענלעכע, די ערד (אדמה) — דאס ווייבלעכע". מען דארף אויך געדענקען, אז דער געדאנק וועגן גאטס טאפלגעשלעכטיקייט פארנעמט א בכבודיקן ארט ביי אייניקע גריכישע דענקער (קסענאקראט א"א) און אויך ביי די סטאיקער.

1 זוהר, I, דף ב' עמ' א: „בשעתא דסתימא דכל סתימין בעא לאיתגלייא עבד ברישא נקודה חדא". דעם זעלבן נאמען (נקודה ראשונה) טראגט אויך די ערשטע אצילה ביי יצחק אבן לאטיף אין זיין „שער השמים", וועלכן ער האט פארפאסט אין 1244.

די „ווייבלעכע״ ספירה, בינה, וועלכע הייסט אויך די „אור־מוטער״, די מאמע פון אלעם זיין (אמא עילאה). אט די דאזיקע צוויי ספירות אלס ערשטע טרעגער פון דעם מענלעכן און ווייבלעכן זיינען דער מקור פון אלץ וואס ס׳איז. זיי זיינען די צוויי עקסטרעמען, די צוויי שארפסטע קעגנזאצן (די טעזע און אנטיטעזע), וואס גיסן זיך צונויף אין א האר־מאנישער גאנצקייט אין זייער אלגעמיינעם קוואל — אין דעם „כתר״ [1], מיט וועלכן זיי בילדן צוזאמען דער ערשטן דרייבונד, וואס ער נעמט ארום די העכסטע ריין גייסטיקע וועלט, דעם עולם השכל אדער דעם עולם המושכל. די דאזיקע דריי ערשטע ספירות בילדן לויט דעם זוהר א פול־שטענדיקע אייניקייט. דאס, וואס צעפאלט אין דער פשוטער וועלט אין דריי באזונדערע טיילן: דער דענקענדיקער, דאס דענקען און די ערשיי־נונג, וואס ווערט באטראכט פון דעם דענקענדיקן — זיי אלע גיסן זיך צו־נויף אין דער גאטהייט אין איין גאנצקייט, זיי זיינען איינס און דאס זעלבע [2]. דער זוהר דריקט דא אויס דעם זעלבן געדאנק, וועלכער ס׳האט פיל שפעטער פארנומען אזא בכבודיקן פלאץ אין דער דייטשער אידעא־ליסטישער פילאזאפיע: די לערע וועגן פולשטענדיקער גלייכהייט צווישן דענקען און זיין, צווישן דעם אידעאלן און רעאלן (Identität des Denkens und Sein, des Idealen und Realen) [3].

נאך די ערשטע דריי ספירות גייט דער צווייטער דרייבונד (טריאדע), וואס נעמט ארום די מאראלישע וועלט — עולם הנפש, וואס איר פאר־קערפערטער סימבאל איז דאס הארץ. פון דעם געטלעכן געדאנק שטראַ־מען ארויס צוויי ספירות: די מענלעכע „גדולה״ און די ווייבלעכע „גבורה״, און זיי ביידע פאראייניקן זיך אין דער דריטער ספירה — „תפארת״ (שיינקייט). „שיינקייט — לערנט אונז דער זוהר (אין דעם „אידרא זוטא״) — דאס איז די העכסטע אנטפלעקונג פון מאראלישער

---

[1] לויט דער אויפפאסונג פון דעם זוהרס מפרשים פאראייניקן זיך די צוויי ספירות חכמה און בינה ניט דירעקט אין דעם כתר, נאר אין זיין אפשפיגלונג „דעת״, וועלכע ווערט ניט גערעכנט אלס באזונדער ספירה. זע וועגן דעם משה קארדאווערא אין זיין „אור נערב״, 6טע אפטיילונג, ערשטער קאפיטל: „צריך שידע שאין הדעת הנזכרת ספירה״. זע אויך זיין „פרדס רמונים״, 3טע אפטיילונג, קאפ׳ 8.

[2] א דיכטער פון דער שפעטערער תקופה, דער בעל „עומר השכחה״, דריקט אויס דעם דאזיקן געדאנק אין פאלגנדיקע סטראפן:

והשכל והמשכיל והמושכל — בבן אדם אשר דעתו חלושה
בשכלו הוא יהי משכיל לעצמו — ומושכלו הלא המה שלשה
ואחד היא בלי פירוד וחידוש — בחוק הציר אשר לו הקדושה.
(„עומר השכחה״, 122, עמ׳ א׳)

[3] זע ביילאגע, נומ׳ 2.


א״ס
כתר
בינה
חכמה
גבורה
גדולה
תפארת
הוד
נצח
יסוד
מלכות

שלמות אין לעבן, זי איז ווי די זון, וואָס באַלייכט מיט אירע שטראַלן אַלע אויף דער ערד, און אָן איר וואָלט אַלץ געווען איינגעזונקען אין שוואַרצע חשכות". דער דריטער דרייבונד נעמט אַרום די רעאַלע נאַטירלעכע וועלט (עולם הטבע, אָדער עולם המורגש). די מענלעכע און ווייבלעכע ספירות — "נצח" און "הוד" — גיסן זיך צונויף אין זייער פאַראייניקנדיקן פרינציפ — "יסוד". די צענטע ספירה — "מלכות", איז דער רינג, וואָס פאַרבינדט די דריי ספירות־גרופן, דעם "עולם האצילות", מיט די דריי רעאַלע וועלטן, ווו די ספירות באַקומען ערשט די מעגלעכקייט זיך צו אַנטפּלעקן אין קאָנקרעטע באַגרענעצטע פאָרמען. די דאָזיקע דריי וועלטן הייסן אין זוהר: 1) עולם הבריאה — די וועלט פון אַקטיוו־שאַפנדיקע אידעען, 2) עולם היצירה — די וועלט פון געשאַפענע פאָרמען און 3) עולם העשיה — די וועלט פון שאַפנדיקער מאַטעריע, אָדער די וועלט פון טאָן און שאַפן [1].

ווי נאָר מיר גייען איבער צו דער רעאַלער וועלט, טרעט גלייך גאַנץ בולט אַרויס איינער פון די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן אינם זוהר — דער עטישער מאָמענט, וועלכער פאַרנעמט אינם זוהר אַ פיל באַדייטנדערן אָרט, ווי דער ריין פילאָזאָפישער. דאָס גאַנצע סיסטעמלאָזע און אַזוי פאַרשיידנאַרטיק געבויטע ווערק פאַראייניקט איין גירעקער וונטש, וועלכער ציטערט און לעבט אין יעדן בלאַט פונם זוהר — דאָס איז דאָס אומרויִקע שטרעבן פון דעם הייסגלויביקן און שטאַרק ליבנדיקן

1 אין די אַלטע זוהר־מאַנוסקריפּטן ווערן אויך די צען ספירות אויסגעמאָלט אין פאָרם פון אַן "אילן" (אַ בוים). די מענלעכע ספירות, וואָס געפינען זיך אַלע אויף דער רעכטער זייט — הייסן סיטרא דימינא, די ווייבלעכע — סיטרא דשמאלא, און די סינטעטיש־פאַראייניקנדיקע ספירות, וועלכע געפינען זיך אין דער מיט - עמודא דאמצעיתא. מער באַריכות וועגן דעם זע: "פרדס רמונים", אָפּטיילונגען VII — VIII. דער זוהר אונטערשיידט אויך די ספירות נאָך זייערע פאַרבן. שוין ביי גבירולן אין זיין "תקון מדות הנפש" געפינען מיר רמזים אויף פאַרבן־מיסטיק, בעת ער רעדט וועגן פאַרשיידן געפאַרבטע גייסטיקע אייגנשאַפטן (ומה נפלאו דברי הפילוסופים בחוש העין באמרם לנפש צבועים רוחניים והן נראין בתנועת עפעפי עין). די זעלבע טעמע באַרירט אויך עזריאל אין זיין "פירוש עשר ספירות", אָבער ערשט אין זוהר ווערט עס סיסטעמאַטיש ווייטער אַנטוויקלט. דאָרט האָט יעדער ספירה — איר אייגענעם קאָליר. די ערשטע ספירה, דער "ווייסער קאָפּ", הייסט אויך דאָס בלענדנדיק ווייסע ליכט (אור צח, אור מצוחצח), די ספירה "דין" — איז ריק־רויט, די ספירה תפארת — איז פורפור, די ספירת מלכות — האָט די פאַרב פון אַ סאַפיר און שימערירט מיט אַלע מיני פאַרבן. דער באַוווסטער בעל־קבלה אויס דעם XVI יאָרהונדערט, משה קאָרדאָוועראָ, ווידמעט דער דאָזיקער פראַגע אַ ספעציעלע אָפּטיילונג אין זיין הויפּטווערק "פרדס רמונים" (די דאָזיקע אָפּטיילונג הייסט "שער הגוונים") און קערט זיך אום צו דער זעלבער פּראָבלעם אין זיין צווייט ווערק "אור נערב" (פערטע אָפּטיילונג, קאַפּ' 4).

הארץ, צו געפינען דאס רעטעניש פון דעם לעבן, וואס איז אזוי פול מיט רישעות און שרעק, אויפדעקן און באגרייפן דעם עטישן תמצית, וואס ליגט פארבארגן אינם סוד פון דער וועלט...

מיר האבן שוין פריער אנגעמערקט, אז אין דער אראבישער איבער־זעצונג פון דעם קדמונישן ווערק „טעאלאגיע", וואס מען האט על־פי טעות גערעכנט, אז אריסטו איז זיין פארפאסער, טראגט די ערשטע געט־לעכע אויסשטראלונג (עמאנאציע) דעם נאמען „האדם העליון" — דער אייבער־מענטש [1]. אט דער דאזיקער אבסטראקטער באגריף, אין וועלכן עס פילט זיך די השפעה פון פילונס לערע וועגן דעם „הימלשן מענטשן" און פון אפלטונס „אידעען"־לערע — ווערט אינם זוהר פארקערפערט אין גאנץ אייגנארטיקע פארמען. „די ערדישע וועלט — לערנט דער זוהר — איז באשאפן געווי נאכן מוסטער פון דער אייבערשטער וועלט, אלץ וואס ס'עקסיסטירט דארט אויבן, האט זיין אפשפיגלונג דא אויף דער ערד, און אלץ איז צוזאמען איין גאנצע זאך" [2]. די פאראייניקונג פון אלע צען ספירות, דורך וועלכע עס אנטפלעקט זיך דער אין־סוף, טראגט אינם זוהר דעם נאמען „אדם קדמון" אדער „אדם עילאה", ד"ה דער מוסטער, דאס פארבילד אדער די „אידעע" פונם מענטשן. אט דער אבסטראקט־מעטאפיזישער באגריף באקומט אבער אינם זוהר קאנקרעט מענטשלעכע, רעאל־עטישע פארמען. „די געשטאלט פונם מענטשן — לערנט דער זוהר — איז דער מוסטער פאר אלץ, וואס עקסיסטירט אין די הימלען און אויף דער ערד. דערפאר טאקע האט גאט־ברוך־הוא אים באשאפן לויט זיין בילד". „קיין שום געשטאלט און קיין שום זאך האט ניט געקאנט עקסיסטירן, כל־זמן דעם מענטשנס געשטאלט האט נאך גע־פעלט, ווייל די דאזיקע געשטאלט טראגט אין זיך אלע אנדערע געשטאלטן, און אלץ וואס עקסיסטירט — עקסיסטירט נאר אין איר זכות: וואלט זי ניט געווען, וואלט אויך קיין שום וועלט ניט געווען".

ווייל דער זוהר גייט ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז קיין זאך אין דער וועלט גייט ניט לאיבוד [3], און אלץ איז „פאראייניקט אין גאט" (הכל בו), קומט ער לאגיש דערצו, אז ער מוז לייקענען אין דעם באקאנטן

1 זע הרבבי, „הדשים גם ישנים", X, 17; מונק, 258, Melanges.

2 זוהר, II, דף כ׳ עמ׳ א׳: „ועשה העולם הזה כנגד העולם של מעלה וכל מה שיש למעלה כדוגמתו למטה... והכל אחד".

3 זוהר, II, דף ק׳ עמ׳ ב׳: „קיין זאך אין דער וועלט גייט ניט אינגאנצן פאר־לוירן, אפילו דער אטעם, וואס גייט פונם מענטשנס מויל ארויס; ווי יעדע אנדערע דער־שיינונג האט אויך ער זיין באשטימטן צוועק („ואפילו מלה דבר־נש ואפילו קלא לא הוי בריקנייא ואתר ודוכתא אית להו לכלא").

כלל, אז די וועלט איז פון „גאָרנישט" געשאַפן (בורא יש מאַין). לויט דעם זוהרס וועלטאַנשויונג דאַרף מען אונטער דעם וואָרט „אַין", פון וועלכן די וועלט איז באַשאַפן, פאַרשטיין דעם „אין־סוף", די העכסטע שעפערישע קראַפט, וואָס איז דאָך פאַר אונז דאָס אַבסאָלוט נעגאַטיווע, דאָס אומבאַגרייפלעכע „אַין".

די איצט עקסיסטירנדיקע וועלט—דערקלערט דער זוהר—איז אָבער נים די ערשטע וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן; פאַר דער וועלט האָבן שוין עקסיסטירט פילע אַנדערע וועלטן [1]. „פאַרוואָס — פרעגט דער זוהר — זיינען די אַלע פריערדיקע וועלטן חרוב געוואָרן? ווייל דער מענטש איז נאָך דעמאָלט נים געווען באַשאַפן... כל־זמן דעם מענטשנס בילד האָט נאָך נים עקסיסטירט האָבן אויך די אַלע וועלטן קיין קיום נים געקאָנט האָבן. זיי זיינען אַלע חרוב געוואָרן ביז דעם מענטשנס בילד האָט זיך באַוויזן" [2]. „דער מענטש — זאָגט ווייטער דער זוהר — איז איין און דער זעלבער צייט די העכסטע מדרגה און אויך דער עצם און תוך פון אַלע באַשעפענישן... ווי נאָר דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, איז אַלע געוואָרן פאַרענדיקט — הן די הימלישע וועלט הן די ערדישע וועלט; וואָרעם אַלע איז דאָך מיט דעם מענטשן פאַרבונדן, ער נעמט אין זיך אריין אַלע דערשיינונגען און אַלע געשטאַלטן" [3].

לויט דעם זוהרס וועלטאַנשויונג פאַרנעמט דער מענטש נים נאָר דעם צענטראַלן פּלאַץ אין דער פּראָבלעם וועגן דעם עצם פון דער ווירק־לעכקייט, ער פאַראייניקט אויך אין זיך דאָס זיין מיט דעם, וואָס דאַרף זיין. ער איז די מאָס פון אַלע ווערטן, ער איז די פאַרקערפּערונג פון דעם אַבסאָלוט גייסטיקן און אַבסאָלוט מאָראַלישן, ד"ה פון דעם אמת געמט־לעכן. און דער באַטייט פון דעם מענטשן באַשטייט נים נאָר אין דעם, וואָס ער טראָגט אין זיך דעם צלם אלהים און אויף זיין גייסט איז אויס־געפרעגט גאָטס שטעמפּל — די גאָטהייט גופא, אויך זי ווערט נתגלה בלויז דורך דעם מענטשן, דורך דעם מענטשנס שטרעבן און טאָן. הכלל, דער מענטש איז די פאַרקערפּערטע גאָטהייט, די אַנטפּלעקונג פונם אַב־סאָלוט־אומענדלעכן אין באַגרענעצטע, קאָנקרעטע פאָרמען. אזוי גיסן זיך

---

1 זוהר, III, 61ב: „עד לא ברא חקב"ה האי עלמא היה ברא עלמין וחריב לון". דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן שוין אַרויסגעזאָגט די בעלי־התלמוד. אינטערעסאַנט איז פאָלגנ־דיקע שטעלע: „אמר ר' אבוה: מכאן שהיה בורא עולמות ומחריבן, עד שברא את אלו אמר: דין הניין לי, יתהון לא הניין לי".

2 זוהר, III, 135.

3 דאָרטן, II', 48, עמ' ב'; II, 74, עמ' א' („דיוקנא דא דאדם כלל כל דיוקנין וכלהו כלילן ביה... ובההוא דיוקנא דאדם אתחזיין כל גוונין וכל דיוקנין").

ביים זוהר אויפן דיאַלעקטישן אופן צונויף די שאַרפסטע קעגנזאַצן: דאָס אומענדלעכע מיטן באַגרענעצטן, דער אוניווערסאַלער פאַרהוילענער „ניין" מיטן ממשותדיקן „יאָ". דער מענטש — לערנט דער זוהר — איז דער פאַרטרעטער פון דער גאָטהייט אויף דער ערד, ער איז די „שכינתא תתאה" — די ערדישע שכינה, מיט וועלכער דער באַשעפער האָט געשלאָסן אַן אייביקן בונד[1]. ער איז די מאָס און דער טרעגער פון אַלע ווערטן, „און ווען די וועלט איז שוין געווען באַשאַפן, האָט דאָך קיין זאַך ניט געקאָנט קיין קיום האָבן, ביז דער באַשעפער האָט דעם באַ־שלוס אָנגענומען צו באַשאַפן דעם מענטשן, וואָס איז זיין תורה מקיים, און נאָר אויף אים האַלט זיך די וועלט" [2]. די ערדישע וועלט איז טאַקע נאָר אַ אָפּשפּיגלונג פון דער הימלישער, אידעאַלער וועלט, און דאָך קאָן די דאָזיקע הימלישע וועלט אַנטפּלעקן איר טעטיקייט נאָר אַראָנק דער אָנ־רעגונג, וואָס זי באַקומט פון אונטן דורך דעם מענטשן, וועלכער איז דער וויכטיקסטער רינג, וואָס פאַראייניקט ביידע וועלטן... די ערדישע וועלט — לערנט אונז דער „זוהר" — איז אָפּהענגיק פון דער הימלישער, און די הימלישע פירט זיך לויט דעם זעלבן סדר, ווי די ערדישע[3].

עס דערמאָנט ניט ווילנדיק אָן דער באַקאַנטער תלמודישער מימרא: „עולם הפוך אני רואה". דער זוהר, בעת ער באַטראַכט דעם מענטשן אַלס צענטער פון דער וועלט, ווייסט ניט פון קיין מחיצה צווישן דער וועלט און יענער וועלט; די הימלען לאָזן זיך אַראָפּ אין דער נידער, און די גאַנצע וועלט ווערט אַ הימלישע מלוכה. שאַרף און בולט ווערט אין זוהר דורכגעפירט דער טיף עטישער געדאַנק, אַז אָן דעם אַקטיוון ווילן פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט קאָן אויך גאָטס ברכה ניט שולט זיין. „אין שפע יורד מלמעלה אלא אם כן קודמת לו התעוררות מלמטה", דערקלערט דער זוהר. צוויי שטראָמען ליכט־פלייסן אַנטקעגן איינער דעם אַנדערן. אַקעגן דעם געטלעכן ליכט, וואָס שטראָמט פון אויבן אויף אַלע באַשעפענישן, דערהויבן זיך די ליכטיקע שטראַלן פון דער נידער. דער מענטש נעמט ניט אויף פּאַסיוו גאָטס חסד און גענאָד, ווי אַ גזר פון אַ פרעמדן רצון, נאָר ער גופא איז משפיע אויף די הויכע

---

1 דאָרטן, I, 56, עמ׳ א׳: „כד ברא הקב"ה עלמא עבד האי ברית יקיים עלית עלמא".

2 דאָרטן, II, 161, עמ׳ א׳: „כיון דאתברי עלמא כל מלה ומלה לא הוה מתקיים עד דסליק ברעותא למברי אדם דיהו משתדל באורייתא ובגיניה אתקיים עלמא".

3 דאָרטן, III, 40 עמ׳ ב׳: „עלמא תתאה תליא בעלמא עילאה, ועלמא עילאה לפום ארחי דעלמא תתאה".

ספערן; דעם מענטשנס הארץ און ווילן איז דער שליסל, וואָס עפנט די טויערן פון גאָטס גענאָד. „מעולם לא התעוררה מדת הרחמים מלמעלה בלי התעוררות שבלב מלמטה". די התלהבות פונם הארצן, דאָס ליבע־געפיל איז די העכסטע באַוועגנדיקע קראַפט אין דער וועלט. „די ליבע — זאָגט דער זוהר — איז דער טיפער סוד פון גאָטס איינציקייט און גאַנצקייט, זי איז דער רינג, וואָס באַהעפט די העכסטע מדרגות מיט די נידעריקע. זי דערהויבט אַלץ, וואָס לעבט אין די הימלשע הייכן, ווו אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין גאַנצקייט" [1].

נאָך ווייניקער ווי דער בעל „מקור חיים" ווייסט דער זוהר פון אַ שאַרפער מחיצה צווישן גייסט און מאַטעריע. די מאַטעריע, דאָס גשמיות איז אויך דער זעלבער גייסט, נאָר אין אַ מער פאַרגרעבטער פאָרם, ווייניקער דורכגעדרונגען פון די ליכטיקע שטראַלן, וואָס שטראָמען אַרויס אויס דעם מקור פון ליכט און לעבן—דעם „עילת העילות". לויט דער קאַבאַליסטישער וועלטאַנשויונג זיינען אויך די מאַטעריעלע עלעמענטן, די „קליפות", ניט קיין טויטע לעבלאָזע מאַסע; אויך אין זיי לעבט, ווען אפילו אין אַ קאַרגערער מאָס, גאָטס גייסט. „גאָט—לערנט דער זוהר [2]. —איז דער אָנהייב און דער סוף פון אַלע מדרגות אין „מעשה בראשית", אַלע מדרגות טראָגן אויף זיך זיין שטעמפּל". אויך די „קליפות" — אויך זיי טראָגן גאָטס חותם, אויך זיי זיינען דורכגעדרונגען פון גאָטס ליכטיקע שטראַלן. אַלץ איז איין איינציקייט, אין אַלץ אָטעמט גאָטס גייסט, און אַלע מדרגות פון דער וועלט-שאַפונג שטרעבן און גלוסטן איינס צום אַנדערן, בכדי זיך צו באַהעפטן מיט דעם, וואָס איז העכער און ליכטיקער. דאָס לעבלאָזע שטראָמט צו דעם וואָס אָטעמט, און אַלץ וואָס לעבט ציט זיך צום מענטשן, וואָס זיין נשמה איז אומשטאַרבלעך. אַלץ אין דער וועלט איז דורכגעדרונגען מיט גאָטס ליכט און אַלץ שטרעבט צו דעם דאָזיקן ליכט, און די מענטשן זיינען די „צינורות" (קאַנאַלן), דורך וועלכע עס פליסט דאָס געטלעכע ליכט. דער מענטש — ער איז דער שליח, דורך וועלכן גאָטס גייסט און גענאָד ווערן איבערגעטראָגן פון די „ספירות" אין דער רעאַלער ערדישער וועלט. און דער גאַנצער תכלית און צוועק פון „מעשה בראשית" איז צו אַנטפּלעקן די גייסטיקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, דערנעענטערן זי צו דער „אידעע" פון דעם „אדם הקדמון", וואָס איז דער יסוד פון גאָטס שאַפונג, דער אָנהייב און דער סוף פון „מעשה בראשית"...

---

1 זוהר, II, 216, עמ׳ א, פרשה ויקהל.

2 דאָרט, I, 21, עמ׳ א׳.

דורך יעדער זינד און יעדן פעלער, וואָס דער מענטש באַגייט, ווערט פאַרמינערט דאָס געטלעכע ליכט, פאַרטונקלט גאָטס גלאַנץ. די מצוות דאַרף מען מקיים זיין ניט נאָר דערפאַר, ווייל אַזוי האָט די תורה געבאָטן אָדער ווייל דאָס ברענגט דעם מענטשן נוצן, נאָר ווייל דערמיט ווירקט דער מענטש אויף די „עולמות העליונים", פאַרמערט דאָס הייליקע און דערהויבענע אויף דער ערד. דעם מענטשנס מעשים טראָגן אויף זיך, לויט דעם זוהרס וועלט־באַנעם, אַ הויך עטישן שטעמפּל. אָט דערפאַר פאַרנעמט אין דער קבלה אַזאַ בכבודיקן אָרט דער צדיק, דער גאָטספאַרכטיקער און אמת פרומער מאַן. „צדיק יסוד עולם" — זאָגט דער זוהר — אויף דעם צדיק שטייט די וועלט, און צו זיין מדרגה קאָן זיך אפילו קיין מלאך ניט גלייכן [1]. „דער צדיק — זאָגט ווייטער דער זוהר — איז דער אומשולדיקער קרבן, וואָס איז מכפר פאַר די זינד פון דער וועלט [2]. אָבער אויך יעדער פשוטער מענטש דערפילט מיט זיין גאָטספאַרכטיק לעבן, מיט זיינע מעשים און מצוות, וואָס ער איז מקיים, זיין גרויסע אויפגאַבע, וואָרעם יעדער נשמה באַזונדער איז אָנגעצייכנט אָנטיילצונעמען אין תיקון העולם".

לויט מיימונים וועלטאַנשויונג קאָן מען גאָט דינען נאָר מיטן שכל, דורך שאַרפן דעם געדאַנק און מיפולן שטרעבן, וואָס מער צו באַגרייפן מיטן פאַרשטאַנד דעם מהות פון גאָט און די גרויסקייט פון זיינע מעשים. אַזוי גאָט דינען קאָנען אָבער נאָר די יחידי סגולה, דער פשוטער מענטש האָט דערפאַר ניט קיין מעגלעכקייט זיך צו דערנעענטערן צו גאָט, און זיין תפילה, וואָס איז פול מיט שבחים און תוארים, וועלכע זיינען גענומען פון דער בילדער־שפּראַך, שמעקט דאָך מיט הגשמה (אַנטראָפּאָמאָרפיזם), און דאָס איז דאָך לויט מיימונים מיינונג „גאָטלעסטערונג" [3]. די קבלה אָבער, וואָס אַפּעלירט גיכער צום האַרץ ווי צום שכל, און רעכנט, אַז גאָט דאַרף מען פ י ל ן אין יעדן צאַפּל פון דער נשמה, זי שטרייכט באַזונדערס אונטער דעם גרויסן פּסיכאָלאָגישן באַטייט פון קאָלעקטיווער תפילה, די התלהבות און גייסטיקע דערהויבונג, וואָס דער

---

1 דאָרטן, III, 68, עמ' ב'.

2 „צדיקיא כפרה אינון דעלמא וקרבנא אינון דעלמא". דער דאָזיקער געדאַנק הערט זיך שוין איבער ביי די עלטערע בעלי־קבלה. אינם ספר „הבהיר", צ"ב, לייענען מיר (קאַפּ' 44): „עמוד אחד יש מן הארץ עד לרקיע וצדיק שמו על שם הצדיקים וכשיש צדיקים בעולם העמוד מתגבר ואם לאו מתחלש, והוא סובל העולם דכתיב: צדיק יסוד עולם, ואם חלש לא יוכל להתקיים העולם הלכך אפילו אין בעולם אלא צדיק א' מעמיד העולם שנאמר וצדיק יסוד עולם".

3 זע ערשטן באַנד, ז' 206.

מענטש לעבט איבער בעת ער גיסט אויס זיין הארץ פאר גאָט. די תפילה, זאָגט דער זוהר, דערהויבט דעם מענטשן צו די העכסטע מדרגות, דער־נעענט אים צו גאָט, דערוועקט גאָטס גענאָד און ברענגט זי מכוח אל הפועל. אַ הייס התלהבותדיקע תפילה, וואָס ברענגט די נשמה אין עק־סטאַז און לאָזט זי פאַרגיין אין אַנטציקונג און ביטול־היש — אַזאַ תפילה איז מרעיש עולמות, זי דערגרייכט ביז צו דער „הימלישער נשמה", צום קוואַל פון ווייבלעכקייט און מוטערשאַפט, צו דער „מוטער" (אמא) פון דער וועלט, וואָס איז געקרוינט מיטן נאָמען „בינה"[1]. דער „סוד התפילה" פאַרנעמט אינם זוהר אַ באַזונדער בכבודיקן אָרט. יעדעס וואָרט אין דער תפילה לעבט אַ באַזונדער לעבן, איז פול מיט טיפן באַטייט, לייטערט און דערהויבט די נשמה צום קוואַל פון ליכט און שיינקייט. און ניט נאָר די יחידי סגולה — דאָס גאַנצע פאָלק ישראל קאָן מיט דער הילף פון דער תפילה ווערן געהייליקט, דערנעענטערן זיך צו גאָט.

ביי דער אַלוועלטלעכער ראָלע, וואָס שפּילט אינם זוהר די מענטש־לעכע פערזענלעכקייט, איז לייכט באַגרייפלעך, וואָס דער זוהר שענקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און אַזוי פיל ליבע דער פּראָבלעם וועגן דעם מהות פון דעם מענטשנס נשמה. שלמה גבירול גיט אָפּ אין זיין „כתר מלכות" פאַר די נשמות דעם בכבודיקסטן פּלאַץ — אונטער דעם „כסא הכבוד" אַליין; אַזוי אויך דער זוהר: דער מקור פון דעם מענטשנס נשמה איז די „נשמה פון דער וועלט" (כתר עליון), וואָס אין איר שוים רוען אַלע נשמות זינט אייביקע צייטן, נאָך פון פאַר „מעשה בראשית"[2]. „בעת דער הקדוש־ברוך־הוא האָט באַשלאָסן די וועלט צו באַשאַפן — לייענען מיר אין זוהר — האָט זיך די געשטאַלט פון דער וועלט אַנטפּלעקט כביכול פאַר זיינע אויגן. און ער האָט באַשאַפן אַלע נשמות, וועלכע ער האָט באַ־וויליקט זיי זאָלן זיך אין די סומענדיקע דורות פאַרקערפּערן אין די מענטשן־קינדער; און אַלע האָבן זיי זיך אַנטפּלעקט געוני אין די גע־שטאַלטן, וועלכע זיי וועלן שפּעטער אָננעמען ביים לעבן אויף דער ער־דישער וועלט"[3]. „דעם מענטשנס נשמה — דאָס איז דער פאַרשפּיגל און מוסטער פונם אוניווערסאַלן זיין[4], די העכסטע מדרגה פון זיין שלימות".

---

1 זע פריער, ז׳ 59—60.

2 די לערע װעגן דער אייביקער עקסיסטענץ פון די נשמות האָבן די יידישע מיסטיקער בלי־ספק איבערגענומען ביי די נעאָפּלאַטאָניקער (זע װעגן דעם: ד. יואל, „רעליגיאָנספילאָזאָפיע ד. זוהרס", 332, 348).

3 זוהר, II, 96, עמ׳ ב׳. פרשה משפטים.

4 זוהר, II, 141, עמ׳ ב׳.

דער זוהר פארגלייכט דערביי אין א פּאָעטיש בילד די נשמה מיט דעם ליכט פונם אויג. „פריער פון אלץ — לייענען מיר אין „תיקוני זוהר" — האָט גאָט באַשאַפן די נשמה. עס שטייט אין דער תורה: והארץ היתה תהו ובהו ורוח אלהים מרחפת על פני המים, אלץ איז געווען וויסט, ווייל דעם מענטשנס אויג איז נאָך געווען געשלאָסן. ווי נאָר דאָס אויג האָט זיך געעפנט, האָט גאָט גלייך געזאָגט: יהי אור! — און ליכטיק איז געוואָרן" [1].

אזוי ווי די ספירות בילדן דריי טריאדן, אזוי באשטייט אויך די נשמה, וואָס איז דער אָפּשפּיגל פון די ספירות, פון דריי יסודות: נשמה, רוח, נפש. די העכסטע מדרגה איז „נשמה", זי באהעפט דעם מענטשן מיטן „עולם השכל", „רוח" איז דער מאָראַלישער מהות פונם מענטשן, וואָס פארבינדט אים מיטן סימבאָל פון מאָראַלישער שיינקייט — מיט דער ספירה „תפארת". דער דריטער טייל, נפש, איז די נידעריקסטע מדרגה, זי פארבינדט דעם מענטשן מיט דער מאטעריעלער וועלט — דעם „עולם העשיה" [2]. „און אלע דריי טיילן זיינען איינס, זיי גיסן זיך צו־נויף אין איין גאַנצקייט". אָט די דרייפאַכקייט פון דעם מענטשנס נשמה, און איר צוזאַמענהאַנג מיטן גוף, פאַרגלייכט דער זוהר אויף זייער

---

[1] „תיקוני זוהר", שער 70, ז' 362 (מיר ציטירן לויט דער בראָדער אויסגאַבע, 1883). דעם פאַרגלייך פון דער מענטשלעכער נשמה מיטן ליכט באַגעגענען מיר אויך ביי גבירולן. אין איינעם פון זיינע רעליגיעזע פיוטים זאָגט דער דיכטער:

לך נפשי תספר כי יצרתה

. . . .

לך בדבר יְהִי — אז נמצאה היא.

[2] זוהר II, 142, עמ' ב', פרשה תרומה. אַז אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש שטאַרבט, לערנט דער זוהר, הייבט זיך דער איידלסטער טייל פון זיין גייסט, די נשמה, גלייך אויף אין דער הויך צום כסא הכבוד; דער אַנדערער טייל, רוח, שטייגט אין גן־עדן, און דער דריטער, נפש, וואָס איז דאָך דער נידעריקסטער טייל, בלייבט אין דער נידער ביים גוף. שטאַרבט אָבער אַ זינדיקער מענטש, באַגעגנט זיין נשמה גרויסע שטערונגען אויף איר וועג צום כסא הכבוד, זיין רוח האָט אויך נים קיין מעגלעכקייט אין גן־עדן צו קומען, און זיין נפש קאָן קיין רו נים געפינען אויף דער ערד. די דאָזיקע לערע וועגן דריי מדרגות פון דעם מענטשנס נשמה איז בכלל געווען זייער פאַרשפּרייט אינם מיטלאַלטער. די קריסטלעכע סכאָלאַסטיק לערנט וועגן דריי אַרטן גייסטיקע קרעפטן, וואָס געפינען זיך גאַנץ זעלבשטענדיק אין יעדן מענטשן: 1) anima vegetabila, 2) anima sen-sitiva, 3) anima rationalis. די ערשטע, „שפּראָצנדיקע קראַפט", באַזיצן מענטשן, חיות און אויך געוויקסן; די צווייטע, די קראַפט וואָס געוועלטיקט איבער די געפילן, באַזיצן נאָר מענטשן און חיות; די דריטע אָבער, דער גייסט פון פאַרשטאַנד, וואָס נאָר ער איז אומשטאַרבלעך, געפינט זיך בלויז ביים מענטשן.

אַ בילדלעכן אופן מיטן פלאַם פון אַ ליכט. „קוקט מען זיך איין אין פלאַם פונם ברענענדיקן ליכט, באַמערקט מען צוויי באַזונדערע טיילן: אַ העל־ווייסן און אַ טונקל־בלויליכן. דער אייבערשטער טייל, דער העל־ווייסער, ציט זיך גלייך אין דער הויך, דער טונקעלער איז אין דער מיט און זעט אויס ווי דער אונטער־גרונט פאַרן ווייסן טייל. די ביידע טיילן זיינען אָבער אַזוי ענג באַהעפט צוזאַמען, אַז זיי בילדן איין פלאַם. דער טונקעלער איז אָבער ווידער צונויפגעבונדן מיט די ברענעוודיקע שטאָפן, וואָס געפינען זיך אונטער אים. דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם מענטשנס נשמה: די לעבנסקראַפט אינם מענטשן איז ענלעך צום טונקל־בלויליכן פלאַם, וואָס שעפּט זיין יניקה פון די ברענעוודיקע שטאָפן, וועלכע ער ר י נ ג ל ט אַרום. און פונקט ווי די דאָזיקע שטאָפן ווערן פאַרברענט פון דעם בלויליכן פלאַם, אַזוי פאַרצערט אויך די לעבנסקראַפט די זאַפטן פונם מענטשנס קערפּער. די מאָראַלישע קרעפטן פונם מענטשן, דער „רוח", זיי זיינען ענלעך צום העל־ווייסן טייל פונם פלאַם, וואָס שטרעבט שטענדיק אין דער הויך, נאָר כל־זמן דאָס ליכט ברענט, איז דער העלער פלאַם פאַרבונדן מיטן ליכט. דער העכסטער טייל פון דעם מענטשנס גייסט, די „נשמה", איז געגליכן צו דעם אייבערשטן טייל פונם פלאַם, וואָס דעם מענטשנס אויג קאָן ניט זען, ווייל אים געלינגט עס ווירקלעך זיך אָפּטיילן פונם פלאַם און שטייגן אין דער הויך.[1]

מיט די דריי עלעמענטן פונם מענטשנס גייסט באַנוגנט זיך אָבער ניט דער זוהר. ביי זיין אידעאַליסטישער וועלטאַנשויונג שטרייבט ער באַזונדערס אונטער נאָך איין ריין סימבאָלישן מאָמענט. „אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט — לייענען מיר אינם זוהר — אַלע באַשעפענישן, וואָס זיינען שוין געוועזן אָדער ס'איז זיי ערשט אָנגעצייכנט אַמאָל געבוירן צו ווערן — אַלע, אַלע מוזן זיי זיך קודם־כל אַנטפּלעקן פאַרן בורא עולם אין זייער אמתער געשטאַלט".[2]

די א י ד ע ע, דאָס בילד פונם באַשעפעניש עקסיסטירט נאָך איידער דאָס באַשעפעניש איז אויף דער וועלט געקומען. אַזוי, זאָגט דער זוהר, איז אויך מיטן מענטשן. „אין דעם מאָמענט, ווען דער גוף באַהעפט זיך מיט דער נשמה, שיקט הקב"ה אַראָפּ אויף דער ערד דעם מענטשנס בילד

---

[1] דאָרטן, I, 51, עמ' א'; 83 עמ' ב.

[2] דאָרטן III, 61, עמ' ב': „וכל מאי דאשתכח בהאי עלמא הא הוה קמיה והא סליק מקביה ואתתקן קמיה ותנא כל אינון דארי עלמא דאשתכחו בכל דרא ודרא עד דלא ייתון לעלמא הא הוו קיימי קמיה בדיוקניהון".

(דיוקנא), וואס טראגט דעם געטלעכן שטעמפל. און אט דאס בילד שטייט דערביי בעתן זיווג פון מאן און ווייב. און ווען דעם מענטשנס אויג זאל קאנען זען, וואלט עס באמערקט דאס דאזיקע בילד, ווי עס שטייט ביי זייער צוקאפנס. עס האט א מענטשלעך פנים, און זיין געשטאלט ווער טראגן דער, וואס וועט געבוירן ווערן... און די דאזיקע געשטאלט באגעגנט אונז בעת מיר ווערן אויף דער וועלט געבוירן, זי וואקסט מיט אונז צוזאמען און באלייט אונז, ווען מיר געזעגענען זיך מיט דער וועלט"[1]. „די דאזיקע געשטאלט — איז דער זוהר מוסיף — איז א הימלשע דערשיינונג" (והאי צלם איהו מלעילא).

דעם מענטשנס נשמה, דערציילט דער זוהר, וואס איז דאך אן אפשפיגלונג פון די געטלעכע ספירות, געפינט זיך אין שטענדיקער פארבינדונג מיט די דאזיקע ספירות, און זייער בונד ווערט קיינמאל ניט געשטערט. דאס, וואס די נשמה שטייגט אראפ אין דעם עולם השפל און פארבינדט זיך מיט אן ערדישן גוף, איז פאר דער נשמה, לויט דעם זוהרס וועלטאנשויונג, ניט קיין טרויעריקע ירידה, נאר אדרבה, א גרויסע זכיה: דאס גיט איר די מעגלעכקייט צו דערפילן א גרויס שליחות — אליין זיך באטייליקן אין „מעשה בראשית", דערהויבן אלץ מיט וואס זי קומט אין בארירונג אויף א העכערער מדרגה, באשיינען מיט דעם געטלעכן ליכט, און דערנאך, אליין א שטראלנדיקע און מיט ליכט דורכגעדרונגענע, צונויפגיסן זיך מיטן אייביקן ליכט־קוואל. אבער נאר ווען זי האט דערפילט איר שליחות, קערט די נשמה גלייך צוריק צום אייביקן קוואל. האט זי דאס ניט מקיים געווען, ווערט זי פארמשפט אויף „גילגול הנפש", מוז זי אויכסניי זיך באהעפטן מיט אן ערדישן גוף און ווייטער וואנדערן דא אין דער נידער, אין דעם עולם השפל.

„און זיי ווייסן ניט, די מענטשן־קינדער, די וועגן פון דעם הקב"ה. זיי ווייסן ניט, ווי יעדן טאג ווערט געפירט דער משפט איבער די מענטשן, זיי ווייסן ניט, ווי אזוי נשמות שטעלן זיך צום דין איידער זיי לאזן זיך אראפ צו דער ערדישער וועלט, און דערנאך, ווען זיי קערן זיך צוריק פון דער דאזיקער וועלט. מענטשן ווייסן ניט, וויפיל גילגולים נשמות האבן אויסצושטיין, וויפיל נאקעטע נשמות עס בלאנדזשען ארום אויף דער וועלט און ווערן ניט צוגעלאזט צום פאלאץ פון דעם מלך העולם; מענטשן ווייסן ניט, וויפיל וועלטן עס ווערן דערביי חרוב און וויפיל פארבארגענע וואונדער עס געשען ביי דעם חורבן פון יעדער וועלט; זיי ווייסן ניט און

---

1 דארטן, 104 פרשה אמור.

זענען ניט, ווי פילע נשמות ווערן געשליידערט ווי די שטיינער, וואָס ווערן פונם „כף הקלע" געוואָרפן [1].

אָבער די גערעכטע און געלייטערטע נשמה, שטרייכט דער זוהר אונטער, זי דערהויבט זיך פריי און אומגעשטערט אין די עולמות העליונים, אַהין „ווו אין איינעם פון די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון די העכסטע הימלישע ספערן געפינט זיך א פּאַלאַץ, וואָס ווערט גערופן דער היכל פון ליבע (בגו טנרא תקיפא רקיעא טמירא אית היכלא חדא דאקרא היכל אהבה)[2]. דאָרט קומען פאַר די טיפסטע מיסטעריען, דאָרט פאַרזאַמלען זיך אַלע די נשמות, וועלכע זיינען געליבט פון דעם הימלשן מלך; דאָרט רוט דער הקב"ה אליין און אַלע הייליקע נשמות, און דער רבונו־של־עולם גיסט זיך צונויף מיט זיי אין א קוש פון ליבע" (נשיקין דרחימו) [3].

1 דאָרטן, II, 99, עמ׳ ב׳, פרשה משפטים (ציטירט לויט דער זולצבאַכער צחייטער אויסגאַבע, 163): „ולא ידעין בני נשא ארחוי דקב"ה והיך קיימא טקלא. ואיך אתדנו בני נשא בכל יומא ובכל עידן והיך נשמתין עאלין בדינא עד לא ייתון להאי עלמא והיך עאלין בדיני לבתר דנפקי מהאי עלמא, כמה גלגולין וכמה עובדין סתימין עביד קב"ה בהדי נשמתין כמה נשמתין ערטילאין... אזלין בהאי עלמא ולא עאלין לפרגודא דמלכא וכמה עלמין אתהפך בהו ועלמא דאתהפך בכמה פליאן סתימין ובני נשא לא ידעין ולא משגיחין והיך מתגלגלין נשמתין כאבני דקוספתא".

2 דאָרטן, II, 97 עמ׳ ב׳ פרשה משפטים; דאָרטן, I, 168 עמ׳ א׳, פרשה וישלח.

3 גרעסערע פראַגמענטן אויס דעם זוהר זע ביילאַגע נומ׳ 3.

פערטער קאַפּיטל.

דער באַניטער קאַמף קעגן דעם אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם. דער זוהר ווענן די רבנים און פילאָזאָפן. — פּלאַטאָניזם און אַריסטאָטעליזם. דער אונטערשייד צווישן אַלעגאָריעס און סימבאָלן. — די שנאה פון די בעלי־קבלה צו דעם אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם. — דער אָנהייב פונם קאַמף. — דער אַנטימיימוניסטישער קעמפער שלמה פּטי. — די באַנייונג פונם קאַמף אין דער פּראָוואַנס, און זיינע סיבות. — די יידישע הויף־אַריסטאָקראַטיע אַלס טרעגערין פון ראַציאָנאַליזם. — די „פילאָזאָפירנדיקע" דרשנים. — לוי אוים ווילעפראַנש און זיין אַסטראָלאָגישער קוק. — דער „גזר" מן השמים אַלס הכשר אויף שמד. — דער אַרויסטריט פון אַבא מארין אוים מאָנפעליע; זיין כתב צום רשב"א. — רשב"אס באַציִונג צו פילאָזאָפיע. — אַבא מארים „מנחת קנאות". — דער רשב"א און לוי אוים ווילעפראַנש. — די מודעה פון די באַרצעלאָנער רבנים.—יעקב בן מכיר און די אָנהענגער פון די בני־תיבון. — דער פאַרביטערטער קאַמף.

גלייך נאָך לאַנדויער [1] האָבן אויך אַנדערע פאָרשער [2] באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז אינם זוהר פילט זיך אַ געוויסע שנאה צום רבניש־תלמודישן יידנטום. אינם זוהר, ווייזן די דאָזיקע פאָרשער, ווערט די משנה געגליכן צו אַ הארטן שטיין און צו דער דינסטמויד, וואָס וויל פאַרנעמען דעם אָרט פון איר האַרינטע [3]. אין אַן אַנדער אָרט באַשולדיקט דער זוהר די משנה, אַז זי האָט פאַרטונקלט דאָס ליכט פון דער תורה, און אַז זי איז עס געוואָרן דער קבר פון משה־רבנו, און קיינער ווייסט איצט ניט, ווו דער קבר געפינט זיך [4].

ס דאַרף ניט וווּנדערן, וואָס מען באַגעגנט אינם זוהר ערטערווייז אַזאַ פיינדלעכע שטעמונג בנוגע דעם רבנישן יידנטום. מיר ווייסן דאָך,

1 „ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענטס", 1845, 422, 570.

2 ווי, צום ביישפיל, גרעץ (געשיכטע, ב' VII, ביילאַגע נומ' 12).

3 „תיקוני זוהר", קאַפּ' 27: ...„דמטרוניתא דאיהי קבלה, באתר דמטרוניתא יתבת משנה, ודא היא ושפחה כי תירש גבירתה". אין אַן אַנדער אָרט ווערט די משנת אָנגערופן „דעם קנעכט־יונגס קעפּסווייב" (נוקבה דעבד נער).

4 זוהר, II, 27.

אז צום זוהר האָט געהאַט אַ געוויסע שייכות אברהם אבולפיה, וואָס האָט אויס פערזענלעכע מאָטיוון זיך פאַרהאַלטן מיט אַזאַ שנאה צו די „פאַר־גרעבטע למדנים" (הלומדים הגסים), וועלכן ווילן, נאָך זיין מיינונג, פון נאַרניט וויסן אויסער טרוקענעם פילפול, און אים האַלטן זיי וויכטיקער פון אַלע חכמות. עס איז אָבער אַ טעות ווען מען מיינט, אַז די דאָזיקע פיינדלעכע שטימונג איז אַלגעמיין גילטיק פאַרן גאַנצן זוהר. מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, וויפיל אויפמערקזאַמקייט עס ווערט געשאָנקען אין זוהר דעם רעליגיעזן קולט; מקיים זיין די מצוות און די דינים פון דער תורה, דאָס איז דאָך פאַר די פאַרפאַסער פונם זוהר פון גרעסטער וויכ־טיקייט. שוין אויס דעם גרונט אַליין האָט דער זוהר ניט געקאָנט זיך פאַרהאַלטן מיט שנאה צום גרעסטן קאָמפּענדיום פון תורה שבעל־פה, צום תלמוד, וווּ עס ווערט מיט אַזאַ ליבע און אַזאַ אויפמערקזאַמקייט באַ־טראַכט און אויסגעפאָרשט יעדער פּרט פון די תריג מצוות. און דער זוהר איז טאַקע פול מיט אַזוינע שטעלן, וווּ עס ווערט אויסדריקלעך אונ־טערגעשטראָכן די אויסשליסלעכע וויכטיקייט פון לערנען משנה און תלמוד [1]. אין יענער תקופה האָט נאָך די קבלה כלל ניט געטראַכט וועגן וועלכן ס'איז קאַמף קעגן רבנות און תלמוד, זי האָט נאָר געשטרעבט זיי דורכדרינגען מיט איר גייסט, איינהילן אין איר מיסטישער התלהבות...

גאָר אַנדערש האָט זיך פאַרהאַלטן די קבלה צו דער רעליגיעזער פי־לאָזאָפיע מיט איר ריין אַריסטאָטעלישן לבוש. אמת, די קבלה איז צו יע־נער צייט נאָך כלל ניט געווען קיין פּרינציפּיעלע קעגנערין פון פילאָזאָפיע. מיר האָבן דאָך געזען, ווי איינער פון די אבות הקבלה, עזריאל, האָט געפּרוּווט אין זיין „פּירוש" באַגרינדן די טעאָרעטישע קבלה אויף אַ פי־לאָזאָפישן אונטערגרונט. דערמיט האָט זיך אויך פאַרנומען יצחק אבן לאַטיף, און דעם פאַרהלומטן בעל דמיון אברהם אבולפיה זיינען די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע, געווען פיל ליבער ווי די אויפגעבלאָזענע תלמודישע למדנים [2] (חכמי התלמוד). די פילאָזאָפישע אידעען, וואָס האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די יידישע מיסטיקער, זיינען אָבער געווען נעאָפּלאַטאָנישע אידעען, דורכגעדרונגען מיט דעם רעלי־גיעזן פּאַטאָס פון פילו און אבן גבירול, באַהויכט מיט דער פּאָעטישער באַגייסטערונג פון דעם „געטלעכן" פּלאַטאָ. דאָס איז ניט געווען קיין אַבסטראַקטע פילאָזאָפיע, שטאָלץ איינגעהילט אין קיניגלעכן מאַנטל פון

[1] אַ סך אַזעלכע ציטאַטן ברענגט ד. יואל אין זיין „רעליגיאָנספילאָזאָפיע דעס זוהרס", 69—70.

[2] אין זיין פאָררעדע צו „אברי שפר", פאַרעפנטלעכט דורך יעלינעק אין זיין „פילאָזאָפיע אונד קאַבאַלאַ", 33—38.

פרייען פאָרשער־געדאַנק, נאָר אַן אינטים אידעען־געוועב, געשאַפן דורכן עקסטאַז פון טיפע רעליגיעזע איבערלעבונגען און שטורמישן דראַנג נאָך דעם פאַרבאָרגענעם געטלעכן ליכט, וואָס דאַרף באַשיינען און דערקוויקן די לעבצנדיקע פאַרבענקטע נשמה. אָט דאָס זוכן און בענקען נאָך דעם מיסטיש פאַרבאָרגענעם איז געווען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אין געוויסן זין אַ פּראָטעסט קעגן דעם אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט אַלץ מער אָנגעהויבן געוועלטיקן איבער די מוחות פון דער דעמאָל־טיקער אינטעליגענץ אין שפּאַניע און דער פּראָוואַנס. די ייִדישע מיסטי־קער האָבן כּלל ניט געקאָנט באַפרידיקן די אַלע לאָגישע ראיות, מיט וועלכע די ייִדישע ראַציאָנאַליסטן האָבן זיך געפּלייסט צו דערוויייזן, אַז די תּורת משה שטימט אינגאַנצן מיט אַריסטוס אידעען. „זאָל דאָס טאַקע זיין אין דער אמתן — באַמערקט מיט איראָניע דעם זוהרס רעדאַקטאָר, משה די ליאון — פרעגט זיך אַ קשיא: צו וואָס האָט מען עס באַדאַרפט די גאַנצע אַנטפּלעקונג אויפן באַרג סיני, מיט די דונערן און בליצן, ווי־באַלד זי דערציילט אונז בלויז דאָס, וואָס ס'האָט אונז געלערנט אַריסטו גאַנץ שטיל, אָן רעש און געפּילדער" [1]. די ליאון מיינט דערפאַר, אַז דאָס, וואָס די ייִדישע אַריסטאָטעליקער טענהן אַלץ וועגן שלום צווישן תּורת משה און אַריסטו, ווילן זיי נאָר דערמיט פאַרבלענדן די אויגן, בכדי זיי זאָלן לייכטער קאָנען אָן חשד אַריינשמוגלען די פילאָזאָפישע אידעען פון זייער גריכישן רבין.

די ראַציאָנאַליסטיש געשטימטע מיימוניסטן האָבן געזען אין אַלע מעשיות פון דער תּורה בלויז אַבסטראַקטע אַלעגאָריעס, און די מצוות־עשה און לאַ־תעשה האָבן זיי באַטראַכט פונם ריין אוטיליטאַריסטישן שטאַנדפּונקט. פאַר דעם מיסטיקער אָבער איז דאָס אַלץ געווען אַ ווונ־דערלעכע וועלט פון טיפע סימבאָלן און געטלעכע מיסטעריעס. אפילו אין די געוויינלעכע ביבל־דערציילונגען האָט דער זוהר געזען פאַרבאָרגענע סודות, רזין דרזין. „ווי איז צו די, — דערקלערט דער זוהר — וואָס מיינען, אַז די תּורה איז אויסן צו דערציילן פּשוטע מעשיות און וואָכע־דיקע געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט אינם לעבן פון פאַרשיידענע מענטשן און פעלקער. די דאָזיקע מעשיות זיינען בלויז די אייבערשטע שאָלעכץ, אין וועלכער ס'זיינען איינגעהילט דערהויבענע סודות, זיי זיינען בלויז דער לבוש פאַרן קערפּער, אין וועלכן עס איז פאַרבאָרגן „די נשמה פון די נשמות" (נשמתא דנשמתא). בכדי די דאָזיקע „נשמתא דנשמתא"

---

[1] מיר ציטירן נאָכן „אבקת רוכל". דער צווייטער טייל פון דעם דאָזיקן חיבור איז פאַקטיש אַ גרויסער פראַגמענט פון משה די ליאָנס „נפש החכמה".

זאָל קאָנען נתגלה ווערן פאַרן עולם השפל און מיר מיט אונזערע מענטש־לעכע אויגן זאָלן קאָנען זוכה זיין דערזען איר גלאַנץ, האָט זי עס געמוזט אָנקליידן דעם גשמיותדיקן לבוש [1].

עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות [2] צו מיינען, אַז אויך דער זוהר באַטראַכט גלייך מיט די ראַציאָנאַליסטן די ביבל־דערציילונגען אַלס בלויזע משלים און רמזים. די פאַרפאַסער פון דעם זוהר זיינען געווען זיכער, אַז די אַלע מעשיות, וואָס ווערן דערציילט אין דער תורה, זיינען ווירקלעכע רעאַלע געשעענישן [3]. אַלע דערשיינונגען זיינען דאָך אָבער ניט מער ווי אַ סימבאָלישע אָפּשפּיגלונג פון יענזייטיקן זיין. אַלץ, וואָס ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט, איז דאָך בלויז אַ בלאַסער אָפּגלאַנץ פון די „אידעען" און ווירקלעכע געשטאַלטן, וואָס נאָר זיי זיינען דאָך דער אמתער עצם, די איינציקע טרעגער פון ממשותדיקן זיין. אָט די דאָזיקע העכסטע רעאַליטעט, דאָס אידעאַלע פאָרבילד פון אַלע באַשעפענישן און געשעענישן — דאָס איז די „נשמתא דנשמתא", וועלכע ס'זיינען אימ־שטאַנד צו זען נאָר די שאַרפזיכטיקע אויגן פון די צדיקים און טרייע דינער פון דעם הימלשן מלך, וואָס זייערע נשמות האָבן זיך געפונען ביים באַרג־סיני בעת מתן־תורה [4]. דאָרט, וווּ די ראַציאָנאַליסטן האָבן געזען בלויז אַבסטראַקטע אַלעגאָריעס, האָט דער זוהר געזען טיפע סימבאָלן, פול מיט רעאַלן פילזייטיקן אינהאַלט. ניט ווייניקער פאַרשיידן איז דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די בעלי־קבלה און ראַציאָנאַליסטן בנוגע צו דער פראַגע וועגן מקיים זיין די מצוות פון דער תורה. „ווער ס'איז עובר — לערנט דער זוהר — אויף וועלכער ס'איז מצווה, דער מאַכט דערמיט אַ פּגם אין די עולמות העליונים". וואָרעם ביי די בעלי־קבלה איז דאָס דערפילן

[1] זוהר, III, 152, עמ' א'.

[2] און יעניקע פאַרשער באַגייען דעם דאָזיקן טעות.

[3] דאָס שטרייכט שוין אונטער איינער פון די ערשטע זוהר־דערקלערער, רעקאַנאַטי, בעת ער דערקלערט אויף אַ ריין מיסטישן אופן די דערציילונג, ווי אַזוי אדם הראשון ווערט פאַרטריבן פון גן־עדן, איז ער דערביי מוסיף: „דע והבן כי אע"פי שפרשנו כל הפרשה כלה על דרך הסוד מכל מקום גם הפשט אמת ויציב בעץ החיים ועץ הדעת הנהרות והכרובים ולהט החרב.

[4] דאָרטן: „חכימיא עבדו דמלכא עילאה אינון דקיימא בטורא דסיני לא מסתכל, אלא בנשמתא דאיהו עיקרא דכלא אורייתא ממש ולעלמי דאתי זימנין בנשמתא דאורייתא". אויף דעם גרויסן אונטערשייד צווישן די בעלי־קבלה און די ראַציאָנאַליסטן אין זייער אויסטייטשן די רמזים, וואָס זיי געפינען אין די ביבל־דערציילונגען, האָט שוין אָנגעוויזן דער באַוווּסטער פאַרפאַסער פון „עקדת יצחק", יצחק עראמה, זע זיין „עקדת יצחק", קאַפּ' 7, ז' 54—5; „חזות קשה", קאַפּ' 11—12.

די פאַרשריפטן פון דער תורה ניט נאָר אַ צייכן פון גאָטספאַרכטיקייט און פרומקייט, אויך ניט בלויז אַ דערציִונגס־מיטל — דאָס איז אויך אַ ש אַ ־ פ ו נ ג ס ־ אַ ק ט מי יודע ווי וויכטיק פאַרן גאַנצן „מעשה בראשית", וואָרעם דאָס איז דאָך אַ שאַפונגס־אַקט פון ריין ע ט י ש ן באַטייט, ס'איז אַ ניצחון פון ליכט איבער פינסטערניש, אַ דערהויבונג פון פשוטן חומר צו דער מדרגה פון רוחניות, אַ דערנעענטערונג צום „עילת העילות", צום מקור פון ליכט און חכמה...

די התלהבותדיקע קבלה און דער ראַציאָנאַליסטישער אַריסטאָטעליזם, דאָס זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן, צוויי פ י י נ ד ל ע כ ע וועלטן, און די טיפע ביידערזייטיקע סתירות האָבן געמוזט ברענגען צו אַ האַרטנעקיקן קאַמף. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס גראָד צום סוף XIII יאָרהונדערט, בעת דער זוהר איז פאַרעגדיקט געוואָרן און צום ערשטן אַרויסגעטרעטן אויף דער ברייטער עפנטלעכקייט, איז אין שפּאַניע און פּראָוואַנס אויפסניי אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן די ראַציאָנאַליסטישע מיימוניסטן. צוזאַמען מיט די מיסטיקער זיינען אין דעם דאָזיקן קאַמף אַרויסגעטראָטן אויך די „חכמי התלמוד", די רבנים, וואָס קענען זיי האָט געפירט מלחמה אברהם אבולפיה. דער ערשטער אָנזאָג וועגן דעם דאָזיקן קאַמף איז געווען דער אַרויסטריט פון דעם מיסטיקער און פאַנאַטיקער שלמה בן שמואל פּטי.

פּטי איז געווען אַ געבוירענער פון צפון פראַנקרייך, נאָר געלעבט האָט ער אין עכו און דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט נאָך אייניקע פרומע פאַנאַטיקער אָנגעהויבן צו אַגיטירן קעגן דעם „מורה נבוכים". דאָרטן, אין די מזרח־לענדער, איז אָבער דער אויטאָריטעט פונם בעל „משנה תורה" געווען אומגעהייער גרויס. דער רמב"ם איז געווען דער „גרויסער אָדלער" (הנשר הגדול), און ווער ס'האָט זיך דערוועגט פוגע בכבודו זיין, דער האָט געגאָלטן אַלס לעסטערער, וואָס פאַרשוועכט די קרוין פון דער תורה. דער ראש פון דעם מזרח־יידנטום, דער נשיא ישי בן חזקיהו בן ישי אויס דמשק. איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּטי מיט אַ התראה, אַז ער וועט אַריינוואַרפן אין חרם יעדן, ווער עס וועט האָבן די העזה צו „באַריידן דעם רמב"מס מורה" (על כל מי שיוסיף להוציא דבה על מורה נבוכים והמערער עליו) [1]. פּטי איז אָבער געווען פון די עקשנותדיקע פאַנאַטיקער, וואָס שרעקן זיך ניט איבער פאַר קיין שום התראות; ער איז אַוועק קיין אייראָפּע, אַרומגעפאָרן איבער פראַנקרייך און דייטשלאַנד און דאָרט

---

1 „כרם חמד", III, 169; „אגרת קנאות", 21.

צונויפגעזאמלט הסכמות פון א סך דארטיקע רבנים, אז דער „מורה" איז א געפערלעך אפיקורסיש בוך און מען דארף עס דן זיין לגניזה (וגוזרים למנוע קריאת מורה הנבוכים ולגנזו גניזת עולמים)[1]. צוריקוועגס קיין ארץ־ישראל האט זיך פטי אפגעשטעלט אין רוים, בכדי אויך דארט צו אגיטירן קעגן דעם רמב"מס ווערק. דא האט ער אבער קיין דערפאלג נים געהאט: קעגן אים זיינען זייער שארף ארויסגעטראטן די ארטיקע אנהענגער פון מיימוני; עס איז אויך ארויסגעטראטן דער אנגעזעענער געלערנטער הלל אוים וועראנע [2], און פטי האט געמוזט גלייך פארלאזן איטאליע. קומענדיק קיין עכו, האט ער צוזאמען מיט זיינע אנהענגער ארויסגעלאזט א כרוז, אז אויפן סמך פונם באשלוס פון די רבני צרפת ואשכנז ווערט שטרענג פארבאטן צו לייענען מיימונים „אפיקורסיש" ווערק. אט דעמאלט, ווי עס שיינט, האבן אייניקע פון די פאנאטישע קעגנער אפגעמעקט פונם רמב"מס מצבה די אויפשריפט „משה מבחר מין האנושי" (משה דער אויסדערוויילטסטער פונם מענטשן־געשלעכט) און אנשטאט דעם אויפגעצייכנט: „משה בן מיימון המוחרם והמין" (דער אין חרם אריינגעווארפענער אפיקורס). די ענערגישע אגיטאציע פון די אנטימיימוניסטן האט אויפגערודערט אלע רבנים פון פאדעראזיע. דער „ראש גליות" פון מאסול, דוד בן דניאל, האט אין 1288 מחרים געווען שלמה פטי און זיינע אנהענגער, און געווארנט, אז ער וועט אויך ווייטער אריינווארפן אין חרם יעדן, „סיי א מאן סיי א פרוי, ווער עס וועט ארויסלאזן פאלשע קלאנגען וועגן רבנו משה בן מיימון און זיינע חיבורים", אדער ווער עס וועט זיך ווענדן צו דער אויסערלעכער מאכט, זי זאל פארבאטן דעם רמב"מס ווערק[3]. נאך אים איז אויך ארויסגעטראטן מיט א חרם דער נשיא פון דמשק[4]. צו זיי זיינען אויך צוגעטראטן די אנגעזעענסטע פארשטייער פון דער ספרדישער קהילה [5], דער ראש־ישיבה פון בבל, שמואל בן דניאל כוהן [6] און פילע אנדערע. דעם רמב"מס איי־

---

1 דארטן.

2 זע פריער, באנד II, ז' 259.

3 י. קאבאק, גנזי נסתרות, III, 121, 122.

4 זיין חרם איז פארעפנטלעכט אין „כרם חמד" III, 73—189. דארט איז אנגעצייכנט די דאטע 1286, נאר דאס איז געוויס א גרייז פונם איבערשרייבער, און עס דארף שטיין מ"ח (5048). זע וועגן דעם גרעץ, VIII, ביילאגע נומ' 8; פאגלשטיין־ריעגער I, 405.

5 „אגרת קנאות", 22.

6 „גנזי נסתרות", III, 124.

ניקל, דוד בן אברהם, איז אויך געקומען קיין עכו, בכדי צו קעמפן קעגן פטי און זיינע אנהענגער [1].

וואס ס'האט ווייטער פאסירט מיט שלמה פטי, איז אומבאקאנט. מיר ווייסן בלויז, אז ביידע צדדים האבן זיך געווענדט צו דעם דעמאל-טיקן גרעסטן רבנישן אויטאריטעט אין שפאניע, ר' שלמה בן אדרת (רשב"א), ער זאל א פשרה מאכן [2], און נאך דעם ווערט שוין שלמה פטיס נאמען אין ערגעץ ניט דערמאנט. באלד אבער האט אין שפאניע גופא און אויך אין דער פראוואנס זיך אנגעהויבן א שטארקע אנטי־ראציאנאליסטישע באוועגונג, און דער זעלבער רשב"א, וואס איז בשעת פטיס ארויסטרעטן געווען דער בורר און פשרה־מאכער, איז שוין אין דעם אויפסניי אויסגעבראכענעם קאמף געווען איינער פון די אקטיוויסטע רעדל־פירער.

מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז וואס מער ס'איז געוואקסן אין די יידישע קרייזן די השפעה פון דער קבלה, אלץ שטארקער איז געווארן די אומצופרידנהייט מיט דער אזוי גערופענער אריסטאטעלישער שול. שוין באלד נאך דעם רמב"מס טויט האט זיך באמערקט א געוויסע ירידה און ניסטיקע פארפלאכונג פון דער דאזיקער שול. די ראציאנאליסטישע אידעען זיינען געווארן א מאדע־ארטיקל, זיי זיינען אריין אין די הענט פון האלב־געבילדעטע דילעטאנטן; די דאזיקע דילעטאנטן האבן מיט לייכטזיניקן שטאלץ זיך באצירט מיטן פילאזאפיש־פריידענקערישן מאנטל, רעליגיעז־פילאזאפישע פראבלעמען האט מען געמאכט פאר פילאזאפישע שפילצייג און אנגענעמען צייט־פארטרייב. דערקלערן דעם ביבל־טעקסט אויף א ריין אלעגארישן אופן איז געווארן זייער אין דער מאדע, מען האט געשיט מיט אלעגאריעס אפילו פון די בימות אין די בתי-מדרשים, ניט רעכענענדיק זיך דערביי מיט דער רעליגיעזער שטימונג פון די צוהערער.

דעם ערפאלג פון דער ראציאנאליסטישער שטימונג ביי דער יידישער אינטעליגענץ האט פיל מיטגעהאלפן אנאטאליס „מלמד התלמידים". דאס דאזיקע ווערק איז געווען זייער פאפולער און באליבט ביי די „פילאזאפירנדיקע" קרייזן אין שפאניע און דרום־פראנקרייך. מען פלעגט עס גאנץ אפט פארלעזן שבת בייטאג פאר גרעסערע פארזאמלונגען [8], און

---

1 זע דעם צווייטן בריוו פון הלל אויס וועראָנע צו מאַעסטראָ גאַיאָ („חמדה גנוזה", 21).

2 זע דעם רשב"אס בריוו אין „לעטטערבאָדע", IV, 128.

8 לויט דעם בריוו פון שלמה בן יצחק אויס לונעל אין פארמער מאַנוסקריפט „מנחת קנאות" (ז' 668, Les rabbins fr, און באַזונדערס „לעטטערבאָדע", IV, 124).

אנאטאָליס ראַציאָנאַליסטישע ביבל־דערקלערונגען האָבן געגאָלטן אַלס פאָרבילד און מוסטער [1].

אפילו גרעץ, וואָס ניט אין זיין געשיכטע א צו איינזייטיק בילד וועגן דעם קאַמף צווישן די מיימוניסטן און זייערע קעגנער, מוז דאָך מודה זיין, אַז די „בינדע־מיטעלען", וואָס דער רמב״ם האָט באַנוצט, בכדי צו פאַרייניקן די אַריסטאָטעלישע וועלטאַנשויונג מיט דער ביבלישער — זיינען געווען זייער ניט קיין פּאַסיקע. „בכדי שלום צו מאַכן צווישן די דאָזיקע צוויי אַנטקעגנגעזעצטע וועלטאַנשויונגען — זאָגט גרעץ — האָט דער רמב״ם געמוזט מקריב זיין ניט נאָר געוויסע פּרטים פונם יידישן דת, נאָר אויך דעם פשוטן פשט פון דעם ביבל־טעקסט (שליכטען וואָרטזינן דער ביבל) און נאָך מער — די אַגדה פונם תלמוד. זיינע אָנהענגער און תלמידים האָבן זיך שוין אָבער אויך מיט די קרבנות ניט געקאָנט באַנוגענען. שריט ביי שריט האָבן זיי ביסלעכווייז מיט לאָגישע ראיות על־פּי שכל הישר צעשטערט אין דער יידישער אמונה אויך זייער פיל פון דעם, וואָס דער רמב״ם האָט געלאָזט אומבאַרירט [2].

עס מוז אָבער דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז דעם רמב״מס „אָנהענגער" זיינען באַשטאַנען אויס זייער פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן. צווישן זיי זיינען בלי־ספק געווען מענטשן מיט שאַרפע, אָריגינעלע דענקענדיקע קעפּ, וואָס זיי האָט געצויגן צום רמב״ם זיין פרייער פאָרשער־געדאַנק, זיין אומדערמידלעכער דראַנג נאָך וויסן און שטאָלצער מוט, מיט וועלכן ער האָט געפּרוּווט אַלע רעליגיעזע און פאָעטישע פאָרשטעלונגען קריטיש באַטראַכטן פונם ריין ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט. זיי זיינען אָבער געווען דער מיעוט, און ניט זיי האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן. די רעדל-פירער צווישן די מיימוניסטן זיינען געווען מענטשן פון א גאַנץ אַנדערן שניט. אין די שפּאַנישע מלוכות (קאַסטיליע, אַראַגאָניע, קאַטאַלאָניע) און אויך טיילווייז אין דער פּראָוואַנס איז געווען א גאַנץ צאָלרייכער קלאַס פון הויף־ און פינאַנץ־יידן. די דאָזיקע יידישע גראַנדן האָבן געהאַט א גרויסע מגע־ומשא מיט דער אויסערלעכער קולטורעלער סביבה, הויפּט־זאַכלעך מיטן קריסטלעכן אדל. דאָס האָט געהאַט א געוויסע השפּעה אויפן

---

1 זע „מנחת קנאות", בריוו 22, 68 און באַזונדערס נומ׳ 9, ווו דער רשב״א, ריידנדיק וועגן אַנאַטאָלין, וועלכער הייסט ביי אים „המלך הזקן", זאָגט מיט ביטערקייט: ער (אַנאַטאָלי) זאָגט אַרויס אין זיין ווערק אַזעלכע דעות, וואָס זיינען ביטער ווי גאַל און ווי ליאַנ (מרים כראש ולענה). מיר האָבן געהערט, אַז זיין ווערק איז ביי פילע די שענסטע קרוין און די שיינדל און מע קוויקט זיך מיט זיינע ווערטער, אין וועלכע מיר זעען בלויז בלענדזעניש און פלאָנטער („מנחת קנאות", 44).

2 גרעץ, געשיכטע ב׳ VII, 354—5.

לעבנסשטייגער פון דער יידישער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע; איר וועלט־אַנשויונג איז בלי־ספק געווען ברייטער און פרייער, ווי ביי דעם איבע־ריקן יידישן קיבוץ, נאָר די דאָזיקע מער פרייע און ברייטערע וועלט־אַנשויונג האָט אָבער געהאַט דעם חיסרון, וואָס זי איז געווען צו צעשוווּ־מען און אָן טיפע וואָרצלען. די יידישע אַריסטאָקראַטיע האָט געוויס באַ־זעסן אַ געוויסן גראַד פון בילדונג, דאָס איז אָבער געווען פון דעם מין אייבערפלעכלעכע האַלב־בילדונג, וועלכע איז בכלל אַזוי כאַראַקטעריס־טיש פאַר די פאַרטרעטער פון דער אַזוי גערופענער „גרויסער וועלט" און הויכן אדל. די רייכע יידישע אַריסטאָקראַטישע יוגנט האָט געוואָלט גע־ניסן אַלע תענוגים פון לעבן, עס האָבן איר אָבער געשטערט אויף יעדן טריט די אַזוי פילע „לא תעשהס" פון דער תורה, די אַלע חומרות און שטרענגע מנהגים, וואָס דאָס יידנטום האָט באַקומען פון די פריערדיקע דורות בירושה. ניט אויפן באַפעל פונם פרייען פאַרשטער־געדאַנק האָט די דאָזיקע יוגנט געגאַרט צו באַפרייען זיך פון די רעליגיעזע סייגים און פאַרבאָטן, נאָר אוים גיריקן ווונטש פריי צו טרינקען פונם רוישיקן בעכער פון לוסט, און אומגעשטערט געניסן פון אַלץ, וואָס נאָר דאָס האַרץ און די אומגעצוימטע פאַנטאַזיע וועלן באַגערן. זייערע ראַציאָנאַליסטיש־פריי־דענקערישע פראַזן, זייער פאַרהאַלטן זיך מיט גאווה און ביטול צו דעם „אָבערגלויבן" פון דעם המון איז געווען בלויז דער מאַנטל, מיט וועלכן זיי האָבן צוגעדעקט זייער אייגענע פוסטקייט און פרינציפּלאָזיקייט.

עס איז דערפאַר קיין וווּנדער ניט, וואָס דעם רמב"מס פראַזאַיש טרוקענע אַלעגאָרישע דערקלערונגען פון פאַרשיידענע ביבל־דערציילונגען, האָבן ביי זיינע און יעקב אנאַטאָלים אָנהענגער אָנגענומען גאַנץ אומגלע־לומפּערטע, צייטנווייז קינדיש־לעכערלעכע פאָרמען [1]. פאַקטיש איז די גאַנצע ביבל ביי זיי מגולגל געוואָרן אין אַ אַלעגאָרישן פירוש אויף אַריס־טום פילאָזאָפישער סיסטעם. און דער רשב"א איז גאָר ניט ווייט פונם אמת, בעת ער קלאָגט זיך, אַז ביי די ראַציאָנאַליסטן „איז די גאַנצע תורה גע־וואָרן לויטער משל און אַלעגאָריע" [2]. אברהם און שרה, לוט מיט זיין ווייב — דאָס זיינען בלויז רמזים אויפן קעגנזאַץ פון פאָרם און מאַ־טעריע; יצחק און רבקה — אַן אָנצוהערעניש וועגן דעם שכל הפועל און דער פאַרשטאַנדיקער נשמה; עמלק — איז דער יצר־הרע; די מלחמה פון

1 וועגן דער השפעה פון די קריסטלעכע גלערנטע האָבן מיר שוין גערעדט אין פריערדיקן באַנד. אויף דעם ווייזט אויך אָן שבֿעון אַן דוראַן אין באַקאַנטן אויפרוף (צונץ־יובל־שריפט, 151): „מתארי התורה ומצותיה כמשפטי הנכרים באו שערים".

2 רשב"א, שו"ת, נומ' 416.

פיר מלכים קעגן פינף, וואס ווערט דערציילט אין ספר בראשית — דאס איז אן אלעגארישע שילדערונג ווי די פיר גרונט־יסודות קעמפן קעגן די פינף חושים. אפילו דער אבי הנביאים משה רבנו, וואס האט גערעדט מיט גאט „פה אל פה", איז אויך ניט מער ווי אן אלעגאריע. היינט בתיה בת פרעה, עמרם און יוכבד, משה רבנום ווייב ציפורה און זייערע זין, יתרו מיט אלע זיינע איבעריקע טעכטער — זיי אלע זיינען בלויז א משל, עס ווערט דורך זיי אויף אן אלעגארישן אופן געשילדערט דער קאמף פון דעם מענטשנס גייסטיקע כוחות בעת זיי שטרעבן צו דער „געטלעכער חכמה" [1].

נאך מער משונהדיקע פארמען האט אנגענומען ביי די מיימוניסטן פון יענער צייט דעם רמב"מס ראציאנאליזם. דער רמב"ם האט געפרווט געבן די „טעמי המצוות", דערקלערן די נוצלעכקייט פון יעדן דין און געבאט, באווייזן, אז די עטיק איז געבויט אויף ריין אוטיליטארישע יסודות, און איר באוועגנדיקע קראפט איז דער נוצן, דער תכלית. אט דער דאזיקער שטאנדפונקט האט באזונדערס געשטארקט דעם רעליגיעזן חורבן אין די הערצער פון דעם רמב"מס אויבנדערמאנטע נאכפאלגער. וויבאלד אלע מצוות און געבאטן האבן בלויז א ריין ראציאנאליסטיש־אוטיליטאריסטישן צוועק, איז דאך דער עיקר נאר צו פארשטיין מיטן שכל דעם דאזיקן צוועק, און ווי נאר דאס איז דערגרייכט, איז דאך שוין אינגאנצן איבעריק די מצווה מקיים צו זיין. די מצוות אבער, וואס זייער נוצלעכקייט איז שווער געווען צו דערווייזן מיטן שכל, האט מען דערקלערט אלס „אבערגלויבן" און נארישקייטן. מיט שפאט און געלעכטער האבן זיי זיך אויך פארהאלטן צו די ניסים, וואס ווערן געבראכט אין דער תורה [2]. זייער כאראקטעריסטיש פאר די דאזיקע ראציאנאליסטן און זייער פארהאלטן זיך צום יידישן ריטואל איז די פראגע, וואס איינער פון זיי האט אפן פארגעלייגט זיינע קעגנער אויף אן אסיפה אין שול: „גיט מיר צו פארשטיין, צו וואס האט עס משה רבנו אונז פארבאטן צו עסן חזיר־פלייש? זאל עס זיין ווייל ס'איז שעדלעך? האבן אבער די דאקטוירים קיין שום שעדלעכקייט אין דעם פלייש ניט געפונען!" [3] און אט אזוינע אנשווונגען, וואס האבן געמוזט ערגערן יעדן פרום־רעליגיעזן

---

1 זע: „מנחת קנאות", ז' 31, 41, 46, 48, 72, 89, 133, 153, א"וו; רשב"א שו"ת נומ' 416—417; שמעון אן־דוראנס אויפרוף אין צונץ־יובל־שריפט 159—60.

2 זע „מנחת קנאות", 41, 46, 133, 153 א"וו; אויך דעם רשב"אס שו"ת, נומ' 414, 416, 417.

3 „אגרת קנאות" 153, 152.

מענטשן, זיינען ארויסגעזאגט געווארן ניט נאר אין וויסנשאפטלעכע פארשונגען און אין פריינדלעכן געשפרעך אין ענגע קרייזן — מען האט זיי ארויסגעטראגן אויף דער ברייטער גאס, מען האט זיי הויך רעקלאמירט אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען, אויף סעודות און חתונה־מאלצייטן, אפילו פון די בימות אין די בתי־מדרשים [1]. אויפן ארט פון געוויינלעכע דרשות וועגן מוסר און דרך־ארץ האט מען געהאלטן פילאזאפיש־חקירה־דיקע רעדעס, אין וועלכע מען האט אויף א פילפוליסטישן אופן געפליסט זיך אויסצוטייטשן פסוקים דורך ציטאטן פון אריסטון און אנדערע גריכישע דענקער [2].

דער באדייטנדיקסטער פון די דאזיקע פרעדיקער איז געווען לוי בן אברהם בן חיים אוים ווילא־פרנקא מקונפונט, לעבן פערפיניאן [3]. ער שטאמט פון א אינטעליגענטער פאמיליע אוים לאנגעדאק, זיין פאטער איז געווען א גרינדלעכער תלמודיסט און א פייטן [4]. מחמת א אומגליקלעכער ליבע [5] האט לוי בן אברהם אלס יונגערמאן געמוזט פארלאזן זיין היים און זיך באזעצט אין מאנפעליע, וווּ ער האט זיך באפריינדעט מיט דעם באקאנטן יידישן געלערנטן פון יענער צייט משה אבן תיבון. ער האט געלעבט אין גרוים דחקות [6] און זיין זייער קנאפע חיונה האט ער געהאט דערפון, וואס ער פלעגט געבן לעקציעס אויפן געביט פון שפראך־ און

---

1 זע „מנחת קנאות" ז' 94: „דורשים כל אשר יזבו תוך קהל ועדה ובראש כל סעודה ומהפכים ללענה כל דברי תורה"; ז' 134: „לא ידרוש החכמה ההיא בבית חתנים לא יפרסם אותה בהמון"; ז' 175: „לא במטמוניות איש איש בחדרי חדרים כ"א בגלוי פנים המינים אומרים סרה בקרקסאות ובבתי כנסיות".

2 דארטן, ז"ז 20, 31, 41, 58, 153.

3 פרטים וועגן אים זע: א. נייגער, „החלוץ", II, 12—28, און „אוצר נחמד", II, 94—97; ש. זאקס, „כרם חמד", VIII, 195—199; Karmoly, La France Israelit, 46, 54. Les rabins fr. 628—647 (דארטן ווערט איבערגעגעבן דער אינהאלט פון זיינע ווערקן). צונץ, „צ. געשיכטע א. ליטעראטור", 471—472. דאס יאר, ווען לוי בן אברהם איז געבוירן, איז ניט באקאנט. יעדנפאלס איז ער געבוירן ניט פריער ווי אין דער צווייטער העלפט פון די 40ער יארן פונם XIII יארהונדערט, ווייל אין זיין ווערק „בתי הנפש", וואס ער האט פארפאסט אין 1276, ווייזט ער אן, אז ער איז נאך „יונג אין יארן" („תלאותי ישנות אין ספורות — ועול ימים אני שני צעירים").

4 צונץ, „ליטעראטורגעשיכטע", 481.

5 כרמולי, צים. ווערק, 47.

6 אויף זיין שווער לעבן קלאגט זיך לוי בן אברהם אין דער פאררעדע צו זיין „בתי הנפש" און אויך אינם ערשטן קאפיטל פון דעם דאזיקן ווערק. זע ביילאגע נומ' 4.

נאטורוויסנשאפטן („מנחות קנאות", 48). זיין ליבלינגס־באשעפטיקונג איז געווען פילאזאפיע. פון די פרעמדע דענקער זיינען ביי אים געווען צום מיינסטן באליבט אריסטו און זיין אראבישער קאמענטאטאר אבן־רשד [1], פון די יידישע — דער רמב"ם, וועלכן ער רופט „דער לייכטנדיקער שטערן פון פאלק ישראל, די קרוין פון אלע חכמים". בכדי אימשטאנד צו זיין געהעריק צו פארשטיין דעם „מורה נבוכים", געפינט ר' לוי, אז מען דארף קודם־כל האבן געוויסע ידיעות אויך אין די איבעריקע חכמות. צו דעם צוועק האט ער אין יאר 1276 פארפאסט א ווערק, אין וועלכן ער גיט בדרך שיר אן אלגעמיינעם איבערבליק פון אלע בראנזשעס פון וויסן [2]. דאס ווערק הייסט „בתי הנפש והלחשים", באשטייט פון 1846 פערזן, אין וועלכע דער פארפאסער באקאנט מיט די יסודות פון די וויכטיקסטע חכמות: פילאזאפיע, לאגיק, פיזיק און אויך מיט די גרונט־פראבלעמען פון מאראל און עטיק. אלע פערזן פארענדיקן זיך מיט איין און דעם זעלבן גראם: רים. ווייל די פערזן זיינען געשריבן מיט א הארטער און שווער פארשטענדלעכער שפראך, האט דער פארפאסער נופא געשריבן א פירוש כמעט צו יעדן פערז באזונדער [3]. ווייל ר' לוי האט אין דעם דאזיקן ווערק געגעבן בלויז אן אלגעמיינעם איבערבליק, האט ער דערנאך אויך פארפאסט א גאנץ גרויס וויסנשאפטלעך ווערק אין צוויי אפטיילונגען, „לוית חן". די ערשטע אפטיילונג באהאנדלט די וויסנשאפטן: מאטעמאטיק, געאמעטריע, אסטראלאגיע, פיזיק און מעטאפיזיק. די אנדערע אפטיילונג פארנעמט זיך הויפטזאכלעך מיט רעליגיעז־פילאזאפישע פראבלעמען [4].

ר' לוי בן אברהם איז געווען א מענטש פון אלזייטיקן וויסן, נאר אן אן איינהייטלעכער וועלטאנשויונג. אריסטוס פילאזאפישע אידעען זיי־

---

[1] אין דער פאררעדע צו זיין „בתי הנפש" שרייבט לוי בן אברהם: „וספרי אריסטו טובים מכל ספרי זולתו ומספיקים, ופירושי בן־רשד נעלו על כל שאר פרושים ויותר חזקים".

[2] „ויאמץ את כחי לעשות חבור קצר כולל שרשי החכמה ועקריה, מקרב רחקיה ומקבץ מפורדיה, מלקט שבלי אמריה, מאיר את צדק דבריה". וועגן דער השפעה, וואס יעקב אנאטאלי האט געהאט אויף ר' לוי, זע לעא בעק „מאנאטסשריפט", 1900, 159 א"וו.

[3] דאס ווערק איז געבליבן אין מאנוסקריפט. פארעפנטלעכט איז בלויז די פאררעדע (אין „אוצר הספרות", III, זעקסטע אפטיילונג, 19—23) און איינצלנע ספראבן („ליטעראטורבלאט ד. אריענטס", 1848, 553, 568). מיר האבן זיך באנוצט מיט אן אלטער אפשריפט פונם גאנצן ווערק, וואס געפינט זיך אין פירקאוויטשעס קאלעקציע I, נומ' 464; זע ביילאגע נומ' 4.

[4] ר' לויס רעליגיעז־פילאזאפישע אנשויונגען באלייכט לעא בעק אין זיין איבנציטירטן ארטיקל.

בען ביי אים געווען צונויפגעמישט אין א שום סדר מיט גאנץ פארשיידנ-
ארטיקע אנשויונגען און באגריפן. א שטארקער פארערער פון מיימוני,
האט ער דאך בלינד געגלויבט אין דער מאכט פון אסטראלאגיע [1], און זי
געהאלטן פאר די טיפסטע חכמה, ניט געקוקט אויף דעם, וואס דווקא
מיימוני איז געווען איר אנטשיידנדיקסטער קעגנער. אמת, גראד אין דעם
פרט האט אפשר דער בעל „לוית חן” ארויסגעוויזן ניט אזוי זיין סיסטעמ-
לאזיקייט, ווי דווקא זיין געטרייאשאפט צו אריסטוס שיטה. ווארעם ארימ-
טום סיסטעם טראגט אין זיך בלי־ספק געוויסע אסטראלאגישע עלע-
מענטן. לויט אריסטוס באגריף זיינען דאך די שטערן לעבעדיקע באשע-
פענישן, מיט חכמה באשענקטע „גלגלים”, וואס שטייען אויף א פיל
העכערער מדרגה ווי פשוטע מענטשן. וויפיל הימלשע ספערן, אזוי פיל
גלגלים. און טאקע זיי רעגירן די וועלט. ווארעם לויט אריסטוס פילאזא-
פישער סיסטעם האט דאך די גאטהייט קיין שום מגע־ומשא ניט מיט
דער ערדישער וועלט [2]; אלץ, וואס געשעט אין דעם עולם השפל, איז
דערפאר בלויז א פועל־יוצא פון די גלגלים און זייערע קרעפטן, וואס
ווירקן מיט שטרענגער געזעצמעסיקייט. דערפון איז לייכט געווען צו קו-
מען צום באשלוס, אז דעם מענטשנס טאן, זיין כאראקטער און זיין
מזל — אלץ הענגט אפ פון דער לאגע, אין וועלכער די שטערן און פלא-
נעטן געפינען זיך אין א באשטימטן מאמענט. דאס מוז ברענגען צום
פולשטענדיקן פאטאליזם, צו דער איבערצייגונג, אז „אין חכמה ואין
תבונה”, אלץ איז פארויס באשטימט, און מאכטלאז איז דעם מענטשנס
ווילן. זייער כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט די פראגע, וואס
א בן־דור פון ר׳ לוי בן אברהם [3] האט געשטעלט פאר ר׳ יצחק אבן
לאטיף: „אבוקראט און גאלען האבן פארפאסט אזוי פיל מעדיצינישע ווערק,
האבן אויסגעפארשט די אייגנשאפטן פון אלע קרייטעכצער און הייל-
מיטלען, דערקלערט, וואס פאר א מיטל מען דארף באנוצן ביי דער
קראנקהייט און וואסער ביי דער צווייטער. פטאלאמעוס און זיינע
תלמידים באשרייבן אבער אין זייערע ווערק די ווירקונג פון די אלע
גלגלים און ווי יעדע פלאנעטע באזונדער איז משפיע אויף א באשטימטן

---

1 בעת ר׳ לוי קלאגט זיך אין „בתי הנפש והלחשים” אויף זיין ביטער מזל,
שטרייכט ער אונטער, אז דאס האבן אים די פלאנעטן גערודפט און קיין רו אים ניט געגעבן:

ואין מחזיק עלי ידי ועוזר בכל שרי רקיעים המאירים
אבל בי מסלותם כלוחמים — וחשבו לי בני כוכבי שחרים.

2 זע ערשטן באנד, ז׳ 174.

3 טודרוס אבולפיה, וואס־איז שפעטער געווען א הייסער אנהענגער פון קבלה
און פארפאסט דאס באקאנטע קבלה־ספר „אוצר הכבוד”.

שטח... לויט די דאָזיקע חכמים באַווייזן, איז אַלץ, וואָס ס׳קומט פֿאָר דאָ אין דעם עולם השפל, דער פּועל־יוצא פֿון די אַלע קרעפֿטן, וואָס די מזלות און פּלאַנעטן אַנטפּלעקן נאָך באַשטימטע געזעצן; וואָס־זשע קענען דאָ העלפֿן די דאָקטוירים מיט זייערע היילמיטלען? ווי זיינען זיי בכוח אָפּצוּווענדן דאָס, וואָס די הימלשע ספֿערן האָבן גוזר געווען?״ [1].

ר׳ לוי בן אברהם איז געווען אַזאַ הייסער אָנהענגער פֿון אַסטראָ־לאָגיע, אַז ער האָט אין דער גאַנצער תורה געזען רק אַסטראָלאָגישע סודות, וועלכע ער האָט זיך געפּלייסט אַרויסבאַקומען אויף אַ ראַציאָנאַ־ליסטיש־אַלעגאָרישן אופֿן. בעת די חכמי התלמוד האָבן אין די צוועלף מזלות געזען אַ רמז אויף די צוועלף יידישע שבטים, האָט דער בעל „לוית חן״ אין די צוועלף שבטים גופא געזען בלויז אַ רמז אויף די צוועלף מזלות. דער „אורים ותומים״ איז לויט לוי בן אברהמס דערקלע־רונג דער באַקאַנטער אַסטראָלאָגישער אינסטרומענט, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַסטראָלאַב. דער גאַנצער משכן מיט אַלע זיינע כלים, דער אפוד און דער חושן — דאָס זיינען אויך בלויז אַסטראָלאָגישע כלי־מכשירים, בכדי צו ווירקן אויף די שטערן און די מזלות, אַנטפּלעקן זייערע סודות, וואָס זיינען נאָך באַהאַלטן אינם שוים פֿון דער צוקונפֿט [2].

און די דאָזיקע ראַציאָנאַליסטיש־אַלעגאָרישע פּשטלעך און בויך־סברות האָבן שטאַרק אויסגענומען אין די אינטעליגענטע קרייזן; ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע־זאַך, און אַפֿילו האַלב־געבילדעטע יונגעלייט, רייבע לעב־מענער און הויפֿלייט, וואָס האָבן זיך גאַנץ ווייניק אָפּגעגעבן מיט וויסנ־שאַפֿטלעכע פֿראַגן, האָבן זיך דראַפּירט אין פֿילאָזאָפֿישע מאַנטלען. גע־שפּילט די סקעפּטיקער און פֿריידענקער, חוזק געמאַכט פֿון די אַלטע מנהגים און פֿון דעם „פֿאַנאַטישן״ המון, וואָס איז אַזוי פֿאַרגלויבט אין אַלע מיני נאַרישקייטן און באָבע־מעשיות. „יונגעלייטלעך — קלאָגט זיך דער רשב״א — קומען מיט שאלות: צו וואָס מאַכן עס איין אָט די נאַרישע יידן ציצית אין זייערע בגדים, שלאָגן צו מזוזות צו די טירן און טוען אָן תפֿילין אויף די קעפּ? מען האָט דאָך שוין פֿון לאַנג דערוויזן, אַז די אַלע מנהגים האָבן ניט קיין שום זין״ (שאין לדברים האלו חלק בשכליות) [3].

---

[1] „קובץ על יד״, I, 51. דאָרט איז אויך אָפּגעדרוקט לאַטיפֿס ענטפֿער. אינ־טערעסאַנט זיינען אויך די סברות, וואָס ס׳האָט מפֿוח דעם אַרויסגעזאָגט דער הייסער מיימוניסט, דער טאַלענטפֿולער פּאַראָפֿאַסער פֿון דער סאַטירע „עלילת דברים״ („אוצר נחמד״, V, 207).

[2] „כרם חמד״, VIII, 195‑199; „מנחת קנאות״, 104, 106, 153.

[3] „מנחת קנאות״, 94.

„גראבע יונגאטשעס (נערים הדיוטים) — קלאגט זיך אן אנדער שריפטשטעלער פון יענער צייט — זיינען קופצים בראש, זיי טרעטן ארוים אויף אסיפות און עפנטלעכע פארזאמלונגען, ריידן מיט גדלות וועגן פילאזאפישע ענינים, בכדי אויסצונעמען ביי עמי־הארצים און אומוויסנדיקע פרויען" [1]. „עס איז גרוים די געפאר—ווארנט קרעסקאס־ווידאל אוים מארסעיל — אז אט דורך די פילאזאפירנדיקע יונגען (הנערים המתחכמים) וועט די גאנצע ערד זיך באדעקן מיט אפיקורסות און די תורה וועט ווערן צו שפאט און געלעכטער".

און דאס, פאר וואס זיי האבן מורא געהאט, איז טאקע טיילווייז מקויים געווארן. אט דאס קריטיש־קאלטע פארהאלטן זיך צו אמונה־זאכן אין די אזוי־גערופענע געבילדעטע קרייזן האט געבראכט צו זייער טרויערדיקע געשעעניש: די שמד האט אנגעהויבן מוראדיק צו וואקסן. עס איז דאך געווען „ניט על־פי שכל" צו ליידן און אויסשטיין נסיונות צוליב דער אמונה, וואס זי האט דאך ניט קיין זעלבשטענדיקן ווערט. און בכדי אויך עטיש צו פארענטפערן די אפטריניקייט פונם אייגענעם קיבוץ און פון דער ירושה פון די אבות, איז מען געווארן פאטאליסטן און מען האט אנגעוויזן, אז אלץ איז דאך מן השמים, דעם מענטשנס מזל און זיין טאן באשטימען דאך די שטערן מיט די גלגלים, און קעגן זייער גזר איז דעם מענטשנס ווילן מאכטלאז. אייניקע פון די דאזיקע משומדים־פאטאליסטן, ווי צום ביישפיל דער באקאנטער רענעגאט אבנר אוים בורגאס [2], זיינען דערנאך געווארן פארביסענע שונאי ישראל און שטארק גערודפט זייערע געוועזענע ברידער.

עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס אין די ארטאדאקסישע קרייזן איז אלץ געוואקסן די מורא און די באאומרויקונג פארן קיום היהדות, און מען האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן מיטלען, ווי אזוי צו שיצן די אמונה פאר די „אפיקורסישע" אידעען פון די פריידענקענדיקע ראציאנאליסטן.

ווידער אמאל ווי מיט 70 יאר צוריק האט אויפסניי אויסגעבראכן דער קאמף קעגן די ראציאנאליסטן, און אויך דאס מאל האט דער קאמף צום ערשטן זיך אנגעפאנגען אין מאנפעליע, דעם וויכטיקסטן יידישן קיבוץ אין לאנגעדאק. ווי דעמאלט שלמה בן אברהם מההר, איז דאס מאל ארויסגעטראטן אן אנדערער פייערדיקער פאנאטיקער מיט א שטארקער קאמפס־נאטור, אבא מארי בן משה ירחי, וואס האט אויך געטראגן א פרא־

1 יוסף כספי, „חצוצרות כסף", 104.

2 געבוירן אין 1270, געשטארבן אין 1346.

וואַנסאַלישן נאָמען, דאָן אַסטרוק דע לונעל [1]. אבא מארי האָט געהאַט געוויסע ידיעות אין די פילאָזאָפישע וויסנשאַפטן, האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס רעספּעקט צום רמב״ם און זיין „מורה״ [2]. אַריסטו האָט ביי אים געגאָלטן אַלס „דער גאָטזוכער ביי די אומות העולם״, וואָס איז געגאַנגען אויף דעם זעלבן דרך „ווי אברהם אבינו בשעתו״, און מיט זיין אייגענעם שכל דערגאַנגען צום באַגריף וועגן דער איין־איינציקער אומ־ענדלעכער גאָטהייט, וואָס איז פריי פון וועלכער־ס׳איז גשמיות [3]. ווייל, שטרייכט אונטער אבא מארי, דעם דאָזיקן גרויסן דענקער זיינען אָבער געבליבן אומבאַקאַנט די אַנטפּלעקונגען פון אונזער געטלעכער תורה, האָט ער מיט זיין אייגענעם שכל ניט געקאָנט דערגיין צו די צוויי הויפּט־יסודות פון דער יידישער אמונה: 1) די באַשאַפונג פון דער וועלט אַלס יש מאין דורך גאָטס פרייען ווילן און 2) השגחה מן השמים. די יידישע ראַציאָנאַליסטן אָבער, טענהט אבא מארי, בעת זיי פלייסן זיך אויסצו־טייטשן דעם פשט פון דער תורה לויט אַריסטוס שיטה, לייקענען דערמיט אין דער ירושה פון זייערע אבות, און גראָבן אונטער די יסודות פון דער יידישער אמונה; זיי זיינען כופר אין די וויכטיקסטע עיקרים: אין תורה מן השמים, אין בריאת העולם און אין גאָטס השגחה. אויסגעשלאָסן דאַרפן אַזוינע ווערן פון מחנה ישראל (לא יהיה לו לא נין ולא נכד בישראל) [4].

„איך — רופט אויס, דער דאָזיקער פאַנאַטישער קנאי — דערקלער אַ אומבּרחמנותדיקן קאַמף די אַלע, וואָס גראָבן אונטער די יסודות פונם דת און פאַרוויסטן די פרוכטבאַרע פעלדער פון דער אמונה. כל־זמן איך לעב, וועל איך מיט אַלע מיינע קרעפטן, מיט דער מאַכט פון מיין וואָרט און מיין פעדער, פירן דעם פאַרביטערטסטן קאַמף קעגן די וואָס ווילן פון דער פרעמד געבראַכטע אידעען מאַכן געוועלטיקן איבער אונזער

---

1 געבוירן בערך אין יאָר 1250. באַריכות וועגן אים זע גראָס׳ס אַרבעט: Notice sur Abba Mari de Lunel, Rev. d. et. juives, IV, 200.

2 זע זיין פאָררעדע צו „מנחת קנאות״, קאַפּ׳ 6 און אויך זיין „הירח״, קאַפּ׳ 8—10 (זע 127—128).

3 „מנחת קנאות״, 15: כי „הביא ראיות על מציאות האל יתברך ואחדותו והיותו בלתי גשם ולא ישיגהו הפעלות ושינוי״.

4 „מנחת קנאות״, 15. אבא מארי ווייזט דערביי אָן אויף דריי הויפּט־מאָמענטן אין אַריסטוס שיטה (לויט דער אויפפאַסונג פון אבן־רשדס שולע), וועלכע זיינען לחלוטין סותר די יסודות פון דער יידישער אמונה: א) אַז די וועלט איז אַ קדמון, ב) אַז נים גאָט איז דער מנהיג העולם, נאָר די גלגלים זיינען משפיע אויפן סדר פון דער וועלט. ג) אַז עס איז נים פאַראַן קיין השארת הנפש פאַרן יחיד, און דערמיט ווערט אויך אָפּגעלייקנט די לערע פון שכר ועונש.

הייליקער תורה. טריט ביי טריט וועל איך מוטיק גיין מיין וועג, מיך וועלן ניט אָפּשרעקן ניט די ווילדע געשרייען פון די צערייצטע חיות, ניט די שאַרפע נעגל פון די בייזע רויב־פייגל. איך וועל ניט אַריינלייגן די שווערד אין איר שייד ביז איך וועל ניט ריין מאַכן גאָטס הייליקן היכל [1].

אַבא מאַרי אַליין איז אָבער ניט געווען גענוג מפורסם אין די יידישע קהילות, און זיין אַרויסטריט וואָלט ניט געמאַכט קיין באַזונדערן רושם, האָט ער זיך דערפאַר געווענדט צום באַרימטן באַרצעלאָנער רב, ר׳ שלמה בן אדרת (רשב״א), וואָס איז געווען שטאַרק אָנגענומען ניט נאָר ביי די יידישע קהילות, נאָר אויך ביי דער רעגירונג [2], יענער זאָל אים באַהילפיק זיין אין דעם גאָטספאַרכטיקן קאַמף. ר׳ שלמה בן אברהם אבן אדרת איז געווען אַ גאון בישראל. דעם רמב״נס און יונה גירונדיס אַ תּלמיד, האָט ער דערהויבן דעם גלאַנץ פון רבנות אין שפּאַניע צו דער העכסטער מדרגה. פון די ווייטסטע לענדער פלעגט מען זיך צו אים ווענדן מיט שאלות און דין־תורות, און צו זיינע פּסקים און החלטות האָט מען זיך באַצויגן מיטן גרעסטן רעספּעקט בכל תפוצות ישראל [3]. דער שאַרפזיניקער פּילפּול פון די בעלי־התוספות, וועלכן דער רמב״ן האָט געמאַכט אַזוי פּאָפּולער אין שפּאַניע, האָט דערגרייכט זיין העכסטן גלאַנץ ביים רמב״נס באַרימטן תלמיד. דעם רשב״אס „חידושים" צו פיל מסכתות זיינען ניט נאָר אַ דענקמאָל פון גרויסער בקיאות, נאָר אויך פון גלענצנדיקער דיאַלעקטישער קונסט. וואונדערלעכע חריפות פון זיין שאַרפן אַנאַליטישן שכל באַווייזט אויך דער רשב״א אין זיין קאָמפּענדיום פון דיני איסור־והיתר „תורת הבית [4]. אונטער דער השפּעה פון זיין רבין, דעם רמב״ן, האָט אויך דער רשב״א זייער געהאַלטן פון קבלה, דערביי האָט ער אויך געהאַט געוויסע ידיעות אין „חכמות חיצוניות", און מיט שטאָלץ דערקלערט ער

---

1 פאָררעדע צום „הירח" („מנחת קנאות", 122).

2 זע: Jean Regne, Catalogue des act etc., נומ׳ 1056, 1181, 1597.

3 דעם רשב״אס שו״ת (איבער 3 טויזנט) זיינען פאַרעפנטלעכט אין זיבן בענד.

4 קעגן דעם „תורת הבית" איז אַרויסגעטראָטן דעם רשב״אס בן־עיר, דער רב אהרון הלוי, מיט זיין ווערק „בדק הבית". דער רשב״א האָט גלייך אָפּגעענטפערט מיט זיין „משמרת הבית" (באַריכות וועגן דעם זע: „דור דור ודורשיו", V, קאַפּ׳ 3. מער וועגן דעם רשב״אס קעגנער, ר׳ אַהרון, זע Les rabins fr., 523—28). ווי זיין רבי דער רמב״ן, אַזוי האָט אויך דער רשב״א געפירט פּאָלעמיק מיט די קעגנער פון דער יידישער אמונה. ער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַן אַפּאָלאָגעטישער שריפט אויף דעם פיינדלעכן אַרויסטריט פון דעם באַרצעלאָנער מאָנאַך רייטאָנד מאַרטין, קעגן דעם יידנטום. נאָך שאַרפער איז דער רשב״א אַרויסגעטראָטן קעגן אַ מוסלמענישן פריידענקער אבמאַט אבן באַזם (די דאָזיקע רשב״אס פּאָלעמישע שריפט האָט פערלעס פאַרעפנטלעכט אין 1863).

זיינע קעגנער: „איר מיינט אַלץ, אַז פרעמד זיינען מיר די אַלע חכמות. איר האָט אָבער אַ טעות, איך בין אויך אַ שטיקל בקי אין די דאָזיקע וויסנשאַפטן, און ווייס ווי זיי צו שעצן״ [1]. ער באַציט זיך מיטן גרעסטן רעספּעקט צום רמב״ם, ציטירט גאַנץ אָפט זיין „מורה״, ברענגט אויך אין זיינע שו״ת ניט זעלטן ראיות פון די נאַטורוויסנשאַפטן. ער האַלט אָבער פאַר נייטיק שטענדיק אונטערצושטרייכן, אַז פילאָזאָפיש וויסן און תורה מן השמים — זיינען צוויי דיאַמעטראַל פאַרשיידענע ענינים, און מען קאָן זיי ניט צונויפמישן אין איינעם (אי אפשר להתקבץ שני הפכים יחד בזמן אחד). פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן, ווייזט אָן דער רשב״א, רעכענען זיך אויסשליסלעך מיט די ראיות פונם שכל, און מיט פעסט־געזעצטע געזעצן. דאָ געוועלטיקט די האַרטע אומבּרחמנותדיקע נויטווענ־דיקייט, די אייזערנע קייט פון סיבות און פועל־יוצאס. דאָ — אין דער ממשלה פון דער שטרענגער געזעצמעסיקייט, איז ניטאָ קיין אָרט פאַר ניסים און מופתים, וואָס זיינען מורד אין די פעסטגעזעצטע נאַטורגעזעצן און כללים פון לאָגיק. דער גלויבן אָבער, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך דער התגלות — דאָס איז דאָך די אַנטפּלעקונג פונם געטלעכן ווונ־דער, דער גלויבן איז אומדערנקבאַר אָן וווּנדער, דאָרט האָבן ניט קיין שליטה די קאַלטע, מעכאַניש-אויטאָמאַטישע נאַטור־געזעצן. „מען קאָן ניט — זאָגט דער רשב״א — באַווייזן מיט לאָגישע סברות אָדער אויף דעם עקספּערימענטאַלן אופן דעם אמת פון די ווונדער, וואָס ווערן אין דער תורה באַשריבן, ווי פון אַ שטיין, למשל, קאָן מען מיט אַ שטעקן מאַכן וואַסער פליסן. מיר גלויבן פעסט אין אַלע ניסים פון דער תורה, יענע אָבער, די ראַציאָנאַליסטן, קאָנען זיי ניט ערקלערן על־פי שכל מיט לאָ־גישע באַווייזן; „זיי האַלטן זיך אַזוי קלוג אין זייערע אויגן, אונז אָבער רעכענען זיי פאַר נאַרישע אומפאַרשטענדיקע בהמות״ [2].

צום רשב״א, ווי ס׳איז שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן זיך נאָך שלמה פּטים אַרויסטרעטן געווענדעט ביידע צדדים, ער זאָל זיין דער פּשרה־מאַכער; איצט, אינם יאָר 1303, האָט זיך צו אים געווענדט אבא מארי מיט אַן אויפרוף, אַז ער אַלס גדול בישראל זאָל אָנגורטן זיינע לענדן און אַרויסטרעטן קעגן די „מקצצי בנטיעות״.

„פיל מיט גדלות און עזות — קלאָגט זיך אבא מארי אין זיין ערשטן בריוו צום רשב״א — איז אונזער איצטיקער דור, מיט חוצפה קריטיקירט ער זיינע ועגווייזער און ראַטגעבער... נאַרישקייטן יאָגן זיי נאָך, און

1 זע זיין בריוו צו יצחק דלמאש („מנחת קנאות״, 97).

2 „מנחת קנאות״, 40; שו״ת רשב״א, נומ׳ 414.

דעם וויכטיקסטן קערן לאָזן זיי פאַלן.[1] זיי צעשטערן גאַנץ בונד (הפרו ברית), פרעמדע לערעס נעמען זיי אָן, און די אוצרות פון אונזער תורה טוען זיי פאַרטיליקן. פון דער בימה אַראָפּ האַלטן זיי גאַטלעסטערלעכע דרשות. זייער באַשעפטיקונג איז נאָר פיזיק און לאָגיק; אָבן רשדם ווערט און אַריסטוס אַ מאמר איז בײַ זיי טייערער פון אַלץ, זייער גאַנץ טראַכטן איז נאָר וועגן אַסטראָלאָגיע, וועגן דער געשטאַלט פון די שטערן און די לאַגע פון די מזלות.[2]

אין זײַן צווייטן בריוו צום רשב״א שטרייכט אַבא מארי אונטער, אַז ער איז כלל ניט קיין קעגנער פון דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע און פון נאַטורוויסנשאַפטן, און ער ווייס אויך ווי זיי צו שעצן; ער זעט נאָר אַ גרויסע געפאַר אין דעם, וואָס די ראַציאָנאַליסטן ווילן די תורה אונ־טערטעניק מאַכן דער פילאָזאָפיע, און ברענגען דערצו, אַז דעם מענטשנס שכל זאָל זיך אונטערשטיין צו הערשן איבער דער געטלעכער אַנטפּלעקונג. — די וואָס דערלויבן זיך אַרויסזאָגן אַזעלכע אַפּיקורסישע געדאַנקען — רופט אויס מיט כעס אַבא מארי — זיינען ווערט, מען זאָל זיי אויסראָטן, פאַרטיליקן און פאַרברענען (השחת, שרף וכלה).[3]

ער ווענדט זיך דערפאַר צום רשב״א, יענער זאָל אַרויסטרעטן בחרם ובשמתא קעגן אַלע די, וואָס דערלויבן זיך אויסצוטייטשן די תורה אויף אַן אַלעגאָרישן אופן. דער רשב״א האָט אין זײַן ענטפער דערקלערט, אַז ער איז פולשטענדיק מסכים מיט אַבא מארין; נאָר ווייל ער, דער רשב״א,

---

1 פערלעס ברענגט אין זײַן דײַטשער מאָנאָגראַפיע וועגן דעם רשב״א (ז׳ 18) די דאָזיקע שטעלע אין אַ פאַרגרייזטער איבערזעצונג, ווייל דער דאָזיקער פאָרשער האָט במחילה אַ טעות געהאַט, און אָנשטאָט „תִּפְלוּת״ (נאַרישקייטן) האָט ער געלייענט „תְּפִלּוֹת״ (געבעטן).

2 „מנחת קנאות״, 20.

3 דאָרט, בריוו נומ׳ 5. די אַלע בריוו און אויפרופן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם דאָזיקן קאַמף, האָט אויפן ווונטש פונם רשב״א (זע „מנחת קנאות״, 138, 140) צונויפגעזאַמלט אַבא מארי אין אַ ספּעציעל בוך „מנחת קנאות״. דאָס דאָזיקע זאַמלבוך טראָגט אַפילו אַ ביסל אַ איינזײַטיקן כאַראַקטער, ווייל אַבא מארי האָט ניט אַלע בריוו פון די קעגנער געהאַלטן פאַר נייטיק אײַנצושליסן אין דער זאַמלונג, דאָך האָט דער „מנחת קנאות״ אַ באַדײַטנדיקן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, ווייל ער גיט אַ גוטע בילד פון דעם אידעענקאַמף, וואָס האָט זיך געפירט מיט אַזאַ עקשנות אין שפּאַניע און אין דער פּראָווענס אין דער התחלה פונעם XIV יאָרהונדערט. דער מאַנוסקריפּט, נאָך וועלכן מרדכי ביסעליכעס האָט דעם „מנחת קנאות״ צום ערשטן פאַרעפנטלעכט (1838), איז באַשטאַנען בלויז פון 104 בריוו. אין אַנדערע אָפּשריפטן איז די צאָל בריוו אַ גרעסערע. נײַבויער האָט לויט אַן אַלטן פּאַרמער מאַנוסקריפּט פאַרעפנטלעכט („לעטטערבאָדע״, IV—VI) די צאָל בריוו, וואָס פעלן אין ביסעליכעס אויסגאַבע.

נעפינט זיך גאַנץ ווייט פון דער פּראָוואַנס און ער איז ניט באַקאַנט מיט די דאָרטיקע צושטאַנדן, האַלט ער פאַר ניט פּאַסיק אַרויסצוטרעטן דער ערשטער קעגן די אפּיקורסים פון מאָנפּעליע. ער לייגט דערפאַר פאָר, אַבאַ־מארי זאָל אויפן אָרט אָרגאַניזירן די אַלע, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן פון גאָטס נאָמען וועגן, און דאַן ערשט מיט אים זיך צונויפריידן, ווי אַזוי מלחמה צו פירן מיט די פריידענקער ראַציאָנאַליסטן [1]. אין דער זעלבער צייט האָט דער רשב"א זיך געווענדט צו זיינעם אַ באַקאַנטן אין דער פּראָוואַנס, דאָן קרעסקאַס־ווידאַל אויס פּערפּיניאַן, און אים געבעטן, ער זאָל אים באַקענען מיט די קולטורעלע צושטאַנדן אין דרום־פראַנקרייך [2]. דאָן קרעסקאַס האָט אַרויסגעזאָגט זיין פולשטענדיקע איינשטימיקייט מיט אַבאַ־מאַרין, און האָט פון זיין זייט פאָרגעלייגט דעם רשב"א, ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז ביז צו דרייסיק יאָר טאָר קיין יונגערמאַן זיך ניט פאַרנעמען ניט מיט פילאָזאָפיע און ניט מיט נאַטורוויסנשאַפטן [3].

אייניקע פון אַבאַ מאַרים אָנהענגער האָבן אויך געגעבן צו וויסן דעם רשב"א, אַז דער ראש פון די ראַציאָנאַליסטן, ר' לוי, האַלט זיך אויך ביים באַוווּסטן מעצענאַט שלמה סולמי אין פּערפּיניאַן. שלמה סולמי, וועלכן דער רשב"א האָט זייער גוט געקאַנט, איז געווען אַ גרויסער בקי אין דער תלמודישער ליטעראַטור, און דער פרומער באַרצעלאָנער רב איז ממש דער־ציטערט געוואָרן ביי דער ידיעה, אַז אין הויז פון אַזאַ אדם חשוב זאָל געפינען שוץ אַזאַ געפערלעכער אפּיקורס ווי ר' לוי. די לערע פון אַזאַ אפּיקורס, דערקלערט דער רשב"א, איז פיל געפערלעכער פון די פאַלעמייִשע אַנגפאַלן, וואָס מיר האָבן אויסצושטיין פון די אַנדערשגלויביקע. יענע טרעטן אַרויס בלויז אַקעגן באַשטימטע עיקרים פון אונזער אמונה, ער אָבער און זיינע אָנהענגער — זיי לייקענען אינם גאַנצן דת און וואַרפן אַלץ אָפּ. גאָט איז מיין עדות, אַז מיר איז פיל ליבער אַ מושלמי איידער אַזאַ אפּיקורס, וואָס האָט די העזה צו מאַכן פון אונזערע אבות בלויזע משלים און פילאָזאָפישע אַלעגאָריעס. דערמיט, וואָס זיי מאַכן פון אַלץ — לויטער רמזים, גראָבן זיי אונטער די יסודות פון דער תורה, וואָרעם אויף אַזאַ אופן קאָן מען דאָך אַלע מצוות און דינים דערקלערן אַלס פּשוטע אַלעגאָריעס, וואָס האָבן ניט קיין שום רעאַלן באַטייט. דערמיט גיבן זיי דאָך דאָס בעסטע געווער אין די הענט פון אונזערע קריסטלעכע קעגנער, וואָס טענהן דאָך אויך, אַז די דינים און מצוות פון דער תורה זיינען בלויז

---

1 „מנחת קנאות“, 21—22.

2 דאָרטן, 44—45.

3 דאָרטן, 48.

רמזים און סימבאָלן. די דאָזיקע לייט (לוי און זיינע אָנהענגער) גייען אָבער נאָך ווייטער: ניט נאָר זיי גראָבן אונטער די יסודות פון דער אמונה, זיי לייקענען בכלל אין וועלכן ס׳איז דת (האנשים האלה כופרים בכל הדתות), און ווען עס דערוויסן זיך דערפון די אומות, צווישן וועלכע מיר וואוינען, וואָלטן זיי געווים גלייך אָנגענומען קעגן אונז די שאַרפסטע מיטלען [1].

דער רשב״א האָט דערפאַר אָנגעשריבן א זייער בייזן בריוו צו שלמה סולמי [2] דערפאַר, וואָס ביי אים אין הויז האַלט זיך אויף אַזא אפיקורס ווי ר׳ לוי. גראָד אין דער צייט האָט אין סולמים פאַמיליע אַן אומגליק געטראָפן. סולמים א יונגע טאָכטער איז געשטאָרבן. דער גאָטס־פאַרכטיקער פאָטער האָט אין דעם אַן עונש דערזען פאַר זיין „זינד״, און דער אַלטער אָרעמער ר׳ לוי האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין הויז [3].

סוף־כל־סוף האָט דער רשב״א, בכדי צו דערפילן דעם ווונטש פון אבא מארי און זיינע אָנהענגער, באַשלאָסן אָנצונעמען קרעסקאַס־ווידאַלס פאָרשלאָג. באַלד האָט אבא מארי באַקומען אוים באַרצעלאָנע א כתב נעחתמעט פונם רשב״א, פון נאָך 14 רבנים און אויך פון די קהילה־פאָר־שטייער. אין דעם דאָזיקן כתב ווערט פאַרווערט בחרם ובשמתא צו פאַר־נעמען זיך מיט פילאָזאָפיע און אַנדערע וויסנשאַפטן, איידער מען ווערט א בן שלושים. נאָר די, וואָס זיינען שוין איבער 30 יאָר און זיינען גוט בקי אין תלמוד און זיינע מפרשים, זיי ווערט דערלויבט אַריינצוקוקן אויך אין די „ספרי היונים״, ד״ה, אין וויסנשאַפטלעכע ביכער פון וועלט־לעכן אינהאַלט [4]. דאָך האָט דער פאָרזיכטיקער רשב״א באַפוילן אבא מארין, ער זאָל דעם כתב ערשט דעמאָלסט עפנטלעך פאָרלייענען אין שול פאַר דער פערפיניאַנער קהילה, נאָכדעם ווי ער וועט זיך פאָרויס איבערצייגן, אַז מיט דעם אינהאַלט פונם כתב זיינען איינשטימיק די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער אָרטיקער קהילה [5].

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלע אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער קהילה אין מאָנפעליע זיינען געווען איינשטימיק מיט אבא מארין.

---

1 דאַרמן, 51–52.

2 דאַרמן, בריוו 15.

3 דאַרמן, ז׳ 55.

4 דאַרמן, דער 20סטער בריוו.

5 דאַרמן, דער אָנפאַנג פונם 21סטן בריוו.

אין מאָנפּעליע האָט דעמאָלסט געלעבט אַ זייער חשובער מיטגליד פון דער פאַמיליע תיבון, שמואל אבן תיבונס אַן אייניקל, יעקב בן מכיר [1], אַ באַ־דייטנדיקער אַרצט און אַסטראָנאָם, וואָס איז אַ שטיק צייט געווען דעקאַן פונם מעדיציניש פאַקולטעט אין מאָנפּעליע. דאָס איז געווען אַ מאַן פון פילזייטיקן וויסן. זיינע אָריגינעלע אַסטראָנאָמישע ווערק, ווי, צ״ב, זיין באַקאַנטער „רביע ישראל״ (וועגן די קוואַדראַנטן און דעם אַסטראָליאַביום), אַזוי אויך זיינע לאַטיינישע איבערזעצונגען, פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון אַסטראָנאָמיע אינם מיטלעלטער. זיינע אַרבעטן ציר־טירן מיט יראת־הכבוד אַזוינע געלערנטע ווי קאָפּערניק, ריינהאָלד און קלוידיוס [2]. בכדי צו פאַרשפּרייטן וויסנשאַפטלעכע ידיעות אין די ברייטע יידישע שיכטן, האָט ער איבערגעזעצט פון אַראַביש אויף העברעיש פילע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, צווישן זיי אויך אוקלידוסעס באַרימטע „עלעמענטן״ [3]

אַז יעקב בן מכיר האָט זיך באַקאַנט מיטן כתב פון די באַרצעלאָנער רבנים, האָט ער געבעטן אבא מארין, יענער זאָל אים ניט פאַרעפנטלעכן [4]. אבא מארי האָט אָבער ניט געפאָלגט, און אינם נאָענטסטן שבת (זומער 1304) איז דער כתב פאָרגעלייענט געוואָרן פאַרן גאַנצן עולם אין דער גרויסער שול. דאַן איז יעקב בן מכיר, צוזאַמען מיט זיין קרוב, יהודה בן משה תיבון, גלייך אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די „קנאים״, וואָס ווילן אונטערדריקן די פרייהייט פון פאָרשן און וויסן. די בני־תיבון איז געלונגען צוציען צו זיך פילע אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער קהילה [5] און אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געבילדעט צוויי צדדים, און

---

1 זיין פּראָווּאַנסאַלער נאָמען איז געווען: דאָן פּראָפיאַט תיבון; ביי לאַטיינישע פאַרפאַסער הייסט ער: Profatius Judaeus; אין יידיש פלעגט ער זיך חתמענען: יעקב בן מכיר בן תבון ההררי. געבוירן איז ער אין מאַרסעיל בערך 1236, געשטאָרבן נאָך 1312.

2 זע, ש. זאַקש אין „כרם חמד״, VIII, 196; רענאַן־נייבויער Les rabbins français, 603—623; שטיינשניידער, העבר. איבערז. 505, 607, 976 א״וו.

3 כאַראַקטעריסטיש זיינען פאָלגנדיקע שורות אין דער הקדמה צו דער דאָזיקער איבערזעצונג: „ומאשר כי חכמת חשעור הוא יסוד לכל הכמות הלמודיות וזה הספר הוא יסוד ושרש והתחלה לכל שאר הספרים מזאת החכמה, נשאני לבי אני יעקב בן מכיר להעתיקו אל לשוננו ולהחזיר אבדה לבעלים, ולעשות לנו שם כשם הגדולים להסיר מעלינו חרפת הערלים האומרים כי מכל החכמות הננו משוללים״.

4 „מנחת קנאות״, בריוו 21.

5 דאָרטן, בריוו 21—24.

עס איז אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון אבא מארי און פון די בני תיבון [1].

די קעגנערישע פּאַרטיי בראָש מיט יעקב בן מכיר און שמואל בן ראובן אוים בעזיע (בדרש) האָבן קודם-כל זיך געווענדט צום אָנגעזעענסטן פאָרשטייער פון די אָרטאָדאָקסן, דעם רשב״א, מיט אַ לאַנגן בריוו [2], אין וועלכן זיי פּליסן זיך צו דערווייזן, אַז דאָס יידנטום איז קיין מאָל ניט געווען קיין פיינד פון וועלטלעכער בילדונג. נאָך אין דער ביבלישער צייט איז שלמה המלך געווען בקי אין אַלע חכמות, אויך די בעלי־המשנה והתלמוד האָבן געהאַט גרויסע ידיעות אין פאַרשיידענע בראַנזשעס פון וויסן. ווייטער ווערט אין דעם בריוו אָנגעוויזן, אַז דער פאַרבאָט צו פאַרנעמען זיך מיט אַלגעמיינעם וויסן ביז צו דרייסיק יאָר וועט פּאַקטיש ברענגען דערצו, אַז די קומענדיקע דורות וועלן בלייבן גראָב און אומוויסנדיק, וואָרעם אַז מען לערנט ניט אין דער יוגנט, בלייבט מען אַן עם־הארץ אויפן גאַנצן לעבן (אם אין גדיים אין תישים). זיי ווענדן זיך דערפאַר צום רשב״א און זיינע אָנהענגער מיט דער בקשה „צוריק אַריינ־לייגן די שווערד אין איר שייד״ און ניט פאַרשפּרייטן קיין מחלוקת אין יעקבס הויז.

צווישן די, וואָס האָבן זיך געחתמעט אונטער דעם דאָזיקן בריוו, איז געווען דעם רשב״אס אַן אַלטער פריינד און פאַרערער, שלמה בן יצחק אוים לונעל. אים האָט דער רשב״א געענטפערט אין אַ ספּעציעלן, זייער אינטערעסאַנטן בריוו, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך צום בולטסטן אָפּ דעם רשב״אס פּערזענלעכקייט. אָפן און באַשטימט דערקלערט ער, אַז ער קאָן ניט דערפילן זייער ווונטש „אַריינלייגן די שווערד אין איר שייד״, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך ניט אום פּערזענלעכע פּניות, ער קעמפט פאַר כבוד התורה, און דאָרט, ווו די אמונה איז אין געפאַר — „פעסט שטיי איך אויף דער וואַך, און קיין שום געפאַר קאָן מיך ניט אָפּשרעקן״ [3].

---

1 אין דעם דאָזיקן אידעען-קאַמף האָבן אויך מיטגעווירקט געוויסע פּערזענלעכע מאָטיוון. דער רשב״א און אַבא מארים אָנהענגער זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייער שאַרפע אויסדרוקן קעגן דעם בעל „מלמד התלמידים״ און יענעמס שווער, דער פריידענקער און „מורה-נבוכים״-איבערזעצער, שמואל אבן תיבון. די בני תיבון פון מאָנפּעליע האָבן אין דעם דערזען אַ פּחיתות הכבוד פאַר זייער גאַנצער פאַמיליע.

2 „מנחת קנאות״, 24סטער בריוו. דער רשב״א האָט אָפּגעענטפערט ביידע זיינע הויפּט-קעגנער (יעקב בן מכיר און שמואל אוים בעזיע) צוזאַמען. (דער בריוו איז פאַר-עפנטלעכט אין „לעטטערבאָדע״, IV, 130). שמואל בן ראובן האָט זיך באַלד דערווייטערט פון דער בני-תיבון-פּאַרטיי און האָט חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געגעבן זיין חתימה אונטער דעם אויבנציטירטן בריוו (זע „מנחת קנאות״, 89—93).

3 „מנחת קנאות״, 30סטער בריוו.

צו דער זעלבער צייט, ווי עס שיינט, האט דער רשב"א געשיקט קיין מאָנפעליע זיין קורצן בריוו [1], אין וועלכן ער טרעט אזוי שאַרף ארויס קעגן יעקב אַנאַטאָלי און זיין „מלמד התלמידים". דער דאָזיקער „אַלטער מלך" [2], קלאָגט זיך דער רשב"א, קיניגט איבער פילע פון אונזער פאָלק; ער איז די צירונג פון זייערע הערצער, די קרוין פון זייערע קעפּ. זיין בוך איז אָבער ניט דער שטעקן פון שטיצע, נאָר דער שטעקן פון שטראָף [3]. מיר האָבן דערפאַר מיטן הסכם פון אונזערע חכמים און קהילה־פאַרשטייער פאַרטריבן דאָס דאָזיקע בוך אוים אונזער מדינה, ווייל זיינע בלעטער זיינען פול מיט געדאַנקען ביטערע ווי גאל און ווי ליאַג. מיר האָבן אָבער געהערט, אז ביי אייך איז דאָס ווערק זייער באַליבט און געשעצט, אַלע סדרות פון דער תורה פאַרטייטשט איר לויט זיין פירוש, מיר אָבער געפינען אין אים ניט קיין סדר, נאָר פינסטערניש און גרוים פלאָנטער [4].

כאַראַקטעריסטיש איז שלמה בן יצחקס ענטפער אויף רשב"אס בריוו [5]. ער ווענדט זיך צו אים מיט גרוים יראת־הכבוד, רופט אים „מלאך אלהים", אָב בתורה, אב בחכמה, אב בחסידות", דאָך מאַכט ער אים דעם פאָרוואורף, פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך דעם „פאַלשן אחיתופל" (ד"ה דורך אבא מארין), און איז אַרויסגעטראָטן מיט אזא צאָרן קעגן די פּראָוואַנסאַלער קהילות. „מיר האָבן געהערט, אז דו האָסט זיך אפילו אויף אונז געקלאָגט פאַר די פּראַנצויזישע רבנים, די דאָזיקע פאַרביסענע שונאים פון פילאָזאָפיע און וויסנשאַפטן, וואָס ווילן פון גאָרנישט וויסן, נאָר פון לערנען תורה. דו ביסט אונז מבזה אין דיינע בריוו, דערקלערסט אונז פאַר אָפּטריניקעס, מאַכסט אונז פאַר דינער פון אַלע מיני אָפּגעטער און עבודות־זרות. דיינע שאַרפע אָנפאַלן אויפן בעל „מלמד התלמידים", שרייבט ווייטער שלומת דלוניל, האָבן דאָ אַלעמען שטאַרק אויפגערעגט, בפרט זיינע קרובים און אייניקלעך, און אַלס פּראָטעסט לייע־

---

1 דאָרטן, נומ' 9.

2 נייבויער און גראַס האָבן אַ טעות, בעת זיי מיינען, אַז אונטער „המלך הזקן" מיינט דער רשב"א שמואל אבן תיבון.

3 דאָס וואָרט „מלמד" באַטייט דעם שטאָנג פונם יאָך, אין וועלכן די אָקסן ווערן איינגעשפּאַנט.

4 אינם אָריגינאַל אַן אומאיבערזעצלעכער וואָרט־שפּיל: „וכל הסדרים דורשים באותם הדברים, והנם בעינינו צלמות ולא סדרים".

5 אין „מנחת קנאות" פעלט דער דאָזיקער בריוו. אבא מארי האָט אים אונטערדי הענט ניט געהאַט (התשובה שהשיב ר' שלמה דלוניל נתעלמה ממני, דאָרטן, 78). עס האָט נייבויער אָפּגעדרוקט אין „ישורון", ‏IV, 123–125.

נען זיי פאַר יעדן שבת פון מיטן טאָג ביז מנחה די קלוגע רייד אויס דעם „מלמד התלמידים" און דער רוב פון דער קהילה הערט אויפמערקזאַם צו. שטיל און רויִק איז געוועזן אין אונזער מחנה, און דו, פאָלגנדיק דעם אינטריגאַנט (בּודה), האָסטו געשטערט דעם פרידן און אַנגערייצט ברידער קעגן ברידער.

צו דער זעלבער צייט האָט די בני תיבונס פּאַרטיי אוועקגעשיקט אַ כתב קיין באַרצעלאָנע צו די דאָרטיקע רבנים און ראשי הקהילה [1]. וואָס פאַר אַ זין האָט דער חרם? — פרעגן די קעגנער — צי איז אַ יושר, אַז מחמת איינצלנע פּורצי גדר, וואָס גייען אין פאַלשע דרכים, זאָלן טויזנטער אומשולדיקע ליידן, און איר ווילט דערפאַר פאַר דער יוגנט די קוואַלן פון וויסן פאַרשליסן? צי האָט איר ווען געהערט, אַז צוליב איין נאַרישן שיכור זאָל מען פאַרבאָטן וויין צו גענינסן? צי קאָן דאָס ליכט פון וויסן זיין אַ סכנה פאַר אונזער תורה? ביי אונז גלויבט אין דעם קיינער ניט, חוץ אייניקע בלינדע פאַנאַטיקער, וואָס קאָנען אויס קליינלע־כער קנאה ניט מוחל זיין די געבילדעטע מענער זייער חכמה און וויסן. ווי קאָנען זיי, אָמ די פאַרפינסטערטע, משיג זיין, וואָס הייסט גוט און וואָס הייסט שלעכט? און איר האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך דעם, פון וועלכן אפילו אייגענע און נאָענטע האָבן זיך דערווייטערט דערפאַר, וואָס ער באַרעדט און טראָגט רכילות אויף זיין אייגענער קהילה. אונזערע רבנים און חכמים האַלט איר פאַר קליין און נישטיק, און פון אַ פרעמד לאַנד קומט איר צו אונז מיט אייערע חרמות. פאַרגעסט אָבער ניט, אַז נאָך פיל פריער, איידער איר זייט מיט אייער חרם ארויסגעטראָטן, האָט דער ראש הגולה, דער נשיא פון דמשק, ישי בן חזקיה, אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן וועמען ס'איז פאַרבאָטן צו לערנען דעם רמב"מס ספרים, בפרט זיין „מורה" [2]. איז דען אָבער מעגלעך דאָס דאָזיקע טיפע ווערק צו שטודירן אָן ברייטע ידיעות אין פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן? ווי קאָן מען עס פאַדערן, אַז דער מענטש זאָל בלינד זיך האַלטן אין די אַנגענומענע מנהגים, מקיים זיין די מצוות און געבאָטן, און זאָל ניט טאָרן זיי לאָגיש באַגרינדן? מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָן מען עס אַרויפלייגן קייטן אויף דעם מענטשנס פרייען געדאַנק, ער זאָל ניט קאָנען אויספאָרשן די טיפע חכמה פון דעם באַשעפערס מעשים און ווערק?

---

1 פאַרעפנטלעכט דורך נייבויער אין „לעטטערבאָדע", IV, 169—173. אונטער דעם כתב געפינען זיך פאָלגנדיקע חתימות: יצחק בר אברהם בר יעקב אויניון, שלמה בר משה בר' מרדכי, יהודה בר' משה בר יצחק, שלמה בר יוסף לבּרשילה, שאול בר' שלמה ורבים.

2 זע פריער, ז' 77.

„על כן זייט וויסן, דערקלערן זיי ווייטער, אז מיר אין אונזער קהילה, אין הסכם מיט אונזערע חכמים, האבן באשלאסן „באלה ובחרם גמור", אז קיינער פון אונז זאל זיך ניט דערוועגן צו פארבאטן שטודירן דעם רמב"מס וואסער ס'איז ווערק אדער אנדערע וויסנשאפטלעכע ספרים [1].

„עס זיינען שוין ניט איין מאל — דערקלערן מיט שטאלץ די בני תיבון — פארגעקומען מחלוקת און קריגערייען וועגן דער זעלבער פראגע, און יעדעס מאל זיינען געווארן צו אש און צו שטויב אלע החלמות פון די, וואס האבן געקעמפט קעגן אמת און חכמה. און די דאזיקע ווערק, וואס זיי האבן גערודפט, די ווערק פון וויסן און קולטור — זייער גלאנץ איז געבליבן ניט געמינערט, און זיי וועלן אויך לייכטן פאר די קומענדיקע דורות".

דער רשב"א האט גלייך געענטפערט שלמהן אויס לונעל [2], און צוזאמען מיט די רבנים אויס בארצעלאנע [3] האט ער אויך געשיקט א בריוו צו די פארשטייער פון דער קהילה אין מאנפעליע [4]. קודם־כל פראטעסטירט דער רשב"א קעגן דער באשולדיקונג, אז ער האט זיך גע־לאזט פארפירן דורך איינעם, וואס האט אים פארזענלעכע פניות און ניט ריכטיק אינפארמירט און אים איבערגעגעבן פאלשע ידיעות. „ניין — דער־קלערט דער רשב"א — איר האט א טעות, ניט קיין יחיד, נאר גאנצע קהילות, הונדערטער אנגעזעענע מענטשן האבן זיך צו מיר געווענדט, און דאס ניט בסוד, נאר אפן, מיט זייערע פולע חתימות. שוין דריי יאר, אז זיי טענהן איבער מיר: איך טאר ניט שווייגן און דארף ארויסטרעטן מיטן געווער אין דער האנט" [5].

„איר האט אויף אונז פאריבל — שרייבט ווייטער דער רשב"א — פארוואס מיר, מענטשן פון דער פרעמד, אונטערשטייען זיך צו מישן אין אייערע ענינים, אייך זאגן דעות און נאך שרעקן מיט חרמות און

---

1 דארמן, 172: „והעמדנו עלינו גדר באלה ובחרם גמור לבלתי יקבל אדם על עצמו קבלה, למנע לקרוא בספר מספרי רבנו משה ז"ל עד זמן קצוב וכן מספרי שבע חכמות ישבעו בנים נעימות".

2 „לעטטערבאדע", V, 125—31.

3 דארמן, V, 53—57.

4 חוץ דעם רשב"א, זיינען געחתמעט 9 רבנים, נאר צווישן זיי בלויז פיר, וואס זיינען אויך געווען געחתמעט אונטער דעם כתב מיטן חרם.

5 דארמן, V, 126: „וזה באמת מעיד כי נעלמו ממך כתבי קהלות רבות חתומים בהם כמה נכבדי ארץ אשר נקבו בשמות מובהקין... יהלמני כהולם פעם לא יום אחד ולא יומים רק פעם אחר פעם לאמר: שא נא כליך קשתך ותליך צא הלחם... וזה כמשלש שנים".

איסורים. איר האָט אָבער אַ טעות. אונזער כתב, וואָס מיר האָבן אייך געשיקט, איז בלויז אַ מעלדונג, אַז מיר, בכדי אונזערע קינדער צו פאַרהיטן פאַר דער צרעת פון אפיקורסות, האָבן אָנגענומען די החלטה, אַז פון היינט אָן זאָל מען ביי אונז, אין אונזער מדינה ניט טאָרן ביז צו דרייסיק יאָר זיך פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן. דאָס רעדט זיך אָבער בלויז וועגן אונזערע קינדער, ניט וועגן אייערע. אייך באַפעלן מיר ניט, מיר לייגן בלויז פאָר אָנצונעמען אויך ביי אייך די אייגענע החלטה, און איר זייט וויליק צו טאָן ווי איר פאַרשטייט".

שטאַרק באַליידיקט האָט אויך דעם רשב"א דער טאָן פון ביטול, מיט וועלכן שלמה בן יצחק רעדט אין זיין בריוו וועגן די רבני צרפת. ניין, דערקלערט דער רשב"א, איך האָב זיי קיין בריוו ניט געשריבן, וואָרעם זייערע קינדער זיינען אויסער יעדער געפאַר, דאָרט איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז צוליב דער גריכישער פילאָזאָפיע וועט מען אין דער הייליקער תורה פאַרגעסן און זי „פאַרשטופן אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל" (ותהיה התורה מונחת בקרן זוית). אָבער, פרעגט פאַרביטערט דער רשב"א, ווי געשיקט זיך דער פאַראַכטלעכער טאָן, וועלכן די דערלויבסט זיך בנוגע די גאוני צרפת? מיט גרויס רעספּעקט בויג איך מיך קעגן די צדיקים פון צרפת, וואָס זיי האָבן געגעבן אַזוינע גאונים, ווי רש"י און רבנו־תם, און האָבן אַלע מיט מסירת־נפש זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט באהלה של תורה. זינט מיינע יונגע יאָרן בין איך פול מיטן גרעסטן יראת הכבוד צו די רבנים פון צרפת און פון אשכנז, און מיין איינציקער ווונטש איז — תהי אחריתי כמותם! זאָל מיין סוף זיין גלייך צו זייערן, זאָל איך האָבן די זכיה, אַז דאָרט, אויפן עולם אמת, זאָל מיין נשמה רוען צוזאַמען מיט זייערע נשמות. איר — שרייבט ווייטער דער רשב"א — נעמט זיך אָן פאַרן כבוד פונם רמב"ם און זיינע ווערק. ווער פון אונז האָט זיך דען דערוועגט אַרויסטרעטן קעגן דעם גרויסן גאון בישראל? מיר אַלע האַלטן אים פאַר אונזער רבין, און געניסן פון זיין תורה. איר האָט אפילו פאַר נייטיק געהאַלטן מיר צו שיקן די החלטה פונם נשיא אויס דמשק. איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז איך גופא בין אויך געווען אַ נוגע בדבר. צו מיר האָבן זיך דאַך דעמאָלט געווענדט ביידע צדדים, דער נשיא מיט די רבנים פון עכו פון איין זייט, און שלמה פּטיט אָנהענגער פון דער אַנדערער, און איך האָב מיט גאָטס הילף צווישן ביידע צדדים שלום געמאַכט [1]. איך פאַרהאַלט זיך מיטן גרעסטן יראת הכבוד צום

[1] דאַרשן, 128: „כי בזמן המחלוקת אשר היה שם בעכו על דבר התורה בין הנגיד ועדתו ובין הרב ר׳ שלמה הקטן וסיעתו, הכל כאשר לכל שלחו אלי הנגיד

רמב"ם, זיין נאָמען ווערט שטאַרק געשעצט און געאַכפּערט אין אונזערע ישיבות, איך בין אויך פאַרבונדן מיט האַרציקער פריינדשאַפט צו זיינע איינילקלעך. אָבער האָט דען דער רמב"ם גופא יעדעס מאָל ניט אונטער־געשטראָכן, אַז זיין „מורה" האָט ער געשריבן נאָר פאַר יחידים, פאַר די, וואָס האָבן שוין גרויסע ידיעות אין אַלע צווייגן פון חכמת היהדות? איר אָבער זייט אַליין עובר קעגן זיין רצון, עובר דערמיט, וואָס איר גיט זיין ווערק אין די הענט פון יונגעלייט מיט נאָך ניט פעסטגעשטעלטע דעות, און זיי מוז אַזאַ ספר ברענגען לויטער שאָדן און קיין שום נוצן. און נאָך אַמאָל שטרייכט אונטער דער רשב"א ביים שלוס פון זיין בריוו, אַז ער האָט געמוזט אַרויסטרעטן, ווייל ס'האָבן אים וועגן דעם געבעטן פילע קהילות, און ער קאָן ניט רוּיק שטיין פון ווייטן, בעת גאַנס לערע איז אין געפאַר.

אָבער ניט נאָר אין מאָנפּעליע אַליין האָט דער כתב פונם רשב"א און די איבעריקע באַרצעלאָנער רבנים אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין דער קהילה אויף צוויי פיינדלעכע צדדים. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין באַרצעלאָנע גופא. וועגן דעם דערציילט אונז דאָס דורך נייבויערן פאַרעפנטלעכטע בינטל בריוו[1], וועלכע זיינען זייער רייך מיט אינטע־רעסאַנטע פּרטים, וואָס כאַראַקטעריזירן גאַנץ בולט די דעמאָלטיקע צו־שטאַנדן פונם אינווייניקסטן לעבנסשטייגער אין די ספרדישע קהילות[2].

איינער פון די 14 רבנים, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם כרוז, אַז קיינער טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע איידער ער ווערט אַלט 30 יאָר — מכיר בר ששת — קלאָגט זיך אין זיין בריוו צו די פּראָוואַנסאַלער קהילות, אַז אין באַרצעלאָנע זיינען אַרויסגעטראָטן „ני־דערטרעכטיקע" מענטשן, מיט איינעם שמואל בר בנבנשתי בראש. זיי

ר' לוי ז"ל והחימות הכל וכל הכת האחרת שלחו אלי כל כתביהם וראוני כתור האדם המעלה לדון על מעל הגולה, ואני כתבתי לנגידי ולרבני עכו כאשר היה עם לבבי וכן לאשר כנגדו אשר היו מוכנים לטרוף כלביא, וברוך השם אשר פשרתי ביניהם ועל ידי עלתה ארוכה למחלקותיהם".

1 „לעטטערבאָדע", IV, 160–173; V, 53—58.

2 איינער פון די דאָזיקע בריוו, וועלכן דער רשב"א האָט געשיקט צו דער אַחיניאָנער קהילה (דאָרטן, V, 57—58), איז, ווי עס שיינט, געשריבן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווייל דער רשב"א זאָגט דאָרט אַרויס זיין באַדויערן, וואָס אויך די קהילה פון אַוויניאָן איז געשלאָגן מיט דער פּלאָג פון מחלוקת און צעשפּאַלטונג, בעת די דאָזיקע קהילה דאַרף דאָך זיין דער שוץ פאַרן גאַנצן יידישן קיבוץ, ווייל אַחיניאָן איז דאָך די רעזידענץ־שטאָט פונם פּויפּסט (חצר המלך הגדול אדוננו האפּיור). ווייל דעם פּויפּסטס גלות אין אַוויניאָן האָט זיך אָנגעהויבן אין 1308 און דער רשב"א איז געשטאָרבן אין 1310, איז דער דאָזיקער בריוו געשריבן אין דעם משך צייט.

האבן געהאט די עצה צו לעסטערן און באשפאטן דעם הייליקן נאמען פונם מאור הגולה ר׳ שלמה בר יצחק (רש״י) און אויף אן עפנטלעכער פארזאמלונג זיינען זיי שארף ארויסגעטראטן קעגן אייניקע רבנים און אנשים חשובים, וואס האבן דעם חרם אונטערגעשריבן. אז די ראשי הקהל האבן דעם רעדלפירער פון די מחרחרי ריב געווארנט, אז זיי וועלן אים אין חרם ארײנלייגן, האט יענער גלייך זיך געווענדט נאך הילף צו דער אויסערלעכער מאכט, און אים איז טאקע געלונגען ארויסבאקומען א שוץ־בריוו פון דער קאסטילישער מלכה, און בעת די ראשי הקהילה פון מאנפעליע האבן באשלאסן אריינווארפן דעם דאזיקן „רשע" אין חרם, האט ער ווידער באקומען א בריוו פון דער מלכה צום שר פון מאנפעליע מיט דעם באפעל, יענער זאל שטרענג פארבאטן דער יידישער קהילה אנ־נעמען וועלכע ס׳איז שטראף־מיטלען קעגן בנבנשתי [1].

די פראוואנסאלע קהילות (לונעל, בעזיע און מאנפעליע) האבן זיך גלייך אפגערופן אויף מכיר בר ששתם בריוו. זיי האבן גוזר געווען, אז דער „פורץ גדר" שמואל בנבנשתי זאל אלס שטראף פאר זיין שווערער זינד „אפריכטן גלות", גיין צופוס פון בארצעלאנע ביז לונעל און אויפן גאנצן וועג אין יעדער שטאט זאל מען אים פארן ארטיקן רב אין די אויגן שלאגן מלקות („גזרנו עליו גלות לכפר עונו מברצלונה עד בקעת ירחו ויהיה לוקה בכל עיר ועיר בפני הרב"). די „פושעים ומורדים", וואס האבן צוזאמען מיט דעם בנבנשתי געלעסטערט רש״יס נאמען און פוגע בכבודו געווען קעגן זייער אנגעזעענע מענטשן פון דער קהילה, דארף מען ארײנלייגן אין חרם אויף א חודש צייט. אין משך פון די פיר וואכן דארף מען זיי אלע מאנטאג און דאנערשטאג שלאגן מלקות און אין שול זאלן זיי זיצן אויף דער אבלים־באנק, אפגעטיילט פון אלעמען אלס אויס־געשלאפענע און פארשטויסענע פיר איילן ווייט („על כלם כל עונם ישאו, וגזרנו עליהם נדוי שלשים יום ומלקות שני וחמישי ושני והנדוי יהיה נוהגים אותו בבית הכנסת לבוא בקר וערב לשבת במקום אבלים ברחוק ארבע אמות כנזופים ומנודים לשמים").

דאס מחלוקת האט דערווייל זיך אלץ מער צעפלאקערט. ביידע

1 דארטן, IV, 163: „שמואל בר בנבשתי שמו ימח כאשר נודע לכם איך הקדיח תבשילו ולא נכחד מכם פעלו ורוע מעלליו כאשר ראיתם בעדות נאמנה בספר הגלוי החתום הצועק חמס עליו ועל רעהו צמות יצמת... ועתה הבליעל הזה עשה יעשה לו כנפים לרוץ אליכם בצואר נאוה אם יוכל לרדוף אתכם ממצבכם בפתע בכח חותמות גבירתנו המלכה אשר גנב את לבבה ויעש בעקבה לאמר כי עוותו עליו את הדין אנשי פרובינצה ובקש מסנה לבקש מזקני ההר להסיר מעליו עולם ואם אין תצוה על פקידת פקיד ההר להתירו מנידויו".

צדדים האָבן געפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע, צעשיקט כרוזים אין פאַר־שיידענע קהילות [1]. אויס אַרגענטיער, לונעל, אַוויניאָן, פּערפּיניאָן און אַנדערע שטעט האָט דער רשב״א באַקומען בריוו מיט דער פאַרזיכערונג, אַז מען וועט איב שטיצן אין זיין „מלחמה לשם שמים״. אין נאַרבאָנע האָט אבא מארים צד געפונען אַ שטאַרקע שטיצע אין דעם ראש פון דער דאָרטיקער גרויסער קהילה, אינם נשיא קלונימוס בר טודרוס [2]. אַ ספּע־ציעלער קאָמיסאַר, יעקב בן יהודה, איז ווינטער 1304 אינם נאָמען פון אבא מארים פאַרטיי אַרומגעפאָרן מיט אַגיטאַציע־צוועקן איבער די פּראָ־וואַנסאַלער קהילות [3]. דאָך האָט דער רשב״א, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון די בני תיבון און זייער פאַרטיי, באַ־שלאָסן זיך דערווייל אָפּהאַלטן פון ווייטערע טריט, און ערשט דעמאָלט ענדגילטיק פאַרעפנטלעכן דעם ענדגילטיקן פאַרבאָט צו פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן, ווען עס וועלן דערויף מסכים זיין ניט ווייניקער ווי צוואַנציק קהילות.

אין דער זעלבער צייט האָט אָבער אבא מארים פאַרטיי באַקומען אַ געוואַלטיקע שטיצע אין דער פּערזאָן פון דעם באַרימטן תלמודישן גע־לערנטן ר׳ אשר בן יחיאל (רא״ש), וועלכער איז ערשט אָנגעקומען קיין שפּאַניע פון דייטשלאַנד.

---

[1] ווי בעת דער ערשטער מחלוקת, אַזוי האָבן אויך איצט די ראַציאָנאַליסטן און זייערע קעגנער זיך באַנוצט מיטן געווער פון פּאַמפלעטן און עפּיגראַמען. איינעם אַזאַ פּאַמפלעט אין גראַמען פון אבא מארים פאַרטיי האָט י. לאַטעס פאַרעפנטלעכט אין „עשרה כלי כסף״, II, 143—144.

[2] דאָרטן, 121, 141.

[3] טיפּיש מצד זיין סטיל איז יעקב בן יהודה׳ס בריוו צום רשב״א („מנחת קנאות״, בריוו 53). ער איז געשריבן מיט אַזאַ געהויבענער מליצה, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך פון דעם ים פון קלינגענדיקע ווערטער און אָריענטאַלישע באַפּוצונגען אַרויסצובאַקומען דעם תוך.

פינפטער קאַפּיטל.

המשך

די פראַנישע לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד. — די רינדפלייש-רציחות. — ר׳ מרדכי בן הלל. — ר׳ מאיר פון ראָטנבורג. — ר׳ מאיר אַלס תלמודיסט און פּייטן. — ר׳ יצחק בן משה און זיין „אור זרוע". — ר׳ אשר בן יחיאל אַלס תלמודיסט; זיין „צוואה". — דעם ראַ"שס אַנטלויפן קיין שפּאַניע. — דער ראַ"ש און דער רשב"א. — דער האַרבער „חרם" פון דעם רשב"א. — די ראַציאָנאַליסטן מיט זייער „אדרבה". — דער קאַמף אַרום דעם רמב"מס נאָמען. — די קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק. — מנחם מאירי אַלס מענטש און געלערנטער. — ידעיה פניני און דער „כּתב ההתנצלות". — דער אומדערוואַרטער סוף. — די פּראָווענסאַלער קהילות אין גלות. — יוסף בן יחיא און זיין עלעגיע. — פניני אַלס דיכטער; זיין „בחינת עולם".

אין משך פונם XIII יאָרהונדערט איז די לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד געוואָרן אַלץ שרעקלעכער און אומדערטרעגלעכער. שוין אין דער ערשטער העלפט פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט, בעת פרידריך דער צווייטער האָט נאָך געלעבט, האָבן פילע יידישע קהילות שטאַרק געליטן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיי גערודפט מיט פאַרביסענער שנאה, און טויזנטער יידן זיינען אומגעקומען פון די רצחנישע הענט. שרעקלעכער איז געוואָרן די לאַגע נאָך פרידריכס טויט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער סיכסוך צווישן זיינע יורשים און ס'איז אויסגעבראָכן דער עקשנותדיקער קאַמף פאַר דער קייזערלעכער קרוין (1254—1273). איבערן לאַנד האָט געוועלטיקט דאָס „פויסט-רעכט", יעדער האָט געטאָן, וואָס אים האָט זיך געגלוסט, און אין דעם פּאָליטישן תוהו-ובוהו האָבן מער פון אַלע געליטן די שוצלאָזע יידן. די קאַטוילישע קירך פון איר זייט האָט אויך אויסגענוצט די דאָזיקע אומרויִקע צייט, בכדי וואָס מער אונטערצודריקן די פאַרהאַסטע „קריסטוס-לעסטערער". אויף די גייסטלעכע צוזאַמענפאָרן אין מיינץ (1259) זיינען באַניים און פאַרשטאַרקט געוואָרן אַלע באַגרענעצונגס-געזעצן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן קעגן יידן אויף די פריערדיקע פאַרזאַמלונגען. די בלוטיקע „עלילות דם" מיט פילע אומשולדיקע קרבנות זיינען געוואָרן אַלץ עפטער; די פירשטן און קיניגן האָבן אַלץ

מער פארגרעסערט דעם סכום פון ספעציעל יידישע שטייערן, בעת זיי האבן אין דער זעלבער צייט אלץ מער פארשמעלערט די יידישע האנדלס־ און אונטערנעמונגס־רעכט, און די מאטעריעלע לאגע פונם געטא איז דורכדעם געווארן אלץ ערגער און שווערער. די רדיפות זיינען געווארן אזוי אומדערטרעגלעך, אז אין יאר 1286 האבן פילע יידישע פאמיליעס באשלאסן צו פארלאזן דייטשלאנד. ס'האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז ערגעץ ניט ווייט פון ארץ־ישראל האט משיח זיך שוין אנטפלעקט, און באלד קומט די גאולה. אין די ריינישע שטעט האבן זיך געזאמלט גאנצע שיירות וואנדערער, וואס האבן זיך געלאזט קיין מזרח־לאנד. נאר דער בעכער פון ליידן איז נאך אלץ ניט פארפולט געווארן, און נאך מער האבן זיך די צרות פארגרעסערט נאך דעם טויט פונם קיסר רודאלף (1291), בעת ס'איז ווידער אויסגעבראכן דער בירגער־קריג און צוויי פרעטענדענטן האבן געקעמפט פאר דער קייזער־קרוין. עפעס א האלב־משוגענער ריטער, רינדפלייש, האט ארגאניזירט ווילדע באנדעס; ווי א בלוטיקער שטורעם האבן זיי זיך געטראגן איבער גאנץ בייערן און עסטרייך (זומער 1298) און אין בלוט פארטרונקען די יידישע באפעלקערונג. איבער 140 יידישע קהילות זיינען אומגעקומען פון פייער און שווערד [1], צווישן זיי אויך די אלטע קהילה אין נירנבערג, וווּ צווישן די 628 קרבנות איז אויך אומגעקומען מיט זיין גאנצער פאמיליע דער בארימטער תלמודישער געלערנטער ר' מרדכי בן הלל, וואס זיין קאדעקס „מרדכי" האט אין די שפעטערדיקע דורות פארנומען איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער צווישן די גרויסע פוסקים [2].

מאניימדיק און שרעקלעך איז געווען דער חורבן. אומגעהייער איז געווען די אכזריות, מיט וועלכער רינדפליישס באנדעס האבן אומגעבראכט די צענער טויזנטער יידישע קרבנות. אין נירנבערגער פינקס פון הזכרות נשמות לייענען מיר פאלגנדיקע שרעקלעכע שורות: „אזכור

---

1 מער באריכות וועגן דער „רינדפלייש־געשעכעניש" זע „קוועלען צור געשיכטע דער יודען", III, 66, 29—58, 164—215.

2 מער באריכות וועגן מרדכי בן הלל און זיין ווערק זע: ש. כהן „מרדכי בן הלל"; ווייס „דור דור ודורשיו", V, 79—82. דער טראגישער טויט פון דעם געלערנטן ווערט באוויינט אין דער קינה „אבכה לקשה יום":

מה זה היה לבן קיש בן הילל בן שחר
מימיו לא נכזבו וכמפיה איש ניחר
הבריתי והפליתי כי בו אלהיו בחר
מתקי אמריו מצוף ומנופת לחיכים
יהי לאבל כנורי ועוגבי לקול בוכים

(„קוועלענשריפטען", 173).

אלהים נשמות כל הקהלות כמו נשמות אברהם יצחק ויעקב שנהרגו ונסקלו ונשרפו ונחנקו ונשחטו ונטבעו ונאפנו ונתלו ונקברו חיים על יחוד השם"[1].

ביי אַזעלכע שרעקלעכע צושטאַנדן האָט נאַטירלעך קיין שום רייד ניט געקאָנט זיין װעגן נאָרמאַלער קולטורעלער אַנטוויקלונג. אין דעם פּרט איז זייער טיפּיש דאָס טראַגישע לעבן פון דעם גרעסטן תלמודישן גאון, וואָס דאָס דייטשע יידנטום האָט געגעבן אינם XIII יאָרהונדערט — דער בעל־התוספות ר׳ מאיר בן ברוך (מהר"ם מרוטנבורג), דער איינציקער נאָך רבנו גרשום און רש"י, וואָס די קומענדיקע דורות האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען „מאור הגולה"[2]. דער דאָזיקער גאון איז אין יאָר 1286 געשטאַנען בראש פון איינע פון די שיירות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געלאָזט קיין ארץ־ישראל. די אויסוואַנדערונג פון דעם גייסטיקן פאָרשטייער פון דעם גאַנצן יידישן קיבוץ אין דייטשלאַנד וואָלט נאַטירלעך נאָך מער פאַרשטאַרקט די יידישע עמיגראַציע. דאָס איז אָבער געווען זייער ניט געוווּנטשן פאַר דעם קיסרס הכנסה. די יידן זיינען דאָך געווען דעם קיסרס „קאַמער־קנעכט", וואָס פלעגן צאָלן אין דער קאַסע פון זייער האר און באַזיצער גאַנץ גרויסע שטײַערן. מען האָט דערפאַר ר׳ מאירן ארעסטירט און אויפן באַפעל פונם קיסר פאַרשפאַרט אין דער ענציסהיימער פעסטונג. די יידישע באַפעלקערונג האָט געוואָלט געבן א גרויסן סכום אויסלייזגעלט פאַרן אַלטן גאון, ר׳ מאיר גופא איז אָבער

---

1 עס איז דערפאַר באַגרייפלעך דאָס לעכצנדיקע נקמה־געפיל, וואָס פילט אָן פיל קינות און סליחות אויף די גזירות נ"ח (1298). דער פייטן תמר בן מנחם ווענדט זיך אין זיין קינה „אספדה ואילילה" מיט פאָלגנדיקע צאָרנדיקע סטראָפן:

תִּתֵּן לָהֶם מְגִנַּת לֵב וְשִׁיתֵם כִּסְדוֹם וַעֲמוֹרָה
רוּחַ זַלְעָפוֹת אֵשׁ וְגָפְרִית עֲלֵיהֶם לְהַמְטִירָה,
מְדַם חֲלָלִים תַּרְוֶה וְחִצֶּיךָ לְהַשְׁכִּירָה.
עַל זֹאת אֶתְפַּלֵּל אֵלֶיךָ תָּמִיד וַאֲשַׁחֲרָה:
רָעוֹת עֲלֵיהֶם הָאֱסוֹף וְעֶבְרָתָם לָנֶצַח שָׁמְרָה
בַּחֲרוֹן אַפְּךָ תּוֹכִיחֵם וּבַחֲמָתְךָ לְהִתְיַסְּרָה,
תְּסִיפֵם בְּסַעֲרָתְךָ וְשִׁיתֵמוֹ כְּתַנּוּר אֵשׁ בּוֹעֲרָה
תְּדוּשֵׁם ותדיקֵם כְּשֶׁבֶר נֵבֶל יוֹצְרִים שְׁבוּרָה

(„קובץ על יד", ג׳ 15).

2 געבוירן אין 1215, געשטאָרבן אין 1293. באַריכות וועגן זיין טראַגיש לעבן זע: ש. באַק, „ר׳ מאיר בן ברוך אוס ראָטענבורג, זיין לעבען אונד זיין ווירקען, זיינע שיקזאַלע אונד שריפטען" (1895); J. Wellescz: Meir b. Baruch de Rothenbourg, Revue d. etudes juives, t. 58—60.

נעווען קענן דעם, אוים מירא, אז די רעגירונגס־מאַכט וועט פּרוּוון עפּטער אויסנוצן דאָס דאָזיקע מיטל, בכדי וואָס מער געלט פון די יידן צו באַקו־מען. מהר״ם מרוטנבורג איז שוין מער ניט באַשערט געווען די ליכטיקע וועלט צו זען. מען האָט אים ביז זיין טויט (1293) געהאַלטן אין תפיסה, און אויך דערנאָך האָט די רעגירונג אוים נקמה ניט געוואָלט אַרויסגעבן דעם בר־מינן דער יידישער קהילה. ערשט אין 14 יאָר אַרום איז אַ רייכן יידן אוים פראַנקפורט, זיסקינד ווימפּפען, געלונגען פאַר אַ באַדייטנדיקן סכום אויסקויפן דעם גאַנצ טויטן קערפּער און אים ברענגען צו קבורה אויפן וואָרמסער בית־עלמין.

דאָס רוב מאַנוסקריפּטן, וואָס מהר״ם מרוטנבורג האָט פאַרפאַסט, איז פאַרלאָרן געגאַנגען [1], אָבער אויך די ווערק זיינע, וואָס זיינען דער־גאַנגען צו אונז, באַווייזן גאַנץ בולט ניט נאָר דעם מהר״מס חריפישן קאָפּ און באַדייטנדיקן ליטעראַרישן טאַלענט, נייערט אויך די אָפּגעשטאַ־נענקייט און מאָווימדיקע איינזייטיקייט פון די גייסטיקע אינטערעסן, אין וועלכע ס׳האָבן דעמאָלט געלעבט די דערשלאָגענע און אומברחמנות נערודפטע יידן אין דייטשלאַנד. אין דעם „מאור הגולה״, דעם מהר״ם מרוטנבורג, איז געווען פאַרבאָרגן אַ ניצוץ פון אַ אמתן דיכטער, ער איז אָבער געווען צו פיל פאַרנומען מיט „דברי תורה״, ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן מיט „דברי שיר״. בלויז ביי דער שרעקלעכער ידיעה, אז מען האָט אויף די שייטערהויפנס די הייליקע ספרים געברענט (אין 1242), האָט דער בעל התוספות אין זיך דעם דיכטער דערפילט און אין אַ שיינער עלעגיע „שאלי שרופה״ [2] זיין טיפן טרויער אויסגעגאָסן:

„באַקומסטו, אין פייער געברענטע, אַ גרוס פון דיינע פאַראומערטע קינדער, וואָס בענקען נאָך דיר און גאַרן אונטער דיינע פליגל שוץ און רו געפינען? זיי שמאַכטן אין שטויב מיט צעבראָכענע הערצער, און זעען און גאַפן, ווי אין פייער טוען ברענען דיינע הייליקע בלעטער. זיי בלאָנדזשען אין דער פינסטער, אָן אַ ליכטיקן שטראַל, זיי האָפן אַלץ אויפן קאיאָר, אויפן טאָג פון דערלייזונג — און אַלץ גרעסער ווערט דער בראָך, אַלץ טיפער די ווונד, און ווי די נאַכט־שאַקאַלן קלאָגט דאָס צעווייטאָגטע האַרץ אויף דיין גרויסן יאָמער... ווי איז דאָס מעגלעך, ווי איז דאָס

---

[1] די נעמען פון מהר״מס ווערק זע ביי וויסן: „דור דור ודורשיו״, V, 74—76; Les Rabbins français, 458—61.

[2] דעם מהר״מס עלעגיע איז געשריבן נאָכן מוסטער פון יהודה הלוים „ציון הלא תשאלי״ און ווערן ביידע צוזאַמען געלייענט אום תשעה־באב צווישן אַנדערע קינות. דער מהר״ם האָט פאַרפאַסט נאָך איניקע רעליגיעזע לידער (זע וועגן דעם צונץ, „סינאַגאַגאַלע פּאָעזיע״, 310, און „ליטעראַטורגעשיכטע״, 357—362).

געשעען: דיך האָט מען אין פייער געברענט און דער פרעבער שונא איז אומבאַשטראָפט געבליבן?.. ווי לאַנג, אוי אדום, וועסטו רוען אין גלאַנץ און פראַכט, אין דיינע דערנער וועלן לעבערן מיינע צאַרטע בלומען? שטאָלץ זיצסטו אויף דעם ריכטער־שטול, אומגערעכט און גרויזאַם טוסטו נאָטס קינדער משפטן, און גאָטס הייליקע געזעצן טוסטו אין פלאַמען פאַרטיליקן? ווייל איז דעם, וואָס וועט דיר פאַר דיינע מעשים מיט פולער מאָס באַצאָלן... אַראָפּגעוואָרפן האָט דער סיני זיין פּראַכטפולן מאַנטל, זיך מיט אַ זאַק באַדעקט און ווי אַן אַלמנה זיך איינגעהילט אין טרויער־קליידער. אָן אויפהער וועלן מיינע טרערן גיסן, ווי אַ מעכטיקער שטראָם וועלן זיי פליסן, ביז זיי וועלן דעם באַרג דערגרייכן, וווּ דאָרט איז דער קבר באַהאַלטן, דער קבר פון משה רבנו. אָנקלאַפּן וועל איך אין קבר און פרעגן: צי איז אַ נייע תורה באַשאַפן, וואָס דו האָסט דערלויבט דיינע הייליקע יריעות אין פייער פאַרברענען?..״ [1].

ניט אָבער אַלס דיכטער האָט דער מהר״ם מרוטנבורג זיך קונה־שם געווען, נאָר אַלס גאון התורה און באַרימטער פּוסק. זיינע חידושים און שו״ת באַווייזן אין זיין גאַנצן גלאַנץ דעם מהר״מס קלאָר־שאַרפן לאָגישן שכל. און אויך דער דאָזיקער גאונישער פאַרשטייער פונם דייטשן יידנטום איז געווען אַן עבד נכנע ביי דער „מסורת אבות״, ביי די אַלטע אומצייליקע סייגים און האַרבע מנהגים, וואָס די פאַרחושכטע און מרה־שחורהדיקע מיטלאַלטערלעכע יידישע קהילות האָבן באַשאַפן. „מען טאָר ניט״ — דאָס איז דער הויפּט־דעוויז, דער ריכט־שנור פונם מהר״ם אַלס פּוסק. אויף ווי ווייט דער מהר״ם איז געווען אַ פּעדאַנטישער מחמיר, קאָנען באַווייזן פאָלגנדיקע ביישפּילן: ווינטער, ווי גרויס די קעלט זאָל ניט זיין, טאָר מען ניט, לויט דעם מהר״מס דערקלערונג, איינהייצן אַן אויוון אום שבת, אַפילו דורך אַ גוי. בכדי מען זאָל ניט עובר זיין אויפן פאַרבאָט צו טראָגן אום שבת, האָט דער מהר״ם געפּסקנט, אַז מען זאָל די שבתדיקע בגדים נייען אָן קעשענעס. דער חריפותדיקער בעל־התוספות לאָזט זיך אריין אין אַ טיפן פּילפּול, צי קאָן מען דערלויבן, אַז קינדער זאָלן אום שבת עסן לעקעכלעך מיט אויסגעקריצטע אותיות. עסנדיק דאָס לעקעכל, „מעקט״ דאָך דאָס קינד אָפּ די אותיות, און דאָס איז דאָך כידוע אַ גרויסע עבירה, פּסקנט טאַקע דער מהר״ם, אַז אַזוינע לעקעכלעך מעג מען געבן בלויז זויגקינדער און דאָס אויך נאָר באין ברירה. אַ סך אַזוינע חומרות, וואָס מיט זיי האָט דער מהר״ם דעם יידישן קיבוץ מזכה געווען,

1 דעם מהר״מס קינה איז געדרוקט אין „קינות לתשעה באב״. באַמערקונגען און דערקלערונגען זע ע. באַנעט אין „מאָנאַטסשריפט״, 1929, 295—303.

האָט פּלייסיק צונויפגעזאַמלט זיין תמימותדיקער תלמיד ר׳ שמשון בן צדוק [1] און זיי אויפגעהיט פאַר די קומענדיקע דורות.

מיר זעען, ווי אין דעם בלוטיקן יאָרהונדערט פון אימהדיקע רדיפות און דערנידעריקונגען ווערט דער יידישער געדאַנק אַלץ מער איינגעשראַנקט און איינגעשרומפּן. אַלץ ענגער און אָפּגעזונדערטער ווערט זיין וועלט. דער דייטשער ייד האָט אַלץ מקריב געווען צוליב זיין הייליקער תורה, צוליב דער ירושה פון זיינע אבות — האָט ער טאַקע מיט אַזאַ מסירת־נפש געוואָלט אָפּהיטן אַלץ, וואָס געהער צו דער דאָזיקער ירושה. ער האָט כלל ניט געוואָלט זיך ארייינלאָזן אין חקירות, צי איז דאָס אַלץ אומבאַדינגט נייטיק און וויכטיק. יעדער מנהג ישראל, אַלץ, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון די פריערדיקע דורות — איז געווען ביי אים ליב און טייער. אָפּגעטיילט פון דער דרויסנדיקער וועלט מיט דער אייזערנער וואַנט פון ווילדער אכזריות און גיפטיקער שנאה, האָבן די דייטשע יידן זיך געפילט ווי „אָרעמע שעפעלעך ארומגערינגלט פון וועלף״. דערפאַר האָבן זיי מיט אַזאַ עקשנות געטראַכט און געזאָרגט נאָר וועגן צוימען און סייגים, וואָס מער זיך אָפּזונדערן פון דער פיינדלעכער דרויסנדיקער וועלט, ארומקרייזן זיך מיט אַלץ נייע חומרות, איינע שטאַרקער און האַרבער פון דער אַנדערער...

זייער אָפּהאַרציק דערציילט וועגן דעם איינער פון די באַדייטנדיקסטע רבנים פון יענער צייט, דעם בעל „הרוקחס״ אַ תלמיד, ר׳ יצחק בן משה אויס ווין [2]. אין זיין באַרימטן ספר־ההלכות „אור זרוע״ [3] קומט אים אויס אָנצוווייזן אויף אַ דין, וואָס בנוגע צו אים איז רש״י געווען אַ מקיל. איז טאַקע דער מחבר גלייך מוסיף: „רבנו שלמה (רש״י) האָט אַזוי געפסקנט בלויז פאַר זיין דור, ווען די תורה איז געווען דערהויבן,

---

[1] אין זיין באַקאַנטן תשב״ץ (נומ׳ 38, 51 און פ״א).

[2] אין ווין האָט ער פאַקטיש פאַרבראַכט בלויז זיינע לעצטע יאָרן. זע: ה. בויקאַצינבכי „מאָנאַטשריפט״, 1911, 478—500.

[3] די קאַבאַליסטישע תורה פון ר׳ יצחקס רבין (דעם „בעל הרוקח״) שפּירט זיך באַזונדערס שטאַרק אין דער הקדמה צו „אור זרוע״, ווו דער פאַרפאַסער גיט זיך אַזוי פיל אָפּ מיט צירוף האותיות און נוטריקון. דאָס דאָזיקע ווערק אַנטהאַלט אַ סך אינטערעסאַנטע פרטים, וואָס זיינען וויכטיק פאַר דער קולטור־געשיכטע און פאַרן פאָלקלאָר פון דעם יידישן מיטלאַלטערלעכן קיבוץ אין דייטשלאַנד און בעמען. אַליין אויס בעמען געבירטיק, האָט ר׳ יצחק געפירט אַ נע־ונד־לעבן. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט אין פילע שטעט פון דייטשלאַנד, עסטרייך און פראַנקרייך, און אויף אַזאַ אופן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקאַנען מיט די מנהגים און דעם לעבנשטייגער פון די אָרטיקע קהילות. זיין „אור זרוע״ איז פול מיט באַמערקונגען: מעשה באחד, מעשה ביהודית, מעשה ביולדת, וכבר היה מעשה אאז״וי.

ס'האָבן געלעבט גרויסע תלמידי־חכמים. וואָס אַלע דינים זיינען פאַר זיי געווען קלאָר, האָט מען זיך געקאָנט אויף זיי סומך זיין. איצט אָבער, אין אונזער פאַריתומטן דור, ווען דאָס וויסן פון דער תורה איז, בעוונותינו הרבים, אַזוי קליין, און אויסגעטריקנט זיינען די קוואַלן פון חכמה — געבענטשט זיינען די תלמידי חכמים, וואָס ווילן אויף זיך ניט שטעלן, האָבן מורא מקיל צו זיין און האַלטן זיך אין דעם כלל, אַז ס'איז גלייכער צו פאַרבאָטן, איידער צו דערלויבן[1].

און די גאָטספאָרכטיקע תלמידים פון מהר"ם מרוטנבורג האָבן מיט גרויס פלייס און יראת־הכבוד צונויפגעזאַמלט די אַלע חומרות און האַרבע מנהגים, מיט ליבע זיי פאַרשריבן פאַר די קומענדיקע דורות, קיינס פון זיי זאָל ניט גיין לאיבוד; און אַלץ גרעסער און פאַרצווייגטער זיינען געוואַקסן די ריזיקע זאַמלביכער פון דינים און מצוות, געזעצן און מנהגים...

דער באַדייטנדיקסטער פון ר' מאירס תלמידים, און אויך דער אָנגעזעענסטער פוסק פון זיין צייט, איז געווען ר' אשר בן יחיאל, מער באַקאַנט אונטער די ראשי־תיבות „רא"ש" (אויך „אשרי"). געבוירן אין דער מיט פונם XIII יאָרהונדערט[2], האָט דער רא"ש נאָך אַלס קינד (1264) צוגעזען אַ שרעקלעכע שחיטה אין זיין קהילה, און איז על־פי נס מיטן לעבן אַנטלאָפן. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס דער חושך און שרעק פון יענער אימהדיקער צייט פילט זיך אַזוי שטאַרק אין זיין באַקאַנט מוסר־ספר „ספר ההנהגה" (הייסט אויך „ספר ארחות חיים"), וואָס ער האָט געשריבן אין דער פאָרם פון אַ צוואה פאַר זיינע קינדער[3]. „הזהר שלא תשמח בלבך" — היט זיך זאָלסט זיך ניט פרייען, „מען טאָר זיך ניט פרייען", „מען טאָר ניט לאַכן, ניט פריילעך זיין", הזרט פיל מאָל איבער ר' אשר בן יחיאל, „זע למען

---

1 „אור זרוע", I, 119, סוף נומ' 416: „ואומר אני יצחק בר' משה נב"ה המחבר: רבנו שלמה שכתב כך — לדורו הוא דכתב ולכיוצא בדורו שהיתה בהם תורה גדולה וברורה וחכמה יתירה והיו ראויים להורות ובני דורם היו יכולים לסמוך עליהם; אבל עכשיו בימינו שבעונותינו נתמעטה התורה ואבדה החכמה, משבח אני את העצלנים שלא יסמוכו על חכמתם לבדוק ואל יורו לאחרים להקל, ויקבלו שכר על הפרישת יותר מעל הדרישה".

2 געשטאָרבן אין טאָלעדאָ אין 1327.

3 אַז אַ קריסטלעכער פּראָפעסאָר פונם XVIII יאָרהונדערט האָט זיך באַקאַנט מיט די האַרציקע עטישע כללים פונם יידישן רב אויס דעם XIII יאָרהונדערט, האָט ער פאַרחידושט אויסגערופן: „קוים הערטע כאָן אין דען דאַמאַלטיגען צייטען זאָלכע זיטטענלעהרען פאָן קריסטען ערוואַרטען זאָללען, אלס דיעזער יודע זייגען גלויבענסגענאָססען היער פאַרגעשריעבען אונד הינטערלאַססען האָט" (הירט, „ביבליאָטעק טהעאָל." 5, ז' 43. ציטירט ביי צונץ: „צור געש. אונד ליטער.", 123).

השם זאָלסט זיך דערוויטערן פון גאווה — וואָרנט דער ראַ״ש — מאַך זיך נידעריק ווי שטויב פון דער ערד, וואָס ווערט פון אַלעמען געטראָטן״.

נאָך ר׳ מאיר ראָטענבורגס טויט איז דער ראַ״ש געוואָרן דער פון אַלעמען אָנערקענטער, גייסטיקער פירער פונם גאַנצן דייטשן יידנטום. זיין ישיבה איז געוואָרן דער זאַמלפונקט פון הונדערטער יונגעלייט, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען ניט נאָר פון די דייטשע לענדער, נאָר אויך אויס בעמען און רוסלאַנד. פון די ווייטסטע ערטער פלעגט מען זיך צו אים ווענדן מיט שו״ת. זיין זאַמלונג פון תלמודישע געזעצן און דינים (פסקי־הלכות) איז געוואָרן איינס פון די פונדאַמענטאַלע ווערק, אויף וועלכע עס האָט זיך אויפגעבויט די גאַנצע שפּעטערדיקע ריטואַל־רבנישע ליטעראַטור [1].

אַ טיפּישער פאַרטרעטער פונם דייטשן מיטלאַלטערלעכן געטאָ, איז דער ראַ״ש געווען אַ פאַרפרומטער קנאי, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון וועלכע־ס׳איז חכמה אויסער „חכמת התלמוד״. צו אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיטן גרעסטן ביטול. „אייערע וועלטלעכע חכמות זיינען מיר ניט באַקאַנט — דערקלערט מיט שטאָלץ דער ראַ״ש די ספרדישע יידן — און איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיך פון זיי אויסגעהיט, וואָרעם זיי קאָנען דאָך חלילה אָראָפּפירן אַ מענטשן פון יראת שמים און פון דער הייליקער תורה [2]. באַזונדערס פאַרהאַסט איז אים געווען די פילאָזאָפיע, און ווי נאָר ער דערמאָנט זי, גלייך ברענגט ער דעם פסוק פון „משלי״: כל באיה לא ישובון״ — די, וואָס גייען אַוועק צו איר, זיינען שוין אויף אייביק פאַרפאַלן. ווי דער רשב״א, אַזוי האָט אויך ער אונטערגעשטראָכן, אַז צווישן דער פילאָ־זאָפיע און דער אמונה קאָן קיין פשרה ניט זיין, ווייל זיי גייען אויף פאַרשיידענע דרכים: די פילאָזאָפיע שטיצט זיך אויף לאָגישע הנחות און ראיות פונם שכל, די אמונה אָבער שטיצט זיך אויף דער הייליקער מסורה [3].

---

[1] דער רייפסטער פון אַלע פסקים, וואָס זיינען געבראַכט אין דער דאָזיקער זאַמלונג (צונויפגעשטעלט דורך דעם ראַ״שס זון, ר׳ יעקב), ווערט געדרוקט אין אַלע תלמוד־אויסגאַבעס אונטערן נאָמען „פסקי הראַ״ש״.

[2] ואף על פי שלא ידעתי מחכמה החיצונית שלכם, בריך רחמנא דשיזבן מינה, כי בא האות והמופת להדיח האדם מיראת השם ותורתו״.

[3] שו״ת 55, דף 9, עמ׳ ב׳: „כי חכמת הפילוסופיא וחכמת התורה אינן על דרך אחת, כי התורה היא קבלה הלכה למשה מסיני... אף על פי שאין הדברים נמשכים אחר חכמת הטבע, אנו הולכים על פי חכמת הקבלה, אבל חכמת הפילוסופיא היא טבעית חכמים גדולים היו והעמידו כל דבר על טבעו ומרוב חכמתם העמיקו שחתו והוצרכו לכפור בתורת משה לפי שאין כל התורה טבעית אלא קבלה״.

אין דער התחלה פונם XIV יארהונדערט האט דער רא״ש געמוזט פארלאזן דייטשלאנד. די רעגירונג האט אויף אים געווארפן אן אויג, און געדענקענדיק דעם טראגישן סוף פון זיין רבין, איז דער רא״ש אום זומער 1303 [1] אנטלאפן קיין סאוואיא. נאר אויך דארט האט ער זיך ניט געפילט גאנץ זיכער, ווייל דער ארטיקער הערצאג איז געווען דעם דייטשן קיסרס אונטערטאן, האט זיך דערפאר דער רא״ש באלד איבערגעפעקלט קיין דרום-פראנקרייך [2]. דא, אין דער פראוואנס, האט דער רא״ש זיך צום ערשטן באקענט מיט א פרייער גייסטיקער סביבה, מיט געבילדעטע יידן, וואס האבן אויסער יידישע קענטענישן אויך געהאט ברייטע ידיעות אין פילאזאפיע און נאטורוויסנשאפטן. „דארט (אין דער פראוואנס) — דערציילט דער רא״ש — האב איך דערזען א זייער שיין לאנד, און די מענטשן דארטן האבן זיך מיר אויך אויסגעוויזן זייער פיינע און אנ־שטענדיקע... איך האב אבער באלד איינגעזען, אז איך האב א טעות גע־האט: איך האב זיי אלע גערעכנט פאר ציכטיק ווייסע און זיי האבן זיך ארויסגעוויזן שווארצע (כולם זמנתם לבנים ומצאתים שחורים); בלויז געציילטע מענטשן האב איך דארט געפונען, וואס זיינען טריי געבליבן גאט און זיין הייליקער תורה, נאר אויך זיי האבן ניט דעם מוט זיך שטעלן אקעגן דעם אלגעמיינעם בייזוויליקן שטראם: אלע פון גרויס ביז קליין פארנעמען זיך מיט חכמת הטבע און די תורה האבן זיי גאר פאר־לאזן, אירע שוועלן טרעטן זיי ניט איבער און אירע צוימען האבן זיי צעבראכן און צעשטערט״ [3]. דערפאר, ווען ער איז געקומען אין מאנ־פעליע, האט ער מיט גרויס פרייד באגריסט אבא מארין „אלס אומדערשרא־קענעם גיבור, וואס האט מיט גרויס מוט אנגעגורט זיינע לענדן און מיט געיוער אין האנט ארויסגעטראטן קעגן די פורצי גדר״ [4]. דאך האט דער רא״ש תחילת ארויסגעוויזן גענוג פארזיכטיקייט. ערווארנט, אז די מחלוקת קאן ברענגען צו א שפאלטונג, און בכדי שלום צו מאכן צווישן די צוויי קעמפנדיקע פארטייען, לייגט ער פאר א צוזאמענפאר פאר פאר־טרעטער פון ביידע צדדים, און דער רשב״א זאל זיין דער בורר. ער האט

---

1 זע „אגרות ישר״ל", 680, און „אבני זכרון", 8. עס איז דא אן אגרת, וו רעט רא״שס אנטלויפן אויס דייטשלאנד האט נעהאט א שייכות צו די אונטערהאנדלונגען, וואס בען האט דעמאלט געפירט מיט דער רעגירונג וועגן אויסקויפן דעם געשטארבענעם מהר״מס קערפער (זע נייבויער, „סדר החכמים", I, 143).

2 וועגן די אלע ויינע באטערנישן דערציילט דער רא״ש אין זיין בריוו צו איינעם פון אבא מארים אנהענגער (זע „מנחת קנאות", בריוו 52).

3 „מנחת קנאות", 101.

4 דארטן, 109.

זיך אָבער, ווי עס שיינט, באַלד אָפּגעזאָגט פון זיין פאָרשלאָג און זיך איינגאַנצן געשטעלט אויפן קריגערישן שטאַנדפּונקט פון אבא מארין, נאָכ־דעם ווי ער איז אין 1305 אריבערגעפאָרן אויס דער פּראָוואַנס קיין שפּאַניע, דאָרט פאַרבראַכט א שטיקל צייט אין באַרצעלאָנע ביים רשב"א אין שטוב, און פון דאָרט האָט אים, אויפן רשב"אס פאָרשלאָג, די טאָ־לעדער קהילה אויסגעוויילט פאַרן רב הכולל. עס איז עפּעס סימבאָלישס אין דעם, וואָס גראָד דעמאָלט איז אַלס ראש פון איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע ספרדישע קהילות געוויילט געוואָרן א דייטשער רב, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון „חכמות חיצוניות" און אפילו אויפן געביט פון ריין תלמודיש וויסן האָט ער זיך גערעכנט אויסשליסלעך מיטן אויטאָריטעט פון די דייטש־פראַנצויזישע פּוסקים און רבנים [1].

דאָס האָט טאַקע צוגעגעבן מוט דער אָרטאָדאָקסישער פּאַרטיי, און דער רשב"א האָט ענדלעך באַשלאָסן אָננעמען שטרענגע מיטלען. שבת חזון (דעם 31 יולי 1305) האָט מען אין דער גרויסער באַרצעלאָנער שול אויס־גערופן דעם ענדגילטיקן פּסק פון 36 רבנים, מיטן שטרענגן פאַרבאָט בחרם ובשמתא אויפן משך פון 50 יאָר, אַז יהיה מי שיהיה, ביז ער וועט אַלט 25 יאָר, טאָר ער זיך ניט פאַרנעמען מיט נאַטורוויסנשאַפטן (אויסער מעדיצין, וואָס איז נייטיק אין פּראַקטישן לעבן) און ניט לייענען קיין ביכער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט גריכישער פילאָזאָפיע, הן אין העב־רעיש הן אין אַנדערע שפּראַכן, „בכדי ניט ברענגען צו קיין נסיון און ניט אָראָפּפירן פון די וועגן פון תורה". דער חרם איז חל אויך אויף די, וואָס באַקאָנען מיט די דאָזיקע פאַרבאָטענע לימודים יונגעלייט, וועלכע זיינען נאָך ניט אַלט קיין 25 יאָר [2].

די באַרצעלאָנער רבנים האָבן צעשיקט דעם פּסק החרם, געחתמעט מיט 36 חתימות, אין אַלע שפּאַנישע און פּראָוואַנסאַלע קהילות. צום פּסק האָבן זיי נאָך צוגעלייגט א לאַנגע דערקלערונג, ווו עס ווערן באַריכות באַשריבן די סיבות, וואָס האָבן זיי געצווונגען אָננעמען אַזא שטרענגע החלטה. די ראַציאָנאַליסטן ווערן דאָרט באַשולדיקט אין פילע הארבע

---

1 זע זיינע שו"ת, XX, נומ' 20—21: „אני מחזיק מסורת שלנו וקבלת אבותינו חכמי אשכנז שהיתה התורה ירושה להם מאבותיהם מימי החרבן, וכן קבלת רבותינו שבצרפת יותר מקבלת בני הארץ הזאת".

2 שו"ת רשב"א נומ' 415: „וקבלנו עלינו ועל זרעינו ועל הלוים אלינו בכח החרם לבל ילמוד איש מבני קהלינו בספרי היונים אשר חברו בחכמת הטבע וחכמת האלהות בין המחוברים בלשונם בין שהועתקו בלשון אחר, מהיום ועד חמשים שנה עד היות בן חמש ועשרים שנה. ושלא ללמד איש מבני קהלנו את אחד מבני ישראל בחכמות האלו עד שיהיו בני עשרים וחמש שנה".

חטאים: זיי פעלשן עס די תורה (עושים את התורה פלסתר), פון דער בימה אראפ האלטן זיי גאטלאזע דרשות, זיינען עובר אויף אלע מצוות און לייקענען, אז תורת משה איז מן השמים [1].

אין א באזונדערן כרוז טרעטן די בארצעלאנער רבנים מיט גרויס צארן ארויס קעגן די, וואס דערלויבן זיך צו דערקלערן די תורה אויף אן אלעגאריש־פילאזאפישן אופן. אפגעזונדערט דארפן אזוינע זינדיקע מענטשן ווערן פון דער מחנה ישראל, זייער חטא טאר זיי ניט פארגעסן ווערן ביז אין טויט אריין און גרייט איז אויך פאר זיי דער פייער־פלאם פונם גיהנום. די ספרים זייערע דארפן פארבאטן ווערן און אויפן פייער פארברענט ווערן, עס זאל פון זיי קיין זכר ניט בלייבן [2].

דער רא״ש איז געווען זייער צופרידן מיט דעם דאזיקן באשלוס און האט גלייך אויך זיין חתימה געגעבן אונטער דעם חרם פון די בארצעלאנער רבנים. ער האט אבער געהאלטן פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז לדידיה — נאך זיין מיינונג, וואלט מען בכלל באדארפט פארבאטן די וועלטלעכע חכמות הן פאר יונגע הן פאר אלטע (ובעיני הוא אסור כל ימיו בדור הזה), ווארעם עס שטייט דאך בפירוש: והגית בה יומם ולילה, די תורה דארף מען לערנען בייטאג און ביינאכט, איז דאך דערפון געדרונגען, אז מיט די וועלטלעכע וויסנשאפטן מעג מען זיך פארנעמען בלויז אין די געצײלטע מינוטן, וואס געהערן ניט צום טאג און ניט צו דער נאכט [3], ד״ה אין דער בין־השמשות-צייט.

דערפאר אבער האט צווישן די פריידענקער דער חרם אנגעמאכט א געוואלטיקן רעש. די פירער פון דער פריידענקער־פארטיי מיט די בני תיבון בראש זיינען גלייך ארויסגעטראטן מיט א „קעגן־חרם״ (אין די צו אונז דערגאנגענע דאקומענטן טראגט ער דעם נאמען „אדרבה״). דער דאזיקער „אדרבה״־חרם איז חל געווען: 1) אויף די, וואס פארווערן זייערע קינדער, פון וואסער עלטער זיי זאלן ניט זיין, זיך פארנעמען מיט נאטורוויסנשאפטן און פילאזאפיע; 2) אויף די, וואס דערלויבן זיך פוגע

---

1 שו״ת נומ׳ 416.

2 שו״ת, נומ׳ 417: „החטאים האלה בנפשותם מחויבים כל ישראל להחרימם ולנדותם ולא יכפר להם העון הזה עד ימותון אש של גיהנם כלה וגופם של אלו באש לא נפח אש לא תכבה נתון. והנה אנחנו מסכימין ובגזרת עירין ובמאמר קדישין מנדין האנשים הפושעים שהם כאלה באחת מאלה ומחרימים בבית דין של מעלה ובבית דין של מטה... והספרים שחקקו אחת מאלה בתוכם אנו דנין הבעלים כמין והספרים כספרי קוסמין והרי הם והמחזקים בהם בנדוי ובחרם היוצא בהם עד שישרפום ולא יזכרו עוד בשמם״.

3 „מנחת קנאות״, 178.

בכבוד זיין דעם רמב״ם און זיינע ווערק; 3) אלע, וואס דערלויבן זיך צו באריידן וועלכן־ס׳איז שריפטשטעלער, וואס זאגט ארוים ערנסט זיינע פילאזאפישע מיינונגען (ובכלל החרם ההוא כל מוציא דבה על שום מחבר ספר לתומו) [1].

דער קאמף צווישןביידע צדדים האט זיך אויף אזוי פיל פארשטארקט, אז די „מתנגדים״. ד״ה די פריידענקער, האבן געהאלטן פאר מעגלעך זיך צו ווענדן נאך הילף אין זייער אידעען־קאמף צו דער רעגירונגס־מאכט. זיי האבן געבעטן דעם „שר״ פון דער שטאט מאנפעליע, ער זאל ניט דערלאזן, די ארטאדאקסן זאלן אין מאנפעליע ארויסטרעטן מיט זייער „חרם״ קעגן די, וואס קעמפן פאר וויסנשאפט און בילדונג[2]. דער בורג־מייסטער פון מאנפעליע האט גערן דערויף איינגעוויליקט און האט טאקע דערביי אפן ארויסגעזאגט, אוים וועלכע מאטיוון ער איז גרייט מיטצו־העלפן די פריידענקער: אויב מען וועט ניט דערלויבן די יידן זיך צו פאר־נעמען מיט פילאזאפיע און עס וועט זיי זיין פארבאטן זיך באנוצן ביי דער ביבל־דערקלערונג מיט דער אלעגארישער מעטאדע — „וועט מען דאך דערמיט אויסשליסן יעדע מעגלעכקייט, עס זאל ווער צווישן יידן אננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן״ [3].

בכדי עפנטלעך ארויסצוווייזן, מיט וואסער ביטול זיי פארהאלטן זיך צום „חרם״ און צו די כרוזים פון די בארצעלאנער רבנים, פלעגן די בני תיבון און זייערע אנהענגער אין מאנפעליע זיך צונויפזאמלען כיתותווייז שבת אין די שולן, האלטן דארטן ראציאנאליסטישע דרשות און פאר־לייענען דעם „מלמד התלמידים״ און ענלעכע ווערק [4]. נעמענדיס אין אכט, אז שלמה פטי האט בשעתו קיין דערפאלג ניט געהאט, דערפאר, וואס ער איז ספעציעל ארויסגעטראטן קעגן דעם רמב״ם, צו וועמעס אנ־דענקען מען האט זיך פארהאלטן מיטן גרעסטן יראת־הכבוד אין אלע מזרח־לענדער, האבן די בני תיבון און זייער פארטיי געפלייסט זיך צו

---

1 דארמן, 150.

2 אבא מארים אנהענגער, שמעון בן יוסף אן־דוראן, וואס האט אויך אנטייל גענומען אין דעם דאזיקן קאמף, קלאגט זיך ווענן דעם פארן רשב״א: „ולולי חרכיבו כת המתנגדים אנוש לראשינו הוא המושל חשר הגדול חממונה מאת אדוננו המלך יר״ה, הכניסו דבריהם לפניו, חטעימו דברים לא נתנו לכתב כל שומעיו תצלנה אזניו״ (Reveu den etudes juives, XXIX, 224)

3 „מנחת קנאות״, 142: „מפני שוה יהיה סבה ונעילת דלת שלא ישוב לדת הנוצרים שום יהודי״.

4 זע אן־דוראנס בריוו צום רשב״א (ציט. ווערק, 222): „החויקו המתנגדים בתרמיתם לדרוש בהמון מדי שבת בשבת זה כמשלש חדשים. ג׳ כתות חוורות חלילה קוראים בספרים והראשונים ישנים עם חדשים״.

דערוויזן, אַז זייערע קעגנער צילן מיט זייער חרם קודם־כל אין דעם רמב"מס חיבורים[1]. די בני תיבון האָבן אין דעם געזען דאָס בעסטע מיטל צו דיסקרעדיטירן זייערע קעגנער פאַר דער עפנטלעכער מיינונג, ווייל זיי האָבן גוט געוווּסט, ווי הויך עס ווערט געשעצט דעם רמב"מס נאָמען אין די שפּאַנישע און פּראָוואַנסאַלישע קהילות. דאָס האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען אויך די אָרטאָדאָקסן; דערפאַר טאַקע האָבן זיי אָנגעווענדט אַלע מיטלען, בכדי אָפּצולייקענען די דאָזיקע באַשולדיקונג[2]. דער רשב"א גופא איז גלייך אַרויס מכוח דעם מיט אַן עפנטלעכן כרוז[3].

„בכדי מענטשן די אויגן צו פאַרבלענדן, לאָזן זיי (די מתנגדים) אַרויס פאַלשע קלאַנגען, אַז איך האָב געלעסטערט דעם רמב"ם און זיינע חיבורים... זיי טראַכטן אויס בילבולים און באַשולדיקן מיך, אַז איך בין מיימונים אַ שונא — זאָלן זיי גופא ניט נאָר מיטן מויל לויבן און דערציילן שבחים וועגן דעם דאָזיקן גרויסן גאון, נאָר טאַקע בפועל באַווייזן, אַז זיי גייען אויף זיינע וועגן, זאָלן זיי זיך גלייכן צו אים אין אמתער יראת־שמים און אין דערפילן אַלע מצוות און געבאָטן"[4]. דער רשב"א און זיינע אָנהענגער זיינען טאַקע געווען גערעכט, בעת זיי האָבן אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן, אַז זייער קאַמף איז כלל ניט עולעך צום „תגר הראשון", וועלן שלמה מההר איז אַרויסגעטראָטן, און אַז זיי האָבן גאָרניט ברעה צו פירן אַ קאַמף קעגן דעם רמב"מס ווערק[5]. פאַקטיש איז זייער קאַמף געגאַנגען פיל ווייטער. אמת, זיי האָבן אַלע געטענהט, אַז זיי זיינען ניט קיין פּרינציפּיעלע קעגנער פון וועלטלעכן וויסן, זיי ווילן בלויז, אַז מיט נאַטורוויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע זאָל מען זיך אָפּגעבן ערשט נאָכדעם, ווי מען וועט דערוואָרבן אין אַ גענוגנדיקער מאָס תלמודישע ידיעות, עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגיקער ווי וועגן אַ ראַדיקאַלער איבערשטעלעניש אין דער גאַנצער דערציִונגס־סיסטעם; וועגן אָפּצוימען פאַרן קומענדיקן דור אַלע וועגן, וואָס פירן צו וועלטלעכן וויסן

1 „מנחת קנאות", 143, 150.

2 „מנחת קנאות", נומ' 82, 84—86; זע אויך דעם פריער ציטירטן בריוו פון אַן־דוראַן צום רשב"א און דעם רשב"אס בריוו צו שלמה בר יצחק אויס סאַנפעליע („לעטטערבאָדע", IV, 125—131).

3 „מנחת קנאות", נומ' 89, „לעטטערבאָדע", V, 53.

4 „מנחת קנאות", 165.

5 „מיט וואָס פאַר אַ רעכט — וואָס אויס מיט פעם שמעון אַן־דוראַן — מאַכט איר אונז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זינד, וואָס יענע האָבן בעת דעם ערשטן קריג באַגאַנגען? ווי האָט איר פאַר די העזות אונז צונויפמישן מיט די וואָס האָבן זיך אונטערשטאַנען אַרויסצוזאָגן ... משה דעם גרעסטן ... מיר בוקן זיך פאַר אים און גייען אין זיינע וועגן („תפארת שיבה", II, 153).

און פרייען פאַרשער־געדאַנק, און דאָס וועט מוזן ברענגען דערצו, אַז אויך דאָס שפּאַנישע יידנטום זאָל זיך איינשליסן אין די ענגע ד' אמות של הלכה ווי זיינע ברידער אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. דערויף האָט טאַקע יעקב בן מכיר זייער ריכטיק אָנגעוויזן אין זיין בריוו צום רשב״א[1], אַז דער פאַרבאָט צו פאַרנעמען זיך מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן ביז אין עלטער פון 25 יאָר וועט לאַגיש מוזן ברענגען דערצו, אַז דער אונטער־וואַקסנדיקער דור וועט בלייבן פאַרגרעבט און אומוויסנד, וואָרעם ווער ס'לערנט נים אין די יונגע יאָרן, דער וועט שוין בלייבן אַן עם־הארץ זיין גאַנץ לעבן. דאָס האָבן גלייך איינגעזעען אויך פילע פון די, וואָס זיינען געווען פּרינציפּיעלע קעגנער פון די ראַציאָנאַליסטן און זייער טע־טיקייט. זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ ווערט געשטעלט די פראַגע וועגן פרייהייט פונם פאַרשער־געדאַנק, וועגן פרייהייט פון וויסן — און זיי זיינען אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם חרם פון די באַרצעלאָנער רבנים און קעגן אבא מארים אַגיטאַציע־טעטיקייט.

דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאַרטיי פונם רשב״א און אבא מארין — דער באַטייטיקער פּראָוואַנסאַלער למדן פון יענער צייט, מנחם בן שלמה מאירי[2]. דעם רמב״מס אַ הייסער אָנהענגער, האָט ער אויך אויסגענוצט זיין פאָרשונגס־מעטאָדע, און מאירים באַרימטער פּירוש אויף תלמוד, „בית הבחירה״, צייכנט זיך אויס מיט זיין קונציקער אַר־כיטעקטאָניק און קלאָרער איינפאַכער שפּראַך. אים זיינען אינגאַנצן פרעמד די פּילפּוליסטישע חקירות און פּשטלעך פון דער דייטש־פראַנצוי־זישער שול, און זיין סטיל איז פריי פון די אַלע רעטאָרישע מליצות און געציקלטע באַפּוצונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אַזוי אין דער מאָדע. אַדאַנק זיין שאַרפן קריטיש־היסטאָרישן חוש האָט מאירי גלייך איינגע־זען, אַז בכדי צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף און גענעריק אָפּצושאַצן די דינים און געזעצן, וואָס ס'האָבן אויסגעאַרבעט די בעלי־התלמוד, מוז מען קודם־כל קלאָר מאַכן אין וואָסער צייט ס'האָט געלעבט יעדער פון די תנאים ואמוראים באַזונדער. צו דעם צוועק האָט ער צו זיין פּירוש אויף „פּרקי אבות״[3] פאָרויסגעשיקט אַ ליטעראַטור־היסטאָרישע „פּתיחה״,

---

1 „מנחת קנאות״, נומ' 24.

2 זיין פּראָוואַנסאַלער נאָמען איז דאָן נעווען: דאָן־ווידאַל־סאָלאָמאָן. געבוירן אין פּערפּיניאַן אין 1249, געשטאָרבן אין 1306. מער באריכות וועגן דעם זע „Les rabbins fr. 528 —547.

3 איבערגעדרוקט אין ווין 1854 דורך ז. שטערן, וועלכער גיט דאָרט אויך מאירים ביאָגראַפיע.

וואָס אין איר גיט ער אין אַ שטרענג כראָנאָלאָגישן סדר אַן אַלגעמיינעם איבערבליק, ווי אַזוי ס'האָט זיך אַנטוויקלט די „תורה שבעל פה" פון די ערשטע תנאים אָן ביז צו זיין צייט [1]. און עס איז כלל ניט קיין מליצה-דיקע איבערטרייבונג, בעת דער דיכטער יהודה אבן זברה דערקלערט אין זיין ליד מיט התפעלות:

גרויס אָן אַ צאָל זיינען די פירושים אויף משנה און גמרא,
אייניקע זיינען צו קורץ, אַנדערע — מוראדיק לאַנג אָן
גרענעץ און מאָס,
ביז דער מאירי האָט זיך באַוויזן און געשאַפן זיין „בית הבחירה"[2].

מאירי איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון די ראַציאָנאַליסטן מיט זייער אַלעגאָרישן אַרט דערקלערן די „טעמי המצוות", דאָך האָט ער גלייך דערזעען אין דער קאַמפּאַניע, וואָס ס'האָט געפירט די קעגנערישע פּאַרטיי, אַ געוויסע סכנה פאַר דעם פרייען פאָרשן און וויסן; און בעת אבא מארי האָט זיך צו אים געווענדט מיט דער בקשה, ער זאָל מיט זיין חתימה אונטערשטיצן דעם חרם פון די באַרצעלאָנער רבנים, איז מאירי אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט.

„מיט גרויס פאַרגעניגן—שרייבט מאירי אין זיין אָפענעם בריוו[3] — האָב איך געהערט, אַז דו ביסט אַרויסגעטראָטן קעגן די ראַציאָנאַליסטישע פּרעדיקער. איך האָב געהאָפט, אַז דורך דיר וועט ענדלעך נעמען אַ סוף צו דער העכסט טרויעריקער דערשיינונג... וואָרעם ס'איז דאָך

---

1 מער באַריכות וועגן דעם באַטייט פון דעם דאָזיקן ווערק זע וויים „דור דור ודורשיו" V, 89—91.

2 ספרים נעשו אין קץ לבאר יסוד תלמוד במשנה או בגמרא
ויש גאון ורב כמה מאריכין ויש קצר אבל לא במשורה
עדי שקם לבית מאיר מנחם ובנה בית הבחירה.

מאירים „פתיחה" האָט דערנאָך זיינער אַ לאַנדסמאַן, יצחק בן יעקב לאַטעס, אויסגענוצט אין זיין וווערטפולער היסטאָרישער כראָניק „שערי ציון", וואָס דערגייט ביזן יאָר 1372 (פאַרעפנטלעכט מיט פילע הערות דורך ש. בובער אין 1885). מער באַריכות וועגן לאַטעסן זע Les ecriv. juiles fr., 982—692.

3 ציט באַדויערן איז דער דאָזיקער בריוו ניט דערגאַנגען בשלמות. אבא מארי דערמאָנט בלויז וועגן אים אין „מנחת קנאות" (נומ' 93), ער ברענגט אים אָבער ניט. דער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן דאָקומענט איז אונז בלויז באַקאַנט אויס דעם ענטפער, וועלכן מאירי האָט באַקומען פון אבא מארים אַן אָנהענגער, שמעון בן יוסף אַן-דוראַן, ווי עס ווערן געבראַכט אַ סך ציטאַטן פון מאירים בריוו. אַן-דוראַנס ענטפער האָט פאַרעפנטלעכט ד. קויפמאַן אין „תפארת שיבה", II, 142—174. ביאָגראַפישע פרטים וועגן שמעון אַן-דוראַן זע: Les rabbins fr., 695—700.

ווירקלעך א חרפה צו זען, ווי מענטשן אָן וויסן האָבן די העזה צו דרשענען פון דער בימה, פאַרדרייען דעם פשט פון דער תורה און פאַרפּלאָנטערן די מוחות מיט ווילדע המצאות, וואָס האָבן קיין סמך ניט הן אין דער ביבל הן אין תלמוד [1]. פלוצלונג האָב איך אָבער באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דו, צוזאַמען מיטן רשב"א, זייט אַרויס מיט א חרם קעגן וועלטלעכן וויסן און איר דערקלערט א מלחמה די טרעגער פון פאָרשונג און בילדונג. דו דערקלערסט עפנטלעך, אַז זינט ביי אונז אין דער פּראָוואַנס האָבן זיך פאַרשפּרייט די וויסנשאַפטלעכע קענטעניש, האָט זיך געשטאַרקט די אַפּיקורסות אין לאַנד און מען האָט אָנגעהויבן אין גאָט צו פאַרגעסן[2]...

„איר — שרייבט ווייטער מאירי — טרעט אַרויס קעגן די „חכמות חיצוניות"; צי פאַרשטייט איר דען אַליין ניט, אַז מען קאָן זיך אָן וויסנשאַפטן ניט באַגיין, און אַז ס'איז פּשוט לעכערלעך צו אָסרן וויכטיקע און ניצלעכע ווערק נאָר דערפאַר, וואָס דער אָדער יענער דאָרט אַרויסגעזאָגטער געדאַנק קאָן שלעכט פאַרשטאַנען ווערן, און עס קאָנען זיך געפינען מענטשן, וואָס זאָלן ציען פון אים פאַלשע הנחות. צי ווייסט איר דען ניט, צי פאַרשטייט איר דען ניט, אַז די וויסנשאַפטלעכע פאָרשער און דענקער זיינען דער שטאָלץ פון דער אומה? איר אָבער ווילט דאָס גאַנצע פאָלק מאַכן פאַרגרעבט און אומוויסנדיק, איר ווילט, אַז דאָס פאָלק, אויף וועלכן מען האָט נאָך אין קדמונישע צייטן עדות געזאָגט, אַז ס'איז א „עם חכם ונבון", זאָל באַקומען א שם פון אן אָפּגעשטאַנענער און פאַרווילדעטער מאַסע [3]. לייכטזיניקע מענטשן באַגייען נאַרישקייטן — שטראָפט זיי אויס, גיט זיי צו פאַרשטיין, אַז זיי גרייזן און גייען אויפן פאַלשן וועג; נאָר מיינט איר טאַקע אין דער אמתן, אַז פאַלשע און ניט־פּאַסיקע טריט פון אייניקע נאַראָנים קאָנען ברענגען אין געפאַר דעם קיום פון אונזער דת? ווען אייניקע, וואָס לערנען פילאָזאָפיע, באַגייען פעלערס, מאַכן פאַלשע הנחות און בלאָנדזשען אַראָפּ פונם ריכטיקן וועג — דאַרף מען דערפאַר דערקלערן מלחמה דעם פילאָזאָפישן פאָרשן און דענקען? צי האָט מען דען פאַרשפּאַרט די טויערן פונם „פּרדס" [4]

[1] „אשר היא חרפה לנו בקום עלינו תמיד אדם בלתי יודע וידווש ברבים ויורה פנים שלא כהלכה ויציר בפשוטי המקראות צוורות רחוקות אין להם אם למקרא ולא אם למסורת".

[2] „הדרת שיבה", 150.

[3] דאָרטן, 157, 158, 162.

[4] פרדס הייסט אייגנטלעך א שמעקעדיקער סאַראַנצן־גאָרטן, ווערט אָבער אין תלמוד געברויכט אין א סימבאָלישן זין — אלס נעמען פון חכמת הנסתר און „מעשה

אויף דעם סמך, וואָס אלישע בן אבויה איז אַן אַפּטריניקער געוואָרן נאָך דעם ווי ער איז אַהין אריינגעדרונגען?"

גלייכצייטיק מיט מאירין איז אויך ארויסגעטראָטן אַ צווייטער באַ־דייטנדיקער פאָרשטייער פונם פּראָוואַנסאַלער יידנטום — דער דערנאָך אַזוי באַרימט געוואָרענער דיכטער ידעיה פניני [1], דער זון פון אברהם בדרשי [2]. אדאַנק דער ליטעראַרישער סביבה, אין וועלכער דער יונגער ידעיה איז אויפגעוואַקסן, האָט ער שוין זייער פרי ארויסגעוויזן זיין ליבע צו פּאָעטישן שאַפן, און צו 15 יאָר האָט ער פאַרפאַסט זיין באַקאַנטע תפילה „בקשת הממין", וועלכע באַשטייט אויס 1000 ווערטער, ווו יע־דעם וואָרט הייבט זיך אָן מיט אַ „מעם". אברהם בדרשי איז אַזוי שטאַרק נתפעל געוואָרן פון זיין זונס דעביוט, אַז ער האָט אין אַ ספּעציעלן געדיכט באַזונגען די שיינקייט פון דער דאָזיקע תפילה, און האָט פאַרזיכערט, אַז „זיין זון שלאָגט ארויס פייער מיט זיינע גאָלדענע סטראָפן, וואָס מיט קיין שום פּרייז קאָן מען זיי ניט אָפּשאַצן" [3]. די „בקשת הממין" איז אָבער בלויז אַ „קונצשטיק", מיט פיל מליצה, נאָר זייער ווייניק פּאָעטישן שווונג. די השפּעה פון דעם פּאָטערס וואָסערדיקער מליצה שפּירט זיך אויך אין ידעיהס צווייט ווערק, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צו 18 יאָר — זיין פּאָעמע „אוהב נשים" (טראָגט נאָך אַ צווייטן נאָמען „צלצל הכנפים") [4]. דער גאַלאַנטער יונגער דיכטער טרעט דאָ ארויס קעגן דעם „פּרויען־פיינד" יהודה בן שבתי און זיין פּאָעמע „מנחת יהודה" (זע באַנד I, זאַפּ' 8). ער נעמט זיך אָן פאַר די באַליידיקטע חוהס טעכטער,

---

מרכבה". לויט אַ תלמודישער אגדה זיינען פיר תנאים „נכנסו לפרדס", נאָר בשלום איז צוריקגעקומען פון דאָרט בלויז איינער פון זיי — ר' עקיבאַ; אַ צווייטער אָבער, אלישע בן אבויה, איז אַן אפּיקורס געוואָרן און האָט „די צווייגן פון גלויבן אָפּגעהאַקט" (הציץ וקיצץ בנטיעות).

1 געבוירן אין בעזיע (בדרש), דערפון דער נאָמען בדרשי. וועגן דעם יאָר פון זיין געבורט זיינען פאַראַן חילוקי־דעות. לויט אייניקע פאָרשער איז פניני געבוירן גע־וואָרן בערך אין 1275—1280; אַנדערע רעכענען אָבער, אַז פיל פריער — בערך אין 1255 — 60. זיין פּראָוואַנסאַלער נאָמען איז געווען En Bonet, אַ איבערזעצונג פון זיין צווייטן יידישן נאָמען טוביה, מיט וועלכן ער האָט זיך געחתמעט אונטער זיין יוגנט־ווערק „אוהב נשים". באַריכות וועגן אים זע: Les Ecrivains etc., 359—402.

2 וועגן דעם דאָזיקן דיכטער זע באַנד II, ז' 224. ס'איז אַ סברה, אַז טאַקע ידעיה פניני האָט צונויפגעזאַמלט דעם פאָטערס אַלע לידער אין איין דיוואַן (op. cit, 398).

8 „בני חוצב להב — בטורי מי זהב, ראה ערכם ורהב, כחבנע ספרם".

4 פאַרעפנטלעכט דורך א. נייבויער אין „צונץ־יובל־שריפט", II, 1—19. די שירים, וואָס זיינען אין דעם ווערק אריינגעפלאָכטן, האָט איבערגעדריקט מיט קריטישע באַמערקונגען און דערקלערונגען שניאור זאַקס אין „קובץ על יד", IX, 1893.

און דערציילט, ווי אזוי אין א לאנד פון טויגעניכטסן און לא־יוצלחם האבן די מאנען באשלאסן זייערע ווייבער צו פארטרייבן, און וואס דערפון איז געווארן. אין דער פאעמע זיינען דא פיין־וויציקע שטעלן, עס ווארפן זיך דורך גאנץ גראציעזע לידער, דאס גאנצע ווערק איז אבער אזוי צעשוווּמען און לאנגווייליק, די פאבולע ווערט ממש דערטרונקען אין א גאנצן ים פון מליצות, אז ביים לעזער פלאצט די געדולד אויסהערן דעם „אוהב נשים" ביזן סוף.

פיל אינטערעסאנטער איז דערפאר ידעיהס אן אנדער ווערק, גע־שריבן בערך אין יענער צייט — זיין עטיש־דידאקטישער מאמר „ספר הפרדס"[1]. דא טרעט פאר אונז ארויס ידעיה אלס וויסנסדארשטיקער און ערנסט־דענקענדיקער יינגלינג, וואס באקענט מיט זיין וועלטאנשויונג, מיט זיין אפשאצן דעם ווערט פון וויסנשאפטן, מאראל אאז"וו. זיינע סענ־טענצן און מיינונגען פלעגט ידעיה גאנץ אייגנארטיק צונויף מיט משלים און פאבלען. באזונדערס אינטערעסאנט איז דער לעצטער קאפיטל, ווו עס ווערט גערעדט וועגן רעטאריק און דיכטונג. אומגעהייער גרויס איז דער באטייט פון דער פאעטישער קונסט, שטרייכט אונטער דער דיכטער; „אן פאעזיע — קאן קיין אמונה ניט עקסיסטירן[2], זי איז דער יסוד פון יעדער רעליגיע, זי דערווייכט דעם מענטשנס הארץ און שטארקט אין אים דעם גלויבן". „אן אמתער דיכטער איילט זיך ניט צו פארעפנטלעכן זיינע ווערק, ווארעם דאס, וואס געפעלט אים גלייך נאך דעם באשאפן, דאס קאן אים שפעטער אויסווייזן קליין און נישטיק". „היט זיך צו דערוועקן דעם דיכ־טערס שנאה, ווארעם זיין שקר וועט מען גיכער גלויבן ווי אין דיין אמת"...

דער וויסנסדארשטיקער ידעיה האט זיך פון זיין יוגנט אן פיל אפ־געגעבן מיט גריכיש־אראבישער פילאזאפיע, האט אין א סך זיינע ארבעטן באהאנדלט פילאזאפישע פראגן און געשריבן פירושים און מילואים צו די ווערק פון אבן־סינה, אבן־רשד, אלפאראבי און אנדערע[3]. זיינע בא־ליבטסטע דענקער זיינען אבער געווען אברהם אבן עזרא און דער רמב"ם. זיי, בפרט מיימוני, זיינען פאר אים געווען די פארקערפערונג פון דער העכסטער מדרגה פונם מענטשלעכן וויסן. עס איז דערפאר קיין וואונדער

1 צום ערשטן פארעפנטלעכט אין קאנסטאנטינאפאל אין 1515; איבערגעדרוקט דורך יוסף לוצאטו אין „אוצר הספרות" III, אפט. IV. אייניקע פראגמענטן, וואס פעלן אין די אויסגאבן, האט פארעפנטלעכט דוקס אין „הלבנון", V (1868); זע אויך: Les ecrivains juives fr., 366—68.

2 „לולא משלי השירים הערבים לא עמדו הדתות".

3 זע וועגן דעם: שטיינשניידער, „העבר. איבערזעצונגען", 110, 286, און Les ecrivains, 375—398.

נים, וואָס ווי נאָר ידעיה האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם „חרם" פון די באַרצעלאָנער רבנים, האָט ער זיך גלייך געווענדט צום רשב"א מיט אַ פּראָטעסט־בריוו (כתב ההתנצלות), וועלכער האָט געמאַכט אין זיין צייט אַ געוואַלטיקן רושם[1].

לויט דעם נוסח פון יענער צייט, ווענדט זיך ידעיה אין אָנפאַנג פון זיין בריוו אין ריין אָריענטאַלישע שבחים און פּאַטעטישע מליצות צום רשב"א, וועלכן ער רופט „נשיא ד'", „דער לייכטזייל פון זיין דור", „דער קוואַל פון יושר און גערעכטיקייט" אאַז"וו. נאָך די אַלע שבחים זאָגט דער דיכטער אַרויס גאַנץ פריי און מיט גרויס פּאַטאָס דאָס געפיל פון צאָרן און עמפּערונג.

ווּ איז דאָס געהערט געוואָרן — רופט אויס ידעיה בדרשי — אַז מען זאָל גאַנצע קהילות, ווּ עס געפינען זיך אַזוי פיל חשובע גאָטספאָרכטיקע מענטשן, רייך אין וויסן און אין מעשים־טובים, דערקלערן פאַר נעסטן פון זינד און לאַסטער, באַטראַכטן זיי אַלס באַנדעס אויסגעלאַסענע און נידערטרעכטיקע רשעים![2] איר האָט אונז געמאַכט צו שפּאָט און צו געלעכטער בכל תפוצות ישראל, און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס צווישן אונז האָבן זיך געפונען אייניקע מענטשן, וועלכע זיינען געווען נים נענוג פאָרזיכטיק, און זייער גאַנצע שולד באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן אין זייערע עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען אַנטפּלעקט פאַרן ברייטן עולם דאָס, וואָס ס'איז מער געווּונטשן ס'זאָל בלייבן בסוד[3].

ידעיה גופא האָט לויט זיין וועלטאַנשויונג געהערט צו דעם מער רעכטן פליגל מיימוניסטן, וואָס האָבן גאַנץ פאָרזיכטיק זיך באַנוצט מיט דער ראַציאָנאַליסטיש־אַלעגאָרישער מעטאָדע פון זייער גייסטיקן פירער. אים האָט זיך דערפאַר אויסגעוויזן, אַז אויך די איבעריקע ראַציאָנאַליסטן פון פּראָוואַנס גייען נים ווייטער ווי ער. ער שטרייכט דערפאַר אונטער, אַז ער איז פולקום מסכים מיטן רשב"א, אַז די, וואָס דערקלערן די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן פון דער ביבל אַלס לויטער אַלעגאָרישע סימבאָלן און די מצוות און דינים אַלס בלויזע מאָראַלישע סענטענצן — די זיינען כופרים בעיקר, וואָס גראָבן אונטער די יסודות פון דער אמונה[4]. מיר אָבער — פאַרזיכערט ידעיה — בלייבן טריי דער לערע פון רבנו משה בן מיימון, און ער האָט זיך דאָך קיין מאָל ניט דערלויבט אַרויסצוזאָגן

---

1 אָפּגעדרוקט אין רשב"אס שו"ת נומ' 418. פאַרעפנטלעכט באַזונדער דורך ש. בלאָך אין 1809, איבערגעדרוקט אין וואַרשע אין 1881.

2 „כתב התנצלות", 21 (ציטירט נאָך וואַרשעווער אויסגאַבע 1881).

3 דאָרטן 21—23, 24.

4 דאָרטן, 39.

אזוינע אפיקורסישע געדאנקען. ביים דערקלערן און אויסטייטשן די מעשיות און אגדות, וואס געפינען זיך אין דער ביבל און אין תלמוד, באַנוצט ער זיך בלויז מיט דער אלעגאָרישער מעטאָדע, ווען עס האנדלט זיך וועגן ריין האלטן דעם גאָטהייט־באַגריף פון גשמיות און מאטעריאַל־קערפערלעכע פאָרמען און בילדער. מיט זיינע דערקלערונגען פון די „טעמי המצות" האָט מיימוני נאָר געשטאַרקט און פאַרטיפט זייער באַטייט וואָרעם—שטרייכט ידעיה אונטער—די פילאָזאָפישע באַלייכטונג שטאַרקט די אמונה, זי היט אָפּ איר ריינקייט און דערלאָזט ניט, אַז אירע קוואַלן זאָלן פאַראומרייניקט ווערן דורך ווילדן אָבערגלויבן[2].

איר אָבער — ווענדט זיך ידעיה צום רשב"א און זיינע אָנהענגער — איר האָט אַ קאַמף דערקלערט דער פילאָזאָפיע אין דעם פרייען פאָרשן. נאָר אומזיסט איז אייער מי. דער פילאָזאָפישער געדאַנק האָט זיך איינגעבירגערט ביי יידן נאָך אין סעדיה גאונס צייטן, האָט אויפגע־בליט אינם דור פון אברהם אבן עזרא און דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ווען ס'האָט אויפגעלויכטן דער שטערן פון משה בן מיימון, וואָס זיין נאָמען איז גרויס און טייער ניט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי די חכמי אומות העולם[3].

איר זייט טאַקע ביי אונז זייער חשוב—דערקלערט דער ידעיה פניני אינם סוף פון זיין בריוו — מיר רעכענען זיך זייער און זייער מיט אייער רבנישן אויטאָריטעט; און דאָך — זייט ווייסן: מיר קאָנען ניט און ווילן ניט זיך צעשיידן מיט דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, זי איז אונזער אָטעם, אונזער לעבן, און ס'זאָלן אפילו קומען יהושע בן נון בכבודו ובעצמו און ער זאָל וועלן אָפּשטעלן די זון פון בילדונג — קיינער וועט אים ניט פאָלגן, וואָרעם אונזער גרויסער רבי (דער רמב"ם) האָט אונז אַן אַנדער תורה בירושה געלאָזן, מיט איר וועלן מיר זיך ניט צעשיידן און טריי וועלן מיר זי איבערגעבן די קומענדיקע דורות[4].

ביידע צדדים האָבן פאַקטיש זיך ניט געקאָנט צונויפריידן. אפילו דער געלאַסענער מיימוניסט, ידעיה פניני, האָט ניט געוואָלט באַמערקן אין זיין כּביבה געוויסע דערשיינונגען, וואָס מען האָט ניט געקאָנט און ניט געטאָרט פאַרלייקענען און אין וועלכע די אָרטאָדאָקסע רבנים האָבן געזען די גרעסטע געפאַר פאַרן קיום היהדות. די מחלוקת וואָלט געווים וואָס

1 דאָרטן, 37—39, 68—69.

2 דאָרטן, 27, 49—50.

3 דאָרטן, 70.

4 דאָרטן, 75.

ווייטער זיך אַלײן מער געשטאַרקט — נאָר פּלוצלונג האָט זיך אַריינגעמישט מיט איר שווערער מגושמדיקער האַנט אַן אויסער־לעכע פיינדלעכע מאַכט. גאַנץ אומדערוואַרט האָט דאָס פראַנצויזישע יידנטום אַן אימהדיקע קאַטאַסטראָפע געטראָפן. דער געלטגעריקער פראַנצויזישער מלך, פיליפּ דער שיינער, האָט אין יולי 1306 אַ דעקרעט אַרויסגעגעבן, מען זאָל די יידן פונם לאַנד אַרויסטרייבן. די קהילה פון מאָנפעליע, דער הויפּט־צענטער פון דער מלחמה, איז צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן. אבא מארי האָט אָפּגעריכט גלות, זיך געוואַלגערט אין אַרל, דערנאָך אין פּערפּיניאַן, און פאַרשווּנדן באַלד אינגאַנצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע [1]. זיין אָנהענגער שמעון בן יוסף אַן־דוראַן איז אַריבערגעפאָרן קיין עי, וואו ער האָט אין אַ האַרציקער קינה באַוויינט דעם חורבן פון די פּראָוואַנסאַלער קהילות [2]. מנחם מאירי איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן יאָר, און אין פיר יאָר אַרום איז אויך געשטאָרבן דער אַלטער רשב״א, וועלכן זיין תלמיד יוסף בן שלמה אבן יחיא [3] האָט באַוויינט אין זיין באַקאַנטער עלעגיע, וואָס איז אַדאַנק איר אייגנאַרטיקן מעטער געוואָרן אַ מוסטער און פאָרבילד פאַר די אַלע שפּעטערדיקע אַזויגערופענע „ווידער־קול“־לידער. אבן־יחיאס עלעגיע איז געבויט לויט די כללים פון דער אַראַבישער מעטריק, און אַלע אירע פערזן פאַרענדיקן זיך מיט איין און דעם זעלבן גראַם — „ִ־רים“. אינם שלוס־וואָרט פון יעדן פערז ווערן אָבער אות באות איבערגעחזרט די לעצטע זילבן פונם פאָרלעצטן וואָרט. עס באַקומט דעם איינדרוק פון אַ מין ווידער־קול, גלייך אויף די עלעגישע אַקאָרדן פונם קלאָג־ליד, וואָס באַוויינט די גרויסע אבידה, רופט זיך אָפּ די גאַנצע נאַטור מיט אַ טרויעריקן עכאָ. די דאָזיקע זייער קאָמפּליצירטע מעטער־פאָרם האָט אַדאַנק אבן־יחיאס שיינער עלעגיע שטאַרק אויסגענומען, און פיל שפּעטערדיקע דיכטער האָבן אויך געפּרוּווט שרייבן „ווידער־קול“־לידער. מיר גיבן דערפאַר דאָ אין אונזער פּראָזאַישער איבערזעצונג די ערשטע סטראָפן פון דעם ערשטן העברעיִשן „עכאָ־ליד“ [4].

---

1 זיינע צוויי קינות איבער טויט פון מאירי און רשב״א זיינען פאַרעפנטלעכט אין „לעטטערבאָדע“ V, 73—79.

2 די קינה האָט פאַרעפנטלעכט ד. קויפמאַן אין Revue d. Etudes juifes 225—228.

3 די פאַמיליע יחיא האָט געגעבן אַ גאַנצע ריי באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן, וועגן וועלכע עס וועט אונז ווייטער נאָך אויסקומען צו ריידן.

4 צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין גדליה אבן יחיאס „שלשלת הקבלה“, איבערגעדרוקט מיט אַן אויסגעבעסערטן טעקסט דורך ד. קויפמאַן אין „צייטשריפט פ. העבר. ביבליאָגראַפיע“, I, 24—5.

„אויף די שפּיצן פון גלעד און לבנון שטייג אַרויף, דו געטין פון געזאַנג! זאָל פון הר העברים דיין געוויין אויסברעכן און אין אַלע עקן זאָל הילכן דיין יאָמער־געשריי!

„קיין נוף און תחפנחס טו ווענדן דיינע טריט, איבער די געצעלטן פון שומרון זאָג אָן אַלע קינדער פונם גלות: געפאַלן איז דער שטאָלץ און די פּראַכט פון דער תורה, איר שענסטע קרוין — אין פינסטערן קבר גע־וואָרפן.

„ווּהין דו ווענדסט דיינע טריט — דערוועק שלוכצן און יאָמער; זיין ווי אַ קלאָג־מוטער איינגעהילט אין שוואַרצן מאַנטל פון טרויער.

„גלאַט ווי ביי אָדלערס גאָלט אָפּ אייערע קעפּ, איר זינגער[1]. אין ביטער געוויין פאַרוואַנדלט אייערע פריילעכע לידער.

„זאָלן קלאָגן־געשרייען דערשטיקן די לוסטיקע טענער פון פּויקן און טרומייטן; זאָלן די בת־היענות פאַרהילכן מיט זייערע קרעכצנדיקע קולות ניט פאַראיינזאַמטע וועלדער און וויסטעס, נאָר די רעשדיקע שטעט און קהילות.

„פאַרציטערן אין שרעק זאָלן גאָטס הייליקע דינער, פאַרשטומט מוזן ווערן די לוויִמס געזאַנג, אין בעטלער־קליידער הילט אייך איין, איר איידעלע און פירשטן, אין זעק און טרויער־מאַנטלען קליידט אייך אָן איר גרויסע און רייכע!

„וואַרפט אַראָפּ די דיאַדעמען און קרענץ פון אייערע קעפּ און באַ־דעקט זיי מיט אַש און מיט שטויב; מיט שטעכיקע דערנער באַוואַרפט די פּראַכט־פּאָרטאַלן, וואָס האָבן שימערירט מיט די געשטיקטע פילפאַרביקע טעפּעכער.

„פאַרגעהט אין די בליענדיקע גערטנער, איר זאַרגלאָזע מוידן, פאַר־לאָזט, איר חתנים, אייערע שיינע געמעכער —

„אין דעם פינסטערן טאָג, ווען געפאַלן איז אונזער היטער און שוץ, און עלנד און פאַרלאָזן זיינען די שאָף געבליבן; אויסגעלאָשן איז דער גלאַנץ פון דעם אומפאַרגלייכלעכן שלמהן, וואָס האָט מיט זיין ליכט באַשיינט אונזער וועג דעם שווערן...."[2].

---

1 גאָלן דעם קאָפּ איז ביי די מזרח־פעלקער געווען אַ צייכן פון טרויער (קראו לבכי ולמספד ולקרחה).

2 (5 קרחה להרחיב כנשרים שָׂרים — חושו ותחת שיר אבלים מרים
ומננגים קנים מקום בָּנים תנו — יענה תסבב ביערים ערים
ומקום חלילים כחללים נאקו — כאשר באשמנים פגרים נרים

* * *

פון אַלע אָנגעזעענע אָנטיילנעמער אין דעם עקשנותדיקן „קולטור־קאַמף“ איז בל״ז איין ידעיה פניני ניט נאָר ניט אַראָפּ פון דער סצענע, נאָר ערשט שפּעטער באַוויזן זיין גאַנצע שאַפונגס־קראַפט. און טאַקע אונטער דעם איינדרוק פון דער אָקערשט איבערגעלעבטער קאַטאַסטראָפע האָט ער אַ ווערק געשאַפן, וואָס ס׳האָט זיין נאָמען באַרימט געמאַכט אין די קומענדיקע דורות. זיין טרויער און פעסימיסטיש געשטימטע וועלטאַנשויונג האָט ער אויסגעדריקט אין זיין דידאַקטישער פּאָעמע „בחינת עולם“, וואָס איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע ווערק ביי יידן. מען האָט אויף דעם באַליבטן ווערק פילע פירושים געשריבן [1], מען האָט עס אויך אויף פילע אייראָפּעיִשע שפּראַכן איבערגעזעצט [2], און עס איבערגעדרוקט אין אַ קאָלאָסאַלער צאָל אויסגאַבעס [3].

ריזיק־ווייט איז דער מהלך פון דער פּאָעמע „אוהב נשים“, וואָס דער 18יאָריקער דיכטער האָט געשריבן, ביז צו דער פּאָעטישער שאַפונג פונם רייפן דיכטער „בחינת עולם“. אויך אין דעם ווערק כאַפּט דער דיכטער ערטערווייז איבער די מאָס. דער סטיל איז צו פיל געקינצלט, דער לעזער ווערט ביסלעכווייז מיד פון דער צו גרויסער עשירות אין האַרמאָנישע צוזאַמענקלאַנגען פון ווערטער און זילבן, און פון די צו אָפטע עפעקטן, וואָס דער דיכטער פלייסט זיך צו דערגרייכן דורך דעם קונץ פון „לשון נופל על לשון“. נאָר דער לעזער איז גערן מוחל די דאָזיקע קליינע ריטאָרישע פעלערן, אַנטציקט פון דער שיינער בילדער־שפּראַך און געבלענדט דורך די גרעלע, רייכע פאַרבן. דער פילאָזאָפישער געדאַנק, די

לובש שוד יחרד זמיר בר לבב ירד — נהי יחי אל העשירים שירים
מלך כחלק לך ונשיא תאבל — התרגשו לבשו שחורים חורים
צניף צפון ועדי עדה וחרה בה — אפר בראש שפר כתרים תרים
אל חבהסים שש ברהיטים רצוף — הקוץ והדרדר לדרים דרים
מרעננות שאננות אל נהי — יצאו חתנים מחדרים דרים...

. . . .

יום ספד אביר רועים ואבד כל נאות הצאן ונשמו דברים ברים
הוד רב שלמה הגביר הנגיד ברית — האיר בנבכי היאורים אורים...

1 פון די עלטערע מפרשים זיינען די וויכטיקסטע: יעקב אבן חביב, יצחק מטונטישון, יוסף פרנסיש און יום־טוב העלער (תוספות־יום־טוב). פון די נייערע: י. ד. פראַנק־קאַמענעצקי.

2 אין לאַטיין, אין דייטש (אַכט מאָל), אין פראַנצויזיש (צוויי מאָל), איטאַליעניש, ענגליש און פויליש.

3 אין „קהלת משה“ זיינען אויסגערעכנט איבער 70 אויסגאַבעס פון „בחינת עולם“.

טיפסטע פראָבלעמען ווערן צעשמאָלצן אין דעם פייער־פלאַם פון דיכטערישער באַגייסטערונג, און אַנטפּלעקן זיך אין פילפאַרביקע בילדער, לעבן אויף אין פּאַטעטישע סטראָפן, וואָס טריפן מיט שטאָלצן טרויער און ביטערן שמערץ.

פנינים פּאָעמע באַשטייט אייגנטלעך, לויט איר אינהאַלט און פּאַטעטישן ווערט, פון צוויי פאַרשיידענע טיילן: דער ערשטער און וויכטיקסטער פאַרנעמט די ערשטע צוועלף קאַפּיטלען, דער צווייטער טייל — די לעצטע פינף. אין דערהויבענעם פּאַטעטישן סטיל שילדערט דער דיכטער אין די ערשטע קאַפּיטלען די גרויסאַרטיקע שיינקייט פונם מענטשנס גייסט — דער געטלעכער אָפּגלאַנץ אויף דער ערדישער וועלט. שטאָלץ און מעכטיק איז דער קיניגלעכער פלי פונם מענטשנס געדאַנק אין די אומבאַגרענעצטע ווייטן. אַלע וועלטן נעמט ער אַרום, פריי שוועבט ער איבער אַלע טיפן און הייכן — און מאַכטלאָז און נישטיק מוז ער גראָבלען אין ערדישן שטויב, געשמידט אין קייטן פון וואָכעדיקע קליינלעכקייטן און קערפּערלעכער אומבאַהאָלפנקייט. דער טייערסטער איידלשטיין (גזרת ספּיר) — רופט אוים דער דיכטער — איז א ציל־ברעט פאַרן בלינדן צופאַל, דער געטלעכער זון (בר אלהין) מוז גראַבלען אין דער פינסטער און שמאַכטן אין שטויב; באַשענקט מיט דעם אומשטאַרבלעכן אַלמעכטיקן געדאַנק — און דאָך איז זיין גורל: פוילן און פאַרגיין. דער מענטש איז אָבער ניט נאָר א קינדערש שפּילצייג ביי די קאַלטע און גרויזאַמע נאַטור־געזעצן — ער אַליין מאַכט צו שאַנד זיין אומשטאַרבלעכע גרויסקייט און לייכטזיניק פאַרבייט ער זי אויף קליינלעכע ערדישע פאַרגעניגנס. דער קיניג פון פרייען געדאַנק איז א קנעכט פון נידעריקע תאוות. און דער דיכטער שילדערט די טראַגישע סתירות פונם מענטשלעכן לעבן אין פאָלגנדיקע פּאָעטישע בילדער [1]:

אָן אומענדלעך ברייטער, פון אָפּגרונטן טיפער, ווילד
ברויזנדיקער ים איז די וועלט;

און די צייט — א וואַקלדיקער בריק איבער איר.
הענגט אויף בענדער—פוילע און פאַרגענגלעכע שוין פון־געבורט;
און דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צום אייביקן גליק,
צו דעם גלאַנץ און פראַכט פון דעם געטלעכן ליכט...
ברייט ווי א שפּאַן איז דער דאָזיקער בריק, אָן פאַרענטשעס
און שטיצע, —

און דו, בן־אדם, דו ביסט געצוווּנגען דיין גאַנץ לעבן־לאַנג

1 „בחינת עולם", קאַפּ' 8.

שפּאַנען אַן אויפהער איבער דעם דורכגאַנג דעם ענגן.
זע, ווי שמאָל איז דיין וועג, ניט אָפּקערן קאָנסטו ניט רעכטס
און ניט לינקס —
און נאָך חלומסטו וועגן מאכט, גרויסקייט און גלאַנץ?
זע: פון רעכטס און פון לינקס לויערן אויף דיר טויט און
פארדארבונג —
און נאָך האָט דיין הארץ דעם מוט ניט פארלוירן,
נאָך קאָנסטו מיט שטאָלץ דיין אָרעם דערהויבן?
טוסט אפשר זיך אויף די רייכטימער די גרויסע פארלאָזן,
וואָס האָסט מיט מי זיך דערוואָרבן,
מיט דער מאכט פונם בויגן דערצווונגען?
אונטער זיי האָפּסטו שוץ צו געפינען
קעגן דעם געוואַלדיקן שטורעם פונם ברויזנדן ים,
וואָס שטירצט איבער דיר מיט זיינע מעכטיקע כוואַליעס?
פרווו שטעל זיך אָקעגן דעם ווילדן כעס פונם ים אוקינוס,
באַצווינג זיינע רייטוועגן מיט זיינע געוואַלדיקע רייטער!
לאָז נאָר זיך פאַרפירן דורכן געשפּינס פון דיינע חלומות,
באַריר נאָר דעם שוימיקן בעכער פון באַרוישנדיקער גאווה
און שטאָלץ —
גלייך וואַקלען שוין דיינע טריט אויף דעם שמאָלינקן דורכגאַנג,
שוין ביסטו פארלאָרן און פאַלסט אין די טיפע תהומען,
און פאַלן וועסטו פון אָפּגרונט צו אָפּגרונט, און קיינער
וועט ניט רעטן,
קיינער וועט ניט רופן: „אַך, קער זיך אום צוריק!"...

אין מעכטיקע סטראָפן גיסט דער דיכטער אויס זיין ווייטאָג און צאָרן איבער דער נישטיקייט פון דער וועלט. אַט „דעם קוואַל פון פויל־קייט און שימל" (מקור הכליה וההפסד), איבער דעם זינלאָזן געשפּיל פון דעם בלינדן צופאַל, וואָס באַשענקט מילד די נישטיקע און שענדלעכע, און די בעסטע און אויסדערוויילטע ווערן ווי שטיפקינדער באַהאַנדלט; „די שאַלעכץ און שפּריי ווערן באַזאָרגט און געהיט, און די זאַפטיקע קערנער מיט די פיס געטראָטן", „די צעדערן פון לבנון ווערן פאַרברענט, און שניעקיקע דערנער לעבן און געדייען"[1].

---

[1] דאָרט, קאַפּ' 10—11. די דאָזיקע צוויי קאַפּיטלען האָט מענדעלסאָן איבער־געזעצט אין דייטש.

אין פילפארביקע בילדער שילדערט דער דיכטער די נישטיקייט פון דער וועלט, אָט „די פינסטערע הייל, וואָס איז דאָס זאמל־געפּעס פאר אַלע אָפּפאל און פוילן אלטווארג". און דער מענטש, „די מאַכטלאָזע פליג מיט די אונטערגעהאקטע פליגל, מוז זיך גראבלען אין דעם שמוציקן שטייגל, וואָס האָט זיך ווי א קליין זעמדעלע פארבלאָנדזשעט צווישן די אָנצאָליקע שטערן" [1]. „און איך, אומגליקלעכער לײַדנדיקער, איך בין אהער געשיקט צו זיין די ציל־ברעט פאר יעדן צער און שטורעם, וואָס וייסן נים פון קיין שום רחמנות!... באטראכט איך מיין פינסטער, טרויעריק מזל, באגרייף איך, וואָס פאר א נישטיק בלענד-שפיל ס'איז מיין גאנץ לעבן — קאָן איך קיין טרייסט מער נים געפינען".

דער דיכטער, דער הייסער פארערער פונם בעל „מורה נבוכים", פרוווט דאָך א טרייסט צו געפינען — אין מיימונים אידעען־וועלט. פאר־פולקומען דעם פארשטאנד, פארטיפן זיך אין דער גרויסקייט פון דעם גאָטס־באגריף — דאָס איז דער העכסטער ציל פאַרן מענטשן אויף דער ערד, און קיין מאכט אין דער וועלט קאָן ניט ברעכן דעם מענטשנס ווילן בעת ער שטרעבט צו דעם דאָזיקן דערהויבענעם ציל [2].

אין שיינע בילדער שילדערט דער דיכטער, ווי דעם מענטשנס נשמה, דער הימלשער פויגל, וואָס איז אינם קערפּערלעכן שטייגל פארשפּארט, רייסט זיך אין די לופטיקע הייכן, גארט זיך צו דערנעענטערן צום קוואַל פון ליכט און וויסן. ווען דער דערהויבענער מאכט פון דעם דאָזיקן קוואַל, שטרייכט אונטער דער דיכטער, זיינען גלייך עדות סיי די, וואָס שטרעבן צו אים, סיי די, וואָס אנטלויפן און ווילן פון אים זיך דער־ווייטערן. „ווי ווענן דער ריזיקער מאכט פון די זונען־שטראַלן קאָן מען זיך מערקן ניט בלויז פון דעם אימפּעט מיט וועלכן דער אָדלער שטרעבט אין דער הויך מיט זיינע מעכטיקע פליגל, נאָר אויך פון דעם פחד, מיט וועלכן די פלעדערמויז וויל שנעל זיך באהאלטן, די ליכטיקע שטראַלן זאָלן אירע פארפינסטערטע אויגן ניט טרעפן" [3].

פארזוכן פונם עץ-הדעת, דערקלערט דער דיכטער, דאָס הייסט זיך באהעפטן מיטן עץ־החיים, מיטן בוים פונם אייביקן לעבן. און ווי אין זיין „כתב" צום רשב״א, אזוי אויך דאָ שטרייכט ידעיה אונטער, אז חכמה און וויסנשאפט זיינען ענג פארבונדן מיט דער תורה, „אָט דעם

---

[1] דאָרטן, קאַפּ׳ 12.

[2] דאָרטן, קאַפּ׳ 16.

[3] דאָרטן, קאַפּ׳ 13.

ווונדערבאַרן בליץ, וואָס דעם באַשעפערס ליכט האָט פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט!״...

און דער דיכטער, דער מיימוניסט, פאַרענדיקט זיין ווערק מיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שורות:

„סוף דבר, דער סוף פון דער זאַך: צי וועט זיך דיין האַרץ ווענדן אויף רעכטס צי אויף לינקס — האַלט זיך פעסט אין דעם, אין וואָס ס'האָט געגלויבט דער, וועלכער איז געווען דער לעצטער צווישן די גאונים לויט דער צייט, נאָר דער ערשטער לויטן באַטייט, אונזער גרויסער לערער רבנו משה בן מיימון ז״ל, וואָס קיינער פון די חכמי ישראל נאָך חתימת התלמוד קאָן זיך צו אים ניט גלייכן. דעמאָלט, בין איך זיכער, וועסטו זיין רייך אין וויסן און חכמה, און אין אַלע אירע קאַמערן וועסטו מיט פאַרכט אין האַרצן אַרויסגען נאָטס מאַכט און גרויסקייט״...

זעקסטער קאפיטל.

יצחק אלבאלאג אין זיין „פונות הפילוסופים". — אלבאלאג אלס פריידענקער. — אלבאלאגס דעות וועגן דער וועלט-באשאפונג און דעם געטלעכן ווילן. — דער „נאטירלעכער סדר" און דער „רעליגיעזער סדר"; גלויבן און איבערציינונג. — דער „צווייארטיקער אמת" ביי די קריסטלעכע טעאלאגן און ביי אלבאלאגן. — אלבאלאג אלס פערזענלעכקייט.

מיר האבן שוין געזען, ווי פעסט איבערצייגט ידעיה פניני איז געווען, אז די אמונה און די פילאזאפיע לעבן אין פולשטענדיקן פרידן, און זיי זיינען כלל ניט סותר איינע די אנדערע. דערמיט זיינען אבער כלל ניט געווען מסכים ניט נאר אזוינע גאטספארכטיקע און ארטאדאקס-דענקענדיקע מענער, ווי דער רשב"א און דער אשרי, נאר אפילו פילע צווישן די איבערצייגטע אריסטאטעליקער. אין דעם פרט איז באזונדערס אינטערעסאנט ידעיה פנינים א בן-דור, דער איבערזעצער און מפרש פון אבן-רשד און אלגאזאלי, יצחק אלבאלאג.

וועגן זיין לעבן ווייסן מיר כמעט ווי גארניט. עס איז אפילו ניט פעסטגעשטעלט, ווו ער האט זיינע יארן פארבראכט: צי אין צפון שפאניע, צי אין דער פראוואנס [1]. אויך ווייסט מען ניט באשטימט די צייט, ווען ער האט זיין ווערק געשריבן. אין דעם נאך עד-היום ניט פארעפנטלעכטן [2] אלבאלאגס הויפטווערק „תיקון דעות הפילוסופים" געפינט זיך אפילו יא א דאטע, וועלכע ווייזט אן, ווען דאס ווערק איז געשריבן; די דאזיקע דאטע ווערט אבער ניט ריכטיק אנגעוויזן ביי פארשיידענע פארשער.

1 מיר רעכענען, אז אלבאלאג שטאמט אויס שפאניע, ווייל אין איין ארט רעדט ער וועגן דריי „אבתע בעלי-קבלה", וואס האבן געלעבט „אין אונזער לאנד" (בארצנו זאה), און די אלע דריי זיינען אויס אלט-קאסטיליע (איינער אויס בורגאס, דער אנדערער פון סעגאוויע און דער דריטער פון טאלעדא).

2 בלויז דעם ערשטן צוטייטשיקסטן אינטערעסאנטן טייל פון אלבאלאגס ווערק האט אין דער נייערער צייט (1906) ה. אויערבאך פארעפנטלעכט („אלבאלאג אונד זיינע איבערזעצונג ד. מאקאזיר אל-גאזאלים").

י. ה. שור, וואָס האָט אין „החלוץ" [1] באַקאַנט מיט פילע פראַגמענטן פון אַלבאַלאַגס חיבור, ווייזט אָן, אַז אין דעם פּאַריזער מאַנוסקריפּט איז פאַרצייכנט דאָס יאָר 1292, און אין אַן אַנדער כתב־יד — דאָס יאָר 1294. אָט די דאַטעס ווערן אויך געבראַכט ביי גרעצן און אַנדערע פאָרשער. שור האָט אָבער, ווי עס שיינט, אַ טעות געהאַט, וואָרעם אַזאַ באַגלויבטער און קאָמפּעטענטער עדות ווי שלמה מונק מעלדעט (צייטשר. פ. העבר. ביבל." XII, 154), אַז אין דעם פּאַריזער מאַנוסקריפּט איז אָנגעוויזן (fol. 145) די דאַטע 1334 (ה' צ"ד, ניט ווי ביי שורן: ה' נ"ד). און דאָס זעלבע יאָר איז אויך אָנגעוויזן אין דעם כתב־יד, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַנוצט [2] און אויך אין אַן אַנדער כתב־יד, וואָס שטיינשניידער דערמאָנט (העבר. איבערז. 299).

אַלבאַלאַג איז געווען אַן איבערצייגטער אַריסטאָטעליקער, און האָט אַרויסגעזאָגט אַזוינע, פאַר יענער צייט „אַפּיקורסישע" געדאַנקען, אַז ער האָט דערמיט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. זיי האָבן דערקלערט אַלבאַלאַגן פאַר אַ „נידערטרעכטיקן און זינדיקן מומר להכעיס" (מין בליעל פושע וממרה) [3], פאַר אַ „כופר בעיקר" [4] און אפילו פאַר אַ „לייכטזיניקן, שלעכטן, פאַרדאָרבענעם נאַר" [5] און דער פרומער משה ריעטי האָט אין זיין פּאָעמע „מקדש מעט" (103, עמ' א') פאַרשפּאַרט פאַר אַלבאַלאַגן די טויערן פון גן־עדן.

„מען דאַרף נישט — זאָגט אַלבאַלאַג — פאַרמאַכן די טויערן פון חקירה מחמת דעם טעם, וואָס דער מענטש קאָן דאָך סיי ווי סיי מיט זיין שוואַכן שכל נישט דערגרייכן אַלע סודות און די טיפענישן פונם פאַרבאָרגענעם אמת — נאָר טריי מוז מען פאָלגן אַריסטוס באַפעל: אַלץ דאַרף צעגלידערן דער מענטש לויט זיין פאַרשטאַנד, און פריי אַרויסזאָגן זיין מיינונג" [6].

---

[1] „החלוץ", IV, VI און VII.

[2] זע ביילאַגע נומ' 5.

[3] זע: שם־טוב בר שם־טוב, „אמונות", ערשטע אָפּטיילונג, קאַפּ' 1 און 7; יוסף יעבץ, „אור החיים", 18 און 23: „נרבוני ואל־בלאג... הם וכיוצא בהם שם רשעים ירקב כי אלה רעים חטאים לה' מאוד".

[4] משה אלשכר, „השגות", 6, עמ' ב': „יצחק אלבלאג שהיה לרעתו כופר בעיקר".

[5] יצחק אברבנאל, אין „ישועת משיחו": „סכל רע לב ורועה רוח".

[6] „יאין לנעול דלתות החקירה ולאמר: הואיל שתכלית הכמתי אינה מגעת לאמת אין לי עסק בנסתרות, רק כמו שיאמר אריסטו: יש לאדם לעין ולדבר בכל דבר כפי מה שבטבעו ועל זה אין להוסיף ממנו ואין לגרוע".

אַלבּאַלאַג האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערווייזן, ווי פאַלש און אומבאַגרינדעט ס'איז די מיינונג, אַז די פילאָזאָפיע גראָבט אונטער די יסודות פון דער אמונה. ער האָט צו דעם צוועק איבערגעאַרבעט אויף העברעיִש און באַגלייט מיט אַ גרויסן פירוש דאָס באַקאַנטע ווערק פון דעם אַראַבישן דענקער אלגאזאלי „מקאצד אלפלאספה" [1]. אין דער פאָררעדע פלייסט זיך אַלבּאַלאַג צו באַווייזן, אַז הן די פילאָסאָפיע הן יעדע נעזעצלעכע אמונה אָנערקענען פאָלגנדיקע פיר הויפּט־כללים, וואָס מוזן באַטראַכט ווערן אַלס פון אַלעמען אָנערקענטע אמתן: 1) שכר ועונש, 2) השארת הנפש נאָך דעם מענטשנס טויט, 3) דער גלויבן אין איינציקן באַשעפער, וועלכער באַשטראָפט און באַגנעדיקט, 4) די אמונה אין געט־לעכער השגחה, וואָס באַצאָלט יעדן לויט זיין פאַרדינסט.

דער אונטערשייד ליגט, לויט אַלבּאַלאַגס מיינונג, [2] נאָר אין דעם, וואָס די פילאָזאָפיע באַגרינדעט די דאָזיקע כללים אויף ריין וויסנשאַפט־לעכן אופן דורך לאָגישע באַווייזן מיט דער הילף פונם שאַרפן פאָרשער־געדאַנק, די תורה אָבער גייט אויף אַ גאַנץ אַנדער דרך. זי ווענדט זיך דאָך ניט בלויז צו די איינצלנע און אויסדערוויילטע, נאָר צו די ברייטע שיכטן פונם פאָלק; איר אויפגאַבע איז ווירקן אויף דעם המון, פירן אים בדרך הישר, — רעדט זי דערפאַר אין דער שפּראַך פון בילדער און פאַר־גלייכונגען, פלייסט זיך צוצופּאַסן צו די באַגריפן און השגות פון דעם פשוטן מענטשן [3].

„אין דער תורה — דערקלערט אַלבּאַלאַג — האָט יעדער פסוק אַ טאָפּלטן זין: איינעם אַן אָפענעם פאַר אַלעמען, און אַ צווייטן אַ טיפן און פאַרבאָרגענעם; דער ערשטער פאַרן פשוטן עולם און דער צווייטער—

---

1 אין דער פאָררעדע שרייבט אַלבּאַלאַג גופא אונטער, אַז ער גיט דאָ ניט קיין פשוטע איבערזעצונג, נאָר טאַקע אַ זעלבשטענדיק ווערק („אין הספר הזה העתקה בלבד אלא חיבור בפני עצמו"). דאָס ווערק רופט ער דערביי אָן אין העברעיִש „תיקון הדעות", נאָר אין דעם כתב־יד, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַנוצט, טראָגט דאָס ווערק דעם נאָמען „דעות הפילוסופים". עפּעס דורך אַן אומבאַקאַנטער סיבה האָט אַלבּאַלאַג דאָס ווערק ניט פאַרענדיקט. פולשטענדיק איבערזעצט און דערקלערט האָט ער בלויז די ערשטע אָפּטיילונגען: לאָגיק און מעטאַפיזיק; די דריטע אָפּטיילונג (פיזיק) איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

2 אַלבּאַלאַג חזרט דאָ פאַקטיש איבער דעם געדאַנק, וואָס ס'האָבן שוין פאַר אים אַרויסגעזאָגט די אַראַבישע אַריסטאָטעליקער, אבן־סינא און אבן רשד.

3 זע ביילאַגע נומ' 5.

פאר די דענקענדיקע און פארשטאנדיקע״ [1]. די תורה, זאגט אלבאלאג ווייטער, באצוועקט דאך דאס גליק און וואוילשטאנד פון דעם המון, ער זאל מיידן דאס שלעכטע און וואס מער זיך געוויינען צום גוטן און גערעכטן ווי ווייט ער איז דאס אימשטאנד לויט זיינע באגריפן. דער שוואכער פארשטאנד גיט אבער ניט דעם פשוטן מענטשן די מעגלעכקייט משיג צו זיין די פילאזאפישע אמתן אין זייער ריינער געשטאלט (אין בהם כח לעמוד על אמיתת המושכלות ולצירם על מה שהם); ער קאן זיי נאר באגרייפן אין א קערפערלעכן לבוש, ער זאל זיי קאנען אנטאפן מיט די הענט און פילן מיט זיינע חושים. א פשוטער אומגעבילדעטער מענטש איז ניט אימשטאנד זיך פארצושטעלן וועלכע ס׳איז זאך אויסער דעם שטח און דער צייט, אן אן אנהייב און א סוף. ווי א בלינדער איז ניט אימשטאנד צו האבן א באגריף וועגן פארבן און א טויבער — אפ־שאצן דעם קלאנג פון די טענער, אזוי קאן אן אומגעבילדעטער מענטש ניט משיג זיין אבסטראקטע באגריפן מיט זיין פארגרעבטן שכל. דערפאר האט די תורה מיט איר גרוים הכמה געפלייסט זיך צו ריידן אין א שפראך, וואס זאל זיין פארשטענדלעך אויך פאר אזוינע אומוויסנדיקע מענטשן. די שטראף פאר באגאנגענע זינד האט זי געגליכן צו ברענענדיק פייער, די תענוגים פון דער נשמה אלס שכר פאר גערעכטע מעשים — שילדערט די תורה אין ריין קערפערלעכע פארמען, וואס נאר זיי זיינען פארשטענד־לעך דעם פשוטן המון; אויך גאטס אייגנשאפטן ווערן געשילדערט אין ריין קערפערלעכע בילדער, גאטס השגחה און זיין געטלעכער ווילן באקו־מען א מענטשלעכן לבוש, דער געטלעכער געדאנק ווערט צום מענטשלעכן געגליכן; אויך דער סוד פון „מעשה בראשית״ — די אנטשטייונג פונם אומענדלעכן וועלטאל, ווערט צוזאמענגעשרומפן אין א פשוט שפיגלבילד פון געבורט און אנטשטייונג פון קליינלעכע און צייטיקע באשעפענישן. די פילאזאפיע אבער, וואס איר אויפגאבע איז ניט באלערנען און דערציען דעם המון, נאר זיין דער וועגווייזער פאר די פולקומע און דענקענדיקע, אנט־פלעקן פאר זיי דאס אמתע גליק פון ריינעם וויסן און פילאזאפישן פארשן — זי באפרייט די טיפע אמתן, וואס זיינען פארבארגן אין דער תורה פון זייער מגושמדיקן לבוש, און באווייזט זיי אין זייער ריין

1 „דעות הפילוסופים״, דף 52: „ולפיכך דבר הכתוב אחד בפה ואחד בלב: הוכו לחכמים וברו לפשיים״. אויף דעם דאזיקן שטאנדפונקט איז געשטאנען דאס רוב ראציאנאליסטן פון מיימונים חדר. דער אוני שנין באקאנטער פארפאסער פון „בתי הנפש והלחשים״, לוי בן אברהם, דערקלערט: „והתקינו המשלים ללב המבינים והחכמים, הם בחדות שכלם ופלפולם יאכלו תוכם ויבינו סודם. גם תקנו המשלים לעובי השכל והחס־ביעון יקבלו תועלת בנגלה אם לא יוכלו להבין התוך והנסתר״.

וויסנשאַפטלעכער אמתער געשטאַלט, וואָס דער המון איז ניט אימשטאַנד זיי משיג צו זיין" [2].

אַט דער שטאַלצער געדאַנק, אַז דער „פאַרגרעבטער המון" קאָן דעם אמת באַגרייפן נאָר אין אַ גאַנץ מגושמדיקן לבוש, הזרט זיך גאַנץ אָפט איבער ביי אַלבאַלאַגן. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט איין שטעלע, וווּ אַלבאַלאַג שטעלט זיך אָפּ אויף דער דאָגמע וועגן דער דרייאיינקייט: „מען קאָן ניט לייקענען, זאָגט אַלבאַלאַג, אַז עס ליגט אַ טיפער פילאָזאָפישער געדאַנק אין דעם באַגריף וועגן דער געטלעכער דרייאיינקייט, וווּ עס שמעלצן זיך צונויף אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט אַלע דריי עטאַפּן פון פאָרשן: דער פאָרשער, דאָס פאָרשן גופא און דאָס, וואָס ווערט געפאָרשט. אָבער ווי פאַרווילדערט און פאַרגרעבט איז דער דאָזיקער באַגריף געוואָרן ביים המון אין די הענט, וואָס ביי אים איז די דריי־איינקייטס־לערע געוואָרן דער יסוד פון אַ פאַלשער און שעדלעכער אמונה. „דאָס, שטרייכט אַלבאַלאַג אונטער, האָט אָבער ניט בלויז ביי די קריסטן געטראָפן, עס חזרט זיך אויך איבער ביי יעדער אומה באַזונדער; אומעטום זעען מיר איין און די זעלבע ערשיינונג: טיפע און דערהויבענע געדאַנקען פון פילאָזאָפן און דענקער באַקומען מיט דער צייט ביים פאָלק מגושמדיקע און שעדלעכע פאָרמען. אויך ביי אונזער פאָלק האָט דאָס לײדער גאַנץ אָפט פּאַסירט" [2].

אַלבאַלאַג גייט אָבער נאָך ווייטער: ער האָט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דער דורך דורות געהייליקטער מסורה, און לייקנט אָפן אין איינעם פון די גרונט־יסודות פון דער יידיש־רעליגיעזער וועלטאַנשויונג — אין חידוש העולם. ס'אַ טעות אין פשט, טענהט אַלבאַלאַג, און דאָס וואָס דער המון גלויבט, אַז גאָט האָט די וועלט אין זעקס טעג באַשאַפן, איז ריינע „כפירה" און גאָטלעסטערונג [3]. דער נארישער המון, זאָגט אַלבאַלאַג, מיינט, אַז די פילאָזאָפן גלויבן אין קדמות העולם, און דערמיט זיינען זיי כופר אין דער גאַנצער תורה; אין דער אמתן אָבער לערנען די

---

[1] זע ביילאַגע נומ׳ 5, אַלבאַלאַגס פאָררעדע. דעם איינענעם געדאַנק זאָגט אַרויס אויך אַלבאַלאַגס אַן עלטערער בן־דור, דער ראַציאָנאַליסט משה אויס מאַרסעל אין זיין „מעשה נסים": „אין מפלט לנו שנאמר... כי נישה שם דבריו לנו בראש תורתו בדרך נבון לחש, רצה שיהיו דבריו מובנים לשני פנים: שיבינו ההמון מה שיצטרכו בהכרח להם והיא אמונת החידוש לכל הנמצאות זולתו יתב׳, ויבינו המשכילים הפכו שלא יצטרך להם זאת ההנחה לא באמונת מציאות השם יתב׳ ואחדותו ולא בנתינת התורה וקבלת מציתיה, כי הם יבינו האמת מפני שהיא אמת".

[1] זע ביילאַגע נומ׳ 5, II.

[2] דאָרטן, III, ד.

פילאזאפן, אז די וועלט ווערט דורך דעם אייביקן באשעפער טאג־טעג־לעך אויפסניי געשאפן, ווי עס שטייט אין דער תפילה: בטובו מחדש בכל יום־תמיד מעשי בראשית.

אלבאלאג מוז, אמת, מודה זיין, אז ניט נאר דער „נארישער המון", נאר אפילו דער גרויסער מיימוני געפינט אויך, אז די פילאזאפן האלטן די וועלט פאר א קדמון. פלייסט זיך טאקע אלבאלאג צו דער־ווייזן, אז אויך דער רמב"ם האט א טעות געהאט. ניט וועגן דער אייבי־קייט פון דער וועלט ריידן די פילאזאפן, נייערט וועגן אייביקן אומדער־מידלעכן שאפן און שטענדיקער וועלט־באנייונג. ווארעם, ווייזט אן אל־באלאג, די פילאזאפן האבן זייער גוט פארשטאנען, אז ווייל גאט איז אייביק און אומענדלעך, מוז ער דאך אויך אייביק און אומענדלעך זיין אלס באשעפער; אומבאגרענעצט מוז זיין זיין שאפונגס־קראפט, זיין אנטפלעקונג אלס באשעפער. איינצוימען זיין שאפן אין גרענעצן פון צייט הייסט באגרענעצן די געטלעכע שאפונגס־קראפט, און אלבאלאג ברענגט דערביי די לערע פון אלטע אינדישע חכמים, וואס לויט זיי ווערן אין אומענדלעכן לויף פון דער צייט אלטע וועלטן חרוב און נייע געבוירן; אלע זיבעציק טויזנט יאר ווערט געשלאסן א רינגעלע פון דער אומענד־לעכער צייטן־קייט, און אויף די חורבות פון דער אלטער וועלט הייבט אן ניי לעבן צו שפראצן [1]. א רמז דערויף, איז אלבאלאג מוסיף, געפינען מיר אויך אין די ווערטער פון איינעם פון אונזערע אלטע חכמים, וועל־כער ווייזט אן, אז איידער גאט האט אונזער וועלט באשאפן, האט ער פילע אנדערע וועלטן געשאפן און דערנאך זיי חרוב געמאכט [2].

אט אזוי האט דער אומרויקער פארשער־געדאנק פון דעם יידישן מיטלאלטערלעכן דענקער געפרווט דורכרייסן דעם ענגן קרייז פון דער אלטער פעסט געשלאסנער אריסטאטעלישער וועלטאנשויונג מיט דער אומבאוועגלעכער ערד אלס מיטלפונקט — חלומענדיק וועגן די אומ־ענדלעכע ווייטן פון וועלטאל, וואס זיינען שוואנגער מיט דעם ריזיקן פראצעס פון אייביקן שאפן און ווערן, געבוירן און צעשטערן...

ניט ווייניקער אינטערעסאנט איז אלבאלאגס אנשויונג וועגן דעם צוזאמענהאנג צווישן דעם בורא און דער ערדישער וועלט. אין א ספע־

---

1 זע ביילאגע נומ' 5, III.

2 אלבאלאג מיינט דא דעם שוין פריער ציטירטן מאמר פון ר' אבוהו. אין דעם דאזיקן מאמר פילט זיך בלי־ספק די השפעה פון טיטוס לוקרעציוס קארוס באריטטער פאעמע De rerum natura, וווּ אין סוף פונם צווייטן טייל שילדערט דער דיכטער אין גע־מאלטיקע בילדער, ווי אין די אומענדלעכע רוימען פון צייט ווערן אנצאליקע וועלטן געבוירן און ווידער פארשווונדן.

ציעלן פילאָזאָפישן מאמר („מאמר לדעת עליון") באַהאַנדלט אַלבאַלאַג אויף אַ זייער שאַרפזיניקן און קונציקן אופן די האַרבע שאלה וועגן דעם געטלעכן וויסן און געטלעכן ווילן. אַלבאַלאַג שטעלט זיך קודם-כל אָפּ אויף דער אַלטער פראַגע, וועגן וועלכער עס האָבן געפירט אַזוינע הייסע וויכוחים פילע דענקער: צי איז דאָס געטלעכע שאַפן אַ מ ו ז - זאַך, וואָס ווערט באַשטימט דורך די אייזערנע געזעצן פון דער נויטווענדיקייט, פונקט „ווי דאָס ליכט, וואָס ווערט פון דער זון אויסגעשטראַלט", אָדער— דאָס איז אַ פריי שאַפן, אַ אַנטפּלעקונג פון אַ פ ר י י ע ן ווילן. אַלבאַלאַג ווייזט אָן, אַז די גאַנצע פראַגע האָט בכלל קיין שום יסוד ניט אונטער זיך. עס קאָן דאָ גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן פרייען ווילן און נויטווענדיקייט אין באַשטימטן מענטשלעכן זין, וואָרעם מיר דאַרפן דאָך ניט פאַרגעסן, אַז מיר באַצייכענען טאַקע הן דעם מענטשלעכן הן דעם געטלעכן שכל מיט איין און דעם זעלבן וואָרט, אין דער אמתן איז אָבער דאָך דאָ די רייד פון צוויי גרונטפאַרשיידענע און גאָר ניט פאַרגלייכלעכע זאַכן. מיר, וואָס אונזער גאַנץ וויסן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די דערשיינונגען, וועלכע מיר נעמען מיט אונזערע חושים און די אַבסטראַקטע פאַרשטעלונגען פון אונזער מענטשלעכן שכל — זיינען לחלוטין ניט אימשטאַנד משיג צו זיין ניט דעם תמצית פונם געטלעכן ווילן ניט דעם תוך און מהות פון געטלעכן וויסן. אונזער שפּראַך האָט ניט און קאָן ניט האָבן די געהע־ריקע ווערטער, מיט וועלכע מיר זאָלן קאָנען אויסדריקן די דאָזיקע איבער־מענטשלעכע באַגריפן, און דערפאַר, בעת מיר ריידן וועגן דעם געטלעכן מהות, באַנוצן מיר זיך מיט די זעלבע ווערטער און באַצייכענונגען, מיט וועלכע מיר שאַצן אָפּ מענטשלעכע מעשים און אייגנשאַפטן. דאָס ברענגט טאַקע גאַנץ אָפט צום גרויסן פלאָנטער פון געוואַלטיקע טעותן און לע־בערלעכע מיספאַרשטייעניש. פילע גלויבן טאַקע אין דער אמתן, אַז ווייל מען באַנוצט זיך מיט איין און דעם אייגענעם נאָמען און וואָרטלעכן באַ־גריף, מוזן אויך די דערשיינונגען זיין איין און די זעלבע, און זיי פאַר־פלאָנטערן זיך טאַקע דורכדעם אין אַ גאַנצן נעץ פון לאָגישע סתירות און מיספאַרשטייעניש [1].

מיר זיינען אַלזאָ ניט אימשטאַנד משיג צו זיין דעם מהות פונם געטלעכן שכל און ווילן, אָבער, שטרייכט אַלבאַלאַג אונטער, מיר זעען און באַגרייפן אויף ווי פעסט און גרוים ס'איז דער צוזאַמענבונד צווישן דעם באַשעפער און זיין באַשאַפונג — די ערדישע וועלט. און אַלבאַלאַג

---

1 זע ביילאַגע נומ' 5, IV.

אין פעסט איבערציינגט, אַז ניט נאָר די וועלט נייטיקט זיך אין איר באַשעפער, נאָר אויך דער בורא גופא האָט אַ גרויס באַדערפעניש אין זיין איינגענער באַשאַפונג, וואָס איז דאָך זיין אַנטפּלעקונג. „ניט נאָר דאָס מענטשלעכע געשלעכט — זאָגט אַלבאַלאַג — נייטיקט זיך צוליב זיין קיום אין די פון גאָט פעסטגעזעצטע געזעצן, נאָר אויך גאָטס רצון גופא נייטיקט זיך אין דער ווייטערער עקזיסטענץ פון דעם דורך אים באַשאַפענעם מענטשן" [1]. די דאָזיקע מיינונג געפינט זיך אָבער אין פולער סתירה מיט אַריסטאָס שטאַנדפונקט וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער סיבה ראשונה און דער וועלט [2]. דערפאַר אָבער איז אַלבאַלאַגס אָנשווייגונג שטאַרק נוטה צו דער קבלה, וואָס רעכנט, אַז דעם מענטשנס מעשים, בפרט נאָך די מעשים פון די „צדיקי הדור" האָבן אַ גרויסע השפעה אויף די עולמות העליונים. ניט אָבער אין דעם פּרט אַליין באַווייזט זיך אַלבאַלאַג אַלס פאַרדעכטיקער אָנהענגער פון אַריסטאָס שיטה. אמת, אויפן ערשטן קוק קאָן אויסווייזן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טיפּישן ראַציאָנאַליסט און הייסן אָנהענגער פון דער אַלעגאָרישער שיטה. אויך ער פאַרטייטשט דעם „תוהו ובוהו" פון מעשי בראשית לויט דעם אַלעגאָריסטישן נוסח: תוהו — דאָס איז דער חומר ההיולי, די אור־ערשטע מאַטעריע, און „בוהו" די אורערשטע פאָרם; דאָס „אייבערשטע וואַסער" — דאָס איז די גייסטיקע וועלט, דאָס „אונטערשטע" — די מאַטעריעלע וועלט. דאָס „ליכט" פון מעשה בראשית — איז דאָס אַבסאָלוטע זיין, די זעקס „ימי המעשה" — דאָס זיינען די זעקס אַרטן פון שאַפונגען: די פיר יסודות, די גאַזן, די דוממים (מינעראַליען), שפּראָצונגען, חיות און מענטשן. דער יום־השבת — דאָס איז דער סימבאָל פון דער אייבערשטער וועלט פון גאָלע רוחניות אאז"וו. נאָר טאַקע נאָכדעם קומט אַ זייער כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג: „איך ווייז בלויז אָן, אַז ס'איז מעגלעך אַזוי אויסטייטשן די ערשטע פּרשה פון דעם ספר בראשית, אַז עס זאָל ניט בלייבן קיין מינדסטע סתירה צווישן איר און די דעות פון די פילאָזאָפן; נאָר איך גופא גלויב אָבער ניט אין דעם" [3].

אָט דער דאָזיקער ראַציאָנאַליסט און פרײַדענקער, וואָס דערקלערט

---

1 „וכבאן אתה למד שאין המין הנחפץ בלבד צריך בקיומו סדר התירני אלא אפילו החפץ האלהי הגוזר קיימו צריך בקיומו אליו וכשם שהפועל הטבעי נשלם ומתקים בפועל האומני, כך פועל הסדר העליון הנשלם ומתקים בפעל הסדר השפל".

2 זע אויבן, ב׳ ו, 111.

3 „דעות הפילוסופים דף מ"ז (צ"י): ועתה שמע הפרשה ראשונה שבספר בראשית ע"ד העיוני כדי שיתבאר לך שאפשר להוציא הדעות הפילוסופיא בחידוש הנצחי מן התורה ומדברי רבינו ז"ל מבלי שאאמינהו כמו שאודיעך בסוף זה הפרק".

אין זיין פאָררעדע צו אַלגאַזאַליס ווערק, אַז די פילאָזאָפיע לערנט די זעלבע אמתן, וואָס די תורה [1], קומט סוף-כל-סוף צו דער איבערצייגונג, אַז ווי מען זאָל זיך ניט פלייסן צו מאַכן אַ פשרה צווישן דער וויסנשאַפט און דער אמונה — מוז מען דאָך מודה זיין, אַז זיי געפינען זיך אין שאַרפן קעגנזאַץ, און עס איז אוממעגלעך איבערצוּוואַרפן אַ בריק צווישן דער תורה מן השמים און אריסטוס פילאָזאָפיע.

ניט אומזיסט האָט אַלבאַלאַג זיין לעבנסווערק ענג פאַרבונדן מיטן שאַפן פונם אייגנאַרטיקן אַראַבישן דענקער און מיסטיקער אַלגאַזאַלי [2], וואָס איז נאָך פיליאַריקן פאָרשן און גריבלען געקומען צו דער הנחה, אַז ניט אויפן וועג פון פילאָזאָפיע און לאָגישער חקירה קאָן מען דעם אמת דערגרינדן, און ער האָט זיך געלאָזט אויף די לאַבירינטישע וועגן פון מיסטיק און סאָפיזם.

„איך האָב — דערקלערט אַלבאַלאַג — מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט שטודירט אריסטוס ווערק, איך האָב ביי אים געפונען אַ סך אייזערנע ראיות, אַז עס איז דאָ אַ אורשפּרינגלעכע באַוועגנדיקע קראַפט, וואָס זי איז גאָלע רוחניות אָן אַ וועלכן ס'איז חומר, עס ווערט אָבער דאָרט אין ערגעץ ניט באַוויזן, אַז אָט די סיבה ראשונה דאָס איז טאַקע גאָט" [3].

הכלל, אַלבאַלאַג דער ראַציאָנאַליסט קומט צו דעם אייגענעם אויספיר, וואָס יהודה הלוי בשעתו: אַז נרוית איז דער אונטערשייד צווישן „אלקי אברהם" און „אלקי אריסטו". אַלבאַלאַג איז מודה, אַז גאָט געפינען" קאָן מען ניט—ניט אין אריסטוס „פיזיק" ניט אין דעם „סדר המבעי" נאָר אין דעם „סדר התורני", ד"ה ניט אין די מעכאַנישע געזעצן פון דער נאַטור, נאָר אין דער עטיק און איר העכסטער און פולקומסטער אַנטוויקלונג — אין דער אַפנבאַרונג. אין דער נאַטור גייט אַלץ צו לויט פעסט-געזעצטע און געזעצמעסיקע פּראָצעסן, וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט צו גוטס און צו שלעכטס; גאָטס אַפנבאַרונג אָבער, און דער דורך איר געגרינדעטער „סדר התורני" — זיי שטיצן זיך דאָך אויפן יסוד פון גוטסקייט, וואָרעם „גאָטס ווילן באַוויליקט דאָך נאָר דאָס גוטע" (אבל אין דרכו לרצות אלא הטוב בלבד).

---

[1] אולי יקרה לפני אחד מהושדי הפילוסופים וישיב מחשוד כשרים וידע כי אמונת התורה והפילוסופיא אחד ואין בו שום הפרש".

[2] געלייענט פאָרלעזונגען איבער פילאָזאָפיע אין באַגדאַד, געשטאָרבן אין טוס אין 1111.

[3] „דעות הפילוסופים", דף כ"ז: ואני זה כמה ימים לא זזתי מלעיין בספר השמע ולא מצאתי ראיות אריסטו מציאות אלא למציאות מניע ראשון שאינו גוף ולא כח גוף, אבל לא נתבאר שם אם הוא זה אלקי".

אַט דער קעגנזאַץ צווישן „פיזיק" און „מאָראַל", צווישן די מעכאַנישע געזעצן פון דער נאַטור און — דעם ווונדער פון אָפּנבאַרונג, ווערט ביי אַלבאַלאַג פאַרקערפּערט אין די צוויי באַגריפן: „פילאָזאָפן" און „נביאים". אַלבאַלאַג ווערט ניט מיד אונטערצושטרייכן, ווי גרויס ס'איז דער קעגנזאַץ פון די צוויי מענטשן־אַרטן. ניט נאָר זייער פאַרהאַלטן צו דער וועלט, די וועגן, אויף וועלכע זיי זוכן די וועלט צו דערגרונטעווען, נאָר אַפילו דער אַרט דענקען זיינען ביי זיי גרונד־פאַרשיידן. דער פילאָזאָפישער אמת שטיצט זיך אויפן שכל, אויפן ספּעקולאַטיוון דענקען, און ער ווערט באַגרינדעט דורך לאָגישע סברות; דער אמת פון דער תורה אָבער שטיצט זיך אויף געזעצן, וואָס שטייען איבער דער מעכאַנישער נאַטור־אָרדענונג, און זיין באַווייז איז דאָס אומדערפאַרשטע ווונדער. אַלבאַלאַג טרעט דערפאַר אַרויס קעגן רבנו משה בן מיימון, ווייל יענער האָט ניט געוואָלט באַמערקן דעם טיפן אונטערשייד צווישן דעם פילאָזאָפישן דענקען און דער רעליגיע פון התגלות. דער רמב"ם איז, נאָך אַלבאַלאַגס מיינונג, געקומען דורכדעם צו געוואַלטיקע טעותן; „די ווונדער האָט ער געוואָלט ראַציאָנאַליסטיש דערקלערן, ד"ה זיי פאַקטיש אָפּלייקענען, און זיינע ראַציאָנאַליסטישע געדאַנקען האָט ער אַריינגעלייגט אין די ווערטער פון די נביאים" (בהכחשם המופת וגוזרים שאינו מופת... בגוזרם על רעיונם כי הוא כונת הנביא).

דער רמב"ם, טענהט אַלבאַלאַג, האָט ניט באַמערקט דעם קעגנזאַץ צווישן פילאָזאָפישער חקירה און נביאישן עקסטאַז; ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט לאָגישע סברות איז מען ניט אימשטאַנד צו דערקלערן אַלע סודות, וואָס זיינען אין אונזער תורה פאַרבאָרגן; וואָרעם פּונקט ווי דעם פילאָזאָף קאָן אַמבעסטן משיג זיין נאָר אַ פילאָזאָפיש דענקענדער, אַזוי איז נאָר דער נביא אימשטאַנד אַמטיפסטן צו פילן די איבערלעבונגען פון פּראָפעטישער התגלות. מען מוז דאָך געדענקען, אַז זייער דענקונגס־אַרט זיינען ניט בלויז פאַרשיידן, נאָר ממש קעגנזעצלעך. דער פילאָזאָף באַטראַכט אויך די געפילן־וועלט בלויז ראַציאָנאַליסטיש, על־פּי שכל הישר, דער נביא אָבער זעט קודם־כל אַפילו אין דעם טרוקענעם ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק דאָס האַרציקע, דעם פונק פון התלהבות און באַגייסטערונג. גאַנץ פאַרשיידן זיינען זייערע וועגן, און דערפאַר אויך אַזוי גרונד־פאַרשיידן זייערע וועלטן, זייערע באַגריפן און אָנשויונגען [1].

---

[1] „כי דרכי השגותם משונות זו מזו, ולא עוד אלא הפכם, לפי שזה משיג המושכל במורגש, וזה משיג המורגש במושכל ואין ספק כי כרחוק דרכי השגותם כן יחקו ההשגות".

און אלבאלאג איז זיך מודה און מתוודה: זיין וויסן געפינט זיך אין סתירה מיט זיין גלויבן, ווייל פארשיידן זיינען זייערע דרכים. בעת אויף איינעם געוועלטיקן די נאטור־געזעצן, געפינט זיך דער אנדערער אונטער דער שליטה פון געזעצן, וואס זיינען איבער דער נאטור (זה על דרך טבע וזה על דרך נס). אויפן גרונד פון וויסנשאפטלעכן פארשן, דער־קלערט אלבאלאג, בין איך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער אדער יענער נאטירלעכער דערשיינונג, אויפן יסוד אבער פון די נביאימס רייד גלויב איך מיט פולן גלויבן אין אזעלכע דערשיינונגען, וואס זיי־נען איבערנאטירלעך און געפינען זיך אין קעגנזאץ מיט די געזעצן פון דער נאטור [1]. איך גלויב אין דער הייליקער תורה מיט פשוטער אמונה אן חקירות, אן לאגישע באווייזן; אבער אויפן געביט פון פילאזאפישן פארשן און נאטורוויסנשאפטן רעכן איך מיך מיטן גרויסן באטייט פון די נאטור־געזעצן און לאגישע באווייזן פון דעם מענטשנס ניכטערן פאר־שטאנד.

אלבאלאג ווייסט זייער גוט, אז אין דער נאטור געוועלטיקן אייזערנע געזעצן, און אלץ געשעעט דארט מיט מעכאנישער נויטווענדיקייט; נאר דער מאמין איז אין אלבאלאגן גובר דעם ראציאנאליסטישן פארשער, און ער גלויבט גאנץ פעסט, אז די תורה מן השמים איז שטארקער פון די מעכאנישע נאטור־געזעצן, און מעכטיקער פון דעם מענטשלעכן פארשער־נעדראנק; אז דעם נביאסווארט שטייט איבער די נאטור־געזעצן און עס קאנען מיט זיין הילף ווונדער געשעען... [2]

אלבאלאג איז איבערצייגט, אז די ריכטיקע טרעגערין פון דעם געט־לעכן אמת איז דאס פראפעטישע ווארט, און משיג זיין די אין אים פאר־באָרגענע סודות איז אימשטאנד בלויז דער מאן מיטן רוח־הקודש, דער פון גאט דערוויילטער נביא. ווי קאן אבער דער פשוטער בשר־ודם געפינען דעם וועג, וואס פירט צום געטלעכן אמת, צו דעם אמת, וועלכער איז דער צווילינג־ברודער פון יושר און גערעכטיקייט? אלבאלאג זוכט דעם דאזיקן וועג און בלאנדזשעט זוכנדיק. ער פארפלאנטערט זיך אין דעם לאבירינט פון ספקות און שארפע סתירות צווישן דעם פרייען פארשער־נעדראנק און טעאלאגישער מסורה, און דערלאנגט צום סוף צו קבלה עיונית, צו די בעלי הסוד והקבלה. יענע שטיצן זיך דאך אויף קבלת־אבות, און פארזיכערן, אז זיי האבן עס באקומען פון דור צו דור בירושה

---

1 „ועל הדרך הזה המצא דעתי בדברים רבים הפך אמונתי, כי אני יודע מצד [illegible] כי זה אמת ע״ד טבע ואני מאמין מדברי הנביאים כי הפכו אמת ע״ד נס״.

2 זע ביילאגע נומ׳ 5, III, ד—ת.

די גרויסע אמתן, וואָס די נביאים האָבן אין זייער געטלעכער באַגייסטע־רונג אַנטפּלעקט [1]. נאָר אויך דאָ קאָן אַלבאַלאַג זיך ניט באַפרייען פון גרויסע ספקות. צווישן די מקובלים פון זיין דור קאָן ער דאָך ניט ווייניק בעלי־חלומות, וועלכע גיבן אויס זייערע אייגענע פאַנטאַזיעס פאַר געט־לעכע אמתן, וואָס זיי האָבן באַקומען בקבלה דורך מסורת־אבות. אַלבאַלאַג איז אויך צו פיל ניכטערער דענקער, ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן מיט קבלה־מעשית. ער רעדט מיט גרויס ביטול וועגן די „מחשבי קצין" און די וואָס פאַרנעמען זיך מיט „צירופי אותיות", גימטריאות און נוטריקון. „אָט די דאָזיקע בעלי קבלה — דערקלערט אַלבאַלאַג — זיינען גלייך ווייט הן פון פילאָזאָפיע און וויסן, הן פון נביאישער התגלות אוןווירקלעכן גלויבן" [2].

גרעץ, וואָס האָט קיינעם ניט געקאָנט מוחל זיין ווי נאָר יענער האָט באַוויזן אַ וועלכן ס'איז אינטערעס צו מיסטיק און קבלה, פּטרט אָפּ אַלבאַלאַגן מיט בייזע עטלעכע ווערטער און דערקלערט אים פאַר אַ „פאַר־דרייטן" קאָפּ (איין ווירער קאָפּף). מער אָביעקטיווע פאָרשער, ווי שטיינ־שניידער און אַנדערע [3], פּרוּוון מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אַלבאַלאַגס וועלטאַנשויונג און דער לערע, וואָס האָט געהאַט פיל אָנהענגער צווישן די געלערנטע פונם פּאַריזער אוניווערסיטעט אינם 13־טן יאָרהונדערט, וועגן דעם „טאָפּלטן" אמת: עס זיינען פאַראַן צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אַרטן פון אמת: — דער פילאָזאָפישער און טעאָלאָגישער. זיי זיינען טאַקע סותר איינער דעם אַנדערן, נאָר יעדער באַזונדער עקסיסטירט פאַר זיך און געוועלטיקט איבער זיין געביט [4].

צווישן די דאָזיקע אַנשויונגען איז טאַקע צו באַמערקן אַ געוויסע קרובהשאַפט, עס קאָן אָבער דאָ קיין רייד ניט זיין וועגן וועלכער־ס'איז השפּעה. אין דעם שפּעטן מיטלעלטער האָט אין דער קריסטלעכער סכאָ־לאַסטישער דענקער־וועלט אונטער דער השפּעה פון דער אַראַבישער פי־

---

[1] „ואני אומר כי הואיל שאין ביד בעלי העיון משגת עד תכלית הענינים האלה כי יש ללמוד מהם עד כאן ומכאן ואילך נסמך בנשאר על הקבלה". מער באַריכות זע ביילאַגע, נומ' 5, V.

[2] זע ביילאַגע נומ' 5, III ב'.

[3] זע: Jew. Enc. I, 320.

[4] זע: פ. אַל. לאַנגע, „געשיכטע דעם מאַטעריאַליזמוס", ב' I, 2טער טייל, קאַפּ' 3; מאַיוואַלד, „דיע לעהרע פון דער צווייפאַכען וואַרהיים" Renan, Averroes etc.; פאַקטיש איז דער טעזיס וועגן דעם „טאָפּלטן" (דעם פילאָזאָפישן און טעאָלאָגישן) אמת עלטער פונם 13טן י"ה, ווייל אים האָבן שוין אַרויסגעשטעלט די אַראַבישע אַריסטאָטעליקער מיט אבן־סינאַ און אבן רשד בראש. זע שטעקל, „געשיכטע דער פילאָזאָפיע דעס מיטלאַלטערס".

לאָזאָפיע ביסלעכווייז זיך געלאָזט שפּירן דער דראַנג צום פרייערן דענקען, אַלץ בולטער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אָנזאָגער פון דער נייער אויפ־לעבונגס־תקופה, וואָס האָט פאַרטריבן די בלייי־שווערע שאָטנס פונם מיטלעלטער. עס וואָלט אָבער געווען אַ געוואַלטיקער טעות צו מיינען, אַז דאָס גייסטיקע דערוואַכן אין דער קריסטלעכער דענקער־וועלט האָט עס משפּיע געווען אויך אויף דער יידישער גאַס און מיטגעהאָלפן. עס זאָל אויך דאָרט אָנהייבן טאָגן. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער פרייער געדאַנק האָט אין מיטלעלטער דערוואַכט בי די יידן פריער ווי ביי די קריסטן, און טאַקע די יידישע פריידענקער, די ראַציאָנאַליסטישע אַריסטאָטעליקער, האָבן עס זייער פיל מיטגעהאָלפן, די קריסטלעכע געלערנטע קרייזן זאָלן זיך באַקענען מיט דער רייכער אַראַבישער אידעען־וועלט, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די פרוכטבאַרע זאָמען פון פרייען דענקען און פאָרשן. דער קאַמף פאַרן פרייען געדאַנק איז אָבער אין דער קריסטלעכער סביבה צוגעגאַנגען ביי באַדייטנד אַנדערע צושטאַנדן ווי אין די יידישע קרייזן. די אָפיציעלע טרעגער פונם „טעאָלאָגישן אמת״ — די קאַרדינאַלן און בישאָפן, האָבן געקעמפט קעגן דעם פרייען געדאַנק מיטן שרעקלעכסטן געוועער — מיט די קייטן און שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע. אָפן אַרויסזאָגן אַ אייגענע זעלבשטענדיקע מיינונג וועגן רעליגיעזע פראַגן, קריטיש זיך פאַרהאַלטן צו דעם אויטאָריטעט פון דער קירך און אירע פאַרשטייער — דאָס האָט געשמעקט מיט אמתער מסירת־נפש. ניט יעדער האָט געהאַט דעם מוט זיך מפקיר זיין אויף קידוש־השם, גיין אויף דעם דערנער־וועג פון אַ מאַרטירער. האָט מען געמוזט גיין אויף פשרות, און דאָ איז געווען דער בעסטער אויסוועג די נאָך פון די אַראַבישע דענקער געשאַפענע לערע וועגן דעם „טאָפּלטיקן אמת״. זי, די דאָזיקע לערע, האָט געדינט ווי אַ שוצוואַנט, אונטער וועלכער מען האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן אין דער געפאַר, זיך ראַטעווען פון די אינקוויזי־טאָרישע הענט און אָפּווענדן די שווערע באַשולדיקונג אין אפּיקורסות און פריידענקעריי. פיל גינסטיקער איז אָבער געווען די לאַגע פון די יידישע פריידענקער. די יידישע טרעגער פון דעם „טעאָלאָגישן אמת״ האָבן אין זייערע הענט ניט געהאַט דאָס שרעקלעכע געוועער פון זייערע קריסטלעכע חברים. די מאַכט פון די רבנים און די ראש־ישיבות אין שפּאַניע איז געווען זייער באַגרענעצט, זיי זיינען געווען אָפּהענגיק פון די יידישע גבירים און הויפליים, און טאַקע אין יענע קרייזן האָבן די יידישע פריידענקער, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, געהאַט פילע באַשיצער. די יידישע הויפליים זיינען געווען גרויסע חשובים ביי די קריסטלעכע שררות, און יענע האָבן על־פּי רוב געשטיצט די פריידענקע־

דישע שטרעמונגען ביי יידן, מיינענדיק, אז דאס וועט אפשוואכן די יידישע אמונה און מיטהעלפן, יידן זאלן איבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן [1].

אפן און אָן פחד האט אלבאלאג ארויסגעזאגט זיינע פרייער געדאנקען, וואס האבן אזוי דערצארנט די פרומע און ערנסט-גלויביקע. און ניט די אויסערלעכע מאכט, ניט די מורא פאר רדיפות האט אים געבראכט צו דער לערע וועגן „טאפלטן אמת", נאר די אינעווייניקסטע צעשפאלטנקייט פון זיין אומבאפרידיקטער נשמה, דער „קרע שבלב", וואס ס'האט אין אים ארויסגערופן דער עקשנותדיקער קאמף צווישן דעם פרייען ראציאנאליסטישן געדאנק און דעם בענקען נאך מסורת אבות און דעם מיסטיש פארהוילענעם. א אומרויקער און שטענדיק זוכנדיקער, איז ער געווען פול מיט סתירות, און דער שטאלצער ראציאנאליסט, וואס קוקט מיט ביטול אויפן „פינסטערן עולם", ווערט ביי אים אזוי אפט מגולגל אין דעם טיפגלויביקן בעל-תשובה, וואס דערקלערט הכנעהדיק: „אני מאמין באמונה שלמה"...

---

1 זע אויבן (ז' 114) דעם ענטפער פון דעם ראש העיר אין טאנפעליע.

זיבעטער קאַפּיטל.

דער משומד אבנר איש בורגאָס און זיין מאמר קעגן „בחירה חפשית“. — פולגאַר און זיין פּאָלעמיש ווערק „עזר הדת“; וועגן פינף מינים קעגנער.— „צוויי קלאַסן“ אויף דער יידישער גאַס. — יוסף כּספּי און זיין פאַרהאַלטן זיך צום רמב"ם. — זיין מאמר „ספר הסוד“ און די פּאָלעמיק קעגן אים. — אבן כּספּי אַלס אמת־זוכער („המבקש“), אַלס ליטעראַט און ביבל־דערקלערער.— אבן כּספּיס „צוואה“.

דער קאַמף, וואָס די אָנהענגער פון דער רבנישער מסורה און קבלה האָבן געפירט קעגן די פריידענקער, איז נאָר אויף אַ צייט גע־שטילט געוואָרן נאָך דער פּלוצימדיקער גזירה, וואָס ס'האָט געטראָפן דאָס פראַנצויזישע יידנטום. קיין אמתער שלום האָט אָבער צווישן די צוויי פיינדלעכע שטרעמונגען ניט געקאָנט געשלאָסן ווערן. דער „חרם“ פון די באַרצעלאָנער רבנים מיט דעם שטרענגן פאַרבאָט צו שטודירן פילאָזאָפיע, איז געבליבן אין זיין פולער קראַפט, און די אָרטאָדאָקסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך מיט אים גערעכנט. די מיסטישע שטרעמונגען האָבן צוגעצויגן צו זיך אַלץ ברייטערע קרייזן, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די שנאה פון די פריידענקער צו די דאָזיקע שטרעמונגען. איינער פון די טיפּישסטע פאָרשטייער פון די דעמאָלטיקע פריידענקער איז דער טאַלענטפולער פּאָלעמישער שריפטשטעלער יצחק בן יוסף פול־נאַר, וועלכער האָט פאַרענדיק אַלבאַלאַגס אַרבעט און איבערגעזעצט דעם לעצטן טייל פון אַלגאַזאַלים „כּוונות הפילוסופים“. פולגאַרס אַלע ווערק טראָגן אַ ריין פּאָלעמישן כאַראַקטער. ער פּאָלעמיזירט מיט קריסטלעכע געלערנטע, מיט אַסטראָלאָגן, פירט וויכוחים מיט די בעלי־קבלה און נאָך מער מיט די מומרים און אַפּטריניקעס, וואָס האָבן גערודפט און געלעס־טערט דאָס פאָלק און די אמונה פון זייערע אָבות. באַזונדערס באַקאַנט איז זיין פּאָלעמיק מיט דעם באַוווּסטן משומד אבנר (אַלפונז) איש בור־גאָס, וואָס איז אויף דער עלטער געוואָרן איינער פון די גיפטיקסטע שונאי־ישראל און האָט מיט אַ אויסשליסלעכער עקשנות גערודפט זיינע געוועז־

זענע ברידער[1]. אונטער דער השפעה פון דער אריסטאטעליש־מיימוני־שער אידעען־וועלט איז אבנר געווארן א פריידענקער. ווי דער „בעל „לוית חן" (לוי בן אברהם), אזוי איז אויך אבנר געוועזן א הייסער אנהענגער פון אסטראלאגיע און געגלויבט, אז דעם מענטשנס גורל געפינט זיך אונ־טער דער אויסשליסלעכער מאכט פון די שטערן און פלאנעטן. דאס האט אים געבראכט צו דער טעאריע פון „הכל צפוי", אז דער מענטש האט ניט קיין „בחירה חפשית", ווייל זיין ווילן און זיין גאנץ טאן און האנדלען איז אפהענגיק און שוין פארויס באשטימט פון א אויסערלעכער קאסמי־שער מאכט, וואס געוועלטיקט איבער אים מיט אן אייזערנער אומ־ברחמנותדיקער נויטווענדיקייט.

„די אריסטאטעליש־מיימונישע פילאזאפיע — ווייזט ריכטיק אן דער היסטאריקער גרעץ — מיט וועלכער אבנר האט זיך אזוי פיל אפגע־געבן, און אפשר אויך די אסטראלאגיע, וואס איז ביי אים אזוי טייער געוועזן — זיי האבן אין אים אינגאנצן אפגעשוואכט דאס רעליגיעזע גע־פיל, און ער איז געווארן גאנץ גלייכגילטיק ניט נאר צו דער יידישער אמונה, נאר צו וועלכן ס'איז גלויבן בכלל".

א מענטש מיט א שוואכן מאראלישן געפיל, נאר מיט א גרויסן חשק צו לעבנס־פריידן און וועלטלעכע פארגעניגנס, האט ער אנגענומען דעם קאטוילישן גלויבן, וואס איז אים געוועזן ניט ווייניקער גלייכגילטיק, ווי די אמונה פון זיינע אבות. נאך דעם, ווי ער איז אפגעטראטן פונם יידישן גלויבן, האט אבנר פארעפנטלעכט א העברעיש ווערק „אגרת הגזרה", וו ער פלייסט זיך נאך צו דערווייזן, אז ער איז כלל ניט מאראליש פאר־אנטווארטלעך פאר זיין אפטריניקייט. ניט דורך זיין פרייען ווילן האט ער דאס געטאן — דאס איז א „גזרה", עס איז אים שוין פון געבורט אן אנגעצייכנט דורך די גלגלים און מזלות, ער זאל פעלשן אין דעם דת פון זיינע אבות און אננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. אט קעגן דער טעאריע פון פאטאליזם און מאראלישער אומפאראנטווארטלעכקייט פונם מענטשן פאר זיינע מעשים איז שארף ארויסגעטראטן אבנרס פערזענלעכער באַ־קאנטער — פולגאר[2]. אבנר האט געהאלטן פאר נייטיק אפענטפערן אויף פולגארס קריטיק מיט א קעגנשריפט „מנחת קנאות", וועלכע ער האט

---

1 מיפיש איז די לעגענדע, וואס ווערט געבראכט אין „שלשלת הקבלה", ווי אזוי אבנר האט זיך צוזאמענגעטראפן מיט זיין צמאליקן רבין, דעם בארימטן רמב"ן.

2 פולגאר דערמאנט אין דעם ערשטן טייל פון זיין „עזר הדת" וועגן זיין באַ־קאנטשאפט מיט אבנרן: „פעם אחת נתחברתי עם איש אחד, חי נפשי מהיר ויודע בדרכי הדת גם בפילוסופיה, ובא עד קצו לבלאות חפצו ונטהו לבו לשוב מדתי הורתנו, היה שמו בקדם ר' אבנר".

פערזענלעך צוגעשיקט פולגארן. פולגאר האט באלד צוגעשיקט זיין גע־וועזענעם חבר א שארפע סאטירע „אגרת החרפות״, באגלייט מיט א שטע־כיקער עפיגראמע, ווו אבנר ווערט געגליכן צו דער ביבלישער אויסגעלא־סענער פרוי, וואס איר שאנד און זינד ווערט פאר אלעמען אנטפלעקט דורך די „מים המאררים״[1].

פולגאר ווייס אבער זייער גוט, אז אזוינע אבנרס זיינען ניט די איינציקע געפאר פארן יידנטום. דאס יידנטום האט לויט פולגארס אי־בערצייגונג, א סך שונאים אין גאנץ פארשיידענע לאגערס; און אט מיט די אלע פארשיידנארטיקע קעגנער פאלעמיזירט פולגאר אין זיין גרויס ווערק „עזר הדת״. „איך האב איינגעטיילט — דערקלערט פולגאר — מיין ווערק אין פינף אפטיילונגען, ווייל די קעגנער פון אונזער אמונה זיינען אויך פון פינף ארטן (כיתות). די ערשטע כיתה באשטייט פון אומ־וויסנדיקע מענטשן, וואס האבן קיין שום באגריף פון אונזער אמונה און זיינען ניט אימשטאנד צו שעצן איר גרויסן ווערט. די צווייטע כיתה דאס זיינען די אפיקורסים, וואס רעכענען, אז אונזער אמונה געפינט זיך אין שטארקער סתירה מיט די רעאלע וויסנשאפטן. צו דער דריטער געהערן די, וואס זיינען פארפירט פון די שטערנזעערס און זיינען אזוי פארנארישט, אז זיי גלויבן אין דער אמתן, אז נאך איידער דער מענטש איז אויף דער וועלט געבוירן, איז שוין זיין גורל אין אלע פרטים פארויסבאשטימט דורך די גלגלים און מזלות, און דער מענטש איז ביי זיין בעסטן ווילן ניט אימשטאנד אויף א האר צו ענדערן פון דעם, וואס די שטערן אין די הימלען האבן אויף אים גוזר געווען. די פערטע כיתה באשטייט פון מענטשן בעלי הזיות, וואס גלויבן נאר אין די פאלשע דמיונות פון זייער פאנטאזיע, און זיינען ניט אימשטאנד צו אונטער־שיידן צווישן ליגן און אמת; די דאזיקע מענטשן קוקן נאך מיט פאראכ־טונג אויף די, וואס לאזן זיך ניט פארפירן פון זייערע נארישע מעשיות און לעכערלעכע גוזמאות[2]. צו דער לעצטער כיתה געהערן די פריידענקער מאטעריאליסטן, וואס גלויבן ניט — ניט אין השארת הנפש, ניט אין שכר ועונש; זיי ווארפן אפ פון זיך דעם עול פונם דת און זאגן, אז לית דין ולית דיין.

[1] די עפיגראמע איז אפגעדרוקט אין „טעם זקנים״, V; פולגארס סאטירע איז געבליבן ניט פארעפנטלעכט. איניקע אנדערע פולגארס עפיגראמען זיינען פארעפנטלעכט אין „ליטעראטורבלאט״, 1840, 249—250.

[2] דאס צילט עס פולגאר אין די בעלי קבלה. פולגאר פלייסט זיך בכלל יעדעס מאל ארויסווייזן זיין ביטול צו די מיסטיקער. טיפיש זיינען זיינע פאלגנדיקע ווערטער: „ויעיזו פניהם להשוות ולהדמות ספורי הבליהם לספרי הקדש״.

צום אינטערעסאַנטסטן זיינען די ערשטע צוויי אָפּטיילונגען פון פולגאַרס ווערק, ווייל אין זיי אַנטפּלעקט זיך צום בולטסטן די פּערזענלעכקייט פון דעם דאָזיקן טאַלענטפולן ראַציאָנאַליסט אויס דער ערשטער העלפט פונם 14טן יאָרהונדערט.

פיל פון אונזערע קעגנער — זאָגט פולגאַר אין דעם פינפטן „שער" פונם ערשטן חלק — בעת זיי ווילן באַווייזן, ווי פאַלש און נישטיק אונזער אמונה איז, שטרייכן זיי אַלץ אונטער אונזער שרעקלעכע לאַגע: מיר זיינען דאָך אַזוי קליין אין צאָל, לעבן שטענדיק אין גלות און ווערן פון אַלעמען געיאָגט און פאַראַכט. יאָ — ענטפערט מיט שטאָלץ פולגאַר — וואָס איידעלער און העכער ס'איז די רעליגיעזע וועלטאַנשויונג, אַלץ קלענער איז די צאָל פון אירע אָנהענגער. וואָרעם דער פּשוטער המון גלויבט נאָר אין דעם אָבערגלויביש־איבערנאַטירלעכן, אין ווילדע גוזמאות און אויסערגעוויינלעכע ניסים, וואָס ברענגען אין התפעלות זיין אומגעצוימטע פאַנטאַזיע. דערפאַר טאַקע, וואָס מגושמדיקער ס'איז דער גלויבן, וואָס איבערנאַטירלעכער ס'זיינען זיינע וווּנדער און אומבאַגרייפלעכער זיי זיינען פאַרן שכל הישר — אַלץ ליבער זיינען זיי דעם פּשוטן המון און אַלץ גרעסער איז די צאָל אָנהענגער. אונזער יידישע אמונה האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט נושא־חן זיין ביי די ברייטע אומקולטורעלע מאַסן: זי איז דאָך אַזוי שטרענג, זי פאָדערט פונם מענטשן, ער זאָל האַלטן פעסט אין דער צוים די תאוות און ליידנשאַפטן, און דאָס קען ניט געפעלן דעם ווילדן המון. מיר זיינען שוואַך און פון אַלעמען געיאָגט — דאָס איז אמת; וואָרעם אונזער אמונה האָט אונז געלערנט, ווי אַזוי צו באַצווינגען די תאוות און זי האָט אונז דערצויגן אין די וועגן פון אמת און יושר. אין משך פון לאַנגע דורות האָט זי אונז אָפּגעוווינט פון בלוט־פאַרגיסן, דערשטיקט אין אונז דעם חשק צו גזלה און פאַרגוואַלטיקונג, און געוועקט דאָס געפיל פון רחמנות און חסד. מיר האָבן זיך בּיסלעכווייז אַלץ מער דערווייטערט פונם בויגן און שווערד, און אַלץ מער זיך אָפּגעגעבן מיט גייסטיקער אַרבעט. מיר זיינען געוואָרן אַן עם־הרוח, אַ פאָלק פון גייסט; און אַרום אונז האָבן געלעבט מענטשן, וואָס האָבן ניט געוואָלט וויסן פון „מידות הצדק" און זיינען געבליבן אַ שפּילצייג פון זייערע ווילדע תאוות. ז י י ע ר אמונה האָט ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר נאָך מער אויפגערייצט זייער אַכזריות, פאַרגרעסערט זייער פאַנאַטישע שנאה, וואָס האָט ניט קיין גרענעץ. צי איז דען אַ וווּנדער, וואָס מיר — אַ קליין שוואַך פאָלק, אַ קיבוץ, וואָס לעבט לויט דעם דעוויז: פרידן און גערעכטיקייט — זיינען דער קרבן פון די אַרומיקע פאַרווילדערטע און בלוטדאָרשטיקע פעלקער, וואָס וויסן נאָר פון איין מאַכט — די מאַכט

פונם שווערד? נישט דאָס דאַרף אונז וווּנדערן — אַ וווּנדער איז נאָר, וואָס ניט קוקנדיק אויף דער שרעקלעכער אַכזריות פון די פעלקער, וואָס רינגלען אונז אַרום, איז אונזער נאָמען דאָך ניט אויסגעמעקט געוואָרן, און ניט געבראָכן איז אונזער מוט און גייסט. פרעגט ביי וועמען ס׳איז פון די אומות צווישן וועלכע מיר לעבן: צי וואָלט איר געוואָלט די דאָזיקע (יידישע) אומה זאָל ווערן פאַרטיליקט פון דער ערד? איינע וועלן אייך ענטפערן: מיר זיינען גרייט מגדר זיין דערויף אונזער גאַנץ האָב און גוטס; אַנדערע ווידער וועלן אייך זאָגן: מיר זיינען גרייט זיי אויף שטיקער צערייסן! און דאָך לעבט אונזער פאָלק, ניט אויסגעלאָשן איז זיין גייסט... [1].

אינטערעסאַנט איז אויך דער צווייטער חלק פון „עזר הדת" [2], וואָס איז געשריבן אין פאָרם פון אַ וויכוח צווישן דעם „תורני", אַ גאָט־פאַרכטיקער זקן, און דעם „פילוסוף", דעם יונגן פריידענקער, וועלכער דריקט פאַקטיש אויס די דעות פון דעם מחבר גופא. דער וויכוח, וואָס ווערט געפירט פאַר די טויערן פון ירושלים, איז געשריבן אין מאַקאַמען־סטיל: געגראַמטער פּראָזע דורכגעפלאָכטן מיט פערזן. קיין דיכטער איז, אמת, פולגאַר ניט געווען, נאָר ער האָט בלי־ספק געהאַט אַ ליטעראַרישן טאַלענט, און זיין וויכוח איז געשריבן אין אַ פרישער און לעבעדיקער שפּראַך.

דער זקן איז ביי פולגאַרן ניט בלויז אַ „תורני", נאָר אויך אַ פייערדיקער מקובל. אין דער יוגנט האָט ער זיך געלאָזט „פאַרפירן" פון דער „חכמת יונית" און געגלויבט, אַז מיטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד קאָן מען אַלץ דערגרונטעווען; באַלד אָבער האָט ער איינגעזען, אַז ער גייט אויפן פאַלשן וועג. ער האָט געהערט אַ שטימע רופט צו אים: „ווילסטו צום אמתן וויסן דערגייין, מוזטו צום נביא גיין!" איז ער געגאַנגען אינם וועג פון געטלעכער נבואה און דאָרט האָבן זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די גרויסע וווּנדער, דאָס סודותדיק טיפע און פאַרבאָרגענע... [3] פולגאַר דער ראַציאָנאַליסט פלייסט זיך אַרויסצושטעלן דעם תורני און בעל־קבלה אַלס פאַנאַטישן קעגנער פון וועלכן־ס׳איז אַלגעמיינעם וויסן. „בעסער שיגעון — שרייט יענער אויס—איידער חכמת הגיון, בעסער צרות און לייד, איידער

---

1 „קונטרס הרמב״ם", 1893, 27—31.

2 פאַרעפנטלעכט אין „טעם זקנים".

3 „טעם זקנים", 15—16.

מאַטעמאַטיק, בעסער ווייטאָג און שרעקן, איידער נאַטור־וויסנשאַפטן, ליבער מכות און געשווירן, איידער מעטאַפיזיק" [1].

דערפאַר מאַקע זיינען באַזונדערס אינטערעסאַנט די באַשולדיקונגען, מיט וועלכע דער תורני טרעט אַרויס ביי פולגאַרן קעגן די ראַציאָנאַליסטן: „זיי מאַכן חוזק פון דעם, אין וואָס מיר טוען גלויבן, זיי שפּאָטן איבער אונזער חכמה און אונזערע חכמים, אין אונזערע מצוות ווילן זיי זיך ניט באַטייליקן, גאָטס געזעצן דערפילן זיי ניט, דאָס געבאָט פון ציצית און תפילין זיינען זיי ניט מקיים, און די טירן פון זייערע הייזער ווייסן ניט פון קיין מזוזות" [2]. און אויף די אַלע באַשולדיקונגען ענטפערט דער יונגער ראַציאָנאַליסט — דער ווידערקול פונם מחבר גופא — מיט שטאָלצן ביטול: ניט איר דאַרפט ריידן וועגן חכמה, ווי ניט דער בלינדער קאָן ריידן וועגן פאַרבן, און ניט דער סריס וועגן ליבע. אמת, דער דת איז אַ וויכטיקער וועגפירער פאַרן מענטשן, אָבער צו דעם ווערט פון דער חכמה קאָן ער זיך ניט גלייכן, און איידער די הויא'ס פון אביי ורבא, איז דאָך פיל וויכטיקער די „מעשה מרכבה" (ד"ה די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען). דער ראַציאָנאַליסט לייקנט ניט אָפּ דעם תורנים באַשולדיקונג, אַז די פרייַדענקער זיינען מזלזל אין פילע מצוות פון דער תורה. דער ווערט פון מצוות — ווייזט אָן דער ראַציאָנאַליסט — ווערט דאָך געמאָסטן נאָר לויט זייער נוצלעכקייט. די רעליגיעזע חוקים זיינען געגעבן געוואָרן אויסשליסלעך, בכדי דעם מענטשן אויסצובעסערן, דער באַשעפער אָבער נייטיקט זיך אין זיי כלל וכלל ניט. עס איז לעבערלעך דערפאַר צו מיינען, אַז פאַר מקיים זיין די מצוות ווערט אָנגעגרייט שכר אויף יענער וועלט. „השכר הטוב הוא עצם המצוה" — דאָס דערפילן דאָס געבאָט, דאָס נוצלעכע געבאָט — דאָס איז שוין דער שכר גופא, דערקלערט פולגאַרס „פילוסוף". די אַזוי אָפט געשטעלטע פראַגע „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו" האָט דערפאַר קיין זין ניט, ווייל אין דעם גערעכטן טאָן גופא ליגט דעם מענטשנס גליק און אין דער עבירה זיין גרעסטע רעה [3].

בעת דער תורני שטרייכט אונטער, אַז „אין המדרש עיקר אלא המעשה הוא העיקר", ווייזט זיין יונגער בר־פּלוגתא אָן, אַז דאָס וויכטיק־

---

1 „טעם זקנים", 14: „ואבחר להתנהג בשגעון, ולא להגות בהגיון, דאגת ועצבון ולא חשבון, רש ומחסורת ולא תשבורת; מכת שבע ולא מדע הטבע, רונז ובלהות ולא חכמת האלהות".

2 דאָרטן.

3 דאָרטן, 14, עמ' ב'.

סטע פאַרן מענטשן איז דאָך גאָט דערקענען — און גאָטס ליכט דערזען, זיינע ווונדער באַגרייפן קאָן מען נאָר מיטן שאַרפן שכל און מיטן קריטישן פאָרשער־גערדאַנק. אמת, ווענדט זיך דער ראַציאָנאַליסט צום אַלטן תורני מיט א שפּאָטישן שמייכל—ניט חו, וואָס דיינע אויגן זיינען פאַרבלענדט מיט פאַנטאַסטישע נאַרישקייטן, ביסט אימשטאַנד אַריינטרעטן אינם טעמפּל פון חכמה און וויסן, ניט דו קאָנסט באַגרייפן, אַז אויפן געביט פון פאָרשן און דענקען זיינען ניט די „מעשים" דער עיקר, נאָר די אַבּ־סטראַקטע פילאָזאָפישע באַגריפן; און טאַקע נאָר אויף דעם געביט דער־גרייכט דעם מענטשנס נשמה די העכסטע מדרגה פון שלימות און ווערט באַשיינט מיטן ליכט פון אומשטאַרבלעכקייט[1].

לאַנג פירט זיך דער וויכוח צווישן דעם אַלטן תורני און דעם יונגן פילאָזאָף. דער אַלטער טענהט מיט גרויס ברען, אַז נאָר דורך דבקות, דורך דעם פראָפעטישן עקסטאַז און „צירופי אותיות" קאָן מען אַריינ־דרינגען אין די טיפסטע סודות; און דער יונגער דערקלערט מיט א שמייכל, אַז דאָס זיינען לויטער נאַרישקייטן. „חכם עדיף מנביא" — דאָס איז שוין אַן אַלטער אמת. דער איינציקער זיכערער וועגווייזער פאַרן מענטשן, דערקלערט מיט גדלות דער „פילאָזאָף", דאָס איז דער שכל הישר, דער קלאָרער פאַרשטאַנד, און ווער עס וויל אויף אים זיך ניט פאַרלאָזן, דער פאַרקריכט אין זומפּ פון פינסטערניש. „און דאָס וואָס דו דערציילסט מיט אַזאַ התפעלות — וועגן „פלאות און גוזמאות", אָט וועגן די אַלע ווונדער, וואָס מען קאָן באַווייזן מיט שמות, גימטריאות און קמיעות — דאָס איז לויטער ליגן און קינדערשע שפּילערייען, וואָס שטאַמען פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, און מיט דעם דאַזיקן שווינדל פאַרפירן אייך, לייכטגלויביקע, פאַלשע נידערטרעכטיקע מענטשן (אשר יניעו אליך בערמה אנשי און ומרמה).

דער וויכוח פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס מען ברענגט די פאַר־עקשנטע דיספּוטאַנטן צום קיניגלעכן ריכטער, ער זאָל פּסקענען, ווער ס'איז גערעכט. דער געלערנטער און קלוגער ריכטער שטייט נאַטירלעך אויף דעם זעלבן ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, וואָס דער מחבר גופא. צוויי וועגן, זאָגט דער ריכטער, זיינען געגעבן דעם מענטשן אים אַרויס־צופירן פון פינסטערניש צום ליכט: פילאָזאָפיע (חכמת העיונית) און רע־

---

[1] פולגאַר שטייט דערביי אויף אַבן רשדס שטאַנדפּונקט און זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז אומשטאַרבלעך איז ניט די נשמה פון דעם יחיד פאַר זיך, נאָר אַלס טייל פונם וועלט־גייסט.

גיע. ניט קיין פיינדינען זיינען זיי, נאָר צוויי שוועסטער, וואָס העלפן זיינע דער אַנדערער. אָבער די עלטסטע פון זיי בלייבט דאָך די פילאָזאָ־פיע. די תורה, זי דערציט דעם מענטשן און מאַכט אים מסוגל, זיין פילאָ־זאָפישער פאַרשטאַנד זאָל זיך קאָנען אַנטפּלעקן, און, אַ באַפרייטער פונם מאַטעריעלן קבוש, זיך באַהעפטן צו זיין באַשעפער, וואָס אין דעם באַ־שטייט דאָך דעם מענטשנס אומשטאַרבלעכקייט [1]. אָן חכמה האָט דער דת קיין שום באַטייט (דת בלי חכמה כאין נחשבת), דער פילאָזאָף קאָן זיך אָבער אויך אָן דער תורה ניט באַגיין, ווייל נאָר מיט איר הילף קאָן ער קומען אין קאָנטאַקט מיט דער סביבה, און ניט מוזן בלייבן ווי אַ „פאַר־וואָרפענער אין מדבר" [2]. „לעבט אייך בשלום ושלוה", דערמיט פאַרענ־דיקט דער ריכטער זיין „פסק־דין". נאָר טאַקע אָט די מאַקאַמע פון דעם איבערצייגטן ראַציאָנאַליסט פולגאַר באַווייזט צומבולטסטן, אַז קיין שלום האָט ניט געקאָנט ווערן, ווייל צו שאַרף זיינען געווען די קעגנזאַצן פון די צוויי צדדים [3]. וועגן דער שאַרפער סתירה צווישן די ביידע צדדים זאָגט אויך גאַנץ באַשטימט אַרויס פולגאַרס אַ בן־דור: „צוויי קלאַסן זיינען איצט פאַראַן צווישן אונז יידן: דער ערשטער, דאָס זיינען די „פי־לאָזאָפירנדיקע" (המתפלספים), וואָס מאַכן חוזק פון אונזערע חכמים, זיינען ניט מקיים קיין מצוות, און די סיפּורים פון דער תורה ווערן ביי זיי משלים און רמזים. דער אַנדער קלאַס באַשטייט אוים מענטשן, וואָס האַסן די ווינסשאַפטן און ווילן ניט וויסן פון אַריסטון און זיינע דעות".

די דאָזיקע שורות ברענגען מיר פון אַ אינטערעסאַנטן „מענטש־לעכן דאָקומענט" — פון דעם „ספר המוסר", וואָס פולגאַרס בן־דור, יוסף בן אבא מארי אבן כספי, האָט געשיקט אַלס צוואה זיין יינגערן זון. אבן כספי (זיין פּראָוואַנסאַלישער נאָמען איז געווען דון בופוש (Don Bonafous) איז געווען איינער פון די טיפּישע „זוכערס" (המבקש), וועגן

---

1 דאָרטן, 17, עמ׳ ב׳: „יבאמת התורה הנאמנה הוא זמון והויה להוציא את כח השכל ההמרי אל פעלו, ולהדבקו והתאחדו בפועלו, אשרי מי שעלה במדרגה הזאת ועדיה בא, הן הן חיי עולם הבא".

2 דאָרטן, 18, עמ׳ ב׳: „כי בעל חכמה בלי תורה כבן אדם עומד יחידי במדבר בלי חברה".

3 דאָס האָט, ווי עס שיינט, געפילט פולגאַר גופא, און אין דעם שלום־וואָרט צו זיין מאַקאַמע („קונטרס הרבב"ם", 1893, 36) דערציילט ער, ווי אַ פאַנאַטיקער אַ תורני איז אים נאָכגעלאָפן מיט כעס און אים שטאַרק געזידלט און געשאָלטן פאַר זיין פאַר־שלאָג צו מאַכן אַ פשרה צווישן דעם פילאָזאָף און דעם בעל התורה, און נאָך האָבן דערביי די העזה „צו פאַרגלייכן די הייליקע אמונה מיט דער אַפּיקורסישער פילאָזאָפיע" (כי חשבת להסכים בין הפילוסוף ובין בעל תורה והשוית אמונת צדק לכפירה).

וועלכע ס'איז געווען די רייד אינם ערשטן קאפיטל פון דעם דאָזיקן ספר. געבוירן איז ער אין דער פּראָוואַנס [1], וואָס איז אין יענער צייט געווען דער וויכטיקסטער צענטער פונם פרייען יידישן געדאַנק; נאָר דער אומ־געשטילטער דאָרשט נאָך וויסן האָט אים געטריבן פון לאַנד צו לאַנד. מאַ־טעריעל גוט פאַרזאָרגט [2], האָט ער זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין רייזן און וואַנדערן. ער האָט געלעבט אין אַרל, טאַראַסקאָן, אַראַגאָניע, קאַטאַ־לאָניע, אויף דעם אינזל מאַיאָרקאַ; אין יאָר 1314 איז ער אַפּגעפאָרן קיין מצרים מיט דעם איינציקן ציל: שטודירן פילאָזאָפיע אין דער שטאָט, וווּ דער „מורה נבוכים" איז געשאַפן געוואָרן און וווּ עס געפינען זיך זיין פאַרפאַסערס אייניקלעך. אים האָט אָבער דאָרט דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג. מיט באַדויערן דערציילט ער, ווי ער האָט זיך אויפן אָרט באַלד איבערצייגט, אַז דעם גרויסן דענקערס אייניקלעך זיינען טאַקע „צדיקים גמורים", נאָר פאַרנעמען זיך גאַנץ ווייניק מיט וויסנשאַפטן (כלם צדיקים, אבל בחכמות לא היו מתעסקים). צוריקקערנדיק פון מצרים אין דער פּראָוואַנס, איז ער דאָרט שיר ניט אומגעקומען בעת דער „גזירת הרועים" [3], ווען די באַנדעס פאַסטעכער האָבן אַזוי פיל קהילות אומגע־בראַכט. שוין אין די עלטערע יאָרן (1332) האָט זיך אבן כספּי ווידער געגאַוט קיין אַפריקע, ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין פעז שטו־דירט מען אין די מוסלמענישע פילאָזאָפישע שולן דעם רמב"מס „מורה נבוכים".

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אבן כספּי איז געווען אַ שטענדיקער נע־ונדניק, איז ער דאָך געווען אַ זייער פּרוכטבאַרער שריפטשטעלער. ביז צום יאָר 1332 האָט ער פאַרפאַסט איבער 30 ווערק [4], וואָס באַרירן די

---

1 אבן כספּי שטאַמט פון דער פּראָוואַנסאַלישער שטאָט אַרושאַנטער (דערפון נעמט זיך זיין העברעישער נאָמען „כספּי"), ווו ער איז געבוירן אינם יאָר 1279 (גע־שטאָרבן אין 1340).

2 קלונימוס בן קלונימוס באַגלייט אבן כספּיס נאָמען אין זיין באַקאַנטן אָפּענעם בריוו מיט פאָלגנדיקע שבחים: „שוענו, אלופנו, נגידנו".

3 זע אין דער פאָררעדע צו „קבוצת כסף".

4 צוואַנציק פון די דאָזיקע חערק רעכנט אויס דער מחבר גופא אין זיין „קבוצת כסף", וואָס איז דערגאַנגען צו אונז אין צוויי נוסחאות: די ערשטע האָט פאַר־עפנטלעכט בן־יעקב אין זיין „דברים עתיקים" (ז"ז 41—44) · און איז אויך איבערגע־דרוקט דורך י. לאַסט אין זיין פאָררעדע צו דער אויסגאַבע פון אבן כספּיס ווערק; די צווייטע, די מער פולשטענדיקע, איז פון אַ פאַרמער מאַנוסקריפט אָפּגעדרוקט אין Les Ecrivains juifs français, 535—544. דאָרטן ווערן אויסגערעכנט דרייסיק ווערק אבן כספּיס און עס ווערט אויך דערביי איבערגעגעבן דער תוכן הענין פון יעדן ווערק באַזונדער (דאָרטן, 482—535; זע אויך שטיינשניידער אין ערש און גרובער, סעריע II,

פאַרשיידענע געביטן פון וויסנשאַפטן: ער האָט געשריבן פּירושים אויפן אבן עזרא, אויף מיימוניס „מורה נבוכים", אויף תורה און אַ סך אַנ־דערע ביבלישע ווערק [1], ער האָט אויך געשריבן דערקלערונגען צו אבן גנאחס גראַמאַטישע ווערק, פאַרפאַסט אַ לערנבוך איבער לאָגיק און איבער דער העברעישער שפּראַכפאָרשונג [2], איבערגעאַרבעט אין אַ פּאָפּולערער פאָרם אַריסטוס „ספר המידות" און אַפּלטונס „רעפּובליק".

נעבן אַ מער-ווייניקער בולט בילד פון דער דאָזיקער אינטערעסאַנ־טער און טאַלענטפולער פּערזענלעכקייט איז געוואָרן מעגלעך ערשט די לעצטע צייט, נאָכדעם ווי יצחק לאַסט האָט פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון אבן כספּים ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז פריער געלעגן באַגראָבן אין די פאַרשטויבטע בלעטער פון אַלטע זעלטענע מאַנוסקריפּטן. אַלע ווערק אבן כספּים זיינען דורכגעדרונגען מיט דער גרעסטער התפּעלות צום באַרימטן באַשעפער פונם „מורה נבוכים", וועלכער „פאַרשפּרייט ליכט איבער דער גאַנצער וועלט" (המאיר לעולם כולם). ער באַדויערט זייער, וואָס ער האָט ניט זוכה געווען צו לעבן אין איין צייט מיט דעם רמב"ם [3], און זאָגט אַרויס דעם האַרציקן ווונטש, ער זאָל וויניקסטנס אויף יענער וועלט האָבן די זכיה צו זיצן ביי די פיס פון דעם גרויסן גאון און געניסן פון זיין וווּנדערבאַרן ליכט [4].

מענטשן שאַפן זיך אָבער געמער נאָך זייער געשטאַלט, און ווילן אין זיי זען דאָס, נאָך וועמען עס בענקט אַזוי זייער נשמה; און באַגייס־

ב' 31, ז"ז 61—73). ביז צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען געווען פאַרעפנטלעכט בלויז כספּים דאָזיקער פּירוש אויפן „מורה נבוכים" („עמודי כסף", 1848) און זיין „ספר המוסר" (אין „טעם זקנים", 1854). ערשט אין דער נייערער צייט האָט יצחק לאַסט באַקענט די ברייטע קרייזן פונם לייענער-פּובליקום מיט דעם באַדייטנדיקן טייל פון אבן כספּים שאַפן: אין דעם יאָר 1903 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין צוויי בענד „עשרה כלי כסף" (אַ זאַמלונג פון ניין פּרושים אבן כספּים), אין 1905 — „משנה כסף", אין 1911/12 — „אדני כסף", אין 1914 — „טעם הכסף".

1 ווענן אבן כספּין אַלס ביבל-דערקלערער האָט וו. באַכער פאַרעפנטלעכט אַ ספּע־ציעלע פאָרשונג אין „כאַנאַטסשריפט", 1912, III—VIII און 1913, V.

2 די פאָררעדע און אייניקע פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן חערק זיינען פאַר־עפנטלעכט אין „ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענטס", 1847, 481—486.

3 „מנורת כסף", 91: „יום אשר ילדתני אמי אל יהי ברוך כי לא קדמוני ברכיים והייתי בזמן המורה ז"ל, או אחר זמנו עד זמני עתה, ראיתי אור באורו אף כי אם הייתי בזמנו ויצקתי מים על ידו".

4 „ספר הסוד": „אליך אבינו משה קדוש ישראל פני מועדות... אהת שאלתי כי ידרשני אלוה ממעל ליבים אשר רוחי ונשמתי אליו יאסוף, יזכני לשכוב מרגלותיו ואראני אותו ואת נוהו, אשריך רבנו שבנית בנין עדי עד ישחב".

טערטע תלמידים און חסידים ליגן גאנץ אפט אריין אין דעם מויל פון זייער געליבטן רבין און וועגוויזער ווערטער און געדאנקען, וואס זיינען זיי ליב און טייער, דעם לערער אבער זיינען זיי געווען פרעמד און אומ־באקאנט. דאס אייגנע זעען מיר אויך אין א געוויסער מאס ביי דעם רמב״מס באגייסטערטן פארערער, ביי יוסף אבן כספי. ער באנוצט זיך טאקע זייער גערן מיט מיימונים טערמינאלאגיע, און גאנץ אינם גייסט פונם בעל „מורה נבוכים״ לייענען מיר ביי אבן כספין, אז דורך וויסנ־שאפטלעכע ידיעות, דורך אומדערמידלעכן פארשן באהעפט זיך דער מענטש צום „שכל הפועל״ און אט אין דעם באשטייט דעם מענטשנס אומשטארבלעכקייט. אין זיין פירוש צום „מורה נבוכים״ זאגט אפילו אבן כספי ארויס אזא אפיקורסישן געדאנק, ווי „אלהים הוא השכל והשכל אלהים״. נאר טאקע דער זעלבער אבן כספי שרייבט מיסטישע פירושים צו פילע ביבלישע ווערק [1], פארטיפט זיך אין די סודות פון „מעשה מרכבה״ [2] און דערקלערט גאנץ באשטימט, אז עס דארף אונז כלל ניט באאומרויקן, וואס דער ביבלישער טעקסט געפינט זיך אין א געוויסער סתירה מיט די דעות פון די פילאזאפן, ווארעם דער העכסטער אויטאָ־ריטעט איז דאך די תורה מן השמים, און „מיר, וואס מיר שטיצן זיך אויף דער געטלעכער אנטפלעקונג, — וואס גייט עס אונז אן, אז אפלטון, אריסטו און זייערע אנהענגער זיינען מיט אונז ניט איין דעה?״ [3].

גלייך מיט אברהם אבולפיה און פילע אנדערע מיסטיקער איז אויך אבן כספי פעסט איבערצייגט, אז ספעציעל אין דעם העברעישן אריגינאל פונם ביבל־טעקסט, בפרט אין די אותיות פון די געטלעכע שמות איז פאר־בארגן א גרויסע שעפערישע קראפט [4], עס קאן דערפאר גאר קיין פארגלייך

---

1 „טירת כסף״ (ספר הסוד), „אדני כסף״, „טורקי כסף״, „מצרף כסף״.

2 „מנורת כסף״ (לאסטס אויסגאבע, ב׳ II, 75—142).

3 „מנורת כסף״, 75: „ומה לנו אחר האל יתברך לאפלטון ואריסטו וזולתם אם יחלוקו בדבר״.

4 „שולחן כסף״ ב׳: „כי תורתנו שהיא מן השמים הנה יש לה קדושה ומעלת שלמות מצד הלשון העברי ומצד סדור הכתב מש״כ למועתק ממנה בשאר הלשונות וכן כל ספרי המקרא, עד שנברר באמת כי אין כל המכוון בתורה לפי לשון העברי נמצא העתקות, אבל כמה הוראות גדולות מופלאות מהכמית הטבע והאלהות יש בתורה וביתר פרינו בשמות... ואינו כמיעתק אל הלשונות... ועל כולם השמות המיוחדות לד׳ יתברך אין במועתק כונת המחבר״.

דעם אייגענעם געדאנק חזרט ער איבער אויך אין „מנורת כסף״: „ואנחנו נבאר מקומות ונבאר פיר׳ הנבואות היסודיות ההם... ומצורף לזה נבאר ענין קדוש ימקדיש וא ענין השמות המיוחדים אל הקב״ה ונפרש שם המפורש ושם יה ושם אהיה אשר

ניט זיין צווישן דעם הייליקן אָריגינאַל פון דער תורה און אירע לאַטייני־שע (נוצרים) און אַראַבישע (ישמעאלים) איבערזעצונגען.

אַט מאַקע דערמיט, וואָס אבן כספי איז געווען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, איז צו דערקלערן, וואָס פון איין זייט איז ער ביי אַזוינע אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער ווי ר' שמעון בר צמח דוראַן, יוסף יעבץ און יצחק אַבּרבּנאַל פאַררעכנט פאַר אַ געפערלעכן אפיקורס; דערפאַר אָבער געפינט דער באַקאַנטער מקובל יוחנן אַלעמאַנו, אַז אבן כספים פירושים דאַרף לייענען יעדערער, וואָס האַלט טייער די חכמת הנסתר, און אַזאַ גאָטס־פאַרכטיקער פייטן ווי משה ריעטי, וואָס פאַרשפאַרט אין זיין פאָעמע די טויערן פון גן־עדן פאַר אַזוינע „אַפּיקורסים” ווי אַלבּאַלאַג און רלב”ג, ניט אבן כספי אָפּ אַ בּכּבודיקן פּלאַץ דירעקט לעבן דעם באַרימטן תלמודיסט און הייסן קעגנער פון מיימוני, דעם ראב”ד „בּעל ההשגות” און דעם הייליקן יהודה החסיד [1].

אויפן ערשטן קוק קאָן זיך דאַכטן, אַז אויך ביי אבן כספי גילט אַלבּאַ־לאַגס יערע ווענן „טאָפּלטן אמת”. דאָס איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיק. אבן כספי איז ניט געווען קיין אָריגינעלער דענקער, נאָר אַ רייך־באַגאַבּ־טע נאַטור; ביי זיין גרויסן דורשט נאָך וויסן האָט ער אָבער ניט געקאָנט און ניט געוואָלט זיך לאָזן איינשליסן אין דער שטרענגער ראַציאָנאַלי־סטישער אידעען־וועלט. זי איז פאַקטיש געבליבן פרעמד זיין אימפּרע־סיאָניסטישן לייכט אויפרעגלעכן גייסט. מיר באַגעגענען דערפאַר אין זיינע שריפטן אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע דערשיינונג: ער פאַרגעטערט דעם רמב”ם און איז אַ הייסער אַנהענגער פון „חכמת יוונית”; אים בּלענדט זייער איבערצייגנדיקע קראַפט, זייער האַרמאָנישע גאַנצקייט; נאָר אומ־באַוווּסט באַקומען ביי אים זייערע אַנשויונגען אַ גאַנץ אַנדערן לבוש, און דערביי ווערט ניט זעלטן נשתנה אויך זייער תוך און זייער גאַנצער מהות. מע דאַרף דערביי אויך נעמען אין באַטראַכט איין גאַנץ כאַראַקטעריסטישן שמריך: אבן כספי האָט זיינע ווערק ניט געשריבן פאַרן לעזער־פּובּליקום,

---

אהיה ונזכר מה שיראה לגו בזה מחדוש נוטה מדעת הקודמים או ניפל עליהם. ועוד נבאר שם ענין אחד עמוק בא בתורה על שם אלהים יתברך”.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע ריין מיסטישע אָנשויונגען אַנטוויקלט אָבער אבן כספי אויך דעם זייער ריכטיקן געדאַנק, אַז קיין שום איבערזעצונג פון אַ מייסטער־ווערק איז ניט איבשטאַנד איבערצוגעבן דעם גייסט און די אייגנאַרטיקע שיינקייט פונם אָריגינאַל (כי אין במועתק כונת המחבר). אבן כספי איז אויך געווען דער ערשטער ביבל־פאָר־שער, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון ספר בראשית זיינען צו באַמערקן צוויי נוסחאות: די „יהוהיסטישע” און די „אלהיסטישע”.

1 „מקדש מעט”, 103, עמ' ב'

ניט פאר דער מאסע און ניט פאר יחידי סגולה. ער האט געשריבן דער־פאר, וואס ס'איז ביי אים געווען א מוז־זאך, ווייל ער איז געווען א גע־בארענער שריפטשטעלער מיט א באדייטנדיקער שאפונגסקראפט, און עס האט אים געצויגן צו פאפיר און פעדער. דער לעזער אבער, דאס אוידי־טאריום, האט אים כלל ניט אינטערעסירט. עס איז זייער מעגלעך, אז אין זיין פארהאלטן זיך צום לעזער־פובליקום האט געשפילט א גרויסע ראלע דער בייזער אויפנעם, מיט וועלכן מע האט באגעגנט זיין ערשט ווערק „ספר הסוד", וואס ער האט פארעפנטלעכט אין יאר 1317. דער „ספר הסוד" האט זייער ניט נושא חן געווען אין די ארטאדאקסישע קרייזן, און צוויי תלמידי חכמים אוים שילאן, משה דבלקיירי און אבא מארי סען אסטרוק, זיינען שטארק אנגעפאלן אויף אבן כספין און דערקלערט, אז אין „ספר הסוד" זיינען ארויסגעזאגט געווארן אזוינע געדאנקען, וואס זיינען שעדלעך פאר דער פשוטער מאסע, „וואס מע דארף לאזן לעבן אין די טרא־דיציאנעלע אנשויונגען, אין וועלכע זי איז דערצויגן געווארן און אויס־געוואקסן". זיי האבן זיך נאך דערמיט ניט באנוגנט, און אויף זייער ווונטש איז קעגן אבן כספין ארויסגעטראטן מיט א ספעציעל פאלעמיש ווערק זייער תלמיד, דער אונז שוין באקאנטער קלונימוס בר קלונימוס [1].

די דאזיקע אנפאלן האבן שטארק אויפגעבראכט אבן כספין. ניט אומזיסט זאגט עדות דער מקובל יוחנן אלעמאנו, אז ער האט נאך ניט גע־זען קיין גלייכן צו אבן כספין, וואס זאל אזוי אפן און אן פחד ארויסזאגן זיינע איבערצייגונגען [2]. „דארט, ווו עס האנדלט זיך — דערקלערט אבן כספי — דעם אמת צו דערגיין, ווייל איך מיט קיינעם זיך ניט רעכע־נען" [3]. „אין אמונה־פראגן, זאגט ער אויף אן אנדער ארט — ווייל איך ניט אפהענגיק זיין פון וועלכער ס'איז מיינונג, וואס דער אדער יענער גדול האט ארויסגעזאגט" [4]; און ווי יעקב אנאטאלי בשעתו דערקלערט אויך אבן כספי, אז „דער אמת טאר ניט זיין שרעקעדיק און שעמעוודיק". „זיי, אט די גרעמע מענטשעלעך, ענטפערט מיט ביטערקייט אבן כספי זיינע קריטיקער, פארזיכערן אלץ, אז אוים ליבע און רחמנות צו מיר ווארענען זיי מיך, בכדי איך זאל גיין אין דרך הישר. איך ווייס אבער זייער גוט:

---

1 קלונימוסעס שריפט האט פארעפנטלעכט פערלעס אין 1879 („קלונימוס ב. קלו־נימוס, זענדשרייבען אן יאזעף כספי").

2 „כי איש כמוהו לא ראיתי גדול העצה ורב העלילה והבלתי ירא מהגיד את אשר בלבבו".

3 „שולחן כסף", 170: „ולא אשא פני איש כי אין ראוי זה לאמת".

4 דארט, 136.

זאָל איך אַ מענטשן הרגענען, זיין געלט צעראַבעווען און עס זיי שענקען — וואָלטן זיי דאָן אַלע דערקלערט: אַזאַ אָרנטלעכער און גערעכטער מענטש ווי איך איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ"[1].

ער דערקלערט דערפאַר, אַז ער האָט מער קיין חשק ניט צו שרייבן ניט פאַר קיין קלוגע, ניט פאַר קיין נאַראָנים, „ווייל נאַראָנים וועלן סיי ווי בלייבן עמי־הארצים און קלוגע איז איבעריק צו לערנען"[2]. און אַלע זיינע ווערק, וואָס ער שרייבט דערנאָך, באַשטימט ער זיי ספּעציעל בלויז פאַר זיינע אייגענע קינדער. כמעט יעדעס ווערק, וואָס אבן כספּי האָט געשריבן, איז געווידמעט אָדער דעם עלטערן זון, וואָס האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער אין באַרצעלאָנע, אָדער דעם יינגערן, וואָס האָט זיך אויפגעצויגן אין טאַראַסקאָן[3].

אדאַנק דעם, טראָגן אבן כספּיס ווערק אַ אינטים־ווייכן כאַראַקטער. דער פאַרפאַסער רייסט אָפט איבער אין מיטן ענין, און ווענדעט זיך צו זיינע זין מיט דברי מוסר, לערנט זיי, ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן בנוגע צו פאַרשיידענע לעבנספראַגן, אויסנוצנדיק דערביי די רייכע פּראַקטיש פון זיין אייגן פילפאַרביק וואַנדער־לעבן. אַ מענטש פון פילזייטיקער בילדונג, מיט אַ שאַרפן באַאָבאַכטונגס־אויג און ליטעראַרישער שילדערונגס־פעיִקייט, האָט אבן כספּי פיל וואָס צו דערציילן. אבן כספּי איז טאַקע ניט קאַרג אויפן וואָרט: זיינע ווערק זיינען רייך מיט אינטערעסאַנטע שטריכן,

---

1 „מנורת כסף", 77: „לרוב חמלתם ואהבתם אותי יחושו כי אעבור אלו המצות והשבועות; ואני ידעתי כי אם רצחתי וירשתי עשרה זהובים ואתננם להם כי יאמרו: כי אין כמוני בכל הארץ איש תם וישר".

2 „חצוצרות כסף", 131: „הנה אוילים בחסר ימותו, ואם חכמים ונבונים הנה בלעדי היו נכונים".

3 אָנשטאָט געוויינלעכע הקדמות, אין וועלכע דער פאַרפאַסער ווענדט זיך צום לעזער, זיינען די דאָזיקע ווערק אבן כספּיס פאַרזען מיט בריוולעכע געשאַנקען, געשיקט פונם פאָטער צום זון. אייניקע פון די דאָזיקע בריוו זיינען געשריבן אין אַ אינטים האַרציקן טאָן; צום ביישפּיל, אין דער פאָררעדע צו זיין פּאָפּולערער באַאַרבעטונג פון אריסטאָטעלעס „עמיק", וואָס ער האָט געשריבן פאַר זיין עלטערן זון, לייענען מיר פאָלגנדיקע האַרציקע שורות: „דיר האָט די השגחה אַ וואונדערבאַרע מתנה געגעבן: דו האָסט זוכה געווען, דיין לעבנס־באַגלייטערין זאָל זיין די פולקומסטע און שענסטע פון אַלע פרויען. און איך וויל האָפן, אַז אַלע דיינע געדאַנקען און דיין גאַנצן ווילן וועסטו אָנשטרענגען צו איין ציל: צו גייסטיקער שלימות און ריינקייט פונם האַרצן; איך בין זיכער, אַז דו וועסט שטרעבן דערצו, ווערט צו זיין דיין פרוי, און וועסט זיך פלייסן צו זיין דער פולקומסטער צווישן די מענער, ווי דיין פרוי איז די בעסטע צווישן די פרויען" (מיר ציטירן נאָך שטיינשניידערס העבר. איבערז. 226—7. זע אויך Les ecriv. etc., 487.

אין וועלכע עס שפּיגלט זיך בולט אָפּ דאָס דעמאָלטיקע קולטורעלע לעבן אין די מזרח־לענדער און אין דרום־פראַנקרייך.

גראָד אין אבן כספּים צייט האָט מען עס פאַרטריבן דעם פּויפּסט פון זיין רעזידענץ (רוים) און ער האָט געמוזט אַפריכטן גלות אין דרום־פראַנקרייך אין דער שטאָט אַוויניאָן. דערציילט אבן כספּי מיט פיינעם הומאָר, וואָס פאַר א איבערקרעניש כ׳האָט ארויסגערופן אין דער לאַנדוווירט־שאַפט פון דער גאַנצער מדינה די שכנות פונם „הייליקן פאַטער״ און זיינע מקורבים. אַלע פעלדער ארום האָט מען פאַרזעצט מיט וויינגערטנער. „ווייַן איז געוואָרן בזיל־הזול — דערציילט אבן כספּי — און אויף ברויט איז געוואָרן א יקרות״. עס איז אָבער קיין ספק ניט — איז מוסיף אבן כספּי מיט א סאַרקאַסטישן שמייכל, — אַז ווי נאָר דער פּויפּסט וועט זיך צוריקקערן קיין רוים, וועלן די וויינגערטנער ווידער מגולגל ווערן אין ברויט־פעלדער. [1]

„למ״ה — וואָרנט אבן כספּי זיין זון — זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו דערנגזוענען נאַראָנים, און גאָט זאָל דיך היטן פונם גערעאנק פרוּוון דערווייזן א נאַר, אַז ער האָט קיין שכל ניט״. און טאַקע דערביי, ליתר תוקף, דערציילט אבן כספּי א מעשה, וואָס דערמאָנט ניט ווילנדיק אָן עמנואל רומי, ווי אזוי אים איז אַמאָל אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אין א פאַרגרעבטער און אומוויסנדיקער קהילה, ווו גראָד דעם טאָג האָט מען צו קבורה געבראַכט איינעם פון אירע מיטגלידער, טאַקע א גרויסער עושר, נאָר א ווילדער עם־הארץ און מאוימדיקער קמצן. און אבן כספּי זיצט צווישן די שבעה טובי העיר, בעת יענע זאָגן נאָך שבחים דעם בר־מינן. וואָס מער יענע לויבן דעם פאַרשטאָרבענעם, אַלץ קלאָרער ווערט פאַר אבן כּספּין, וואָס פאַר א מגושמדיקער מענטש, וואָס פאַר א זולל־וסובא יענער נביר איז געווען. און ער, דער איינציקער קלוגער צווישן נאַראָנים, הערט צו מיט אַן עדנסטער מינע און שווייגט. „כ׳האָב זיי ניט אויסגעלאַכט—עס וואָלט ביי זיי ניט געהאָלפן, זיי וואָלטן מיר נאָך אייביקע שונאים געבליבן״ [2].

ניט וויניקער טיפּיש איז די קאָמישע סצענע, ווו גאָטספאַרכטיקע פרום־מאַקעס זיינען מתרה דעם פאַרפאַסער, וואָס פאַר א שווערע שטראָף ער וועט אויף יענער וועלט מוזן אויסשטיין פאַר זיינע אפּיקורסישע רייד. „זיי רינגלען כיך אַרום און רייצן זיך מיט מיר: „דו וועסט ניט זוכה זיין צו געניסן דעם נחת פון עולם־הבא״. בוקן מיר זיך פאַר זיי און בעטן, זיי זאָלן אונז כאַטש לאָזן א קליינינקן חלק. מיר האָבן צו זיי אזוי גע־

1 „חצוצרות כסף״, לאָסטס אויסגאַבע, ו, 196.

2 „חצוצרות כסף״, 37—38.

זאָגט: „אוודאי זיינען פאַר אייך אָנגעגרייט אַלע פיש פון די ימען, איר וועט געניסן פון דער סעודת לויתן, וועט עסן די גענז פון רבה־בר־בר־חנא, מיט די געשטאָפּטע הינער און פעטע קוראָפּאַטוועס; איר וועט טרינקען די בעסטע ווייַנען, עס וואַרט דאָך אויף אייך דער יין המשומר פון ששת ימי בראשית. ערלויבט־זשע אונז כאָטש צו זען פון ווייטן, און זיך באַנוגענען מיט פּאַרדאַרטע באַקסערן, און פאַרטרינקען מיט פּשוט וואַסער". נאָר זיי ווילן ניט נאָכגעבן, זיי פאַרגינען אונז דאָס אויך ניט, און דערקלערן גאַנץ שטרענג: ניין, איר וועט שוין מוזן הונגערן!"[1].

און מיט וואָס פאַר אַ סאַרקאַזם ווענדט ער זיך צו זיינע יידישע ברידער: „יאָ, מיר זיינען טאַקע אין דער אמתן אַ אויסטערליש פאָלק געוואָרן, טאַקע איינס אין דער וועלט, אַ פאָלק פון גאַלע נאַראָנים און טויגעניכטסן! מיר אונטערשיידן זיך איינער פונעם אַנדערן בלויז אין די ניואַנסן, אין די גראַדן פון נאַרישקייט"[2]. בעת אבן כספי דערמאָנט אין איינעם פון זיינע פירושים דעם שטאַמפאָטער פון אברהם אָבינו, עֵבר, וואָס זיין עלטערער זון האָט געהייסן פלג, „כי בימיו נפלגה האָרץ"[3], ווייל אין זיינע יאָרן איז פאָרגעקומען די גרויסע צעשפּאַלטונג אויף דער וועלט — איז אבן כספי מוסיף אין אַ מעלאַנכאָלישן טאָן: „מיר אַלע זיינען עס די בעסטע עדות, אַז אונזער מאַמע איז טאַקע געווען פלגס פרוי, וואָרעם מיר זיינען טאַקע „בני פלג", קינדער פון אָפּגעזונדערטקייט און צעשפּאַלטונג און אומאייניקייט און שטענדיקע צאַנקערייען האָבן מיר אונזער גלייכן ניט צווישן אַלע פעלקער פון דער ערד"[4].

מיט שטילן טרויער אָטעמען אבן כספּיס רייד וועגן „יידישן פּנים" אין די גלות־לענדער. „די קריסטן — זאָגט אבן כספי — דערקענען תיכף דעם יידן אָן זיין פאַרמרה-שחורהדיקן פּנים, וואָרעם דער ייד האָט גאָר אַן אַנדער אויסזען ווי די קריסטן. זיין פּנים איז בלייך, נידערגעשלאָגן, און זיינע אויגן פייערן ניט ווי ביי אַ מענטשן, וואָס איז פונם גליק באַשיינט"[5].

---

[1] „חצוצרות כסף", 18—19.

[2] „והיינו לעם אחד, כלנו סכלים, כלנו אוילים, אבל הסכלות בינינו מתחלפת בפחות ויתר".

[3] דברי הימים א', 1, 19.

[4] „יעדים נאמנים אנחנו עד היום לאמנו הבכירה אשת פלג, כי באמת בני פלג אנחנו להיות ההסכמה נעדרת ממנו על כל משפחות האדמה".

[5] „והענין בזה כי ישראל בגלות ובצרות כמו שמבואר וזה ממנו גם היום, עד שהנוצרים יכירו היהודי בפניו ויאמרו שיש לו פני יהודי כי הוא משונה בצורתו, אינו אדמוני עם יפה עינים כמו הנוצרים ובכלל האנשים המצליחים".

א מענטש מיט א פיינעם קריטישן חוש, איז אבן כספי אלס ביבל־דערקלערער געווען אן אנטשיידענער קעגנער פון דער אלעגאָרישער מע־טאָדע, וואָס איז געווען אזוי שטאַרק אָנגענומען אין די ראַציאָנאַליס־טישע קרייזן. ער האָט מערערע מאָל אונטערגעשטראָכן, אז דער ביבל־דער־קלערער דאַרף זיך קודם־כל רעכענען מיטן ווערטלעכן פשט פון דעם טעקסט און מיט די געזעצן פון לאָגישן דענקען [1]. ער האָט זיך דערפאַר אַנטשיידן ארויסגעזאָגט קעגן מיימוניס מיינונג, אז „משלי" דאַרף מען אויסטייטשן אין אלעגאָרישן זין. „עס איז ביי מיר — דערקלערט אבן כספי — קיין שום ספק ניט, אז „משלי" איז געשריבן אין דעם זעלבן נוסח ווי אַנדערע דידאַקטישע ביכער, אָן סודות, נאָר ריינער איינפאַכער פשט. דאָרט איז אַלץ פשוט און קלאָר, אָן פילאָזאָפישע אַנצוהערענישן, מעטאַפיזישע טיפקייטן און סודותדיקע רמזים. ווען עס ווערט דערציילט וועגן אַן אויסגעלאַסענער פרוי, מיינט מען טאַקע פשוטו כמשמעו, ניט דעם זינדיקן חומר; רעדט שלמה המלך וועגן חכמה, מיינט ער עס טאַקע דעם פשוטן פּראַקטישן פאַרשטאַנד, ניט די געטלעכע אָדער מעטאַפיזישע חכמה; וואָרעם ווי די אַנדערע מאָראַליש-דידאַקטישע ביכער, אזוי אויך ספר „משלי", פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט פּראַקטישער מאָראַל, ניט מיט פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע פּראָבלעמען" [2].

און אבן כספי ווייזט טאַקע דערביי אָן, צו וואָסערע זייער ניט גע־ווּנטשענע פועל־יוצאס עס קאָן ברענגען די אַלעגאָרישע מעטאָדע [3]. עס איז פשוט אוממעגלעך צו געפינען א וועלכע ס'איז גרענעץ, בכדי ניט פאַרלירן דעם ווּיסנשאַפטלעכן באָדן און ניט פאַרבלאָנדזשען אין דעם געפלאָנטער פון פאַנטאַסטישן שפינוועבס. ווערט דער ספר „איוב" אָדער „משלי" דערקלערט אלס לויטער אלעגאָריע, פאַרוואָס זאָל מען ניט באַ־טראַכטן אלס אלעגאָריע יעדע באַליביקע דערציילונג אָדער באַשרייבונג, וואָס קומט פאָר אין דער ביבל? „און מיר זעען טאַקע — שטרייכט אבן כספי אונטער — אז אפילו יעקב און זיינע זין זיינען אויך מגולגל גע־

---

[1] „חצוצרות כסף", לאַסטס אויסגאַבע, I, 83: „וכבר הודעתיך בספר הסוד, כי כל דברי התורה והמקרא הם אצלי כפשוטם כספר ההגיון לאריסטו זולת מה שהפשט נמנע היותו". דאָרטן, 122: „הנה כל המפרשים נבערה חכמתם... כי לא שתו לבם אל מלאכת הגיון ישר היא היישרות והדבור החצוני והפנימי".

[2] דאָרטן 83 און 131: „זה הספר הוא כספרי מוסרי הפילוסופים, ואין בו לפי דעתי תוכחות וסודות לא באשת איש ולא בזולת זה רק הכל כפשוטו וכנגלה מעניננו... ושעם החכמה אינה חכמת הטבע והאלהות רק החכמה המעשיות והוא כמה שיכלול ספר המדות, ודע כי כל זה כפשוטו לפי דעתי אין בזה הוראה ורמז כלל לזולת זה".

[3] דאָרטן: 83, 94, 131, 137—138.

וואָרן אין אַ אַלעגאָריע [1]. דאָס וועט דאָך אָבער ברענגען דערצו, אַז מיר וועלן בלייבן ביי לויטער גאָרנים: מיר וועלן נים האָבן נים קיין תורה, נים קיין נביאים, נים קיין כתובים" [2]. „ביי אונז יידן — רופט אויס אבן כספּי — איז דאָך אָבער מער נים איבערגעבליבן ווי משה און זיין תורה!" (כי אין לנו היהודים רק משה ותורתו).

אבן כספּי טרעט דערפאַר זייער אַנטשיידן אַרויס אַנטקעגן די ראַציאָ־נאַליסטן־אַלעגאָריסטן פון זיין צייט:

„איך קאָן זיי גוט, די קליינע פּיקסעלעך פון אונזער דור — רופט ער אויס — וואָס האָבן באַקומען אויפן שפּיץ מעסער קנאַפּע אייבער־פלעכלעכע ידיעות אין פילאָזאָפיע און וויסנשאַפטן, און האַלטן זיך שוין פאַר בר־סמכאס אין פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. זיי שפּאָטן פון די יידישע תלמידי חכמים, לייקענען אָפּ אין עפנטלעכע דרשות די ניסים פון דער תורה, און אַלע ביבלישע דערציילונגען ווערן דערקלערט פאַר בלויזע משלים; אברהם און שרה, זאָגן זיי, זיינען נים מער ווי אַ פיגורע־לער אויסדרוק פאַר די באַגריפן פון חומר און צורה. נים כדאי וואָס זיי אַליין זינדיקן — פירן זיי נאָך אַנדערע אַראָפּ פונם וועג. און אָט דאָס ברענגט דערצו, וואָס דער פשוטער „עולם פאַרהאַלט זיך מיט שנאה צו די וויסנשאַפטן, ווייל די אומוויסנדיקע מענטשן מיינען, אַז די חכמה, די חקירה ברענגט עס צו כפירה. זיי ווייסן נים, אַז מענטשן מיט גרינטלעכן און אמתן וויסן וועלן קיינמאָל זיך נים דערלויבן אַרויסטרעטן מיט אַזעלכע דרשות; דאָס טוען בלויז די האַלבוויסנדיקע, וואָס ווילן אַרויס־ווייזן זייער בקיאות פאַר פרויען און עמי־הארצים" [3].

פאַר אבן כספּין איז קיין שום ספק נים, אַז די העכסטע שטופע פון שלימות, צו וועלכע דער מענטש קאָן דערגרייכן, דאָס איז דער פּראָפע־טישער עקסטאַז (כי תכלית שלמות האדם הוא שלמות הנפש הנביאית) [4]. נים דער פילאָזאָף מיטן קאַלטן פאָרשער-געדאַנק, נאָר דער באַגייסטערטער נביא איז לויט אבן כספּים אויפפאַסונג דער העכסטער אידעאַל פון מענטש־לעכער שלימות. „אַריסטו, זאָגט אבן כספּי, האָט געוויס דערגרייכט די העכסטע שטופע פונם שאַרפן פאָרשער־געדאַנק, עס איז אָבער אויך קיין

1 „הצוצרות כסף", 131.

2 „שולחן כסף", 138: „ואם כן אין לנו לא תורה, ולא מקרא וכתובים". זע אויך „הצוצרות כסף", 94.

3 „חצוצרות כסף", 19.

4 „שולחן כסף", 169.

ספק ניט, אַז בנוגע צו גייסטיקער שלימות קאָן ער זיך דאָך ניט גלייכן צו דעם גרעסטן פון אונזערע נביאים — צו משה רבנו״.

אבן כספי טראַכט גאַנץ וויייניק וועגן פּשרה מאַכן צווישן פילאָזאָפיע און רעליגיע. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס איז געווען אַזוי אויסערסט וויכטיק פאַר דעם רוב ראַציאָנאַליסטן אויס יענער ציט, האָט אבן כספּין כלל ניט באַאומרויִקט, ווייל ער איז דאָך געווען זיכער, אַז דער העכסטער אמת איז דער אמת פון רעליגיעזער אַנטפּלעקונג, און די פילאָזאָפיע אַלס ווירקלעך וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין קאָן בלויז וויסנשאַפטלעך באַגרינדן, אָבער ניט סותר זיין דעם העכסטן אַנטפּלעקטן אמת. און אבן כספּי קאָן עס גאָרניט באַגרייפן, וואָס דער רוב ראַציאָנאַליסטן פון זיין דור, בעת זיי אינטערעסירן זיך אַזוי שטאַרק מיט דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע, בלייבן זיי גאַנץ גלייכגילטיק צום תלמוד און זיינע מפרשים. „ווי איז דאָס מעגלעך — רופט ער אויס — צו האַלטן שטענדיק אין מויל אַריסטון און אַבונצרן, אבן רשד און טימאַסטעוס, טעאָפראַסטן און עווקלידן, גאַלענוסן און היפּאָקראַטן, און אינגאַנצן פאַרגעסן אין בר־קפּרא און נתנאי הארבלי און שמואל הקטן, אביי און רבא און אויך אין שמעון בן לקיש, אין ר׳ יוחנן, אין ר׳ עקיבא און אין ר׳ אליעזר? מיר יידן פאַרגעסן אין אונזערע אייגענע גרויסע און הייליקע מענער, און באַנוגענען זיך נאָר מיט פרעמדע גדולים?״ [1].

דער וויסנשאַפטלעכער אבן כספּי איז אָבער אויך געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון די וואָס האָבן אין דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע געזען דעם מקור פון געפערלעכער אפּיקורסות. „גלויב ניט, מיין זון — שרייבט ער זיין עלטערן זון קיין באַרצעלאָנע[2] — די פרומאַקעס פון אונזער דור, וואָס פאַרזיכערן, אַז ווער עס גיט זיך אָפּ די „שבע חכמות״, די שפּאָטן שוין אָפּ פון אונזערע תלמידי חכמים און זיינען מבזה די מצוות און געבאָטן פון דער תורה. און די אומוויסנדיקע פון אונזער פאָלק זיינען אַזוי פעסט איבערצייגט, אַז אין דער הינזיכט זיינען אַלע געבילדעטע גלייך, אַז זיי ווערן שטאַרק נשתומם ווען זיי זעען, ווי אַ פילאָזאָפיש געלערנטער איז מתפלל פאַר גאָט; פאַרחידושט פרעגן זיי: פילאָזאָפן דאַוונען דען אויך? די דאָזיקע עמי־הארצים ווייסן ניט, אַז דער באַטייט פונם וואָרט פילאָזאָף איז: דער ליבהאָבער פון וויסן. און טאַקע דער מאַן פון גרינטלעכן וויסן, ער פאַרשטייט ערשט רעכט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די מצוות און רעליגיעזע געבאָטן״.

---

[1] „שלחן כסף״, 174—75.

[2] „הצוצרות כסף״, 16; זע אויך „שלחן כסף״, 171, 176.

בעת מיימוני און זיינע תלמידים האָבן דאָס יידנטום אָנגעטאָן אין אַ גריכיש־אַראַבישן לבוש, באַקומט ביי אבן כספּין די גריכיש־אַראַבישע פיל?אָזאָפיע אַ גאַנץ יידישלעכן נוסח. יענע האָבן זיך געפּלייסט צו מאַכן אויס דער תורה אַ פּירוש צו אַריסטוס פילאָזאָפישער סיסטעם, אבן כספּי אָבער איז געווען איבערצייגט, אַז אַריסטו האַלט זיך טריי אָן דער תורת משה. „פאַרוואָס — רופט אויס אבן כספּי — זאָלן מיר פון זיך דערווייטערן אַריסטון, בעת יענער וויל זיך אָנהאַלטן בדת משה?"[1].

אין דער הינזיכט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט זיין שוין פריער דערמאָנטער „ספר המוסר".

בעת אבן כספּי האָט אין 1332 זיך געלאָזט אין אַ ווייטער נסיעה, וואָס איז ביי יענע צייטן געווען פאַרבונדן מיט ניט ווייניק סכנות, האָט ער אָוועקגעשיקט זיין יינגערן זון קיין וואַלענסיע אַ אייגנאַרטיקע „צוואה", אַ גרויסן קונטרס „ספר המוסר", וווּ ער באַקענט זיין זון מיט זיין וועלטאַנשויונג און לערנט אים, ווי אַזוי צו געפינען דעם ריכטיקן וועג פון גערעכטן און מאָראַליש ריינעם לעבן.

אויך אינם „ספר המוסר" שטרייכט אבן כספּי אונטער, אַז דאָס דערפאָרשן און דערקענען גאָט — וידעת את ד' אלהיך — איז דאָס גרונד־געבאָט פונם יידישן דת, און מקיים זיין די דאָזיקע מצווה איז דער העכסטער ציל פונם מענטשלעכן לעבן. „אָבער — וואָרנט דערביי אבן כספּי — גאָט זאָל דיך היטן פאַרן אפּיקורסישן געדאַנק: וויבאַלד אַז דאָס געבאָט איז דער גרונד־ציל פון דער גאַנצער תורה, וואָס פאַר אַ נוצן קאָנען מיר נאָך ברענגען די אַלע איבעריקע הונדערטער מצוות?" און ער פּלייסט זיך צו דערווייזן זיין זון, אַז דאָס דאָזיקע גרונד־געבאָט קאָן דערפילט ווערן נאָר מיט דער הילף פון אַלע אַנדערע מצוות — „המצות המעשיות והמצות העיוניות אחת מהנה לא נעדרה"[2]. ווייל דער מענטש באַשטייט דאָך „אויס גוף און נשמה" און „די נשמה האָט קיין קיום ניט אָן דעם גוף"[3]. דאָס וויסן און באַגרייפן — דערקלערט ווייטער אבן כספּי — קאָן דאָך ביים מענטשן ניט דערוואָרבן ווערן אָן דער הילף פון זיינע חושים, און ערשט אויס געפילן און איינדרוקן ווערן באַגריפן געשאַפן, דערפאַר קאָן אויך דאָס געבאָט „וידעת את ד'" דערפילט ווערן

---

[1] „שלחן כסף", 174: „ומדעתי שאריסטו החכם יורה לכל זה, ולמה נחפא בנפשו ונדחהו, אם ירצה להכנס בדת משה"?

[2] זע אויך „שלחן כסף", 150 171.

[3] „טעם זקנים", 50, עמ' א': „כי האדם מורכב מגוף ומנפש... וכי אין קיום לנפש בלעדי הגוף".

נאָר דעמאָלט, ווען דאָס וויסן און פארשטיין גייט האַנט און האַנט מיט קיום המצוות. אבן כספי ווערט ניט מיד אונטערצושטרייכן, אז די מחשבה אליין איז ניט גענוג — ניט וויניקער וויכטיק איז די מ ע ש ה. ערשט דורך דעם ווילנסאַקט, דורך דעם ט אָ ן באַקומט דער געדאַנק זיין אמתן תיקון, ערשט דורך פאַרקערפּערונג אין מעשים אַנטפּלעקט זיך דאָס ו ו י ס ן; דאָס ט אָ ן באַקרוינט ערשט די העכסטע עטישע און גייסטיקע דערגרייכונגען. לויט אבן כספּיס אָנשויונגען קאָן דעם מענטשן ניט באַפרידיקן דאָס אַבסטראַקטע וויסן אליין, דאָס אויסשליסלעכע קריטישע פאָרשן און גייסטיקע פאַרפולקומונג — דאָס דערוואָרבענע וויסן מוז פאַרקערפּערט ווערן אין רעאַלן לעבן, אין עטישע מעשים...

אבן כספּי איז פעסט איבערצייגט, אַז אַפילו „אריסטו און זיינע תלמידים” האָבן שטאַרק געוואָרנט, מען זאָל אַלץ מקיים זיין, וואָס ס'שטייט אין דער תורה און ביי די נביאים[1]. ער האַלט פאַר איבעריק צו דערווייזן, אַז די לערע פונם יידנטום איז אין הסכם מיט די גרונד־יסודות פון אריסטוס פילאָזאָפיע, וואָרעם פאַר אים איז אויסער ספק, אַז טאַקע די גריכישע פילאָזאָפיע גופא שטאַמט פון יידישע קוועלן, און ער דערציילט דערביי אַלס דבר ידוע, אַז אריסטו בכבודו ובעצמו האָט געמאַכט פּירושים אויף די געזעצן און מצוות פון דער תורה („אריסטו התנשא לפרש המצות היקרות ויחס פירושם לעצמו”), און זיין גאַנצע חכמה האָט ער געשעפּט פון שלמה המלכס ווערק און פון די חכמי ישראל, וואָס האָבן געלעבט בימי בית שני[2]. און ווען תחילת האָט ער ניט מסכים געווען מיט זיי אין דער פראַגע וועגן קדמות העולם, האָט ער שפּעטער חרטה געהאַט[3], און אויך בנוגע צו דער פראַגע איז ער צום סוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ריכטיק איז טאַקע די דעה, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין די ספרי־הקודש דורך נביאישער התגלות, וועלכע איז פיל העכער פון פילאָזאָפישער חקירה, ווייל „די נביאים האָבן דאָך באַקומען

---

[1] „מעם זקנים”, 52, עמ׳ א׳: „אריסטו וחבריו ותלמידיו כולם מזהירים לשמור כל מה שבתורה ודברי הנביאים ובפרט להזהר במעשיות”.

[2] דאָרטן, 50, עמ׳ א׳, 51 עמ׳ א׳, 52 עמ׳ ב׳. די לעגענדע, אַז אריסטו און אויך אַפלטון האָבן געשעפּט זייער חכמה אויס יידישע קוועלן, איז געווען זייער פאַרשפּרייט ניט נאָר ביי יידן, נייערט אויך ביי אַנדערע פעלקער. זע ביילאַגע, נומ׳ 6.

[3] די אַגדה, אַז אַריסטו האָט צום סוף פון זיין לעבן זיך אָפּגעזאָגט פון זיין לערע וועגן קדמות העולם, נעמט זיך דערפון, וואָס כען האָט אין מיטלאַלטער געהאַלטן אַריסטון פאַרן פאַרפאַסער פונם דעמאָלט זייער פּאָפּולערן ווערק „Teologia“, וואָס איז הייקלעך נוטה צו דער דעה וועגן חידוש העולם.

זייער התגלות דירעקט פון אדון עולם, ניט ווי מיר, פילאָזאָפן, פאַרטרע־טער פון חכמת העיון" [1].

אָט אַזוי פלעכטן זיך צונויף אין דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן ראַציאָ־נאַליסט און פייערדיקן חסיד פון מיימוניזן די תמימותדיקע מסורה מיט פילאָזאָפישער חקירה, די מצוות המעשיות מיט דעם קריטישן פאַרשער־געדאַנק. און ער טרעט אַרויס מיט דעם זעלבן צאָרן קעגן די „האלבוויסנ־דיקע", וואָס מיט זייער לייכטזיניקן פאַרהאַלטן זיך צו די מצוות און מנהגים „דערוועקן זיי אין דעם פאָלק די שנאה צום וויסן", אַזוי אויך קעגן די, וואָס קוקן מיט ביטול אויף די וויסנשאַפטן און ווילן ניט וויסן פון אַריסטון און זיינע פילאָזאָפישע דעות.

---

1 „טעם זקנים", 52, עמ' א: „כי הנביאים ע"ה ידעו הכל מאת אדון הכל ולא כן אנחנו הפילוסופים חכמי העיון".

אכטער קאפּיטל.

די פּראָוואַנסאַלישע שטאָט פּערפּיניאַן אַלס צענטער פון פרייען געדאַנק. — נרבוני אַלס פרייער דענקער; זיין פירוש אויפן „מורה נבוכים". — דער רלב"ג אַלס פילזייטיקער געלערנטער. — דער רלב"ג אַלס אַריסטאָטעליקער. — חילוקי־דעות צווישן דעם רלב"ג און אַריסטון. — דעם רלב"גס שטאַנדפּונקט בנוגע צו דער פראַגע וועגן אומשטאַרבלעכקייט. — דער רלב"ג אַלס ראַציאָנאַליסט און אַלס ביבל־דערקלערער.

אין דער צייט, ווען אבן כספּי האָט זיין „ספר מוסר" געשריבן, איז אין זיין געבורטסלאַנד, אין דער פּראָוואַנס, געמאַכט געוואָרן אַ נייער פּרוּוו שטאָלץ אַרויסצוטרעטן אונטער דער פאָן פונם פרייען פאָרשער־געדאַנק, וואָס וויל ניט וויסן פון קיין פשרות און וויל זיך ניט רעכענען מיט קיינע מסורות און אָנגענומענע אויטאָריטעטן, בעת עס ווערט געזוכט דער וועג צום אמת, צום ר א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש ן אמת. אין אבן כספּיס היים, אין דער שטאָט פּערפּיניאַן, וווּ עס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט אַ ספּעציעלער פאַראיין פון פרייִדענקענדיקע מענער [1], האָט צום ערשטן די וועלט דערבליקט און זיין יוגנט פאַרבראַכט אבן־כספּיס יינגערער בן־דור, משה בן יהושע [2] נרבוני (זיין פּראָוואַנסאַלישער נאָמען איז געווען מאישתרי בידל בלשום (Maestro Vidal Bels - homine). נאָך נאָר

---

[1] וועגן די „חברים" פון דעם דאָזיקן פאַראיין דערמאָנט אָפט אבן כספּי (חברי רבותי חכמי זמננו במדינת פירפיניאן). משה נרבוני ווייזט אָן אין דער הקדמה צו זיין „הדרושים הטבעים" (אבן רשדס אָרבעטן וועגן פיזיק), אַז ער האָט דאָס ווערק איבערגעזעצט אויפן ווונטש פון דעם „פילאָזאָפישן פאַראיין" (כת האחים). אין דער פאָררעדע צו זיינער אַ צווייטער איבערזעצונג דערמאָנט משה נרבוני „נכבדי החבורה מדורשי החכמה אשר בעיר פרפינאן". זע: שטיינשניידער, העבר. איבערז. 226, 312; „צייטשריפט פיר העבר: ביבל.", XIII, 124; Munk, Melanges, 504.

[2] די געדרוקטע אויסגאַבע פון נרבונים פירוש צום „מורה", און אייך דער כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין אזיאַטישן מוזיי אין לענינגראַד, פאַנגען זיך אָן מיט די ווערטער: „אמר משה בר' מאיר בר' משה בן אבא מארי בן מר דוד הנרבוני". נאָר עס איז פעסטגעשטעלט, אַז נאָך די ערשטע צוויי ווערטער „אמר משה" פעלט: ב ר' י ה ו ש ע (זע שטיינשניידער, קאַט. באָדל., 1867).

אין די יונגע יאָרן האָט משה נרבוני מיט דער הילף פון זיין פאָטער זיך באַקאַנט מיט דעם רמב״מס „מורה נבוכים״[1]. זיין ווייטעריקע פילאָ־זאָפישע בילדונג האָט ער באַקומען ביי די אָנגעזעענע מיטגלידער פונם אָרטיקן „פילאָזאָפישן פאַראיין״, משה און אברהם קשלרי[2]. רוב ימיו האָט נרבוני פאַרבראַכט אין פאַרשיידענע שפּאַנישע שטעט (טאָלעדאָ, וואַלענציע, סאָריאַ א״אַ), ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט מעדיציניש ער פּראַקטיק[3]. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט באַשטייט כמעט אויסשליסלעך אוים פּירושים, וועלכע ער האָט געשריבן צו די ווערק פון די אָנגעזעענ־סטע אַראַבישע דענקער: אַלגאַזאַלי[4], אבן־סנה און אבן־רשד[5]. פון זיינע געציילטע אָריגינעלע ווערק איז אַמאינטערעסאַנטסטן זיין אַרבעט קעגן דעם פרייען ווילן „המאמר בבחירה״[6], וועלכע איז געווענדט קעגן דעם פריער שוין דערמאָנטן[7] משומד אבנר אוים בורגאָס און זיין ווערק „אגרת הגזרה״. אויף אַ פיינעם, פילאָזאָפיש־דיאַלעקטישן אופן באַווייזט נרבוני, אַז דעם מענטשנס פרייער ווילן און דאָס געטלעכע אַלוויסן זיינען בכלל נים סותר איינע די אַנדערע. נרבוני נוצט דערביי קונציק אוים דעם רמב״מס דעות[8], אַז דער גאַנצער פּלאַנטער און די שוועריקייטן אין דער פראַגע נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס רוב מענטשן ווערן נכשל דורך

---

1 אין דער הקדמה צו זיין פירוש אויפן „מורה״ ווייזט אָן דער נרבוני: „כי מנעורי גדלני אבי עליו״.

2 מער באַריכות ווענן דער געלערנטער פאַמיליע קשלרי, זע: Les ecriv. juifs fr., 644—650.

3 אין זיין מעדיציניש ווערק „אורח חיים״, וואָס נרבוני האָט געשריבן אינם יאָר 1350, באַגעגנט מען אָפּט די באַמערקונג: „און איך האָב אָנטדעקט״ (ואני ודרשתי) אָדער „און איך האָב געפּרוווט״ (ואני נסיתי) אאַז״וו. דאָרטן ווייזט אויך נרבוני אָן, אַז מעדיצין האָט ער געלערנט ביי אברהם קשלרי, וואָס איז געווען אַן אָנגעזעענער אַרצט (זע Les ecriv jusfs fr., 677).

4 אין זיין פּירוש צו אַל גאַזאַלים ווערק „מאַקאַציד״ באַקלאָגט נרבוני דעם חורבן פון אַ סך יידישע קהילות אין דער פּראָוואַנס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין זיין ציים: „וכבר הביאני להתרשל מזה שראיתי מהרדיפות הכליון לקבוצים רבים נבחרים מבני עמנו מעוטרי החכמה העיונית המוציאים מים חיים קהלות מאחדות, יותר מדי היתה בהם יד ד׳... ומסרו עצמם חכמי פרובינצה וגדוליהם הקטון כגדול על קדושת השם בחרו המות על החיים״ („צייטשריפט פ. העבר. ביבל.״, XIII, 124).

5 ווענן נרבונים פּירושים זע ביי שטיינשניידערן: העבר. איבערז. 156—157, 311—319 און אויך: Les ecriv. ju fs fr., 668—681.

6 דעם „מאמר הבחירה״ האָט נרבוני געשריבן אין סאָריאַ אינם יאָר 1362; פאַרעפנטלעכט אין „דברי חכמים״.

7 זע פאָריקן קאַפּיטל, ז׳ 144.

8 „מורה נבוכים״, III, קאַפּ׳ 19—21.

אנטראָפּאָמאָרפיזם, ד״ה בעת זיי ריידן וועגן גאָטס וויסן, מעסטן זיי מיט דער ריין מענטשלעכער מאָס. אין דעם שטעקט אָבער א גוואַלטיקער טעות, ווייל דאָס געטלעכע וויסן איז דיאַמעטראַל פאַרשיידן פונם מענטשלעכן וויסן, כאָטש זיי ביידע טראָגן אין דער מענטשלעכער שפּראַך איין און דעם זעלבן נאָמען. דעם מענטשנס שכל באַקומט זיין וויסן פון דער אויסנ-וועלט, די באַגריפן פון זאַכן און דערשיינונגען באַקומט ער דורך די זאַכן גופא, דורך אָנגעשטרענגטער אַנאַליטישער און סינטעטישער אַרבעט. גאָטס וויסן איז אָבער גאָר פון אַן אַנדער אַרט: דורך דעם זעלבסטבאַוווסטזיין, דורך דעם באַגרייפן זיין אייגנעם מהות, ד״ה די סיבה ראשונה, די שאַפנדיקע און באַוועגנדיקע קראַפט פון דעם וועלטאַל — באַגרייפט ער דעם גאַנצן וועלטאַל, די אומענדלעכע קייט פון דערשיינונגען, וואָס זיינען דאָך זיינע אַנטפּלעקונגען. און דאָס געטלעכע וויסן נעמט אַרום אין איין און דער זעלבער צייט דעם גאַנצן וועלטאַל אַלס איין איינהייטלעכע גאַנצקייט, בעת דעם מענטשנס וויסן באַגרענעצט זיך מיט איינציקע גלידער, וואָס ציען זיך ווי רינגעלעך אין דער אייזערנער געזעצמעסיקער קייט פון סיבות און רעזולטאַטן.

און מיט שטאָלץ דערקלערט נרבוני צום שלום: די מאָראַליש ריינע און שטאַרקע פּערזענלעכקייט וועט ניט אָפּטרעטן פונם דרך הישר, וועט ניט מאַכן קיין פּשרות און ניט קוקנדיק אויף די שווערסטע מניעות, וועט זי ניט מוותר זיין דאָס, וואָס פאָדערט פון איר דאָס מאָראַלישע געפיל און זעלבסטבאַוווסטזיין. און ווען אבנר, וואָס האָט געפעלשט אין דעם גלויבן פון זיינע אָבות און זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פאָלק, וויל זיך באַהאַלטן אונטער דעם מאַנטל פון פאַטאַליזם און „הכל צפוי”, בכדי אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — באַווייזט דאָס בלויז, וואָס פאַר א נישטיקע און זינדיק פאַלשע נשמה דער דאָזיקער מענטש באַזיצט. א ווירקלעכער תלמיד חכם וועט זיך קיין מאָל ניט אָפּזאָגן פון זיין אייגן פאָלק, אפילו ווען ער געפינט דאָרט צווישן זיינע ברידער ניט קיין שטיצע, נאָר קאַלטע פרעמדקייט, פאַרביטערטן האַס און ווילדע עם־הארצות (ושלא יגיע לו מהמשתתפים עמו בדת עזר כי אם התנגדות להתגברות ולהעדרם מהחכמה לעברתם ושנאתם את אנשיה).

אין די לעצטע ווערטער פילט זיך דער טאָן פון איינגעהאַלטענעם דונג. אין שפּאַניע, ווו עס האָט זיך דעמאָלסט שוין גאַנץ שאַרף געפילט אין געוויסע שיכטן די פיינדלעכע באַציִונג צו „חכמת יוונית”, האָט נרבוני, דער פרייער דענקער און איבערצייגטער חסיד פון אבן־רשדס ראַציאָנאַליסטישער שיטה, ניט אומעטום געהאַט א פריינדלעכן קבלת־פּנים, און ער האָט געוויס ניט זעלטן געמוזט פירן שאַרפע וויכוחים מיט

נאַטספאַרכטיקע תלמידי־חכמים. דערמיט איז צו דערקלערן דער בּרונזער־טאָן, אין וועלכן נרבוני רעדט וועגן די „אָפּגעשטאַנענע נאַראָנים, וואָס האַלטן זיך פאַר חכמי ישראל, און אין דער אמתן זיינען זיי די אַמפּייסטן אומוויסנדיקע" [1]. די דאָזיקע ווערטער בּרענגען מיר פון זיין בּאַריסטן פּירוש צו „מורה נבוכים", וואָס איבער אים האָט ער געאַרבּעט די לעצטע זיבּן יאָר פון זיין לעבן: אָנגעפאַנגען אים אין טאָלעדאָ אין 1355 און פאַרענדיקט אין שוריא אין 1362 אויפן וועג צו זיין געבורטסלאַנד [2].

דער „מורה נבוכים" איז ביי נרבוני דאָס געטלעכע בּוך „תפארת גלותנו" — די קרוין פון אונזער גלות. אויך נרבוני איז געווען פעסט איבּערצייגט, אַז דער טעקסט פון דער תורה האָט אַ טאָפּלטן זין: איינעם פאַרן המון, דער אַנדערער, אַ פאַרבּאָרגענער — פאַר די יחידי סגולה. דערפאַר טאַקע, שטרייכט נרבוני אונטער, האָט זיך אויפן ערשטן קוק גע־קאָנט אויסווייזן, אַז עס איז פאַראַן אַ סתירה צווישן דער תורה און דער פילאָזאָפיע. צו גרויס איז געווען דער קעגנזאַץ צווישן די בּאַגריפן, וואָס דער המון האָט בּאַקומען אוים דעם ווערטלעכן פּשט פונם ביבּל־טעקסט און די פילאָזאָפישע אידעען פון די גריכישע דענקער. אַ סך אויסדריקן אין דער תורה האָבּן מיט זייער ווערטלעכן זין פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש די פילאָזאָפיש געבּילדעטע פון אונזער פאָלק. ביז ס'האָט זיך בּאַוויזן דער מאור הגולה, רבנו משה בן מיימון. ער האָט געעפנט די אויגן אונזערע חכמים. — האָט בּאַלויכטן די אַרומיקע פינסטערניש מיט זיין גאוניש ווערק, וואָס ס'האָט אויפגעדעקט דעם אמתן תוך פון דער תורה (כאלו הוא צורת התורה באמת).

מיימוני האָט אָבּער געגעבּן בּלויז קורצע רמזים, האָט נרבוני זיך פאַרגענומען אויפדעקן און מסביר זיין די דאָזיקע רמזים פאַר די פאַר־שטאַנדיקע און אויסדערוויילטע. נרבונים דערקלערונגען, וואָס זיינען אפילו

---

1 נרבונים פירוש צום „מורה", I, קאַפּ' 32: „כמו שיחשבו המתרשלים והפתאים שהם המין החושבים להיות חכמי ישראל והם מסגולות סכליהם".

2 די דאָזיקע פרטים גיט נרבוני איבער אין דעם אינטערעסאַנטן שלום־וואָרט, וואָס פעלט, לײַדער, אין דער אויסגאַבּע פון נרבונים פירוש. אַ טייל פונם שלום־וואָרט האָט פאַרעפנטלעכט יעלינעק אין „קונטרס המפתח", 32—34; בּשלמות געפינט עס זיך אין ביידע מאַנוסקריפטן, מיט וועלכע מיר האָבּן זיך בּאַנוצט. איינער פון זיי געפינט זיך אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי, דער אַנדערער, אויף פאַרמעט, איז אין דער „אָפּנ"־ביבּליאָטעק, אין קויפמאַנס קאָלעקציע. אין סוף פונם לעצטן מאַנוסקריפט געפינט זיך פאָלגנדיקע צושריפט: „נשלם פירושנו זה יום שלישי ראשון לחודש אייר שנת חמשת אלפים וקכ"ב ליצירת פה שוריא עם טרדתי בהתנועעי לשוב לארצי ולמולדתי והאל ישיב לעמו ולכל עבדיו הנעימים ישתבח המאיר האמתי באמתת אנ"ס".

מיט א כיוון געשריבן אין א טונקעלער, שווערפארשטענדלעכער שפראך, זיינען געווען צו פריי, צו „אפיקורסיש" פאר יענער צייט[2]. און עס איז קיין חידוש ניט, וואס אזא גאטספארטיקער מאן ווי יצחק אברבנאל רעדט מיט גרוים צארן וועגן דעם אפיקורס נרבוני[3], און דער בעל „עקדת יצחק", דער פרומער יצחק ערמה, געפינט, אז נרבוני האט פאר זיינע גאטלאזע געדאנקען פארדינט, מען זאל אים פארברענען צוזאמען מיט זיינע חיבורים[4]. דער שארפזיניקער יש"ר מקנדיא, בעת ער ווייזט אן אויף נרבונין, אלס אויפן מיפזיניקסטן פון אלע מפרשים, וואס האבן דערקלערט מיימונים „מורה נבוכים", שטרייכט דערביי אונטער, אז דער עמקן נרבוני איז א „מגלה סוד", וואס וויל זיך ניט רעכענען מיט קיינע אויטאריטעטן[5].

ניט ווייניקער פריי נאר פון גרעסערן באטייט אלס משה נרבוני איז געווען זיינער א לאנדסמאן און בן־דור, דער בארימטער דענקער ר' לוי בן גרשון (דער רלב"ג), באקאנט אין דער קריסטלעכער מיטלאלטערלעכער געלערנטן־וועלט אונטער דעם נאמען Magister Lewi de Bagnols (אויך Magister Leo Hebraeus). דאס איז געווען א מאן פון אוניווערסאלן וויסן, א לעבעדיקע ענציקלאפעדיע פון זיין צייט. א בארימטער תלמודיסט און ביבל־דערקלערער, איז דער רלב"ג אויך געווען א נאטור־פארשער, א טיכטיקער ארצט[6], א אסטראנאם, מאטעמאטיקער און — קודם־כל, א טיפער דענקער.

---

1 נרבוני נעמט ציטנווייז איבער אברהם אבן עזראס מאניער צו שרייבן אין רעטענישן און מיט צווייזדייטיקע משלים. דערויף האט שוין אנגעוויזן א מיטלאלטערלעכער שריפטשטעלער, אליהו דעל־מעדיגאס תלמיד, שמואל כוהן: „חידתו ומשליו בחכמת כדברי החכם ן' עזרא ז"ל סתומים וחתומים בתורה דבריו".

2 די ניסים פון דער תורה פלייסט זיך נרבוני צו דערקלערן אויפן ראציאנאליסטישן אופן, און זאגט דערביי ארויס זיין באדויערן, וואס אין דער ביבל ווערט בכלל גערעדט וועגן ניסים.

3 זע אברהם גייגערס „מלא חפנים", 66—67.

4 זע שטיינשניידער, העב. איבערז. 313.

5 „מלא חפנים", 18: „אחד רשע — זה ר' משה הנרבוני ראש למבינים, והוא זקן ביתו של המורה וירד לעומק דבריו מכל המפרשים, אלא היה כהולך רגיל מגלה סוד ולאיש לא נשא פניו".

6 העכסט ווארשיינלעך האט דער רלב"ג פון מעדיצינישער פראקטיק געשעפט זיין פרנסה. וועגן רלב"ג אלס פראקטישער ארצט רעדט יצחק דע לאטעס אין „שערי ציון": „הרב רבנו לוי בן הרב הגדול ר' גרשום... חבר חבורים רבים ונכבדים, ופירש כל התורה שבכתב ושבעל פה וביאר ביאורים נוראים בכל חכמה ובפרט בחכמת ההגיון ובחכמת הטבע ובאלהיות ובלמודיות וברפואות אין כמוהו בכל הארץ" (בובערס אויסגאבע, 48).

ווי וועגן דעם רוב פון אונזערע גדולים ווייסן מיר אויך וועגן רלבג"ס לעבן זייער ווייניק פּרטים. עס איז בלויז באַקאַנט, אַז ער איז געבוירן אין 1288 אין דער פּראָוואַנסאַלער שטאָט באַניאָל אין אַ זייער חשובער פאַמיליע. פון מוטערס צד איז ער געווען דעם רמב"נס אַן אוּר־אייניקל און, לויט דער מיינונג פון פילע פאָרשער, איז זיין פאָטער געווען דער געלערנטער ר' גרשון בן שלמה אויס אַרל, דער פאַרפאַסער פון דעם אין מיטלאַלטער זייער פּאָפּולערן „שערי השמים" — אַ ענציקלאָפּעדיש בוך וועגן נאַטורוויסנשאַפטן [1]. דער רלב"ג האָט פאַרבראַכט זיין לעבן אין די פּראָוואַנסאַלישע שטעט אָראַנזש, פּערפּיניאַן און אַוויניאָן (די דאַמאָלטיקע רעזידענץ פונם פּויפּסט), און געשטאָרבן אין 1344. אַ מענטש מיט אַ ריזיקער אַרבעטסקראַפט, האָט דער רלב"ג פאַרפאַסט אַ סך ווערק אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון וויסנשאַפט [2]. זיין אַסטראָנאָמיש ווערק „ספר תכונה" [3], ווי עס ווערט אַגב באַשריבן דער דורכן רלב"ג דערפונדענער וויכטיקער אַסטראָנאָמישער אינסטרומענט [4], האָט שוין ביים פאַרפאַסערס לעבן צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די קריסטלעכע געלערנטע און, אויפן באַפעל פונם פּויפּסט, האָט מען אינם יאָר 1342 איבערגעזעצט אויף לאַטיין דעם טייל פון „ספר תכונה", ווי

---

1 דער „שער השמים" באַשטייט פון דריי אָפּטיילונגען: די ערשטע – וועגן חיות און פלאַנצונגען, די צווייטע — איבער אַסטראָנאָמיע, די דריטע -- וועגן מעטאַפיזיק. דער געלערנטער פאַרפאַסער האָט מיט פיל פלייס צונויפגעזאַמלט אין זיין ווערק די וויסנשאַפטלעכע ידיעות פון זיין צייט. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס ווערק אָפּגעדרוקט אין ווענעדיק אין 1547 (מער באריכות וועגן ר' גרשון און זיין ווערק זע: גראָס, אין „באַגאַטשריפט", 1879; שטיינשניידער, העבר. איבערז. 9—16; Les Rabbins fr., 985.

2 דער בעל „היוחסין", זכותא, רעדט וועגן דעם רלב"גס „אָנצאָליקע ספרים" (וספריו רבו מלספור). אין דעם Les ecriv. juifes fr., 596 642, ווערט געבראַכט אַ רייסטער פון רלב"גס ווערק, און עס ווערט דאָרט אויך איבערגעגעבן זייער תוכן הענינים. אייניקע פון זיי זיינען אין מיטלאַלטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף לאַטיין.

3 דער „ספר התכונה" האָט שפּעטער געבילדעט די ערשטע אָפּטיילונג פונם 5טן טייל „מלחמות השם", נאָר דער ערשטער אַרויסגעבער האָט דעם „מלחמות" אָפּגעדרוקט אָן דעם „ספר התכונה", וועלכע שטעלט ווירקלעך פאָר אַ באַזונדער ווערק. דער „ספר התכונה איז געבליבן אין מאַנוסקריפּטן; דער תוכן הענינים פון אַלע זיינע 136 קאַפּיטלען, וואָס דער רלב"ג גופא האָט צונויפגעשטעלט, איז פאַרעפנטלעכט אין Les ecriv. juifes fr., 624—632.

4 דעם אינסטרומענט האָט דער רלב"ג אַ נאָמען געגעבן „מגלה עמוקות". די דערפינדונג האָט אויף דעם קאַלטבלוטיקן און געלאַסענעם רלב"ג געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז ער האָט עס אַפילו באַזונגען אין אַ ספּעציעל ליד „על המקל" — דאָס איינציקע ליד, וואָס דער רלב"ג האָט געשריבן אין זיין לעבן (פאַרעפנטלעכט אין „דברי חפץ")

דעם רלב״גס אינסטרומענט איז באשריבן.[1] דער באריממטער איטאליע־ניש־ער הומאניסט פיקא מיראנדאלא, באקענענדיק זיך מיט דעם דאזיקן ווערק, רעדט מיט גרויס התפעלות וועגן דעם יידישן „באריממטן און אויס־געצייכנטן מאטעמאטיקער״ (insignis et celeber mathematicus), און דער גרויסער קעפלער האט געזוכט זיך צו באקענען מיטן אסטראנאָ־מישן „טראקטאט פון רבי לוי״[2]. אויפן ווונטש פונם באדייטנדיקן מוזיק־קענער און טעארעטיקער, פיליפ דע וויטרי, האט דער רלב״ג פאר־פאסט אין 1343 א ספעציעל ווערק וועגן די הפסקות (אינטערוואלן) אין די מוזיקאלישע טענער[3].

ניט קוקנדיק אויף דעם רלב״גס גרויסע פארדינסטן אין אסטראנאָ־מיע און מאטעמאטיק, ליגט דאך זיין אמתער באטייט אויף אן אנדער געביט — אויפן געביט פון פילאזאפישן פרייען געדאנק. דער רלב״ג אלס פארפאסער פונם „מלחמות ד׳״ איז דער לעצטער באדייטנדיקער ארי־סטאטעליקער ניט בלויז אויף דער יידישער גאס, נאר אין דער גאנצער מיטלאלטערלעכער אייראפע. דאס איז געווען א מענטש מיט אן אויסערסט שארפן אנאליטישן שכל, וואס ביי אים איז דער גרעסטער אויטארי־טעט — דער פרייער, אליין צעגלידערנדיקער פארשער־געדאנק, און דער העכסטער תענוג — מוטיק און פארכטלאז זוכן און פארשן דעם אמת לשמה אן שום זייטיקע פניות און טעמים. „לעבן — הייסט דענקען!״ (ההשגה היא החיים)—אט דאס איז געווען דעם רלב״גס דעוויז. די פולקייט און רייכקייט פון לעבן ווערט געמאסטן לויט דער שלימות פון וויסן, ווארעם, לערנט דער בעל „מלחמות השם״, וויסן — דאס איז דאך דער איינציקער קוואל פון פרייד און פארגעניגן[4]. דער רלב״ג איז פעסט איבערצייגט, אז עס איז ניטא די מאכט אין דער וועלט, וואס זאל קאנען פארווערן דעם מענטשן צו שטרעבן דעם וויסנשאפטלעכן אמת צו דער־פארשן, ווארעם אין דעם באשטייט דאך דאס העכסטע גליק פונם מענטשן. זאל קיינער ניט מיינען, אז די תורה קאן אונז פארווערן אנערקענען פאר ריכטיק דאס, וואס דער שכל הישר איז מחייב... עס איז קלאר, אז דארט, ווו דער לאגישער פארשער־געדאנק ברענגט אונז צו אזעלכע

---

1 „העבר. ביבל.״ IX, 55.

2 אין זיינע בריוו צו יאהאן רעמוס שרייבט קעפלער: Utinam apud Rabbinos invenio passes tractatum R. Levi quint defensionum Dei.

3 זע „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.״, VII, 23—24.

4 „מלחמות השם״, 279: „וכל מה שתהיה ההשגה לדברים יותר ולדבר יותר נכבד, יהיה הערבות והשמחה יותר״.

מסקנות, וואָס געפינען זיך אין ווידערשפּרוך מיטן פּשט פון דער תורה — קאָן אונז די תורה דאָס מויל ניט פאַרשליסן אָפּן אַרויסצוזאָגן דעם אמת... וואָרעם — ווי קאָן דען אַ רעליגיעז געזעצבוך צווינגען אונז צו גלויבן אין דעם, וואָס ס'איז ליגן?" [1]. „עס איז ביי מיר קיין ספק ניט — איז דער רלב"ג מוסיף מיט אַ איראָנישן שמייכל — אַז מיינע דעות וועלן ביי פילע ניט נושא חן זיין — צו פרעמד זיינען פאַר זיי די דאָזיקע דעות, צו שווער איז זיי אין איינקלאַנג צו ברענגען מיט זייער געוויינ־הייט זעלבשטענדיק ניט צו דענקען, נאָר לעבן אויפן חשבון פון די אידעען, וואָס זיי האָבן פון אַנדערע בקבלה. אונזערע רייד זיינען אָבער בכלל ניט פאַר דעם סאָרט מענטשן — פאַר יענע איז געגונג, וואָס זיי גלויבן; פאָרשן און דענקען איז ניט פאַר זיי" [2]. אומבאַגרייפלעך שיינט עס דעם רלב"ג, ווי קאָן מען עס דעם דערגרייכטן אמת באַהאַלטן אין זיך און אים ניט אַנטפּלעקן פאַר אַנדערע. „דאָס איז דאָך די העכסטע שאַנד!" (זה יהיה בתכלת הגנות), רופט אויס דער רלב"ג, אונזער גאַנץ שטרעבן איז דאָך צו באַזייטיקן די מניעות, וואָס שטערן אויפן וועג פון פאָרשן, און דערוווייטערן דעם מענטשן פונם העכסטן גליק [3]. זאָל מען אויך ניט זאָגן, וואָרנט דער רלב"ג: „דער מענטש מיט זיין שוואַכן שכל איז דאָך ניט אימשטאַנד דעם אמת צו דערגיין". אדרבה, דאָס איז דאָך דעם מענטשנס צוועק, זיין העכסט גליק און פאַרגעניגן, צו שטרעבן וואָס מער צו דערפאָרשן, וואָס מער זיך דערנעענטערן צום אמת און שטייגן אַלץ העכער און העכער אויפן שווערן, נאָר ליכטיקן וועג פון וויסן [4]. דער רלב"ג מיט זיין אומשטילבאַרן דראַנג נאָך וויסן קאָן אויך בשום אופן ניט מסכים זיין מיט דעם עניוותדיקן קוק, אַז „אם הראשונים כבני אדם אנחנו כחמורים", און מיר דאַרפן זיך גאָר ניט אונטערשיידן צו וועלן משיג זיין דאָס, וואָס די קדמונים, אונזערע אַמאָליקע חכמים, האָבן ניט גע־

---

1 דאַרשן 6—7: „ולא יחשוב המעיין שתהיה התורה היא המניעה אותנו בהאמתת מה שיתאמת עניננו בזה הספר מזולת שיהיה האמת כן בעצמו... ולזה הוא מבואר שאם היה דרך העיון מביא אותנו באלו הענינים אל זולת מה שיראה מפשוטי התורה לא היינו נמנעים מלפני התורה מלהגיד בהם האמות... כי אין התורה נימוס יכריח אותנו להאמין הדברים הכוזבים".

2 דאַרשן, 3—4: „בלי ספק רבים ירחיקו דברים, מצאם בהם דברים זרים אצלם מצד דעות באו להם לא מצד העיון ולא מצד תפנות התוריות, אלא שירשום באחרים. אלא שדברינו אינם עם הכת הזאת, כי יספיק להם שיאמינו ולא ישתדלו בשידעו".

3 דאַרשן, 6: „אבל מה שהביאנו לזה הוא עוצם תשוקתנו להרים מכשול מדרך בעלי העיון באלו השאלות הגדולות אשר הטעות בהם מרחיק האדם מאד מהצלחתו".

4 דאַרשן, 5.

קאָנט דערגרייכן. „אזא קוק — דערקלערט דער רלב״ג — איז ניט נאָר א סימן פון גייסטיקער שוואכקייט — דאָס איז דאָך די פולשטענדיקע כפירה אין פּראָגרעס און פאָרטשריט אויפן געביט פון וויסן. גייט מען ארויס פונם געדאנק, אז מיר זיינען ניט בכוח צו פארברייטערן דאָס געביט פון וויסן, וואָס מיר האָבן באַקומען בירושה פון אונזערע פאָרגייער, און אז ניט אימשטאַנד זיינען מיר דאָס צו דערפאָרשן, וואָס פאַר אונזערע אָבות איז געבליבן פארהוילן — הייסט עס פשוט דן זיין אַלע חכמות למיתה, ניט גלויבן אין זייער וויַיטערן פאָרטשריט[1].

בנוגע צו דעם פונקט גייט זיך דער רלב״ג פונאנדער מיט זיין רבין גופא, מיט אריסטון און זיין אראבישן מפרש — אבן רשד. מיר האָבן שוין פריער אָנגעמערקט, אז דער רלב״ג איז דער לעצטער אָנגעזעענער אַריסטאָטעליקער אין מיטלאַלטערלעכן אייראָפּע, ער איז דער איינציקער צווישן אַלע יידישע אריסטאָטעליקער, וואָס האָט אָנגענומען די גאַנצע אריסטאָטעלישע סיסטעם[2] (אין דעם לבוש, וועלכן די סיסטעם האָט באַקומען ביי אבן־רשדן)[3], אפילו מיט די פרטים, וואָס זיינען סותר געוויסע יסודות פון דער יידישער אידעענוועלט.

און דאָך האָט דער רלב״ג, אלס פרייער און אָריגינעלער פאָרשער, נאָך אין די יונגע יאָרן ארויסגעוויזן פיל זעלבשטענדיקייט אין זיינע קריטישע דערקלערונגען צו אריסטוס און אבן רשדס ווערק[4]. דעם רלב״גס פילאָזאָפישע פאָרשונגען פאנגען זיך אָן פון דעם פונקט, ביי וועלכן ס׳האָבן זיך אָפּגעשטעלט: אין דער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפישער וועלט — אבן רשד, און אין דער רעליגיעז־רבנישער — מיימוני. דעם עמקן רבנו לוי בן גרשון באַפרידיקט כלל ניט דער ענטפער, וועלכן ס׳האָבן געגעבן די אראבישע און יידישע אריסטאָטעליקער אויף די פראַגן, וואָס האָבן אַזוי באַאומרויִקט די שאַרפסטע מוחות פונם מיטלאַלטער: די אומ־

---

1 דאַרמן, 4: „אלא שזו סבה הלושה מאוד, לפי שאיננו מחויב במה שנעלם מן הקודמים שיעלם מן הבאים אחריהם, כי הזמן מספיק בהוצאת האמת... ולולא זה לא נמצא איש חוקר בחכמות מהחכמות אם לא במה שלמדם זולתו, ואם הונח הענין, כן לא היתה בכאן הכמה כלל וזה מבואר הבטול".

2 אין דעם פרט איז דער רלב״ג געגאַנגען ווייטער אַפילו פון מיימונין.

3 דער רלב״ג האָט וואָרשיינלעך זיך באַקאַנט מיט אבן־רשדס ווערק אין דער העברעישער איבערזעצונג, וויל דאָס ריב פאָרשער, ווי גייגער, שטיינשניידער א״אַ, רעכענען, אַז דער רלב״ג האָט גוט געקאָנט לאַטיין, נאָר די אראבישע שפּראַך איז אים געווען אומבאַקאַנט.

4 מער באַריכות וועגן די דאָזיקע רלב״גס פּירושים, זע שטיינשניידער: העבר. איבערז. 65—73, 118—119, 155, 508.

שטאַרבלעכקייט פונם מענטשנס נשמה, דער תמצית פון רוח נבואה, דאָס געטלעכער אַלוויסן און די געטלעכע השגחה, דער מהות פון די הימלשע ספערן און די פּראָבלעם וועגן קדמות החומר (אייביקייט פונם חומר). אָן ענטפער אויף די אַלע פּראָבלעמען פּרוּווט דער רלב"ג געבן אין זיין באַרימט פילאָזאָפיש ווערק „מלחמות השם", וואָס איבער אים האָט ער געאַרבעט גאַנצע צוועלף יאָר (1317—1329) [1].

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן רלב"ג אַלס דענקער און פּערזענ־לעכקייט איז זיין שוין פריער דערמאָנטער שטאַנדפּונקט וועגן דער פּאָרט־שריטס־באַוועגונג אין דער וויסנשאַפט. אָט דאָ צעגייט ער זיך דיאַמעט־ראַל מיט אַריסטוס סיסטעם. די דאָזיקע סיסטעם איז געווען אַ ריזיקער, האַרמאָניש געבויטער בנין, נאָר ענג אַרומגעצוימט און פעסט געשלאָסן איז דער בנין, אָן רחבות און אָן לעבן און באַוועגונג. אַריסטו, דער גאָונישער אַרכיטעקט און סיסטעמאַטיקער, איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיין וויסנשאַפטלעכע סיסטעם איז אַ בנין אויף דורי דורות, און אַז אין אים איז געגעבן אַ באַפרידיקנדיקער ענטפער אויף אַלע וויכטיקע פּראָבלעמען. עס איז קלאָר, אַז דער באַגריף וועגן דינאַמישער אַנטוויקלונג און פּראָגרעסיוון פּאָרטשריט אויפן געביט פון וויסנשאַפט איז געווען לחלוטין פרעמד דער אַריסטאָטעלישער סיסטעם. אַלץ דרייט זיך אינם ענג געשלאָסענעם קרייז אַרום איין און דעם זעלבן פּונקט, ניט רירנדיק זיך פונם אָרט... אָט דער דאָזיקער גייסט פון פּאַרגליווערטקייט איז געווען באַזונדערס גוט צוגעפּאַסט צו דער מיטלאַלטערלעכער אָפּגעשטאַנענער אידעען־וועלט. דער סכום פון מענטשלעכן וויסן איז דאָך, לויט די דע־מאָלטיקע באַגריפן, פעסט באַשטימט לדורי דורות; דער מקור פון חכמה איז דאָך באַהאַלטן אין די כתבי־הקודש, אין די פרומע חיבורים פון די „אבות הכנסיה", די באַגרינדער פון דער קריסטלעכער אמונה. די פילאָ־זאָפיע איז בלויז אַ „שפחה לפני גבירתה" — אַ נוצלעכע „דינערין", וואָס באַדינט איר „האַרין" [2]. און דער גרעסטער מייסטער און כוהן גדול פון דער דאָזיקער חכמה, אַריסטו מיט זיין ריזן־סיסטעם, האָט ביי די קריסט־לעכע סכאָלאַסטיקער באַקומען אַ גאַנץ קריסטלעך אויסזען, און אין דעם מיטלאַלטערלעכן לבוש איז דער גרויסער גריכישער דענקער געוואָרן דער עמוד הימיני פון דער קריסטלעכער קירך, איר פרומער און געהאָרזאַמער דינער. דער ענדציל פונם מיטלאַלטערלעכן פאָרשער־געדאַנק איז געווען

---

[1] די דאָזיקע דאַטן ווייזט אָן דער רלב"ג גופא („מלחמות השם", 1868, ז"ו 219, 291, 417).

[2] ancilla theologiae — דאָס עס נעהייסן אין לאַטיין.

ניט צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון וויסן, נאָר סיסטעמאַטיזירן, ברענגען אין אַ סדר דעם סכום פון רעליגיעזע און פילאָזאָפישע ידיעות, וואָס מען האָט באַקומען פון די אָבות בירושה.

מיט דעם האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַפרידיקן דער פרייער יידישער דענקער, רבנו לוי בן גרשון, וואָס איז אין דער הינזיכט געווען דער אָנזאָגער פון אַ נייער תקופה. אמת, נאָך ניט קלאָר און גאַנץ באַוווסטזיניק, נאָר דאָך האָט דער רלב״ג פאַרשטאַנען, אַז דאָס מענטשלעכע וויסן דאַרף באַטראַכט ווערן ניט אין זיין סטאַטיק, אין זיין פאַרגליווערטקייט, נאָר אין דער דינאַמיק, אין דעם פּראָצעס פון ווערן און אין דעם דראַנג צו ווייטערער אַנטוויקלונג. זיין אומרויִקער פאָרשער־גערדאַנק האָט זיך ניט געקאָנט באַפרידיקן מיט דעם מרה־שחורהדיקן גלויבן, וואָס האָט געוועלטיקט אינם מיטלאַלטער, אַז דעם מענטשנס שכל איז אָנגעצייכנט שטענדיק צו פאַרבלייבן אין דעם פאַרכישופטן קרייז, וועלכן ס׳האָבן שוין פאָראויס באַשטימט די גדולים און בעלי רוח־הקודש פון אַמאָליקע צייטן. דער רלב״ג האָט דערפאַר ניט געוואָלט מסכים זיין מיט אַריסטוס מיינונג וועגן קדמות העולם, און אַז די געשיכטע פונם מענטשן אויף דער ערד ציט זיך שוין אומענדלעכע צייטן. ווי איז עס מעגלעך, אַז די וועלט און דער מענטש זאָל זיין אַזוי אַלט, בעת די וויסנשאַפטן זיינען נאָך אַזוי יונג? (הנה לא יתכן שיאמר שיהיו המין האנושי קדום, ואלו החכמות מחודשות להם מזמן קרוב). ביי דעם אומרויִקן גריבלען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, ביי זיין שטענדיקן דראַנג נאָך וויסן, איז ניט צו גלויבן, אַז דער מענטש זאָל אַזוי אומענדלעך לאַנג בלאָנדזשען אין דער שטאָק־פינסטערניש פון ווילדקייט, און די חכמות זאָלן זיך באַווייזן ערשט אין איא שפּעטערער תקופה פון דער מענטשלעכער געשיכטע [1]. דעם רלב״ג האָט אָבער אויך ניט באַפרידיקט די יידישע רעליגיעזע לערע וועגן „בורא יש מאין״, און אומבאַגרייפלעך האָט אים אויסגעוויזן דער געדאַנק, אַז די „סיבה ראשונה״, וואָס איז גאָלע רוחניות, זאָל באַשאַפן ניט נאָר די „צורה״ (די פאָרמען), נאָר אויך דעם חומר [2]. ער האָט זיך דערפאַר געשטעלט אויף אַפּלטונס שטאַנדפּונקט, אַז די פאָרם און באַוועגלאָזע מאַטעריע (גשם נעדר כל צורה) איז אַ קדמון און עקסיסטירט פון אייביק אָן. דערפאַר אָבער האָט דער רלב״ג, אין הסכם מיט אַריסטוס לערע וועגן פאָרם און מאַטעריע (צורה וחומר) גערעכנט, אַז די פאָרמלאָזע מאַטעריע האָט בלויז עקסיס־

---

1 „מלחמות השם״, 356—358.

2 „הצורה תתן דובה לבה שבעצמה ולזה תתן הצורות, אך איך יתן הנשכיות מי יתן ואדע״.

טירט בכוח, און די דאזיקע עקסיסטענץ האט זיך ערשט אין א באשטימטן מאמענט אנטפלעקט בפועל, בעת די פארמלאזע מאטעריע האט באקומען איר ממשותדיק זיין דורכדעם, וואס זי איז געקומען אין באוועגונג, ד"ה זיך באהעפט מיט דער פארם. און די פארם — דאס איז דאך די אפשפיגלונג פונם געטלעכן געדאנק, דאס איז דער געדאנק, וואס האט זיך פארקערפערט אין דער דורך באוועגונג אנטפלעקטער מאטעריע [1].

דער פעסטער גלויבן אינם שטענדיקן פראגרעס פונם מענטשלעכן וויסן און אין דער פרוכטבארער שאפונגסקראפט פונם פרייען פארשערגעדאנק האט גורם געווען, אז דער רלב"ג, ביי זיין גאנצער התפעלות פאר דעם טיפן אראבישן דענקער אבן רשד, האט דאך ניט געקאנט מסכים זיין מיט יענעמס לערע וועגן דער אומשטארבלעכקייט פונם מענטשנס נשמה. אבן רשד, ווי מיר ווייסן שוין, האט פאקטיש געלייקנט אין פערזענלעכער השארת־הנפש. לויט זיין שיטה, פארבלייבט ניט די נשמה נאכן מענטשנס טויט אלס זעלבשטענדיקער יש (סובסטאנץ), נאר אלס קליינער אויגנבליק אין דעם אומשטארבלעכן ערד־גייסט, דעם „שכל הפועל". אין דעם לעבעדיקן מענטשן איז בלויז פאראן בכוח די מ ע ג ל ע כ ק י י ט (הכנה) פון אומשטארבלעכקייט, און ערשט נאכן טויט און צעשיידן זיך מיטן חומר באהעפט זי זיך מיטן אקטיוון וועלט-אינטעלעקט, דעם „שכל הפועל". אט מיט דעם דאזיקן שטאנדפונקט קאן דער רלב"ג בשום אופן ניט איינשטימען. דאס איז דאך, נאך זיין מיינונג, א פארכישופטער ראד פון לאנגווייליקן און איינטעניקן געפלאנטער. וויבאלד נאכן טויט פון יעדן מענטשן, יהיה מי שיהיה, סיי א נאר און טויגעניכטס, סיי א חכם און גאון — באהעפט זיך זיין נשמה מיטן „שכל הפועל", — וואס־זשע פאר א זין האט אונזער אומשטילבארער דורשט נאך וויסן, אונזער דראנג צו דערגיין און דערפארשן דעם אמת? עס איז דאך נאריש צו גלויבן, אז אט די טייערע מתנה, מיט וועלכע דער מענטש איז באשאנקען, איז איננאנצן לבטלה, און ברענגט קיין שום נוצן ניט. די נאטור אבער, זאגט דער רלב"ג, איז ניט קיין וותרן, אלץ איז ביי איר בארעכנט און געמאסטן [2].

די פראגע וועגן השארת־הנפש פארנעמט א גאנץ בכבודיקן ארט אין רלב"גס פילאזאפישער סיסטעם. קודם־כל גיט ער א גרינטלעכן קריטישן

---

1 לויט אריסטוס טערמינאלאגיע הייסט די אנטפלעקונג פון דעם חומר דורך דער צורה „ענטעלעכיע".

2 „מלחמות השם", 26. מיט ענלעכע טענות קעגן אבן רשד איז אויך ארויסגעטראטן אלבאלאג.

איבערבליק פון די דעות, וואָס די באַדייטנדיקסטע דענקער האָבן ביז אים אַרויסגעזאָגט בנוגע דער פראַגע. דער רלב״ג גופא איז נוטה צו דער שיטה פון אריסטוס באַרימטן מפרש — אלכסנדר הפרדסי, וואָס האָט געלעבט אין סוף פונם צווייטן יאָרהונדערט לויט דער קריסטלעכער רעכענונג. דער דאָזיקער גריכישער דענקער מאַכט אַ אונטערשייד צווישן צוויי אַרטן פונם מענטשלעכן שכל: 1) דעם „מאַטעריעלן שכל״ (השכל ההיולאני), וואָס איז נאָך ניט בפועל, נאָר בלויז בכוח און קאָן, גלייך ווי דער מאַטעריע, דורך אַנטוויקלונג אָננעמען פאַרשיידענע פאָרמען, און 2) דעם „דערוואָרבענעם שכל״ (השכל הנקנה), וועלכער אַנטשטייט אויס דעם מאַטעריעלן שכל דורך פאָרשן און דענקען, און דורך די באַפרוכפערונג פונם געדאַנק גייט ער איבער פון בלויזער מ ע ג ל ע כ ק י י ט אין ווירקלעכן, אַקטועלן ז י י ן. שטיצנדיק זיך אויף דעם דאָזיקן גרונדגעדאַנק, אַנטוויקלט דער רלב״ג מיט גרויסער דיאַלעקטישער חריפות זיין אייגענע שיטה וועגן דעם מהות פונם מענטשלעכן שכל און דעם מענטשס נשמה.

מען מוז דערביי געדענקען, אַז דער רלב״ג איז געווען אַ איבערצייגטער אַריסטאָטעליקער, און אין אַריסטוס שיטה איז דאָך דער שכל דער „מלך בכיפה״, וואָס ווערט סיסטעמאַטיש אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פונקציעס פונם מענטשלעכן אָרגאַניזם. די געפילן נעמען ניט קיין שום אָנטייל אין דעם דערקענטעניש-פּראָצעס* גופא; זיי קאָנען נאָר פילן און אויפנעמען די איינדרוקן פון אויסן; זיי האָבן צו טאָן בלויז מיט דערשיינונגען. דער שכל אָבער, נאָר ער איז אימשטאַנד אויפצונעמען דאָס, וואָס שטייט העכער פון די געפילן און שפּירונגען. פונקט ווי בנוגע דעם אויסערלעכן וועלטאַל האָט אין אַריסטוס שיטה אונזער וועלט, די ערדישע פּלאַנעטע, פאַרנומען דעם צענטראַלן פונקט, אַזוי האָט אויך אויפן געביט פון פאָרשונגס-וויסנשאַפטן געוועלטיקט דער מענטשלעכער דענקענדיקער „א י ך״. „דער דענקענדיקער „איך״ — ער איז דער צענטער פון אַלעמען. זיינע באַגריפן און פאָרשטעלונגען האָט מען באַטראַכט אַלס די ענדגילטיקסטע און ריכטיקסטע אָפּשפּיגלונג פון דער אויסערלעכער וועלט; אָפּן און אַנטבלויזט שטייט יעדער אָביעקט פאַרן פאָרשנדיקן „איך״, וואָס אַנטפּלעקט מיט דער שאַרף פונם געדאַנק יענעמס אמתן תמצית און מהות. אויך דער רלב״ג איז פעסט איבערצייגט, אַז דער אמתער מהות, דער ג ע ט ל ע כ ע ר מהות פון אַלץ, וואָס ס׳איז, באַשטייט אינם ג ע ד אַ נ ק; נאָר די אַלגעמיינע באַגריפן, די אַזוי-גערופענע „אוניווערסאַליען״ — זיי זיינען עס דער ווירקלעך רעאַלער עצם פון דעם זיין. דער

* אין העברעיש הייסט עס: הַכָּרָה, ידיעה.

„מאטעריעלער שכל" איז לויט דעם רלב"גם אנשווינג בלויז א מעגלעכקייט, א „הכנה", וואס מיט איר ווערט דער מענטש געבוירן, און די טרעגערין פון דער דאזיקער הכנה איז די „פארשטעלונגס־קראפט" (הצורה הדמיונית), וואס איז בלויז א טייל פון דער „נפש המרגשת"—די געפילס־קראפט, מיט וועלכער ס'איז באשאנקען ניט נאר דער מענטש, נאר אויך די חיה.

די דאזיקע „הכנה" גייט פארלוירן צוזאמען מיטן מענטשנס טויט, ווייבאלד דער מענטש האט זי ביי זיין לעבן ניט געהעריק אויסגענוצט און זי ניט פארוואנדלט דורך פארשן און דענקען אינם „שכל הנקנה". און אט דער שכל הנקנה פון דעם דענקענדיקן מענטשן איז, לויט דעם רלב"גם אויפפאסונג, אינדיווידועל אומשטארבלעך (השכל הנקנה הוא נצחי), ניט קוקנדיק דערויף, וואס ער האט די אבסטראקטע באגריפן (המושכלות) דערווארבן מיט דער הילף פון דעם מאטעריעלן טייל פונם מענטשלעכן גייסט (הצורה הדמיונית); ווארעם די באגריפן און אידעען וועגן דעם אוניווערסאלן און אלגעמיינעם האבן דאך ניט קיין שמץ פון חומר, און אלץ וואס ס'איז ניט פארבונדן מיטן מאטעריעלן און ס'איז לויטער רוחניות (צורה) — דאס איז אומשטארבלעך. ביי דעם סכאלאסטישן אופן פון דענקען, וואס האט געוועלטיקט אין מיטלאלטער*, איז דער רלב"ג געווען זיכער, אז דאס דענקען קאן ניט זיין אפגעטיילט פון דעם אביעקט פון דענק־פראצעס, און דאס וואס דעם מענטשנס „שכל הנקנה" דענקט — דאס איז דער שכל גופא, ד"ה דאס דענקען און דער געדאנק, די אידעע — זיינען היינו הך, איינס און דאס זעלבע [1].

רבנו לוי בן גרשון גערעכנט אבער, און האלט עם פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז אונזער „שכל הנקנה", וואס איז א פועל־יוצא פון דעם אלגעמיינעם „שכל הפועל", איז דאך שטארק אפהענגיק פון אונזער „נפש המרגשת", פון אונזערע געפילן און שפירונגען [2]. ער, דער אריסטאטעליקער און איבערצייגטער ראציאנאליסט, איז דאך מיט זיין שארפן קריטישן פארשטאנד געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די באגריפן פונם דענקענדיקן און פארשנדיקן מענטשן גיבן ניט קיין פולשטענדיק ריכטיק און ענדגילטיק בילד וועגן דעם מהות פון די אביעקטן, וועלכע דער מענטשן־פארשטאנד טוט אויספארשן. ווארעם דער מענטש, דער בשר־ודם, באזיצט ניט אזא פולשטענדיק „ריינעם" פארשטאנד, וואס ער זאל

---

* זע אויבן, קאפיטל צוויי.

1 „מלחמות השם", 82 א'ווו.

2 דער רלב"ג איז בלי־ספק געווען באקאנט מיט מאמאס פון אקווינאס טעזיס: Omnis nostra cognitio intellectualis incipit a sensu.

זיין בכוח אויפנעמען און משיג זיין דאס אבסאלוטע און אבסטראקטע, דאס אלגעמיין-אוניווערסאלע, אן דער הילף פון געפילן און שפירונגען. משיג זיין אין פולער מאס דעם אוניווערסאלן גייסט, זיך פולשטענדיק באהעפטן מיטן „שכל הפועל" [1], דאס איז פארן מענטשלעכן „שכל הנקנה" אוממעגלעך, ווייל זיין וויסן איז דאך אפהענגיק פון דעם מענטשנס באגרענעצטע געפילן [2]. דער מענטש, זאגט דער רלב"ג, קאן בלויז שטרעבן ווי ווייט ס'איז מעגלעך זיך צו דערנענטערן צום אמתן און פולשטענדיקן וויסן. און וואס גרעסער ס'איז אין דעם פרט דעם מענטשנס ערפאלג, וואס מער עס דערנענטערן זיך זיינע אבסטראקטע באגריפן (מושכליו) צו דער אידעאלער איינהייט פון וויסן, וואס פון איר באשטייט דער תמצית פונם „שכל הפועל" — אלץ שטארקער וואקסט זיין פרייד און גרעסער ווערט זיין גליק און פארגעניגן [3]. נאר כל־זמן דער מענטש לעבט, טוט דער חומר, דאס מאטעריעלע פארטונקלען מיט זיינע ערדישע תביעות דאס גייסטיקע זעען, און דערפאר איז אויך די שמחה און דער תענוג ניט פולשטענדיק. ערשט נאכן טויט פאנגט אן פאר דעם מענטשנס אומשטארבלעכן גייסט, פאר זיין „שכל הנקנה" דאס פולשטענדיקע און אומגעשטערטע גליק. און דאס גליק איז אלץ גרעסער און שטארקער, וואס מער דער מענטש האט ביי זיין לעבן דערווארבן די „מושכלות" — די אבסטראקטע באגריפן און אידעען, און געפלייסט זיך צו דערנענטערן צום „שכל הפועל". אבער נאכן טויט פונם מענטשן קאן שוין זיין גייסט, זיין „שכל הנקנה" ניט באקייכערן זיין וויסן, ער איז שוין ניט אימשטאנד זיך דערווערבן נייע באגריפן, ווייל, דערקלערט דער רלב"ג, אים פעלן דאך דעמאלט די חושים, די א ר ג א נ ע ן פ ו ן ג ע פ י ל א ו ן ע מ פ י נ ד ו נ ג ע ן, וואס זיי זיינען דאך די נויטווענדיקע כלי־מבשירים ביים מענטשן צו דערווערבן וויסן [4].

---

1 עס מוז דא אנגעוויזן ווערן, אז אין רלב"גס סיסטעם פארנעמט דער „שכל הפועל", דער ערד־גייסט, א בכבודיקערן ארט ווי ביי מיימונין. לויט מיימוני, פארנעמט דער „שכל הפועל" די נידעריקסטע שטופע צווישן די הימלשע ספערן (די גלגלים), וואס זיינען נאצל (עמאנירט) איינער פונם אנדערן. ביי דעם רלב"ג אבער שטייען אלע גלגלים אויף איין און דער זעלבער שטופע, ווייל זיי צלע ווערן עמאנירט דירעקט פון דער סיבה ראשונה.

2 „מלחמות השם", 86 א"ח.

3 „וכל מה שיקרב יותר אחדות מושכליו לאחדות המושכלות אשר בנפש השכל הפועל היתה הצלחתו יותר עצומה ותהיה שמחתו ותענוגיו במה שהשיג יותר חזק".

4 „מלחמות השם", 90: „אבל ראוי שנדע שאי אפשר שיקנה אחר המות מושכל לא השיג אותו בחייו, כי אין לו הכלים אשר יושג בהם המושכל והם החושים ושאר הכחות הנמשכים להם כמו הדמיון וחכח הזוכר".

די מדרגה פון השארת הנפש, דער גראד אומשטארבלעכקייט איז בכן ענג פארבונדן מיט דעם גראד פונם דערוואָרבענעם וויסן [1]: דעם מענטשנס אומשטארבלעכער גייסט (דער „שכל הנקנה") איז אלץ גרעסער און באדייטנדיקער, וואָס מער וויסן דער מענטש האָט ביי זיין לעבן דערוואָרבן. ווי דער רמב"ם אזוי איז אויך דער רלב"ג געווען איבערצייגט, אז צו פערזענלעכער אומשטארבלעכקייט זיינען זוכה בלויז יחידי סגולה, וואָס האָבן דורך פאָרשן און דורך דערווערבן לאָגישע אמתן (מושכלות) די „מעגלעכקייט", די הכנה, אומגעוואנדלט אין אן אקטיווער גייסטיקער קראפט, און דער „מאטעריעלער שכל" איז מגולגל געוואָרן אין דעם אומשטארבלעכן „שכל הנקנה", וואָס איז כולו רוחניות, אָן א שמץ פון חומר. און בלויז אזעלכע יחידי סגולה האָבן די זכיה, עס זאָל איבער זיי רוען די געטלעכע השגחה. וואָרעם, לערנט דער רלב"ג אין פולן הסכם מיט אבן רשדס לערע וועגן דעם געטלעכן וויסן, גאָטס דערהויבענע מחשבה נעמט ארום נאָר די כוללות, די אלגעמיינע דערשיינונגען, די געזעצן פונם גאנצן וועלטאל, וואָס זיינען כולל דאָס וויכטיקסטע, דאָס אוניווערסאלע, דעם גאנצן מין, אָבער ניט די פרטים, דאָס צופעליקע, דאָס אומפארענדיקטע און מאטעריעלע [2]. דער גראד פונם באשעפערס ספעציעלער השגחה אויף יעדער לעבעדיקער באשעפעניש איז בכן פארבונדן מיט דער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג פונם באטרעפנדיקן יחיד: וואָס אנטוויקלטער ס'איז זיין גייסט (שכל הנקנה), וואָס מער זיין געדאנק איז געווענדט ניט צום צופעליקן און פערזענלעכן, נאָר צום אלגעמיינעם און צו דער אלץ אומפאכנדיקער אייניקייט—אין אלץ א גרעסערער מאָס רוט איבער אים די געטלעכע השגחה. די יחידי סגולה, וואָס האָבן אזוי ווייט אנטוויקלט זייער פארשטאנד, ער זאָל זיין מסוגל משיג צו זיין די העכסטע אבסטראקטע באגריפן — זיי געפינען זיך אונטער א אינדיווידועלער השגחה (מצד הטבע האישי), די אלע איבעריקע אָבער, וואָס גראבלען אין דער פינסטער און האָבן ניט אויסגענוצט זייערע גייסטיקע מעגלעכקייטן (דעם „מאטעריעלן שכל") — איבער זיי געוועלטיקן בלויז די אלגעמיינע געזעצן, וואָס גילטן פאַרן גאנצן מענטשן־געשלעכט צוזאמען (מצד הטבע המיניי) [3].

---

1 אויך אין זיין פירוש אויף „קהלת" (ו' א) האלט דער רלב"ג פאר נייטיק אונטערצושטרייכן: „והחכמה היא תכלית האדם והשארותו כמו שבארנו בראשון מספר „מלחמות השם".

2 דיזן דאָזיקן געדאנק זאָגט ארויס פלאַהר־יד אויך אברהם אבן עזרא אין זיין פירוש אויף דער תורה (בראשית, י"ח, 21): „הוא יתברך יודע הכל בדרך כלל ולא בדרך הלק".

3 „מלחמות השם", 164—165.

פון דעם ריין ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט אויך דער רלב"ג די פּראָפעטישע באַגאַבונג (שפע הנבואה). דער רלב"ג איז פעסט איבערצייגט, אז דער מקור פון רוח הנבואה איז דער זעלבער, וואָס פון יעדן וויסן — שלמות השכל, דער פולקומער אוניווערסאַלער פאַרשטאַנד.

„מתנאי הנביא שיהיה חכם", „מענין הנבואה שהיא צריכה לשלמות השכל", „הגעת הנבואה נמשך אחר שלמות השכל", חזרט מערערע מאָל איבער דער רלב"ג: בכדי צו זיין אַ נביא מוז מען זיין אַ חכם און אַ בקי אין אַלע חכמות, דער „ענין הנבואה" נייטיקט זיך אין „שלמות השכל". צו דער מדרגה פון נבואה קאָן דערגרייכן נאָר דער מאַן, וואָס זיין שטאַרק אַנטוויקלטער אינטעלעקט דערלויבט אים אויף אַזוי וויים צו געוועלטיקן איבער זיינע חושים און פאַנטאַזיע, אַז ער איז אימשטאַנד אין יעדן באַ־ליביקן מאָמענט זיך איינגאַנצן צו באַפרייען פון זייער השפעה און אומ־געשטערט זיך פאַרטיפן אין די התגלותן פון דעם „שכל הפועל" [1]. דער נביא געפינט זיך אין גרעסערער קרובהשאַפט צום „שכל הפועל". פון אַלע אַנדערע מענטשן, ער איז דער מאַן מיט די אָפענע אויגן, וואָס קאָן, אדאַנק זיין גרויסער חכמה, פאָרויסזאָגן, וואָס ס'וועט ערשט געשען... אדאַנק אויך דער השפעה פונם „שכל הפועל" איז דער נביא אימשטאַנד „ווונדער" צו באַווייזן. די ווונדער אָבער, שטרייכט דער רלב"ג אונטער, דאָס זיינען ניט קיין צופעליקע דערשיינונגען, וואָס זיינען סותר די פעסט־געזעצטע געזעצן — דאָס זיינען בלויז דערשיינונגען פון אַן אַנדערער, העכערער אַרט, וועלכע געפינען זיך אויך אונטער אַ באַשטימטער גע־זעצמעסיקייט, נאָר פון אַ אַנדערער העכערער מדרגה, וואָס אונטערשיידט זיך זייער פון דער מעכאַנישער געזעצמעסיקייט, וואָס געוועלטיקט אין דער נאַטור [2].

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן רלב"ג איז אויך זיין פּלוגתא מיטן רמב"ם בנוגע דער פראַגע וועגן גאָטס אַטריבוטן (תוארים). דער רמב"ם, ווי מיר ווייסן [3], פליסט זיך מיט גרוים חריפות צו דערווייזן, אַז בנוגע צו דער גאָטהייט קאָן גערעדט ווערן נאָר וועגן נעגאַטיווע, אָבער ניט וועגן פּאָזיטיווע אַטריבוטן. דערמיט קאָן דער רלב"ג כּלל ניט מסכּים זיין. מיר האָבן שוין פריער געבראַכט דעם רלב"גס אויסדרוק: „ההשגה היא חיות" — דערקענטניש איז לעבן. דאָס פאַרשן, זאָגט ער אויף אַן אַנדער אָרט, דאָס דערנענטערט זיך צו דעם אמתן תמצית פון אַלץ וואָס איז.

---

1 „מלחמות השם", צווייטע אָפּטיילונג, קאַפּ' 6.

2 „מלחמות השם", מאמר ו' פרק י"א—י"ב.

3 זע אונזער ווערק, באַנד 1, קאַפּ' 6.

אין דעם באַשטייט דעם מענטשנס העכסטע גליק [1]. און ווייל דער קוואַל פון יעדן וויסן איז גאָט, איז ער אויך דער קוואַל און די העכסטע מדרגה פון לעבן, שמחה און גליק, טאַקע ווי אונזערע חכמים זאָגן: שהשמחה במעונו. עס פּאַסטן דערפאַר פאַר גאָטס נאָמען אַזעלכע אַטריבוטן, ווי: איינִיקייט, זיין, גליקזעליקייט, וואָס באַצייכנען זיין שלמות.

דערפאַר אָבער טרעט דער רלב"ג אַרויס אַלס דעם רמב"מס טרייער תלמיד אין זיינע פּירושים אויף תנך. אויך דאָ וויל דער רלב"ג פון קיין פּשרות ניט וויסן; און אפילו דאָרט, וווּ דער רמב"ם רעדט נאָר ברמז און איז מגלה טפח ומכסה טפחים, רעדט דער רלב"ג קלאָרע דיבורים, און אָפן און אומדערשראָקן פירט ער אויס אַלע לאָגישע פועל־יוצאס פון זיין פרייען פאַרשער־געדאַנק. עס איז דאָך פאַראַן נאָר איין איינציקער אמת, דער ראַציאָנאַליסטישער אמת, דערפאַר איז פאַרן רלב"ג גאַנץ קלאָר, אַז באשר די תורה טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון געטלעכער חכמה, קאָן איר לערע בשום אופן ניט זיין אין סתירה מיט דער פילאָזאָפיע. „עס איז קלאָר, — דערקלערט דער רלב"ג — אַז מען דאַרף גלויבן נאָר אין דעם, וואָס זיין אמת ווערט באַוויזן דורך לאָגישע ראיות, און ווען עס טרעפט, אַז דער פּשט פון דער תורה איז סותר דעם דאָזיקן אמת, דאַרף מען דעם טעקסט פון דער תורה אַזוי אויסטייטשן, אַז ער זאָל צופּאַסן צו די לאָגיש־פילאָזאָפישע פועל־יוצאס" [2]. „און ניט איינמאָל — איז מוסיף דער רלב"ג מיט גרויס נחת־רוח — האָבן מיר זיך טאַקע איבערצייגט, אַז די זעלבע מסקנא, צו וועלכער מיר זיינען פריער געקומען אויפן וועג פון חקירה, שטימען טאַקע פולשטענדיק צוזאַמען מיט די דעות פון אונזער תורה" [3]. און ער, דער טיפּישער ראַציאָנאַליסט, איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז טאַקע אין דער תורה גופא געפינען זיך די זעלבע דעות, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ עמקות אַנטוויקלט אין זיין „מלחמות השם". די מענטשן זעען דאָס, וואָס זיי ווילן זען; און דער רלב"ג האָט געפונען אין דער תורה זיין אייגענע לערע וועגן „מעשה בראשית", וועגן גאָט־פאָרשן, וועגן השגחה און הימלישע גלגלים, און

---

[1] „מלחמות השם", 115: „כי ההצלחה האנושית אמנם תגיע בתכלית מה שאפשר בשנדע דבר דבר כפי מה שבטבעו שיודע לנו".

[2] „מלחמות השם", 6: „וזה כי הוא מבואר.. שהוא ראוי שנאמין מה שיתבאר אמותו מצד העיון, ואם היה שתחלוק עליו התורה לפי מה שיראה מפשוטי דבריה, הנה ראוי שיפורשו הדברים ההם בדרך שיאותו אל העיון".

[3] דאָרטן, 7: „ולזה היה מנהגנו באלו הדרושים לחקור בהם חקירה שלימת תחלה מצד העיון ואחר כך נתבאר לנו שמה שהביאנו אליו העיון בדבר דבר מאלו הדרושים הוא דעת תורתנו".

אויך זיין ראציאנאליסטישן קוק אויף די ניסים. ווען יהושע בן נון זאגט: "שמש בגבעון דום"! וויל דא דער פסוק בלויז דערציילן, אז יהושע האט עס ארויסגעזאגט דעם ווונטש, דעם שונאס מפלה זאל פארקומען נאך איידער די זון וועט אונטערגיין. יעקב אבינוס ראנגלען זיך מיטן מלאך איז, לויט דעם רלב"גס איבערצייגונג, פארגעקומען אין חלום, ניט אויף דער וואר; די מעשה מיטן גן־עדן, ווו ס'האט געלעבט דער ערשטער מענטש, דאס איז א אלעגאריש־סימבאליש בילד וועגן "מאטעריעלן שכל" און "שכל הנקנה"; און אין "שיר השירים" זעט דער בעל "מלחמות השם" דעם תמצית פון זיין אייגענער פילאזאפישער שיטה. ירושלים — דאס איז דער סימבאל פונם דענקענדיקן מענטשן, וואס איז ווי די הייליקע שטאט אויסדערוויילט גאט צו דינען. די "בנות ירושלים" — דאס זיינען די אייגנשאפטן פונם מענטשנס נשמה; שלמה המלך — איז דער ראציאנאליסטישער טייל אינם מענטשן אאז"וו [1]. ווי מיימוני, אזוי האט אויך דער רלב"ג אין יעדער מצווה געזוכט דעם נוצן, דעם אוטיליטארישן פועל־יוצא, און אין יעדער ביבלישער מעשה — דעם מוסר, דעם דידאקטיש־עטישן מיין. זיין פירוש אויף דער תורה איז דערפאר געשריבן לויט פאלגנדיקן סדר: פריער גייט ביאור המילות, דערנאך די סיסטעמאטישע דערקלערונג פונם טעקסט (ביאור הפרשה), און צום סוף ווייזט ער אן די פילאזאפישע אידעען און דעם עטיש נוצלעכן מוסר ("תועליות"), וואס מען קאן ארויסנעמען פון יעדער פרשה באזונדער. און אט דער עטיש־דידאקטישער טייל פון רלב"גס פירוש איז געשריבן אין אזא הארציקן טאן און פאפולערן סטיל, אז דער פרייער דענקער און איבערצייגטער אריסטאטעליקער איז ביי די שפעטערדיקע ארטאדאקס־פרומע דורות געווארן איינער פון די באליבטסטע ביבל־דערקלערער. זיין "מלחמות השם" און די דארט ארויסגעזאגטע פילאזאפישע אידעען האבן ארויסגערופן פילע פארביטערטע קעגנער, זיינע "תועליות" אבער האט מען מיט גרויס התפעלות געלייענט, מען האט זיי גענליכן צו די "טייערסטע שטיינער" און די "בעסטע בשמים" [2], און בכדי אויך דער פשוטער עולם זאל פון זיי קאנען געניסן, האט מען זיי אויף פשוט יידיש־דייטש איבערגעזעצט און צוזאמען מיט דער ביבל־איבערזעצונג געדרוקט [3].

---

1 דאך מוז אונטערגעשטראכן ווערן, אז דער רלב"ג האט בערך זיך ווייניק באנוצט מיט דער אלעגארישער מעטאדע.

2 זע די פאררעדע פון יעקב מרקריאה צו דער ערשטער אויסגאבע (ריווא־די־טרענטא, 1560) פון דעם רלב"גס "תועליות": "אבנים יקרות במדות גזית על חתורת ונביאים... קח לך מר דרור קנה ובשם תועליות הרלב"ג".

3 אין דער באקאנטער ביבל־אויסגאבע פון יקותיאל בליץ.

צווייט בוך

1492 — 1348

ערשטער קאַפּיטל.

דער „מורה נבוכים" און דער „מלחמות השם". — די בלום־שרעקן פון דער „שוואַרצער מַגֵפה". — די רבנים און מנהיגי־הדור און זייער שטרענג קאָנסערוואַטיווע ריכטונג. — ר' יום־טוב ליפּמאַן און זיין „הנצחון". — די קולטורעלע ירידה פונם שפּאַנישן און פּראָוואַנסאַלישן יידנטום. — יצחק הישראלי, עמנואל בונפיס, אישתורי פַּרחִי און שם־טוב אַרדוטיל. — יעקב דער בעל „הטורים". — בחיא בן אָשר און די פאַרשטאַרקונג פון די מיסטישע שטרעמונגען. — די עקלעקטיקער. - דוד בן ביליאַ; מאמר אֶלדַבּי און זיין „שבילי אמונה". — אַלדַבּיס קאַמף קעגן די „מתפלספים". — די לעגענדע, אַז דער רמב"ם האָט חוזר בתשובה געווען און געוואָרן אַ הייסער מקובל.

עס איז גענוג בלויז צו פאַרגלייכן דעם גורל פון רמב"מס „מורה נבוכים" און דעם רלב"גס „מלחמות השם", בכדי צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף וועגן די גרויסע קולטור־היסטאָרישע שינויים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער יידישער סביבה אין משך פון די הונדערט און פופציק יאָר, וואָס טיילן אָפּ אָט די צוויי חשובע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק. מיר האָבן אינם ערשטן בוך שוין אָנגעוויזן, אַז אינם רמב"מס צייטן, אונטער דער השפּעה פון דער אַראַבישער קולטור, וואָס האָט דעמאָלט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, האָט זיך געבילדעט אין שפּאַנישן און אויך פּראָוואַנסאַלישן יידישן קיבוץ אַ הויך געבילדעטע אינטעליגענץ מיט אַ פיל ברייטערער וועלטאַנשויונג, ווי ביים פשוטן פאָלק. אין די אינטעליגענטע קרייזן און אייבערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך איינגעבירגערט פרייע אידעען און אַנשויונגען, וועלכע מען האָט געמוזט ברענגען אין געוויסן איינקלאַנג מיט דער מסורת־אָבות, מיט די אַלטע רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע אַנשויונגען, אַלא גיט איז געשטאַנען די געפאַר, אַז די אינטעליגענטע קרייזן וועלן גייסטיק אינגאַנצן פרעמד ווערן דער נאַציאָנאַלער קולטור, און די מחיצה צווישן זיי און דער פאָלקס־מאַסע וועט אַלץ מער וואַקסן. אָט צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע — ברענגען אין איינקלאַנג די אַלטע רעליגיעזע אַנשויונגען מיט די נייע פילאָזאָפישע אידעען, האָט אויף זיך גענומען דער רמב"ם מיט זיין קלאַסיש ווערק. דער

„מורה נבוכים" האָט געהאַט אַן אומגעהייערן ערפאָלג, און באַלד איז ער געוואָרן דאָס באַליבטסטע בוך אין די אינטעליגענטע קרייזן. די יידישע אינטעליגענץ אין דער פּראָווענס, וואָס האָט קיין אַראַביש ניט געקאָנט, האָט, ווי מיר האָבן געזען[1], אָנגענומען ענערגישע מיטלען, וואָס גיכער צו באַקומען מיימונים ווערק אין דער העברעיִשער איבערזעצונג.

ביי גאַנץ אַנדערע צושטאַנדן איז נעשאַפן געוואָרן דעם רלב"גס „מלחמות השם". רבנו גרשונס ווערק איז דערשינען דירעקט אויף העב־רעיִש, און בעת מען פאַרגלייכט דעם וויסנשאַפטלעכן סטיל פון „מלחמות השם" מיט די שווערוואַגיקע איבערזעצונגען פון די אבן־תיבונס (יהודה און שמואל), קאָן מען ערשט רעכט אָפּשאַצן דעם גרויסן פּאָרטשריט, וואָס די וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע פון דער העברעיִשער שפּראַך האָט גע־מאַכט אין משך פון די דאָזיקע 150 יאָר. דעם „מלחמות השם" האָט אָבער נעפעלט דאָס וויכטיקסטע — די געהעריקע אוידיטאָריע און דער האַר־מאָנישער געזעלשאַפטלעכער אַפּקלאַנג. איינזאַם און פאַרלאָזן איז ער גע־בליבן, און די גייסטיקע פּאָזיציעס, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי מוטיק גע־קעמפט, זיינען שוין געווען פונם שונא אַרומגערינגלט און האָפענונגסלאָז פאַרשפּילט. דער רלב"ג האָט געקעמפט פאַרן פרייען פאָרשער־געדאַנק; ער האָט געוואָלט דערווייזן, אַז עס איז פאַראַן נאָר איינאיינציקער אמת, דער ראַציאָנאַליסטישער אמת, און אַז צווישן דער פילאָזאָפיע און דער יידישער רעליגיעזער לערע איז קיין סתירות ניטאָ — ער האָט אָבער דערגרייכט דעם פולן היפּך: זיין עקשנותדיקער ראַציאָנאַליזם, וואָס וויל פון קיין שום פשרות ניט וויסן, האָט צומבולטסטן פאַרשאַרפט די טיפע קעגנזאַצן צווישן פילאָזאָפישן פאָרשער־געדאַנק און רעליגיעזן גלויבן. זיין „מלחמות השם" האָבן די פאַרביסענע קעגנער באַלד דערקלערט פאַר „מלחמות עם השם" — מלחמות קעגן גאָט, און געפּסקנט, אַז ער איז „ווערט, מען זאָל אים אויפן פייער פאַרברענען"[2]. אפילו די, וואָס האָבן נערעדט מיט גרויס התפעלות וועגן רלב"גס טיפע תלמודישע ידיעות, ווי, צום ביישפּיל, דער באַרימטער ריב"ש, אויך זיי האָבן מיט גרויס פאַר־

---

[1] צווייטער באַנד, קאַפּיטל זעקס.

[2] דעם נאָמען „מלחמות עם השם" באַגעגענען מיר צום ערשטן אין שם־טוב אבן שם־טובס קבלה־ספר „ס' האמונות". כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקע דערקלערונג פון דוד מיססר ליאון: „...מלחמות ד' לרלב"ג אשר בו יראוי לחם עם השם שהית ראוי להשרף מרוב כפירותיו בכל הפנות התוריות, ובפרט שדבר בה שדבר בפרסום ובעזות מצח וגלה פנים בתירה שלא כהלכה שכפר בחדוש העולם ובנסים ובידיעת הפרטית כמו שיודע כי שרגיל בספרו הנזכר" (זע „העבר", ביבל." VIII, 64).

דרום זיך פאַרהאַלטן צו זיינע פילאָזאָפישע אַנשויונגען און מיט צאָרן דערקלערט, אַז ווער עס באַקענט זיך מיט זיי, דער באַגייט אַ גרויסע זינד [1].

דעם רלב״גס „אַפּיקורסישע“ חקירות און זיין פרייע שטאָלץ־ראַציאָנאַליסטישע וועלטאַנשויונג האָט שוין ווייניק געפּאַסט פאַר דער אומרויִקער צייט, אין וועלכער דעם דאָזיקן דענקער איז באַשערט געווען צו לעבן. דער רלב״ג גופא באַקלאָגט זיך אויף די שווערע גזירות פון זיין צייט, ביי וועלכע עס איז אוממעגלעך רויִק זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען [2]. ער האָט געמוזט צוזען די גירושים אין פראַנקרייך, די אימהדיקע רציחות בשעת די בהלות פון די אויפגעשטאַנענע פאַסטעכער און מצורעים. דאָס אַלץ איז אָבער געווען בלויז דער ערשטער פאָרשפּיל. פיר יאָר נאָך דעם רלב״גס טויט, אין 1348, האָבן זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע שרעקן פון דער „שוואַרצער מגפה“. ניט נאָר דער שוואַרצער טויט האָט זיינע ברייטע פליגל איבער גאַנץ מערב־אייראָפּע פאַרשפּרייט; האַרט לעבן אים האָט טריט ביי טריט געשפּרייזט זיין שרעקלעכער צווילינגס־ברודער — דער שיגעון מיט זיין „רויטן געלעכטער“. די פינסטערע, אומוויסנדיקע באַפעלקערונג, משוגע פאַר שרעק און פחד, איז ניט געווען אימשטאַנד צו באַגרייפן, פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען אָט דער מאָוויימדיקער גאַסט מיט זיין גיפטיקן אָטעם פון טויט און פאַרטיליקונג, און ווער ס'איז שולדיק אין דעם גרויסן אומגליק. און אַ ש ו ל ד י ק ע ר מוז דאָך זיין — האָט מען געגלויבט אין די אומגעלומפּערטסטע קלאַנגען, די נאַרישסטע באָבע־מעשה האָט געגאָלטן פאַרן ריינעם אמת. דער מיטלאַלטערלעכער ווילדער אָבערגלויבן האָט ניט געוווּסט פון רחמנות און מענטשלעכקייט, און ער האָט געטריבן דעם מיט וואַנזיניקער שרעק אָנגעפילטן המון צו די אכזריותדיקע רציחות און בלוטיקע מערדערייען. ס'איז אַרום אַ קלאַנג, אַז אין דעם שרעקלעכן „עיפּוש“ (עפּידעמישע קראַנקהייט) זיינען שולדיק די יידן; דאָס פאַרסמען זיי עס די ברונימער און די טייכן, כּדי צו פאַרטיליקן זייערע שונאים, די קריסטן. און דער פינסטערער המון האָט געגלויבט, און זיין גאַנצן גיפטיקן כעס האָט ער אויסגעלאָזן צו די שוצלאָזע יידן...

---

1 ריב״ש, שו״ת נומ׳ 45: „וכן הרלב״ג שהיה גם כן גדול בתלמוד והשיהו חכמות בדרך האמת וכו׳“.

2 „מלחמות השם“, 8: „כי זה כה שיוסף לנו קושי עצום באלו החקירות מצורף לזה מה שאנחנו בו מטרדת הזמן המונעות כל עיון“.

פון מזרח־שפאניע ביז דער מדינה פוילן מיט אירע אלטע שטעט קראקע און קאליש[1] — אלץ האט פארפלייצט דער בלוטיקער מבול פון שיגעון און חיהשער ווילדקייט. מער פון אלע האבן געליטן פון דעם ווילדן פעבל די יידישע קהילות אין דייטשלאנד. אלע צרות, וואס די דייטשע יידן האבן איבערגעלעבט אין דרייצנטן יארהונדערט, קאנען זיך ניט פאר־גלייכן מיט די שרעקלעכע רדיפות אין די יארן פונם „שווארצן טויט" (1348—1350). עס זיינען חרוב געווארן די עלטסטע קהילות פון ווארמס, מיינץ, פראנקפורט, קעלן אאז"וו. אין דער שווייץ, אין בייערן, ביז עסטר־רייך און מערן — איבעראל האט מען אן רחמנות די יידן געשאכטן, געברענט, אין וואסער געווארפן און זייער פארמעגן געראבעוועט און צע־שטערט. נאך אמאל האבן אויפגעלעבט די בלוטיקע סצענעס פון דער קרייץ־צוג־תקופה: די אומגליקלעכע קרבנות האבן ניט געוואלט אומקומען פון דעם שונאס מערדער־הענט, האבן זיי אליין איינער דעם אנדערן ממית געווען, די אייגענע הייזער פארברענט און דארט דעם טויט געפונען צוזאמען מיטן הויזגעזינד. א גרויסער בית־עלמין איז דאס יידישע געטא געווארן; איבער דריי הונדערט קהילות זיינען אומגעקומען אין די שרעק־לעכע יארן פון שיגעון און טויט.

די שווערע גזירות האבן אינגאנצן געבראכן די קולטורעלע שאַ־פונגס־קראפט פון די דייטשע יידן. אפילו די רבנישע וויסנשאפט האט שוין אויף דעם חרובן באדן פון די דייטשע לענדער מער ניט געקאנט גע־דייען, און בלויז נאך א מקום־מנוחה געפונען אין מדינת עסטרייך, וואס האט בערך ווייניקער געליטן אין די שרעק־יארן פון דער „שווארצער מגפה". אויפן ארט פון די ישיבות, וואס זיינען אין דייטשלאנד חרוב געווארן, האט דער פון דער שטאט פולדא אנטלאפענער רב ר' מאיר בן ברוך הלוי[2] געגרינדעט נייע אכסניות של תורה אין ווין, קרעמזע און

---

1 אין אן אלטער קינה פון יענער צייט, ווו עס ווערן באקלאגט די קהילות, וואס זיינען דעמאלסט חרוב געווארן, ווערן אויך דערמאנט אייניקע פוילישע קהילות:
מדינת פולין אזכרה — אשר נגזרה גזרה — מקהל וחבורה — כֻּלָּם קְהָלֶיךָ.
העיר קאליש קראקא — וגם גלונא — גם עמהם וַיָרָא כֻּלם אנשי סגוליך.
(זע „עמודי העבודה", הוספות, VI).

2 דער דאזיקער אנגעזעענער רב האט געפירט א אומרויק וואנדערלעבן. זיין פא־טער, ר' ברוך, איז געשטארבן אלס „קדוש", דורך א מארטירער־טויט. תורה האט ער געלערנט ביי אלכסנדר הכהן, וואס איז באקאנט אונטערן נאמען זוסלין מפראנקפורט, דער בעל „האגודה" (וועגן דינים און שיטות התלמוד); אין די יונגע יארן איז ר' מאיר געווען רב אין ערפורט, דערנאך אין פראנקפורט־דמאין. אין 1383 האט ער זיך באזעצט אין נירנבערג, נאר אין צוויי יאר ארום זיך אוטגעקערט קיין פראנקפורט, ווו ער האט

נײַשטאַדט. אַט פון די ישיבות זיינען ארויס די באַדייטנדיקסטע רבנים פונם שפּעטערן דור: ר׳ יעקב בן משה מולין (דער מהרי״ל)[1], ר׳ משה מינץ, יעקב ווייל און דער גדול הדור, דער באַרימטער ר׳ ישראל בן פּתחיה איסרלין.

אַט די מנהיגי הדור איז אויסגעקומען צו פירן אַ האַרטן קאַמף קעגן פיל אומאָנשטענדיקע פאַרשטייער פון כּת הרבנים. אין די יאָרן פונם שרעקלעכן חורבן זיינען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, פּאַרטריקנט געוואָרן די קוואַלן פון רבנישן וויסן. די צאָל תלמידי־חכמים האָט זיך שטאַרק פאַרמינערט, און ביי אַזעלכע צושטאַנדן האָבן זיך מיט כּסא־הרבנות גיט זעלטן פאַרנומען אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען כּלל נים ראוי געווען דערצו. „פילע, וואָס זיצן אויפן כּסא־הרבנות — קלאָגט זיך יעקב וויַל — האָבן גאַנץ קנאַפּע ידיעות אין תלמוד און זיינע מפרשים, און זיי נע־וועלטיקן מיט גרויס תקיפות איבער די הייליקע קהילות, נוצן אויס זייער מאַכט צו פּערזענלעכע עגאָיסטישע צוועקן. די דאָזיקע מענטשן באַוויזן נים אַפילו די מידות, וואָס לויט דעם תלמוד מוז האָבן יעדער בן ישראל, בפרט נאָך די רבנים און מדריכי העם, וואָס לערנען גאָטס וואָרט און דאַרפן זיין אַ ביישפּיל פאַר אַלעמען. און אָפט ווערט טאַקע דורך זיי גאָטס וואָרט געשענדט, וואָרעם מען ווייזט אויף זיי מיט די פינגער און מען זאָגט: אָט זעט די מענטשן, וואָס לערנען און דערקלערן די הייליקע תורה, און אַליין זיינען זיי נים מקיים אירע געזעצן און געבאָטן״[2].

נים ווייניקער שאַרף טרעט אַרויס אַ צווייטער חשובער רב פון יע־נער צייט, ישראל איסרלין. אויך ער איז זיך מתרעם אויף די „פּאַרדאָר־בענע דיינים״ פון זיין צייט, און שטרייכט אונטער דעם טרויעריקן אמת,

---

אים צוליב אַ מסירה אין תּפיסה איינגעזעצט. אויפן באַפעל פונם מלך ווענצל איז ער (אין 1392) באַפרייט געוואָרן, און דער „תּתב״, וואָס ר׳ מאיר און די שובי־העיר פון פראַנקפורט האָבן דערביי געחתמעט, איז איינער פון די עלטסטע אָפיציעלע דאָקומענטן, וואָס זיינען צו אונז אויף יידיש־דייטש דערגאַנגען (אָפּגעדרוקט אין „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.״, XI, 107—112). סוף 1393 האָט ר׳ מאיר זיך באַזעצט אין ווין און דאָרט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן (מער באריכות וועגן ר׳ מאיר חלוי זע: י. פריימאַן אין דער פאָררעדע צו „לקט יושר״, 51; מ. חינער אין „מאָנאַטשריפט״ 1868 383; וויס, „דור דור ודורשיו״, ב׳ 5; גרעץ, געשיכטע, ב׳ VIII; נידעמאַן, „געשיכטע ד. ערציהונגס־וועזען״, I.

1 געבאָרן בערך 1360, געשטאָרבן אין וואָרמס אין 1427. ביאָגראַפישע פרטים וועגן דעם דאָזיקן חשובן רב זע: „ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענטס״, 1848, 395—400.

2 שו״ת נומ׳ 163.

אז „סמיכה האָבן זייער פילע באַקומען, נאָר למדנים זיינען גאַנץ ווייניק"[1]. אַט די „פאַרדאָרבענע דיינים" האַלט עס איסרלין פאַר נייטיק אָפּצוּ־ דערמאָנען, אַז ניט מיט רדיפות און חרמות קאָן מען עס אַנדערע איבער־ צייגן אין דער ריכטיקייט פון זיין מיינונג[2], און דעם כבוד פון דער תורה און דעם רעספּעקט צו רבנות טאָר מען ניט שיצן מיט דער געוואַלד פון דער אויסערלעכער רעגירונגס־מאַכט[3].

בכדי צו פאַרהיטן, אַז דעם כסא־הרבנות זאָלן ניט פאַרנעמען קיין ניט פּאַסיקע מענטשן, האָט נאָך דער באַגרינדער פון די ישיבות אין עסט־ רייך, ר' מאיר הלוי, געפּרוּווט איינפירן דעם מנהג פון „סמיכות": פאַר־ נעמען דעם רבנות־פּאָסטן אין וועלכער ס'איז קהילה קאָן נאָר דער תלמיד־ חכם, אויף וועלכן ס'האָבן „סומך" געווען אָנגעזעענע רבנישע אויטאָרי־ טעטן, אַז ער איז ראוי צו זיין רב[4]. נאָר ווי עס שיינט, האָט אויך די דאָזיקע תקנה ווייניק געהאָלפן, און מאיר הלוים תלמידים זיינען נאָך אַלץ געווען געצוווּנגען צו קעמפן קעגן „דיינים מקולקלים".

דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון יענעם דור איז באַשטאַנען אויסשליס־ לעך אין פאַרגרעסערן די חומראָס פון דינים און געזעצן; אַלץ שטאַרקער מאַכן די סייגים און גרענעצן, וואָס מער אַפּצוימען די יידישע קהילה פון דער פיינדלעכער דרויסנוועלט. קיין הויך פון פרישן לעבן; „וישח אדם וישפל איש" — פאַרשטאַרצט פון ליידן זיינען די מענטשן געוואָרן, דער דערשראָקענער געדאַנק פּרוּווט ניט זוכן קיין אויסוועגן, קיין ענטפער אויף די פראַגן, וואָס נאָגן אין די צעווייטאָגטע הערצער. די מנהיגי הדור זעען פאַר זיך נאָר איינאיינציקע אויפגאַבע: זיין טרייע שומרים איבער דער מסורה פון די אָבות, אָפּהיטן מיט אַלע פּרטים דעם מינדסטן מנהג פון די פריערדיקע דורות. זיי זיינען דערפאַר געווען די אַנטשיידנסטע קעגנער פון וועלכע ס'איז שינויים אין רעליגיעזן קולט. „ולא ראיתי ולא שמעתי לשנות

---

1 „פּסקים וכתבים" נומ' 255: „מפני תקלת הדור מחשש דיינים מקולקלים, כי הנסמכים רבים אבל היודעים מועטים".

2 נומ' 253: „לבלתי תפנו דעתכם לגזור ולענות בנדוי וחרמות על כל אותן שכנגדיכם הן גדול או קטון או רבים או יחידי".

3 דאָרטן נומ' 64: „נמרת או סברת לנהוג שררות הרבנות של תורה בכות שלטוני האומות".

4 דער באַקאַנטער בעל „צמח דוד", בעת ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם איני־ ספּיטום פון סמיכות, גיט ער דערביי פאָלגנדיקע דערקלערונג: „שמה שנתחדש סמיכה זו בין האשכנזים מטעם שבזמן ההוא היו רבים עוסקים בנתינת גיטין וקידושין אף שלא היו יודעין בטיב הלכתן, ע"כ נתקנה סמיכה זו לסימן לכל בני תפוצות אשכנז שכל מי שאינו נסמך למורנו לא יהיה לו רשות להתעסק בטיב גיטין וקידושין".

ומנהג", „ואין לשנות המנהג", חזרט איבער יעדעס מאָל איינער פון די רבני־שע אויטאָריטעטן אויס יענער צייט, ישראל מברונא [1]. „א מנהג איז שטאַרקער פון א דין", דערקלערט אנטשיידן דער זעלבער פאַרפאַסער [2]. בעת דער באַרימטער תלמודיסט יוסף קולון, וואָס האָט געלעבט אין רענעסאַנס־איטאַליע, האָט ניט געפונען קיין שום איסור אין דעם, אַז יידן זאָלן זיך קליידן אין דער זעלבער הלבשה, ווי די קריסטלעכע באַפעלקערונג [3], האָט זיין בן־דור, ישראל מברונא, געפסקנט, אַז ווער עס זיצט בגילוי־ראש, איז ער עובר אויפן גאַנצן יידישן דת, ווייל א ייד דאַרף זיין אָפּגעזונדערט ניט נאָר אין קליידונג, נאָר אפילו מיט זיין שוכוואַרג, און ווער עס פאָלגט ניט, דער איז אַן אפיקורס, און מען דאַרף אים מחרים זיין לשם שמים [4]. מיט דעם זעלבן שטרענג אָרטאָדאָקסן גייסט זיינען דורכגעדרונגען די פּאָפּולערסטע ווערק, וואָס שטאַמען פון יענער פאַרחושכטער צייט: יעקב מולינס „מנהגים" (מנהגי מהרי"ל), ישראל איסרלינס שו"ת „תרומת הדשן" און דער „לקט יושר" [5] פון איסרלינס תלמיד, יוסף בן משה.

איין אויסנאַם איז דאָך פאַראַן—דאָס איז דאָס באַקאַנטע פּאָלעמישע ווערק „הנצחון". זיין פאַרפאַסער איז דער פּראָגער רב און ראש־ישיבה ר' יום־טוב ליפּמאַן מילהויזן [6]. די גאַנץ ווייניקע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן אים, וואָס מיר באַזיצן, האָבן מיר דער עיקר צו פאַרדאַנקען דעם „הנצחון" גופא. אין זיינע לעצטע ניין קאַפּיטלעך („סימנים") ווערט דערציילט, אַז אין יאָר 1399 האָט מען ליפּמאַנען און פילע אַנדערע אָנגעזעענע פאַר־שטייער פון דער קהילה אין תפיסה איינגעזעצט צוליב א מסירה פון

---

1 שו"ת נומ' 73: „נשאלתי — דערציילט דאָרט ווייטער ישראל מברונא — עשיר מארץ רוסיא אם רשאי לעשות טלית משי צבע אדום או ירוק לכבוד השבת ויום־טוב. והשבתי שלא יעשה כן".

2 דאָרטן נומ' 23: „ומנהג עוקר הלכה".

3 שו"ת נומ' 88: „אין הישראלי מחויב להשתנות מן הגוי כלל... אין שום איסור ללבוש לבוש הנהוג בין הגוים" (מיר ציטירן נאָך דער ווענעציאַנער אויסגאַבע, 1519).

4 שו"ת נומ' 34: „אגן דדיירינן בין האומות ואינהו אזילי בגילוי הראש וחשיב כחוקות הגויים... חשוב השתא כעובר על דתי יהודית... ואשכחן חלוקי יהדות בשנוי בגדים אפילו במנעלים וסנדלים... וכיון דמיחא ביה ולא אשגח עליה חשיב כאפיקורוס ונדוהו לשם שמים..."

5 דאָס דאָזיקע אין קולטור־היסטאָרישער הינזיכט זייער אינטערעסאַנט זאַמלבוך איז פאַרענדיקט אין 1470; צום ערשטן האָט עס פאַרעפנטלעכט אין 1903—4 אין „מקיצי נרדמים"־אויסגאַבע יעקב פריימאַן.

6 ליפּמאַן איז געווען אויך א צייט לאַנג רב אין ערפורט, קראָקע און אַנדערע שטעט (זע יהודה קויפמאַן „ר' יום־טוב ליפמן", 1927, 15—16).

איינעם א משומד מיטן נאָמען פעטער, וואָס האָט געמאַכט א בילבול אויף די יידן, אז זיי האָבן געלעסטערט דעם קריסטלעכן גלויבן. ר׳ יום־טוב ליפּמאַן האָט אויפן געריכט גלענצנד באַוויזן די פאַלשקייט און אומבאַ־גרינדעטקייט פון דער מסירה, דאָך האָט דער משפט זיך פאַרענדיקט אויפן טראַגישסטן אופן: כ׳ אלול 1400 האָט מען 77 מיטגלידער פון דער קהילה דן געווען למיתה און אויפן אַנדערן טאָג האָט מען נאָך דריי טובי העיר אויפן שייטערהויפן פאַרברענט.

פילע שטעלן אין דעם „הנצחון" זאָגן עדות, אז זיין פאַרפאַסער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דעם עוואַנגעליום אין דער לאַטיינישער ביבל־איבערזעצונג, און אז ער פלעגט האָבן אָפטע וויכּוחים מיט קריסט־לעכע גייסטלעכע און געלערנטע וועגן רעליגיעזע פראַגן („הנצחון", סימן 225, 260 אאז"וו).

מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אז גראָד אין יענער צייט, אין אָנהייב XVטן יאָרהונדערט, האָבן אין די קריסטלעכע געלערנטע קרייזן פון אַלט־פּראָג די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט ארויסגערופן די אידעען פון דעם גייסטרייכן ענגלישן רעפאָרם־פּרעדיקער וויקלעף. זיינע אָנהענגער און קעגנער פלעגן פירן היציקע וויכּוחים אין די זאַלן פון דעם פּראָגער אוני־ווערסיטעט, וווּ עס האָט דעמאָלט אָנגעפאַנגען זיין עפּאָכע־מאַכנדיקע טעטיקייט דער באַרימטער יאַן הוס. אַט די רעליגיעזע יוירונג אין דער קריסט־לעכער געזעלשאַפט, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורכן געפיל פון אומ־צופרידנקייט מיט דער קירך און אירע אָפיציעלע פאַרטרעטער — האָט געמאַכט א שטאַרקן רושם אויך אין דער יידישער סביבה. פילע האָבן אין דעם געוואָלט זעען אן „אתחלתא דגאולה", און געהאָפט, אז דאָס וועט ברענגען צום חורבן פון דעם קריסטלעכן גלויבן און צום ניצחון פון דער יידישער אמונה. א קריסטלעכע כראָניק פון יענער צייט באַקלאָגט זיך דערויף, וואָס „אַלע קריסטן און יידן, סיי פון העכערן שטאַנד, סיי פון פּשוטן פאָלק גייען איבער אויפן צד פון די הוסיטן, און קיין שום שררה איז דערפאַר ניט אימשטאַנד די הוסיטן צו באַצווינגען". אין יאָר 1419 ווערט ביים טעאָלאָגישן פאַקולטעט פונם ווינער אוניווערסיטעט ארומגע־רעדט די פראַגע וועגן דעם „בונד פון די יידן מיט די הוסיטן און די וואַלדענזער" [1].

---

[1] מיר ציטירן לויט שיפּער, „די יידישע וועלט", 1928, I, 5—124; זע אויך שיפּערס „קולטורגעשיכטע", 67—69.

אַז דאָס איז ניט בלויז אַ בילבול מצד די קאַטוילישע קלעריקאַלע קרייזן אויף די זיי פאַרהאַסטע יידן זאָגט עדות דער היסטאָריש באַקאַנטער פאַקט, אַז אין די רעליגיעזע וויכוחים מיט די פּראָגער טעאָלאָגן פלעגט זיך אָפּט באַטייליקן דער מקובל און פּייטן ר׳ אביגדור בן הקדוש ר׳ יצחק קאַרא, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין סליחה ,,את כל התלאה״, אין וועלכער ער באַקלאָגט די גרויסע שחיטה אין פּראָג פון 1389. אים האָט די הוסיטן־באַוועגונג געבראַכט אין אַזאַ התפעלות, אַז ער האָט זיין פּיוט וועגן גאָטס איינִיקייט ,,אחד יחיד ומיוחד אל״ איבערגעזעצט אין דייטש און די הוסיטן פלעגן דאָס דאָזיקע ליד זינגען אין ביידע שפּראַכן. באַזונדערס אַנטציקט האָט זיי דער פערז:

יודע, מוכאַמעדאַנער אונד אויך קריסט,

ערקעננע, דאַס גאָט אונקערפערליך איסט.[1]

אַדאַנק אָט דער פריינדשאַפט פון ר׳ אביגדור מיט די הוסיטן איז אפילו אין דער יידישער סביבה געשאַפן געוואָרן אַ לעגענדע, אַז די גאַנצע הוסיטישע באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון דעם יידישן פּייטן אביגדור קאַרא.[2]

אָט טאַקע צו יענער צייט[3] האָט אביגדורס תלמיד און חבר יום־

---

1 יְהוּדִי, נוֹצְרִי, עֲרָבִי בִּינָה
לֹא נִרְאֵית לָאֵל כָּל תְּמוּנָה.

אין „ס׳ שירים זמירות ותשבחות״, וווּ אביגדורס פּיוט איז אָפּגעדרוקט, פעלט דער דאָזיקער פערז.

2 אַ פאַרפאַסער פונם 15־טן י״ה דערציילט: „בימי מהר״י סג״ל ע״ה נתגלגל מעשה גדול על ידי מה״ר אביגדור קרא ע״ה שהיה מיושב בעיר פראגא שהיא עיר המלוכה במדינת פיהם. והוא היה נושא חן בעיני המלך והקדים אותו אליו עד שלמד עמו כל כך שידע והודה אותו המלך שאמונת אותו האיש שוא ומדוחים. ויהי כשמת המלך עמד גלח אחד והיה שמו הוש גם בימי אביגדור הנז׳ והיה מושך אליו כל בני העיר ההיא והודיעם היחוד האמיתי והיו מחריבים את כל בית תרפותם ושרפו את פסיליהם באש והיו מייסרים הגלחים והכומרים בכמה מיני יסורין ונאספו אליהם רוב בני אותה מדינה ונתנו את לבם להפר אמונת אותו האיש״ (פאַרעפנטלעכט דורך ש. ד. לוצאַטו אין פּאָלאַקס „הליכות קדם״, 79—80. זע אויך: „אגרות שד״ל״, 866, און „עמק הבכא״, 75, אויסגאַבע 1852).

3 אַז דער „הנצחון״ איז פאַרפאַסט געוואָרן פאַר 1410, זעט מען אויס דעם סימ׳ 335, ווו דער פאַרפאַסער ווייזט אָן, ווי פילע „מחשבי קִצין״ פון זיין צייט פאַרזיכערן, אַז אין יאָר 1410 וועט קומען די גאולה.

טוב ליפמאַן זיין ווערק פאַרפאַסט [1], בכדי צו געבן זיינע ברידער דאָס נייטיקע געווער אין די הענט, יענע זאָלן וויסן, ווי אַזוי צו שיצן אין רעליגיעזע וויכּוחים די יסודות פון דער יידישער אמונה און מיט ערפאָלג אָפּווענדן די פּאָלעמישע אָנפאַלן פון די קעגנער. און ליפמאַן גופא איז געווען אַ געשיקטער פּאָלעמיקער. ער זאַמלט צונויף אָט די אַלע פּסוקים און שטעלן אויס דעם תנ"ך, וועלכע די קריסטלעכע טעאָלאָגן פּליסן זיך איינצוהילן אין אַ קריסטלעכן לבוש און ווילן אין זיי זען דעם אייזערנעם באַווייז, אַז נאָר זייער אמונה איז טאַקע די איינציקע אמתע. און דער בעל „הנצחון" צעשטערט אומבאַרעמהאַרציק זייער גאַנצן בנין. מיט גרוים חריפות באַווייזט ער טריט ביי טריט, ווי אומבאַגרינדעט און אומבאַהאָלפן זיינען אַלע זייערע פּירושים און פּשטלעך. די קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן טאַקע אינם בעל „הנצחון" דערזען זייער געפערלעכן קעגנער, זיי האָבן זיין ווערק אין לאַטיין איבערגעזעצט און דורות־לאַנג האָבן זיי אַרויסגעשטעלט זייערע בעסטע קעמפער, יענע זאָלן צעשטערן די טענות פונם פּראַגער רב און אָפּטעמפּן די שפּיצן פון זיינע פיין געשליפענע פּאָלעמישע פיילן [2].

עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער שווערער צייט, אַז אָט דער קונציקער פּאָלעמיקער, וואָס ביי אים פילט זיך אין זיין קאַמף קעגן קריסטנטום אַ געוויסער ראַציאָנאַליסטישער הויך — איז אויך געווען אַ פאַרברענטער מיסטיקער. ער שרייבט אַ ספּעציעל ווערק וועגן די סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די אותיות פונם אַלף־בית [3], רעכנט דאָרט אויס דעם „קץ" און פאַרזיכערט, אַז משיח וועט קומען ניט שפּעטער פון שנת „נקם לפ"ק" (1330), ווען עס וועט גענומען ווערן נקמה פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון די אַלע קדושים, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען על קידוש־השם. ער שרייבט אַ פּירוש אויף מעשה־בראשית און מעשה־מרכּבה [4], ווו ער דערווייזט, אַז דערגרייכן די העכ־

---

1 דער „הנצחון" באַשטייט אויס 354 סימנים „נאָך דער צאָל פון די טעג אינם יאָר", לויט אַ דערקלערונג פונם פאַרפאַסער גופא („כל סימני הספר הנצחון הזה שנ"ד כבנין שנת הלבנה אשר ישראל מונין אחריה").

2 קענן ליפמאַנס ווערק זיינען דערשינען: „Triumphator vapulans sive exfulatio", „Disputatio contra Lipmanni „Nizzachon", „Anti Lipmaniana" און פילע אַנדערע. מער באַריכות וועגן דעם פרט זע יהודה קויפמאַנס „הרב יום־טוב ליפמאַן", 90—109.

3 „ספר אלפא ביתא" געדרוקט אין סוף ספר „ברוך שאמר" (שקלאָווער אויסגאַבע, 1804, דף 17—52).

4 „ספר האשכול", צום ערשטן פאַרעפנטלעכט דורך יהודה קויפמאַן אין 1927.

כטע מדרגה און אריינדרינגען אין די טיפסטע סודות קאָן מען נאָר דורך חכמת הקבלה, און ער איז אַפילו פעסט איבערצייגט, אַז אויך דער רמב״ם איז געווען אַ איבערצייגטער מקובל [1].

דער יידישער קיבוץ אין שפּאַניע האָט בערך ווייניק געליטן אין די שרעק־יאָרן פון דער „שוואַרצער מגפה”, נאָר דער גרויסער חורבן, וואָס ס'האָט געטראָפן די דייטשע און פראַנצויזישע יידן, האָט שטאַרק געווירקט אויף די גייסטיקע שטימונגען פון די יידן אין צפון־שפּאַניע. דער וויכטיקסטער צענטער פונם יידישן פרייען געדאַנק — די פּראָוואַנס, האָט איבערגעלעבט אַלע שרעקן פון די בלוטיקע „גזירות”. צוזאַמען מיטן עקאָנאָמישן חורבן איז אויך דאָס קולטורעלע שאַפן שטאַרק געפאַלן [2], און אַפילו אין קאַסטיליע האָט אַליז בולטער זיך געלאָזט פילן דער איינזייטיקער גייסט פון אָפּגעזונדערטקייט, וואָס ס'האָט געבראַכט מיט זיך אויס דייטשלאַנד דער באַרימטער תלמודיסט ר' אשר בר יחיאל. דער חרם פונם רשב״א איז געבליבן אין זיין פולער קראַפט, און אויך אין שפּאַניע האָבן שוין פילע געהאַלטן פאַר געפערלעך צו פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן, ווייל דאָס קאָן ברענגען צו אַפיקורסות. אַ אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, ווייל זיי זיינען דאָך ענג פאַרבונדן מיט „חידוש החודש” און קאַלענדער־רעכענונגען [3]. און טאַקע אויף דעם געביט האָט דעם ראַ״ש אַ תלמיד געשאַפן דאָס איינציקע אמת וויסנשאַפטלעכע בוך, וואָס דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט געגעבן אין משך פון דער ערשטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט. דאָס דאָזיקע ווערק איז יצחק בן יוסף הישראלים „יסוד עולם” [4], וואָס ס'איז ביז דער נייסטער צייט געווען אַזוי פּאָפּור־

---

1 „ספר האשכול”, 165: „הרי נתבאר שהרב ז״ל מודה לחכמת „הקבלה”. ווי עס שיינט איז ליפּמאַן געווען אויך באַקאַנט מיט גבירולס „מקור חיים” (געוויס דורך פאַלקירה „ליקוטים”), זע „האשכול”, 128: „דע שחכמינו ז״ל הוכיחו דאי אפשר לחומר וצורה להיית זה בלא זה”.

2 אַ טרויעריק בילד פון קולטורעלער ירידה אין דער פּראָוואַנס אינם סוף פון XIV־טן יאָרהונדערט גיט דער אַרצט לעאָן יוסף אין זיין פאָררעדע צו דער איבערזעצונג פון געראַרד דשולאַס מעדיציניש ווערק. זע ביילאַגע נומ' 7.

3 אַפילו אבא מארי און זיינע אָנהענגער האָבן אין סאַמע ברען פון זייער מלחמה קעגן די ראַציאָנאַליסטן געהאַלטן פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן די גרויסע ניצלעכקייט פון אַזעלכע וויסנשאַפטן, ווי מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע (זע שמעון בן יוספס בריוו אין צונץ „יובלשריפט”, 165: „המלמדים הגיון מספר תשבורת ותכונה... חכמות אלו צריכות לתורה לתלמוד ולמשנה”).

4 די בעסטע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן ווערק איז דערשינען אין בערלין אין 1846—8.

לער און באַליבט. ישראלי איז געווען דער ערשטער צווישן די אייראָפּע־
אישע געלערנטע אין מיטלאַלטער, וואָס האָט אָנגעוויזן, ווי אזוי מען דאַרף
אויסרעכענען די לאַגע פון דער לבנה בנוגע צו יעדן ערדפּונקט באַזונ־
דער [1], און ערשט דער באַרימטער קעפּלער האָט פאַרשטאַנען, ווי נעהע־
ריק אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן כלל.

א בן־דור פון ישראלי איז געווען א צווייטער יידישער אסטראָנאָם און
מאַטעמאַטיקער, עמנואל בן יעקב באָנפּים אוים טאַראסקאָן, וואָס זיין
אסטראָנאָמיש הויפּטווערק „שש כנפים" האָט געשפּילט אזא באַדייטנ־
דיקע קולטורעלע ראָלע אין אַלטן מאָסקאָווישן רוסלאַנד. אין יאָר 1406
איז דערשינען א לאַטיינישע איבערזעצונג פון „שש כנפים", פון לאַטיי־
ניש איז באָנפּיסעס ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש, און דער
„שעסטאָקריל" איז געוואָרן די וויכטיקסטע קוועלע, פון וועלכער דאָס
מאָסקאָווישע רוסלאַנד האָט דורות־לאַנג געשעפּט אירע אסטראָנאָמישע
און מאַטעמאַטישע ידיעות [2].

דער „יסוד עולם" און „שש כנפים" זיינען ביידע פאַרבונדן מיט
פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע דעם יידישן ריטואַל („הלכות קידוש
החודש" און „קביעת המועדים"); רעליגיעזע אינטערעסן האָט אויך באַ־
צוועקט אַן אַנדער וויכטיק וויסנשאַפטלעך ווערק פון יענער צייט — דער
„כפתור ופרח" פון אישתורי בן משה הפרחי. דער פאָטער זיינער איז

---

1 אין דער אַסטראָנאָמיע הייסט דאָס „דער פּאַראַללאַקס" פון דער באַטרעפנדי־
קער פּלאַנעטע.

2 אויף דער עלטער האָט עמנואל בן יעקב איבערגעזעצט אויף העברעיש דעם
באַרימטן „אַלכּסנדר־מוקדן־ראָמאַן", וואָס איז אין מיטלאַלטער געווען פאַררעכנט פאַר
אַ קדמונישׁ ווערק, און אַלס זיין פאַרפאַסער האָט געגאָלטן דעם גרויסן אַריסטוס תלמיד
קאַליסטען. דעם „תולדות אַלכּסנדר" האָט דער בעל „שש כנפים" איבערגעזעצט פון
דעם לאַטייניִשן נוסח — דעם פּראָטאָפּרעסוויטערס לעאָ „Historia de Praeliss". אין
דער הקדמה צו דער איבערזעצונג דערקלערט דער עמנואל בן יעקב: „איך האָב מיר
פאַרגענומען איבערצוזעצן דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז אַזוי באַליבט ביי די קריסטן, אַז
זיי האָבן עס אויסגעצירט מיט שיינע פילפאַרביקע בילדער, געפּאַסט אין גאָלד און אין
זילבער. דאָס רוב לעזער גלויבט אין אַלץ, וואָס דאָרט איז באַשריבן, איך בין אַפילו
פֿון אַנדער מיינונג; יעדנפאַלס איז דאָס אַ נוצלעך ווערק און עס פאַרדינט אַוודאי, מע
זאָל עס איבערזעצן. זאָלן אָבער די לעזער נים מיינען, אַז איך טו עס אוים גדלות
אָדער בכדי דערכים קונה־שם צו זיין — איך טו עס בלויז אוים פאַרגעניגן; איך טראַכט
ביי מיר: ווען עס וועט מיר אויסקומען צו זיצן אין אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפט אָדער
אַפילו צווישן פּשוטע עמי־הארצים — וועל איך זיי דערציילן די געשעכענישן פון דעם
דאָזיקן ספר, און נרוים וועט זיין זייער פאַרגעניגן, זיסער פון האָניק וועלן פאַר זיי
זיין זיינע רייד (זע: Les ecriv. etc, ,692—699; Revue d. etudes juives, VI, 729).

געוועזן אַ שפּאַניער פון געבורט אויך דער שטאָט פלאָרענץ[1], נאָר אישתורי גופא איז, ווי עס שיינט, געבוירן געוואָרן אין דער פּראָוואַנס, ווייל ער רופט די דאָזיקע מדינה „ארץ מולדתי" — מיין געבורטסלאַנד[2]. אישתורי האָט באַקומען אַ אַלזייטיקע דערציִונג; חכמת היהדות האָט ער געלערנט ביי זיין זיידן נתן אויס טראַנקעטיל, דערנאָך ביים „קדוש" אלעזר אויס שינון און אויך ביים רא"ש, בעת יענער האָט געוווינט אין מאָנפּעליע. אַלגעמיינע וויסנשאַפטן און אויך אַראַביש און לאַטיין האָט ער געלערנט אין מאָנפּעליע ביי זיין קרוב, דעם באַקאַנטן אַסטראָנאָם יעקב בן מכיר. נאָכן גירוש פון 1306, האָט פרחי אַ קורצע צייט פאַרבראַכט אין פּערפּיניאַן און דערנאָך געלעבט זיבן יאָר אין באַרצעלאָנע, ווו ער האָט איבערגעזעצט פון לאַטיין אויף העברעיִש פילע מעדיציניִשע ווערק, צווישן זיי אויך דאָס אין יענער צייט זייער באַוווּסטע האַנטבוך „De remedii,' פון אַרמענהאַד בלעז[3]. אין 1312 נעמט פרחי ווידער דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט; ער פאַרברענגט אַ קורצע צייט אין קאַיִר, און פון דאָרט לאָזט ער זיך קיין פּאַלעסטינע. אין אַ האַרציקן טאָן דערציילט ער[4], ווי אַזוי ער, אָרעם און בלויז, איז געוועזן נע־ונד איבער פרעמדע לענדער צווישן אומבאַקאַנטע פעלקער ביז ס'איז אים סוף־כל־סוף געלונגען צו דערשלאָגן זיך צום הייליקן לאַנד פון די אָבות, וווּהין זיין האַרץ האָט אַזוי געגלוסט. גאַנצע זיבן יאָר וואַנדערט דער נע־ונדניק איבער דעם אַלטן הרובן לאַנד[5]; ער פאָרשט אויס יעדער ווינקעלע, פאַרנאָטירט אַלץ, וואָס קאָן האָבן אַ אינטערעס צו דער פאַרגאַנגענהייט פונם לאַנד, און אַלס צייטיקע פרוכט פון דער דאָזיקער פלייסיקער אַרבעט איז אַנטשטאַנען זיין באַרימט ווערק „כפתור ופרח", וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין 1322 אין בייזאַן (דאָס אַלטע בית־שאון)[6].

---

1 פונם וואָרט Flora נעמט זיך דער העברעיִשער נאָמען פרחי.

2 דאָס יאָר, ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, איז ניט באַקאַנט. מע איז זיך משער, אַז ער איז געבאָרן אינמיטן די אַכציקער יאָרן פונם דרייצנטן יאָרהונדערט.

3 מער באריכות וועגן פרחיס איבערזעצונגען זע: שטיינשניידער, העבר. איבערז. 778 און 835; Les ecrivains juifs français, 405–9.

4 אין דער פאָררעדע צו „כפתור ופרח".

5 „כפתור ופרח", 46 עמ' ב': „הן הייתי כשני שנים בגליל דורש וחוקר ועוד חמש שנים בשאר ארצות השבטים לא מנעתי עצמי שעה אחת מרגל את הארץ ברוך העוזר" (מיר ציטירן נאָך איידעלמאַנס אויסגאַבע).

6 דער „כפתור ופרח" איז צום ערשטן געוועזן געדרוקט אין ווענעדיג אין 1549, נאָך דעם איינציקן זייער פאַרגרייזטן כתב־יד, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז; איבערגע־דרוקט דורך איידעלמאַן אין בערלין אין 1852, און דורך לונץ אין ירושלים אין 1897 אין אַן אויסגעבעסערטער פאָרם. אין 1912 האָט ל. גרינהוט אַרויסגעגעבן דעם אויסגע־בעסערטן טעקסט מיט אַ דייטשער איבערזעצונג.

פרחים ווערק איז אַ אמתער אוצר פאַר פּאַלעסטינע־פאַרשונג. ער גיט די וויכטיקסטע ידיעות וועגן דער פלאָרע פונם לאַנד, וועגן מאָסן און געוויכטן, וועגן אַרטיקע מטבעות אוים די פאַרשיידנסטע צייטן און וועגן אַלע אנדערע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אַרכעאָלאָגיע. פילע אינ־טערעסאַנטע ידיעות גיט אויך דער „כפתור ופרח" וועגן אַרטיקער כראָ־נאָלאָגיע, וועגן פאַרשיידענע סעקטעס אין פּאַלעסטינע אאז"וו.

אויף אַלע אנדערע געביטן פון ליטעראַטור און וויסן האָבן זיך אַלץ בולטער באַוויזן די סימנים פון ירידה. דער קוואַל פון העברעישער פּאָעזיע איז אינגאַנצן איינגעטריקנט געוואָרן אין קאַסטילישן לאַנד. דאָרט, ווו ס'האָט אַמאָל יהודה הלוים ליד געקלונגען, האָבן איצט פאַר־נומען דעם בכבודיקסטן אָרט אַזוינע ווייניק באַגאַבטע פערזנשרייבער, ווי שם־טוב בן יצחק ארדוטיל, וואָס איז אין 1345 ארויסגעטראָטן מיט זיין פאַרבלאָזער מאַקאַמע „דער וויכוח צווישן דער פען און דער שער"[1]. אפילו אויפן געביט פון תלמודישן וויסן האָבן זיך ניט באַוויזן קיין נייע שעפערישע קרעפטן, בלויז פּשוטע זאַמלער, וואָס זייער איינציקע אויפגאַבע איז געווען צו ברענגען אין אַ סדר, סיסטעמאַטיזירן דעם ריי־זיקן מאַטעריאַל, וואָס ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דעם משך פון די פריי־ערדיקע דורות. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי זינט דער אוים דייטשלאַנד אַנטלאָפענער ר' אשר בר יחיאל (רא"ש) האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון רב הכולל אין דער גרעסטער קאַסטילישער קהילה, האָט זיך אין דעם ספרדישן יידישן קיבוץ אַלץבולטער אָנגעהויבן צו שפּירן די השפעה פון „נוסח אשכנז" — פון דעם דייטש־פראַנצויזישן יידנטום. דאָס האָט זיך באַלד באַמערקבאַר געמאַכט אפילו אין דער „פּוסקים"־ליטעראַטור, אין די זאַמלביכער פון רעליגיעזע דינים און מצוות. מיר האָבן געזעען, אַז דעם רמב"מס „משנה־תורה" האָט שוין בשעתו ניט אינגאַנצן באַפרידיקט די דייטש־פראַנצויזישע יידן. אין פראַנקרייך איז באַלד ארויסגעטראָטן משה מקוצי מיט זיין „סמ"ג", וואָס איז לויט זיין מיינונג געווען מער צוגעפּאַסט צו די מנהגים און לעבנס־שטייגער פונם פראַנצויזישן יידנטום. אין דייטשלאַנד זיינען שטאַרק אָנגענומען גע־וואָרן דער „אור זרוע" און דער „מרדכי". אין פּערצנטן יאָרהונדערט אָבער האָט דער „משנה תורה" שוין ניט געקאָנט אינגאַנצן באַפרידיקן אפילו די ספרדישע קהילות. מיימוני, וואָס האָט געהאַט אַ זייער קנאַפּן חוש פאַר דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, איז געווען אַזוי פעסט זיכער, אַז ער האָט מיט זיין „משנה תורה" געשאַפן אַ זאַמלבוך פאַר אַלע צייטן.

---

1 פאַרעפנטלעכט אין „דברי חכמים", 47—55.

און מיט שטאָלץ האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין שטאַרקן בטחון, אַז זיין ווערק וועט „בלי־ספק אָנגענומען ווערן פון גאַנצן יידישן פאָלק און עס וועט זיך באַנוצן נאָר מיט אים און ניט מיט קיין שום אַנדער ספר"[1]. די געשיכטע האָט אָבער באַוויזן, אַז דער רמב"ם האָט אַ טעות געהאַט. אינם לעבנסשטייגער און אין דער אידעען־וועלט פון דעם שפּאַ־ניש־יידישן קיבוץ זיינען אין די שפּעטערע דורות פאָרגעקומען גרויסע שינויים. די תלמודישע וויסנשאַפט אין שפּאַניע האָבן שטאַרק אַנטוויקלט אַזוינע גאוני התורה, ווי דער רמב"ן, דער רשב"א און דער ראַ"ש. זיי מיט זייערע חריפישע חידושים, חילוקים און שו"ת, אין וועלכע ס'האָט זיך געשפּירט די שטאַרקע השפּעה פון די דייטש־פראַנצויזישע „בעלי התוספות", האָבן אויף אַזוי פיל באַרייכערט די רבנישע ליטעראַטור, אַז עס איז נייטיק געוואָרן אַ נייער קאָדעקס, אַ „כל־בו" פון יידישע דינים און געזעצן, וואָס זאָל געהעריק אויסנוצן דעם דאָזיקן נייעם געוואַלטיקן מאַטעריאַל. אָט די ראָלע פון דעם נייעם פּוסק האָט גלענצנד דערפילט דעם ראַ"שס זון, ר' יעקב. אין די דרייסיקער יאָרן פונם XIV יאָרהונדערט איז דערשינען זיין פיר־בענדיקער „טורים", וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה אויף דער גאַנצער שפּעטערדיקער רבנישע ליטעראַטור.

ר' יעקב „בעל הטורים" איז ניט געווען קיין גאון התורה, קיין גרויסער חריף און „עוקר הרים" ווי זיין באַרימטער פאָטער; ער האָט אָבער גע־האַט אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט פון אַ אויסגעצייכנטן סיסטעמאַטיקער, און אַדאַנק דעם האָט ער זוכה געווען צו ווערן אַ גדול בישראל, זיין ווערק זאָל פאַרנעמען איינע פון די בכבודיקסטע ערטער צווישן די מיטלאַלטער־לעכע „פּוסקים". יעקב דער בן הראַ"ש האָט אויסגעשלאָסן פון זיין זאַמל־ווערק די אַלע דינים און מצוות, וואָס זיי האָבן צו זיין צייט שוין ניט געהאַט קיין פּראַקטישן ווערט, דערפאַר אָבער האָט ער געשענקט די גרעס־טע אויפמערקזאַמקייט די פילע מנהגים, וואָס זיינען געווען באַזונדערס אָנגענומען אין די דייטשע קהילות. דעם גאַנצן ריזיקן מאַטעריאַל האָט ער איינגעטיילט אין פיר טייל: 1) טור אורח חיים — די הנהגות פונם מענטשן פון אינדערפרי ביז צום שלאָפן גיין, דאָן אַלע דינים און מנהגים פון שבת, ראש־חודש און ימים־טובים; 2) טור יורה דעה — דיני שחיטות וטריפות און דיני איסור והיתר; 3) טור אבן העזר — וועגן פאַמיליען־רעכט. די דיני אישות, קידושין, גיטין און חליצה; 4) טור חושן־משפּט — וועגן בירגערלעכן רעכט, דינים בין איש לחבירו און

---

[1] זע אונזער ווערק ב' ‏I, ז' 196.

צווישן יחיד און קהל. אדאנק זיין קלארער פארשטענדלעכער שפראך און אויסגעצייכנטן סדר, וואס לויט אים איז דער גרויסער מאטעריאל איינגעטיילט, איז דער „טורים" באלד געווארן שטארק אנגענומען בכל תפוצות ישראל [1]; ער האט מיט דער צייט פארדרענגט אלע אנדערע רעליגיעזע זאמלווערק, וואס זיינען דערשינען פאר אים, און ער איז אויך געווארן דער גרונדשטיין, אויף וועלכן דער „שלחן־ערוך" מיט אלע זיינע „נושאי כלים" זיינען אויפגעבויט געווארן [2].

די ניכטער־טרוקענע זאמלונג פון דינים און געבאטן האט אבער נים אלעמען געקאנט באפרידיקן. דער בעל „הטורים" איז אפילו געווען מיסטיש געשטימט, און ברענגט אפט ראיות פון דער קבלה [3], נאר בכלל איז זיין סטיל בלאס און איינטאניק, אן א פונק פון התלהבות און פאטעטישן פאטאס. דער בעל „הטורים" האט ניט געהאט דעם כשרון פון א פייערדיקן פרעדיקער, ווי משה מקוצי בשעתו, וואס האט פארשטאנען, ווי אזוי די דינים און מצוות איינצוהילן אין א לבוש פון הארציקן מוסר און הייסער באגייסטערונג. און דאס, וואס ס׳האט געפעלט דעם פלייסיקן בקי און זאמלער ר׳ יעקב בן אשר, מיט דעם איז געווען אין פולער מאס באשאנקען זיין בן־דור, דעם רשב״אס א תלמיד, דער מיסטיקער און טאלענטפולער פרעדיקער אוים סאראגאסא, ר׳ בחיי בן אשר.

בחיי בן אשר האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו שרייבן „א ווערק, וואס זאל דערקוויקן די פון שווערן גלות און גרויסע צרות פארמאטערטע הערצער. פון גרויסע ליידן זיינען די מוחות דערשלאגן און זיינען ניט אימשטאנד זיך רויק פארטיפן אין דעם ים התלמוד, אויספארשן זיינע רייד, וואס זיינען טייערער פון גאלד און פון פערל, בכדי קלאר צו ווערן אין אלע מצוות און דינים. זייער נשמה לעכצט נאך די דערפרישנדיקע קוואלן פון דרשות און הגדות" [4].

---

[1] דער „טורים" איז געווען דאס ערשטע יידישע ווערק, וואס ס׳האט דעם דרוק־ווארשטאט דערזען (אין פיעווע־די־סאקו, 1473).

[2] מער באריכות וועגן די „ארבעה טורים" זע: וויים, „דור דור ודורשיו", V, 115—120.

[3] זע, למשל, אין טור אורח חיים סי׳ 6, 35, 51, 113, 115, 120, 121 א״א.

[4] אין דער הקדמה צום „כד הקמח": „זה ספר דור דורשיו יגיעי כוח, יעפי הגלות והצרות ימצאו בו מנוח; כי על אודות התלאות יתבלבלו הרעיונים, ויסתתמו הלבבות ויתמעטו המבינים, בהיותם במוקשים לציד את רגלם, יכבד עליהם עולם, כי יעמדו במיצר עולם, יצר ויקצר שכלם, להתבונן ולעלות בסולם מגבוה ייראו מעלות על הרי התלמוד החמוד מזהב ורב פנינים, אשר יסודי הדת עליו נשענים בביאור המצות והתר הדינים ובארץ נחלי דרשות והגדות ימצאו נחל עינים ובנוהות שאננים".

צו דעם צוועק האָט ער זיין ווערק „כד הקמח" געשריבן. אין זעכ־ציק קאַפּיטלעך באַטראַכט בחיי בן אשר לויטן אלף־בית נאָך זעכציק וויכטיקסטע געבאָטן און כּללים, וואָס דער מענטש האָט נייטיק אין זיין לעבנס־וועג, דעם וועג פון מוסר און גערעכטיקייט. אמונה און ליבע צו גאָט דעם באַשעפער, בטחון אין דער געטלעכער השגחה און זיינע וווּנ־דערבּאַרע דרכים, די שיינקייט פון תפילה און בית־הכּנסת, די גרויס־קייט פון „הכנעה" און „טהרת הלב" און דאָס נישטיקייט פון גאווה און חניפה, וועגן ואהבת לרעך כּמוך, וועגן כּיבוד אב ואם, וועגן שלום און תשובה, צדקה און מעשים־טובים, וועגן דער מתיקות פון דער האָ־פענונג אויף גאולה און וועגן דער פּראַכטפולער הייליקייט פון שבת — וועגן אַליץ רעדט בחיי בן אשר מיט דער פילפאַרביקער שפּראַך פון אַ באַ־גייסטערטן פּרעדיקער, באַצירט מיט האַרציקע משלים און דברי מוסר, גענומען אויס דער אגדה און מדרשים.

נאָך בולטער באַווייזן זיך אַלע אייגנאַרטן פון בחיים סטיל אין זיין באַקאַנטן פּירוש אויף תורה. אַדאַנק דעם דאָזיקן פּירוש איז דער בעל „כד הקמח" געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן ביים פאָלק. „דער רבנו בחיי זאָגט" — באַגעגענען מיר כּמעט אויף יעדן בלאַט פון דער „ווייבערשער תורה", דעם „צאינה־וראינה". און דער פּשוטער לעזער האָט בתמימות געמיינט, אַז אָט דער אין „צאינה וראינה" אַזוי אָפט ציטירטער מפרש איז דער רבנו בחיי, וואָס האָט פאַרפאַסט דעם באַליבטן מוסר־ספר „חובת הלבבות". אויף אַזאַ אופן זיינען די צוויי פאַרפאַסער, וואָס האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע תקופות, פאַראייי־ניקט געוואָרן אין דער פאָלקס־מסורה אין איין פּערזאָן — דער ליבער „רבנו בחיי". עס זיינען גאַנצע לעגענדעס געשאַפן געוואָרן וועגן דער „הייליקייט" פון רבנו בחיים פּירוש: מיט ניסים ונפלאות האָט ער זיך פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט...[1].

ניט אומזיסט ווייזט אָן בחיי בן אשר אין דער הקדמה צו זיין פּירוש, אַז פון אַלע מפרשים איז ביי אים אַם חשובסטן דער רמב"ן, און אים נעמט ער זיך פאַרן מוסטער. נאָך עפּטער ווי דער רמב"ן ברענגט בחיי בן אשר ראיות פון דער קבלה און שטיצט זיך ביי זיינע דערקלע־רונגען אויף „חכמת הנסתר". דער רמב"ן האָט ניט געוואָלט, אַז די מיס־טישע סודות זאָלן אַנטפּלעקט ווערן פאַרן ווייניק צוגעגרייטן לעזער, האָט

1 די אגדה וועגן דער וווּנדערבּאַרער „אַנטפּלעקונג" פון בחיים פּירוש ברענגט גירונדי אין זיין „תּולדות גדול ישראל", 62.

ער זיי דערפאר אייגגעהילט אין שווער פארשטענדלעכע רמזים. דער „רבנו בחיי״ איז אָבער ארויסגעגאנגען פון דעם שטאנדפונקט, אז עס איז שוין געקומען די צייט די סודות פון דער קבלה זאָלן נתגלה ווערן לעיני כל ישראל, איז ער זיי טאקע מסביר אין א קלאָרער, לייכט פארשטענדלעכער שפראך און פלעגט זיי צוזאמען מיט אגדות און משלים אוים פארשייד־דענע מדרשים. אין דעם דאָזיקן שטרעבן צו באקענען די ברייטע קרייזן מיט די אמתן פון דער „חכמת הנסתר״ שפירט זיך דער גייסט פון יענער צייט. אין משך פון די עטלעכע צענדליקער יאָרן, וואס טיילן אָפּ דעם רמב״ן פון בחיי בן אשר, האָט זיך אויף אזוי פיל פארשטארקט די השפּעה פון דער קבלה, אז אפילו פילע ראציאָנאליסטן און פארשטייער פונם ראדיקאלן פילאָזאָפישן געדאנק האָבן זיך אָנגעהויבן צו רעכענען מיט דער אידעען־וועלט פון דער „חכמת הנסתר״. אפילו אזא איבערצייגטער ראציאָנאליסט, ווי משה נרבוני, רעדט מיט רעספּעקט וועגן די מקובלים פון זיין צייט (התורנים המקובלים היום מאנשי אומתנו), און אין זיין פירוש אויף „מורה נבוכים״ פארטיידיקט ער די בעלי קבלה פארן רמב״מס שארפער קריטיק. ווי די ראציאָנאליסטן־אריסטאָטעליקער פלעגן פריער זיך פלייסן אָנטאָן די תלמודישע אגדות אין א פילאָזאָפישן לבוש, אזוי פרוווט נרבוני דאס אייגענע איבערחזרן אויך מיט אָזוינע קבלה־ספרים, זוי „שיעור קומה״ א״א [1]. אפילו דער רלב״ג אליין, נאך דעם ווי ער האָט מיט זיינע אויגן צוגעזען דעם גרויסן גירוש פון די פראנצויזישע יידן, האָט מיט התלהבות אויסגערופן: „אשרי המחכה ויגיע״ — גע־בענטשט איז דער, וואס ווארט אויף ביאת משיח און וועט זיך אויף אים דערווארטן! און טאקע אין זיין פירוש אויף „דניאל״ רעכנט ער אוים דעם „קץ״ און ווייזט אָן, אז אין יאָר 1358 וועט קומען דער גואל...

פילע פון דעם רלב״גס יינגערע צייט־חברים, וואס האָבן אלע זייערע קרעפטן אָפּגעגעבן פילאָזאָפישע און וויסנשאפטלעכע פארשונגען, האָבן זיך ניט געקענט באנוגענען ניט מיט דעם איינציקן ראציאָנאלי־סטישן אמת, ניט מיט אלבאלאגס „צווייארטיקן אמת״. אייניקע פון זיי האָבן נאך געפרווט פאראייניקן דאס אומפאראייינבארע, צונויפּפּאָרען די קעגנגעזעצלעכע עלעמענטן: פילאָזאָפישן ראציאָנאליזם מיט אסטראָלאָגיע, מיסטיק וכדומה; אנדערע ווידער זיינען אלץ מער נוטה געווען צו דעם געדאנק, אז עס איז טאקע פאראן נאר איין איינציקער אמת — דאס איז דער אמת פון התגלות, וואס ברענט מיטן פייער פון התלהבות און איז

---

[1] זע נרבונים מאמר, וועלכן שמחה פינסקער האָט פארעפנטלעכט אין „כוכבי יצחק״, XXX, 25—33.

באַשיינט מיטן מיסטישן ליכט פון „רזין דרזין" — פון דער הייליקער חכמת הקבלה.

אַ טיפּישער פאַרטרעטער פון דער ערשטער גרופּע איז געווען דער פילאָזאָפיש געבילדעטער דוד בן יום־טוב אבן בילאַ. דער דאָזיקער שריפט־שטעלער איז געווען טעטיק אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון וויסנ־שאַפט. ער האָט געשריבן אַ ווערק איבער לאָגיק („כללי ההגיון"), וועגן עטיק, וועגן דער קרובהשאַפט צווישן מעדיצין און אַסטראָלאָגיע („כלל קטן"); ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ האַנטבוך וועגן מעטריק און איבער־געזעצט (אין 1338) אַ ספּעציעלע אַרבעט איבער די מעדיצינישע אייגנ־שאַפטן פון דער שלאַנגען־הויט (מאמר בסגולת עור הנחש). אבן בילאַ האָט זיך אויך באַטייליקט אין חכמת היהדות, געשריבן אַ פילאָזאָפיש־אַסטראָלאָגישן פּירוש אויף חומש „מאור עינים", ווו עס פילט זיך שטאַרק די השפעה פון קבלה [1], און אין אַ ספּעציעלן מאמר „יסודות המשכיל" [2] באַהאַנדלט ער מיימונים „שלשה עשרה עיקרים", גיט דערביי צו זיינע אייגענע „שלשה עשרה יסודות המשכיל", און די אַלע 26 יסודות צוזאַמען, שטרייכט אונטער אבן בילאַ, באַטרעפן די זעלבע צאָל, ווי דער שם־המפורש און ווי דאָס צוויי מאָל איבערגעחזרטע וואָרט „אחד" [3].

אבן בילאַ פלייסט זיך דערביי אונטערצושטרייכן, אַז זיינע סברות האַלט ער פאַר נייטיק צו באַגרינדן ניט מיט ראיות פון די חכמי אומות העולם, נאָר פון „אונזער הייליקער תורה", ווייל די פילאָזאָפן גופא מוזן דאָך ערשט דערווייזן די ריכטיקייט פון זייערע געדאַנקען און הנחות דורך לאָגישע סברות און ראיות אויס דער פיזיק און נאַטור־דערשיינונגען, די תורה אָבער זי איז גובר די דאָזיקע געזעצן, און אַנטפּלעקט זיך דורך ניסים און וואונדער [4].

אמת, אבן בילאַ בויט זיינע „יסודות" אויפן מאָראַליש הויכן גרונד־געדאַנק, אַז דער מענטש דאַרף ניט וואַרטן אויף אַ באַזונדערן שכר־

1 אבן בילאַס פּירוש ציטירט זייער אָפט שמואל אבן צרצה אין זיין „מקור חיים". אינטערעסאַנטע פּרטים ברענגט ש. זאַקס אין זיין „הפליט", 31—33.

2 פאַרעפנטלעכט אין „דברי חכמים", 56—60.

3 „והיו היסודות ששה ועשרים כמנין השם הנכבד ויתקיים מקרא שכתוב ד' אחד ושמו אחד".

4 „שתורתנו הקדושה היא למעלה מן הסברות הפילוסופיות וזה לפי שכן הירוע שהסברות הפילוסופיות הן לקוחות מטבע המציאות והפילוסופים לא יאמתו בשום דבר אלא בראיה או במופת אשר הקדמותיו תהיינה מכת המורגשות והמושכלות והמבחינות. ותורתנו הקדושה היא באה כנגד כל אלה ותעשה נסים... עד יעידו על זה".

פאר זיינע נערעכטע מעשים — דאָס העכסטע געצאָלט איז דאָס באַוווּסטזיין, אַז זיין טאָן געפינט זיך אין פולן הסכם מיט דעם, וואָס דאָס מאָראַלישע געפיל פאָדערט פון אים [1]. נאָר בכלל פילט זיך שוין אין אבן ביליאַס ארבעט דער גייסט פון ירידה און אָפּגעשטאַנענעם עקלעקטיזם.

נאָך טיפּישער אין דעם פּרט איז אבן בילאַס אַ ייִנגערער בן־דור — דער אַרצט מאיר בן יצחק אַלדבי, דער פאַרפאַסער פון דעם פּאָפּולערן רעליגיעז־פילאָזאָפישן ווערק „שבילי אמונה". וועגן אלדבים לעבן ווייסן מיר בלויז די ווייניקע פּרטים, וואָס ווערן געבראַכט אין „שבילי אמונה". זיין מוטער איז געווען דעם ראַ"ש טאָכטער, און ער ציטירט אים זייער אָפט אין זיין ווערק אונטערן נאָמען „זיידע" [2]. געבוירן איז ער אין טאָלעדאָ, נאָר עפּעס אויס אַן אומבאַקאַנטער סיבה האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון דער געבורטסשטאָט, און איז געווען נע־ונד אין פרעמדע מדינות, ווו ער האָט געלעבט אין גרוים דחקות [3]. אין דער פרעמד האָט ער אין יאָר 1360 פאַרענדיקט זיין „שבילי אמונה", און זיינע לעצטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל.

אין דער נייער וויכנשאַפטלעכער ליטעראַטור ווערט אַלדבי באַשולדיקט אין פּלאַגיאַט [4]; ער האָט דאָס אָבער בכלל ניט פאַרדינט. אין מיטלאַלטער האָט בכלל נאָך ניט עקסיסטירט קיין שאַרפע גרענעץ צווישן אַן אייגן, אָריגינעל ווערק און פּשוטער איבעראַרבעטונג און קאָמפּילאַציע. אין מיטלאַלטערלעכע וויסנשאַפטלעכע קרייזן האָט מען געהאַט גאַנץ אַנדערע באַגריפן וועגן פּלאַגיאַט און ליטעראַרישע גנבות, ווי אין היינטיקער מאָדערנער צייט. אפילו ערשטקלאַסיקע שריפטשטעלער האָבן נעהאַלטן פאַר פּאַסיק אויסצונוצן און איבערשרייבן גאַנצע פּרקים פון פרעמדע ווערק, ניט דערמאָנענדיק דערביי אפילו דעם נאָמען פונם באַטרעפנדיקן פאַרפאַסער (ווי צום ביישפּיל אַלבערטוס מאגנוס בנוגע צום „מורה נבוכים"). און ניט איין ווערק, וואָס האָט אין מיטלאַלטער שטאַרק קונה־שם געווען, איז אין תוך גענומען בלויז אַ קאָמפּילאַציע פון פרעמדע

---

1 „כי שכר המצוה היא המצוה עצמה לא שתהא דבר אחד והשכר דבר אחר, כי שכר הידיעה באמתתו ית' היא הידיעה עצמה ושכר מעשה הצדקה היא הצדקת עצמה, כי בעשותו מעשה הצדקה עשה צדק לנפשו החכמה כי פרע לה חובה ומת שכר גדול מזה".

2 זע „שבילי אמונה", נתיב 3, 7 און 11.

3 „כי מרוב עוני צר ומצוק מצאוני ואבד מנוס ממני... כי מארצי הוציאני ואל ארץ נזרה הוליכני"...

4 זע: ברילס „יאָהרביכער", II, 166—8; שטיינשניידער, הזבר. איבערז., 16.

ווערק און דורך אַנדערע געלערנטע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. אָבער דווקא בנוגע צו אַלדבין קאָן קיינער קיין טעות ניט האָבן. שוין אין דער הקדמה דערקלערט אַלדבי אָפן, אַז זיין אויפגאַבע איז בלויז צו געבן אין אַ פּאָפּולערער פאָרם דעם תמצית פון די ווערק, וואָס זיינע פאָרגייער האָבן פאַרפאַסט. „איך — איז אַלדבי מודיע — האָב דאָס ניט אַליין אויסגעטראַכט און ניט מיט מיין אייגענעם שכל בין איך דערצו דערגאַנגען, נאָר אויס טייערע ביכער געזאַמלט, אויס פרעמדע שפּראַכן איבערגעזעצט און ביי גרויסע חכמים אָפּגעשריבן. איך וויל כלל ניט אין פרעמדע קליידער שטאָלצירן, און האָב ניט בדעה קונהדשם צו זיין און ווערן אַ מפורסם דורך דעם דאָזיקן בוך". און גלייך נאָך דער הקדמה גייט אַן אַקראָסטיך[1] מיט פאָלגנדיקער דערקלערונג: בכדי ער זאָל עדות זאָגן „כי אני חברתי הביאור הזה" — אַז דאָס האָב איך דעם דאָזיקן פּ י ר ו ש געשריבן.

אַ „זאַמלער" אויס „פרעמדע ביכער", און אָפּשרייבער" ביי „גרויסע חכמים", איז טאַקע אַלדבי דער טיפּישער עקלעקטיקער. אים קומט אפילו ניט אויפן געדאַנק צונויפשמעלצן די פאַרשיידענע עלעמענטן אין איין גוס, ער מישט זיי פּשוט צונויף אין אַ מעכאַניש געמיש, און האָט דערביי קיין שום באַגריף ניט, אַז דאָס איז ניט קיין איינהייטלעכער מאַטעריאַל, און אַז דאָ שמעקט מיט וועלכע ס'איז סתירות. אין דעם ערשטן קאַפּיטל*, וווּ עס ווערט גערעדט וועגן דעם באַשעפער און זיינע אייגנשאַפטן, שטרייכט אַלדבי אונטער אינם גייסט פון מיימוני גאָטס איינציקייט, אומפאַרענדערלעכקייט און אַבסאָלוטע ריינקייט פון וועלכן־ס'איז מאַטעריעלן עלעמענט. דעם דאָזיקן געדאַנק באַגרינדעט אָבער אַלדבי אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן: מיט „צירופי אותיות", נוטריקון און כל המיני גימטריאות. בעת אַלדבי באַהאַנדלט די פראַגע וועגן ניסים, וועגן השגחה און בהירה חפשית, ברענגט ער אַ געמיש פון די פאַרשיידנסטע דעות, און שטיצט זיך דערביי אויף אויטאָריטעטן מיט גאַנץ סותרדיקע אָנשויונגען, ווי למשל אויפן רמב"ן פון איין זייט און אויף אַריסטון מיט מיימונין פון דער אַנדערער. דאָס אייגענע חזרט זיך איבער אויך ביי אַנדערע פּראָבלעמען, ווי, למשל, בנוגע צו שכר ועונש (קאַפּיטל 9), וווּ אַלדבי מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן די גראָב־מאַטעריעלע אָנשויונגען פונם פּשוטן פאָלק וועגן גיהינום און גן־עדן און די מער אַבסטראַקטע באַגריפן פון מיימוני, הלל אויס וועראָנע א"א.

---

1 אַ ליד, אין וועלכן ס'איז אַריינגעפלאָכטן דער נאָמען פון פאַרפאַסער.

* אַלדבים ווערק איז איינגעטיילט אין צען „נתיבים" — שטעגן, און יעדער „נתיב" ווידער – אין „שבילים" — שטעגשקעס.

אין די ערשטע זעקס קאַפּיטלען פון „שבילי אמונה" זעען מיר פאַר זיך יודם־כל דעם נאַטורפאָרשער. אלדבי באַקענט אין אַ פּאָפּולערער פאָרם מיט פאַרשיידענע נאַטור־דערשיינונגען, באַשרייבט דעם גאַנג פון די גלגלים און פּלאַנעטן, דערקלערט די געזעצן פון ליקוי־חמה און ליקוי לבנה, רעדט וועגן פיזיאָלאָגיע, פּאַטאָלאָגיע און היגיענע, און ווייזט דער־ביי אַרויס זיין בקיאות אַלס פּראַקטיצירנדיקער אַרצט. אין זיבעטן קאַ־פּיטל פאַרשווינדט מיט אַמאָל דער נאַטורפאָרשער, און מיר זעען פאַר זיך דעם פרומען ירא־שמים און גאָטספאָרכטיקן בעל־מוסר. אינם האַרציקן נוסח פונם ראַ״שס „צוואה" און די דברי־מוסר פונם בעל „הרוקח" לערנט אלדבי. ווי אַזוי דער מענטש דאַרף דערפילן זיין העכסטן ציל — דינען זיין באַשעפער (עבודת בוראו). מיט דריי זאַכן, לערנט אלדבי, קאָן מען נעהעריק „גאָט דינען": מיט תפילה [1], מיט מצוות און — מיט עניוות און אונטערטעניקייט. „טו אויס דעם לבוש פון גאווה — לערנט דער בעל „שבילי אמונה" — און וויקל זיך איין אינם מאַנטל פון עניוות, וועט זיין ווויל צו דיין נשמה... למ״ה ולמ״ה זיי געפאַלן ביי זיך, וואָרעם פאַרהאַסט ביי גאָט זיינען די מיט די שטאָלצע הערצער... [2] זיי פון די, וואָס ווערן פאַרשעמט און באַשפעט, אָבער ניט פון די, וואָס שענדן און זיינען מבזה יענעם..."

דעם דאָזיקן ווייכן און אונטערטעניקן טאָן פאַרלאָזט אָבער אלדבי גלייך אינם ווייטערדיקן, אכטן קאַפּיטל, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן „תורה שבעל־פה שניתנה בסיני". דער גרויסער נס פון „תורה מסיני" — שטרייכט אלדבי אונטער — איז באַשטעטיקט דורך דער הייליקער מסורה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור, און ער איז דער יסוד פון אונ־זער אמונה... אלדבי ווייסט אָבער, אַז אין זיין צייט זיינען פאַראַן פילע „העוסקים בחכמת פילוסופי האומות" — מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע, און יענע ווילן על־פי חקירה, ראַציאָנאַליסטיש דערקלערן דעם גרויסן נס. אלדבי איז פעסט איבער־צייגט, אַז דאָס קאָן ברענגען בלויז צו „הריסות התורה", טרעט ער דער־פאַר אַרויס מיט גרויסן רוגז קעגן די „תועי רוח", קעגן די פאַרבלאָנ־דזשעטע און פאַרפירטע „מתפלספים", וואָס דערקלערן דעם קיום המצוות, די געבאָטן פון דער תורה, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דער בונד, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט געשלאָסן מיט דער כנסת ישראל, בלויז פאַר

---

1 וואָרעם תפילה — שטרייכט אלדבי אונטער — דאָס איז דאָך דער יסוד פון דער וועלט (התפילה עמודו של עולם).

2 „מאוד כאוד הוי שפל־רוח... תועבת ד׳ כל גבה לב".

אַ נעבן־זאַך, באַשר זיי באַצוועקן בלויז דעם מענטשנס שכל צו לייטערן, ער זאָל לייכטער פאַרשטיין און וויסן... די דאָזיקע „מתפלספים" און „תועים" האַלטן פאַר אַן אומוויכטיקער קליייניקייט (דבר קטן) די „דיקדוקי אביי ורבא" און די אַלע כללים, וואָס די חכמי התלמוד האָבן פעסטגעשטעלט בנוגע צו „עשיית המצות". באַטראַכטנדיק די אַלע מצוות און געבאָטן בלויז אַלס סימבאָלן, האָבן זיי פאַקטיש מבטל געווען דעם קיום פון אַזעלכע מצוות, ווי תפילה, תפילין לייגן און היתר ואיסור. זיי גיבן זיך אָפּ בלויז מיט „חכמות ספרי חכמי האומות", מיט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן, זוכנדיק אין זיי דעם סוד פון מעשה מרכבה... דער דאָזיקער וועג — רופט אויס אלדבי מיט פּאַטאָס — איז אָבער דער וועג פון טויט און פאַרדאַרבונג, און די וואָס באַטרעטן דעם דאָזיקן וועג, שליסן זיך דערמיט אויס פון קהילת ישראל... איך האַלט דערפאַר פאַר אַ הייליקן חוב צו וואָרענען פאַר יענעם געפערלעכן וועג און ראַטעווען מענטשן פון כפירה[1]...

אלדבי איז פעסט איבערצייגט, אַז ניט נאָר תורת משה איז מסיני, נאָר אויך די גאַנצע תורה שבעל פּה. „דו דאַרפסט גלויבן באמונה שלמה— דערקלערט אלדבי זיין לעזער — אַז אַלץ, וואָס שטייט געשריבן אין דער משנה און אין תלמוד, איז דער קלאָרסטער אמת, די רייד פון דעם לע־בעדיקן גאָט (דברי אלהים חיים)".

„אין גמרא שטייט אַלץ" — דאָס איז אלדבים טיפסטע איבערציי־גונג. „קוקט אייך אויפמערקזאַם צו—שרייבט דער בעל „שבילי אמונה"— וועט איר גלייך זיך איבערצייגן, אַז אַלע חכמות אָן אַ שום אויסנאַם גע־פינען זיך אין תלמוד, און אַ פילאָזאָף פון די חכמי אומות העולם איז אפילו ניט אימשטאַנד זיי משיג צו זיין" (הנה התבוננו שכל החכמות כלולות בתלמוד ולא יחסר כל בו והחכם שבפילוסופי האומות לא יוכל להשיג אלה הדברים). אלדבי טרעט דערפאַר אַרויס מיט אַזוי פיל פאַר־ביטערונג קעגן „קצת מחכמי זמננו מעמנו", קעגן די פילאָזאָפיש געביל־דעטע פון זיין צייט, וואָס יאָגן זיך נאָך פרעמדע קוואַלן, פאָרשן די חכמות

---

1 „וראיתי תועי רוח שחשבו שעשיית המצות שאביי ורבא נושאין ונותנין בהן חם דבר קטן... לא נתנו המצות אלא לצרף בהן את הבריות... והתועים ההם חושבים בפירוש לצרף בהן את הבריות לדעת... ומזה יצא להם באמת בטול העשיה בכלל המצות בתפלה ותפילין ובהיתר ואיסר. ואין נותנין דעתן רק בחכמות ספרי חכמי האומות בפילוסופי והטבעי וחושבין שזהו מעשה מרכבה... וזה באמת אבדון ומות וכל המאמינים בהן נבדלין מקהל ישראל שאין להם עסק במצות... ולכן ראיתי לבאר להם אלה המאמרים להוציאן מן הכפירה ההיא".

פון די אומות העולם אין דער האפענונג, אז דארט וועלן זיך פאר זיי אנטפלעקן די יסודות פונם פארבארגענעם אמת. נאך פאלשע בלאנדזשענדיקע ליכטער לויפן זיי נאך, און דעם לעבעדיקן קוואל פון ליכט,¹ דעם איינציקן יסוד פון אמתן וויסן — די הייליקע תורה, האבן זיי פארלאזן. זיי, די פארבלאנדזשעטע, ווייסן ניט און פארשטייען ניט, אז אלע חכמות און וויסנשאפטן פון די חכמי אומות העולם זיינען בלויז פסולת און נישטיקע ברעקלעך, וואס זיינען אראפגעפאלן פונם טיש פון אונזערע חכמים (כי כל החכמות הנמצאות ביד חכמי האומות הם לקט ופיאה שהניחו להם חכמינו).

מיט נאַיוועער פשטות דערציילט אלדבי, ווי אזוי די „מתפלספים", ד"ה די פריידענקער, מיט וועלכע ער פלעגט פירן וויכוחים, האבן געלאכט פון אים און זיינע חברים, און האבן מיט שפאט אנגעוויזן, אז קעגן די „חכמות חיצוניות" קעמפן בלויז די עמי־הארצים און עבריָנים, וואס זיינען נים אימשטאנד משיג צו זיין די דאזיקע וויסנשאפטן, און זיינען געגליכן צו דער קאץ פון דער פאבל, וואס האט דערקלערט א פעט שטיקל פלייש פאר פארשטונקען און פארדארבן, ווייל עס האט צו הויך געהאנגען, און זי האט דערצו נים געקאנט דערלאנגען. דערציילט ווייטער אלדבי, ווי בכדי צו וויסן „מה להשיב את אפיקורס", האט ער פלייסיק שטודירט די „ספרים חיצונים", און מיט גרויס חידוש באמערקט, אז צווישן א סך פאלשע סברות, וואס זיינען סותר די „דברי חז"ל", האט ער דארט אויך געפונען זייער ריכטיקע דעות, מיט וועלכע אויך אונזערע חכמים זיינען מסכים. „דאס איז — דערציילט מיט תמימות אלדבי — ביי מיר א גרויס חידוש געווען, ביז איך האב געפונען א דערקלערונג אין אן אלטן ספר. דארט ווערט דערציילט, אז בעת מען האט פארטריבן יכניהו דעם מלך יהודה, זיינען מיט אים צוזאמען אין גלות געגאנגען אויך די אנשי סנהדרין און אנדערע חכמי ישראל... און אט מיט זייער חכמה האבן זיך עס באקאנט די חכמי יוון און האבן דאס אויסגענוצט אין זייערע „ספרי מחקר"... אויך ווערט דארט ווייטער דערציילט, אז דער גריכישער פילאזאף אריסטו, וואס אלע געלערנטע גייען אין זיין שיטה און באנוצן זיך מיט זיינע ווערק, איז געווען דער רבי פון אלכסנדר מוקדון, וועלכער האט געקיניגט איבער דער גאנצער וועלט. בעת אלכסנדר האט איינגענומען ירושלים, האט ער באשטימט אריסטון פארן משגיח איבער דעם ארכיוו, וואס ס'איז געבליבן פון שלמה המלך. אריסטו האט דורכגעשטודירט שלמה המלכס מאנוסקריפטן, האט זיי איבערגעשריבן, געמאכט פארשיידענע הוספות און זיי אויסגעגעבן פאר זיינע אייגענע ווערק;

און בכדי מען זאָל דעם אמת ניט דערגיין, האָט ער דעם אָריגינאַל פאַר־ברענט״ [1].

אַ קענער פון די „מתפלספים״, איז אַלדבי דערפאַר אַ הייסער אַנ־הענגער פון קבלה. ער גלויבט אין גילגול הנפש, רעדט מיט התפעלות וועגן „סוד האותיות״, און איז זיך מתרעם אויף „קצת מבני עמנו המתפלספים״, וואָס לייקענען אין שדים. אינם שלום־קאַפּיטל פון זיין ווערק דערציילט אַלדבי די מעשה וועגן ארמילוס, וועגן משיח בן יוסף און משיח בן דוד, ווי ס׳איז באַשריבן אין ספר „רזיאל״. ער רעדט אויך וועגן דעם גרויסן „יום השבת״ — דעם זיבעטן טויזנט פון נאָך בריאת העולם, און דעם „טיפן סוד״, וואָס שטעקט אין אים. די חכמי הנסתר האָבן עם באַקומען דעם דאָזיקן סוד פון די נביאים בקבלה, מען טאָר אים אָבער ניט מגלה זיין, מען דאַרף ניט דערציילן, ניט פאַרשן נאָך אים, וואָרעם ניט אַלע זיינען ראוי דערצו...

די „סודות״ פון חכמת הנסתר האָבן אָבער צו יענער צייט אַלע מער אָנגעהויבן צו געוועלטיקן איבער די מוחות. פונקט ווי אַלדבי איז געווען איבערצייגט, אַז אַלע וויסנשאַפטן שטאַמען פון יידישע חכמים, אַזוי האָבן אַנדערע געפּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז נאָר די חכמת הנסתר איז די איינציק ריכטיקע און אמתע פילאָזאָפיע. שוין אַברהם אַבולפיה האָט דערקלערט דעם רמב״ם פאַר איינעם פון די גרעסטע מקובלים [2];

---

1 „ואשתומם בזה ימים... עד שראיתי כתוב בספר כי כאשר גלה יכניה מלך יהודה וגלו עמו סנהדרין והכמי ישראל... ואז למדו מחכמתם חכמי יון והם הדברים האמתיים המפוזרים בספרי חכמי המחקר... עוד מצאתי כתוב כי ארסטו היוני אשר כל חכמי המחקר נגררים אחריו ושואבים מספריו היה רבו של אלכסנדרוס מוקדון שמלך על כל העולם. וכאשר כבש אלכסנדרוס ירושלים השליט לארסטו רבו על אוצר שלמה ע״ה, ואז חקר ודרש על ספרי שלמה ולקחם והעתיקם על שמו והוסיף הוא טעיות משלו, ואז נגנו הספרים של שלמה כדי להטעות העולם שאריסטו עצמו חיברם משיקול דעתו״...

וועגן דער לעגענדע, אַז אַלע וויסנשאַפטן שטאַמען פון יידן, זע ביילאַגע, נומ׳ 6.

2 „חיי הנפש״, חלק א׳, קאַפּ׳ 1: „על דבר הסודות וסתרי תורה שגלה הרמב״ם. אלא שהרב ז״ל בחן הרבה מחכמי דורו מאותם שחשב לקבל מהם קבלות נפלאות וחכמות אמתיות, ומצא בפיהם קול ורוח ודבור אבל לא רוח הקדש ולא דברי ד׳. וראה שהקבלה האמיתית האלהית המחיה את הנפש כמעט קט נשכחה מהדור ההוא ונפסקה לגמרי ואין משגיח אליה״.

דער „חיי הנפש״ איז ווי דאָס רוב פון אַבולפיהס ווערק געבליבן אין מאַנו־סקריפּט. מיר האָבן זיך באַנוצט מיטן כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער קאָלעקציע פון פירקוביטש, נומ׳ 185. דער כתב־יד איז ניט גאַנץ; עס פעלן די לעצטע בלעטער פונם ערשטן טייל, און די ערשטע פונם צווייטן. צום שלום געפינט זיך די צושריפט פונם אָפּשרייבער: „נשלמו ל״ו סודות המורה בידי שמואל בהה״ר ששון הספרדי זל״ה״.

דעם „מורה נבוכים" האָט ער געהאַלטן פאַר אַ ספר, וואָס איז פול מיט מיסטישע „שרעקלעכע סודות", און זיי צו דערקלערן האָט ער אַ ספּע־ציעל ווערק געשריבן מיטן נאָמען „חיי הנפש"[1]. נאָך אַבולפיהן האָבן אויך אַנדערע בעלי־קבלה פאַרזיכערט, אַז דער רמב"ם איז אויף דער על־טער געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון חכמת הנסתר. דעם רשב"אס תלמיד, דער מקובל שם־טוב בן־אברהם הלוי, דערציילט אין זיין „מגדל עוז" (אַ פּירוש אויף „יד החזקה"), אַז ער האָט אין אַן אַלטן כתב־יד דעם רמב"מס אייגענע ווערטער געזען, וואָס דערווייזן אויף זיכער, אַז דער רמב"ם איז סוף ימיו געוואָרן אַ מקובל און זיך פאַרטיפט אין די „סודות מרכבה"[2]. אַנדערע ווידער דערציילן וועגן אַ צווייטן מאַנוסקריפּט, ווו דער רמב"ם איז זיך מודה ומתוודה, אַז אויף דער עלטער איז צו אים גע־קומען אַ זקן און יענער האָט פאַר אים אַנטפּלעקט די טיפע סודות הקבלה. „וואָלטן מיינע ספרים ניט געווען שוין פון לאַנג פאַרשפּרייט אויף דער וועלט, האָט דעמאָלט דער רמב"ם דערקלערט, וואָלט איך פיל, וואָס דאָרטן איז געשריבן, אויסגעמעקט"[3]. מען האָט זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט. מען האָט „אַנטפּלעקט" גאַנצע מיסטישע ווערק געשריבן פון דעם „בעל תשובה", דעם בעל „המורה" גופא, ווי, צום ביישפּיל, דעם אַפּאָקריפישן „מגילת סתרים"[4], וועלכן דער רמב"ם זאָל האָבן געשיקט זיין געליבטן תלמיד יוסף אבן עקנין. אין דער דאָזיקער מיסטישער „מגילה" פאַרזי־כערט דער איבערצייגטער אַריסטאָטעליקער און פאַרביטערטער קעגנער פון מיסטיק, משה בן מיימון, אַז די פילאָזאָפיע קאָן רחמנא ליצלן אַראָפּפירן פונם ריכטיקן וועג, און נאָר דער וועג פון קבלה איז פריי פון אבני נגף

---

1 אין דער פאָררעדע צו „חיי הנפש": „ואגיד לך ל"ו סודות ונוראות עתידות... כאשר לקטתים ממאמר מורה הנבוכים".

2 זע חיים, „דור דור ודורשיו", V, 57; צונץ, „גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע", צווייטע אויסגאַבע, 417.

3 זע יצחק אַבּרבּנאל, „נחלת אבות", סוף פון דריטן קאַפּיטל; מאיר אבן גבאי, „עבודת הקדש", 33 (מיר ציטירן נאָך דער קראָקעווער אויסגאַבע, 1577); גדליה אבן יחייא אין „שלשלת הקבלה" און יוסף דעלמעדינאָ אין „מצרף לחכמה", 1629, 16.

4 דעם „מגילת סתרים" האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט משה הגולה אויף קיעוו אין זיין „שושן סודות", 32—36 (מיר ציטירן נאָך דער קאָרעצער אויסגאַבע, 1774). איבערגעדרוקט אין „אגרות הרמב"ם", III, 35—6.

און אויסגעשלאָסן איז דאָרט די געפאַר געשטרויכלט צו ווערן („אך אצל חכמת הקבלה אמתת הדרכים מסוקלים מאבני המכשול”).

דעם פולשטענדיקן ניצחון פון קבלה און מסורה איבער דעם פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם האָבן באַזונדערס מיטגעהאָלפן די פּאָליטישע געשעענישן אין שפּאַניע אין דער צווייטער העלפט פונם פערצנטן יאָרהונדערט. וועגן דעם אינם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

צווייטער קאַפּיטל

די קלעריקאַלע רעאַקציע אין שפּאַניע. — די הויף־יידן. — די מאָראַלישע ירידה פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. — שלמה אַלעַמים שטראָף־פּרעדיק. — די שנאה צו יידן ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. — די עקאָנאָמישע יסודות פון דער דאָזיקער שנאה. — דער קאַמף פאַר דער קיניגלעכער קרוין, און די צרות, װאָס יידן זיינען דערביי אויסגעשטאַנען. — די גזירות קעגן יידן און די יידן־פיינדלעכע אַגיטאַציע; די פּאָלעמישע ליטעראַטור; די וויכּוּחים פון משה אוים טאָרדעסילאַ און שם־טוב אבן שפרוט. — די אַגיטאַציע פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. — די שחיטה אין סעוויליע. — די מאַראַנען און די מוסרים־משומדים.

די שטורמישע פּאָליטישע געשעענישן אין קאַסטיליע אין דער צווייטער העלפט פונם פערצנטן יאָרהונדערט זיינען געווען דער אָנזאָג פון אַ נייער תקופה, די תקופה פון קלעריקאַלער רעאַקציע און פינסטערע גזירות פאַר די שפּאַנישע יידן. אין לאַנגן משך פון פילע דורות האָבן די קאַסטיליער געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף מיט דעם אַנדערשגלויביקן שונא. מיט מסירת־נפש האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר יעדן שפּאַן שפּאַנישער ערד. און די מלחמה איז נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט געווען. נאָך אין די דרייסיקער יאָרן פונם פערצנטן יאָרהונדערט איז דאָס קריסטלעכע קאַסטיליע געשטאַנען אין אַ שטאַרקער סכנה: דער מוסלמענישער דרום, די אַראַבער פון גראַנאַדע, האָבן אַ בונד געשלאָסן מיטן סולטאַן פון מאַראָקאָ און צוזאַמען מיט פאַראייניקטע קרעפטן געוואָלט צוריק באַקומען די פּראָווינצן, וואָס קאַסטיליע האָט ביי זיי פריער צוגענומען. די מוסלמענער האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסע מפּלה, זייער חיל האָט צעשלאָגן דער טאַפּערער קאַסטילישער גענעראַל גאָנזאַלאָ מאַרטינעז, וואָס האָט געשמט פאַר אַ פאַרביטערטן שונא ישראל.

די שנאה צו יידן האָט זיך אין יענער צייט באַמערקבאַר פאַרשטאַרקט אין די פאַרשיידענע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָ האָבן גורם געווען בלויז רעליגיעזע מאָטיוון. דער שפּאַנישער אדל, וואָס האָט דורות־לאַנג געפירט

אַזאַ האַרטנעקיקן קאַמף מיט די מוירן, איז געווען זייער קריגעריש גע־שטימט. דער קאַסטילישער ריטער האָט כּל ימיו פאַרבראַכט אויפן פערד, איינגעשנירט אין פאַנצער און אייזן, זיין האַנט האָט זיך ניט צעשיידט מיט דער שפּיז און דער שווערד. אַ גראָבער און טאַפּערער קריגער, האָט ער אָבער געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות אין פינאַנסיעלע און מלוכישע ענינים. פאַרנעמען זיך מיט האַנדל האָט מען געהאַלטן פאַר אַ אומכּבוד; געלט אויף פּראָצענט האָט מען געקענט באַקומען בלויז ביי יידן און מוירן. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין די קריסטלעכע מלוכות פון שפּאַניע, אין קאַסטיליע און אַראַגאָן, האָבן יידן געשפּילט אַ גאַנץ אָנגע־זעענע ראָלע אויף אַלע געביטן פון פּאָליטישן און בירגערלעכן לעבן. יידישע מוכסים, וואָס די רעגירונג האָט זיי באַפולמעכטיקט צו זאַמלען די שטייערן אין לאַנד, יידישע באַנקירן, פינאַנץ־אַגענטן, יועצים און משולחים זיינען געווען זייער אָנגעזען ביים הויף. די דאָזיקע הויפליים, „חצרנים", ווי זיי הייסן אין דער דעמאָלטיקער רבנישער ליטעראַטור [1], זיינען אָבער געווען פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט, ווי די אַמאָליקע יידישע שררות אין דער מוסלמענישער שפּאַניע, ווי למשל, חסדאי אבן שפּרוט און שמואל הנגיד. אויפגעוואַקסן אויף דער רייכער אַראַבישער קולטור, האָבן יענע געוווּסט צו שעצן קולטורעלע רייכטימער, זיי זיינען געווען ליבהאָ־בער און באַשיצער פון קונסט און וויסן, און גרוים איז געווען זייער השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. די קריסטלעכע מיטלאַלטערלעכע שפּאַניע איז אָבער געשטאַנען אויף אַ באַדייטנדיק ני־דעריקן קולטורעלן מצב. די שפּאַנישע ליטעראַטור איז נאָך געגאַנגען אין די קינדער־שיכלעך, אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט און אויך אין אָפיציעלע דאָקומענטן האָט נאָך געוועלטיקט די לאַטיינישע שפּראַך. ביי די יידן איז שפּאַניש געווען בלויז די אומגאַנגס־שפּראַך, אָבער ניט די שפּראַך פון קולטור [2]. די יידישע „חצרנים" ביי דעם קאַסטילישן און אַראַגאָנישן קע־ניגלעכן הויף האָבן בלויז זיך געפלייסט איבערנעמען דעם אויסערלעכן

[1] דעם אויסדרוק „חצרן", „חצרנים" באַגעגענט מען גאַנץ אָפט אין די שו"ת פון יענער צייט. דער ריב"ש, צום ביישפּיל, דערציילט: וחששה מהנאמנים והבית־דין מאנו לחתום בברירה, כי לא ישרה בעיניהם, אלא שאחרי שאַיים חצרן אחד מאדוננו המלך שצוה תחצרן הנזכר לתפסם ולאסרם והושמו בבית הסוהר".

[2] אמת, דער מלך אַלפאָנז דער צענטער האָט אינמיטן דרייצנטן יאָרהונדערט איינגעלאַדן יידישע געלערנטע איבערזעצן אַראַבישע וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף דער קאַסטילישער שפּראַך. עס איז אָבער העכסטוואַרשיינלעך, אַז עס זיינען דערביי אויסגענוצט געוואָרן בלויז די וויסנשאַפטלעכע ידיעות פון די יידישע געלערנטע און זייער בקיאות אין אַראַביש, די איבערזעצונגען גופא זיינען אָבער געמאַכט געוואָרן דורך קריסטלעכע געלערנטע. אַזוינע געלערנטע ווי רעגאַן, דאַסי און אַנדערע האָבן שוין לאַנג אָנגעוויזן,

גלאַנץ פון דעם קאַסטילישן אדל. די אויפגעקומענע יידישע מאַגנאַטן, די מוכסים, וואָס זיינען רייך געוואָרן פון די מלוכישע שטייערן און אַרענדירטע טאַמאָזשנעס, די פינאַנסיסטן, חלפנים און באַנקירן האָבן געלעבט אין דעם גרעסטן לוקסוס, נאָכטוענדיק די קאַסטילישע קריסטלעכע גראַנדן. זייערע פרויען און קינדער האָבן זיי געקליידט אין גאָלד און אין טייערסטע פערל; זיי פלעגן אַרויספאָרן אין רייך באַצירטע קאַרעטעס, אַרומגערינגלט מיט גאַנצע מחנות רייטער און לייבקנעכט, און די בעלער און מאַלצייטן זייערע האָבן געשטמט מיט זייער גלאַנץ און בלענדנדיקער פּראַכט. און אונטער דעם אויסערלעכן גלאַנץ — מאָראַלישע צעפוילטקייט און נישטיקייט. פילע זיכערע קוועלן אוים יענער צייט זאָגן עדות, ווי שטאַרק ס'האָבן אין דער סביבה פון די יידישע „חצרנים" און „בעלי זרועות" געוועלטיקט קליינלעכע קנאה, נישטיקע גאווה און ווילדע תאוות. קיינער האָט דעם אַנדערן ניט פאַרגונען, און מיט זייערע שטענדיקע אינטריגעס, רכילות און גיפטיקער לשון־הרע האָבן זיי געמערט מחלוקת אין די קהילות, געשאַפן אַן אַטמאָספער פון שנאה און רדיפות. בכדי צו האָבן די גאַנצע שליטה איבער די קהילות, האָבן די יידישע שררות מיט אַלע מיטלען געפלייסט זיך צו באַגרענעצן די מאַכט פון רבנות. אַלס חשובים ביים קיניגלעכן הויף, איז זיי ניט שווער געווען צו פּועלן ביי דער רעגירונג, יענע זאָל זיי באַשטימען פאַר הויפּט־פאַרטרעטער פון דער קהילה. און אַזאַ פאַרטרעטער פלעגט שוין אויך טראָגן דעם טיטל רב און מרא דאתרא[1], כאָטש ער איז געווען אַ פּשוטער עם הארץ און געפירט אַן

אַז דאָס רוב מיטלאַלטערלעכע איבערזעצונגען פון אַראַביש אויף לאַטיין זיינען געמאַכט געוואָרן ניט דורך מענטשן, וואָס זיינען געווען בקי אין ביידע שפּראַכן, נאָר געוויינלעך דורך צוויי מיטאַרבעטער: דורך אַן אַראַבער אָדער אַ יידן, וואָס האָבן אין לאַטיין געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות אָדער לחלוטין ניט פאַרשטאַנען, און דורך אַ קריסטלעכן געלערנטן, אַ גוטן לאַטיינער, וואָס האָט קיין אַראַביש ניט פאַרשטאַנען. אין שפּעטערדיקער צייט האָבן יידישע משומדים און אויך געציילטע יידן יאָ גענומען אָנטייל אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור, ווי, צום ביישפּיל, דער באַגאַבטער דיכטער דער רב סאַנטאָ (שם־טוב), וואָס האָט געווידמעט דעם מלך דאָן־פּעדראָ דעם גרויזאַמען (1350—1369) זיין באַריטמטע פּאָעמע „Danra general de la muerte" (מער באריכות וועגן דעם דאָזיקן דיכטער זע ביי קייזערלינגן אין „ספרדים", קאַפּ' 2). דאָך האָט נאָך אינם צ׳ינעצעבטן יאָרהונדערט דער געלערנטער יוסף בן שם־טוב געפונען פאַר נייטיק איבערצוזעצן חסדאי קרשקשס פּאָלעמיש ווערק פון שפּאַניש אויף יידיש, „ווייל יידן זיינען ניט געוויינט צו לייענען וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף שפּאַניש, רק אין העברעיש" (לקצרו ולעמקו ולזרות לשונו לאשר לא הורגלו ללמוד החכמה בזולת לשוננו הקדושה).

1 דוד מיסר ליאון דערציילט אין איינער פון זיינע שו"ת: „שהרי היו נוהגים בספרד לקרא שם רב למי שהיה ממונה מן המלך ואע"פ שלא היה בקי בהוראת דינים ולא זהיר בפרישות ויראת חטא" (זע Rev. d. et. juives, 1892, 135; זע אויך אונזער ווערק, באַנד II, ז' 158).

אויסגעלאַסן לעבן. און די דאָזיקע ראשי־קהילה פלעגן מיט ביטול זיך פאַרהאַלטן צו די גייסטיקע פירער פונם פאָלק[1], ניט געגעבן זיי קיין מאַטעריעלע מיטלען צום לעבן, בכדי יענע זאָלן לעבן אין גרוים דחקות[2].

,,אין דער פאַרווילדקייט פון אונזער פאַריתומט דור — קלאָגט זיך דער באַרימטער רב פון יענער צייט, ר' יצחק בר ששת, — זיינען מער פון אַלע שולדיק אונזערע גבירים, די גרויסע שררות און הויפּלייט. זייער גאַנץ טראַכטן איז נאָר וועגן זייער עשירות און זייער גרויסקייט, אָבער וועגן גאָט און זיינע געבאָטן ווילן זיי ניט געדענקען''[3].

,,גערעכטיקייט און יושר — רופט דער ריב"ש אויס אויף אַן אַנדער אָרט — ווערן מיט די פיס געטראָטן, פאַלשע ליגנער שענדן די בכבודיקסטע מענטשן, אויסגעלאַסענע און נידערטרעכטיקע שאַנד־מענטשן (אנשים ריקים ופוחזים, שפלים ונבזים) גייען מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ, און אין דעם זיינען אַלץ שולדיק אונזערע גראַנדן און פירשטן (ויד השרים והסגנים עשירי עם היתה במעל)[4]. ,,די מחלוקתן, לייענען מיר ווייטער, שטאַרקן זיך וואָס מער; יעדער וויל פאַרכאַפּן די מאַכט אין זיינע הענט, זיין דאָס אייבערשטע פונם שטייסל, און די הייליקע תורה האָבן זיי צעשפּאָלטן אויף טויזנט תורות''[5].

נאָך אַ טרויעריקער בילד פון מאָראַלישער צעפּוילטקייט אין דער סביבה פון דער יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע גיט שלמה אַלעמי אין זיין ,,אגרת המוסר''[6]:

---

1 שו"ת ריב"ש נומ' 373: „בני פריצי עמנו ינשאו יצאו נציבים שונאים את הרבנות והראוי לה תכלית שנאה".

2 שלמה אַלעמי, „אגרת המוסר": „ועשירי היהודים ורועיהם מנהלים חכמיהם בלחם צר ובים לחץ לבשתם ולחרפתם וכראות המון העם חרפת החכמים דלותם ונבלותם יבחר להכנים בניהם בגריעה שבאמונתם מהכנים בברית התורה לרעות ברעתם".

3 שו"ת ריב"ש אָנהייב נומ' 373: „הדור יתום ופרוץ מרובה על העומד... הן לריב ומצה יריבו ובמעל הזה היתה ראשונה יד השרים והסגנים העשירים והמיוחסים כי יחושו ויחיסו לכבוד עצמם ועשרם ולכבוד קונם אינם חשים".

4 דאָרטן, נומ' 267.

5 דאָרטן, נומ' 222: „לפי שרבו המחלוקת ביניהם וכל אחד היה מבקש שררה ונוטל עטרה, ונעשה תורה כאלף תורות". זע אויך דאָרטן נומ' 234, 251, 387, 447, 473. אויך ביי פּראָפיאַט דוראַן, „מעשה אפוד", 5, 193. וועגן דעם מאַרביטערטן קאַמף צווישן די אַראַגאָניער יידן און זייער פון דער רעגירונג באַשטימטן „רב", דעם „חצרן" שלמה אַלקאָנסטאַנטיני, זע Jean Regne etc. № 2551.

6 דער „אגרת המוסר" איז געשריבן אין 1415, עס ווערן דאָרט אָבער דער עיקר געשילדערט די צושטאַנדן פון פאַר דער קאַטאַסטראָפע, 1391.

„דאָס רוב פון די „גדולי הציבור" — קלאָגט זיך אַלעמי — וואָס זיינען געוואָרן מקורבים אין די קיניגלעכע הויפן און מען האָט זיי אָנ־פאַרטרויט די שליסלען פון די שאַצקאַמערן און מלוכישע אוצרות, האָבן באַלד פאַרגעסן אין זייער פריערדיקן שטאַנד. זיי האָבן שטאָלצירט מיט זייער גרויסקייט און זייערע רייכטימער, פאַרגעסן האָבן זיי אין זייערע אָרעמע ברידער און אין זייער פאָלק, פון וואַנען זיי שטאַמען. זיי האָבן אויפגעבויט פראַכט־פּאַלאַצן, געפּאָרן אין די רייכע קאַרעטעס און אויף מיט טייערע שטיינער באַצירטע מוילאייזלען, איינגעהילט אין פּראַכטיקע קיניגלעכע מאַנטלען. זייערע פרויען און קינדער האָבן זיי אויסגעצירט ווי די פרינצעסינס, באַהאַנגען מיט די טייערסטע פּערל און שענסטע בריליאַנטן. אויס גאווה און קליינלעכער הערשזוכט האָבן זיי געזוייט שנאה און קנאה, נעמסרט ביים מלך איינער דעם אַנדערן, זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר אומ־שולדיק בלוט־פאַרגיסן, בכדי צו שטילן דאָס נקמה־געפיל און די תאווה צו פרעמדן האָב און פאַרמעג... מיט חוצפה זיינען זיי עובר אויף די געבאָטן פון דער תורה, זיינען מחלל שבת בפרהסיה, און ווער עס האָט דעם מוט אַרויסטרעטן קעגן זייערע שענדלעכע מעשים, דער האָט אַ ביטערן סוף און קומט נעבעך אום דורך זייערע מסירות... זיי האַסן די תורה, פאַראַכטן די וויסנשאַפט און קוקן מיט ביטול אויף די, וואָס לעבן פון אייגענער מי. אַלע מיטלען ווענדן זיי אָן, בכדי זיך צו באַפרייען פון די שטייערן און אַרויפוואַרפן דעם גאַנצן עול אויף די אָרעמעלייט [1].

„מחלוקת, רדיפות און מסירות זיינען געוואָרן אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג אין די יידישע קהילות. עס איז געווען אַנצוווייזן, אַז דורך אַ פאַלשער מסירה האָט מען אין יאָר 1374 איינגעזעצט אין תפיסה זיבן אָנגעזעענסטע רבנים פון יענער צייט, צווישן זיי אַזוינע גאוני הדור, ווי רבנו נסים בן ראובן (דער ר"ן) [2]. זיין תלמיד דער ריב"ש און דער באַ־רימטער דענקער, דער בעל „אור ה'" חסדאי קרשקש [3]. מען דאַרף נאָך דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז די יידישע קהילות אין שפּאַניע האָבן געהאַט אַן אייגענעם, פון דער רעגירונג באַשטעטיקטן בית־דין פון רבנים און דיינים. דער דאָזיקער יידישער געריכט איז געווען באַפולמעכ־

---

1 „אגרת המוסר" 44—47 (מיר ציטירן נאָך דער ווילנער אויסגאַבע פון 1878).

2 מער באַריכות וועגן דעם ר"ן זע: וויס, „דור דור ודורשיו", V, 132—7.

3 זע וועגן דעם שו"ת ריב"ש נומ' 376: „כי זה קרוב לה' הדשים קמו אנשים בני בליעל מקרבנו והעלילו הרב הגדול רבנו נסים נ"ר וששה נכבדים מן הקהל ובתוכם התכם דון חסדאי נ"ר ואני ואחי ומסרו אותנו למלכות יעדין אנחנו נתונים בערבין על לא חמס".

שטט אפילו אויף דיני נפשות. אמת, ביי דיני־נפשות האט דער פסק־דין נים געטארט דורכגעפירט ווערן אן דעם הסכם פון דעם קיניג; פאר די יידישע „חצרנים", וואס זיינען געווען גרויסע מומחהם אין הויף־אינ־טריגעס, איז אבער כלל נים שווער געווען ארויסצובאקומען דעם קיניגס חתימה [1].

דער יידישער געריכט מיט זיינע רבנים און דיינים זיינען פאקטיש געווען א שפילצייג אין די הענט פון די יידישע „שרים, סגנים ועשירי עם". אט די יידישע גראנדן האבן אויסגענוצט דעם בית־דין צו זייערע אינטריגעס און פערזענלעכע קליינלעכע אינטערעסן. אין דער דאזיקער דעמאראליזירטער סביבה האבן אויך די גייסטיקע פירער פונם פאלק נים געהאט דעם מוט זייער חוב צו דערפילן, אפן זיך אנטקעגנשטעלן די יידישע שררות און „בעלי זרועות" און קעמפן קעגן זייערע נידערטרעכ־טיקע אומגערעכטע מעשים. אויך פילע פון די רבנים זיינען מאראליש נים געשטאנען אויף א באזונדערס הויכער מדרגה, און געגאנגען אין די זעלבע דרכים, וואס די „חצרנים".

„א טייל פון אונזערע רבנים, — קלאגט זיך אלעמי אין זיין „אגרת המוסר" — זיינען אראפ אויף קרומע וועגן; אוים שנאה און קנאה פון איינעם צום אנדערן, פארקויפן זיי די תורה און מאכן זי צו שאנד... וואס איינער איז מתיר, אסרט דער צווייטער, און מאכן פון איין תורה צוויי פארשיידענע תורות... זיי מערן גאנצע בערג פון פסקים, חידושים און פשטלעך, וואס קיינער דארף זיי נים און קאנען קיינעם קיין נוצן נים ברענגען. אומנוציקן שפינוועבס וועבן זיי טאג און נאכט, בכדי צו אנטפלעקן זייער נישטיקייט און נידערטרעכטיקייט (לגלות את נבלתם). בלינד זיינען זייערע אויגן צו זען, און פארשטאפט זייערע הערצער דעם פאלק די אויגן צו עפענען, אויפדעקן פאר אים די שאנד און זינד, וואס רינגלט אים ארום" [2]. דערצו האבן די רבנים זיך געפלייסט צו זיין פון די מחמירים; פאר יעדער קלייניקייט געשראקן מיט נידויים און חרמות. דאס האט נאך מער געשטארקט די מחלוקות און געמערט כלערליי מסירות. „איך האב מיך צוגעקוקט און געזען — קלאגט זיך אלבבי אין

---

[1] אויף אזא אופן איז א שטייגער אומגעקומען דער גענעראל־צינז־זאמלער יוסף פיכאן. זיינע שונאים איז געלונגען ארויסצונארן ביים קיניג דאן־זשואן דעם ערשטן א באפעל אויף באשטראפן מים טויט א „געפערלעכע פערזאן"; דעם נאמען פונם פאר־משפטן האבן זיי פארן קיניג פארלייקנט, און אויפן סמך פון דעם דאזיקן באפעל האט מען דעם אומגליקלעכן פיכאן גקעפט (אין 1379).

[2] „אגרת המוסר", 41.

דער פֿאָררעדע צו זיין „שבילי אמונה״ — דאָס פֿאָלק בלאָנדזשעט אין דער פֿינסטער, די געבילדעטע ווערן וואָס ווייניקער, די חכמים ווערן פֿאַר־שוווּנדן און די בעלי־אגרופֿים און געוואַלד־מענטשן זיינען פֿון אויבן, און טוען זייערע שענדלעכע מעשׂים״.

די ראשי הקהל האָבן אַזוי ווייניק געזאָרגט פֿאַר זייערע קהילות, אַז די עם־הארצות האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און לויט דער ריב״ש דערציילט, איז אין זיין צייט די יידישע מאַסע אין קאַסטיליע געווען אַזוי פֿאַרגרעבט, אַז זיי האָבן אַפֿילו די געוויינלעכע תּפֿילות ניט געקאָנט ליינענ [1]. מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז אין פֿערצנטן יאָרהונדערט איז צווישן די שפּאַנישע יידן געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער פּראָצענט פּשוטע יגיעי כּפּים: ערדאַרבעטער און בעלי־מלאכות. כּמעט גאַנצע קהילות האָבן זיך פֿאַרנומען מיט וועבעריי און פֿאַרבעריי [2].

די יידישע „חצרנים״ האָבן אָבער דעמאָראַליזירנדיק געווירקט ניט נאָר אויף די קהילות פֿון אינעווייניק, זיי האָבן אויך גורם געווען, וואָס די שׂנאה צו יידן האָט זיך אימהדיק געשטאַרקט אין דער אָרומיקער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. דער שפּאַנישער אָדל האָט מיט קנאה און האַס געקוקט אויף די גאַוװהדיקע יידישע שׂררות און קיניגלעכע ראַטגע־בער, וואָס זיי זיינען פֿאַקטיש געווען די באַלעבאַטים איבער די פֿינאַנסן פֿון דער מלוכה. גרויס איז אויך צו זיי געווען די שׂנאה ביים פּשוטן פֿאָלק. די שטענדיקע מלחמות האָבן איינגעשלונגען קאָלאָסאַלע געלט־סומען. דאָס אַלץ האָבן געמוזט דעקן די ברייטע שיכטן פֿונם פֿאָלק — דער פּויער און דער בעל־מלאכה. די צינזן און אָפּצאָלונגען זיינען דער־פֿאַר געווען אומגעהייער גרויס; און בראש פֿון די מלוכה־פֿינאַנסן זיינען געשטאַנען לויטער יידישע „חצרנים״. די יידישע גענעראַל־צינז־זאַמלער האָבן פֿון זיך געשטעלט אַגענטן אויף צונויפֿמאָנען די צינזן און צאָלונ־גען, און די דאָזיקע אַגענטן און פֿאַרטרעטער פֿון די גענעראַל־מוכסים (ס׳רוב זייערע אייגענע און קרובֿים) זיינען געווען שטרענגע און אומ־ברחמנותדיקע מאַנער, און פֿלעגן זיך נאָך דערצו דערלויבן בלעריליי רמאות און שווינדל. האָט דאָס פּשוטע פֿאָלק זייער פֿאַרביטערטע שׂנאה אַריבערגעטראָגן פֿון די יידישע אַגענטן און פֿיסקאַלן אויפֿן גאַנצן יידישן פֿאָלק ..

---

1 שו״ת ריב״ש, נומ׳ 37: „מפני שרובו עם הארץ ולא ידעו להתפלל אפילו מתוך הספר אלא בעמל גדול... ולזה מתפללין כלם יחד עם השליח צבור״.

2 זע ביי גרעצן, ב׳ VIII, 194, דעם דעקרעט פֿונם קיניג יאָהאַן דעם צווייטן, זע אויך ביי: Jean Regne, Catalogue des actes etc., נומ׳ 1289, 1946, 1953, 2054.

„עס איז קיין ספק ניט — שטרייכט אונטער אַלעמי — אַז אין די אַלע גזירות און צרות, וואָס מיר זײַנען די לעצטע צײַט אויסגעשטאַנען, זײַנען שולדיק די „פּריצי עמנו" — די אויסוואָרפן פון אונזער פאָלק. זיי האָבן אונז באַדעקט מיט שאַנד דורך זייער נידערטרעכטיקער הנהגה מיט דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. מיר, וואָס לעבן אין גלות בײַ פרעמדע פעלקער, האָבן פאַרשוועכט צווישן זיי גאָטס הייליקן נאָמען, וואָרעם מיר האָבן קעגן זיי באַגאַנגען כּל המיני פאַלשקייטן, רמאות און אומפאַרשעמטע שפּיצלעך. מיר זײַנען דערפאַר נמאס געוואָרן בײַ זיי אין די אויגן. זיי האָבן געקוקט אויף אונז ווי אויף אַ באַנדע גנבים, ליגנער און רמאים, און ווי עפּעס אַ שענדלעכע מלאכה, אַ נידערטרעכטיקע מעשה, הייסט דאָס בײַ זיי „ייִדישע שטיק"[1].

די קאַטוילישע קירך, וואָס איר אַקטיווע ראָלע האָט אַלץ מער זיך געשטאַרקט אין שפּאַניע, האָט מיט גרויס ערפאָלג אויסגענוצט די שנאה פון די פאָלקסמאַסן צו דער ייִדישער אַריסטאָקראַטיע, און קונציק פאַרשטאַנען די דאָזיקע שנאה וואָס מער צו פאַרשאַרפן, און ניט נאָר צו די ייִדישע גבירים, נאָר צום גאַנצן ייִדנטום. די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע מצד די קאַטוילישע גייסטלעכע האָט זיך באַזונדערס געשטאַרקט נאָך דעם דינאַסטישן קאַמף צווישן אַלפאָנז דעם עלפטנס צוויי זין — פּעדראָ און הענריך. אין דעם קאַמף צוליב דעם קאַסטילישן טרון האָבן די ייִדישע „חצרנים" גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל. און טאַקע זייער אַרײַנמישן זיך אין די הויף־אינטריגעס און אין דעם בלוטיקן ברודער־קאַמף פון די צוויי פּרעטענדענטן האָט געהאַט די טרויעריקסטע פאָלגן פאַר דעם גאַנצן שפּאַנישן ייִדנטום. די ייִדן האָבן געהאַלטן מיט פּעדראָס צד, ווייל דער צווייטער פּרעטענדענט, הענריך, וועלכן ס'האָט געשטיצט די קלעריקאַלע פּאַרטיי, האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס שנאה צו ייִדן. אין משך פון דעם עקשנותדיקן קאַמף האָבן שטאַרק געליטן פילע ייִדישע קהילות, צווישן זיי אויך די גרעסטע אין גאַנץ קאַסטיליע — די פון טאָלעדאָ. און ווען דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט (אין 1369) מיטן טראַגישן טויט פונם נעזעצלעכן יורש, פּעדראָ, און דעם טראָן האָט באַשטיגן זײַן

---

1 „אגרת המוסר", 48: „יהנה אמת נכון הדבר כי ריב הגזירות והצרות אשר נתחדשו עלינו היו בסבת פריצי עמנו אשר גלו חרפתנו ובסבת רוע הנהגתנו עם הגוים שכנינו, עם היותנו עברים נכבשים להם וחללנו שם קודש אלהינו בקרבם, כי הלכנו אתם באונאה ומרמה יקבענום בחוקים לא טובים בערמה, עד אשר מאסונו והחזיקונו כגנבים רמאים כנאפים יעצרת בוגדים, יכל מלאכה נמבזה ונמאסת, אותה בכנים מלאכת היהודים".

ברודער הענריך. האָבן די יידן געמוזט זייער טייער באַצאָלן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַלטן מיט דעם אומגעקומענעם קיניג. אַ בולט בילד וועגן די צרות און שרעק, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אויסצושטיין אין משך פון דער „מלחמות אחים“, גיט אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט, שמואל אבן סינה אבן סַרסָה, דער פאַרפאַסער פונם באַקאַנטן פירוש אויף תורה „מקור חיים“. אין דער פאָררעדע צו זיין פירוש אויף די אגדתות פון תלמוד „מכלל יופי“ [1] דערציילט אבן סרסה: „דאָס יאָר 1368 איז געווען אַן עת צרה פאַר אַלע קהילות פון קאַסטיליע און ליאָן; אַלע קללות פון דער תוכחה זיינען אויף אונז פאַר אונזערע גרויסע זינד מקויים געוואָרן. אין דער הייליקער קהילה פון טאָלעדאָ, וואָס זי איז געווען דער שיינדל און די קרוין פון אונזער פאָלק, זיינען מער פון צען טויזנט מענטשן אומגעקומען אין משך פון צוויי חדשים, בעת דער מלך דאָן ענריק האָט די שטאָט באַלאַגערט. נשים רחמניות — ווייכהאַרציקע פרויען האָבן זייערע אייגענע קינדער אומגעבראַכט און מיט זיי זייער הונגער געשטילט. דער הונגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אויסגענעמען אַלע ספר־תורות און אַלע אַנדערע ספרים און חפצים פון לעדער. אפילו וואָלענע זאַכן פלעגט מען אויפן פייער צוסמאַליען און עסן. פילע זיינען אַרויס פון דער שטאָט און זיך אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם שונא. „בעסער — האָבן זיי געזאָגט — אומקומען פון דער שווערד איידער שטאַרבן פאַר הונגער“... פילע הייליקע קהילות זיינען פון הונגער אומגעקומען, און אַ סך האָבן אין דער דאָזיקער צייט פון שרעק זייער פאָלק פאַרלאָזן (ומרוב הצרות יצא הרבה מישראל מהכלל). „מען האָט אונז געראַובט און געפּלינדערט; מיר זיינען געבליבן נאַקעט און בלויז, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אונז, און דער בן־דוד קומט נאָך אַלץ ניט“ [2].

און אויף די קהילות, וואָס זיינען אַזוי פיל צרות אויסגעשטאַנען, האָט מען נאָך דער מלחמה אַרויפגעלייגט גרויסע קאָנטריבוציעס, און די

---

1 די פאָררעדע איז צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין „אוצר הספרות“, II, 3־טע אָפּטיילונג, 121—3.

2 וועגן די הונגער־שרעקן אין טאָלעדאָ אין 1368 דערציילט אויך אַן אַנדער בן דוד, מנחם אבן זרח, אין דער פאָררעדע צו זיין „צידה לדרך“. אויך ער באַשרייבט, ווי מוטערס האָבן אייגענע קינדער געשאָכטן און מיט זיי זייער הונגער געשטילט: „הקהל הקדוש קהל טוליטולה לקו כפלים במצור עד אשר אכלו בשר בניהם ובנותיהם וימותו במצור כשמונת אלפים איש גדולים וקטנים במציר ובמצוק מרעב וחוסר כל“.

קלעריקאַלע פּאַרטיי, וואָס אַדאַנק איר האָט דער יונגער הענריק די קיניג־קרוין באַקומען, האָט געפּועלט ביים קיניג, אַז אין יאָר 1371 זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פילע באַגרענעצונגען און גזירות קעגן יידן: דער פאַרבאָט, יידן זאָלן ניט טאָרן טראָגן קיין קריסטלעכע נעמען, אויף ס'נייַ באַשטעטיקט דעם אַלטן באַפעל, יידן זאָלן טראָגן אויפן אייבערשטן מלבוש אַ ספּעציעלן צייכן, און נאָך פילע אַנדערע...

בכדי וואָס מער אויפצורייצן דעם פאַנאַטישן המון קעגן די יידן, האָבן די קאַטוילישע גייסטלעכע מיט דער איינוויליקונג פונם קיניג געצוווּנגען די יידן, זיי זאָלן מיט זיי פירן עפנטלעכע רעליגיעזע וויכּוחים. די לאַגע פון די יידישע גייסטלעכע איז געווען אַ העכסט קריטישע: זיי האָבן פּאַקטיש געמוזט פירן מלחמה מיט געבונדענע הענט, ריכטיקער — מיט אַ געשלאָסן מויל. בשעת די וויכּוחים האָבן זיי זיך געמוזט היטן מיט עפּעס אַ וואָרט פּוגע בכּבוד זיין די קריסטלעכע אמונה, אוים מורא ניט דעררגנזענען די קאַטוילישע גייסטלעכע און ניט דערוועקן דאָס נקמה־געפיל ביי דעם המון. מען האָט געמוזט זיין דער קונציקסטער דיאַלעקטיקער, דער גרויכער מומחה אין די שפּיציקסטע איינפאַלן און שאַרפזיניקסטע המצאות, בכדי זיין אימשטאַנד אָפּצוּווענדן די אַלע ווידעראַנאַנדן, מבטל זיין די אַלע קלאָץ־קשיות און גראָבע אָנפאַלן אויף דער יידישער אמונה מצד די קאַטוילישע גייסטלעכע, און דערביי ניט פּוגע בכּבוד זיין און ניט קריטיקירן די קריסטלעכע רעליגיע מיט אירע דאָגמען. עס איז דערפאַר געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע פּאָלעמישע ליטעראַטור, עס זיינען דערשינען האַנטביכער, וואָס לערנען די טכסיסי מלחמה, ווי אַזוי צו פירן רעליגיעזע וויכּוחים.

אין יאָר 1374 האָט משה כּוהן אוים טאָרדעסילאַ [1] פאַרעפנטלעכט זיין „עזר האמונה“, וווּ אין פאָרם פון אַ וויכּוח צווישן אַ יידן און אַ קריסט[2] ווערט דערציילט וועגן זיין אייגענעם וויכּוח צו וועלכן מען האָט אים מיט געוואַלד געצוווּנגען, ער זאָל האַלטן אין דער שטאָט אַווילאַ אין אַ קאַטוילישער קירך, וווּ עס זיינען געווען פאַרזאַמלט אַ סך קריסטן, מוסולמענער און די גאַנצע יידישע קהילה. אַם אינטערעסאַנטסטן איז דער לעצטער, אַכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל, וווּ עס ווערן פּאָלע־

---

1 בשעת דעם דינאַסטישן קריג האָט מען משה כּוהן גענומען געפאַנגען, און כּים בסירת־נפש איז ער ביינעשטאַנען אַלע נסיונות, מים וועלכע מע האָט אים געוואָלט צווינגען, ער זאָל אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן.

2 דער וויכּוח צווישן „יהודי“ און „נוצרי“ ווערט געפירט פונם 3־טן קאַפּיטל ביזן 24־סטן.

מיש באַלויכטן פאַרשיידענע שטעלן אויס דעם עוואַנגעליום און זייער שאַרף קריטיקירט דער ביי די קאַטאָליקן אזוי אָנגענומענער מנהג זיך מתוודה זיין אין באַגאַנגענע זינד פאַרן גלח [1].

דער פּראָפעסאָר האָט זיין ווערק צוגעשיקט דער טאָלעדער קהילה, בכדי זי זאָל זיך דערמיט באַנוצן ביי די רעליגיעזע וויכּוחים, און דערביי טאַקע שטרענג געוואָרנט, אז די יידישע דיספּוטאַנטן זאָלן בשעתן וויכּוח זיך היטן פאַר צו שאַרפע אויסדריקן, ווייל, שטרייכט משה כּוהן אונטער, „די קריסטן זיי האָבן דאָך די מאַכט, און קאָנען מיטן פויסט צווינגען דעם אמת צו פאַרשווייגן״ [2].

מיט זעקס יאָר שפּעטער (אין 1380) האָט שם־טוב בן שַׁפּרוט אויס טוטעלאַ זיין „אבן בוחן״ פאַרענדיקט, ווו ער באַשרייבט זיין עפנטלעכן וויכּוח, וואָס ער האָט געפירט מיטן קאַרדינאַל פּעטער דע לונא (דער שפּע־טערדיקער פּויפּסט בענעדיקט דער XIII) וועגן „חטא הקדמון״ (אדם הראשונס זינד מיטן עץ־הדעת) און וועגן דער פּראָבלעם פון שכר ועונש. אלס הילפסבוך פאַר די יידישע דיספּוטאַנטן האָט ער אויך איבערגעזעצט אויף העברעיִש די פיר ערשטע עוואַנגעלישע ביכער און זיי פאַרזאָרגט מיט קריטישע באַמערקונגען. ער האָט אויך אָנגעשריבן א ספּעציעלן פּירוש „פּרדס רמונים״ [3] אויף אייניקע תלמודישע אגדות. צווישן די תלמודישע אגדתות זיינען כּידוע פאַראַן זייער פילע, וואָס זיינען געשריבן אין גאַנץ פאַנטאַסטישן סטיל (ווי, למשל, רבה בר־בר־חנהס גוזמאס וכדומה). אָט די פאַנטאַסטישע לעגענדעס און וווּנדער־מעשיות פלעגן די קריסטלעכע אָפּאָנענטן זייער גערן אויסנוצן אלס פּאָלעמישן מאַטעריאַל, בכדי צו דער־ווייזן, אז די יידישע אמונה איז פול מיט כּלערליי נאַרישקייטן און באָבע־מעשיות. נאָר שוין סעדיה גאון איז אין זיין פּאָלעמיק מיט די קאַראַיִמען ארויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אז א ייד א מאמין איז כּלל ניט

1 כּתב־יד, 104: „ועוד תקן שכל עבירות ועושק יעשו אפי׳ בעל אשת איש ועשה כל רעות שבעולם, ילך אצל כומר איזה שיהיה והכומר יכפר לו כל עונותיו שעשה ונמצא נקי ויכופר במעט כופר שיתן לכומר ואח״כ יחזור לפשעם וחטאתם ויחזור לכומר ויכפר״.

2 דער „עזר האמונה״ איז ניט געדרוקט. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט א כּתב־יד, וואָס געפינט זיך אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי, אין פרידלאַנדס קאָלעקציע. דער כּ״י באַשטייט אויס 104 זייטן. אויפן שער איז אָנגעשריבן: „עזר האמונה להר״ר משה כּוהן מורסילה. פּלפּולים באמונת הנוצרים, חברו בשנת ה׳ קל״ד״.

3 צום ערשטן דערשינען אין סביוניטה אין 1554, איבערגעדרוקט דורך אלעזר צחייפל אין זשיטאָמיר אין 1866.

מחוייב צו גלויבן אין דעם אגדישן טייל פונם תלמוד. אויך דער רמב"ן האָט אין זיין וויכוח מיט פרא־פאָלאָ אָפן דערקלערט, אז ער גלויבט כלל ניט אין דעם ווערטלעכן פשט פון פילע אגדתות [1]. אויך יחיאל אויס פאַריז האָט אין זיין וויכוח מיט דעם משומד דאָנין דערקלערט: „די תלמודישע אגדה, אויף וועלכער דו שטיצסט זיך ביי דיינע אָנפאַלן אויף דער יידישער אמונה, איז פאַר אונז כלל ניט קיין הלכה מסיני. ווער עס וויל, גלויבט אין איר, ווער ניט — וועט אים אויך קיינער ניט ווערן און וועט חלילה דורכדעם ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אפיקורס". משה אויס טאָרדעסילאַ האָט אין דער פאַררעדע צו זיין ווערק אָנגעוויזן, אַז פילע תלמודישע אגדות טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער, ווי די משלים און דברי־מוסר פון „כלילא ודימנא", אין אַנדערע ווידער שטעקט בלי־ספק אַ טיפער פאַרבאָרגענער מיין, דאָך איז דער ייד דער מאמין ניט מחוייב אין זיי צו גלויבן. אויף דעם שטאַנדפּונקט שטייט אויך אבן שפּרוט; ער פלייסט זיך בלויז צו דערווייזן אין זיין „פרדס רמונים", אַז אין פילע פון די תלמודישע פאַנטאַסטישע לעגענדעס, וואָס איבערראַשן מיט זייערע גוזמאות און אומגעלומפּערטע איינפאַלן, זיינען פאַרבאָרגן זייער טיפע פילאָזאָפישע ענינים.

אָט די זייער אָפטע עפנטלעכע וויכוחים מיט די גיפטיקע אָנפאַלן אויף דער יידישער אמונה האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די פאַנאַטישע שנאה אין דער קריסטלעכער סביבה צו דער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט אָנגעפאַנגען אַלץ מער צו באַגרענעצן די יידן אין זייערע רעכט און דריקן זיי מיט נייע גזירות. נאָך דעם טראַגישן טויט פון דעם אומגליקלעכן פּיכאָן * האָט מען אין נאָמען פונם קיניג ביי דער יידישער געריכטס־קאַמער צוגענומען דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט קרימינעלע ענינים. אין 1385 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קיניגלעכער באַפעל, אַז קיין שום ייד און אויך קיין מוסלמענער האָט ניט דאָס רעכט צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַ שאַצמייסטער ביים קיניגלעכן הויף. מען האָט אפילו באַנייט דעם אַלטן קירכלעכן פאַרבאָט, יידן זאָלן ניט טאָרן וווינען מיט קריסטן צוזאַמען. דער קלעריקאַליזם אין שפּאַניע איז געוואָרן אַלץ מער אַקטיווער, און זיין מאַכט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די קאַטוילישע גייסטלעכע, וואָס האָבן פריער בלויז געקעמפט קעגן דער צו שטאַרקער השפעה פון דער פרעמדער קולטור, ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער אויפפאָדערנדיק־אגרעסיוו. זיי האָבן זיך שוין מער ניט באַנוגנט מיט דער אויפגאַבע צו

---

1 זע „מלחמת חובה", 3: „ואען ואומר, אני איני מאמין באגדה זו כלל".

* זע אויבן, 219.

שיצן די קריסטלעכע קולטור, נאר געשטרעבט צו פארטיליקן יעדן זכר פון פרעמדע קולטורן. זייער דעוויז איז געווארן: איין מלוכה, און די איינציקע קריסטלעכע אמונה דארף געוועלטיקן איבער דעם גאנצן שפאנישן לאנד; און מיט דער שארף פון דער שווערד דארפן אומברחמנותדיק פארטיליקט ווערן אלע פרעמדע עלעמענטן, וואס געהערן צו אן אנדער שטאם און גלויבן אין אן אנדער אמונה. דער חלום פון דער איינציק-גאנצער קאטוילישער שפאניע האט זיך אבער געפונען אין א שארפער סתירה מיט דער גרויסער ראלע, וואס ס׳האבן געשפילט אין דער קריסטלעכער שפאניע די אראבער און בפרט די יידן. ארויסטרעטן מיט צו שטארקע מיטלען קעגן די ארטיקע מוסולמענער האט מען אבער מורא געהאט: די מוסלמענער קאנען דאך אויף דעם זעלבן אופן אפצאלן די קריסטן, וואס וווינען אין דער אראבישער גראנאדע און אין צפון-אפריקע. דערפאר אבער האט די קאטוילישע קירך געקאנט אויסלאזן איר גאנצן צארן אויף דעם שוץ- און מאכטלאזן קעגנער — אויף די יידן. די קאטוילישע גייסטליכע האבן זיך שוין מער ניט באנוגנט דערמיט, וואס זיי פלעגן באשולדיקן די יידן, אז זיי באגנבענען די קיניגלעכע שאצקאמער און מאכן חרוב דאס לאנד — אין נאמען פון דער אמונה האבן זיי געפאדערט, מען זאל די יידן אינגאנצן אויסראטן אדער זיי צווינגען אננעמען די הייליקע טבילה. די גייסטלעכע האבן זייער גוט פארשטאנען, ווי לייכט ס׳איז צו דערוועקן דעם ווילדן פאנאטיזם און דעם ברען פון רעליגיעזער שנאה אין דעם שפאנישן פאלק, וואס ס׳האט אין משך פון לאנגע דורות געפירט אזא עקשנותדיקן קאמף מיט דעם אנדערש-גלויביקן שונא, און געזיפצט אונטער די שווערע אפצאלונגען, וואס זייערע מאנער און זאמלער זיינען על-פי רוב געוועזן יידן.

„טויט אדער טבילה!״ — אט דער דעוויז פון דעם קריגערישן קאטוילישן קלערוס האט געפונען דעם באגייסטערטן און אומדערמידלעכן שליח אין דעם פאנאטישן, האלב-משוגענעם גלח פון דער סעווילי-ער פראכוויע, פערנאנד מארטינעץ. פון דער קירכלעכער בימה האט ער גע-שאטן פעך און שוועבל אויף די „שונאים פון קריסטוסן״, מיט גרויס פייער געפרעדיקט, אז יעדער גאטספארכטיקער קריסט איז מחויב צו צווינגען יידן, זיי זאלן אננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן; די קליינע יידישע קינדער דארף מען ביי זייערע עלטערן צונעמען און דורך טבילה זייערע קינדערשע נשמות ראטעווען; מיט געוואלד דארף מען אויך די יידישע שולן און בתי-מדרשים צונעמען און אין קירכן זיי פארוואנדלען. און די דאזיקע גיפטיקע זוימען, וואס מארטינעץ און זיינע פילע מיטהעלפער האבן געזייט, איז געפאלן אויף דעם ריכטיקן באדן; זיי האבן אוי-

סעראַרדנטלעך פאַרשאַרפט אין דער קריסטלעכער באַפעלקערונג די טיפע שנאה צו יידן, וואָס האָט זיך ביי איר דורות־לאַנג אָנגעזאַמלט דורך רע־ליגיעזע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיבות. און אין 1391 האָט דער שרעקלעכער שטורעם אויסגעבראָכן, וואָס האָט געבראַכט אַן אמתן חורבן דעם יידישן קיבוץ אין שפּאַניע. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אומגליק אין סעווילִיע, ווו מאַרטינעז האָט זיינע פאַנאַטישע פּרעדיקן געהאַלטן. דער אויפגעבראַכטער המון האָט דאָרט עטלעכע טויזנט יידן אומגעבראַכט. די שחיטה אין סעווילִיע איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, דער ערשטער פונק פון דעם אויסגעבראָכענעם פייער, וואָס ס'האָט באַלד דאָס גאַנצע לאַנד צערומגעכאַפּט. דעם זעלבן שרעקלעכן סוף, וואָס די סעווילִיער קהילה, האָבן אויך געהאַט דאָס רוב אַנדערע קהילות פון קאַסטיליע און אַראַ־גאָניע. אין טאָלעדאָ, קאָרדאָווע, וואַלענסיע און אין אַנדערע שטעט — אומעטום האָט דער דורך די פאַנאַטישע פּרעדיקן אויפגערייצטער המון ווי אַ ווילדע חיה באַפאַלן די יידישע הייזער, געהרגעט, געראַבעוועט, אין פייער געברענט. העכער זיבעציק קהילות זיינען דעמאָלסט אומגעקומען. אויפגעוואַכט האָבן די אַמאָליקע שרעקן פון די קרייצצוגן. די שפּאַנישע יידן זיינען אָבער ניט געווען אימשטאַנד זיי אַריבערצוטראָגן מיט דער זעלבער פאַנאַטישער עקשנות, ווי זייערע דייטשע ברידער...

די דייטשע יידן זיינען געגאַנגען אויף מסירת־נפש און מקריב געווען זייער לעבן פאַר דער אמונה פון זייערע אָבות. בלויז געציילטע יחידים האָבן דעם קריסטלעכן גלויבן אָנגענומען, און דאָס אויך נאָר לפנים, און ווי נאָר די סכנה איז אַריבער, האָבן זיי גלייך מחזיר בתשובה געווען און צום יידישן גלויבן צוריקגעקערט. אַנדערש איז געווען די לאַגע אין שפּאַניע. אויך דאָרט האָבן אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן פילע זיך מוסר־נפש געווען; אין טאָלעדאָ, למשל, האָט דעם ראַ"שס אַן אוראייניקל, דער פרומער יהודה בן אשר, מיט זיינע אייגענע הענט גע־שאָכטן זיין גאַנצע פאַמיליע, און דערנאָך האָט ער גופא און אויך זיינע תלמידים זיך דאָס לעבן גענומען [1]. פילע צענער טויזנטער שפּאַנישע

---

1 זע „יוחסין", פיליפּאָווסקים אויסגאַבע, 225; חסדאי קרֶשקשס אַ בריוו אין „שבט יהודה" (ווינער אויסגאַבע, 129). אין אַ לאַנגער קינה, וו עס ווערן אויסגערעכנט כמעט אַלע קהילות פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע, וואָס האָבן געליטן אין יענעם בלוטיקן יאָר, ווערט אויך דערמאָנט דער „קדוש" יהודה בן אָשר:

ורב יהודה תחלה — אשר היה איש תהלה
הקריב אשתו לעולה — ובניו בקרב ישראל.

(פאַרעפנטלעכט אין „לעטטערבאָדע", VI, 33—37).

די סעווילִיער שחיטה באַקלאָגט אויך אַ צווייטע קינה, וואָס ס'איז פאַרעפנטלעכט

יידן [1], וואָס האָבן געלעבט אין רייכטום און וווילטאָג, זיינען אָבער דעם נסיון ניט ביינגעשטאַנען, בעת די שאַרף פון דער שווערד איז זיי איבער דעם האַלז געלעגן, און זיי האָבן אין דער טבילה זייער רעטונג געפונען.

צווישן די דאָזיקע נייגעבוירענע קריסטן זיינען געווען פילע, וואָס האָבן דעם קריסטלעכן גלויבן אָנגענומען נאָר לפנים, „עד יעבור זעם", האָפנדיק, אַז ווי נאָר די געפאַר וועט אַריבערגיין, וועלן זיי זיך צוריק אומקערן צו דער אמונה פון זייערע אָבות. אַ טייל פון די דאָזיקע „בלומרשטע" קריסטן איז טאַקע מיט דער צייטווירקלעך געלונגען, ניט קוקנדיק אויף די קירכלעכע שפּיאָנען און אינקוויזיטאָרן, עוקר זיין פון שפּאַניע, און אין אַנדערע לענדער זיך אָפן דערקלערן אַלס יידן. די אָבער, וואָס זיינען געבליבן אויפן אָרט, האָבן געמוזט אָפיציעל שפּילן די ראָלע פון פרומע קריסטן; אין דער שטיל, אין די פאַרבאָרגענע חדרים האָבן זיי אָבער זיך געהאַלטן פעסט אין דער יידישער אמונה מיט אירע מנהגים, פאַרהאַלטנדיק זיך מיט גרוים שנאה צו דעם מיט געוואַלד זיי אויפגעצוווּנגענעם צלם.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין שיינעם שפּאַנישן לאַנד געבילדעט דער אייגנאַרטיקער אינסטיטוט פון „אנוסים", אָדער „מאַראַנען". און אין קאַמף מיט זיי האָבן באַלד הערל אויפגעפלאַקערט די שיימערהויפנס, און די אינקוויזיציע מיט די גאָטספאַרכטיקע קירך־פאַרטרעטער האָבן מיט זייערע בלוטיקע מעשים און אוממענטשלעכער אכזריות דאָס לאַנד מיט שאַנד באַדעקט אויף לאַנגע, לאַנגע דורות...

נאָר ניט אַלע „אנוסים" האָבן געחלומט וועגן דער מעגלעכקייט זיך צוריקקערן צו זייער אַלטן גלויבן. צווישן דער יידישער אינטעליגענץ

אין „גנזי נסתרות", II—I, 56—57. דער שפּאַנישער חורבן פון 1391 ווערט אויך באַקלאָגט אין אַ כך אַנדערע קינות, וואָס זיינען אויפגעהיט אין מאַנוסקריפּטן. אין דער ערשטער קאָלעקציע פון דער פירקאָוויטש־זאַמלונג האָט זיך אונטער דעם נומ' 165 געפונען אַ מאַנוסקריפּט, וועגן וועלכן דער קאַטאַלאָג דערציילט: „דיוואַן פאָן געדיכטען פערשידענען אינהאַלטס; זי אומפאַסען איינען צייטרוים פאָם יאַהרע 1391 ביז 1428, אונד זינד די מייסטען קלאַגעליעדער איבער דען עקסיל אונד ליידען דער יודען אין שפּאַניען, וואָ זיע אויך פערפאַסט וואָרדען פאָן דען דאָרטיגען ראַבבינערס. אים גאַנצען זינד עס 156 קאָמפּאָזיציאָנען, דאָך פעהלען ביז 124. ווי פיעלע פעהלען נאָך פון 156 אַב וייטער".

דער כתב־יד גופא פעלט אין דער זאַמלונג.

1 לויט אייניקע קוועלן, האָט די צאָל פון די געשמדטע יידן אין 1391 דערגרייכט ביז צוויי מאָל הונדערט טויזנט.

אין שפּאַניע זיינען דאָך געווען פילע, וואָס האָבן אונטער דער השפעה פון די ראַציאָנאַליסטיש־פילאָזאָפישע אידעען זיך גאַנץ קאַלט פאַרהאַלטן צו מסורת־אָבות און בכלל צו רעליגיעזע פּראָבלעמען. און ווען ס'איז אין 1391 פאַר זיי אַזוי שאַרף געשטעלט געוואָרן די פראַגע: אָדער מסירת־נפש און דער טויט פון אַ מאַרטירער, אָדער אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן און רויִק געניסן אויס דעם פולן בעכער פון לעבן — האָבן זיי לאַנג ניט באַדאַרפט טראַכטן און פאַר זיך אויסגעקליבן די צווייטע ברירה.

די תמימהדיקע תורה — קלאָגט זיך שלמה אלעמי — האָבן זיי (די יידישע ראַציאָנאַליסטן) באַצירט מיט פילאָזאָפישע סברות און אָנגע־טאָן אין גריכישע קליידער. דאָס געזעץ פון משהן דעם געטלעכן מאָן האָבן זיי געוואָלט פאַראייניקן מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, און גע־מיינט, אַז זיי טוען אָן אונזער תורה גרויס כבוד, ווען זיי באַרויבן איר חן און פאַרדאַרבן איר שיינקייט, בעת זיי מאַכן פון איר בלויז אַ לייטער, בכדי די פילאָזאָפיע זאָל קאָנען אין דער הויך זיך דערהויבן. זיי געפינען, אַז אַריסטון און אפּלטונען מיט זייערע חקירות האָבן מיר פיל מער צו פאַרדאַנקען, איידער משה רבנו מיט זיין תורה. האָט מען זיך דען צו וווּנדערן, וואָס די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך געשטעלט די פראַגע: צי איז כּדאַי פאַר דער תורה זיך מקריב צו זיין, ליידן דעם יאָך און די שאַנד פונם גלות, וואָס רויבט דאָך די מעגלעכקייט רויִק זיך פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיש פאָרשן? אדרבה, נאָר דער, וואָס באַפרייט זיך פון דער שווערער ירושהדיקייט, וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך פון גלות און טיילט זיך אָפּ פון דעם שווער פאַרפאָלגטן קיבוץ — ערשט דער קאָן פריי אָפּאָטע־מען און אומגעשטערט זיך פאַרטיפן אין דעם טעמפּל פון פאָרשן און וויסן" [1].

אין מאַראַליש־עטישן זין זיינען די דאָזיקע מענטשן ניט געשטאַנען אויף אַ באַזונדערס הויכער מדרגה, בנוגע אָבער צו וויסן און בילדונג,

---

1 „אגרת המוסר", 41—42: „הערימו סוד לחדש פני התורה התמימה ולהסבירה בסברות יוניות, צידוניות וחתיות, וילבישוה בגדי יונית... חשבו לחבר תורת משה עבד ד' אל היונית להשלימם ולהשוותם חשבו להגדיל כבודה ומעלתה ושחתו הודה וחללו יפעתה כי עשו אותה סולם והיונית עליתה... לפי דבריהם הועילונו אפלטון וארסטו בחקירתם ממשה רבנו בתורתו... ואם בתורת ד' צדיק לא יחיה באמונתו למה נמות עליה ונסבול עול הגלות וחרפתו המפריד את האדם מחשבתו? הלא הפורק עולה מעל צוארו ויבדל מעדת הגולה להפיר ברית האלה מקל עולו ויניח מעצב הגלות ורגזו וימצא מנוח לכף רגלו להשיג העיון בשלמותו?"

זיינען זיי געווען דאָס זעמלמעל פון דער דעמאָלטיקער יידישער אינטע־ליגענץ. דאָס זיינען געווען שריפטשטעלער, קינסטלער, געלערנטע, מעדי־צינער, פּאָליטישע טוער אאז״וו, און אדאנק זיי האָט די קריסטלעכע שפּאניע מיטאמאָל באקומען גאנצע קאדרען אינטעליגענטע קרעפטן, איז וועלכע זי האָט זיך אזוי געניטיקט. צווישן די דאָזיקע פרישגעבאַ־קענע קריסטן זיינען געווען ניט וויניק אמתע קאריעריסטן, וואָס האָבן אויס דער „טבילה" געוואָלט מאכן דעם כּישוף־שליסל, וואָס עפנט פאַר זיי אַלע אוצרות פונם לעבן. בכדי נושא־חן זיין ביי זייערע נייע גלויבנס־ברידער, האָבן זיי זיך שטארק געפלייסט ארויסווייזן זייער איבערגעגעבנ־קייט דער קירך און דעם קריסטנטום, און דערביי זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר מסירות, און אָפט געמסרט די „אנוסים", אז זיי זיינען ניט קיין אמתע קריסטן, נאָר פארבאָרגענע יידן. אָט אזוי זיינען אַ סך משומדים געוואָרן מוסרים, מלשינים און פארביסענע שונאי ישראל. דאָ האָבן מיט־געהאָלפן פארשיידענע מאָטיוון: אייניקע האָבן מיט די רדיפות אויף די גע־וועזענע ברידער און דער אמונה פון זייערע אָבות געוואָלט פארדעקן זייער גלייכגילטיקייט צו רעליגיעזע פּראָבלעמען, אנדערע האָבן מיט זייערע מסירות אויף די אנוסים באצוועקט צו באפרייען זיך פון דעם אָדער יענעם געפערלעכן קאָנקורענט, נאָך אנדערע האָבן דאָס געטאָן פשוט דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געפילט איינזאַם און פרעמד אין דער נייער קריסטלעכער סביבה, האָבן זיי געוואָלט דער גאנצער יידישער קיבוץ זאָל זיי נאָכטאָן און אויך איבערגיין צום קריסטנטום.

„צווישן די געשמדטע—דערציילט דער שוין אָפט ציטירטער ריב״ש— זיינען דאָ פילע, וואָס אין דער התחלה איז דאָס טאַקע געווען פאַר נויט, נאָר מיט דער צייט האָבן זיי שוין מיטן פרייען ווילן געפעלשט אין דער תורה, אָפּגעזאָגט זיך פון אַלע אירע מצוות און געגאַנגען נאָך פרעמדע געבאָטן. זיי האָבן אָבער ניט נאָר אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון דער תורה, — זיי מסרן נאָך די אומגליקלעכע יידן, וואָס לעבן צווישן זיי, טראַכטן אויף זיי אויס בילבולים, בכדי זיי אויסראָטן פונם פאָלק, און אויסמעקן דעם יידישן נאָמען. אויך די אנוסים, וואָס זיינען אין הארצן טריי געבליבן זייער אמונה און טראַכטן וואָס גיכער זיך באַפרייען פון שמד — אויך זיי מסרן אָט די רשעים און גיבן זיי איבער אין די הענט פון דער רעגירונג" [1].

---

1 שו״ת ריב״ש, נומ׳ 11: „יש בהם שהיה יכולת בידם לצאת מן הארץ ההיא ולמלט נפשם מן השמד, אלא מאחר שנשתמדו אף אם התחלתן באונס, אחר כן פרקו עול שמים נתקו מוסרות התורה מעליהם ומרצונם הולכים בחקות הגוים ועוברים על כל

די קאַטוילישע קירך האָט אין די דאָזיקע משומדים געפונען די גע־וואונטשנסטע מיטהעלפער אין איר קאַמף קעגן דעם יידנטום. יענע זיינען דאָך געווען די „יודעי ספר", די בקיאים אין דער רעליגיעזער יידישער ליטעראַטור, פלעגן זיי אַרויסטרעטן אויף די „דיספוטן", פירן וויכוחים מיט די רבנים און שרייבן גיפטיקע פאַמפלעטן קעגן דער „פאַלשער רבנישער לערע". די יידישע געלערנטע האָבן, נאַטירלעך, ניט געקאָנט בלייבן בלויז אַלס שטומע עדות, זיי האָבן זייערע קעגנער באַגעגנט מיט דעם זעלבן געווער: מיט צוגעשפּיצטע פאָלעמישע פיילן, מיט שאַרפע פאַמפלעטן און סאַטירישע פלוגשריפטן. אָט די פאַמפלעטן און קאַמף־שריפטן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין היץ פון געפעכט, זיינען דאָס אינטערעסאַנטסטע בלאַט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט געשאַפן אין סוף פון פערצנטן און אינם אָנפאַנג פון פופצנטן יאָרהונדערט. וועגן דער דאָזיקער פאָלעמישער לי־טעראַטור אינם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

מצות התורה, ולא עוד אלא שרודפים אחר היהודים האמללים אשר ביניהם להעלילם כדי להכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד, וגם על האנוסים אשר לבם לשמים ומשתדלים לצאת מתוך השמד אלה הרשעים מוסרים אותם למלכות כמו ששמענו מקצתם אשר בבלנסיה וברצלונה".

דריטער קאַפּיטל.

פּאָמפּלעטן אַלס קאַמף־מיטל. — שלמה באָנפעד אַלס דיכטער און פּאַמפלע־טיסט. — יהושע אַלורקי און דער משומד פּוילוס אוים בורגאָס. — אַלור־קים בריוו; דער מאַראַן פּראָפיאַט דוראַן און זיין לעבנס־דראַמע. — דוראַנס פּאַמפּלעט „אל תהי כאבותיך” און זיין פּאָלעמיש ווערק „כלימת הגוים”. — די פאָררעדע צו זיין „מעשה אפוד” און איר קולטור־היסטאָרי־שער באַטייט. — די דריי שטרעמונגען אין דער יידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט.

איינער פון די פריער דערמאָנטע משומדים, וואָס זיינען געוואָרן די געפערלעכסטע קעגנער פון זייער אַלטן שטאַם, דער אַרצט אַשטרוק ריימוך (Francisco Dios Carne), האָט זיך געווענדט צו זיין געוועזענעם חבר, עין־שאַמפּיאַל (שאלתיאל) בונפאַס, מיט אַ סאַרקאַסטישן בריוו, אין וועלכן ער מאַכט חוזק פון דער יידישער אמונה און לויבט ביז אין די הימלען דעם קריסטלעכן גלויבן מיט זיינע דאָגמען. בונפאַס האָט גע־ענטפערט אין אַ גאַנץ ווייכן און געלאַסענעם טאָן, און זיך געהיט ניט צו באַליידיקן מיט אַ וואָרט ס'איז וועלכן די קריסטלעכע אמונה. מיט פיל גרעסערן מוט איז קעגן ריימוכס בריוו אַרויסגעטראָטן שאלתיאל בונפאַ־סעס פריינד, דער איינציקער באַגאַבטער יידישער דיכטער אין שפּאַניע פון יענער צייט, שלמה בן ראובן באָנפעד. דאָס איז געווען אַ מאַן פון גאַנץ הויכער בילדונג; אַ בקי אויפן פילאָזאָפישן געביט, איז ער געווען כמעט דער ערשטער צווישן די יידישע מיטלאַלטערלעכע געלערנטע, וואָס האָט געשעפּט זיינע ידיעות וועגן אַריסטוס סיסטעם ניט אוים אבן רשדס ווערק, נאָר אוים דער לאַטיינישער איבערזעצונג פון בועציוס. ער איז אויך געווען באַקאַנט מיט די רוימישע קלאַסיקער און מיט די באַרימטע אַראַבישע דיכטער, און ער ווייזט מיט פולן רעכט אָן, אַז זיין מוזע האָט זיך אויפגעצויגן ניט בלויז אויף די פעלדער פון יהודה, ווייל „זיין האַרץ האָט אויך באַצוווּנגען דאָס לאַטיינישע ליד און ניט זעלטן געבלאָנדזשעט אין די געצעלטן פון אַראַביע” [1].

---

[1] וּמִנַּחַל קְדוּמִים אֶשְׁאֲבָה שִׁיר — וּמִטּוּרֵי יְהוּדָה מַחֲצָבִי
בְּשִׁיר לַעַז לְאַט נוֹעַץ לְבָבִי — וְאוּר יָהֵל וְיַהֵל שָׁם עֲרָבִי.

באַנפעד האָט געשריבן אַ סך ליבע־לידער [1] און האָט אויך פאַרפאַסט לויט דעם מוסטער פון האָראַצס Ars poetica, אַ דידאַקטישע פּאָעמע, וווּ ער לערנט די כּללים פון פּאָעטישער קונסט: מען דאַרף דיכטן אין אַ קלאָרער שפּראַך, פאַרשטענדלעך אַפילו פאַר קינדער; די סטראָפן דאַרף מען לאַנג ליטערן, פּיילן און שלייפן, איידער מען שיקט זיי אויף דער וועלט אַרויס [2]. פון די העברעיִשע דיכטער האָט אויף אים דעם גרעסטן רושם געמאַכט שלמה גבירול, און ער פּרווט ניט זעלטן דיכטן אין זיין נוסח. ווינענדיק אין סאַראַגאָסע, פון וואַנען מען האָט אַמאָל דעם יונגן גבירול פאַרטריבן, איז באַנפעד אויך געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער אָרטיקער קהילה, האָט דער דיכטער זיין גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן אויף די „נידערטרעכטיקע נאַראָנים" (אווילים נבלים) אויס סאַראַגאָסע אין אַ ליד [3], וואָס ס'איז געשריבן גענוי נאָך דעם מוסטער פון גבירולס באַקאַנט ליד „נחר גרוני". ער האָט זיך אָבער מיט דעם ליד אַליין ניט באַנוגנט און האָט קעגן די סאַראַגאָסער פאַרפאַסט נאָך אַ צווייטן פּאַמפלעט [4], וווּ ער שילדערט מיט בייסנדיקן סאַרקאַזם דעם אָרטיקן לעבנסשטייגער.

באַנפעד איז בכלל געווען אַ געפערלעכער קעגנער: זיינע שפּיציקע סאַרקאַזמען האָבן געטראָפן ווי גוט געצילטע פיילן, זיינע עפּיגראַמען זיינען געווען אַזוי קונציק געשליפן, אַזוי שאַרף און גיפטיק.

„עס טרעפט ניט זעלטן — פּשוטע מענטשן באַגרייפן,
וואָס גרויסע חכמים קאָנען ניט פאַרשטיין.
האָט דאָך בלעם אַליין גאָטס מלאך ניט באַמערקט
און זיין אָרעמער אייזל האָט אים גלייך דערזען"[5].

---

1 אייניקע פון זיי האָט פאַרעפנטלעכט יוסף פּאַטאַי אין בלוי־פעסטשריפט „וזאת ליהודה", 1926, 220—23.

2 בְּרַח מֵרַעְיוֹן חָבְיוֹן דְּבַר שִׁיר — בְּחַר מִלִּין יְבִינוּן עֲלוּלָיו
דְּבַר צַחוֹת וּמֵאֵין מְפַתְּחוֹת יַד — רְצוֹנְךָ יִפְתְּחוּ אִישִׁים נְעוּלָיו —
בְּרוֹר וּצְרוֹר וְשׁוּב וּשְׂרוֹף וְלַבֵּן — כְּכוּר שִׁירְךָ עֲדֵי תַבְדִּיל בְּדִילָיו
וְאַל תָּחוּס עֲלֵי הַגֵּר וְתָרוּץ — לְשַׁלְּחוֹ חוּץ, כְּנָחוּץ אֶל בְּעָלָיו.

דער איינציקער מאַנוסקריפּט פון באַנפעדס דיוואַן געפינט זיך אין אָקספאָרדער ביבליאָטעק. אויסצוגן האָט פאַרעפנטלעכט א. קאַמינקאַ אין „ממזרח וממערב", II, 109—127, און אין דעם פריער ציטירטן זאַמלווערק „וזאת ליהודה", 288—295.

3 פאַרעפנטלעכט דורך איידלמאַן אין „דברי חפץ", 1853, 20—23, איבערגעדרוקט מיט אויסגעבעסערטן טעקסט דורך אייגערסן אין „מאָנאַטסשריפט", 1884, 523.

4 געדרוקט אין „אורחות חיים", 263—364.

5 זע „ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענטס", 1843, 689.

איינעם א מלשין, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ניפטיקע מסירות, האָט באַנפער פאָלגנדיקע עפּיגראַמע געשיקט:

„פון דער בין האָסטו בלויז איר שטעכיקן גיפט באַקומען
און פאַרטיילסט אַלעמען שמאַרציקע ווונדן;
נאָר פון דער בינס זיס־טריפנדיקן האָניק
האָט דיין גיפטיק מויל קיין איינציקן טראָפּן ניט גענומען״ [1].

די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע פון 1391 האָט געמאַכט אויפן דיכטער אַ געוואַלטיקן רושם. „אין אונזער מערב־לאַנד, קלאָגט זיך דער דיכטער, איז די ליכטיקע זון פאַרגאַנגען, ווייל מער זיך ניט באַווייזן. ווי קאָן מען האָפן אויף טעג פון פרייד, ווען יעדער טאָג ברענגט אונז אַ נייעם חורבן... פאַרשטומט איז מיין פריילעך געזאַנג, די פינסטערע צייט האָט מיין ליד פאַרביטערט און אין טרויער מיין האַרפע איינגעהילט... ווי קאָן איך זינגען ביי דער שטאָק־פינסטערער נאַכט, און אויף דעם קומענדיקן קאַיאָה איז די האָפענונג פאַרלאָרן... פאַרהאַסט איז מיר דאָס לעבן אונטער דעם יאָך פון דער גרויזאַמער צייט. טיף געבויגן בין איך אונטער דער שווערער לאַסט פון גיפטיקער שנאה, פינסטערער נויט און שרעקלעכן חורבן״ [2]. רירנדיק איז זיין ליד „ראה סוסים בלב ים״, וואָס ער האָט געשיקט זיין פריינד, וועלכער האָט אין דער בהלה־צייט זיין גאַנץ פאַרמעגן אָנגעוואָרן. ער לייגט פאָר זיין ליבן פריינד (דוד צח) מיט אים צוזאַמען פאַרלאָזן די רעשדיקע געמאַרקן פון לעבן, אַוועקגיין וואָס ווייטער פון דעם מענטשלעכן געטומל, און דאָרט, אויפן שויס פון די בליענדיקע פעלדער, באַפריינדעט מיט די פייגל פון וואַלד, פאַרגעסן אין דעם עלנד פון לעבן, פאָרשן די פאַרבאָרגענע סודות און רויק דעם וווּנדערזאַפט פון חכמה געניסן [3].

---

1 זע שטיינשניידער: „פּאָעטען אונד פּאָלעמיקער אין נאָרדשפּאַניען אים 1400״; „העברעישע ביבליאָגראַפיע״ XIV, 97.

2 שמש יקר ירדה תוך מערבנו — מה זה ולא עלתה על חוג מסבנו?...
העוד ימי גיל אַכַּן בראות זמן קו לקו — יוליד חדשות להרבות מעצבנו...
. . . . רוח זמן עוכרה כינור נגינתי
כי איך לפי יערב ניב שיר בעוד יערב — מזרח וממערב אוחיל זריחתי...
אני קָץ בחיי לצוק עת . . . .
אני שָׁח לקורות זמן רב תמורות — ועל מחמורות מצוקה וחרמה.

3 „וזאת ליהודה״, 200:
לכה, דודי צח, ונלכה על פני חוץ — למרחקים בבין שיחים משחקים
בבין שיחים ובין אהים באחים — בתוך גנים ולא בינות נקיקים

ווי אַלעמי אַזוי האָט אויך באָנפעד אין דעם שרעקלעכן חורבן געזען אַ שטראָף דערפאַר, וואָס „די אמונה איז אין די הערצער פאַרלאָשן געוואָרן און פילע פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן מיט פרעמדע אידעען אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער אמונה״[1]. „אָט די דאָזיקע אידעען — רופט אויס דער דיכטער — ווי פאַלין זיינען זייערע פרוכטן און ביטער ווי גאַל זייערע בלומען. זיי האָבן פאַרגיפטעט די הערצער, און ווי אַ פאַל־נעץ די פיס פון מיינע פריינד געפאַנגען גענומען״[2].

דער מיסיאָנערישער בריוו פון דעם משומד ריימוך האָט שטאַרק אויפגעבראַכט שלמה באָנפעד, און זיין גאַנצן צאָרן האָט ער אויסגעגאָסן אין אַ מייסטערהאַפטן פאַמפלעט פול מיט בייסנדיקן סאַרקאַזם און שטאָלצן פאַטאָס[3]. באָנפעדס פאָלעמישער טאַלאַנט באַווייזט זיך דאָ אין זיין גאַנצן גלאַנץ. מיט קונציקער האַנט שליידערט ער אין זיין פיינד די פיין־צוגעשפיצטע פיילן; מיט גיפטיקער איראָניע קריטיקירט ער די קריסטלעכע דאָגמען, וועלכע ריימוך האָט מיט אַזאַ התפעלות געשילדערט אין זיין בריוו. באָנפעד קאָן ניט פאַרשטיין, ווי איז דאָס געשען, וואָס גאָט בכבודו ובעצמו האָט זיך אין מענטשלעכער געשטאַלט אַנטפּלעקט, פאַר די מענטשנס זינד זיך מקריב געווען און זיין אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן, און דאָך איז נאָך אַזאַ הייליקן קרבן די וועלט אַלץ ניט בעסער געוואָרן און ווי פריער איז זי אויך איצט איינגעטונקט אין שאַנד און זינד. איר זייט זיך אַזוי אָפט מתוודה אויף אייערע זינד, שרייבט באָנפעד ווייטער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, און אייערע פריסטער וואַשן אייך ריין ווי ניי־געבאָרענע קינדער, און איר פאַנגט גלייך אָן ווידער צו זינדיקן און טוט אייערע שענדלעכע מעשים. „ביי אייך, ווענדט ער זיך מיט איראָניע צום „מאַעסטראָ אסטרוק ריימוך״ און זיינע חברים, האָבן זיך מיט אַמאָל געעפנט די אויגן און אין דער שטאָק־פינסטערניש האָט איך

ונקבץ אהלנו מערוגות — חבצלת ושושנת עמקים
ורעינו יהיו כל צפרי חן – וזיז שָׂדַי ויונים על אפיקים
ולא נראה בתהפוכות ומנים — ולא נבין בסרה מעמיקים
ופעם נלענה על הזבנים — ופעם נדרשה סודות עמוקים
עסיס חכמה לאט נשתה בצמא — וכסלת זמיר נאכל רקיקים...

1 „ממזרח וממערב״, II, 110.

2 דאָרטן, 125:
דעות פריחן רוש ופרחן לענה — דעות בקדרות הזמן התלבנו
הם קרעו מאין חנית וסגור סגור — לב אוהבי גם פח לרגלי טמנו.

3 דער פאַמפלעט איז צוזאַמען מיט ריימוכס בריוו פאַרעפנטלעכט אין דעם „קיבוץ ויכוחים״ (1844).

מיט אמאָל אַ גרויס ליכט דערזען. אויף אייער נייעם גלויבן פרעגט איר ניט קיין קשיות, די ווילדסטע זאַכן נעמט איר אָן אָן חקירה, און אפילו ווען מען זאָגט אייך אויף לינקס רעכטס און רעכטס לינקס, מאַכט איר אַ פרום פּנים און זאָגט, אַז איר גלויבט באמונה שלמה. איר זייט דאָך קלוגע, פּראַקטישע מענטשן... (אמונתכם היא חכמתכם ובינתכם תושיבכם בין נדיבים).

ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז אַ צווייטער פּאַמפלעט פון באָנ־פעדס אַ בן־דור, דער אָפענער בריוו, וואָס דער אַרצט יהושע בן יוסף אבן וויוואַס אַלורקי האָט געשיקט צו איינעם פון די גיפטיקסטע און געפער־לעכסטע משומדים־מיסיאָנערן—שלמה הלוי אויס בורגאָס (1351—1435), וועלכער האָט נאָך דער שמד געטראָגן דעם נאָמען פּויִלוס־דע־סאַנטאַ־מאַריאַ, און מיט דער צייט געוואָרן בישאָף אין זיין געבורטס־שטאָט. אַ גרויסער בקי אין תלמודישער ליטעראַטור, איז שלמה הלוי אין די יונגע יאָרן געווען אין פריינדלעכן בריוו־פאַרקער מיט דעם קאַסטילישן קיניגס הויף־אַרצט מאיר אַלגואַדעז [1] און דעם בארימטן רב ריב״ש, וועלכער האָט אין זיינע שו״ת ניט נעקאַרגט אין שבחים און שטאַרק געלויבט שלמה הלויס חכמה און פרומקייט [2]. שלמה אויס בורגאָס איזווירקלעך געווען אַ זייער פּראַקטיש־קלוגער מענטש, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען זיין פרומקייט דעמאָלסט אַרויסווייזן, ווען עס האָט אים געקאָנט מאַטעריעלן נוצן ברענגען. וואָרעם טייער פון אַלץ איז ביי אים געווען כבוד און וועלטלעכע תענוגים. און ווען שלמה הלוי איז אין די בלוטיקע טעג פון 1391 דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען און דעם קאַטוילישן גלויבן אָנגענו־מען, איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז דאָס האָט ער געטאָן אויס־שליסלעך צוליב „עולם הזה״, און ער וועט שוין וויסן ווי אויסנוצן די „טבילה״ צו ריין מאַטעריעלע צוועקן, בכדי צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן [3]. שלמה הלוי גופא האָט אָבער פאַר־

[1] שלמה הלוי האָט אַלגואַדעזן געשיקט זיין הומאָריסטיש פּורים־געשאַנק „אשא עיני אל ההרים״ (פאַרעפנטלעכט אין „לעטטערבאָדע״, X, 78—84, און אויך אין „היקב״, 40—42; איבערגעדרוקט אין אויסגעבעסערטן טעקסט דורך אַבראַהאַמס אין Jewish Quarterly Rewiew, I, 1900, 258—63. גרעצס השערה, אַז שלמה הלוי האָט זיין הומאָרעסקע געשריבן שוין נאָך דער שמד, און אַז ער איז מיט איר אויסן אָפּצושפּאָטן פונם יידישן גלויבן — איז לחלוטין אומבאַגרינדעט.

[2] שו״ת נימ׳ 187—192. דער ריב״ש קריינט שלמה הלוין מיט פאָלגנדיקע שבחים: „באר מים חיים עמוקים, החכם המעולה, חכם עדיף מנביא״.

[3] דער באַקאַנטער שריפטשטעלער יוסף בן שם־טוב, בעת ער דערמאָנט אין זיין פירוש צו אַפודים פּאַמפלעט (וועגן וועלכן עס וועט שפּעטער גערעדט ווערן) שלמה הלויס נאָמען, האַלט ער דערביי פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן: „פּוילוס לא היה מאמין כלל בזאת האמונה והחליף את דתו לשם כבוד, עושר ושררה״.

זיכער־ט, אַז דאָס האָבן עס די טיפע ווערק פון דעם געטלעכן טאַמאַס אַק־ווינאַ געעפנט איב די אויגן און אים איבערצייגט, אַז די קריסטלעכע אמונה איז די איינציק ריכטיקע. און בכדי קיינער זאָל ניט מסופק זיין, אַז ער איז דעם קריסטנטום איבערגעגעבן מיטן גאַנצן הארצן, איז ער געוואָרן דער פאַרביסנסטער שונא פון דעם יידישן גלויבן און אָן רחמנות גערודפט זיינע געוועזענע ברידער. דאָס איז ער געווען דער פאַקטישער באַשעפער פון דעם, אין 1412 דערשינענעם „עדיקט", וועלכער האָט די יידן דערקלערט אַלס רעכטלאָזע פאַריער[1]. שוין באַלד נאָך דער שמד האָט שלמה הלוי אָנגעהויבן פאַנאַנדערצושיקן פאַמפלעטן און שימף־שריפטן קעגן דער יידישער אמונה זיינע געוועזענע באַקאַנטע און פריינד, צווישן זיי אויך דעם נאַוואַרישן קיניגס הויף־אַרצט אַראַבוענאַ. דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט שלמהס געוועזענעם תלמיד, דעם פריער דער־מאָנטן יהושע אַלורקי, און ער האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַן אויס־געצייכנטער פּאָלעמישער שריפט[2].

אַלורקי מאַכט זיך פאַר אַ תם און בעט שלמהן, ער זאָל אים דער־קלערן, אויס וואָסערע מאָטיוון האָט ער, זיין געוועזענער רבי, „משנה געווען סדרי בראשית" און אַ פרעמדן גלויבן אָנגענומען? זאָל מען דאָס דערקלערן דורך דעם גלוסטן צו עושר און כבוד, דעם גאַרן נאָך ערדישע תענוגים, דאָס ווילן געניסן פונם שוימיקן בעכער פונם לעבן? „אָדער אפשר האָבן עס גאָר דיינע פילאָזאָפישע פאָרשונגען גורם געווען: דו האָסט אין רעליגיעזע פראַגן געזען לויטער בלענדעניש און נאַרישקייטן, האָסטו דערפאַר דיר אויסגעוויילט דעם באַקוועמסטן וועג הן פאַרן גוף הן פאַר דער נשמה, בכדי צו לעבן אָן פאַרכט און אָן שרעק? אָדער אפשר האָט דאָס גרויסע אומגליק דיין מוט געבראָכן? דו האָסט געזען: שרעק־לעך איז אונזער בראָך, אַפגעווענדט האָט גאָט זיין אָנגעזיכט פון אונז; מיר זיינען געוואָרן צו שפּייז פאַר די חיות אויף דער ערד און פאַר די

---

1 לויט דעם דאָזיקן „עדיקט" האָבן יידן געהאַט דאָס רעכט צו וווינען בלויז אין ספּעציעלע קוואַרטאַלן (juderias), אַרומגעצוימטע מיט אַ מויער מיט איין איינציקן טויער. יידן ווערט פאַרווערט צו פאַרנעמען די שטעלע פון צינז־זאַמלער, באַשעפטיקן זיך מיט קרעדיט־אונטערנעמונגען, מיט מעדיצינישער פּראַקטיק, מיט אַפּטייקעריי און מיט פאַרשיידענע אַנדערע מלאכות; עס ווערט אויך פאַרבאָטן יידן זאָלן האַנדלען מיט קריסטן צוזאַמען, אָדער האַלטן קריסטלעכע באַדינטע. יידן ווערט אויך פאַרבאָטן צו האָבן אַן איינענע געריכטסקאַמער חענן וועלכע ס'איז ענינים: סיי בירגערלעכע, סיי קרימינעלע. אַ ייד טאָר ניט טראָגן דעם הערן־טיטל „דאָן", טאָר ניט טראָגן קיין געווער, ניט פוצן די באָרד א.אַז.וו.

2 פאַרעפנטלעכט אין „דברי חכמים", 1849, 41—46.

פייגל אין די הימלען — האָסטו געמיינט, אַז אויסגעמעקט ווערט שוין אונזער געדערבעניש פון דער וועלט?״

אַלורקי מאַכט בלומרשט, אַז עס איז פאַר אים אויסער ספק, אַז שלמה הלוי האָט מחמת פעסטער איבערצייגונג דעם קאַטוילישן גלויבן אָנגענומען. „איך האָב געזען, ווי דו שרייבסט צו אַראַבוענאַ אויס נאַוואַרא, אַז שוין אין סוף בית שני האָט זיך באַוויזן דער גואל המשיח, אויף וועלכן ס׳האָבן געהאָפט אונזערע אָבות, און מיט זיין לעבן און שטאַרבן האָט ער דערפילט אַלץ, וואָס די נביאים האָבן וועגן זיין אַנט־פּלעקונג פאָרויסגעזאָגט״. שטעלט אַלורקי זיין געוועזענעם רבין אַכט שאלות, וואָס זיינען סותר דעם גרונד־יסוד פון דעם קריסטלעכן גלויבן. ווי איז צו פאַרענטפערן — פרעגט אַלורקי אין איינער פון זיינע שאלות— דעם גלויבן, אַז דער גואל איז שוין געקומען אויף דער וועלט, מיט דער הבטחה פון די נביאים, אַז דעמאָלט, „באחרית הימים״, ווען משיח וועט די וועלט דערלייזן, וועלן פעלקער מער קיין מלחמות ניט פירן, מען וועט מער קיין בלוט ניט פאַרגיסן, איין מענטש וועט אויף דעם אַנדערן קיין שווערד מער ניט אויפהויבן, פרידן און ברידערשאַפט וועלן די וועלט רעגירן? צי איז דען איצט די וועלט ניט איינגעטונקט אין בלוט נאָך אפשר מער ווי פריער? צי ברענגט דען ניט יעדער קומענדיקער טאָג נייע מלחמות מיט הימלשרייענדיקע רציחות?

אַלורקי גייט אָבער ווייטער און שטעלט זיין געוועזענעם רבין פאָלגנדיקע הארבע שאלה: אם ראוי לבעל דת מצד שהוא בעל דת — צי איז אַ אויפריכטיקער רעליגיעזער מענטש מחויב אַלס מאמין קריטיש אויספאָרשן די עיקרים פון זיין אמונה? צי קאָן ער זיך אינגאַנצן פאַר־לאָזן אויף מסורת אָבות, אָדער ער מוז זעלבשטענדיק אויף אייגענעם חשבון זוכן און זיך איבערצייגן, אויב זיין אמונה איז ווירקלעך די אמתע, צי אפשר איז גאָר אַן אַנדער גלויבן די טרעגערין פונם געטלעכן אמת? ווי עס שיינט — זאָגט ווייטער אַלורקי — ביסטו געגאַנגען אויפן צווייטן דרך, רעכענענדיק אים פאַרן איינציק ריכטיקן, און דערפאַר האָסטו דיין אַלטן גלויבן פאַרלאָזן; שטיי איך אָבער ווידער פאַר אַן אומפאַרענטפער־טער הארבער פראַגע: וויבאַלד אַזוי, קאָן דאָך קיין שום ווירקלעך רע־ליגיעזער מענטש ניט בלייבן רויק ביי זיין דת, וואָס ער האָט פון זיינע אָבות בירושה באַקומען, ער מוז שטענדיק לעבן אין ספקות: טאָמער בלאָנדזשעט ער? אפשר איז דער אמתער גלויבן, דער ריכטיקער געטלע־כער אמת פאַר אים נאָך אַלץ פאַרבאָרגן?... דו — איז אַלורקי מוסיף מיט אַ באַהאַלטענעם, סאַרקאַסטישן שמייכל — האָסט נאָך לאַנגן גריב־לען און פאָרשן געפונען, אַז דער קריסטלעכער גלויבן איז אמתער פונם

יידישן: פאַרוואָס ביסטו אָבער ניט נעגאַנגען נאָך ווייטער, ניט אויס־געפאָרשט אויך דעם איסלאַם און טאַקע פילע אַנדערע אמונות אויך, וואָרעם עס קען דאָך זיין אַ סברא, אַז ניט איינע פון די דריי באַקאַנטע אמונות איז די פון גאָט אַנטפּלעקטע, נאָר גאָר אַן אַנדערע... אפשר איז אָבער דער ערשטער וועג דער ריכטיקער, און מען מוז נאָך לאַנגן שיקול־הדעת קומען צום אויספיר, אַז יעדער רעליגיעזער מענטש דאַרף זיך טאַקע האַלטן אין דעם דת, וואָס איז פאַר אים געהייליקט געוואָרן דורך מסורת־אבות. יעדער ווערט געהייליקט און געבענטשט מיטן אייביקן לעבן דורכ־דעם, וואָס ער דינט גאָט אויף זיין שטייגער און דערפילט טריי די געבאָטן, וואָס ס'פאָדערט פון אים זיין גלויבן, דער גלויבן פון זיינע אבות [1].

אָט דעם דאָזיקן הומאַניסטיש־עטישן געדאַנק, צו וועלכן דאָס דעמאָל־טיקע מיטלאַלטערלעכע אייראָפּע איז נאָך לאַנג ניט געוועזן דערוואַקסן, האַלט אלורקי פאַר דעם איינציק לאָגיש־מעגלעכן. אלא ניט, זאָגט אלורקי, וואָלט מען דאָך געמוזט קומען צום אומגלומפּערטן אויספיר, אַז גאָטס משפּט איז חלילה אומגערעכט, וואָרעם ווי קען מען עס באַשטראָפן אַ מענטשן און פאַרשפּאַרן פאַר אים די טויערן פון אייביקן לעבן דערפאַר, וואָס ער האָט טריי דערפילט זיין חוב, האָט געדינט גאָט מיטן גאַנצן האַרצן לויט די געבאָטן פון זיין אמונה, אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן און באַ־קומען בקבלה פון זיינע אבות? ווי איז אָבער דאָס צו פאַרענטפערן מיט דער קריסטלעכער לערע, אַז נאָר די קירך און אירע דינער קאָנען עפענען די טויערן פון גן־עדן? ווי איז אויך צו דערקלערן דאָס, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן?

שטעל זיך פאָר — שרייבט אלורקי ווייטער — אַ מאַמין אַ קריסט, וואָס וווינט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל ערגעץ אויף אַ ווייטן אינזל, און יע־נער האָט קיין שום באַגריף ניט, אַז עס זיינען גאָר פאַראַן מוסלמענער, צי יידן אויף דער וועלט. אויף אַנדערע פאַרוואָרפענע אינזלען וווינען אויך גאַנץ אָפּגעזונדערט אַ מוסלמענער און אַ ייד, און קיינער פון זיי

---

1 „דברי חכמים", 46: „עדיין נשאר עליך להבחין בינה ובין דת הישמעאלים ואחרת בין כלם מאותם שיחייב הדעת שאפשר להמצא, כי אפשר לעבור בסברא שאין אחת משלש אלה אלהית ושהאלהית היא אוזרת וילך אל בלתי תכלית... יתחייב אחד כשני ענינים אם שכל בעל דת מה יהיה נושע בדתות ואין לדתות זו על זו, או שהאל יעות משפט ויעניש שלא כדת, וזה שבעל דת... אחר שהוא מוכרח בכך ועובד את ד' כפי מה שתחייב מצות אמונתו יתחייב שיהיה נושע ומוצלח בה, ואם לא כן לא יהיו דרכיו משפט חלילה וחס, כי איך יעניש האל להולך בדרך לא טוב אם הוא מוכרח בזה ואין ספק בידו לחזור למוטב"...

וויים ניט, אַז עס זיינען גאָר פאַראַן אַנדערע אמונות אויף דער וועלט. יעדער פון זיי איז איבערצייגט, אַז עס עקסיסטירט נאָר איין איינציקע פון גאָט אַנטפּלעקטע אמונה און דאָס איז — זיין אמונה, וואָס ער איז איר איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. איז דאָך אָבער קלאָר, אַז עמעצער פון זיי לעבט אין טעות, גייט אויפן פאַלשן וועג, און די פון זיינע אָבות בירושה באַקומענע מסורה איז ניט די ריכטיקע. ווי קאָן אָבער קומען אויפן געדאַנק, אַז אַזאַ אויפריכטיק־רעליגיעזער און גאָטספאַרכטיקער מענטש וועט ווערן שווער באַשטראָפט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אָנערקענט דעם אמתן דת, ווען וועלכן ער האָט דאָך ניט געוווּסט און ניט געקאָנט וויסן? ווי האָט ער געקאָנט תשובה טאָן, בעת די וועגן פון תשובה זיינען פאַר אים געווען פאַרשלאָסן? און מיט וואָס פאַר אַ רעכט דער־קלערט עס די קריסטלעכע קירך, אַז ווער עס האָט די הייליקע „טבילה" ניט אָנגענומען, דער איז פאַרלוירן אויף אייביק? ווי קאָן מען עס גאָר גלויבן, אַז גאָט, דער סימבאָל פון יושר און גערעכטיקייט, זאָל פאַרמשפּטן אויף אייביקע ליידן מילי־מיליאָנען נפשות נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געבלאָנדזשעט און ניט געוווּסט, אַז זיי בלאָנדזשען?...

שלמה הלוי האָט געמוזט ענטפערן אויף אַזאַ שאַרפן אָנפאַל; זיין ענטפער [1] איז אָבער אַזוי בלאַס און אומבאַטייטיק, אַז עס איז ניט כּדאי אויף אים זיך לענגער אָפּצושטעלן. כאַראַקטעריסטיש איז בלויז די אונ־טערשריפט: לפנים בישראל לא ידע אל — אין די פריערדיקע יאָרן, ווען איך האָב אַלס ייד נאָך דעם אמתן גאָט ניט געקאָנט, האָב איך געהייסן שלמה הלוי, ועתה כי עיניו יחזו את אלהים, איצט ווען מיינע אויגן זעען דעם אמתן גאָט — יקרא פּאַלו דבורגס.

ווייטערע פּרטים וועגן יהושע אַלורקי זיינען אונז אומבאַקאַנט. אייניקע פאָרשער מיינען, אַז שלמה הלוים אָפּאָנענט איז דער זעלבער יהושע אַלורקי, וואָס האָט נאָך דער שמד אָנגענומען דעם נאָמען Geronimo de Santo Fe און געוואָרן ניט קיין קלענערער יידן־פאַרפאָלגער ווי פּאַלו דבורגס [2]. עס איז אָבער זייער שווער צו גלויבן, אַז אַזאַ אויסגעצייכנטער און פיין־דענקענדיקער פּאָלעמיסט, וואָס האָט געקעמפט קעגן משומדים־מיסיאָנערן, זאָל אַזוי גיך מגולגל ווערן אין דעם גיפטיקן און געפערלעכן

1 פאַרעפנטלעכט אין „אוצר נחמד", II, 5—6.

2 די יידן האָבן אים דערפאַר גערופן מיטן שימפנאָמען „מגדף", צונויפגע־שטעלט פון די „ראשי־תיבות" אויס זיין נייעם קריסטלעכן נאָמען.

שונא ישראל [1]. וואָס אַדאַנק אים איז פאַרגעקומען דער באַרימטער „וויכוח" אין טאָרטאָזאַ, וועלכער האָט געדויערט קאַרגע צוויי יאָר (1413—1414) און געדינט אַלס שעת־הכושר צו צווינגען מיט געוואַלד די טויזנטער יידן, זיי זאָלן גיין צו דער „היילקער טבילה" [2].

קענן פּאָלו אוים בורגאָס איז אַרויסגעטראָטן אויך אַ צווייטער זייער באַנאַנטער יידישער פּאָלעמיקער, פּראָפיאַט דוראַן (זיין יידישער נאָמען איז געווען יצחק בן משה הלוי) מער באַקאַנט אונטער די ראשי־תיבות אפודי (אָני פּרופיאַט דוראַן). וועגן זיין לעבן איז זייער ווייניק באַקאַנט. מען איז זיך משער, אַז ער איז אַ געבוירענער אוים קאַטאַלאָניע און אַז ער האָט זיך דערצויגן אין דייטשלאַנד [3]; נאָר ווי עס שיינט איז אים זייער ניט געפעלן געוואָרן דער דאָרטיקער סדר הלימוד, וואָס מען פאַר־נעמט זיך אויסשליסלעך מיט תלמוד, און אפילו תנ"ך ווערט ניט געהעריק שטודירט [4]. ער האָט זיך באַלד צוריקגעקערט קיין שפּאַניע און דאָרט זיין ווייטערע בילדונג באַקומען. ער האָט גרינדלעך שטודירט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפט, געווען אַ גוטער קענער פון לאַטיין, אַראַביש און אויך שפּאַניש. נאָך דער בלוטיקער קאַטאַסטראָפע פון 1391 געפינט זיך

---

1 אַז די דאָזיקע פאָרשער האָבן טאַקע אַ סמך, און יהושע אַלורקי, דער פאַר־פאַסער פונם פּאַמפלעט און דער משומד דע־סאַנטאַ־פע זיינען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע פּערזאָנען, קאָן מען זיך איבערצייגן אוים פאָלגנדיקן פּרט: דער באַקאַנטער געלערנטער יוסף בן שם־טוב, בעת ער רעדט אין דער פאָררעדע צו זיין פירוש אויף אפודים פּאַמ־פלעט וועגן די פאַרשיידענע פּללים, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך די יידישע פּאָלעמי־קער — איז ער דערביי מוסיף: „ועל דרך זו דבר החכם הלורקי בויכוח שעשה, לפי מה שהגיע אלינו כאגרת שחבר בזה". די דאָזיקע שורות האָט בן שם־טוב געשריבן אין 1451. עס איז זייער שווער צו גלויבן, אַז בן שם־טוב זאָל שרייבן אין אַזאַ רויִקן טאָן וועגן דעם „חכם לורקי", וואָלט יענער ווירקלעך שפּעטער געפּעלשט אין זיין פאָלק און אַרויסגעטראָטן אַלס נידערטרעכטיקער מלשין און צורר ישראל.

2 אין די צוואַנגס־טבילות בעת דעם טאָרטאָזער וויכוח האָט די הויפּטראָלע געשפּילט אַ פאַנאַטישער דאָמיניקאַנער ווינצענטי פערער. מיטן קרייץ אין דער האַנט פלעגט ער וואַנדערן בראש פון אַ גאַנצער באַנדע טאָנאַכן פון שטאָט צו שטאָט, אַריינ־רייסן זיך אין די שולן און בתי־מדרשים און מיט אַ דונערנדיקער שטימע פאָדערן פון די דערשראָקענע יידן, זיי זאָלן זיך שמדן.

3 אין אָנהייב פון צווייטן קאַפּיטל אין זיין „כלימת הגוים", שרייבט אפודי: „שמעתי בזמן הבחרות בהיותי בישיבות רבות באשכנז". די דאָזיקע פראַזע געפינט זיך איןביידע מאַנוסקריפּטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט. שטיינשניידער ווייזט אָבער, אַז אין דעם מאַנוסקריפּט, וועלכן ער האָט געזען, האָט די באַטרעפנדיקע פראַזע נאָר אַן אַנדער נוסח: „שמעתי מאשכנזי אחד ומאנשי חכמת הקבלה" (זע „המגבר, ביבל." X, 109).

4 זע „מעשה אפוד", 25.

שוין אפודי צווישן די „אנוסים". אויך ער איז א שיין־קריסט געווארן, און דאס וואס ער איז דעם נסיון ניט בייגעשטאנען און לפנים געלייקנט אין דעם דת פון די אבות, האט אים פיל יסורים פארשאפט. ער האט גע־פילט דעם קניי־צייכן אויפן שטערן און טיף געקרענקט האט אים דאס גע־פיל פון שאנד און בושה. אין 1394 האט ער באקומען די ידיעה, אז ס'איז געשטארבן זיינער א גוטער פריינד און אנגעזעענער געזעלשאפטלעכער טוער, אברהם בן יצחק הלוי אויס גראנא, וועלכער האט פיל געליטן בשעת די בהלות פון 1391. אפודי האט גלייך אוועקגעשיקט א טרייסט־בריוו דעם זון פונם געשטארבענעם. און דער דאזיקער טרייסט־בריוו איז א זייער אינטערעסאנטער מענטשלעכער דאקומענט, אין וועלכן עס שפיגלט זיך אזוי בולט אפ די טיפע דראמע, וואס ס'האבן איבערגעלעבט פארבארגן אין־זייערע הערצער די „אנוסים" אין שפאניע. „געשטארבן דיין פאטער— שרייבט אפודי אין זיין הספד — געגאנגען פון דער וועלט איז דער אויס־דערוויילטער און גערעכטער מענטש, וואס איז מיר אזוי טייער און ליב, נאר אפילו מיין טרויער מוז איך פאר אלעמען באהאלטן, פארבארגן מוז איך מיינע טרערן, ווארעם גרוים איז גאטס שטראף איבער מיר, אנגע־טרונקען האט ער מיך מיטן בעכער פון גאל און ביטערן ווערמוט; דאס פארפלוכטע טבילה־וואסער (המים הזדונים) האט איבער מיין קאפ גע־שטיגן — און פארשטומט זיינען מיינע לעפצן, א לעבעדיקער בר־מינן בין איך, וואס קאן זיין שטים ניט דערהויבן"[1].

אפילו דעם היינטיקן לעזער איז איצט ניט מעגלעך קאלטבלוטיק צו לייענען די הארציקע, אין יאוש און געבעט געטרענקטע שורות, ווו דער דאזיקער אומגליקלעכער מאראן באריט זיין טיפע וווּנד. מיט צאפלדיקע ווערטער רעדט ער וועגן די „אנוסי העם", וועגן די „צוואנג־קריסטן"; און פון זיין אנגעווייטאגט הארץ רייסט זיך ארויס די שמארציקע פראגע, וואס לאזט ניט רוען זיין געוויסן: צי וועט גאט מוחל זיין די גרויסע זינד, צי וועט ער פארגעבן די אומגליקלעכע, וואס זיינען דעם נסיון ניט בייגע־שטאנען און אונטער דער שארף פון דער שווערד געלייקנט אין זיין תורה? צי איז שוין באשלאסן דער גזר־דין, און זיי זיינען אויף אייביק פארלוירן? גאט איז דאך אבער א אל מלא רחמים; פאר אים זיינען דאך אפן אלע הערצער, ער ווייסט דאך, אז גרוים איז געווען די נויט און שרעקלעך די גזירות; ער וועט פארגעבן, ער וועט זיי, די פאראומערטע, מיט הערצער פאריאושטע, באוויליקן מיט זיין גענאד. ער איז אבער אויך

---

[1] „מעשה אפוד", 197.

דער אל קנוא ונוקם! ער וועט באַצאָלן דעם בלוט־דאָרשטיקן שונא פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט, פאַר די גרויסע שרעקלעכע ליידן...[1]

אויך פּראָפיאַט שטרייכט אונטער, אַז אין דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק זיינען זייער פיל שולדיק די אייגענע ראשי־עם, די „מאשרי מתעים" מיט זייערע נידערטרעכטיקע מעשים, שטענדיקע אינטריגעס און מחלוקת. „זיי — רופט אויס פּראָפיאַט — די שלעכטע פאַסטעכער פונם פאָלק, זיינען אין אַלעם שולדיק!"[2].

אונטער דעם שווערן איינדרוק פון דער איבערגעלעבטער גרויסער קאַטאַסטראָפע האָט אפודי אַ ספּעציעל ווערק „אגרת השמדות" געשריבן, וווּ ער באַשרייבט אין כראָנאָלאָגישן סדר די אַלע רדיפות און גזירות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט זינט חורבן בית שני ביז צו זיין צייט[3].

אפודי האָט סוף־כל־סוף באַשלאָסן (1396) אראָפּוואַרפן פון זיך די אים אַזוי פאַרהאַסטע קריסטלעכע מאַסקע, און עפּנטלעך זיך אַלס ייד דערקלערן. צו דעם צוועק האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט זיינעם אַ חבר, אויך אַ מאַראַן, דוד בוניט בונגורן, עוקר זיין פון שפּאַניע און זיך דערלאַנגען קיין ארץ־ישראל. אפודי האָט באַדאַרפט צו דעם צוועק וואַרטן אויף זיין חבר אין איינער פון די פּראָוואַנסאַלער האַפנשטעט. בונגורן איז אָבער ניט געקומען; ער האָט בלויז אַ בריוו צוגעשיקט, וווּ ער איז אפודין מודיע, אַז פּוילוס אויס בורגאָס האָט אים איבערגערעדט, ער זאָל בלייבן ביי זיין נייעם גלויבן, און ער גיט טאַקע אפודין די זעלבע עצה, ער זאָל אויך אַזוי טאָן. שטאַרק דערצאָרנט און אויפגעבראַכט, האָט אפודי גע־ענטפערט זיין געוועזענעם חבר מיט אַ סאַטירישן בריוו, וואָס ווערט מיט פולן רעכט אָנערקענט אַלס די גלענצנדסטע סאַטירע פון דער גאַנצער יידישער מיטלאַלטערלעכער פאַמפלעטן־ליטעראַטור. דער דאָזיקער פאַמ־

---

1 דאָרטן, 195.

2 דאָרטן, 193—4. אויף אַ צווייטער שטעלע („מעשה אפוד", 5) רעדט אויך פּראָפיאַט מיט גרויס גרימצאָרן וועגן די תלמודיסטן פון זיין צייט, וואָס האָבן גע־שטרעבט זייער תורה אויסנוצן צו דיין עגאָיסטישע צוועקן און געחלומט וועגן כסא־הרבנות נאָר בכדי די מאַכט צו באַקומען, אָנוואַרפן אויף דער קהילה אַן אימה, געוועל־טיקן מיט דער שטרענגער האַנט און די קעגנער צו פאַרפאָלגן מיט נידויים און חרמות.

3 גרעץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערוויזן, אַז אפודי איז דער מחבר פון „אגרת השמדות", און אַז מיט דעם דאָזיקן ווערק האָבן זיך באַנוצט די פאַר־פאַסער פונם „שבט יהודה" און אויך דער דיכטער שמואל אוסקא (זע גרעצס יידישע געשיכטע, ב' VIII, ביילאַגע 1).

פלעט איז טאקע א אמת מייסטער־ווערק פון איראָניע און סאַרקאַזם. עס פילט זיך אין יעדער שורה, מיט וואָס פאַר א ביטול און פאַראַכטונג דער פאַרפאַסער קוקט אויף זיין קעגנער; ער האַלט זיין אָפּאָנענט גייסטיק און מאָראַליש פאַר קליין און נישטיק, אַריינלאָזן זיך מיט אים אין וויכּוחים — ער פּאַטשט אים נאָר מיט שפּאָט און געלעכטער, און יעדע פון די אַזוי קונציק צוגעשפּיצטע פיילן צילן נים נאָר אין דעם משומד בונגורן, נאָר אויך אין זיין פאַרפירער, דעם מיסיאָנער פּוילוס אוים בורגאָס. „אל תהי כאבותיך״ — זיי נים ווי דיינע עלטערן! מיט די ווערטער הייבט זיך אָן יעדער אָפּזאַץ פון דעם דאָזיקן מייסטער־בריוו, און זיי זיינען אויך געוואָרן דער „שער־בלאַט״, דער נאָמען, אונטער וועלכן אפודים סאַטירע איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, און אריין אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע.

„אל תהי כאבותיך״ — זיי נים ווי דיינע אָבות, וואָס האָבן גע־גלויבט אין איינציקן גאָט, וועלכער האָט אונטער דונערן און בליצן באַפוילן: „לא תעשה לך כל תמונה״. אל תהי כאבותיך! — יענע זיינען פאַרנאַרישט געווען, געגלויבט אין גאָטס איינציקייט און געמיינט, אַז דאָס איז טאַקע דער פשט פון „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד!״ דו אָבער ווייסט איצט, אַז זיי האָבן געלעבט אין טעות, דו ווייסט דאָך פונם גרויסן סוד, אַז איינס איז דריי, און דריי — איינס... אל תהי כאבותיך, וואָס האָבן געגלויבט, אַז גאָט איז גאָלע רוחניות, האָט נים קיין געשטאַלט און קיין קערפּערלעכע תמונה; פאַרבלאָנדזשעט זיינען זיי געווען און נים געוווּסט פון דעם אמת, וואָס האָט זיך פאַר דיר און פאַר דיין נייעם רבין אַנטפּלעקט, אַז אַן אומשולדיקע יונגפרוי איז גאָטס מאַמע געווען און האָט זיך פאַר א קרבן געבראַכט... אל תהי כאבותיך! אאַז״וו, אאַז״וו. און אונטער דעם אַזוי רויִק אויסגעהאַלטענעם און קונציק געטאָקטן סטיל פילט זיך דער טיף באַהאַלטענער זודיקער כּעס; און יעדע פראַזע, יעדער זאַץ שניידט זיך איין ווי דער שמאַרציקער צייכן פון א שטראָפנדיקער רוט.

דער הויף־אַרצט און געלערנטער איבערזעצער פון אַריסטוס „ספר המידות״ (פון לאַטיין אויף העברעיש), מאיר אַלגואַדעז (אַלוַדיש),[1] האָט גלייך פאַרשטאַנען, ווי אָפּצושאַצן די בייסנדיקע קראַפט פון אפודים סאַטירע; און ער האָט זי פאַרשפּרייט אין א סך אָפּשריפטן[2]. די קאַטוי־

[1] וועגן מאיר אַלגואַדעז זע ביילאַגע, נום׳ 8.

[2] צום ערשטן אָפּגעדרוקט, מיט יוסף בן שם־טובס א פירוש און מיט יצחק עקרישס פאָררעדע, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1554, איבערגעדרוקט אין אברהם גייגערס „מלא חפנים״ (מחבת צענזור־טעמים — נים אין אַלע עקזעמפּלאַרן) און אויך אין ד״ר זאַמלבוך „קבוץ ופוחים״ (1844).

לישע גייסטלעכע אָבער האָבן אין דער התחלה ניט פארשטאַנען דעם אמתן כאַראַקטער פון דעם מייסטער־ווערק, און געמיינט, אַז דער פאַר־פאַסער מיינט עס טאַקע ערנסט מיט זיין אויסרוף „אל תהי כאבותיך״ [1] און לויבט די דאָגמען פונם קריסטלעכן גלויבן. דערנאָך אָבער, ווען מען האָט זיי אויפגעקלערט דעם אמתן באַטייט פון דעם ווערק, האָבן זיי עס עפנטלעך פאַרברענט אויפן שייטערהויפן. דער באַרימטער דענקער פון יענער צייט, חסדאי קרשקש, וואָס אין זיין הויז האָט זיך אפודי אַ שטיק צייט אויפגעהאַלטן, איז געווען אַזוי אַנטציקט פון אפודים פּאָלע־מישן מאַלאַנט, אַז ער האָט אים געבעטן, ער זאָל אַ ספּעציעל פּאָלעמיש ווערק שרייבן און דאָרט אין פּאָפּולערער, לייכט־פאַרשטענדלעכער פאָרם קריטיש אויסלייגן די הויפּט־עיקרים פון דער קריסטלעכער קירך. אפודי האָט גלייך מסכים געווען, ווייל ער האָט געפונען, אַז אונטער דער ווירקונג פון די מיסיאָנערישע פּרעדיקן האָט „אין פילע אויפגעבליט דער גיפטיקער זאָמען פון אפיקורסות״ (כי צרעת המינות במצחות האנשים פורחת). שוין אין 1397 [2] האָט ער פאַרענדיקט זיין באַקאַנט פּאָלעמיש ווערק „כלימת הגוים״, וואָס ער האָט קרשקשן געווידמעט.

ווען דעם רושם, וואָס דאָס דאָזיקע ווערק האָט אין יענער צייט געמאַכט, זאָגט עדות דער באַקאַנטער דענקער און פּאָלעמיקער יוסף בן שם־טוב, וועלכער דערקלערט, אַז ער קען ניט קיין שום אַנדער פּאָלעמיש ווערק, וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן צו אפודים „כלימת הגוים״[8]. אפודי, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די שרעקן פון 1391, מיטגעזען די ווילדע בלוטיקע מעשים פון אַזוינע פאַנאַטישע קריסטוס־דינער, ווי פערנאַנד מאַרטינעז און ווינצענטי פערער — רעדט מיט טיפער שנאה און גרויס פאַראַכטונג וועגן דער „נאַרישער אומה מיטן לאַנגן שווערד אין דער האַנט״ (לאומה סכולה לחרב גדולה), וואָס מיינט, אַז מיט געוואַלד און רציחות קאָן מען מענטשן ברענגען אין גן־עדן אריין. דאָס קריסטנטום

---

1 ביי די קאַטוילישע גייסטלעכע האָט די סאַטירע געטראָגן דעם פאַרגרייזטן נאָמען „Alteca Boteca״.

2 די דאָזיקע דאַטע ווערט אָנגעוויזן אין דער צושריפט פון אַן אומבאַקאַנטן אָפּשרייבער אויס קאַטאַלאָניע. די באַטרעפנדיקע צושריפט געפינט זיך אין פילע מאַנו־סקריפטן פון אפודים ווערק. זי געפינט זיך אויך אין דער עלטערער אָפּשריפט, מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַנוצט (זע ביילאַגע נומ׳ 9). לויט דער מעלדונג אין „קרית ספר״, 1929, VI, 60, האָט י. ד. אייזנשטאַדט אין זיין „אוצר הוכוחים״ (1928) צווישן אַנדערע פּאָלעמישע ווערק פאַרעפנטלעכט אויך דעם „כלימת הגוים״. ליידער האָבן מיר אָבער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אייזנשטאַדטס זאַמלווערק.

8 „בספרו הידוע ספר חכלימה והוא מאבר נכבד מאוד יגמלהו השי״ת, כי לא ראיתי כמוהו בשלמות ובמעלה ובכבוד״.

איז דערפאר אין זיינע אויגן „די שאנד פון די פעלקער" (כלימת הגוים וחרפת ערלים) [1].

אלס געוועזענער קריסט, איז אפודי געוועזן גוט באקאנט מיט דער קריסטלעכער רעליגיעזער ליטעראטור, און מיטן שארפן אויג פונם פאר־ביטערטן שונא דעקט ער אויף אלע סתירות, אלע קינדיש־נאַיווע גוזמאות, און צעוואַרפט ווי קארטן־שטיבלעך די קונציקע פילפולישע פשטלעך און סכאלאסטישע סברות פון די קריסטלעכע טעאלאגן [2]. ערטערווייז ווייזט אפודי ארויס א אמת קריטיש־געשיכטלעכן חוש, און אין אייניקע זיינע באמערקונגען וועגן דער ערשטער אנטוויקלונגס־שטופע פון דעם יונגן קריסטנטום געפינט זיך בלי־ספק א קערן פון אמת וויסנשאפטלעך־היס־טארישער קריטיק.

דער „כלימת הגוים" איז, ווי מיר האבן פריער אנגעוויזן, געווידמעט דעם טיפן דענקער חסדאי קרשקש. קרשקשס פאמיליע האט אפודי אויך געווידמעט אלע זיינע איבעריקע ווערק: זיין מאטעמאטיש ווערק וועגן אסטראנאמיע און חשבון העיבור „חשב האפוד", און זיין הויפט־ווערק, וואס איז געוועזן זייער אנגענומען הן ביי יידן הן ביי קריסטן — א פילאזאפיש־קריטישע פארשונג וועגן דער העברעישער שפראך „מעשה אפוד" (1403) [3]. א ספעציעל קולטור־היסטארישן ווערט האט דעם פאר־פאסערס גרויסע פאררעדע, וועלכע איז געוועזן אזוי שטארק באליבט אין די פריערדיקע צייטן פאר די בופצן כללים, וואס ווערן דארט געגעבן, ווי אזוי צו דערלייכטערן פארן זכרון די „דרכי העיון" און די „ידיעות התורה" [4]. פאר דעם קולטור־היסטאריקער איז אבער צום אינטערע־סאנטסטן די שארפזיניקע שילדערונג, וואס אפודי גיט אין דער פאררעדע

1 „כלימת הגוים", וואס איז געשריבן אין צוזא שארפן טאן, האט אין דער קריסטלעכער אייראפע נים געקאנט פארעפנטלעכט ווערן. דעם אפשרייבערס צושריפט, און דעם תוכן הענינים האט שטיינשניידער אפגעדרוקט אין „אוצרות חיים", 364—5. דעם אינהאלט פון פאמפלעט האט מ. זענגער איבערגעגעבן אין „מאנאטסשריפט", III, 320—7. זענגער האט אויך אנגעוויזן, אז אפודים ווערק האט שטארק אויסגענוצט שמעון דוראן אין זיין „קשת ומגן". זע אויך שטיינשניידערס „ספרות ישראל", 182. זע פריער־דיקע באמערקונג.

2 באזונדערס אינטערעסאנט זיינען אין דעם פרט די קאפיטלען 7 און 10.

3 פארעפנטלעכט מיט אייניקע ביילאגעס דורך י״ם פרידלענדער און יעקב כהן אין 1865.

4 באזונדערס אינטערעסאנט זיינען די כללים 7—9, ווו דער פארפאסער גיט זייער שארפזיניקע באמערקונגען וועגן דער ראלע, וואס דער ריטם שפילט אין דעם מענטשלעכן גייסטיקן טאן און שאפן.

ווענן פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דער דעמאָלטיקער יידישער אינ־טעליגענץ.

נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון 1391 איז אפודי, דער פילאָזאָפיש גע־בילדעטער מאַן און הייסער אָנהענגער פון מיימוני[1], געוואָרן אַ בעל־תשובה און פול מיט חרטה־שטימונגען. ער איז אין דער פאָררעדע זיך מודה ומתוודה, אַז ער איז געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג, חרטה האָט ער, וואָס ער האָט ניט געפאָלגט זיינע לערער און מדריכים און צופיל צייט (יותר מהראוי) אָפּגעגעבן פילאָזאָפישער חקירה[2]. ער ווייסט אָבער, אַז ביי פילע פון זיין צייט איז גרויס דער דאָרשט נאָך גריכישער פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן, זיינען זיי אין דער סכנה אַראָפּ פונם גלייכן וועג, זיי קאָנען נכשל ווערן און אינגאַנצן פאַרלוירן גיין; דערלאַנגט ער זיי „די רפואה פאַר דער קרענק״, ער רעקאָמענדירט די וויסנ־פֿדורשטיקע, זיי זאָלן קודם־כל איידער זיי וועלן זיך אריינלאָזן אין פילאָזאָפישער חקירה דורכלייענען דאָס פראַכטפולע ווערק פונם גרויסן מאַן, יהודה הלוי, זיך באַקענען אינם „כוזרי״ מיט הלוים שאַרפער קריטיק, וואָס איז געווענדט קעגן דער גריכישער פילאָזאָפיע[3]. דער אפודי רעדט ווענן דריי יידישע שטרעמונגען, וואָס האָבן געוועלטיקט אין דער יידישער אינטע־ליגענץ פון זיין צייט.

הכת האחת — די ערשטע גרופע, דאָס זיינען די „בעלי חכמת התלמוד״, וואָס זיינען העכסט איבערצייגט, אַז דער איינציקער ריכטיקער וועג, וואָס פירט צום אמתן גליק און צום אייביקן לעבן, איז — זיך פאַר־טיפן אין ים התלמוד, אויספאָרשן זיינע אוצרות, אויפדעקן זיינע פאַר־באָרגענע רייכטימער. פילע פון זיי גייען אַזוי ווייט, אַז זיי קוקן מיט ביטול אויף אַלע אַנדערע הכמות; ניט נאָר זיי מיינען, אַז ס׳איז אַ שאָד די צייט צו פטרן אויף די דאָזיקע וויסנשאַפטן, וואָס זיי האָבן אין זיי־ערע אויגן קיין שום ווערט ניט, זיי זיינען אויך פעסט איבערצייגט, אַז ווער עס פאַרנעמט זיך מיט גריכישער פילאָזאָפיע און „חכמות הטבעיות״, פאַר דעם איז אָנגעגרייט דער גיהינום און איז פאַרמשפט אויף אייביקע ליידן.

---

1 באַקאַנט איז אפודיס פירוש אויף „מורה נבוכים״. אפודי איז איבערצייגט, אַז אַזאַ ווערק ווי „מורה נבוכים״ איז „זיין גלייכן ביי קיין שום אומה ניטאָ״ (לא תשוער מעלתו וערכו אשר כמוהו וממנו לא חובר עד היום באיזה אומה שהיתה).

2 „מעשה אפוד״, 25 : „וגם אני אודה כי טעיתי בזה מדרך השכל ולא שמעתי לקול מורי ולמלמדי לא הטיתי אזני״.

3 ווי איינינקע פאָרשער חייזן אָן, האָט אפודי געשריבן ספּעציעלע דערקלערונגען צו הלוים „כוזרי״, זע : Les ecrivains juives fr., 751.

הכת השנית — די צווייטע גרופע, דאָס זיינען די „מתפלספים״, וואָס גייען אין די וועגן פון די פילאָזאָפן, ווי אריסטו און זיינע אָנהענגער. זיי ווילן פאַרענטפערן די סתירות צווישן תורת משה און אריסטוס פילאָזאָפיע און פאַרזיכערן, אַז בכדי צו דערגרייכן אמתע שלימות און מידות טובות מוז מען קודם־כל זיין אַ מושלם אין לאָגיק און פילאָזאָפישער חקירה, טיף אַריינדרינגען אין דער אידעען־וועלט, וואָס די חכמי־יוון האָבן געשאַפן, וואָרעם אין די דאָזיקע אידעען זיינען נאָך זייער מיינונג פאַרבאָרגן די סודות פון דער תורה. זיי שטיצן זיך דערביי אויפן גרויסן אויטאָריטעט פון רבנו משה בן מיימון און פאַרזיכערן, אַז אויך ער איז מיט זיי איין דעה, אויך ער האָט גערעכנט, אַז פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפישער חקירה איז וויכטיקער, ווי מיט הויות אביי ורבא. דער אפודי האַלט דאָס אָבער פאַר אַ געוואַלטיקן טעות. מיימוני, פאַרזיכערט אפודי, איז פאַר די דאָזיקע פילאָזאָפירנדיקע געוואָרן אַ „אבן נגף וצור מכשול״ נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן דעם גרויסן גאונס דעות ניט ריכטיק פאַרשטאַנען. און ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אַז מיימוני איז געווען גאַנץ ווייט פונם געדאַנק, אַז אריסטוס דעות זיינען וויכטיקער פון גאָטס וואָרט און זיינע געבאָטן, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין דער הייליקער תורה [1].

אפודי איז דערפאַר פעסט איבערצייגט, אַז נעענטער ווי די „מתפלספים״ איז צום אמת די „כת השלישית״ — די בעלי חכמת הקבלה, וועלכע גלויבן, אַז די טיפע חכמה, וואָס איז אין דער דעה באַהאַלטן, גייט איבער בקבלה פון דור צו דור, פון משה רבנו און די נביאים, ביז די שפּעטערדיקע ציטן. די דאָזיקע חכמה, וואָס נעמט אַרום אַלע געטלעכע און וונדערבאַרע סודות וועגן באַשעפער און זיינע מלאכים, וועגן מעשה בראשית און אַלץ, וואָס דערפילט דעם חלל פון דער וועלט, קאָן מען ניט דערוועבן אויפן וועג פון חקירה — דאָס איז אַ אַ נ ט פּ ל ע ק ו נ ג, וואָס גייט איבער בקבלה. און זי משיג זיין, באַגרייפן און פילן אירע וונדערבאַרע סודות, דאָס איז דאָך, לויט דער דעה פון די בעלי הקבלה, די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכן גליק! דאָרט באַהעפט זיך דער מענטש מיט זיין באַשעפער... די פילאָזאָפן אָבער זיינען ניט אימשטאַנד מיט זייער גאַנצער חקירה אַריינדרינגען אין די דאָזיקע סודות, וואָרעם אריסטו

---

1 „מעשה אפוד״, 9: „ואיך אפשר שידמה משכיל שהרב יאמר על כיוצא באלה הידיעות שתהיינה סבה אל קנין ההצלחה האחרונה הנצחית לאדם, ושהם יותר גדולות במעלה מהחכמה אשר יסודתה בהררי קודש הוא הדבור האלהי במצותיו התוריות אשר בא עליהם הגדתו הצודקת שהן חיינו ואורך ימינו״.

און זיינע תלמידים זיינען דאך ווייט פון „אלהי ישראל" און זיינע אנט־פלעקונגען.

און אפודי געפינט, אז די „תורה, די נביאים און די מאמרי חז"ל שטימען פיל מער מיט די דעות פון דער דאזיקער דריטער גרופע, איידער מיט די דעות פון די חכמי המחקר". ער שטעלט זיך אבער אפ אויף דעם זעלבן שוואכן פונקט פון די בעלי הקבלה, אויף וועלכן ס'האט שוין אנגעוויזן יצחק אלבאלאג. די קיים פון דער הייליקער מסורה האט זיך דאך איבערגעריסן אונטער דעם שווערן יאך פון גלות; עס פעלט די אלגעמיינע הסכמה; די בעלי קבלה גופא זיינען דאך צווישן זיך ניט אייניק, עס זיינען ביי זיי חילוקי־דעות אין די וויכטיקסטע פראגן, יעדער באזונדער פארזיכערט, אז דער אנדערער האט א טעות; איז דאך גרויס די סכנה, אז די פארגרייזטע און געפעלשטע קבלה קאן אראפפירן פונם ריכטיקן וועג. אפודי געפינט דערפאר, אז דער איינציקער זיכערער וועג, וואס קאן פירן דעם מענטשן צום אייביקן גליק — דאס איז דאס געטלעכע ווארט, דאס לעבעדיקע אומשטארבלעכע ווארט פון דעם ספר הספרים — פון דער ביבל. זוכן דארף מען ניט די סודות פון דער תורה, נאר די תורה גופא. והגית בה יומם ולילה — מען דארף שטענדיק לערנען און געדענקען די געטלעכע ספרי הקודש, מיט ליבע טראגן זיי אין הארצן. אפילו בלויז לייענען דעם ביבל־טעקסט, פארזיכערט אפודי, דאס אליין רופט שוין אויף ארויס דעם „שפע האלהי", דעם געטלעכן זעגן; ווארעם, רופט אויס אפודי מיט פאטאס, די ביבל — דאס איז דער קדשי קדשים פון דער יידישער אומה, דאס איז איר שירעם און שוץ, וואס האט זי געראטעוועט אין דעם לאנגן שווערן גלות! נאר זי האט איר געגעבן די קראפט ביישטיין אלע שרעקלעכע גזירות. אדאנק דער ביבל „פארגיט גאט די זינד דעם יידישן פאלק" (שיסלח השם לעונות האומה). די ביבל איז אבער צונויפגעוואקסן מיט איר שפראך, און דוראן איז פעסט איבערצייגט, אז אין דעם וואונדערבארן צוזאמענשמעלצן פון דעם געטלעכן געדאנק מיטן ביבלישן העברעישן ווארט איז פארבאהאלטן א סודותדיקע אומבאגרייפלעכע קראפט. קיין שום איבערזעצונג קאן זיך ניט גלייכן מיטן הייליקן ביבלישן טעקסט...

אינטערעסאנט איז פאלגנדיקער כאראקטעריסטישער שטריך: אפודי פארהאלט זיך מיט א געוויסער אומצופרידנקייט און קאלטקייט צום תלמוד. ער ברענגט אייניקע מאל דעם אלטן סארקאסטישן אויסדרוק: ס'שטייט אין פסוק „במחשכים הושיבני" — ער האט מיך פארשפארט אין דער פינסטערניש — זה תלמוד בבלי, דאס מיינט מען עס דעם תלמוד בבלי. דער אפודי געפינט, אז דער תלמוד און זיינע מפרשים נעמען צו

צו פיל צייט, און מען ניט זיך דערפאַר גאַנץ ווייניק אָפּ מיט דער ביבל [1]. מיט גרויס ביטערקייט רעדט דער אפודי וועגן די דייטשע און פראַנצויזישע יידן, וואָס פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט די סוגיות התלמוד און זיינען אזוי פאַרטאָן אין פילפול און אין „חידושים", אַז אין דער ביבל דערמאָנען זיי זיך נאָר איין מאָל אין וואָך, בעת זיי לייענען שבת „שנים מקרא ואחד תרגום". ווער ווייסט, זאָגט ווייטער אפודי, אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן די ספרי הקודש און אָפּגעשוואַכט געוואָרן איז דורכדעם דער הייליקער בונד, האָט זיך גאָט אָפּגעזייגנדט פון זיי, און ס'האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן דער גרויסער צאָרן פון „גירושים, גזירות און שמדים". און אפשר טאַקע פאַר דער זעלבער זינד האָט אויך אונז אין שפּאַניע דאָס גרויסע אומגליק געטראָפן. מיר האָבן פאַרגעסן אין זיינע געטלעכע ספרים, האָט גאָט זיין פנים פון אונז פאַרבאָרגן... און די קהילות פון אראַגאָן זיינען אפשר דערפאַר געבליבן בשלום, און דער שרעקלעכער שטורעם האָט זיי ניט געטראָפן, ווייל די הייליקע תפילות און די מזמורי תהילים זיינען תמיד געווען אויף זייערע ליפּן. דאָס לעבעדיקע ביבלישע וואָרט איז געווען זייער סגולה, און עס האָט זיי באַשיצט אין דער גרויסער נויט...

דאָס אַלץ באַרירט אפודי אין זיין הקדמה, בכדי קלאָר צו מאַכן די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין זיין ווערק. בכדי דעם ביבל־טעקסט ריכטיק צו פאַרשטיין, מוז מען דאָך קודם־כל גוט באַקאַנט זיין מיטן גייסט פון איר שפּראַך און מיט די געזעצן, וואָס געוועלטיקן אין דער דאָזיקער שפּראַך. צו דעם צוועק האָט ער באַשלאָסן קריטיש באַטראַכטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס זיינע פאָרגייער האָבן אויף דעם געביט געזאַמלט, ברענגען אים אין אָנשלוס מיט די אַלגעמיינע געזעצן פון דעם מענטשנס וואָרט און לאָגישן דענקען, און דאָס אַלץ איבערגעבן אין קלאָרער, לייכט־פאַרשטענדלעכער פאָרם.

---

[1] דאָרטן, 14: „ואשר הביא האנשים אל ההתרשלות מהעסק במקרא הוא העיון בחכמת התלמוד הבבלי... והניחו המקרא לגמרי והשליכוהו אחרי גוום והרבה מהם יכחנו אל השנת עומק המשא והמתן ולהקשות קושיות ולפרק פירוקיו לאלפיו ולרבבות לא להשנת הכלית אחר מהידיעה במשפטי התורה והעולה מהסוגיות אבל להתגדר ולהתפאר זה על זה"...

פערטער קאַפּיטל

די פאַרשטאַרקונג פון די מיסטישע שטרעמונגען נאָך דער „סעווילער שחיטה". — דער בעל-קבלה און בעל-נס משה באָטאַרעל. — אברהם אויס גראַנאַדע און זיין „ברית מנוחה". — דער קאַמף קעגן דער ראַציאָנאַלי-סטישער פילאָזאָפיע פון דריי פראָנטן. — די רבנים מנחם אבן זרח און ר' יצחק בר ששת (ריב"ש). — דער מיסטיקער שם-טוב און זיין „ספר האמונות". — פון מיימוניִן צוריק צו יהודה הלוי. — חסדאי קרשקש אַלס תורני און אַלס פּאָלעטיקער. — קרשקש אַלס דענקער. — זיין דרך און שיטה. — די גרענעצן צווישן די געביטן פון רעליגיע און פילאָזאָפיע. — די קריטיק פון אַריסטאָטעלס שיטה און פון דער גאַנצער גריכישער פילאָזאָפיע. — קרשקש וועגן מיימונים שלשה עשרה עיקרים. — קרשקש אידעען וועגן דעם חלל פון דער וועלט און וועגן גאָטס אייגנשאַפטן. — ניט דאָס וויסן, נאָר די ליבע איז די גרונד-אייגנשאַפט פון גאָטס מהות. — קרשקשס שטאַנדפּונקט בנוגע דער פראַגע וועגן גאָטס וויסן און בחירה-חפשית. — דער צוועק פון „מעשה בראשית". — קרשקש פאַרהאַלטן זיך צו קבלה און ראַציאָנאַליזם. — „ואָהבת את ה' אלהיך" אַלס גרונט-פּרינציפּ פון מאָן און שאַפן. — די וועלט-באַשאַפונג אַלס נויטווענדיקייט. — די אומענדלעכקייט פונם וועלטאַל.

מיר האָבן אין פאַריקן קאַפּיטל געקאָנט זען, ווי אַזוי די טראַגישע געשעענישן פון יענער תקופה האָבן אַפילו אַזעלכע קלאָרע קעפּ און פילאָ-זאָפיש געבילדעטע מענער ווי פּראָפיאַט דוראַן געבראַכט צו תשובה-שטימונגען, וועלכע האָבן געפירט צו די וועגן פון מיסטיק. די פאַרמאַ-טערטע הערצער האָבן געזוכט טרייסט און האָפענונג אין דעם ווונדער-באַרן און איבערנאַטירלעכן, און מיט פאַרשמאַכטע ליפּן זיינען זיי צו-געפאַלן צום צויבער-קוואַל פון חכמת הנסתר. דער „זוהר" ווערט אַלגע-מיין אָנערקענט אַלס אַ הייליק בוך, וואָס ס'האָט על-פּי-רוח-הקודש באַ-שאַפן דער געטלעכער תנא רבי שמעון בן יוחאי. עס באַווייזן זיך אויף דער געזעלשאַפטלעכער בימה אַזוינע מיסטיקער און בעלי-מופתים, ווי משה באָטאַרעל, וואָס האָט מיסטיפיצירט דעם עולם, אויסגעטראַכט אַזוינע קדמונים און קדושים שלא היו ולא נבראו, און זיי אויסגעגעבן אַלס פאַרפאַסער פון הייליקע ספרי-קבלה, וואָס זיינען קיין מאָל אויף דער וועלט

ניט געווען. אין זיין פירוש אויף „ספר יצירה", וואָס ער האָט געשריבן אין 1409 ספּעציעל פאַר זיין באַקאַנטן, דעם קריסטלעכן געלערנטן מאַישטרו יואַן[1], ברענגט ער אַלס איבערצייגטער אָנהענגער פון חכמת הנסתר פילע אמוראים, גאונים, דעם פייטן אלעזר קליר און אַנדערע גדולים, בכדי צו דערווייזן, אַז די חכמת הקבלה איז שוין פון קדמונישע צייטן שטאַרק חשוב און באַליבט ביים פאָלק. עס איז אַפילו צו יענער צייט אַלס דעוויז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקער זאַץ: „ווער עס פאַרשטייט ניט גאָט אויפן דרך פון קבלה, דער איז בכלל פון די קטני אמונה... אַזאַ מענטש האָט ניט קיין קלאָרן באַגריף וועמען ער דינט, און אויף אים רוט דערפאַר ניט די געטלעכע השגחה"[2]. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט אַ פייערדיקער מיסטיקער פון יענער צייט, אברהם בן יצחק אויס גראַנאַדע אין זיין ספר „ברית מנוחה"[8]. אין זעקס־און־צוואַנציק „דרכים" האָט דער פאַרפאַסער זיין ווערק איינגעטיילט לויט דער צאָל, וואָס ס'באַטרעפן די אותיות פונם שם הויה. מיטן סוד — זאָגט אברהם בר' יצחק אין דער פאָררעדע — פון דעם הייליקן נאָמען, מיט זיינע אותיות, תגין און ניקוד — איז אַלץ אין דער וועלט באַשאַפן געוואָרן פונם אָנהייב ביזן סוף. און דער דאָזיקער סוד איז איבערגעגעבן געוואָרן בקבלה פון דור צו דור זינט אדם הראשונס צייטן ביז ר' עקיבה און ר' יהודה הנשיא, און זיי האָבן איבערגעגעבן דעם תנא ר' שמעון בן יוחאי. זינט ר' שמעון בן יוחאי בלייבט דער סוד באַהאַלטן, און בלויז רמזים ווערן אַנטפּלעקט פאַר די יחידי סגולה...

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה איז באַזונדערס איין שטריך, וואָס טרעט אַזוי בולט אַרויס ביי דעם בעל „ברית מנוחה" — די האָפענונג אויף באַלדיקער גאולה, און די פעסטע איבערצייגונג, אַז די אַלע צוקאַרשט איבערגעלעבטע גזירות און צרות זיינען עס די „חבלי

---

1 צום סוף פון דער פאָררעדע צום פירוש שרייבט באָטאַרעל: „והואיל ורואה אני זה האיש מאַישטרו יואן מוכתר בכתר המעלה... ורציתי לגלות כבשי דרחמנא, והרי אמרו הז"ל נוי העוסק הרי הוא ככהן גדול שלפני ולפנים פנה" (מיר ציטירן לויט דעם מאַנוס־קריפּט, וואָס געפינט זיך אין דער ערשטער קאָלעציע, פירקאָוויטש נומ' 325).

2 „ברית מנוחה", 16: „וכבר אמרת שכל איש מבני ישראל שאינו יודע למי הוא עובד הרי הוא בכלל קטני אמונה... האדם הזה אינו יודע למי עובד, גם הקב"ה אינו משגיח בו בפרט".

8 פאַרעפנטלעכט זיינען בלויז די ערשטע צוויי „דרכים" (קאַפּיטלען) פונם „ברית מנוחה". מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער ערשטער אויסגאַבע פון 1648 (אין אַמסטערדאַם). דאָס ווערק איז אויך איבערזעצט אין איטאַליעניש (זע שטיינשניידער, „מאָנאַטסשריפט", 1898, 515).

משיח", די גרויסע ווייען, אונטער וועלכע עס ווערט א נייע ליכטיקע תקופה געבוירן — די תקופה פונם לאַנג־דערוואַרטן „קץ", ווען גאָטס שליח, משיח בן דוד, וועט די וועלט דערלייזן. אברהם בן יצחקס בן־דור, דער דיכטער שלמה דאַפּיערא [1], וואָס האָט אַליין שטאַרק געליטן פון די דעמאָלטיקע גזירות, פאַרענדיקט דאָס רוב זיינע קינות און קלאָגלידער מיט א פריילעכן אַקאָרד, אין וועלכע עס קלינגט אַזוי שאַרף די האָפענונג אויף באַלדיקער גאולה. „גרוים איז דער בראָך — קלאָגט דער דיכטער אין איינער פון זיינע עלעגיעס — שרעק און אומגליק פון אַלע זייטן, קלאָג און פּלאָג רינגלט אונז אַרום, אדום און סדום געוועלטיקן איבער אונז, מיר גייען געפאַנגען — פאַריאָמערט, פאַרוואָגלט, אין דרייען געבויגן. דאָך — ניט פאַרצווייפל, מיין האַרצגעליבטע! אָט באַלד דערשיינט דער וועכטער דער טרייער, און אָנזאָגן וועט ער: „שטיי אויף פון דיין טרויער!" שטיי אויף, מיין געליבטע, פאַרלאָז דעם טאָל פון יאָמער, דעם זיסן האָניק פון פרייד טו געניסן! וואַרף אַראָפּ דעם קנעכטישן מאַנטל פון גלות, באַוויז זיך אין די פּראַכט־געוועזנטער פון שיינקייט און גליק!" [2].

אויך דער בעל „ברית מנוחה" דערלאַנגט דעם כוס הנחמה, דעם בעכער פון טרייסט, זיינע פאַרטרויערטע ברידער: „אונזערע גרויסע צרות — לייענען מיר אין דעם „ברית מנוחה" — דאַרפן דאָך ניט אונזערע הערצער מיט קאַלטן יאוש דערפילן. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז גראָד פאַרן באַגינען שטאַרקט זיך די פינסטערניש. דאָס זעען מיר אויך איצט: וואָס מער עס שטאַרקט זיך דער גלות און אַלץ גרעסער וואַקסט דער אומרעכט אויף דער וועלט — איז דאָס א רמז אויף א באַלדיקער גאולה. א סך פון די אויפגעקלערטע, בעת זיי האָבן די שרעקלעכע צרות דערזען, האָבן זיי גלייך דעם מוט פאַרלוירן און די אמונה פון די אָבות פאַרלאָזן; מיר אָבער, די פרומע און גאָטספאַרכטיקע, מיר פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס גענאָד, מיר ווייסן דאָך: ער איז דער גאָט פון רחמים, ער וועט ניט פאַרלאָזן דעם שארית יוסף, דעם רעשט פונם פאָלק ישראל! ער וועט אונז ביישטיין אין דער גרויסער נויט און וועט אונז אַרויסהעלפן פון די חבלי משיח" [3].

---

1 זע ביילאַגע נומ' 10.

2 זע דאַפּיעראַס עלעגיע, וואָס ח. בראָדי האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין מאָנאָ־גראַפיע „ר' שלמה דאַפּיעֶרה", 1893, 30—35.

3 „ברית מנוחה", דף ס"ו: „שכאשר האור בא אז החושך יתאמץ מאוד ויעלה כי המשחיתים מתפשטים בעולם וזהו רמז הנאולה כאשר יבוא יתאבק הגלות ורבים מן המשכילים יכשלו בראותם בלבול הגלות והצרות הגדולות וכדי להנצל כפני חרב היונה

אַט דאָס, וואָס די פילאָזאָפיש געבילדעטע אינטעליגענץ, די „מתפלספים", זיינען בשעת דער קאַטאַסטראָפע דעם נסיון ניט בייגע־שטאַנען, און פילע פון זיי האָבן זייער שטאַם פאַרלאָזן און איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום — דאָס האָט אינגאַנצן דיסקרעדיטירט אין די אויגן פון פאָלק ניט נאָר די „חכמת יוון", די גריכיש־אַראַבישע פילאָזאָפיע, נאָר אַפילו די נאַטורוויסנשאַפטן אויך. אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרן די מיסטישע שטימונגען, און פון דריי פאַרשיידענע ריכטונגען איז מען קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן אַריסטאָטעליזם אַרויסגעטראָטן און אים דעם קריג דערקלערט.

קעגן דער פילאָזאָפיע און אירע „אַפּיקורסישע" אידעען זיינען קודם־כל אַרויסגעטראָטן די אָנגעזעענסטע רבנישע אויטאָריטעטן פון יענער צייט. מנחם בן אַברהם בן זרח, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט אַלע שרעק פון יענער בלוטיקער בהלה־צייט און מיט אייגענע אויגן צוגעזען ווי די מערדער האָבן געשאָכטן אַלע זיינע אייגענע [1], רופט אויס מיט גרוים גרימצאָרן אין דער פאָררעדע צו זיין רעליגיעזן זאַמלווערק „צידה לדרך": „גאָטה הייליק וואָרט ווערט צו שאַנד און צו שפּאָט. פילע פון די „מתפלספים" מאַכן חוזק פון די פרומע און גאָטספאָרכטיקע, וואָס זיצן כל ימיהם און לערנען תורה. נאָך וואָס, זאָגן זיי, פאַרברענגט איר די גאַנצע צייט אין דינים און געזעצן, האָט צו טאָן מיט טמא און מיט

יצאו מן הדת וזהו שכתוב ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע שיושיעם הקב"ה ברוב רחמיו ולא ימאסם לכלותם להפר בריתו אתם כי מלא רחמים הוא ויחנן השם צבאות שאירות יוסף ואשרי האדם המחזיק בתומתו ללכת בדרך הטובה ולהרחיק את עצמו מן הרעה בימים האלה אולי ימלט מן הצרות הנקראים חבלי משיח".

1 מנחם פאָטער, אַ געבאָרענער אויס פראַנקרייך, האָט זיך באַזעצט נאָכן גירוש פון 1306 אין נאַוואַרע. אין 1328 איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער איבערפאַל אויף די אָרטיקע יידן; בשעת דער שחיטה זיינען אומגעקומען מנחמס עלטערן און פיר זיינע יינגערע ברידער. מנחם גופא, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 13 יאָר, איז געלעגן שווער פאַרוואונדעט צווישן די הרוגים ביז שפּעט אין דער נאַכט, און זיין פאָטערס אַ באַקאַנטער ריטער האָט אים דאָס לעבן געראַטעוועט. דער פאַריתומטער בחור האָט זיך דערלאַנגט קיין טאָלעדאָ, וווּ ער האָט געלערנט ביים ראַ"שס זון, יהודה. בשעת דעם געראַנגל צווישן די צוויי ברידער פאַר דער קיניגס־קרוין, האָט מנחם זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרלאָרן. אַדאַנק דער מאַטעריעלער שטיצע פון דעם רייכן מעצענאַט און הויף־באַאַמטן, שמואל אברבנאל, האָט מנחם געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן זיין זאַמלבוך פון יידישע דינים און געזעצן „צידה לדרך", וואָס איז, לויט דער מעלדונג פון פאַרפאַסער, געשריבן ספּעציעל פאַר די יידישע שררות און הויף־לייט, וועלכע מוזן ביי זייער אַמטן פאַרקער מיט דעם קריסטלעכן אַדל ניט זעלטן עובר זיין אויף געוויסע מצוות און מנהגים" (זע וועגן די אַלע פרטים די פאָררעדע צו „צידה לדרך" ערשטע אויסגאַבע, 1567).

טהור, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט עסן? וועגן דער ריינקייט פונם גוף זאָרגט איר אַזוי שטאַרק, וואָס טראַכט איר אָבער ניט וועגן אויסאיידלען די נשמה, באַפרייען זי פון נאַרישן אָבערגלויבן און ווילדן אומוויסן? באַטראַכטן פון די פאַרשאָלטענע ביטערע געטראַנקען, וואָס זיי האָבן געשעפּט פון די גריכישע קוואַלן (בשתותם מי המרים המאררים אשר דלו מבור היוני), פרעדיקן זיי מיט גדלות פאַרן גאַנצן פאָלק זייערע אַפּיקורסישע געדאַנקען. זיי, וואָס גייען אויף קרומע וועגן און גראַבלען אין דער פינסטער, מיינען, אַז מיט זייער חכמה האָבן זיי אַריינגעדרונגען אין אַלע סודות פון די וויטע הימלען און אַנטפּלעקט זיינען פאַר זיי אַלע געטלעכע מעשׂים. כדי אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון דער תורה און אומגעשטערט דערפילן די תאוות און זינדיקע באַגערן פון זייערע אויסגעלאַסענע יצר־הרע, דערקלערן זיי מיט צביעות, אַז „רחמנא ליבא בעי", אַז ניט די מעשׂים, ניט דער ק י ו ם המצוות זיינען וויכטיק, נאָר דאָס פ אַ ר ש ט י י ן און ו ו י ס ן. ווי איז צו זיי, וואָס זינדיקן אַליין און ברענגען אויך אַנדערע צו זינד! (אוי לנפשם כי חוטאים ומחטיאים הרבים).

ניט ווייניקער שאַרף איז אַרויסגעטראָטן קעגן די „מתפלספים" דער ווייט באַקאַנטער ר' יצחק בר' ששת (ריב"ש) וועמעס שו"ת מיר האָבן שוין מערערע מאָל ציטירט [1]. דאָס איז געווען אַ שטרענגער אָרטאָדאָקס, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם מינדסטן פרייען געדאַנק אויפן רעליגיעזן געביט. מיט קולי קולות איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם רב פון אושקע, ר' חיים גאַליפּאַפּאַ, און אים באַשולדיקט, אַז ער „צעשטערט די פעסטונג פון דער אמונה", בלויז דערפאַר, וואָס יענער האָט דערקלערט, אַז מען מעג זיך קעמען אום שבת, און ער איז אויך געווען אַ שטיקל מקיל אין אַזעלכע פראַגן, ווי יין נסך [2]. אַליין ניט פרעמד פון פילאָזאָפישער בילדונג [3], איז ער דאָך געווען אַ קעגנער פון נאַטורוויסנשאַפטן, ווייל יענע

---

1 דער ריב"ש איז געבאָרן אין 1326, געווען רב אין סאַראַגאָסאַ און וואַלענסיאַ נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון 1391, וועלכע ער באַקלאָגט אין זיין עלעגיע „לשוד עירי" איז ער אַנטלאָפן פון שפּאַניע און זיך באַזעצט אין אַלושיר, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1408. פון די וויכטיגסטע מדינות האָט מען זיך צו אים געווענדט מיט שאלות וועגן פאַרשיידענע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, און די „שו"ת ריב"ש" (518 נומערן) זיינען איינע פון די וויכטיקסטע קוועלן, וואָס שילדערן דעם קולטורעלן מצב בײַ די ייִדן אין שפּאַניע פאַר יענער תקופה.

2 שו"ת ריב"ש, נומ' 394.

3 זע, צום בײַשפּיל, די שו"ת: נומ' 118 און 438—439 וועגן דעם מהות פון נאָטס וויסן.

„צעשטערן די יכודות פון דער תורה און האקן אונטער אירע ווארצלען" (מפני שהם מתאמצים לעקור עקרי תורתנו הקדושה). זייער פארפירונגס־קראפט איז אזוי גרויס, שטרייכט אונטער דער ריב"ש, אז אפילו אזעלכע גאוני התורה ווי דער רמב"ם און דער רלב"ג זיינען דורך זיי אראפ פונם ריכטיקן וועג און צייטנווייז ארויסגעזאגט אזוינע געדאנקען, וואס שמעקן ממש מיט אפיקורסות „ואסור לשומעם". בפרט אין אונזערע צייטן, איז מוסיף דער ריב"ש, האבן מיר דאך געזען, ווי פילע פון די וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט די דאזיקע חכמות, האבן פון זיך אראפגעווארפן דעם עול פון דער תורה און זיך אפגעקערט פון אלע מצוות און געבאטן [1].

מען דארף ניט חקירהן — זאגט דער פארביטערטער און פארוואגלטער ריב"ש — מיר דארפן זיך אינגאנצן סומך זיין אויף אונזערע חכמים, אפילו ווען זיי זאגן אויף רעכטס לינקס און אויף לינקס רעכטס, ווארעם זיי האבן דאך באקומען בקבלה „איש מפי איש עד משה רבנו ע"ה" דעם ריכטיקן פשט און באטייט פון אלע מצוות, מיר קאנען און דארפן אבער זיך ניט פארלאזן אויף די גריכישע און אראבישע חכמים, וואס זאגן בלויז ארויס זייערע אייגענע סברות" [2].

מיט נאך א גרעסערן ירגזון טרעט ארויס קעגן די ראציאנאליסטן און פרייזדענקער דער התלהבותדיקער מיסטיקער שם־טוב בן שם־טוב, דער פארפאסער פונם באקאנטן קבלה־ספר „ספר האמונות". שוין אין דער פאררעדע צו זיין ווערק איז שם־טוב בן שם־טוב זיך שטארק מתרעם אויף די „מתפלספים" דערפאר, וואס די חכמת היהדות באקומט ביי זיי א ריין פילאזאפיש לבוש, און לויט זייער שיטה דערגרייכט צו דער מדרגה פון אומשטארבלעכקייט בלויז דער, וועלכער פארנעמט זיך מיט „חכמות עיוניות" און שארפט זיין געדאנק מיט פילאזאפישע חקירות. עס איז קלאר, טענהט שם־טוב בן שם־טוב [3], די דאזיקע לערע פון די חכמי יוון, אז נאר דורך פילאזאפישער חקירה באהעפט זיך דעם מענטשנס נשמה צום „שכל הפועל" — לייקנט פאקטיש אפ דעם גלויבן אין שכר ועונש. דער מענטש מעג זיין א צדיק תמים מיט די שענסטע און איידלסטע מידות, זיין גאנץ לעבן מעג זיין א גאלדענע קייט פון מעשים־טובים און מסירת־נפש, וויבאלד אבער ער האט זיך ניט פארטיפט אין די „מושכלות", אין די אבסטראקטע פילאזאפישע באגריפן — „לא נשאר ממנו מאומה", „היה

---

1 דארטן נומ' 45.

2 דארטן, נומ' 447.

3 מיר ציטירן נאך דער ערשטער פעראַרער אויסגאַבע פון 1556.

כלא היה", ווערט זיין נאָמען פארגעסן און פארלוירן, און עס בלייבט פון אים קיין זכר ניט איבער. דער רשע אָבער, ער מעג טאָן „כל רעות שבעולם", אבי נאָר דאס האָט אים ניט געשטערט צו דערווערבן וויסנ־שאַפטלעכע ידיעות — באהעפט זיך זיין אינטעלעקט צום „שכל הפועל", און ער געפינט זיך אונטער דער השפעה פון דער געטלעכער השגחה. בעת איך בין ווי ווייט מעגלעך אריינגעדרונגען אין זייערע געדאנקען, רופט אויס דער בעל „ספר האמונות", — אויפגעפלאַקערט האָט אין מיר דער פלאַם פון צאָרן. איך האָב ארויסגעזען, אז די דאָזיקע לערע איז א שרעק־לעך ומגליק פארן פאָלק ישראל, אז דאס ברענגט צו שמד און כפירה. מיר האָבן דאָך געזען, ווען עס איז געשען דער גרויסער בראָך און אויס־געגאָסן איז איבער אונז געוואָרן דער צאָרן פון גזירות און שמדות, זיי־נען אונזערע געלערנטע און „מופלגים בחקירה" גלייך אָפטריניק געוואָרן און האָבן כופר בעיקר געווען. עס איז קיין שום ספק ניט, אז דורך זייער שולד זיינען עס אונזערע קהילות חרוב געוואָרן. זיי, די ווילקענעוודיקע און „פילאָזאָפירנדיקע", זיינען די ערשטע פורצי גדר געווען און אין דער תורה געפעלשט; און נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען פילע פון פשוטן פאָלק, און מיר זיינען געבליבן פארוויסט און פארלאָזן. וויבאלד זיי זיינען געקור־מען צום באשלוס, אז לית דין ולית דיין, אז עס ווערט ניט באצאָלט ניט פאר־גוטס ניט פאר שלעכטס, און נאָר די פילאָזאָפישע חקירה איז דער עיקר, בלויז זי איז גורם די שפע פון דער השגחה — קאָן מען דאָך דאָס פיל לייכטער דערגרייכן, ווען מען איז א „בן חורין", און מען קאָן פירן א פריי און רויִק לעבן, ניט בלייבן א קנעכט אין פינסטערן גלות [1].

און מער פון אלע איז אין דעם שולדיק, לויט שם־טוב בן שם־טובס מיינונג, דער רמב"ם. „דאס האָבן עס זיינע ווערק, רופט ער אויס מיט גרימצאָרן, גורם געווען, וואָס די קינדער פון דעם יידישן פאָלק האָבן כופר געווען אין דעם גאָט פון זייערע אָבות!" [2]. זיינע דעות זיינען פיל

1 „ספר האמונות", דף ד' עמ' א': „וכאשר חקרתי דבריהם מה שיכולתי לעמוד עליהם, בערה בקרבי שלהבת, כי פרחה בבני ישראל צרעת ממארת, וראיתי כי בכל הדורות האלה כפרו והמירו המופלגים בחקירה, ואין ספק כי כאשר תקפונו הצרות וגזרות השמד בסבת זו אבדו קהילנו, כי המפולפלים והמתחכמים עזבו התורה ופרצו גדרה ונמשכו אחריהם בני האומה עד שיבשו עצמותינו אבדה תקותינו, כי אחר שהסכימו כי אין דין ואין חשבון על טוב ועל רע ולטובים מהם ימשך השפע אחר התבוננותם בנמצאות חנה הוא פנוי ויגיע אל מחוז חפצו בהיותו בן חורין ולא בהיותו עבד".

2 דאָרטן, שער ב', פרק ד': „עד שספריו וחזקתו הם היו סבת כפירת בני ישראל בד' אלקי אבותם". צו די דאָזיקע שאַרפע רייד קעגן דעם בעל „המורה" האָבן

געפערלעכער פון אריסטוס לערע, ווארעם ער איז דאך געווען א גאון התורה, א גדול בישראל, און מיט זיין גרויסן אויטאריטעט האט ער פילע אראפגעפירט פון וועג.

עס איז כאראקטעריסטיש, וואס שם־טוב בן שם־טוב שטעלט ארויס אלס מיימונים פולן קעגנזאץ —דעם בעל „הכוזרי". ווער עס וויל גאט דינען — רופט אוים מיט התפעלות שם־טוב בן שם־טוב — דער מוז ליב קריגן דאס בוך פונם לוי. די טיפע דעות, וואס ווערן דארט ארויס־געזאגט, זיינען דער פולער היפך פון דעם, וואס ס'לערנט דער מחבר פונם „מורה נבוכים"... ניט ווייניקער שארף טרעט שם־טוב בן שם־טוב ארויס קעגן דעם צווייטן יידישן פרייען דענקער — ר' לוי בן גרשון. „דער דא־זיקער מענטש — רופט אוים מיט כעס שם־טוב בן שם־טוב — האט גע־האט די הפקירות צו אנטפלעקן אין זיין בוך „דאס גרעאנגל מיט גאט" (בספר מלחמותיו עם השם) אזוינע זאכן, וואס די פריערדיקע מורדים האבן געהאלטן פאר נייטיק צו פארהוילן"[1]. דער רלב"ג איז דערפאר אין זיינע אויגן א „נידערטרעכטיקער רשע"[2].

איז די פילאזאפיע ביי שם־טוב בן שם־טוב אין די אויגן דער אבן־נגף פארן פאלק ישראל — האלט ער דערפאר די קבלה פאר די הייליקע, איינציק אמתע תורה, וואס איז דער יסוד און די שטיצע פונם גאנצן יהדות. ווי דער בעל „ברית מנוחה" אזוי איז אויך שם־טוב בן שם־טוב פעסט איבערצייגט, אז די סודות פון חכמת הנסתר זיינען איבערגעגאנגען בקבלה פון דור צו דור נאך פון אדם הראשונען אן, און יענעם האבן זיך די דאזיקע סודות אנטפלעקט און ער האט זיי פארשריבן אין דעם היי־ליקן קבלה־ספר „רזיאל"[3]. מיט גרויס כוונה און מיט יראת־הכבוד פלייסט זיך דער דאזיקער התלהבותדיקער מיסטיקער איבערצוגעבן „אות באות און ווארט ביי ווארט" די גאלדענע קייט פון קבלה און מסורה, ווי ס'האבן

דעם התלהבותדיקן מיסטיקער פילע ניט געוואלט מוחל זיין. מיט צוויי דורות שפעטער האט דער באקאנטער רבנישער שריפטשטעלער משה אלאשקאר געהאלטן נאך פאר נייטיק ארויסצוטרעטן מיט א פאמפלעט קעגן שם־טוב בן שם־טוב, וו דער בעל „ספר אמונות" ווערט דערקלערט אלס „ליגנער, זייפן און רמאי". „אמר הכותב — שרייבט אלאשקאר אין זיינע „השגות" — לא אמת ולא יציב אבל שוא ודבר כזב ושוד ושקר; אמר הכותב: נוח לו לזה המשיג שלא היה נברא או שהיתה שליתו נהפכת על פניו ולא היה כותב דברים כאלו על עמוד העולם; והנה מזייף הזה גנב דעתנו מדברי הרמב"ם ז"ל בכדי לגנוב דעת הבריות"...

1 דארטן, שער ד', פרק י"ט.

2 זע „החלוץ", VII, 93.

3 „ספר אמונות", שער ג', פרק ב'.

זי איבערגעגעבן „די חכמים און די גאוני הישיבה פון בבל". ער שטיצט זיך דערביי ניט נאָר אויפן „זוהר" און אויפן „ספר הבהיר", וואָס ער האַלט זיי פאַר גאַנץ קדמונישע ספרים, ער ציטירט אויך גאַנץ אָפט אַלס גרויסע אויטאָריטעטן אין חכמת הקבלה א „גאון גדול רב קשישא"[1] און אויך די בעלי־קבלה ר' משה מבורגום[2] און ר' יצחק הכוהן[3], וועגן וועלכע עס רעדט אויך מיט גרויס רעספּעקט יצחק אַלבאַלאַג.

עס איז דערביי כדאי דאָ אָנצומערקן איין כאַראַקטעריסטישן שטריך. דער דאָזיקער ספרדישער מיסטיקער פלייסט זיך באַזונדערס אונטערצושטרייכן, וואָס פאַר א גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער חכמת הקבלה עס האָבן געשפּילט די „חכמי אשכנז", די בעלי הקבלה פון די ריין־פּראָווינצן. ער ציטירט דערביי ניט נאָר ר' יהודה חסיד און אלעזר דעם בעל „הרוקח", נאָר אויך פילע אַנדערע דייטשע מיסטיקער, וואָס זייערע ווערק זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען. ער איז פעסט איבערצייגט, אז גראָד די „חכמי אשכנז" זיינען געווען די טרייע טרעגער פון דער אומגעפעלשטער „שלשלת הקבלה"; זיי האָבן עס באַקומען די סודות פון דער דאָזיקער חכמה אויס בבל פון די „גאוני הישיבה הקדושה שבמתא מחסיא" (די גאונים פון דער ישיבה אין סורא), פון דאָרט האָבן זיי אויך באַקומען דעם הייליקן „ספר הבהיר", און אַדאַנק זיי, די „חכמי אשכנז", איז דער דאָזיקער ספר באַקאַנט געוואָרן אויך אין דער פּראָווואַנס און אין שפּאַניע[4].

ווי דער ריב"ש אזוי דרינגט אויך דער בעל „ספר האמונות", אז דער עיקר איז — אמונה, בלינדער, פעסטער גלויבן אָן שום ספיקות; אז אַלץ, וואָס ס'איז איבערגעגעבן דורך מסורה פון די אָבות, איז דער ריכטיקער לויטערער אמת. אַלע מעשיות וועגן שדים און מזיקין, וועגן כישוף, כוחות הטומאה און מלאכי חבלה, וועגן גיהנום און גן־עדן, אַלץ וואָס גייט איבער בקבלה פון דור צו דור, פון די הייליקע ספרים, דעם „הבהיר" מיטן „זוהר" ביז אדם הראשון, און דאָס ווערט באַשטעטיקט דורכן „הסכם פונם המון" (בהסכמת ההמון) — דאָס אַלץ איז הייליק און מען דאַרף אין דעם גלויבן באמונה שלמה[5]. נאָר דורך אזא בלינדן און פעסטן גלויבן קאָן געהאָלפן ווערן דאָס פאָלק ישראל...

---

1 דאָרטן, שער ג', פרק י"ה.

2 דאָרטן, שער ה', פרקים א—ב.

3 דאָרטן, שער ה', פרקים ט—י.

4 דאָרטן, שער ג', פרק ב', שער שביעי, פרק ט'.

5 דאָרטן, שער ה', פרק א', שער ח' פרק כ', שער ו' פרק ח'.

מען דארף ניט חקירהן, טענהט דער בעל „ספר האמונות", ניט הערן די געלערנטע און ווילקענעוודיקע, דער העכסטער אויטאריטעט איז — „הסכמת ההמון". אזא ארט קעגנער איז פאקטיש ניט געווען באזונדערס געפערלעך פאר דער פילאזאפיש־ראציאנאליסטישער שטרעמונג. צו אלטפרענקיש איז געווען דער דאזיקער קעגנער, צו שטארק איז נאך געווען ביים שפאנישן יידנטום דער אינטערעס צו פילאזאפישע פראבלעמען, עס זאל זיך קאנען באפרידיקן מיט דער תורה פון דעם דאזיקן פארברענטן מיסטיקער. אין דער זעלבער צייט איז אבער אוים דעם פילאזאפישן לאגער גופא ארויסגעטראטן א געלערנטער, באוואפנט מיטן שטארקן געווער פון אלזייטיקן וויסן, און ער האט געהאט דעם מוט דער ערשטער צו שטורעמען די ריזיקע, אין משך פון לאנגע דורות באוואנדערטע פעסטונג, וואס האט אזוי קונציק אויפגעבויט דער גרויסער גריכישער דענקער — אריסטו. דער דאזיקער מאן, וואס האט מיט זיין שטארקער האנט אומבארעמהארציק דערשיטערט די יסודות פון דער אריסטושער שיטה, וועלכע אלע ביז אים האבן געהאלטן פאר אומבאצווינגבאר אויף אייביקע צייטן — איז געווען חסדאי בן אברהם קרשקש.

* * *

חסדאי קרשקש שטאמט פון א זייער חשובער און אנגעזעענער פאמיליע אין בארצעלאנע. דער זיידע זיינער, חסדאי בן יהודה, א באדייטנדיקער תלמודיסט, איז געווען דעם ריב״שם רבי. חסדאי גופא [1], וואס האט געלערנט תורה ביים בארימטן רבנו ניסים (ר״ן), האט געשעמט אלס איינער פון די באדייטנדיקסטע תלמודיסטן פון זיין צייט. די גרעסטע רבנים (צווישן זיי אויך דער ריב״ש) פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט שו״ת קיין סאראגאסע, ווו ער האט געלעבט א לענגערע צייט. אלס מאן פון אלזייטיקן וויסן און פילאזאפישער בילדונג, האט קרשקש פארנומען א אנגעזעענע שטעלע ביים מלך פון אראגאן זשואן דער ערשטער[2]. די

1 הבדאים געבורטס־יאר איז אומבאקאנט. מע איז בלויז משער, אז ער איז געבארן בערך אינם יאר 1340. געשטארבן איז ער באלד נאך 1410.

2 וועגן זיין אנגעזעענער לאגע ביים אראגאנער הויף שרייבט יוסף יעבץ אין זיין „אור החיים" (קאפ׳ צוועלף): „הרב ר׳ חסדאי אשר גבה בשכלו על כל הפילוסופים אשר בזמנו, אפילו חכמי אדום וישמעאל וכל שכן חכמי ישראל, וגדול לאלהיו היה, כי קרא אל ד׳ וענהו במקהלות רבבות עמים רבים ונתקדש השם על ידו, ורבים מגדולי המלכות נתיהדו בלבם ואהוב להמלך אבי אביו של מלך ספרד והגדול שבכל יועציו, כי בלעדיו לא ירים המלך את ידו לעשות קטנה או גדולה".

קאטאסטראפע פון 1391 האט שווער געטראפן קרשקשן: זיין זייער באַ־גאבטער צוואנציק־יאריקער זון איז אלס „קדוש" אומגעקומען אין באר־צעלאָנע. אין זיין באקאנטן בריוו, וואס ער האט געשיקט צו די קהילות פון אוויניאָן [1], דערציילט ער וועגן דעם טראגישן טויט פון זיין געליבטן זון אין פאלגנדיקע הארציקע שורות: „פילע האבן זיך מוסר־נפש געווען פון גאטס נאמען וועגן, צווישן זיי אויך מיין זון מיין איינציקער, א יונ־גער חתן. אלס אומשולדיקן קרבן האב איך אים געבראכט; און טרייסטן טו איך מיך דערמיט, אז וויל און גוט איז אים, וואס אויף אים איז גע־פאלן דער גורל און זיס און ליכטיק אין זיין חלק" [2].

דעם זונס טויט און די בלוטיקע גזירות אויף די ספרדישע קהילות האבן בלי־ספק געהאט א גרויסע השפעה אויף חסדאים רעליגיעזע שטי־מונג. די פאלקס־לעגענדע שילדערט דעם בארימטן רב און דענקער אלס געטלעכן און הייליקן מאן, וואס האט געהאט בכוח וואונדער צו שאפן, און „דורך זיי גאטס נאמען צו דערגרייסן אין די אויגן פון די אומות העולם" (ונתקדש השם על ידו) [3]. און חסדאים בן־עיר, שלמה דאפיערא, דערקלערט אין זיין הספד אויף חסדאים טויט: „אוועק איז פון אונז דער געזאלבטער כרוב! אפגעטאן האט זיך פאר אונזערע זינד דער הייליקער ארון מיט די לוחות צוזאמען!" [4]

קרשקש איז ווירקלעך געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן זיין פאלק און זיין אמונה, און דעם קאמף פאר דעם יידישן גלויבן האט ער אפגעגעבן זיינע ריזיק גרויסע גייסטיקע כוחות. אין 1396, אין דעם זעלבן יאר, ווען דער אפודי האט פארענדיקט זיין „כלימת הגויים", האט קרשקש אויף שפאנישער שפראך פארעפנטלעכט זיין גלענצנד פאלעמיש ווערק „Tratado" [5], וווּ עס ווערן אזוי שארף קריטיקירט די וויכטיקסטע

---

1 דער דאָזיקער „כתב", וואס קרשקש האט געשיקט אין מרחשוון קנ"ב, וווּ עס ווערן איבערגעגעבן די שרעקלעכע פרטים פון דער גרויסער שחיטה, איז א זייער וויכטי־קער היסטארישער דאקומענט (פארעפנטלעכט אין „שבט יהודה", ווינערס אויסגאבע, 1855).

2 „רבים קדשו ד׳ בתוכם בני יחידי חתן, שה תמים העליתיו לעולה, אצדיק עלי הדין ואתנחם לטוב חלקו ולנעימות גורלו".

3 זע דאס אויבן ציטירטע ווערק פון יוסף יעבץ; אויך יוסף מיכאלס „אור החיים" 421—2; ווייס, „דור דור ודורשיו", V, 139.

4 ה. בראָדי, „ר׳ שלמה דאפיארה", 28:

נלקח כרוב ממשח ושח רומו — וכל יודעיו עלי יומו אהה; נשמו

נלקח ארון קודש בלוחות דת — בעד חטאת המוננו אשר נכתמו.

5 דער אָריגינאַל איז פאַרלאָרן געגאַנגען, דערגאַנגען צו אונז איז בלויז די העברעישע איבערזעצונג „ספר ביטול עיקרי הנוצרים", וועלכע ס׳האט פארענדיקט

עיקרים פון דעם קריסטלעכן גלויבן[1]. ווי זיין בן־דור, דער בעל „הנצחון", דעקט אויך קרשקש אויף די פילע סתירות אין די דערציילונגען, וואָס די פיר עוואַנגעליסטן ברענגען. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער יידישן דענקער זיינען די צאָרנדיקע שורות, אין וועלכע ער פּאָלעמיזירט קעגן דעם באַקאַנטן עוואַנגעלישן זאַץ, אַז „עס שלאָגט דיך איינער אויף דער רעכטער באַק — שטעל אונטער אויך די לינקע". „ווי — רופט קרשקש אויס — זיך אַליין מיטן גוטן ווילן איבערגעבן אויף שאַנד און דערני־דערונג? דאָס איז אַ בלוטיקע זינד, אַ שווער פאַרברעכן קעגן דעם גרונט־געבאָט: ואהבת לרעך כמוך. אויף יעדן מענטשן ליגט דער חוב זיך פאַר־האַלטן מיט אַכטונג און מיט ליבע צו זיין פּערזענלעכקייט, אויך דאַרף מען דעם צווייטן ניט ברענגען אין נסיון, ניט געבן אים די מעגלעכקייט זיך מיט אומרעכט צו באַשמוצן און זיך פאַרזינדיקן קעגן דעם צלם אלהים, וואָס שטעקט אין יעדן מענטשן. יענעם אַרויספאָדערן אויף אַ זינד — איז אַ דאָפּלטע זינד".

ניט ווייניקער שאַרף טרעט אויך קרשקש אַרויס קעגן דער לערע פון דעם שליח פּוילוס, אַז גאָטס צאָרן האָט געקאָנט באַגיטיקט ווערן בלויז דורך דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון גאָטס אייגענעם זון. אימהדיק און אומגעלומפּערט האָט ביי קרשקשן אין די אויגן אויסגעזען דער געדאַנק, אַז בלויז דער טראַגישער טויט פון דעם אייגענעם אומשול־דיקן זון האָט געקאָט גאָט באַפרידיקן און אין ליבע אומוואַנדלען זיין האַס און גרימצאָרן אויף די זינדיקע מענטשן. אוממאָראַליש רעכנט ער דעם געדאַנק, אַז דער אומשולדיקער קרבן זאָל זיין באַוויליקט פון גאָט, און זאָל ביי אים אָנגענומען ווערן אַלס ענדגילטיקע כפרה פאַר די אַלע קומענדיקע זינד, וואָס עס ווערן פאַרברעכעריש באַגאַנגען דורך די שפּעטערדיקע פאַרדאָרבענע דורות...

קרשקש אַליין איז געווען אַ עדות און צוגעזען, ווי פילע אין זיין דור זיינען אָפּטריניק געוואָרן, האָבן געפעלשט אין זייער אמונה און גע־

אין 1451, יוסף בן שם-טוב. קרשקש ווייזט אָן, אַז דאָס ווערק האָט ער פאַרפאַסט אויפן חונטש פון אייניקע אָנגעזעענע הויף-לייט (וואָרשיינלעך יידישע): „שרים ונכבדים בקשו ממני ויפצרו בי לחבר מאמר יודיע בו הספקות והבטולים אשר יעשו שומרי תורת משה ע"ה נגד אמונת הנוצרים". אין גרעצס השערה, אַז דאָ רעדט עס חסדאי וועגן קריסטלעכע „שרים ונכבדים" — איז שווער צו גלויבן.

1 דער חטא פון אדם הראשון, דער גואל אַלס קרבן, די דרייאייניקייט, די גאָטהייט אין מענטשלעכן לבוש, די יונגפרוילעכע געבורט, דאָס סימבאָלישע געניסן פונם געטלעכן קרבן (דער הייליקער אָוונטמאָלצייט), די טבילה, ישו אַלס גואל, ברית חדשה, דער גלויבן אין רוחות און שדים.

וואָרן די גיפטיקסטע שונאים פון זייערע געוועזענע ברידער. און אין דעם געוואַלדיקן שמד, צווישן די דאָזיקע „מומרים להכעיס" און מלשינים האָבן אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט די פאָרשטייער פון די ראַציאָנאַליסטיש־פילאָזאָפישע קרייזן. ער האָט אָבער זיך ניט געקאָנט באַנוגענען מיט דעם פּועל־יוצא, צו וועלכן אַנדערע גאָטספאָרכטיקע מענער פון זיין צייט זיינען געקומען: צו פאַרבאָטן יעדער חקירה בכלל, דערקלערן יעדע ווּיסנשאַפט אַלס כּפירה, וואָס שטאַמט פון פרעמדע „פאַרגיפטעטע" קוואַלן. ניט פ א ר ב אָ ט ן, נאָר קריטיש ב א ל י י כ ט ן, ניט זיך אָפּצוימען פון אַלע פרעמדע וועגן, נאָר מוטיק זיי אויספאָרשן, מיט דער שיין פון וויסנשאַפט אויפדעקן זייערע פאַלשע צילן, זייערע שטעכיקע שטרויכל־שטיינער און געפערלעכע זומפּן. אָט די אויפגאַבע האָט פאַר זיך חסדאי קרשקש געשטעלט.

קרשקש האָט אַזוי קלאָר פאַרשטאַנען, ווי נוצלאָז עס זיינען די אַלע פּרוּוון פון די פּשרה־מאַכערס, וואָס פלייסן זיך צו דערווייזן, אַז די תורת משה שטיצט זיך אויף די אייגענע יסודות, וואָס אַריסטוס פילאָזאָפיע, וועלכע איז דאָך, לויט קרשקשס איבערצייגונג, אַזוי פרעמד, אַזוי גרונט־פאַרשיידן דעם גאַנצן מהות פון דער יידישער אמונה. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען מוז קודם־כּל מאַכן אַ סוף צו דעם „עירבוב התחומין"; עס דאַרפן שאַרף אָנגעמערקט ווערן די גרענעצן, וואָס טיילן אָפּ דאָס רעליגיעזע געביט פונם ספּעקולאַטיוו־פילאָזאָפישן. נאָר בכדי מיט ערפאָלג צו דערפילן די פאַר זיך געשטעלטע אויפגאַבע, האָט קרשקש געוואַגט אויף אַזאַ אונטערנעמונג, וואָס האָט אין מיטלאַלטער אויסגעזען אַלס אומדערהערטע חוצפּה: אַרויסטרעטן מיט דער שאַרף פון קריטיק קעגן אַריסטוס אומבאַגרענעצטן אויטאָריטעט, באַווייזן, אַז אָט דער אַריסטאָטעלישער גראַנדיעזער, פעסט־געשלאָסענער און פון אַלע אַזוי באַוואונדערטער בנין, איז געבויט אויף גאַנץ שוואַכע יסודות.

„פילע פון אונזער פאָלק — שרייבט קרשקש אין דער הקדמה צו זיין הויפּטווערק — האָבן די פּראָפעטישע רייד פון אונזערע נביאים און די סודות, וואָס זיינען אין זיי באַהאַלטן, באַצירט מיט פרעמדע אידעען. דאָס האָבן מיט באַגייסטערונג געטאָן אפילו אונזערע גדולים בראש מיט דעם גרויסן גאון רבנו משה בן מיימון. ביי זיין גרויס חריפות און אויסערארדנטלעכן תלמודישן וויסן, איז ער געוועזן אַזוי ווייט אַנטציקט פון דער פילאָזאָפישער אידעען־וועלט, אַז פילע פון אירע גאַנץ שוואַכע און אומבאַגרינדעטע הנחות האָט ער אין זיין „מורה נבוכים" אויסגעגעבן פאַר די ווינקלשטיינער, אויף וועלכע עס שטיצן זיך די יסודות פון דער תורה. זיין כּוונה איז געווים געוועזן לטובה, צווישן זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך

אָבער באַוויזן אַ סך ווידערשפּעניקע קנעכט (עבדים המתפרצים), זיי האָבן געפּעלשט און פאַרדאָרבן די לערע פון זייער רבין, און פון גאָטס לעבעדיק וואָרט געמאַכט אַפּיקורסות און כפירה. ביי דעם גרויסן פּלאָנטער האָט יעדער געפּרוּווט אַריינלייגן אין דעם ביבל־טעקסט אַן אַנדער מיין. אַלע זיינען ביי אונז געווען אַזוי פאַרבלענדט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, אַז קיינער האָט דעם מוט ניט געהאַט צו פּרוּוון קריטיש זי באַלייכטן. דערפאַר האָב איך, וואָס מיינע אויגן זיינען דערלויכטן געוואָרן, אָנגענומען דעם באַשלוס, אָביעקטיוו, אָן שום פּניות, זוכנדיק בלויז דעם ריינעם אמת, באַטראַכטן די ווינקלשטיינער, אויף וועלכע עס שטיצט זיך אונזער תורה, אויספאָרשן דעם צענטראַל־פּונקט, וואָס ברענגט אַלץ אין באַוועגונג".

קרשקש האַלט פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט כּלל ניט בדעה צו קעמפן קעגן מיימוניז, וואָס זיין נאָמען איז ביי אים באַליבט און חשוב [1]; „אָבער, איז קרשקש מוסיף, דער אמת איז ביי מיר טייערער פון אַלץ, און דאָרט, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן חילול השם — „אין חולקין כבוד לרב". און ווייל די הויפּט־סיבה פון אַלע מיימונים טעותן נעמט זיך פון אַריסטוס לערע און זיינע הנחות, האָב איך מיר געשטעלט די אויפגאַבע צו דערווייזן פאַר דער גאָרער וועלט, אַז די דאָזיקע הנחות פונם גריכישן דענקער זיינען פאַלש און אומבאַגרינדעט, און אַז אין רעליגיעזע פראַגן קאָן נאָר די תורה געבן אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער און אַריינברענגען ליכט אין אַלע טונקעלע פּראָבלעמען".

צו דעם דאָזיקן צוועק האָט קרשקש פאַרפאַסט זיין באַרימט ווערק „אור ה'". העכער פינף יאָר האָט ער געאַרבעט איבער דעם דאָזיקן ווערק [2], וואָס ס'האָט אייגנטלעך לויט דעם פאַרגענומענעם פּלאַן געזאָלט זיין בלויז דער טעאָרעטישער טייל פון אַ גרויס ריזן־ווערק „נר אלהים", אַ מין „כל־בו" פון יידישן וויסן, ווי מיימונים „משנה תורה". דאָס דאָזיקע ווערק איז שוין אָבער קרשקש ניט ביכולת געווען אויף דער וועלט צו

1 דאָך האָט זיין ווערק אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט צווישן די מיימוניסטן, און קרשקש האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו בעטן זיין תלמיד זרחיה, יענער זאָל אין זיין נאָמען האַלטן אַ ספּעציעלע דרשה, בכדי צו באַרויקן די אויפגעבראַכטע אָנהענגער פונם בעל „מורה נבוכים" (זע „החלוץ", VII, 96—101).

2 לויט אַ צושריפט אין סוף פון דעם מאַנוסקריפּט, מיט וועלכן ס'האָט זיך באַנוצט דער פאַרלעגער פון דער ווינער אויסגאַבע „אור ה'", איז דאָס ווערק פאַרענדיקט געוואָרן אין 1410 (בחודש זיו שנת מאה ושבעים). קרשקש אַליין חייזט אָבער אָן, אַז אייניקע קאַפּיטלעך פון זיין ווערק האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן אין 1405 (ווי צום ביישפּיל דער אַכטער קאַפּיטל פון מאמר שלישי).

ברענגען, וואָרעם ער איז געשטאָרבן באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין „אור ה׳" [1].

קרשקש גיט אין זיין ווערק פאַקטיש פיל מער ווי ער זאָגט צו. אויפן ערשטן קוק קאָן אויסווייזן, אַז דער פאַרפאַסער שטייט אויפן ריין אָרטאָדאָקסישן שטאַנדפונקט: מען טאָר ניט רירן קיין פינטעלע פון דער הייליקער מסורה און פון דעם, וואָס די קדמונים האָבן מתקן געווען. דאָס איז אָבער בלויז דער אויבערשטער לבוש. דער אָרטאָדאָקסער רב איז אין דער זעלבער צייט אַ טיפער דענקער, וואָס האָט ניט נאָר אונטערגעגראָבן דעם שטאַרקן בנין, וועלכן דער אַלטער גריכישער גאון האָט אַזוי קונציק אויפגעבויט, נייערט אויך געלייגט די ערשטע גרונטשטיינער פון דער נייער פילאָזאָפיע, און באַרייכערט די פילאָזאָפישע וועלט מיט נייע פרוכטבאַרע אידעען, וואָס זיי האָט שפּעטער מיט אַזאַ ערפאָלג אויסגענוצט דער גרויסער פילאָזאָפישער גאון ברוך שפּינאָזע [2].

---

1 דער „אור ה׳" איז צום ערשטן געדרוקט אין פעראַראַ אין 1555 און איבערגעדרוקט אין יאָהאַניסבורג אין 1861. מיט אַ יאָר פריער (1860) איז דער „אור ה׳" דערשינען אויך אין ווין, און דער פאַרלעגער האָט זיך ביי דער אויסגאַבע באַנוצט מיט אַן אַלטן מאַנוסקריפּט. לײדער איז דער טעקסט פון „אור ה׳" שטאַרק פאַרגרייזט אין אַלע אויסגאַבן. אַלס ביישפּיל נעניגט אָנצווייזן אויף אַזאַ מין מיספאַרשטייעניש. אין דער ערשטער, פעראַרער, אויסגאַבע זיינען אין סוף פון מאמר שני פאַרוועגדט צוויי עמודים. די שפּעטערע עס־האַרצישע אַרויסגעבער האָבן ניט באַמערקט דעם טעות, און אויף אַזאַ אופן איז אינדערמיט פון דעם אַריינפיר צום דריטן מאמר אַריינגערוקט אַן אַ שום סמיכת־הפרשיות אַ באַדייטנדיקער טייל אוים דעם לעצטן קאַפּיטל פון צווייטן מאמר. ח. פלענסבערגס וייער לאַנגער פירוש צום ערשטן מאמר „אור ה׳" (ווילנע, 1907) קאָן אויך גאַנץ ווייניק דערלייכטערן דעם לעזער אַריינצודרינגען אינם טיפן תוך פון דעם הארבן טעקסט, וואָס איז געשריבן אין אַ טונקעלער שווערער שפּראַך. אַ בעסערן מזל האָט געהאַט בלויז דער טייל אוים דעם צווייטן מאמר (הכלל החמישי), ווו עס האַנדלט זיך וועגן בהירה חפשית. אים האָט אַרויסגעגעבן מיט קריטישע באַמערקונגען און מיט דייטשער איבערזעצונג פ. בלאָך („די ווילענספרייהייט פאָן חסדאי קרֶשקש", 1879). בלאָך ווייזט אנגב אָן, אַז אין דעם מאַנוסקריפּט פון „אור ה׳", וואָס געפינט זיך אין האַלבערשטאַמס קאָלעקציע, איז דאָ אַ אינטערעסאַנטע צושריפט פון איינעם פון קרשקשס תלמידים. עס ווערט דאָרט אָנגעוויזן, אַז קרשקש פלעגט האַלטן פאַר אַן ענגן קרייז פאָרלעזונגען איבער פילאָזאָפיע. דער תלמיד באַקלאָגט זיך, אַז קרשקש פלעגט אויך זיינע לעקציעס לייענען אין אַזאַ קנאַפּער און שווער פאַרשטענדלעכער שפּראַך, ווי זיין בוך איז געשריבן („בלמדי לפני הרב ז״ל לא ירדתי לסוף דעתו בוה... והנה הרב ז״ל מדבר גם כותב בקצור נמרץ").

2 וועגן קרשקשס השפעה אויף שפּינאָזען זע די אינטערעסאַנטע אַרבעט פון מ. יואל „דון חסדאי קרשקש". אויף זייט 71 שרייבט ער: „אַלע קיימע צו דעם וואָס אין שפּינאָזאָס סיסטעם דאָס כאַראַקטעריסטישע אויסמאַכט, איז חסדאי זיך פאַרפינדען". זע אויך דעם זעלבן פאַרפאַסערס אַרבעט „שפּינאָזעס טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" און ד. ניימאַרקס אַרטיקל אין „העתיד", II.

קרשקש פאנגט קודם־כל אָן מיט אַ קריטיק קעגן מיימונים דאָג־מאַטיק. שוין אין זיין אַריינפיר („הצעה״) ווייזט ער אָן, אַז מיימוני גרייזט דערמיט, וואָס צווישן די תרי״ג מצוות רעכנט ער אויך דעם גלויבן אין גאָט דעם מנהיג העולם. שוין דאָס וואָרט גופא—גע באָ ט (מצוָה)— זאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן דער מצַוֶה, וואָס גיט די מצוות. דער גלויבן אין גאָט דעם באַשעפער — דאָס איז דער גרונט־שטיין, דער יסוד און מקור פון אַלע געבאָטן און געזעצן פון דער תורה. קרשקשן שטעלן אויך ניט צופרידן די דרייצן רעליגיעזע גרונטפּרינציפּן (שלשה עשרה עיקרים), וואָס מיימוני האָט אַרויסגעשטעלט [1]. קרשקש געפינט, אַז מיימוני האָט דאָ צונויפגעמישט צוויי פאַרשיידענע אַרטן דאָגמען: צוזאַמען מיט אַזעל־כע עיקרים, וואָס אָן זיי קאָן די אמונה בכלל קיין קיום ניט האָבן, האָט ער אויך אַרויסגעשטעלט אַזוינע, וואָס זיי זיינען טאַקע זייער וויכטיק, און דער מאמין איז מחוייב אין זיי צו גלויבן, אָלא ניט ווערט ער אָנגערופן מין, ער הייסט אָבער ניט קיין כופר בעיקר, ווייל די תורה קאָן אַ קיום האָבן אויך אָן זיי. אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, האָט קרשקש איינ־געטיילט זיין ווערק אין פיר אָפּטיילונגען (מאמרים): דער ערשטער מאמר באַהאַנדלט דעם גרונטפּרינציפּ, וואָס איז דער ווינקלשטיין פון יעדער אמונה בכלל — דער גלויבן, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט (אמונת מציאות האל יתברך), דער צווייטער באַטראַכט די גרונט־דאָגמען פון דער אָפּנבאַרטער רעליגיע. אַזעלכע דאָגמען (עיקרים) שטעלט קרשקש אַרויס ניט מער ווי זעקס, חוץ דעם גלויבן אין גאָט און אין תורה מן השמים: 1) גאָטס אַלוויסן (ידיעת השם בנמצאות), 2) די געטלעכע השגחה, 3) גאָטס אַלמאַכט, 4) די נבואה, 5) דער פרייער ווילן (הבחירה) און 6) דער צוועק פון מעשה בראשית. אין דער דריטער אָפּטיילונג ווערט גערעדט וועגן די פּרינציפּן, וואָס אין זיי איז טאַקע מחוייב צו גלויבן יעדער מאמין, דאָך קאָן מען זיי ניט רעכענען פאַר גרונט־דאָגמען פון דער אמונה. אין דער לעצטער אָפּטיילונג ווערן באַלויכטן די דעות און סברות, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בקבלה און דער שכל איז זיי מהייב, נאָר ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן טאַקע אַ גרויסן באַטייט און ווערט, דאָך זיינען זיי ניט קיין מוז־זאַך, און יעדער קאָן זיך צו זיי פאַר־האַלטן ווי זיין ווילן איז.

[1] „אור ה׳״, מאמר שלישי, דף 45, עמ׳ א׳ (מיר ציטירן נאָך דער יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע): „והתמה מהרב המורה שסדר... י״ג עיקרים אשר שמם יסודות לדת והנה אם קרא עקרי האמונות האמתיות אשר הכפירה בהם מינות הנה ימצאו יותר מפו״ב ואם קרא עקרי פנות ויסודות הדת אשר לא תצוייר זולתם, הנה אינם יותר מז׳ כשנמנה בהם מציאותו יתב׳ או ח׳ אם ונמנה ג״כ בפנות היות התירה תורת אלהית מן השמים״.

מיימוני, ווי מיר ווייסן, איז געווען פעסט איבערצייגט, אז אלץ, וואס אריסטו האט געלערנט בנוגע דעם עולם התחתון, וועלכער געפינט זיך נידעריקער פון דער לבנה, איז ריינער אמת, וואס לית מאן דפליג. ארויסגייענדיק פון דעם שטאנדפונקט, האט מיימוני, בכדי צו דערווייזן מיט לאגישע ראיות די עקסיסטענץ פון דעם איינציקן גאט, וואס איז פריי פון דעם מינדסטן חומר (על היותו לא גוף ולא כח בגוף) — זיך געשטיצט אויף פינף־און־צוואנציק „הקדמות" פון אריסטוס פיזיק. די דאזיקע הקדמות, שטרייכט מיימוני אונטער — „זיינען אלע פעסט דערוויזן און קיינער קאן וועגן זיי ניט זיין אין ספיקות (חמש ועשרים הקדמות כולם בא עליהם המופת אין ספק בדבר מהם) [1].

טרעט טאקע קרשקש קודם־כל ארויס מיט א צעשטערנדיקער קריטיק קעגן אט די „פעסט דערוויזענע" הקדמות. מיט אומגעהייערער חריפות אנטבלויזט ער אלע שוואכע זייטן פון דער אריסטאטעלישער פיזיק, און דערווייזט, ווי אלטפרענקיש און וויסנשאפטלעך ניט באגרינדעט עס זיינען אירע גרונט־באגריפן.

די גריכישע אנטיקע וועלט האט אין דער צאל געזען ניט דעם פונם מענטשלעכן גערדאנק באשאפענעם באגריף, נאר א שאפנדיקן עצם, א זעלבשטענדיקן יש. דערביי מוז מען נעמען אין באטראכט, אז די צאלן זיינען ביי די אלטע גריכן ניט געווען קיין באגריפן פון התפשטות, פון שטח־פארהעלטענישן, נאר פארקערט — פון שארף אפגעגרענעצטע, מיט דער האנט און מיטן אויג אנגעטאפטע און אפגעצאמטע איינהייטן. יעדע צאל — א גרענעץ, א מחיצה, א געשלאסענע גאנצקייט. דענקען זיך דעם מהות פון התפשטות ניט קערפערלעך, נאר אלס ווייטקייט, אלס באגריף פון אויסשפרייטונג און רחבות — איז געווען פרעמד דער אלטער גריכישער וועלט. פרעמד איז איר אויך דערפאר געבליבן דער באגריף פון א ו מ ע נ ד ל ע כ ע ר רחבות, פון א וועלטאל מיט אומבאגרענעצטע ווייטן...

אט אויף די באגריפן איז טאקע געבויט די אריסטאטישע פיזיק. אריסטו דענקט זיך די דרויסנדיקע וועלט אלס שארף אפגעגרענעצטן און געשלאסענעם כדור, וואס אין זיין מיטלפונקט געפינט זיך די ערדישע פלאנעטע. גאנץ אין גייסט פון די אלט־גריכישע באגריפן, דערווייזט אריסטו מיט לאגישע ראיות, אז אויסער דעם דאזיקן אין זיך אפגעשלאסענעם כדור קאן קיין שום אנדערער ניט עקסיסטירן. אריסטו דערקלערט דעם באגריף פון „רוים" (וואס ווערט, אגב, ביי אים ניט שארף אפגע־

---

[1] „מורה נבוכים", אנהייב צווייטער טייל.

טיילט פון די באַגריפן „פּאַרנעם" און „אָרט") אַלס גרענעץ צווישן דעם קערפּער, וואָס נעמט אַרום, און דעם, וואָס ווערט אַרומגענומען. די „צייט" איז ביי אים די צאָל באַוועגונגען בנוגע צום „פריער" און צום „שפּעטער". אַרויסגייענדיק פון אָט די פּרינציפּן, קומט אַריסטו צו די הנחות, אַז אויסער אונזער שאַרף אָפּגעגרענעצטער וועלט קאָן מער גאָרניט עקסיס־טירן, ניט קיין רוים און ניט קיין צייט; אַז ליידיקער רוים אָן קער־פּערלעכן יש קאָן גאָרניט געמאָלט זיין, באשר — „די נאַטור האָט פּחד פאַר ליידיקן רוים". און אָט די פעסט אָפּגעזונדערטע און אָפּגעגרענעצטע וועלט מוז דאָך האָבן אַ איין־איינציקן מנהיג, ווייל אַריסטו (און נאָך אים אויך מיימוני) איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז די אומענדלעכע קייט פון סיבות און פּועל־יוצאס איז אומדענקבאַר....

טריט ביי טריט צעשטערט קרשקש אָט דעם דאָזיקן אַריסטאָטעלישן בנין. מיט הונדערטער יאָרן פאַר די באַרימטע פּרווון פונם איטאַליענישן פיזיקער טאָרריצעלי, האָט דער יידישער מיטלאַלטערלעכער דענקער דער־וויזן, ווי אומבאַגרינדעט עס זיינען אַריסטוס הנחות, אַז אַ ליידיקער רוים איז אַן אוממעגלעכע זאַך, און אַז אין אַזאַ רוים קאָן גאָר קיין שום באַוועגונג ניט פאָרקומען [1]. קרשקש ווייזט אָן מיט גרויס חריפות, ווי פול מיט סתירות ס'איז אַריסטוס לערע וועגן די „נאַטירלעכע ערטער" פאַר יעדן יסוד באַזונדער, ווי וואַסער, לופט וכדומה, וועלכע רינגלען אַרום די ערד, לויט אַריסטוס פיזיק, אין פאָרם פון קאָנצענטריש־געקייַלעכטע שיכטן [2]. און דאָס נעמט זיך, ווייזט קרשקש אָן, אַלץ דערפון, וואָס אַריסטו האָט אַ גאַנץ פאַלשן באַגריף וועגן דעם רוים. אַריסטו האָט אַ טעות בעת ער מיינט, אַז דער רוים דאָס איז די גרענעץ צווישן דעם קערפּער, וואָס נעמט אַרום, און דעם וואָס ווערט אַרומגענומען. „דער אמתער פאַרנעם און רוים, זאָגט קרשקש, דאָס איז דער חלל, די לערקייט" (בשהמקום האמתי הוא הפנוי). יעדער יש, אַלץ אין דער וועלט — לערנט קרשקש — איז אַרומגערינגלט פון דער אומענדלעכער, אומטיילעוודיקער, ליידיקער רחבות [3]. וואָס ביי אַלבאַלאַגן איז געווען בלויז אַ פאַרגעפיל, אַ דערשפּירונג, דאָס איז ביי קרשקשן אַ געוויסהייט, אַ גרונטפּרינציפּ,

---

1 „אור ה'", המאמר הראשון, הכלל השני, דף 9, עמ' ב': „ולזה לא ימנע מציאות התנועה הטבעית וההכרחית למציאות הרקות, וכשלא יחוייב בזה הטופת המנעות מציאות הרקות חוץ לעולם".

2 דאָרטן, 10.

3 דער באַגריף פון ליידיקער רחבות טראָגט אין דער העברעישער עלטערער ליטעראַטור דעם אויסדרוק „חללו של עולם".

אויף וועלכן ער האָט זײַן וועלטאַנשויונג געבויט. ער איז געווען דער ער־שטער פון די מיטלאַלטערלעכע געלערנטע, וואָס האָט אויפגעריסן די ענגע, פעסט אַרומגעגרענעצטע אַריסטאָטעלישע וועלט, און זײַן שאַרף אויג האָט אין די אומענדלעכע ווײַטן אַרײַנגעדרונגען. קרשקש קומט דערבײַ צום אָריגינעלן אויספיר, אַז די אויסשפּרייטונג (התפשטות) איז איינע פון גאָטס מידות (אַטריבוטן). פילע פון די קדמונים — ווײַזט אָן קרשקש — אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער פאַרנעם און דער שטח גיט יעדן יש זײַן באַשטימטע פאָרם, פלעגן מיטן וואָרט „מקום" באַצייכענען די פאָרם, ד"ה דעם מהות און עצם פון דער זאַך[1]... און ווײַל גאָט איז דאָך די פאָרם פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט (הוא הצורה לכלל המציאות), ווײַל ער באַשאַפט, באַשטימט און באַגרענעצט אַלץ — האָבן אונזערע חכמים גאָט אַליין באַקרוינט מיטן נאָמען „מקום" און נעבראַכן גאַנץ אָפט דעם אויסדרוק „ברוך המקום"; וואָרעם ער איז דאָך „מקומו של עולם", דער חלל פון דער וועלט. און דער דאָזיקער פאַר־גלײַך, באַמערקט ווײַטער קרשקש, איז טאַקע וווּנדערבאַר. וואָרעם פּונקט ווי די לערקייט דרינגט דורך די קלענסטע טיילן פון יעדן שטאָף, אַזוי זײַנען מיט גאָטס גלאַנץ דורכגעדרונגען אַלע טיילן פון דער וועלט, ווי אין פּסוק שטייט: מלא כל הארץ כבודו. גאָט איז דער יסוד פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט[2].

קרשקש טרעט אויך אַרויס קעגן דעם פון אַריסטון אַרויסגעשטעלטן כלל, אַז אַן אומענדלעכע קייט פון סיבות און תולדות איז אַ אוממעגלעכע זאַך. דער בעל „אור ה'" זאָגט שאַרף און בולט אַרויס דעם פאַר דער נײַער ווּיסנשאַפט אַזוי ווײַכטיק און פּרוכטבאַר געוואָרענער געדאַנק, אַז דאָס, וואָס ס'הייסט לויט דעם מענטשנס באַגריפן „אומענדלעכע קייט", קאָן בלי־ספק עקסיסטירן[3]. אויך וואַרפט קרשקש אָפּ אַריסטוס דעה, אַז אונ־זער וועלט איז די איינציק עקסיסטירנדיקע; מען קאָן, לערנט דער בעל „אור ה'", לײַכט זיך דענקען, אַז ס'עקסיסטירן נאָך אַנדערע וועלטן. מיר וועלן נאָך שפּעטער זען, ווי אַזוי קרשקש, אַרויסגייענדיק פון דעם דאָ־

---

1 ווי אַלע אַנדערע מיטלאַלטערלעכע געלערנטע, האָט אויך קרשקש גערעכנט, אַז דער תכלית און דער רעאַלער מהות פון יעדער זאַך איז איר פאָרם.

2 דאָרטן דף י' עמ' ב'. דעם דאָזיקן געדאַנק געפינען מיר שפּעטער בײַ שפּינאָזען: די אויסשפּרייטונג (התפשטות) געהערט צו גאָטס מידות, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: גאָט איז אַן עצם, וואָס איז זיך מתפשט („עטיק", II, לימוד ב').

3 דאָרטן, מאמר ראשון, כלל שני, פרק ג', י"ב, עמ' א': „ובכלל אין המנעות מציאות עלולים בלתי בעל תכלית".

זיכן פאַר אַ מיטלאַלטערלעכן דענקער זייער אָריגינעלן געדאַנק, קומט צו גאַנץ אינטערעסאַנטע מסקנות; דערווייל באַנוגנט זיך קרשקש בלויז מיט דעם אויספיר, אַז וויבאַלד ס'איז ניט דערוויזן די אײנציקייט פון דער וועלט, קאָן זי דאָך ניט דינען אַלס ראיה, אַז אויך די באַוועגנדיקע קראַפט איז אַ איין איינציקע.

אַט אַזוי טריט ביי טריט, מיט דער הילף פון קונציקער דיאַלעקטיק און טיפן לאָגישן אַנאַליז, קומט קרשקש צום אויספיר, אַז אויף ריין פי־לאָזאָפיש־ספעקולאַטיוון שטייגער קאָן מען ניט דערווייזן די אחדות אלהים — גאָטס אײנציקייט[1]; דערצו, זאָגט קרשקש, „ננעלו דלתי העיון" — זיינען פאַרשלאָסן די טויערן פון חקירה. „די פעסטע, אומדער־שיטערכע איבערצייגונג קאָן אונז געבן בלויז דער גלויבן; די תורה האָט אונז, גלויביקע, די אויגן געעפנט, יעדן ספק אויס אונזערע הערצער פאַר־טריבן מיט איר דערקלערונג: שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד!"[2].

דאָ טרעט קרשקש צו מיט דער שאַרף פון זיין קריטיק צו מיימונים גרונטזאַץ, אַז גאָט, וואָס איז נאָך זיין מהות די איינהייטלעכקייט גופא און דערצו נאָך אָן אַ שמץ פון וועלכן ס'איז חומר, דאַרף מען בשום אופן ניט באַקליידן מיט פאַרשיידענע און פילאַרטיקע אייגנשאַפטן; מען טאָר אויך ניט, בכדי ניט צו געהערן צו די מגשימים, וואָס זינדיקן מיט אַנטראָפּאָמאָרפיזם, זיך פאָרשטעלן די גאָטהייט מיט פּאָזיטיווע תוארים (אַטריבוטן), נאָר מיט בלויז נעגאַטיווע[3]. דער עמקן קרשקש ווייזט אָבער אָן, אַז ניט אַלץ, וואָס שיינט פילאַרטיק צו זיין, איז עס אַזוי אויך אין דער אמתן, און דערפון, וואָס אין אונזער מענטשלעכער השגה שפּיגלען זיך גאָטס תוארים אָפּ אַלס פאַרשיידנאַרטיקע אייגנשאַפטן, איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז זיי זיינען אויך אין זייער טרעגער פאַרשיידנאַרטיק און ניט קיין האַרמאָנישע איינציקייט[4]. קרשקש קאָן אויך ניט באַגרייפן, פאַרוואָס טאָר מען זיך ניט באַנוצן בנוגע צו גאָט מיט אַזעלכע תוארים, וואָס האָבן פאַקטיש ניט קיין רעאַלן תוך נאָר זיינען בלויז אַ „בחינה

---

[1] צו דעם זעלבן אויספיר איז אין זיין ציים אויך געקומען דער אַראַבישער דענקער אַלגאַזאַלי אין „תהפות אל פילוסופיא", זע S. Munk, Melanges, 376.

[2] „אור ה׳", מאמר ראשון, כלל שלישי, פרק ד׳: „אמנם שיהיה אחד מנהיג והאחר בלתי מנהיג לדבר הנה בזה ננעלו דלתי העיון, ולהסיר המבוכה הזאת והספק הזה, ולבטל כל ערעור מהשרש הגדול הזה, האירה התורה עינינו אנחנו קהל המאמינים באמרה: שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד".

[3] זע אונזער ווערק, באַנד I, קאַפּיטל זעקס.

[4] דאָרטן, דף י״ז, עמ׳ ב׳: „שאם היות התוארים נבדלים בחקנו הם מתוארים (בתכלית האחדות) בחק׳.

שכלית", ד"ה א ריין לאגישער באגריף ווי, למשל: אייביק, איינציק, זיין אאז"וו. חוץ לזה, איז שארפזיניק מוסיף דער בעל „אור ה'", זיינען דאך די נעגאטיווע אטריבוטן, וועגן וועלכע עס רעדט מיימוני, נים מער ווי א דיאלעקטישער פילפול, און א שום רעאלן אינהאלט. די מאדערנע וויסנשאפט ווייסט גאנץ גוט, אז א פולשטענדיקע פארניינונג איז בכלל א אוממעגלעכע זאך, ווייל די שלילה, דאס ניין־זאגן איז דאך א פועל־יוצא פון דעם פארגלייך, וואס ווערט געמאכט צווישן רעאלע פארגלייכבארע זאכן. ערשט דורך דעם פארגלייכן קומט מען צום נעגאטיוון באשלוס, אז דאס איז נים ענלעך צו יענעם. אלץ, וואס רינגלט ארום דעם מענטשן, גיט דאך דעם געדאנק זיינעם בלויז פאזיטיווע ערכין; דער ניין, די שלילה, קאן דערפאר זיין בלויז א פועל־יוצא פון דעם געראנגל, וואס קומט פאר צווישן די ערכין אין דעם מענטשנס באוווסטזיין [2]. דער מענטש קומט, למשל, צום אויספיר, אז די און די זאך איז טונקל און נים באשיינט מיט ליכט, נאר דורכדעם, וואס ער פארגלייכט די דאזיקע זאך מיט אנדערע, ליכטיקע און באשטראלטע. אט דעם אמת האט שוין באגריפן דער יידישער דענקער פונם פערצנטן יארהונדערט, חסדאי קרשקש. בעת מיר זאגן — שטרייכט קרשקש אונטער — אז גאטס וויסן איז נים באגרענעצט, אז גאט איז נים מאכטלאז אאז"וו, באשטעטיקן מיר פאקטיש עפעס גאנץ פאזיטיווס; מיר זאגן דערמיט: גאט איז קלוג, גאט איז מעכטיק, וכדומה [3].

מיר זעען אלזא, אז בנוגע צו דער פראגע וועגן פאזיטיווע געטלעכע תוארים איז קרשקש אינגאנצן מסכים מיטן רלב"ג[4]. בעת אבער קרשקש גייט ווייטער איבער צו דער דערקלערונג, וואס ער פארשטייט אייגנטלעך אונטער די דאזיקע אטריבוטן, דאן זעט מען גלייך גאנץ בולט ארויס, ווי דיאמעטראל פארשיידן ס'זיינען די וועלטאנשויונגען פון די דאזיקע צוויי

---

1 דארטן, דף י"ז, עמ' ב': „וכ"ש הקדמות שאיננו אלא בחינת שכלית שהוא בלתי חחה והמציאות שהוא הוראת היותו בלתי נעדר והאחדות שהוא מורת על היותו בזולת ריבוי בעצמו".

2 מער באריכות וועגן דעם זע: А. Потебня, Мысль и язык, 4ое изд., 178—179.

3 „אור ה'", דף י"ז, עמ' ב': „ולזה אין הכלם מחיוב התארים עצמיים לו יתברך, ומתם שכבר יראה כשניחד לו יתברך ידיעה ויכולת והיה מה שיורה עליו שם הידיעה הוא העדר סותרו והוא הסכלות ושם היכולת העדר הלאות, הנה בהכרח יורה כל אחד מאלו השמות המיוחסים לו על דבר חיובי... אמנם אין הכלם מחיות העדר הסכלות מורה על ענין חיובי וכו'".

4 זע אויבן, קאפיטל זיבן.

באדייטנדיקסטע דענקער, וואס דער יידישער מיטלאלטער האט זינט מיימוני געגעבן. דער רלב״ג שטייט אויף דעם ריין ראציאנאליסטישן שטאנדפונקט פון אריסטון, וועלכער איז געווען פעסט איבערציינט, אז די שאפונגסקראפט פון דעם אוניווערסאלן געטלעכן גייסט קאן זיך אנט־פלעקן בלויז אויפן געביט פון דענקען, ווארעם יעדע אנדערע ארט שאפן האט דאך א ציל אויסער זיך, און דער אוניווערסאלער גייסט, וואס איז בתכלית השלמות, מוז דאך האבן זיין העכסטן ציל אין זיך גופא, ניט אויסער זיך. און אט דאס דענקען פון דעם העכסטן אינטעלעקט קאן דאך ניט זיין בלויז ביכולת, אין דער פאטענץ — עס איז א שטענדיקער, אומ־אונטערבראכענער אקטיווער דענק־פראצעס. און דער טרעגער, דער אבּ־יעקט פון דעם געטלעכן דענקען קאן זיין נאר דער אוניווערסאלער גייסט גופא, ווארעם דער ווערט פון יעדן דענקען שאצט זיך דאך לויט זיין תוך און תמצית, דעם העכסטן ווערט וואס מען קאן זיך נאר דענקען האט דאך אבער בלויז דער וואס איז בתכלית השלמות — דער אוניווערסאלער געטלעכער גייסט. דאס געטלעכע דענקען איז בכן, לויט אריסטוס מיינונג, דאס „דענקען איבער דער העכסטער שטאפל פון דענקען", און אט אין דעם שטענדיקן וועגן זיך דענקען, זיין אייגן „איך" דערפארשן, באשטייט די אומפארגלייכלעכע גליקזעליקייט פון דער גאטהייט.

ארויסגייענדיק פון אט דעם אריסטאטעלישן גרונט־געדאנק, אז חקירה איז די העכסטע מדרגה פון שאפן און אז „אין ספעקולאטיוון דענקען באשטייט דער גרעסטער און שענסטער תענוג", וואס קאן נאר געמאלט זיין — האט דער רלב״ג, ווי מיר האבן פריער געזען[1], גערעכנט פאר איינעם פון די וויכטיקסטע געטלעכע אטריבוטן — פרייד און גליק־זעליקייט. און די דאזיקע געטלעכע גלקזעליקייט איבערשטייגט אויף אזוי ווייט דאס געפיל פון גליק און פרייד, וואס דערפילט א פשוטן בשר־ודם בעת ער פארטיפט זיך אין דער געדאנקען־וועלט — אויף וויפיל דאס געטלעכע דענקען איבערשטייגט אן א שום ערך דעם מענטשנס דענקען און טראכטן.

קעגן דעם דאזיקן געדאנק טרעט ארויס קרשקש מיטן געווער פון זיין שארפער דיאלעקטיק. ער ווייזט קודם־כל אן, אז דער רלב״ג, וואס שטרייכט שטענדיק אונטער, אז די גאטהייט טאר מען ניט באקליידן מיט וועלכע ס'איז קערפערלעכע באגריפן, פאלט דא אליין אריין אין אנ־טראפאמארפיזם, און זעט אין גאט אזעלכע אייגנשאפטן, וואס זיינען בפירוש פארבונדן מיט קערפערלעכע חושים. עס איז ממש צו באוונ־

---

1 זע אויבן זייט 183.

דערן, ווי קונציק און פיין אט דער מיטלאלטערלעכער געלערנטער צעגלי־דערט די הארבע שאלה וועגן דעם אויפנעם־פראצעס פון די מענטשלעכע חושים. גאנץ אין גייסט פון דער מאדערנער וויסנשאפט ווייזט אן דער בעל „אור ה׳“, אז די גרוים פון גליק און נחת־געפיל, וואס ס׳געניסט דער מענטש בעת ער דערווערבט געוויסע ידיעות און באגריפן, ווערט געשאצט און געמאסטן לויט דער נערוון־אנשטרענגונג און סכום ענערגיע, וואס דער מענטש האט געפטערט, בכדי די דאזיקע ידיעות צו דערגרייכן. וואס שווערער עס געלינגט אונז צו באגרייפן א וויסנשאפטלעכע פראבלעם, וואס מער כוחות מיר פארווענדן, בכדי זי משיג צו זיין — אלץ שטאר־קער און גרעסער איז דערנאך אונזער פרייד און פארגעניגן. דערפאר פאר־האלטן מיר זיך קאלטבלוטיק צו די ידיעות, וואס מיר האבן שוין פון לאנג דערווארבן, און זיי דערפילן אונז שוין ניט מיטן גליקלעכן געפיל פון נחת און פרייד. עס איז קלאר, פירט אוים קרשקש, אז מען קאן דא בכלל ניט טראכטן וועגן וועלכן ס׳איז פארגלייך צווישן דעם מענטשלעכן און געטלעכן וויסן: ביי גאט כביכול קאן דאך קיין רייד ניט זיין ניט וועגן ד ע ר ו ו ע ר ב ן וויסן, ניט וועגן איבערגאנג פון אומוויסן צו וויסן [1].

ניט דאס וויסן און דענקען, לערנט קרשקש, איז דער מקור פון געטלעכער גליקזעליקייט. נאר די ל י ב ע גרויסע ליבע, אן גרענעץ און סוף — אט דאס איז דער עצם פון גאט כביכול. זי איז דער מקור פון אלע הויות, פון אלץ וואס ס׳א י ז. אוים דעם דראנג פון זיין גרויסער ליבע איז גאט — דער ב א ש ע פ ע ר, וואס שאפט אומאויפהערלעך דאס פולקומע גוטע. און אט אין דעם אומאויפהערלעכן פראצעס פון שאפן און משפיע זיין דאס גוטע און דאס פולקומע, וואס איז דאך דער סימ־באל פון זיין העכסטער שלמות — איז דער קוואל פון זיין אומענדלעכער גליקזעליקייט; טאקע ווי אין פסוק שטייט: ישמח ד׳ במעשיו. די געט־לעכע גליקזעליקייט אנטפלעקט זיך, בכן, אין דעם באוווסטזיין פון זיין

---

[1] דארטן, מאמר ראשון, כלל שלישי, דף י״ט: „שאין ראוי להקיש בין השגתינו להשגתו כלל, כי הערבות אשר לנו בהשגה היא בשנוציא אותה מן הכח אל הפועל ולזה כשנתחדש מידיעה כה היתה נעלמת ממנו, הנה נתפעל מהשמחה למה שנעתקנו מהסכלות אל הידיעה פתאום, וכבר יורה על זה שהשמחה היותר חזקה היא בעת התחדשות חזקה, והנה אחר שנשינה יחליש מאוד הערבות וממה שיורה גם כן על זה כשיהיה המושכל עמוק מאוד יהיה הערבות יותר... עד שהמושכל הבלתי עמוק... לא נשיג בו ערבות כל כך כמו במושכל העמוק... ומה שיורה על אמתות זה שאין המלט ממנו היא שאנחנו לא נשיג ערבות במושכלות הראשונות ולזה אין ראוי שנקיש מערבות השגתינו שהיא לסבת העתק מהסכלות אל הידיעה והתחדשות השגה, לפי שכל מושכליו מושכלות ראשונות תמיד בזולת העתק ושינוי והתחדשות השגה. ולזה הוא בבואר שלא ייוחס לו ערבות מזה הצד אשר חשבו״.

גרויסער ליבע, וואָס ווערט פאַרקערפּערט אין דעם אומאָונטערבראָכענעם שאַפונגס־פּראָצעס פון דעם אמת גוטן און געוווּנטשטן[1]. דער דאָזיקער גערדאַנק, אַז ניט דאָס וויסן, נייערט די ליבע איז דער רינג, וואָס פאַראייניקט אונז מיט גאָט דעם באַשעפער, וועלכער שאַפט און איז משפיע, ווייל זיין מהות באַשטייט אין דעם שאַפן דאָס גוטע און פולקומע — אָט דאָס איז דער צענטראַלפּונקט פון קרשקשס וועלטאַנשויונג. מיט אים זיינען פאַרבונדן אַלע זיינע הנחות און באַווייזן. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס קרשקש איז אַזאַ שאַרפער קעגנער פון מיימוניס און רלב"גס דעה, אַז די ספּעציעלע השגחה, וואָס רוט איבער דעם יחיד, איז ענג פאַרבונדן מיטן גראַד פון יענעמס השכלה און בקיאות אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. „די השגחה — דערקלערט קרשקש — דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון גאָטס ליבע צו זיינע באַשעפענישן, און ניט דאָס ספּעקולאַטיווע וויסן איז גורם די דאָזיקע געטלעכע ליבע[2]".

קרשקש שטימט אויך ניט איין מיט מיימונין, אַז נאָר דאָס גוטע שטאַמט פון גאָט, ניט אָבער דאָס שלעכטע, וואָס האָט לויט מיימוניס וועלטאַנשויונג בכלל ניט קיין רעאַלע עקסיסטענץ — ווי פינסטערניש באַטייט בלויז די אָפּוועזנהייט פון ליכט, אַזוי הייסט שלעכטס בלויז די שלילה און הכחשה אין דעם גוטן. קרשקש שטעלט זיך אין דעם פּרט אויפן דיאַלעקטישן שטאַנדפּונקט פון דער קבלה, וואָס ווייסט בכלל ניט וועגן אַבסאָלוטע קעגנזאַצן און מאַכט ניט קיין שאַרפע מחיצה צווישן גוטס און שלעכטס — דאָס שלעכטע איז דאָך אַ שטאַפּל צום גוטן. דאָס וואָס דער מענטש באַטראַכט אַלס שלעכטס, באַצוועקט דאָך אויך דאָס גוטע, ווייל עס איז דאָך געשיקט דורך דער השגחה אין נאָמען פון יושר און גערעכטיקייט, אַלץ איינס סיי ס'איז אַן עונש דעם רשע סיי אַ נסיון און וואָרעניש דעם צדיק. און די געטלעכע גערעכטיקייט איז דאָך דער סימבאָל פון גוטס[3], גלייך ווי די מצוות און געבאָטן זיינען אונז געגעבן,

---

1 דאָרטן, דף י"ט, עמ' ב'.

2 דאָרטן, מאמר שני, כלל שני, דף כ"ח, עמ' א': „ולפי שהשגחה הזאת מצד האהבה מהבורא אל ברואיו מבלי בחינה אל ההשכלה כלל... אחר שאין האהבה לסבת ההשכלה".

3 דאָרטן, 27—28: „ואמנם הספק אשר יסודו ההקדמה האומרת שאין הרע המגיע מהשם בעצמות, ואם היה שהוא מעניש לרשע כבר היה מגיע ממנו רע בעצמות הנה אין התרו ממה שיקשה וזה שהרע המגיע לו להשגחה על הצדיק הנה תכליתו טוב והרע המגיע לו מצד העונש הנה למה שהוא עלול לתכלית פועל היושר והצדק הנה הוא טוב להיות היושר האלהי הוא טוב בעצמו. ולזה כבר יתאמת שהרע המגיע לרשע איך שיהיה אם להשגחה על הצדיק ואם לפעל הצדק והיושר הנה הוא טוב".

בכדי דורך זיי צו דערווייזן בפועל אונזער ליבע צו גאָט און דורכדעם דערגרייכן צו אמתער שלמות, אזוי איז אויך דאָס שלעכטע, וואָס קומט איבער אונז אלס נסיון — אין גרונט גענומען רק דאָס גוטע; ווייל ערשט דער נסיון טאַקע גיט אונז די מעגלעכקייט אונזער גרויסע ליבע צו באַווייזן. „נאָך מער — איז קרשקש מוסיף — ערשט דורכן נסיון אַנטפּלעקט זיך אונזער אמתע ליבע, און מיר דערזעען דעמאָלט באַשיימפּערלעך, אז אונזער ליבע איז גאָר פריער קיין אמתע ליבע ניט געווען" (אבל קודם הנסיון ההוא לא ידע היותנו אוהבים, לפי שהאמת שלא היינו אוהבים אלא אחר הנסיון)[1].

פּלוצלונג, גאַנץ אומדערוואַרט, דערזעען מיר אין אונזער געלאַסענעם טיפן דענקער דאָס מיט שרעקלעכן צער פאַרחושכטע געזיכט פונם אומגליקלעכן פאָטער, וואָס איז ערשט דעם בלוטיקן נסיון בייגעשטאַנען און זיין איינציקן זון אלס „אומשולדיקן קרבן" געבראַכט... „נאָר דורך שווערע נסיונות — זאָגט קרשקש — אַנטפּלעקן מיר אונזער ליבע; ערשט נאָכדעם ווי אברהם אָבינו האָט דערוויזן, אַז ער איז גריים מקריב זיין אוים ליבשאַפט צו גאָט זיין איינציקן זון, האָט גאָט אויסגערופן: כי עתה ידעתי כי ירא אלהים אתה!"...

נאָך אין זיין פּאָלעמיש ווערק Tratado רעדט קרשקש וועגן דער שווערער ירושה פונם „חטא הקדמון", וואָס דריקט איבער דעם מענטשלעכן געשלעכט, וועלכער נייטיקט זיך אין אויסלייזונג. צו דעם דאָזיקן געדאַנק, אין וועלכן עס פילט זיך די השפעה פון דער קריסטלעכער אידעען־וועלט, קערט זיך קרשקש אום אין זיין „אור ה'". די עקידה, דער באַווייז פון אברהם אָבינוס גרויסער ליבע צו גאָט, זאָגט קרשקש, האָט מכפר געווען פאַרן גאַנצן יידישן קיבוץ, האָט אים אויסגעלייזט פונם „חטא הקדמון". און אלס סימבאָל פון דער אויסלייזונג און כפרה פאַר דער גאַנצער אומה דינט די מצוות מילה, דער הייליקער בונד פונם גאַנצן קיבוץ [2].

ארויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער איינציקער איז ערב פאַרן כלל, אַז דאָס אחריות־געפיל פונם יחיד איז ענג פאַרבונדן מיטן אחריות פונם גאַנצן קיבוץ, טרעט קרשקש אַנטשיידן ארויס קעגן דעם רלב"גס אוטיליטאַריסטישן ראַציאָנאַליזם, וואָס טיילט אָפּ די פילאָזאָפיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטן פונם המון, דעם קאָמפּאַקטן קאָלעקטיוו. לויט דעם רלב"ג איז דאָך די השגחה ענג פאַרבונדן מיט דער אינטע־

---

1 דאָרטן, דף כ"ז, עמ' ב'.

2 דאָרטן, 28—29.

רעקטועלער אנטוויקלונג פונם מענטשן; וואס מער דער מענטש דערנעענטערט זיך דורך זיין פילאזאפישער דענקונגס־קראפט צום „שכל הפועל״, אלץ קלארער באגרייפט זיין שכל ווי זיך צו דערוויטערן פונם שלעכטן און זיך דערנענטערן צום גוטן; און טאקע דאדורך געפינט זיך דער דאזיקער מענטש אונטער דער שוץ פון „השגחה פרטית״. מיר וועלן נאך ווייטער זען, מיט וואסערע טענות קרשקש טרעט ארויס קעגן דעם רלב״גס ראציאנאליסטישער שיטה בכלל. דא שטעלן מיר זיך נאר אפ אויף דעם, ווי קרשקש שטרייכט אונטער, אז דער יחיד איז ניט אימשטאנד זיך צו באפרייען פון דער פאראנטווארטלעכקייט פארן גאנצן קיבוץ. דער יחיד קאן ניט זיין כולו זכאי בעת דער קיבוץ איז כולו חייב. „די וועלט — זאגט קרשקש — ווערט געמשפט לויט די מעשים פונם רוב, און דער יחיד מוז ערב זיין פאר זיין דור, פאר דעם קיבוץ, אין וועלכן ער לעבט״. אין דעם זעט קרשקש דעם „יושר אלהי״ — די געטלעכע גערעכטיקייט [1].

דא קומען מיר אין בארירונג מיט דעם כאראקטעריסטישסטן פונקט פון קרשקשס וועלטאנשויונג: זיין ארט פארענטפערן די סתירה צווישן בחירה חפשית און דעם פונדאמענטאלן זאץ, אז „הכל צפוי״ — אלץ־וויסנדיק איז דער בורא עולם. דער רלב״ג, ווי מיר האבן פריער געזען [2], האט קיין אנדער אויסוועג ניט געפונען ווי דערקלערן, אז גאט ווייסן האט ניט צו טאן מיט איינציקע פרטים; די געטלעכע מחשבה נעמט־ארום נאר די כוללות, די אלגעמיינע דערשיינונגען, די געזעצן פונם גאנצן וועלטאל, וואס זיינען כולל דאס וויכטיקסטע, דאס אוניווערסאלע; דעם גאנצן מין, אבער ניט די פרטים, דאס צופעליקע, דאס אומפארענדיקטע און מאטעריעלע [3]. פאקטיש ליגט אין דעם דאזיקן געדאנק א געוויסע באגרענעצונג פון דעם געטלעכן אלוויסן. קרשקש ווארפט אנטשיידן אפ רלב״גס דעה. „א סך ווערטער, נאר ווייניק לאגיק — זאגט קרשקש מיט רוגז — מ׳האט זיך מיט דער מיינונג ניט וואס צו רעכענען״ [4]. נאר איידער קרשקש באקענט מיט זיין אייגענעם שטאנדפונקט, שטעלט ער זיך אפ בעריכות אויף די טענות און ראיות, מיט וועלכע עס טרעטן ארויס די־

---

[1] דארטן, דף כ״ו, עמ׳ ב׳: „וזה שהשרש אצלנו בקבלה האמיתית היות העולם נדון אחרי רבו... הנה כבר יעבור בחק היושר האלהי להיות נידונים אחר הרוב... כי הייעודים שהזכירה הוא לכללות האומה הנידונים אחר הרוב״.

[2] אויבן, זייט 181.

[3] „מלחמות השם״. דריטער מאמר, פערטער קאפ׳.

[4] „אור ה׳״, דף כ״ג, עמ׳ א׳: „ואם האריך הרבה בנמגומיו... איננו ממה שראוי לשום לב אליו״.

צוויי אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען: א) די וואָס מיינען „שטבע האפשר נמצא", אַז עס איז ניטאָ קיין פאָרויס באַשטימטער „מוז" אויף דער וועלט, אַלץ איז ניט מער ווי אַ אפשר און געפינט זיך בלויז אין דער מעגלעכקייט, און דער ווילן, דער רצון, איז פריי אין זיין בחירה, און קאָן אומגעשטערט דערפילן זיינע באַשלוסן; ב) די אַנדערע ווידער זיינען איבערצייגט, אַז „טבע האפשר בלתי נמצא": אַלץ געשעט לויט די שטרענגע געזעצן פון נויטווענדיקייט, אַלע געשעענישן זיינען בלויז רינגלעך אין דער אייזערנער קייט פון סיבות און תולדות[1].

קרשקש איז פאַקטיש נוטה צו דער צווייטער ריכטונג. ער לייקנט אין בחירה חפשית, ער האַלט אָבער פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז צו דער דאָזיקער פראַגע דאַרף מען צוטרעטן מיט דער גרעסטער פאָר־זיכט, ווייל אַזאַ אָפן אַרויסגעזאָגטע מיינונג קאָן דאָך ברענגען דעם גרעסטן היזק, וואָרעם פילע פון דעם פשוטן המון קאָנען דאָך דערמיט פאַרענטפערן די שענדלעכסטע מעשים (אלא שהפרסום הזה מזיק להמון למה שיחייבהו התנצלות לעושי הרעה).

דער מענטש — זאָגט קרשקש — באַזיצט אויף אַזוי ווייט אַ פרייען ווילן, אַז ער קאָן ווירקלעך אויף זיין אייגענעם באַראָט אויסקלייבן איינע פון צוויי גאַנץ פאַרשיידענע, אפילו אויך אַנטקעגנגעזעצטע מעגלעכקייטן. נאָר אָט די בחירה, שטרייכט קרשקש אונטער, איז אין גרונט גענומען ניט קיין פּראָדוקט פון דעם פרייען אומבאַגרענעצטן מענטשלעכן רצון— נייערט אַ פועל־יוצא פון באַשטימטע תנאים און אומשטאַנדן, וואָס זיי צווינגען עס דעם מענטשן אָננעמען נאָר דעם באַשלוס און ניט קיין אַנדערן. די החלטות פונם מענטשלעכן רצון זיינען בלויז אויף אַזוי ווייט פריי, וואָס מיר פילן דערביי ניט קיין שום אונס און הכרח, ס'איז ניטאָ דאָס באַוווסטזיין פון צוואַנג און פון מוז; אָבער אין תוך גענו־מען זיינען טאַקע אונזערע החלטות ניט קיין גאַנץ פרייע, זיי זיינען אַ מוז־זאַך, אַלס באַשימטע תולדות פון געוויסע סיבות[2].

---

1 דאָרטן, מאמר שני, כלל חמישי, פרק א־ב.

2 דעם דאָזיקן געדאַנק זאָגט קרשקש אַרויס אין פאָלגנדיקע שווערוואָגיקע שורות: „ואולם הב' הלקוחד מהרצון למה שהוא מבואר שהאדם לו שירצה ושלא ירצה הוא גם כן מערכה על הדרוש. כי האומר בהעדר טבע האפשר יאמר כי הרצון מניע יניעהו יחייב חול הרצון בדבר ההוא או בהפכו המניע ההוא יהיה סבת הרצון ולזה יהיה המניע הוא המחייב חול הרצון עם השאר רצון לא חיוב והכרח כי הוא לעצמותו אפשר שירצה אחד מההפכים בשוה לולי מניע יחייבהו שירצה האחר והוא לא ירגיש בשום הכרח ואונס" (דאָרטן, דף ל"ה, עמ' א').

יעדע זאַך אָדער דערשיינונג, זאָגט קרשקש, איז פאַר זיך אַליין גענומען בלויז א צופאַל, א מעגלעכקייט; באַטראַכט מען עס אָבער אין דער קייט פון סיבות און תולדות — דאַן איז עס א חיוב, א נויטווענדיקייט[1]. דאָ קאָן אָבער קיין שום רייד ניט זיין וועגן פאַטאַליזם. מען קאָן ניט זאָגן: וויבאַלד אַלץ איז א גזרה־זאַך, אויב דעם און דעם מענטשן, למשל, איז אָנגעצייכנט צו ווערן אַן עושר — נאָך וואָס דאַרף ער זיך אָנשטרענגען און פטרן כוחות און ענערגיע, בכדי צו דערווערבן א גרויס פאַרמעגן, אָדער: וואָס פאַר א זין האָט מקיים צו זיין אַלע מצוות און געבאָטן, וויבאַלד אַלץ געשעט לויט די אייזערנע געזעצן פון הכרח און נויטווענדיקייט? מען דאַרף דאָך אָבער דערביי געדענקען, אַז מאַקע אָט די ענערגיע־אָנשטרענגונג אין ערשטן פאַל, אָדער דאָס דערפילן פון מצוות און געבאָטן אין צווייטן פאַל — זיי גופא זיינען דאָך די נויטווענדיקע רינגעלעך אין דער קייט פון דערשיינונגען, זיי זיינען עס די סיבות, וואָס דורך זיי ווערט א הכרח־זאַך, א אייזערנע נויטווענדיקייט דער און דער פועל־יוצא[2]. דערמיט פאַלט דאָך אויך אוועק די טענה, אַז באַם ס'איז ניט פאַראַן קיין בחירה חפשית, מוז מען לייקענען אין שכר ועונש, ווייל עס וואָלט דאָך געווען דאָס גרעסטע אומרעכט צו באַשטראָפן פאַר אומפרייוויליקע עבירות. זיינען דאָך, לויט קרשקשס שטאַנדפּונקט, דער שכר ועונש גופא ניט מער ווי נויטווענדיקע תולדות, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך באַשטימטע סיבות: אין איין פאַל איז די סיבה — קיום המצוות און מעשים־טובים, אין אַנדערן פאַל — זינדיקע מעשים און עבירות. קומען דאָ מיט טענות וועגן אומגערעכטיקייט האָט דאָ דעם אייגענעם זין ווי באַשולדיקן דאָס פייער פאַר דער עוולה, וואָס ער בריט אָפּ דעם מענטשן, וועלכער איז דאָך אומגערן געקומען מיטן פייער אין א צו נאָענטער באַרירונג[3].

אמת, קרשקש פאַרשטייט זייער גוט, אַז דערמיט בלייבט נאָך ניט פאַרענטפערט איין זייער האַרבע טענה. מיר מאַכן דאָך אַזא גרויסן אונטערשייד צווישן מעשים, וואָס ווערן געטאָן מיטן אייגענעם ווילן, און

---

1 דאָרטן, דף ל"ה, עמ' ב': „ואבל כבר היו הדברים אפשריים בבחינת עצמם ומחוייבים בבחינת סבותם". זע אויך דף כ"ה, עמ' ב': „אין ספק שהיות הדבר מחוייב בצד מה לא יחייב חיוב הדבר בעצמותו".

2 דאָרטן, מאמר שני, כלל חמישי, קאַפּ' 3.

3 דאָרטן, דף ל"ה, עמ' א': „וזה שאם היו הגמול והעונש מתחייבים מהעבודות והעברות התחייב הססובבים מן הסבות, הנה לא יאמר בהם היותם עול, כמו שאיננו עול הקרבות אל האש שישרף, ואם היה קרבתו אליו בזולת רצון.

אזוינע האנדלונגען, וואס ווערן געטאן ניט מיטן פרייען ווילן, נאר אוים אונס והכרח. מיר זאגן, אז דער מענטש איז פאראנטווארטלעך בלויז פאר די ערשטע, ניט פאר די לעצטע. וויבאלד אבער די ערשטע ארט מעשים אונטערשיידט זיך פון דער אנדערער בלויז דערמיט, וואס דער מענטש מיינט נאר, אז ער האנדלט פריי, אין דער אמתן אבער טוט ער אויך דא ניט אוים פרייען ווילן, נאר אוים נויטווענדיקייט — האט מען דאך ניט וואס צו מאכן אן אונטערשייד צווישן די צוויי ארטן האנדלונגען. און מען קאן ווידער שטעלן אזא מין פראגע: פארוואס זאל ניט קומען קיין עונש אויך פאר אזעלכע מעשים, וואס ווערן געטאן ניט אוים פרייען ווילן, נאר אוים הכרח? אויך דא מוז דאך די סיבה ארויסרופן מיט נויטווענדיקייט די באשטימטע תולדה [1]. ווי איז ווייטער צו פארענטפערן אויך די הארבע שאלה: מיר האבן דאך בקבלה, וואס פאר א גרויסער עונש ס'ווארט אויף די מינים ואפיקורסים פאר זייערע פאלשע דעות, פאר זייער ניט גלויבן אין דער תורה אדער אין תחית המתים. ווי קאן מען עס אבער בכלל ריידן וועגן שטראף ביי דברים שבלב, אין גלויבן־פראגן? עס איז דאך אלעמען קלאר, אז אין אמונה־זאכן איז פאראליזירט דער פרייער ווילן, דער מענטש קאן זיך ניט צווינגען, ער זאל גלויבן אין דער אדער אין יענער רעליגיעזער דאגמע [2].

זייער כאראקטעריסטיש איז קרשקשם ענטפער. מיר ווייסן, וואס פאר א גרוים געוויכט ס'לייגט די מיסטיק בכלל און די קבלה בפרט אויף דעם עמאציאנעלן מאמענט, אויף דעם התלהבות־געפיל און דעם ברען פון „התפשטות הגשמיות". קרשקש רעכנט זיך אויך זייער שטארק מיט אט דעם דאזיקן פאקטאר. גאט איז דאך לויטער ליבע, דאס אבסאלוט גוטע. אוים זיין אומענדלעכער ליבע גיט ער מצוות און געבאטן, זיי זאלן מעורר זיין דעם מענטשן, דערוועקן אין אים דעם חשק טאן דאס גוטע און גערעכטע, בכדי ענלעך צו זיין צו אים כביכול. גאט אין זיין אומבאגרענעצטער ליבע שאפט דאס גוטע, און דאס גוטס טאן איז דער מקור פון אומענדלעכער פרייד און גליקזעליקייט. טאן גוטע, גערעכטע מעשים, גיין אין זיינע דרכים — דאס הייסט אים כביכול נאכטאן, אין זיין ווילן גוטס צו טאן, אין זיין שמחה און תענוג דאס גוטע צו טאן. און

---

1 דארטן, אנפאנג קאפ' 5: „והוא איך יסכים היושר האלהי בגמול ועונש עם החיוב, ואם היה שיסכים, מה ההפרש בין החיוב אשר בבחינת הסבות בזולת הרגש אונס והכרח ובין החיוב אשר בהרגש אונס והכרח, וזה שכבר יחשב שאם מעשה המצות והעבירות הם סבות והגמול והעונש מסובבים להם עם חיוב המעשים, הנה לא היה ראוי שיובדל חיוב בזולת הרגש הכרח מהחיוב בהרגש הכרח".

2 דארטן, קאפיטל 5.

דאָס געפיל פון גליקזעליקייט בשעת דעם גומס טאָן דערנעענטערט דעם מענטשן צו גאָט; פעלט דאָס דאָזיקע געפיל — דערווייטערט זיך דורכדעם דער מענטש פון גאָט. און מיט אייזערנער נויטווענדיקייט, ווי אומפאַרמיידלעכע פועל־יוצאס פון באַשטימטע סיבות, האָבן מיר אין ערשטן פאַל דאָס, וואָס מיר רופן שכר, און אין צווייטן פאַל — די שטראָף, דעם עונש. נים די מעשים גופא, סיי גוטע, סיי שלעכטע, זיינען דער עיקר, נאָר די מיט זיי פאַרבונדענע כּוונה, די עמאָציע, דאָס תענוג־געפיל, וואָס דערפילט די נשמה בשעת די האַנדלונג ווערט געטאָן. סתם מקיים זיין די מצווה — דאָס הייסט נאָך גיט דערפילן גאָטס רצון; זי ווערט ערשט פון גאָט באַוויליקט, ווען זי באַגלייט דערביי די התלהבותדיקע כּוונה און איז דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון פרייד און גליק. אמת, אויך די כּוונה, דער התלהבותדיקער ברען, אַנטשטייען ניט אויס דעם פרייען אומבאַגרענעצטן מענטשלעכן ווילן, אויך זיי זיינען אַ פועל־יוצא פון אַ באַשטימטן סכום ענג צונויפגעפלאָכטענע סיבות. דאָס אייגענע איז דאָך אָבער אויך דער פאַל בנוגע צו שכר ועונש: זיי קומען ניט אַלס געצאָלט פאַר דעם מעטשנס טאָן, וואָס געשעט אויס פרייען אומבאַגרענעצטן ווילן, נאָר טאַקע אויך אַלס נויטווענדיקער פועל־יוצא פון דער אויס געטלעכער ליבע געבוירענער וועלטאָרדענונג, ביי וועלכער כּוונות און שטרעבונגען, וואָס דערנענטערן צו גאָט, ברענגען צו שכר, און אַנטקעגנגעזעצטע שטרעבונגען, וואָס דערווייטערן פון גאָט, ברענגען צו עונש. דעמאָלט אָבער ווען ביי אונזערע מעשים פעלט דער באַוווּסטזיין פון פרייהייט, ווען אונזער טאָן ווערט אַרויסגערופן ניט אויס אייגענעם ווונטש, נאָר אויס צוואַנג, אָן שום חשק און אינעווייניקסטן ברען—קאָן דאָ בכלל קיין רייד ניט זיין ניט וועגן דערנעענטערן זיך, ניט וועגן זיך דערווייטערן פון גאָט, און ניט וועגן דערמיט פאַרבונדענעם שכר ועונש [1].

איצט איז גאַנץ באַגרייפלעך, פאַרוואָס אויך רעליגיעזע איבערצייגונגען זיינען פאַרבונדן מיט שכר ועונש. אמת, אין רעליגיעזע איבער־

---

1 דאָרשן, דף ל"ז, עמ' א': „ואמנם ההבדל אשר בין החיוב בוולת הרגש אונס והכרח ובין החיוב אשר באונס והכרח הנה הוא הראוי ממה שאומר... שהתכלית הנכסף בעבודות ובפעולות הטוב הוא החשק והשמחה בהם שאינו דבר זולתי ערבות הרצון לפעול הטוב, וזה לפי שהוא יתברך בתכלית האהבה והערבות להשפיע לפעול הטוב, והיה הקשר והדבקות אם כן ללכת בדרכיו כפי מה שאפשר ולזה כאשר היה החפץ והערבות הזה בנפש היה פעל נפשיי אשר באמצעותו יהיה הדבקות והפרוד ולזה היה ראוי שימשך ממנו הגמול והעונש כהמשך המסובב מן הסבה. וכאשר נעדרה הנפש מן החפץ הזה כמו שיהיה אדם מרגיש אונס והכרח בפעולותיו הנה הפועל ההוא לא יפעלהו הנפש ולא יתחייב ממנו דבקות ופרוד שיהיה... לווה לא היה ראוי לגמול ועונש כלל".

ציינונגען איז ניטא קיין שום בחירה חפשית (שהאדם על האמונות בלתי בחוריי ואין לרצון שום מבוא עליהם), זיי זיינען דאך אבער „דברים שבלב", זיי ברענגען אין באוועגונג די טיפסטע קלאנגען פון דער נשמה, זיי דערוועקן די גרויסע באגייסטערונג, דעם פאטאס, באשענקען דעם מענטשן מיטן זיסן געפיל פון גליק און פרייד. זיינען די רעליגיעזע אי־בערציינונגען אימשטאנד צו דערנעענטערן דעם מענטשנס נשמה צו גאט, דעם מקור פון ליבע און גוטס, דאן קומט די באלוינונג; זיינען אבער די רעליגיעזע אנשווייגנגען שעדלעכע און זיי באשמוצן און פארפירן בלויז די נשמה, וואס ווערט דורכדעם דערווייטערט פון גאט — דאן ווארט אויף איר אומפארמיידלעך די שטראף, פונקט ווי דאס פייער מוז פאר־ברענגען דעם מענטשן, ווען יענער קומט מיט אים אין צו נאענטער באַ־רירונג [1].

דא שטעלט זיך קרשקש אפ אויף דעם לעצטן פון די זעקס עיקרים, וואס אויף זיי שטיצט זיך, לויט זיין מיינונג, די גאנצע יידישע אמונה. דאס איז די פראגע וועגן „תכלית": אין וואס באשטייט דער ציל און ענדצוועק פונם גאנצן „מעשה בראשית", פון „מתן תורה" און פון דעם מענטשנס עקסיסטענץ? מיר ווייסן, אמת, אז די תורה באצוועקט אויס־צובעסערן דעם מענטשן, דערנעענטערן אים צו אמת מאראלישער און גייסטיקער שלמות (שלמות המדות ושלמות הדעות), זי זארגט פאר זיין קערפערלעכן און גייסטיקן גליק, און דורך דערפילן אירע מצוות און גע־באטן דערגרייכט ער דאס אייביקע לעבן. וועלכער איז אבער דער איין־איינציקער, דער לעצטער און העכסטער ציל? איינער פון די נאר־וואס אויסגערעכנטע, אדער גאר אן אנדערער? [2] און אויב אן אנדערער — אין וועלכער שייכות געפינען זיך מיט אים די איבעריקע צילן, וואס דינען בלויז אלס פארשטאפלען צו אט דעם העכסטן ענדצוועק? עס איז קלאר, אז דער וויכטיקסטער פון די אויסגערעכנטע צילן איז — אומשטארב־לעכקייט. אלע זיינען דאך מסכים, אז ריין קערפערלעך גליק איז בלויז א פארשטופע; קיינער וועט זיך אויך ניט שפארן, אז וויכטיקער פון מא־טעריעלן גליק איז מאראלישע שלמות, וועלכע רייניקט די נשמה פון

---

1 דארטן, ענדע קאפ' 5: „ולזה כבר הותר הספק הגדול והתישב שתגמול והעונש באמונות הוא מפאת הערבות והשמחה אשר לנו בהם והחריצות בהשתדלות השגתה".

2 דארטן, מאמר ב', כלל ששי, פרק א', דף ל"ח, עמ' א': „והנה כאשר בדקנו בה ובמה שבא מזה בקבלה מצאנו שכבר תעמיד אותנו בשלמות המדות וחדעות ובהצלחות גופיות ונפשיות ולפיכך נשאר עלינו להקור בו אם התכלית האחרון באחד מאלו או אם הוא בדבר זולת אלו".

יעדז פסולת. דערפאַר אָבער, שטרייכט קרשקש אונטער, בנוגע צום דריטן צ׳ל — גייסטיקע פאַרפולקומונג (שלמות הדעות) מוזן מיר ריידן מער באַריכות, „ווייל אין דעם פונקט זיינען געשטרויכלט געוואָרן אַ טייל פון אונזערע חכמים״ (לפי שמעדו בו רגלי קצת חכמי אומתינו).

מיט דער גאַנצער שאַרף פון זיין קריטיק טרעט קרשקש אַרויס קעגן די ראַציאָנאַליסטן פון מיימוניס חדר און ספּעציעל קעגן דעם רלב״ג. זיי, די ראַציאָנאַליסטן, זאָגט קרשקש, שטעלן אַרויס אַלס פעסטגעזעצטן כּלל, אַז נאָר דער גײדאַנק איז דער שליח פון אומשטאַרבלעכקייט, אַז נאָר דורך פילאָזאָפיש פאָרשן און שאַרפן דעם שכל מיט אַבסטראַקטע באַגריפן (מושכּלות) ווערט דערוואָרבן דער „שכל הנקנה״, וואָס נאָר ער, זייענדיק אַן אַ שמץ פון קערפּערלעכער ביימישונג, איז אומשטאַרבלעך. און וואָס רייכער דער „דערוואָרבענער שכל״ איז מיט פילאָזאָפישע באַגריפן — אַלץ גרעסער איז זיין גליקזעליקייט[1]. די מצוות און געבאָטן באַטראַכטן זיי בלויז אַלס מיטלען, וואָס דאַרפן דערלייכטערן דעם מענטשן אינם דערווערבן די „מושכּלות״, די פילאָזאָפישע אידעען און באַגריפן; די מצוות אָבער וואָס קאָנען ניט מיטהעלפן דעם שכל צו פאַרשאַרפן — די האָבן קיין שום זין ניט, און ס׳איז ניט כּדאי זיי מקיים צו זיין (ואם לא התעצם השכל בהם אין יתרון בעשיית המצות). לויט די דאָזיקע דעות, פירט קרשקש אויס, דאַרפן די צדיקים און די קדושים, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר גאָטס נאָמען וועגן, ניט האָפן אויף השארת הנפש און אומשטאַרבלעכקייט, אויב זיי האָבן זייער שכל ניט געשאַרפט און זיך ניט פאַרנומען מיט פילאָזאָפישער חקירה; נידערטרעכטיקע מענטשן אָבער, מוסרים און מלשינים, וויבאַלד זיי האָבן דערגרייכט פילאָזאָפישע בילדונג און דערוואָרבן אויף אַזאַ אופן דעם „שכל הנקנה״ — זיי מוזן אומפאַרמיידלעך אומשטאַרבלעך בלייבן (אי אפשר מבלתי שישאר נצחי)[2]. וואָרעם פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויס וואָלט דאָך

---

[1] דאָרטן, דף ל״ט, עמ׳ א׳: „ואמר שהוא מוסכם מהם שהשכל יתעצם במה שישיגהו מהמושכלות ויתחדש מהם שכל נקנה בלתי מעורב עם השכל ההיולני ולהיותו נבדל מההיולני, עם היותו שנתהוה ונתחדש ישאר נצחי לפי שאין לו סבות ההפסד... ולזה תהיה ההצלחה הנצחית במושכלות הנקנות וכל עוד שנשיג מושגים רבים תהיה ההצלחה יותר גדולה״.

[2] דאָרטן, מאמר ב׳, כּלל ב׳, פּרק ב׳: „שאם ההשגחה לשלם באמצעית ההודעה, כבר יתכן שתגיע מזאת ההודעה לרשעים כשהם שלמים השכל מצד ההתאחדות אשר להם בשם יתברך מפני שלמות שכלם״. זע אויך ווייטער אין דעמזעלבן מאמר: „הוא מבואר שהספק שחדשו ברשע אשר קנה מהמושכלות אם היה שיענש עונש נפשיי״... (דף כ״ח, עמ׳ א׳) „ומהם שהוא רחוק בחק היושר האלהי שיהיה הגמול והעונש האמתי לאדם לזולת העובד או הממרה״ (דף ל״ט, עמ׳ ב׳).

טאָקע געווען די גרעסטע לאָגישע סתירה, אַז דער „שכל הנקנה", וואָס איז דערפאַר אומשטאַרבלעך, ווייל ער איז ריין פון דעם מינדסטן חומר, זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך און מוזן באַשטראָפט ווערן פאַר די ערדישע זינד, וואָס דער קערפּערלעכער זינדיקער טייל פון דעם מענטשן איז באַגאַנגען.

קרשקש באַנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט, וואָס ער שטרייכט אונטער, אויף ווי שטאַרק דאָס אַלץ איז סותר די יידישע מסורה און געפינט זיך אין פולן קעגנזאַץ מיט דער יידישער וועלטאַנשויונג. מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין שאַרפער דיאַלעקטיק פלייסט ער זיך אויך צו דערווייַזן, ווי ווייט אומבאַגרינדעט די דאָזיקע אָנשויונגען זיינען אויך פון דעם וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט [1].

לויט דעם רלב"גס שיטה [2] איז דאָך דער „שכל הנקנה" (דער דערוואָרבענער פאַרשטאַנד) אינגאַנצן אָפּגעטיילט פונם „מאַטעריעלן שכל" און אויך פון זיין טרעגערין, די „נפש המרגשת", מיט דער „צורה דמיונית" (פאָרשטעלונגס־קראַפט), וואָס זיינען דאָך שטאַרבלעך גלייך מיטן מענטשן. עס קומט אויס, זאָגט קרשקש, אַז אין דעם פאַרגענגלעכן און שטאַרבלעכן ווערט אויף אַ אומבאַגרייפלעכן אופן עפּעס גאָר נייס און אויסטערלישס באַשאַפן; עס אַנטשטייט אומשטאַרבלעכס און ניט־פאַרגענגלעכס; און אַט דער אומשטאַרבלעכער גייסט לעבט זיך זיין אָפּגעזונדערט לעבן, ער זאַמלט און באַרייכערט זיך מיט אַלץ נייע אַלגעמיינע באַגריפן, די אַזוי גערופענע „אוניווערסאַליען" (מושכלות), און טאַקע די דאָזיקע מושכלות, זיי זיינען עס דער תמצית פונם אומשטאַרבלעכן גייסט. הכלל, דאָס אָקאָרשט פונם מענטשן געדאַכטע, דער אַבסטראַקטער באַגריף, ווערט עס דער דענקענדיקער גייסט גופא, ער ווערט עס דער פּאַטער, דער באַשעפער פון די דאָזיקע באַגריפן, און שעפּט דעם גרעסטן תענוג אַט טאַקע דערפון, וואָס ער דערווערבט די אוניווערסאַלע מושכלות. עפּעס אַ כישוף־קרייז, אַן אימהדיקער פּלאָנטער פון סכאָלאַסטישן שפּינוועבס [3].

---

[1] דאָרטן, דף ל"ט, עמ' ב': „נראה מבואר שהדעות האלו הם כנגד שרשי התורה ועקריה ואם שהם נפרדים בעצמם מצד העיון".

[2] זע אויבן, דאָס ערשטע בוך, קאַפּיטל אַכט.

[3] דאָרטן, דף ל"ט, עמ' ב': „שלפי הדעות האלו השכל הנקנה הנשאר הוא נבדל בלתי מעורב עמו, הנה אם כן איננו צורה לו ואיננו מקרה דבק לו, אחר שהונח נבדל ומתעצם מהמושכלות ועוד שכבר יצוייר הפסד האדם בזולת הפסדו... ומהם שהמאמר בשהשכל מתעצם במושגיו והוא מחודש נבדל לשכל ההיולני הוא מבואר החפסד מפנים מהם שלפי שהונח בלתי היולני הנה אין לו חומר נושא ינשא עליו ויתהוה ממנו ולפי שהונח מחודש יתחייב שיתהוה מלא דבר והיא באמר מבואר הבטול,

און מע וויל אונז נאָך פאַרזיכערן, זאָגט ווייטער קרשקש, אז אַז די אַבסטראַקטע באַגריפן זיינען עס דער מקור, וואָס אויף זיי שטיצן זיך די עיקרים פון אונזער תורה (עיקרי התורה תולדות הפילוסופיה)? נאָר וויבאַלד אומשטאַרבלעכקייט דערגרייכט מען בלויז דורך פילאָזאָפישע „מושכלות", און נאָר זיי זיינען עס דער אומשטאַרבלעכער גייסט, וואָס לעבט איבער דעם מענטשן — צו וואָס דאַרף מען עס אינגאַנצן די תורה מיט אירע פילע מצוות און געבאָטן? אַלגעמיינע אוניווערסאַלע באַגריפן קאָן מען דאָך געפינען אין אַ פיל גרעסערער מאָס אין די ווערק פון די אַסטראָנאָמען, מאַטעמאַטיקער און אַנדערע געלערנטע פאַרשטייער פונם אַבסטראַקטן מענטשלעכן געדאַנק [1].

און אַט די סכאָלאַסטישע דעות — שטרייכט קרשקש אונטער — וואָס דער אַבסטראַקטער געדאַנק פון די פילאָזאָפן האָט געבוירן, האָבן פאַרפירט אַ טייל פון אונזערע חכמים, און ניט פאַרשטאַנען און ניט באַגריפן האָבן זיי, אַז זיי גראָבן דערמיט אונטער די פעסטונגען פון דער תורה און צעשטערן אירע גדרים, און דאָס אַלץ צוליב אַזעלכע אידעען, וואָס האָבן אַליין קיין פעסטן יסוד ניט [2].

די דאָזיקע חכמים, ווייזט קרשקש ווייטער אָן [3], זיינען געווען אַזוי שטאַרק אונטער דער השפעה פון די ראַציאָנאַליסטישע אידעען, אַז אפילו דער מקור פון רוח־נבואה איז לויט זייער מיינונג איין־און־דערזעלבער ווי פון יעדן וויסן — שלמות השכל, דער פולקומער אוניווערסאַלער פאַרשטאַנד. יעדער נביא מוז דערפאַר זיין אַ טיפער דענקער, אַ פילאָזאָף — „מתנאי הנביא שיהיה חכם", „הגעת הנבואה נמשך אחר שלמות השכל". פרעגט זיך אָבער: פאַרוואָס זיינען עס די געטלעכע נביאים געווען דווקא

כי ההתהוות מלא דבר הוא מהנמנעות... ומהם שהמאמר הזה הוא מאמר סותר נפשו כי כשהונח שהשכל מתעצם ממושגיו הנה אין הכוונה בו השכל ההיולני וזה שהשכל שהתעצם כבר הונח נבדל מההיולני ואם נכוין בו אל השכל הנקנה הנה אמרנו שהוא מתעצם במושגיו כבר נניחהו נמצא קודם היותו... והוא מבואר הגנות וההפסד וכו׳ וכו׳".

1 דאָרטן, דף ל״ו, עמ׳ א׳: „כאלו תאמר שנפש האדם כאשר נתישבה באמתות האמונות והם אצלו מושכלות כאשר הם חוץ לנפש, כבר תתעצם בהם הנפש ותשאר נצחית והוא הגמול האחרון לאדם... והנה אם היה זה כן כבר היה די לנו בהישיר אותנו בקצת הדעות שבאו בתורה ולא היינו צריכין לרבוי מופלגות מן המצוות וענפיהם וענפי ענפיהם האלהיים אלא אם כן היה הרבוי תולדות הפילוסופיא. והנה מה שבא מהם בתורה מעט מזער ואם היתה הנפש מתעצמת מאומתות המושכלות הנה בספר היסודות ובספר החרוטים אמותות מושכלות הרבה מאוד, ותהיה הנפש ההנדסי אם כן כולה מאומתות הרבה מנפש התוריות".

2 אָ״ טן, דף כ״ עמ׳ א׳.

3 קרשקש פּאָלעמיזירט דאָ הויפּטזאַכלעך קעגן דעם רמב״ם און דעם רלב״ג.

ביים יידישן פאָלק און ניט ביי די גריכן, וואָס ביי זיי האָבן דאָך דער־גרייכט אַזאַ הויכע מדרגה די פילאָזאָפיע און אַנדערע וויסנשאַפטן?[1]

מיר זעען בכן — פירט קרשקש אויס — אַז אויך דאָס וויסן, די שלמות הדעות, איז גלייך ווי דער קיום המצוות ניט דער העכסטער ענד־צוועק פון דער געטלעכער לערע. זיי ביידע זיינען בלויז מיטלען צום העכסטן ציל; „קליין איז דער דאָזיקער ציל אין פאָרנעם, נאָר אומגע־הייער גרויס אין באַטייט, ער געהערט הן צו דעם געביט פון וויסן, הן צום געביט פון פּראַקטישן טאָן, און דאָס איז — די ליבע צו גאָט".[2]

פון די צוויי געבאָטן אין דער תורה: „וידעת את ה׳" און „ואהבת את ה׳ אלהיך", האָט קרשקש געהאַלטן דעם לעצטן פאַר דעם וויכטיקסטן און באַדייטנדיקסטן. עס שטייט געשריבן — שטרייכט קרשקש אונטער — „ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך" — דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנ־צער תורה, דער העכסטער ציל פון דעם מענטשנס לעבן. און דער תמצית און צוועק פון אַלע מצוות און געבאָטן באַשטייט אין דעם דערוועקן אין אונזער נשמה די דאָזיקע ליבע, פאַרשטאַרקן דאָס התלהבות געפיל, דעם דראַנג צו גאָט דעם באַשעפער. און אין דער דאָזיקער ליבע, אין דעם התלהבות־געפיל איז דער מקור פון אונזער אומשטאַרבלעכקייט.

בלייבנדיק טריי דער אַלטער טערמינאָלאָגיע, באַטראַכט קרשקש די נשמה אַלס דעם מענטשנס „פאָרם", ד״ה אַלס דעם תוך און רעאַלן תמצית פונם מענטשנס וועזן; „און אַלס גייסטיקער עצם איז זי (די נשמה) פעיק צו אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג נאָר בלויז אין דער פּאָטענץ, אָבער נאָך ניט בפועל" (שנפש האדם אשר היא צורתו, עצם רוחני מוכן אל ההשכלה ובלתי משכיל בפועל עצמו). אַלס גייסטיק וועזן קאָן שוין די נשמה ניט גיין לאיבוד; ניט אָבער דורך אַבסטראַקטן דענקען דער־גרייכט זי אומשטאַרבלעכקייט, ניט דורך דעם אַנטפּלעקט זי איר אמתן תמצית און פון בלויזער מעגלעכקייט פאַרקערפּערט זי זיך אין רעאַלן זיין. ניט אין דענקען, ניט אין אַלגעמיינע „מושכלות" באַשטייט די העכסטע שטאַפּל פון שלימות ביי דעם מענטשנס נשמה, ניט אין דעם איז איר העכסטער ציל און תכלית. ווייל דער מקור פון העכסטער שלמות אין

[1] דאָרטן, דף ל״ד, עמ׳ א׳: „והוא אצלי כדמות הנפלאות, וזה שכאשר נקח דעת הפילוסופים ישאר הפלא איך היה שלא נמצא בכל זה הזמן אשר הועתקו אלינו קורותיו מי שהגיע לזאת המדרגה אחר נתינת התורה אלא מהאומה הנבחרת והנה חכמת היונים והכשדים מפורסמות מאוד ולזה יחם מניעת ההשנה מהם לפלא".

[2] דאָרטן, דף ס׳, עמ׳ א׳: „וכאשר חקרנו בה ובחלקיה מצאנו בה חלק קטון הכמות גדול האיכות, שאיננו מן הדעות במוחלט ומן הפעולות במוחלט והוא אהבת השם יתברך ויראתו האמתית".

דער וועלט, גאָט־ברוך־הוא, איז דער תמצית פון ליבשאפט און גוטסקייט, און אַט די אומבאַגרענעצטע ליבע איז די סיבה און באַוועגנדיקע קראפט פון זיין אומאונטערבראָכענעם טאָן און שאפן — איז אויך די העכסטע מאָס פון דער נשמהס שלימות איר ליבע און שטרעבונג צום גוטן. און נאָך העכער די מדרגה פון שלמות, אַלץ שטאַרקער איז אין דער נשמה די ליבע, אַלץ ברענענדיקער איז דער דראַנג צום אורקוואַל פון ליבע[1].

און קרשקש קערט זיך נאָך אַמאָל אום צו דעם רלב״גס לערע וועגן דעם „שכל הנקנה״, וועלכער איז ביי קרשקשן אין די אויגן בלויז אַ סאָפיסטישער פילפול אָן אַ וועלכן ס׳איז רעאַלן אינהאַלט (והמאמר שהמושכלות הנקנות יתעצמו נבדלות מהנושא ויתהוו ממנו שכל נבדל אין ידים לו). אַלס „ריינע סאָפיסטיק״ (הטעאה מבוארת) דערקלערט אויך קרשקש דעם רלב״גס דעה, אַז כל־זמן דער מענטש לעבט און דער חומר שטערט דעם מענטשן זיך פריי אָפּצוגעבן דעם אַבסטראַקטן דענקען און וויסן, איז אויך דער תענוג און די פרייד פון דעם אינטעלעקטועלן פאָרשן ניט קיין פולשטענדיקע, און ערשט נאָכן טויט געניסט דער אומשטאַרבלעכער „שכל הנקנה״ דאָס פולשטענדיקע און אומגעשטערטע גליק; און די מדרגה פון דעם דאָזיקן גליק איז אַלץ גרעסער און שטאַרקער, וואָס מער „אַלגעמיינע באַגריפן״ (מושכלות) דער „שכל הנקנה״ האָט אינם מענטשנס לעבן דערוואָרבן. אויפן שאַרפזיניקסטן אופן דערווייזט קרשקש, אַז דאָס געפיל פון פרייד און גליק אין אונזער לעבן איז ענג פאַרבונדן מיט דעם באַוווסטזיין, אַז דאָס געשטרעבטע און געוווּנטשטע איז דערגרייכט. דאָס גליק־געפיל ביים דערגרייכטן וויסן איז אַ פועל־יוצא פון אונזער ווילנשטרעבונג (המרצת הרצון), פון דער שטאַרקער תשוקה, מיט וועלכער דער עמאָציאָנעלער טייל פון אונזער נשמה איז דורכגעדרונגען. אין דעם באַפרייען זיך פון אונזער שטאַרק געשפּאַנטער ענערגיע, מיט וועלכער ס׳איז פאַרבונדן אונזער איבערגאַנג פון אומוויסן צום וויסן, אין דעם פּלוצימדיקן איבערגאַנג פון אומרויִקער אָנגעשטרענגטקייט צו דער רויִקער באַפרידנקייט — איז דער מקור פון אונזער גליק־ און תענוג־געפיל, פונקט ווי די מעלאָדיע אין דער מוזיק איז פאַר אונזער אויער אַלץ אָנגענעמער און זיסער — וואָס פאַרשיידנאַרטיקער עס זיינען

---

1 דאָרטן, 40—41: „לפי שהוא ידוע שהשם יתברך כקור ומבוע מהשלמיות כולם יהוא יתברך לשלמותו אשר הוא עצמותו אוהב הטוב למה שנראה מפעולותיו בהמצאת המציאות בכללו והתמדתו וחדושו המיד וזה אמנם ברצונו הפשוט... ויתחייב מזה שכל אשר יהיה השלמות יותר גדול יהיה האהבה והערבות בחפץ יותר גדול... שלפי מדרגת הטיב האהוב תהיה מדרגת האהבה״.

אירע טענער און גרעסער צווישן זיי די הפסקות (אינטערוואַלן) בײַם „שכל הנקנה" אָבער, לויט דער רלב"ג און זיינע אָנהענגער שטעלן זיך אים פאַר, קאָן גאָר נאָכן מענטשנס טויט קיין רייד ניט זיין וועגן תענוג־און גליק־געפיל: זיי שטעלן זיך אים דאָך פאַר אָן שטרעבונגען און גלוס־טונגען, ער איז דאָך לויטער אַבסטראַקטער געדאַנק, אָן אַ שטיץ פון ווילן, פון עמאָציעס [1].

קרשקש שטרייכט מערערע מאָל אונטער, אַז ער מיינט כּלל ניט אָפּלייקענען די גרויסע ראָלע פון פאָרשן און וויסן; ער וויל בלויז דערמאָ־נען, אַז ניט אין דעם באַשטייט דער גאַנצער מהות פונם מענטשנס לעבן, דאָס איז בלויז דאָס מיטל צו דערוועקן און צו שטאַרקן די ליבע צו גאָט. ניט אָבער דאָס באַגרייפן, ניט דעם מענטשנס שכל מיטן אַבסטראַקטן געדאַנק גיבן דעם מענטשן די פרייד און דאָס גליק־געפיל, די גליקזע־ליקייט פון דער דערגרייכטער ליבע — נאָר דאָס גלוסטן און וועלן, דער פּאַטאָס פון דביקות (המרצת הדבקות) און דער שטורמישער ווילנס־דראַנג [2]. און וואָס גרעסער די תשוקה, וואָס הייסער ס'איז דאָס גלוסטן פונם מענטשנס נשמה צו גאָט — אַלץ שטאַרקער ווערט דער ליבעס־באַנד צווישן גאָט און דעם מענטשן, וואָרעם גאָט איז דאָך ניט בלויז געדאַנק און חכמה, נאָר אויך ליבע, שאַפנדיקע ליבע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דעם אומדערמידלעכן שאַפונגס־פּראָצעס, אין דער ליבע צו שאַפן דאָס גוטע [3]; און אין דער דאָזיקער ליבע איז זיין, כּביכול, תענוג און גליק־

---

1 דאָרטן, דף מ"א, עמ' ב: „וזה שהערבות אשר נמצא בחיינו הוא להשגת הדבר הנכסף... והיה הכוסף איננו זולת המרצת הרצון להשיג הדבר הנכסף אשר הרצון כבר התבאר היות זולת ההשכלה... ולזה יתחייב שכאשר היה הדבר הנכסף גדול הערך ויקר היה הכוסף יותר חזק והערבות בהשגה יותר גדול... אשר כשנעתק בעל הכח אל הפועל להיותו יותר רחוק היה הערבות יותר גדול בהעתקו מן הקצה אל הקצה, כאשר קרה בינגוני המושיקה שהנעימה אשר היא ביחס הכל וביחס הכפל, יותר ערבות למרחק הנעימות אשר ביחס ההוא ולהעתקה מן הקצה אל הקצה. ולזה אחר המות שההשכלה בפועל תמיד ואין שם העתק ומרחק בין הכח אל הפועל ולא כוסף למה שאין לשכל רצון כמו שקדם, הנה לא יתכן וכל שכן שלא יתחייב שיהיה לשם ערבות".

2 דאָרטן, 41, עמ' ב': „ולהיות כח השכלי זולת כח המתעורר והכח המדמה הנה נתאַמה שהאהבה והערבות בחפץ זולת ההשכלה... ולפי שהתבאר שהאהבה והערבות בה זולת ההשכלה הנה העצמיי לשלמות הנפש הוא דבר זולת ההשכלה והוא האהבה".

3 דאָרטן, 41, עמ' א': „ואחר שהתבאר במה שקדם... שאהבת השם יתברך אל הטוב עצימה הוא מבואר שכל אשר תהיה האהבה בין השם יתברך ובין האדם יותר גדולה יהיה הדבקות יותר חזק ויותר גדול. אויס דעם געדאַנק האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט שפּינאָזעס לערע וועגן „דער אינטעלעקטועלער ליבע, מיט וועלכער גאָט ליבט זיך גופא".

זעליקייט. דאָס גוטע, וואָס ווערט פון גאָט געשאַפן, איז בכן דער מקור פון דער צווייפאַכער גליקזעליקייט: מצד דעם, וואָס איז משפיע דאָס גוטע, און פון דעם, וואָס איז דאָס גוטע מקבל [1]. קרשקש שטעלט זיך דאָ פּאָקטיש אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער קבלה, וועלכע דערקלערט, אַז אָן דער מיטווירקונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט קאָן גאָטס גנאָד זיך ניט אַנטפּלעקן, ווייל „אין שפע יורד מלמעלה אלא אם קודמת לו התעוררות מלמטה", און „מעולם לא התעוררה מדת הרחמים מלמעלה בלי התעוררות שבלב מלמטה". קרשקש שטרייכט אויך דערפאַר אונטער צוזאַמען מיט די בעלי־הקבלה און מיסטיקער דעם גרויסן באַטייט פון דער תפילה. אין דעם אויסגיסן פון דעם מענטשנס האַרצן פאַר זיין באַשעפער, אין דעם דבקות־ און פּאַטאָס־געפיל, מיט וועלכן דער מענטש באַהעפט זיך צו גאָט — דערגרייכט דער מענטש די העכסטע מדרגה פון תענוג און גליקזעליקייט; און אין דעם פּרט, איז קרשקש מוסיף, זיינען טאַקע אונזערע חכמים זייער גערעכט בעת זיי זאָגן, אַז „הקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים" [2]. עס איז דערפאַר לייכט באַגרייפלעך, וואָס קרשקש ווייזט יעדעס מאָל אָן, אַז די ליבע צו גאָט דערוועקט אינם מענטשן ניט נאָר די „שלמות הדעות", דאָס אינטעלעקטועלע וויסן, נייערט אויך דאָס אַקטיווע מאָראַלישע טאָן, דאָס דערפילן פון עטישע געבאָטן. „די תורה, זאָגט קרשקש, זי ווייזט דעם ריכטיקן וועג פון ליבע ניט נאָר פאַר די מושלמים, פאַר די מענער פון גרויסן וויסן, נאָר אויך פאַר יעדן מאמין באַזונדער" [8].

הכלל: די ליבע צו גאָט, צו דער העכסטער מדרגה פון דעם אַבסאָלוט גוטן — אָט דאָס איז דער העכסטער ציל פון דער תורה. דאָס איז אויך דער *איינציקער* ציל, וואָרעם — איז *נאָך* אַ ציל פאַראַן, דאַן איז *יענער* דער וויכטיקסטער און העכסטער. ערשט איצט האַלט קרשקש פאַר מעגלעך אַרויסצוזאָגן ביזן סוף זיין שטאַנדפּונקט. טאַקע נאָר די ליבע צו גאָט און ניט דער שכר און די האָפענונג אויף עולם־הבא מיטן גן־עדן איז דער העכסטער ציל; אומבאַגרענעצט דאַרף

---

1 דאָרטן, 19, עמ׳ ב׳: „לפי שהשמחה הזאת משותפת לבורא יתברך בהשפעתו הטוב לנבראים במה שיקבל מההשפעה".

2 דאָרטן, 19, עמ׳ ב׳.

8 דאָרטן, 42, עמ׳ ב׳: „אומר עוד שהתורה בלי ספק תקנה אהבה בלב השלמים והבלתי שלמים הנמשכים אחריה וזה שכבר נתאמת בזולת זה המקום שהכל יכספו הטוב ולזה אין ספק שהטוב המוחלט יתברך אצל כל בעל דת יחשקו אותו ויכספוהו הכל".

זיין די דאזיקע ליבע שאינה תלויה בדבר, זי דארף ניט זיין פארבונדן מיט קיין שום שכר, מיט קיין שום אנדערע פניות און אויך ניט מיט וועלכן ס'איז אנדערן צוועק, אניט וועט דאך אט יענער צוועק זיין דער טייערסטער און באליבטסטער [1]. און ניט אומזיסט, שטרייכט קרשקש אונטער, האבן אונזערע חכמים געזאגט, אז „ס'איז טייערער איין שעה תשובה און מעשים־טובים אויף ד ע ר וועלט פון דער גאנצער עולם־הבא".

קרשקש לייקנט אבער דערביי כלל ניט אפ, אז עולם־הבא און דאס אייביקע גליק איז דער העכסטער און שענסטער שכר. און אין דעם איז פון קרשקשס שטאנדפונקט אוים קיין שום סתירה ניטא. מיר ווייסן דאך שוין, אז קרשקש באטראכט דאס פון גאט געשאפענע גוטע אלס ק ע ג נ ־ ז ײ ט י ק גליק: פול מיט גליקזעליקייט איז ניט נאר דער, וואס איז מקבל דאס גוטע, נאר אויך דער, וואס איז משפיע. דעם מענטשנס העכ־סטער און שענסטער ציל איז טאקע די אומבאגרענעצטע ליבע צו גאט, ניט טראכטנדיק וועגן וועלכן ס'איז שכר און באלוינונג, אבער גאט, וואס שאפט און איז משפיע דאס גוטע — זיין גליקזעליקייט באשטייט דאך אין דעם אומענדלעכן און אומבאגרענעצטן באגליקן, אין דעם אומאונ־טערבראכענעם אויסגיסן די שפע פון זיין ליבע איבער די מענטשן. און אט אין דעם געטלעכן ציל ליגט פארבארגן דעם מענטשנס אומשטארב־לעכקייט [2].

צוזאמען מיט דער פראגע וועגן דעם העכסטן ציל פון מתן־תורה איז אויך ענג פארבונדן קרשקשס זייער אינטערעסאנטער ענטפער אויף דער וויטערדיקער פראבלעם: אין וואס באשטייט בכלל דער ציל פון דעם מענטשן און פון דער גאנצער „מעשה בראשית"? דער געוויינלעכער ענט־פער, וואס איז געווען גילטיק ביי אלע גאטספארכטיקע מענער אין מיטל־אלטער: די וועלט איז צוליב דעם מענטשן באשאפן, בכדי דער מענטש זאל קאנען גאט דינען — דער האט שוין דעם רמב"ם אויך ניט באפרי־דיקט. ער האט אנגעוויזן, אז אזא ענטפער איז פאקטיש קיין ענטפער ניט,

---

1 דארטן, 42, עמ' א': „ואחר שהתבאר זה מעניין זאת האהבה אומר שהוא מחוייב שלא תהיה לתכלית אחר חוץ ממנה וזה שאם היתה לתכלית אחר היה התכלית ההוא יותר אהוב... וכאשר היה זה כן יחוייב שיובן זה אף בגמול הנצחי רוצה לאמר שאין ראוי שתהיה האהבה הזאת לתכלית העולם הבא, וזה שכל אשר תהיה לתכלית מה יהיה בהכרח התכלית יותר אהוב ועבודת האהבה חלושה ממדרגתה המחייבת לה".

2 דארטן, 42, עמ' א': „ולפי שהחיים הנצחיים והדבקות הנצחי מזיו שכינתו הוא הטוב שאי אפשר שיצוייר טוב כמוהו והתכלית האחרון זה ענינו כבר יתישב שיתחייב מזה מציאות תכלית אחרון יותר מאחד... אלא שמציאות ב' התכליות מחוייבים כמו שקדם אבל בבחינות מתחלפות: כי הנה בבחינת המצוות התכלית האחרון הוא האהבה ובבחינת המצוה התכלית האחרון הוא הקנאת הטוב והדבקית הנצחי בזיו השכינה".

וואָרעם מען קאָן דאָך ווייטער פרעגן: און וואָס באַצוועקט אייגנטלעך דעם מענטשנס גאָט דינען, צי ווערט דען דורכדעם פאַרגרעסערט גאָטס שלמות? [1] דער רמב״ם דערקלערט דערפאַר דיזאָזיקע פּראָבלעם פאַר אומלייזבאַר. „מיר מוזן, זאָגט ער, דערקלערן: כן רצה השם או גזרה חכמתו — אזוי איז גאָטס ווילן און אזוי האָט ער מיט זיין חכמה באַשלאָסן״. קרשקש גופא שטרייכט אונטער, אז בנוגע צו דער פראַגע צעגייט ער זיך אינגאַנצן מיטן רמב״ם [2]. דער פאַרפאַסער פונם „אור ה׳״ איז געוועזן דער ערשטער און דער איינציקער צווישן די מיטלאַלטערלעכע דענקער, וואָס האָט קלאָר און שאַרף אַרויסגעזאָגט, אז די פראַגע גופא וועגן דעם תכלית און ציל האָט בכלל קיין שום זין ניט, וואָרעם עס קאָן בכלל קיין שום רייד ניט זיין וועגן אַ וועלכן ס׳איז זייטיקן, אויסער דעם לעבן שטויענדיקן ציל. אָט דער מיטלאַלטערלעכער גאָטספאַרכטיקער רב אוים סאַראַגאָסאַ איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק, אַז דאָס העכסטע ציל פון דעם מענטשן אויף דער ערד איז דאָס לעבן גופא, דער אומדערמידלעכער און אומאויפהערדיקער פּראָצעס פונם מענטשנס לעבן און שטרעבן. טאַקע דערפאַר, ווייל גאָט איז ליבע און דאָס אַבסאָלוט גוטע, מוז ער לויט זיין מהות נאָך שטענדיק און אָן אויפהער שאַפן. דערפאַר טאַקע האָט קיין שום זין ניט די פראַגע: צו וואָס פאַר אַ תכלית איז די וועלט אָדער דער מענטש באַשאַפן. דער שאַפונגס־אַקט גופא איז פ א ר ז י ך דער העכסטער ציל, וואָרעם גאָטס עצם און מהות איז דאָך די ליבע, און זיין תמצית ווערט נתגלה דורך דעם, וואָס מיר באַצייכענען מיטן באַגריף „דאָס גוטע״, ד״ה אין דעם אומענדלעכן און אומאונטערבראָכענעם שאַפונגס־אַקט; און ביי דעם באַשאַפענעם גופא קאָן קיין אנדער ציל ניט זיין, ווי ליבן אָט די באַשאַפנדיקע קראַפט און זיין פאַרבונדן מיט דעם באַשעפער מיט דעם ליבעס־באַנד [3].

---

[1] „מורה נבוכים״ III, פרק 13: „ואפילו היה הכל מפני האדם ותכלית האדם כמו שנאמר לעבוד השם, השאלה קיימי: והוא מה התכלית בהיותו עובד? והוא יתברך לא יוסף שלמות אם יעבדוהו״.

[2] דאָרטן, מאמר שני, כלל ששי, פרק ה׳: „והנה כבר נחשב שדברינו בתכלית הזה עם דברי הרב המורה בתכלית המרחק. די באַטרעפנדיקע שטעלע אין דעם שלוס פונם פינפטן קאַפּיטל איז דורך אַ פאַרזען פון די אַרויסגעבערס אָפּגעדרוקט אין דער מיט פון דעם אַריינפיר צום מאמר שלישי (זע אונזער באַמערקונג, אויבן, זייט 265).

[3] דאָרטן: „אלא שכבר התבאר במה שקדם היות הטבה והחנינה ענין עצמי לשלם ולטוב המוחלט ולפי שהכל יכספו הטוב הוא כבואר שהפועל כשיפעל לתכלית טוב נפסק השאלה והתכלית ההוא כי להיותו טוב תכליתו בעצמו. ולזה הטוב המוחלט אשר תהטבה לו דבר עצמי הנה בשיפעל דבר תכליתו ההטבה הנה תפסק השאלה מה התכלית ההוא בהיותו טוב תכליתו בעצמו הת׳״.

דא טרעט שוין גאנץ בולט ארויס קרשקשס אָריגינעלער געדאנק, אז „מעשה בראשית" איז א שאפונגס־אקט אויס נויטווענדיקייט. דאס שאפן איז ביי גאט א מוז־זאך, ער קאן ניט אנדערש, ער מוז שאפן, ער מוז אויסגיסן זיין אומענדלעכע מאכט, אנטפּלעקן די גאנצע גרייס פון זיין ליבע — ווייל אין דעם באשטייט זיין מהות, זיין עצם. און דעם דאָזיקן גרונט־געדאנק חזרט קרשקש מערערע מאָל איבער[1]. ער האלט אָבער פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז בעת ער רעדט וועגן „נויטווענדיקייט, הייסט דאך ניט, אז ער לייקנט אין פרייען ווילן[2]. קרשקשס דערקלערונג, וואס אייגנטלעך ער פארשטייט אונטער דעם באַגריף „ווילן", דערמאָנט זייער אָן שלמה גבירול, ביי וועלכן דער באגריף „חפץ" (ווילן) גיסט זיך דאך צונויף מיט חכמה, מיטן געטלעכן פארשטאנד. גאָט שאפט, לויט קרשקשס דעה, אָן א שום צוואנג און פאָדערונג פון וועלכער ס'איז אויסער אים שטייענדיקער סיבה. ער נעמט ארום מיט זיין מחשבה, באגרייפט און דערקענט מיט פולשטענדיקן ישוב־הדעת אלץ, וואס ער שאפט. ער איז אין פולן באוווסטזיין, אז אלץ ווערט דורך אים געשאפן און נאָר דורך אים; און אָט דער דענקענדיקער פרינציפּ, די באוווסטזיניקע הסכמה צו שאפן, וועלכע באגלייט דעם שאַפונגס־אקט — אָט דאס הייסט ווילן[3].

איצט, אז מיר האָבן זיך באקאנט מיט קרשקשס אידעענגאנג, איז גאנץ באגרייפלעך, פארוואס קרשקש רעכנט ניט די „אמונת החידוש" פאר איינעם פון די עיקרים פון דעם יידישן גלויבן. ער שטרייכט עס אליין אפילו אונטער[4]. אמת, ער טרעט צו מיט דער גרעסטער פאָרזיכ־

---

[1] דאָרטן, 19, עמ' ב': „הנה אם כן הוא אוהב ההטבה והשפעה הטוב בהכרח"; דאָרטן: „למה שנתאמת שהערבות הוא לו חנה הוא לו בהכרח לעצמותו" אאו"ח. דעם דאָזיקן געדאנק האָט שפעטער שפינאָזע ארויסגעזאָגט אין זיין נעחיסן זאָץ: דעם חילן קאָן מען ניט באטראכטן אלס סיבה חפשית, נאָר אלס סיבה פון נויטוועגדיקייט („עטיק" ערשטער טייל, לימוד 32).

[2] דאָרטן, 52, עמ' א': „ואומר עוד שמהנחתינו זאת רוצה לאמר וזיוב המציאות ממנו יתחייב שיהיה על צד הרצון וזה אמנם לשני סבות: הא' כי מהנחתינו חיוב המציאות מהשכלה שכלית יחוייב שיהיה על צד הציור ולחיותו מקנה המציאות על צד הציור שלם, רוצה לאמר ציור נימוס הנמצאות וציור חיותו מקנה מציאות הנימוס והנמצאות עצמו דרך כלל ודרך חלק, וזה שאין שם דבר שלא יקנה המציאות והכהות מציורו ולהיות חשפלת שכלית ירצה במה שיצַיֵר. והנה אין ענין לרצון זולת זה אלא חיותו מצוייר שחוא רוצה ומקנה דרך ההשכלה וציור מציאותם"...

[3] דאָרטן, 53, עמ' א': „בעבור זה לא שמנו אמונת החדוש פִּנה אשר לא יצוייר מציאות התורה בלעדיה".

[4] זע אויבן, זייט 266.

טיקייט צו דער דאַזיקער פּראָבלעם, וואָס צוליב איר האָבן מרעיש־עולם געווען די תורניב און אָרטאָדאָקס־גלויביקע אין זייער קאַמף קעגן די ראַציאָנאַליסטן. גרינגלעך, בהדרגה און מיט גרויס חריפות, ווי קרשקשס שטייגער איז, גיט איבער דער בעל „אור ה׳" די מיינונגען פון אַריסטון, מיימונידן און באַזונדערס פון דעם רלב"ג בנוגע צו דער פראַגע וועגן וועלט־באַשאַפונג. דער רלב"ג, ווי מיר ווייסן[1], האָט פּאַקטיש געלייקנט אין דעם יידיש־רעליגיעזן זאַץ וועגן „בורא יש מאין", ד"ה, אַז די סיבה ראשונה, וואָס איז גאָלע רוחניות, זאָל האָבן געשאַפן נים נאָר די פאָרם (צורות), נאָר אויך דער חומר, די מאַטעריע. ער האָט זיך דערפאַר געשטעלט אויף אַפּלטונס שטאַנדפּונקט, אַז ס'האָט פון אייביק אָן עקסיסטירט אַ פאָרם־ און באַוועגונגסלאָזע מאַטעריע (גשם קדום דק מכל צורה) און ערשט אין אַ באַשטימטן מאָמענט ווערט די דאָזיקע מאַטעריע אַרויס־געריסן אויס דעם תוהו־ובוהו און באַקומט אַ רעאַלע ממשותדיקע עק־סיסטענץ דורך דער באַוועגונג, ד"ה דורך דער פאָרם, וואָס ווערט געבוירן אויס דער געטלעכער מחשבה. קרשקש דעקט קונציק אויף די שוואַכע זייט פון דער דאָזיקער דעה[2] און דערווייזט, אַז זי מוז ברענגען צו די גרעסטע סתירות. עס עקסיסטירט און קאָן עקסיסטירן בלויז אײנ־אײנציקע פרייע און אומאָפּהענגיקע סיבה ראשונה; גייען מיר אָבער אַרויס פון דער הנחה, אַז ס'עקסיסטירט אַלס קדמון אַ פאָרמלאָזער חומר, וואָס איז נים פון דער סיבה ראשונה באַשאַפן, גיבן מיר פאַקטיש צו, אַז ס'עקסיסטירן צוויי „ערשטע סיבות" (עילות ראשונות), איינע בתכלית השלמות און די אַנדערע — איר פולער קעגנזאַץ[8]. נים דאָס, ווייזט קרשקש אָן, איז דער עיקר, צי איז די מאַטעריע אַ קדמון אָדער אין דער גרענעץ פון צייט באַשאַפן; דער תוך פון דער פראַגע באַשטייט אין דעם גרונטגעדאַנק, אַז אַלס זעלבשטענדיקע, אומאָפּהענגיקע סיבה ראשונה עקסיסטירט זי נים, און קאָן נים עקסיסטירן. הכלל, סיי־ווי: צי אויס פרייען ווילן, צי אויס אייזערנער נויטווענדיקייט — אַלץ איינס מוז מען

1 דאָרטן, מאמר שלישי, כלל ראשון, פרקים 4—5.

2 דאָרטן, זע 51, עמ׳ ב׳: „זה יתבאר בקלות אם תחלה שתנחת גשם מחוייב המציאות לעצמו יחייב שיהיה בלתי משתלשל מעלה זולתו, יתחייב אם כן שנניחהו עלה ראשונה ושיהיו שני עלות ראשונות, האחת בתכלית חשלמות והאחת בתכלית החסרון".

8 „וזה שכבר התבאר במה שקדם שאין שם דבר מחוייב המציאות בבחינת עצמו כי אם השם יתברך... ושכל מה שזולתו איך שהונח רוצה לומר מחודש או קדום הוא אפשרי המציאות בבחינת עצמו והוא נאצל ממנו; אם כן אין שם לא הומר ולא צורה ולא גשמות שלא יהיה נאצל ממנו והנה האצילות לא ימלט משיהיה אם על צד החיוב אם על צד הרצון ואיך שיהיה כבר נודה על מציאות גשמי נאצל מצורה והצורה אם כן מאצילה ונותנת בה שאין דומה לה ולא תאציל ולא תתן למקבל כי היא התן המציאות למקבל".

קומען צום אויסדריק, אַז הן דאָס גייסטיקע, הן דאָס מאַטעריעלע, הן פאָרם, הן גשמיות, אַלץ אַנטשטייט אויס איין און איינציקער סיבה ראשונה, און אַז דאָס גייסטיקע, די פאָרם, רופט אַרויס צום זיין (תחת המציאות) דאָס מאַטעריעלע [1]. אַט טאַקע דאָס מיינט דער פסוק ווענן „יש מאין": ניט אַז בעת „מעשה בראשית" האָט דער שאַפונגס־אַקט געווירקט אויף עפּעס אַ פּאַסיוון, פאָרמלאָזן אָבער אייביקן „אין", נאָר אַז ביידע, הן די פאָרם, הן דער חומר, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אויס דעם „אין", אויס דעם ניט זיין, צו זייער רעאַלער עקסיסטענץ דורך דער קדמונישער אור־קראַפט, די סיבה ראשונה [2].

דער רלב"ג האָט פעסט געהאַלטן מיט אַריסטוס שיטה, וואָס טיילט אָפּ מיט אַ שאַרפער מחיצה די פאָרם פון דער מאַטעריע, און באַטראַכט די ערשטע אַלס פולסטן היפך פון דער צווייטער; דערפאַר האָט ער אָבער בשום אופן ניט געקאָנט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז די העכסטע מדרגה פון רוחניות — גאָט, זאָל זיין דער באַשעפער פון זיין פולסטן היפך, וואָס איז אַזוי פרעמד זיין מהות — די מאַטעריע. קרעסקש אָבער איז בנוגע צו דער פראַגע געשטאַנען אויפן מער דיאַלעקטישן שטאַנדפונקט פון דער קבלה, וואָס האָט אין דעם חומר ניט געזען דעם פולן היפך פון גייסט; זי האָט דעם חומר כלל ניט באַטראַכט אַלס זעלבשטענדיקן און אָפּגעזונדערטן עצם, ווייל אויך אין אים האָט זי געזען פונקען פון רוחניות נאָר אין אַ ווייניקער געלייטערטער פאָרם. מיר האָבן שוין פריער געזען (אויבן זייט 269), אַז קרעסקש באַטראַכט דעם באַגריף פון רוים און התפשטות אַלס איינער פון גאָטס „מידות" (אַטריבוטן). דעם דאָזיקן גע־דאַנק אַנטוויקלט קרעסקש נאָך ווייטער; און אויך אין דעם פּרט שטעלט ער זיך אויפן שטאַנדפונקט פונם „זוהר". לויט דעם „זוהר" טראָגן אפילו די „קליפות" דעם „חותמו של הקב"ה" (גאָטס שטעמפּל), ווייל אַלץ איז צונויפגעגאָסן אין איין איינהייט, אַלץ טראָגט דעם אָפּגלאַנץ פון ליכט און

---

1 דאָרטן: „ואין הכונת באמרו יש מאין... שהאין יהיה הנושא... אבל הכונה... הוא שנתהווה אחר ההעדר ושלא היה לו נושא נמצא קודם... אלא שהחומר והצורה יחד שניהם נאצלו אחר ההעדר... ושכל מציאותם נאצל ממנו".

2 דאָרטן, 52, עמ׳ א׳: „שלמה שהתבאר שמציאות החומר והנשמות נאצל ממנו יתברך ולא מהתחלה אחרת; אין דרך לצאת מהספק הזה איך נאצל זה המורכב בעל הומר וגשמות מהאחד הפשוט בתכלית הפשיטות אלא כשיאמר שלמה שהיה המציאות בכללו הוא אחד טוב בתכלית השלמות מה שאפשר לפי המקבל והיה מדרך הטוב להשפיע הטוב על צד החנינה כי מזה הצד יהיה שלמות לטוב להשפיע והיה הטוב במה שהוא טוב הוא אחד פשוט הנה אם היותו מורכב מחלקים אשר מזה הצד הוא רבים אין הטוב והשלמות הנמצא לא במה שהוא רבים אלא במה שהוא אחד".

גייסט, און אלע מדרגות שטרעבן און גלוסטן איינע צו דער אנדערער, ווייל יעדע באזונדער וויל נתעלה ווערן, דערגרייכן דעם העכסטן שטאפל פון שלמות. אויך קרשקש איז פעסט איבערצייגט, אז די פון גאט באַשאפענע מאטעריע קאן ניט זיין אינגאנצן פרעמד זיין מהות. אין דער גאנצער פיל־ און פארשיידנארטיקייט פון די באשאפונגען מוז, לויט קרשקשס מיינונג, זיין א יסוד, וואס פאראייניקט און פארברידערט זיי. הן אין די רוחניותן, הן אין די גשמיותן מוז זיין עפעס, וואס פארבינדט זיי אלעמען מיט דער אבסאלוטער איינהייט, מיט דעם מקור פון זיין — מיט גאט. און דאס איז — די ליבע, וואס געבוירט דאס גוטע און די לייטזעליקייט. דער גאנצער וועלטאל איז א אנטפלעקונג פון גאטס מהות — דאס אבסאלוט גוטע, און אלץ טראגט דעם שטעמפל פון דעם דאזיקן מהות — הן די רוחניות הן די גשמיות (דארטן, 53, עמ' א').

אט איצט ערשט קערט זיך קרשקש צוריק אום צו דער פון אים שוין פריער באַרירטער פראגע וועגן „חידוש העולם": צי איז די וועלט באַשאפן אין דער גרענעץ פון צייט, אדער זי איז א קדמון? קרשקשן איז נאטירלעך זייער טייער די יידישע מסורה, און ער ווייס זייער גוט, אז „כפי מה שבא בקבלה והוא שהשם יתברך חדשו והמציאו בעת ידוע", ד"ה, אז גאט האט, לויט דער יידישער קבלה, די וועלט באשאפן אין דער גרענעץ פון צייט; דאך מוז ער צוגעבן, אז וויבאלד „מעשה בראשית" איז אן אקט פון נויטווענדיקייט, מוז מען קומען צום לאגישן פועל־יוצא, אז דער באשאפונגס־אקט איז אן אייביקער[1]. „מעשה בראשית" איז דאך, לויט קרשקשן, א באוווסטזיניקער אקט פון דער גאטהייט, און דעם באשעפערס ווילן קאן דאך ניט זיין אומבאשטענדיק און פארענדערלעך. וויבאלד דער שאפונגס־אקט איז א נויטווענדיקער פועל־יוצא פון דעם געטלעכן מהות, די סיבה ראשונה מוז שאפן, ווייל זי קאן ניט אנדערש — מוז דער שאפונגס־אקט זיין אן אייביקער און אומאונטערבראכענער, און די שינויים פון דער צייט קאנעז אויף אים קיין שליטה ניט האבן[2]. קרשקש קומט דערפאר צו דעם זעלבן אויספיר ווי אלבאלאג בשעתו, אז דער שאפונגס־אקט איז אן אייביקער און אומאונטערבראכענער. גאט אלס טרעגער פון דעם אבסאלוט־גוטן קאן ניט אויפהערן צו

---

1 דארטן, 65, עמ' א': „הנה בכל אלו הפנים יראה מצד העיון שהעולם נצחי".

2 דארטן, 52, עמ' א': „ועוד שהנחנו אותו קדום לפי שיחס הפועל והמתפעל אל כל העתים יחס אחד יהוייב בהכרח אצליתו וחייבו (וחידושו?) יתברך ממנו תמיד כמו שהונח כי אין שם עת מיוחד יהיה אצילות המציאות בו והזמן האחר אצילות התמיד. ולזה יחוייב כהנחתנו זאת רוצה לומר אצילות המציאות תמיד על צד החיוב חיוב יכלת בב"ת נפעל תמיד".

שאַפן, „ער איז משפיע און באַנייט אַן אויפהער, מיט דעם באַוווּסטן ווילן שאַפט ער אַלץ, וואָס ס'עקסיסטירט" (שהשם יתברך ממציא ומחדש תמיד הנמצאות ברצונו).

אַט דער געדאַנק וועגן אייביקן און שטענדיקן מעשה בראשית (החידוש התמידי), וועגן דעם אומאויפהערלעכן שאַפונגס־אַקט פון דעם געטלעכן טעטיקן ווילן, ברענגט קרשקש צו זייער אָריגינעלע מסקנאָס. „ווער ווייסט — זאָגט קרשקש — צי וועט אונזער וועלט, אויף וועלכער מיר עקסיסטירן, אייביק דויערן; מען קאָן זיך אויך דענקען, אַז די דאָזיקע וועלט וועט חרוב ווערן און אויף איר אָרט וועט אַ נייע וועלט אַנטשטיין, אַ מער פּאַסנדיקע און אויף אַזוי פיל פולקומער, ווי די בעלי־חיים זיינען פולקומער פון די פלאַנצן" [1]. קרשקש דערמאָנט דערביי אין ערגעץ ניט אַלבאַלאַגן, מעגלעך ער איז אים אומבאַקאַנט געבליבן, דערפאַר אָבער שטיצט ער זיך אויף יהודה הלוי [2]. בעת ער דערמאָנט די באַקאַנטע תלמודישע לעגענדע, וואָס ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רב אבוהן, אַז אונזער וועלט איז ניט די ערשטע, וואָרעם „גאָט האָט באַשאַפן וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, באַשאַפן און זיי ווידער חרוב געמאַכט". יהודה הלוי, שטרייכט קרשקש אונטער, האָט אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע אגדה געפינט זיך כלל ניט אין סתירה צו דער ביבלישער דערציילונג וועגן „מעשה בראשית", ווייל די תורה הייבט זיך אָן בלויז פון דעם מאָמענט, זינט ס'איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, אויף וועלכער דאָס מענטשלעכע לעבן האָט זיך אָנגעפאַנגען [3].

---

[1] דאָרטן, 53, עמ' א': „שהיו הוים בעת ידוע ונפסדים בעת ידוע... ואפשר שזה שאנחנו בו ישאר נצחי, אפשר שיפסד ויבוא אחריו עולם אחר הולך מזה מהלך השלמות במדרגת החי מהצומח, כי בזה דלתי החקירה נעולות יהדברים עתיקים למקבלי האמת".

[2] דאָרטן, 65, עמ' ב': „שלא תתן האמת במוחלט שלא יפסד העולם להגיע אל הטוב ממנו להיות הולך מהלך השלמות אל עולם אחר כמו שאפשר בזה שאנחנו בזה וכמו שקדם".

[3] „כוזרי", מאמר א', פרק 67. ס'איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, וואָס מיימוני אַלס טרייער תלמיד פון אַריסטוס שיטה, האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס ביטול („מורה נבוכים", II, פרק 30) צו דער דאָזיקער תלמודישער אגדה און דערקלערט דעם דאָזיקן געדאַנק וועגן חרובע און ניי־באַשאַפענע וועלטן פאַר „אָפּשיילעך" (מגונה). דער באַקאַנטער געלערנטער דוד קויפמאַן זאָגט אַרויס אַ השערה („מאָנאַטסשריפט", 1884, 208—214), אַז די שטעלע אין „כוזרי", וואָס קרשקש ציטירט, איז פאַרגרייזט דורך דעם איבערזעצער, און אין אַראַבישן אָריגינאַל האָט דער באַטרעפנדיקער טעקסט אַ גאַנץ אַנדערן

וויבאַלד אָבער די וועלט־באַשאַפונג איז אַ פועל־יוצא פון גאָטס אומענדלעכער גוטסקייט, ווי קאָן מען עס דען באַהויפּטן, אַז די געטלעכע שאַפונגס־קראַפט באַגרענעצט זיך בלויז מיט אונזער וועלט. עס איז דאָך גיכער צו גלויבן, אַז צוזאַמען מיט אונזער וועלט עקסיסטירן אין דער אומענדלעכער רחבות פונם וועלטאַל נאָך אַנצאָליקע אַנדערע וועלטן[1].

אַט אַזוי האָט דער דאַזיקער טיפער מיטלאַלטערלעכער דענקער מיט זיינע אָפענע אויגן אַריינגעדרונגען אין די סודות פון דער נייער וועלט, אין דער וועלט פון נייע אַנשויונגען און באַגריפן, וואָס עס האָבן אַנט־פּלעקט די גאונים פון דער שפּעטערדיקער צייט, קאָפּערניק און קעפּלער...

פשט. די דאָזיקע השערה ווערט אָבער ניט באַשטעטיקט דורך דער נייער חיסנשאַפט־לעכער אויסגאַבע פונם „כוזרי" (וואַרשע, 1911), וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון ציפרינוביץ, וועלכער האָט אויפסניי פאַרגליכן די העברעיִשע איבערזעצונג מיטן אַראַבישן טעקסט.

1 דאָרטן, 66, עמ' א': „כי למה שהתבאר שהייתה (שהוית?) העולם רצונית על צד ההטבה והחנינה והוא מבואר שאין שם כילות וצרת עין להטיב כל אשר יוסיף בעולמות יוסיף בהטבה, ולזה כבר יתכן שיהיו בכאן עולמות רבים... ולפי שההויה על צד החנינה יחשב בה שתחייב ריבוי ההטבה בריבוי עולמות".

פינפטער קאַפּיטל

דער באַטייט פון חסדאי קרשקש. — די עפּינאָנען. — פילאָזאָפיש נעבּיל־דעטע טעאָלאָגן. — ר׳ שמעון בר צמח דוראַן (רשב״ץ) און זיין שאַפן. — שמעון דוראַן אַלס דאָגמאַטיקער; זיין שטאַנדפּונקט בנוגע צו דער פראַגע װעגן ביאת המשיח. — דוראַן אַלס סניגור פאַרן יידנטום. — װאָס הייסט „אפּיקורסות״? — יוסף אַלבּאָ און זיין „עיקרים״. — די השפּעה פון זיינע פאָרגייער. — דער באַטייט פון אַלבּאָס װערק. — דער בעכער פון טרייסט, װאָס דער בעל ה„עיקרים״ דערלאַנגט.

קרשקש איז בלי־ספק איינער פון די אָריגינעלסטע און באַדייטנדיקסטע דענקער, װאָס דאָס אייראָפּעיִשע מיטלאַלטער האָט פאַרמאָגט. דער בעל „אור ה׳״, װאָס האָט געלייגט די ערשטע יסודות פון אַ נייער פילאָזאָפישער װעלטאַנשױונג, איז געװען פון די, װאָס גייען צו װייט פאָרויס זייער צייט, דערפאַר האָט ער אין זיין דור קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג ניט געקאָנט געפינען, און ערשט מיט פילע דורות שפּעטער האָט אַן אור־איניקל פון די גולי ספרד, דער גאונישער ברוך שפּינאָזע, מיט גרויס דערפאָלג אויסגענוצט די טיפע געדאַנקען פון דעם האַלבפאַרגעסענעם מיטלאַלטערלעכן דענקער פאַר זיין גראַנדיעזן מאָנומענטאַלן פילאָזאָפישן בנין. פאַר ז י י ן צייט איז קרשקש באַטייט הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען אין דעם, װאָס ער האָט מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין פילאָזאָפישער דיאַלעקטיק דערשיטערט דעם אַלטן אַריסטאָטעלישן בנין. דער פעסטער אומבאַגרענעצטער גלויבן אין אַריסטוס פילאָזאָפישע און װיסנשאַפטלעכע הנחות האָט זיין שליטה אָנגעװוירן. דורכדעם האָט אויך דער קאַמף פון דער מסורה קעגן דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע ביסלעכװייז זיין אימפּעט און פאַרביטערטקייט פאַרלוירן. דאָס רוב פון די יידישע געלערנטע, װאָס זיינען אַרויסגעטראָטן נאָך קרשקשן, זיינען שוין געװען ניט קיין אַריסטאָטעליקער און ניט קיין קעגנער פון אַריסטוס שיטה, נאָר בלויז פילאָזאָפיש־געבילדעטע ט ע אָ ל אָ ג ן, װאָס האָבן פאַר זיך געהאַט

איין באַשטימטן ציל: פאַרטיידיקן די יידישע אמונה, באַשיצן זי פאַר די אָנפאַלן פון אירע פאַרביטערטע קעגנער — די קאַטוילישע גייסטלעכע מיט די מומרים־משומדים. ניט וועגן שלום מאַכן צווישן דער אמונה און דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע האָבן איצט געדאַגהט די יידישע געלערנטע — זייער אויפגאַבע איז געווען ברענגען אין אַ סיסטעמאַטישן סדר די יסודות פון דער יידישער לערע, לאָגיש באַגרינדן און פעסטשטעלן די פרינציפּן פון דעם גאַנצן בנין, וואָס טראָגט דעם נאָמען „חכמת היהדות״.

דער באַדייטנדיקסטער פון די דאָזיקע געלערנטע טעאָלאָגן איז בלי ספק קרשקשס יינגערער בן־דור, דער באַרימטער רב פון יענער צייט, ר׳ שמעון בן צמח דוראַן, באַקאַנט אונטער די „ראשי־תיבות״ רשב״ץ [1]. דער רשב״ץ שטאַמט אויס אַ זייער חשובער פאַמיליע, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט אויס דער פּראָוואַנס און זיך באַזעצט אין שפּאַניע. געבוירן אין 1361, האָט שמעון דוראַן זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אויף דעם אינזל מאַיאָרקאַ, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער אַראַגאָנישער מלוכה. אויסער תלמודישע לימודים האָט דער יונגער דוראַן זיך באַקאַנט אויך מיט פאַרשיידענע בראַנזשעס פון אַלגעמיינע וויסנשאַפטן, ווי לאָגיק, פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע [2]. דערצו נאָך ספּעציעל שטודירט מעדיצין און אַ שטיקל צייט געווען אַפילו באַשעפטיקט אַלס פּראַקטישער אַרצט [3], ניט נאָר אין מאַיאָרקאַ, נאָר אויך דערנאָך אין אַראַגאָניע, ווו ער האָט זיך פּערזענלעך באַקענט מיט קרשקשן [4]. בעת דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פונם יאָר 1391 האָט דער רשב״ץ זיין גאַנץ פאַר־

---

1 וועגן דעם רשב״צס לעבן און שאַפן זיינען פאַראַן צוויי ספּעציעלע אַרבעטן: ה. יָהלוס „ר׳ שמעון בר צמח דוראַן״, אין „מאָנאַטסשריפט״, 1874-5; י. גוטמאַן „די שטעלונג דעס שמעון ב. צמח דוראַן אין דער געשיכטע ד. יודישען רעליגיאָנספילאָזאָפיע״, אין „מאָנאַטסשריפט״, 1908—9.

2 זע דעם רשב״צס שו״ת, חלק ב׳, נומ׳ 52. „ואם בחכמות היצוניות, הקישיות, מופתיות, עיוניות, שכליות, טבעיות, רפואיות, הניוניות, למודיות, הן כל ראתה עיני נרגיר או אשכול״.

3 וועגן זיין מעדיצינישער פּראַקטיק דערמאָנט דוראַן מעריערע מאָל; זע, צב״ש, זיין „מגן אבות״, הלק ד׳, 62, עמ׳ א׳: „כי נכסים היו לנו ומלאכת הרפואה היתה לנו אשר החכמה ההיא תחיה בעליה דרך כבוד בארץ אדום״.

4 שו״ת, הלק ג׳, סימן 30: „וכן ראיתי במיורקה בפני רבני צרפת וקטלניא ובורנאן בפני הרב ר׳ יצחק והל׳ ר׳ חסדאי קרשקאש״.

מען אַנגעוואָרן, עס איז אים אָבער געלונגען צו אַנטלויפן מיטן לעבן [1]. צוזאַמען מיט פילע אַנדערע אַנטלאָפענע האָט ער זיך דערלאַנגט קיין אַלזשיר, און נאָך דעם ריב״ש טויט (1408) האָט אים די אָרטיקע קהילה אויסגעקליבן פאַרן רב הכולל.

שוין אין די יונגע יאָרן האָט דער רשב״ץ געשמט אין דער רבנישער וועלט, און נאָך דעם ריב״ש טויט איז ער פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אַלס דער גדול הדור, דער גרעסטער תלמודישער אויטאָריטעט פון זיין צייט. מען האָט זיך צו אים געווענדט מיט רעליגיעזע און ריין געזעלשאַפטלעכע פראַגן מארבע כנפות הארץ, און זיינע דריי־בענדיקע שו״ת זיינען אַ אמתער אוצר פאַר די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער קולטור־געשיכטע פון די שפּאַנישע און צפון־אַפריקאַנישע יידישע קהילות פון דער ערשטער העלפט פון פופצנטן יאָרהונדערט [2].

דער דאָזיקער גדול התורה איז אויך געווען אַ גרויסער בקי אין דער יידישער און אַראַבישער פילאָזאָפיע; נאָר ניט די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען האָבן געוועלטיקט איבער זיין מוח און זיין נשמה. ער איז געווען קודם־כל אַ תורני, אַ טעאָלאָג, וואָס ביי אים האָט די תורה מן השמים זיך כלל ניט גענייטיקט אין אַ וועלכן ס'איז הכשר מצד דער פילאָזאָפיע. ביי אים אין די אויגן זיינען די יסודות פון דער יידישער אמונה געווען נענוג פעסט און שטאַרק און זיי האָבן זיך ניט גענייטיקט אין קיין שום הילף פון דרויסן.

לויט דעם רשב״צס מיינונג קאָן די פילאָזאָפיע בלויז באַהילפיק זיין ביים באַלייכטן די רעליגיעזע פּראָבלעמען, און קאָן נוצן דעם מוח צו שאַרפן און שליפן דעם געדאַנק (ללטוש המחשבה). אַליין אַ פּראַקטישער אַרצט און באַהאַוונט אין נאַטורוויסנשאַפטן, שטרייכט דוראַן אונטער, „אַז דער מענטש דאַרף בלייבן טריי דער טראַדיציע, אָבער אויך פון

---

[1] זע „מגן אבות״, IV, 62, עמ׳ א׳: „בעון הדור נגזרה שמד בכל אותן ארצות והיתה לנו נפשנו לשלל והנחנו כל נכסינו שם והניצול בידינו נתננו אותו לעכו״ם כדי שיעמוד מעמנו בידינו ולא נבוא לידי אונס״ (מיר ציטירן לויט יעלינעקס אויסגאַבע 1863). אָפּקלאַנגען פון דעם שרעקלעכן אומגליק הערן זיך אויך אין דעם רשב״צס קינות (זע צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע״, 521). דער רשב״ץ איז בכלל געווען גוט געאיבט אין דער טעכניק פון שירים שרייבן. עס זיינען דערגאַנגען צו אונז אייניקע זיינע ידידות־בריוו געשריבן אין פערזן (פאַרעפנטלעכט אין „צפנת פענח״, 20—32, אין „קובץ על יד״, VII, 1896); זע אויך קייפמאַנס נאָטיץ אין „מאָנאַטסשריפט״, 1897. וועגן רשב״צס „תחינות״ זע „ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענטס״, 1844, ז׳ 451.

[2] דוראַן איז געשטאָרבן אין 1444. וועגן זיינע תלמודישע אַרבעטן זע וויס, „דור דור ודורשיו״, V, 184—198.

חקירה זיך ניט דערוויטערן" (ומה שראוי לאדם הוא שיאחז בקבלה וגם מהחקירה אל ינח ידו). „דער מענטש, זאָגט דוראַן, איז דאָך פון נאַטור באַשאַפן אַלס בעל שכל, ליגט אויף אים דער חוב אויסצופאָרשן מיט זיין גערדאַנק אַלץ אין דער וועלט, און זאָל ער ניט געגליכן ווערן צו דעם, וואָס האָט אייגענע אויגן, נאָר ער האַלט זיי פאַרמאַכט, און פאַרלאָזט זיך אויף דער געניטקייט פונם וועגווייזער. אונזער תורה האָט כלל ניט געבאָטן צו גיין אין אַזאַ דרך, זי פאַרבאָט ניט דעם וועג פון חקירה" [1]. „זאָל מיך — זאָגט ער אין אַן אַנדער שטעלע — קיינער ניט חושד זיין דערפאַר, וואָס צוזאַמען מיט פסוקים אויס כתבי הקודש ברענג איך אויך די דעות פון די חכמי אומות העולם. אין דעם איז קיין שום זינד ניטאָ, וואָרעם דער חוב פון יעדן פאַרשטאַנדיקן מענטשן איז אָנערקענען דעם אמת, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, ווער ס'איז דער טרעגער פונם אמת" [2]. נאָר טאָקע דערביי האַלט דער רשב״ץ פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז ביי די „בעלי המחקר" איז דער אמת צונויפגעמישט מיט פילע פאַלשע דעות, וואָס פירן צו ספקות, ווייל דעם מענטשנס שכל איז דאָך זייער מצומצם און די „אנשי מחקר זיינען אַזוי פיל ווייט פון דעם נביא, ווי באַשפּענישן אָן דעם כוח הדיבור זיינען ווייט פון דעם מיטן וואָרט באַשאַנקענעם מענטשן". דוראַן ציטירט דערפאַר אַזוי גערן דעם אַראַבישן דענקער אַבוכאַמעד אַלגאַזאַלי, וואָס האָט די אמונה געהאַלטן העכער פון דער פילאָזאָפיע און גערעכנט, אַז דעם סוד פון רוח־הקודש קאָן משיג זיין נאָר דער נביא אַליין, און ווי אַ קינד איז ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין די רייד פון אַ דערוואַקסענעם, אַזוי קאָן דער פילאָזאָף ניט באַגרייפן דאָס, וואָס גאָט אַנטפּלעקט דעם נביא ברוח הקודש. דוראַן רעדט דערפאַר מיט רוגז וועגן די „מתפלספים", וואָס גלויבן נאָר אין דעם, וואָס דער שכל איז מחייב, און וואַרפן אָפּ און לייקענען אין דעם, וואָס קאָן ניט דערוויזן ווערן מיט לאָגישע סברות [3]. פאַר אים איז קלאָר, אַז גערעכט איז טאָקע

---

1 „אוהב משפט", קאַפּ' 6, 11, עמ' א': „מאשר ברא השם האדם בעל שכל, ראוי לו לחקור בכל הדברים מצד העיון ולא יהיה כאדם שיש לו עינים ועוצם אותם ונסמך על פקח מוליכו וזה הדרך לא מנעה אותו התורה כלל".

2 אין דער פאָררעדע צו „מגן אבות": „ואולי יחשדני שומע כי אני מכניס בתוך דברי קדושה דברי האומות, ואין עלי אשמה בזה כי אין ראוי לחכם למנוע דברי האמת מפי אומרם והיה מי שיהיה".

3 „מגן אבות" חלק ב', פרק ג', 22, עמ' א': „אלה המתפלספים בזה שלא האמינו אלא במה שמחייב השכל, אבל מה שלא הגיע בו העיון במופת שכלי הם מכחישים אותו ומספקים".

יהודה הלוי, וואָס האָט דערקלערט „מה בין אלהי אברהם ואלהי אריסטו"[1], וואָרעם „די תורה מן השמים האָט אַנטפּלעקט אַ סך געטלעכע סודות, וואָס דער מענטשלעכער שכל איז ניט אימשטאַנד דערגרייכן צו זיי מיט בלויזער חקירה". און אָט די דאָזיקע סודות, וואָס דעם מענטשנס שכל קאָן ניט משיג זיין, ליגן באַהאַלטן אין די אותיות פונם שם המפורש און אין די אַנדערע געטלעכע שמות (בסוד שם המפורש ושאר שמות המקובלים); און דער שליסל פון די דאָזיקע סודות ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור, פון די נביאים ביז צו די בעלי הקבלה[2]. ער איז בכלל ניט מסופק, אַז דער בעל „הזוהר" איז דער געטלעכער תנא בן יוחאי[3], און אַז די קבלה איז די טיפסטע חכמה, און קיין אַנדער חכמה קאָן זיך צו איר ניט גלייכן. „זי, די חכמת הקבלה — רופט אויס דער רשב"ץ מיט התפעלות — זי איז די איינציקע חכמת האמת, זי, די ריינע און אומפאַר־גלייכלעכע, זי איז די חכמה פון אונזערע נביאים, נאָר זי דערנעענטערט דעם מענטשן צו גאָט, זי איז דער שטאָלץ און דער ליכטיקער גלאַנץ פון דער מענטשהייט, זי אַנטפּלעקט די טיפע סודות פון „מעשה בראשית", און מיט „צירופי אותיות"[4] באַלייכט זי די וווּנדערבאַרע וועגן פון „מעשה מרכבה". קענען איר זיינען אַלע אַנדערע חכמות בלויז אַנפּאַנגע־שטאַפּלען, זי איז די האַרין, און זיי אַלע אירע דינסטן"[5]. אַלס גרויסער תלמודי און גוטער קענער פון פילאָזאָפיע, רעדט דער רשב"ץ מיט גרויס הדרת הכבוד וועגן דעם רמב"ם. ער האַלט אים אָבער גרויס בלויז אַלס פּוסק און דענקער, און וויל בכלל ניט אָנערקענען זיין אויטאָריטעט אין פראַגן וועגן רעליגיעזער עטיק. אויף דעם געביט, אין „דברים שבלב",

---

1 דאָרטן, 4.

2 דאָרטן, 30, עמ' א': „כי היא (תורה מן השמים) גלתה לנו מסורת האלהית מה שלא יגיע אליו מחקר שכל האנושי עמו שהוא נרמז בסוד שם המפורש ושאר השמות המקובלים ביד הנביאים והחכמים המקובלים מהם".

3 זע, למשל, זיינע שו"ת, II, נומ' 128; III, נומ' 20.

4 וועגן די סודות פון „צירופי אותיות" זע זיינע שו"ת, III, נומ' 54, 55, 56 און פילע אַנדערע.

5 דאָרטן, II, נומ' 52. „כי החכמה הפנימית אשר אין בה תרמית ומעלתה על שאר החכמות גדולה, היא חכמת האמת חכמת הקבלה, היא חכמת נביאינו ובה מתנשאים נשיאינו, היא היא חכמת התורה אשר מכל סיג טהורה, בה יתקרבו לאל בני אדם, היא זיום, היא הדרם, היא הודם, היא תאיר במעשה בראשית נתיבה, היא תגלה חדרי מרכבה, תודיע סוד חשמל, וכל עיון בו בזולתה עָול, ובפירוש השמות תגלה לנו תעלומות ופלואות, ובצירוף האותיות גוטריקונות וגימטריאות... ושאר החכמות אינם רק שיחות, ואליה המה פתוחות, ואם היא גברת — המה שפחות".

אין פראַגן וועגן אינטימע נשמה־איבערלעבונגען, ווו עס האַנדלט זיך וועגן התלהבותדיקער באַגייסטערונג, הייסע האָפענונגען און זיסע חלומות — דאָ ווענדט זיך דוראַן ניט צום בעל „המורה״, נאָר צו די מענטשן פון גרויסן עקסטאַז און ברענענדיקן פּאַטאָס — צו די פאַרחלומטע מיסטיקער. גלייך ווי דער אפודי, אַזוי ווענדט זיך אויך שמעון דוראַן גאַנץ אָפט צום באַגייסטערטן באַשעפער פונם „כּוזרי״[1] און נאָך עפטער צו די בעלי קבלה מיט רבנו משה בן נחמן בראש, וועלכן דער רשב״ץ רופט ניט אַנדערש ווי „מלאך אלהים״[2]. אויפן רמב״נס אויטאָריטעט שטיצט זיך דער רשב״ץ בעת ער רעדט וועגן ביאת המשיח[3], גילגול הנפש[4] און אַנדערע פראַגן. דוראַן קאָן בשום אופן נגט מסכים זיין מיט דעם רמב״מס און רלב״גס דעה, אַז די געטלעכע השגחה איבער דעם מענטשן איז לויט דער מדרגה פון דעם מענטשנס שלמות אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, און אַז גאָט כּביכול ווענדט אָפּ זיין אָנגעזיכט ניט נאָר פון רשעים און אין זינד באַפלעקטע, נאָר אויך פון די, וואָס האָבן זיך ניט געפלייסט צו שאַרפן דעם פאַרשטאַנד און דערווערבן וואָס מער „מושכּלות״[5]. דעם רמב״מס רייד וועגן דער דאָזיקער פראַגע געפינט דוראַן פאַר „טונקל און אומבאַגרייפלעך״ (סתומים וחתומים); מיט נאָך מער אומצופרידנקייט רעדט דוראַן וועגן דעם רלב״גס שיטה און זיינע השערות וועגן דעם „שכל הנקנה״. דוראַן נוצט דערביי אוים די שאַרפע ראיות פון קרשקשן[6], ער דערמאָנט אים אָבער ניט ביים נאָמען. דוראַן איז, ווי עס שיינט, בכלל ניט געווען פון קרשקשם חסידים. אין דעם רייסטער פון זיינע 14 חיבורים, וואָס דוראַן האָט אַלס 80יאָריקער זקן צונויפגעשטעלט[7], ווייזט ער אָן, אַז ער האָט אין 1439 אָנגעשריבן אַ פּאָלעמיש ווערק „אור

---

1 וועגן יהודה הלוים השפּעה אויף שמעון דוראַן, זע גוטמאַנס פריער ציטירטע אַרבעט, 1908, 671—2.

2 „מגן אבות״, חלק ג׳, 88 עמ׳ ב׳: „עד כאן דברי הרב הקדוש אדוננו הרמב״ן ז״ל והם דברים טהורים קדושים כראוי למלאך אלהים כמוהו״.

3 דאָרטן, 88—92.

4 דאָרטן, זע אויך דעם רשב״צס שו״ת, II, נומ׳ 1, „מגן אבות״, חלק ג׳, 83—84.

5 „אוהב משפּט״, קאַפּ׳ 18, דף כ״ו, עמ׳ א׳: „וזהו דרך אלו החכמים בענין זה והיא ענין ירחיקהו העיון שיהיה דין מי שמרד והפליג בעול כדין מי שישב ובטל לו מלהשיג המושכלות להיות נידונין שניהם בהסתר פנים, זה וגם בענין איכות דבקות ההשגחה הוו אין דבריהם מתקבלים אל הדעת ודברי הרב ז״ל סתומים וחתומים״.

6 „מגן אבות״, 82, 86.

7 דער דאָזיקער רייסטער איז אָפּגעדרוקט אין סוף פון זיינע שו״ת, אַמסטערדאַמער אויסגאַבע, 1734.

החיים״ קעגן קרשקש „אור ה׳״. מיט אַ יאָר שפּעטער, שטרייכט דאָן דוראַן אונטער, האָט ער אויף דער זעלבער טעמע נאָך צוויי קליינע אַר־בעטן פאַרפאַסט. די דאָזיקע ווערק זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען, עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז דוראַן האָט פּאָלעמיזירט ספּעציעל קעגן די אָנשויונגען אין „אור ה׳״, ווו קרשקש טרעט ארויס ניט אַלס טעאָלאָג, נאָר אַלס פרייער דענקער, וואָס זוכט נייע וועגן. דאָך איז דוראַן גאַנץ ווייט פון דעם פאַנאַטיקער שם־טוב בן שם־טוב, ער זאָל דערקלערן די פרייע דעות פון די יידישע דענקער פאַר שעדלעכע אפּיקורסות. דאָ באַ־רירן מיר דעם אינטערעסאַנטסטן פּונקט פון דוראַנס וועלטאַנשויונג — זיין פאַרהאַלטן זיך צו דער דאָגמאַטיק, צו די „עיקרים״ פון דער יידישער אמונה.

אין דער גאַנץ ברייטער הקדמה צו זיין פּירוש אויף „איוב״[1] קריטיקירט דוראַן, ווי אויך קרשקש אין „אור ה׳״, דעם רמב״מס „שלשה עשרה עיקרים״. צווישן די רעליגיעזע דאָגמען אונטערשיידט דוראַן די פונדאַמענטאַלע יסודות, וואָס הייסן ביי אים „אָבות״, און דאַן די אַזוי גערופענע „תולדות״, וואָס זיינען בלויז לאָגישע פועל־יוצאס פון די פונדאַמענטאַלע „אָבות״. רעכנט מען ביידע גרופּעס צוזאַמען, דאַן איז זייער צאָל, לויט דוראַנס מיינונג, פיל מער פון דרייצן; גרונט־יסודות אָבער, וואָס זיינען די „אָבות״ פון אַלע איבעריקע, דאַרף מען רעכענען בלויז דריי: 1) מציאות האל — אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, 2) אַז די תורה איז געגעבן מן השמים, און 3) דער גלויבן אין שכר ועונש, אָדער ווי עס הייסט ביי דוראַנען, האמונה בגמול — דער גלויבן, אַז געצאָלט און געמאָסטן ווערט אַלץ. נאָר ניט וועגן דער צאָל פון די גרונט־דאָגמעס איז די גאַנצע פלוגתא צווישן דוראַן און דעם רמב״ם. דוראַן טרעט הויפּטזאַכלעך ארויס קעגן דעם געדאַנק, אַז ווער עס אָנערקענט ניט איינעם פון מיימונים „שלשה עשרה עיקרים״ — דער הייסט אַן אַפּיקורס און אַ כופר בעיקר. מיר ווייסן דאָך — ווייזט דוראַן אָן — אַז צווישן די חכמי התלמוד זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געלייקנט אין ביאת המשיח[2], האָט מען זיי דען דערפאַר באַשולדיקט אין אַפּיקורסות? ניט זיי און אויך ניט די, וואָס האָבן דערקלערט, אין פולער סתירה מיט דער אַלטער יידישער מסורה, אַז די וועלט איז אַ קדמון, אָדער

---

[1] דעם דאָזיקן פּירוש „אוהב משפט״ האָט דוראַן פאַרפאַסט אין 1405. געדרוקט אין ווענעדיק אין 1590.

[2] דורך מיינט דאָ הלל דעם צווייטנס שפּראַך: „אין להם משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי חזקיה מלך יהודה״ (סנהדרין, דף צ״ח עמ׳ א׳).

אז פאר אונזער וועלט האבן שוין עקסיסטירט פיל אנדערע וועלטן (שהקב"ה היה בונה עולמות ומחריבן)[1]. מען קאן דא ניט קומען מיט דער טענה, — זאגט ווייטער דוראן — אז ווער עס לייקנט אין חידוש העולם, דער איז אויך סותר דעם גלויבן אין ניסים. „די תורה קאן אונז ניט צווינגען, מיר זאלן גלויבן אין פאלשע דעות!"[2] פארנעמען מיר זיך מיט דער פראבלעם וועגן „מעשה בראשית", דארפן מיר זוכן נאר דעם ריינעם אמת, ניט אין זינען האבן דערביי קיין שום זייטיקע פניות[3]. און וויבאלד עס וועט טאקע דערוויזן ווערן מיט פעסטע ראיות, אז די וועלט איז א קדמון, וועט מען דעמאלסט אויך אויסטייטשן אין דעם זין די באטרעפנדיגע פסוקים אין דער תורה, ווי מיר טוען דאס אויך ביים פארטייטשן די ערטער, וווּ עס ווערט גערעדט וועגן גאט אין צו קערפער־לעבע אויסדריקן[4]. אזא ארט אויסטייטשן דעם פשט געפינט דוראן פאר גאנץ בארעכטיקט. דער דאזיקער שטאנדפונקט טרעט ערשט ארויס אין זיין גאנצער לאגישער קאנסעקווענץ, בעת דוראן שטעלט די פראגע: ווער הייסט אן אפיקורס און כופר בעיקר, און ווער בלויז א פארבלאנדזשעטער? דער ענטפער אויף דער דאזיקער פראגע איז העכסט מערקווערדיק פאר א מיטלאלטערלעכן גאטספארכטיקן רב. אן אפיקורס הייסט לויט דוראנס מיינונג בלויז דער, וואס איז באוווּסטזיניק „מקציץ בנטיעות" און דערקלערט א קאמף קעגן דעם יידישן גלויבן, ווי, למשל, אלישע בן אבויה, וועלכער האט עפנטלעך געפרעדיקט וועגן צוויי „רשויות", און דערביי זייער גוט געוווּסט, אז ער גראבט דערמיט אונטער דעם גרונט־יסוד פון אונזער תורה, וואס לערנט, אז „ה' אלהינו ה' אחד". גאר אנדערש איז אבער מיט אזעלכע פארשער, וואס שטייען פעסט אויפן באדן פון אונזער אמונה. זיי זוכן דעם אמת, דעם ריינעם אמת, און צו וואסערע פועל־יוצאס זיי זאלן ניט קומען — קומט זיי אפילו ניט אויפן געדאנק, אז דער פון זיי דערגרייכטער אמת קאן זיך געפינען אין סתירה מיט די געטלעכע ווערטער פון דער הייליקער תורה. זיי זיינען פולשטענדיק איבערצייגט, אז מיט זייער אמת שטימט פולשטענדיק איין דער פשט פון דער תורה,

---

1 „אוהב משפט", קאפ' 9, 14—15.

2 דארטן, 15: „התורה לא הכריחנו להאמין דעת כוזב".

3 „מגן אבות", חלק ג', 93, עמ' ב': „ונאמר אנחנו כי אמונת החדוש אנו צריכים אליה מפני האמת בעצמו... לא מפני דבר אחר... ואין עיקר האמונה בחדוש כדי שיתאמתו הנסים ואין צריך לחומה זו".

4 „אוהב משפט", 15: „ואלו התבאר לנו במופת שהעולם הוא קדמון היינו מוציאים הפסוקים המורים על החדוש מפשוטן כמו שעשינו בפסוקים המורים על התגשמה".

אז נאר אזוי און אנדערש קאן גאר דער פשט ניט זיין. זאל זיין, אז די דאזיקע פארשער גרייזן, און זייערע אויספירן זיינען פאלש, זאל זיין, אז זייערע דעות געפינען זיך אין פולער סתירה מיט דער מסורה, אבער — זיי גלייבן דאך אין דעם אמת פונם לעבעדיקן ווארט אין דער הייליקער תורה, און זיי זיינען ניט קיין אפיקורסים און כופרים בעיקר. און זאל אונז גאט היטן, רופט דוראן אויס, מיר זאלן דערקלערן פאר אפטריניקעס די, וואס זיינען זיך טועה און גלויבן ניט אין „חידוש העולם", אדער וואס מיינען, אז די נבואה וועגן „ימות המשיח" איז שוין מקויים געווארן „בימי חזקיהו". מיר קאנען און טארן אויך ניט באשולדיקן אין אפיקורסות דעם רמב"ם, דערפאר וואס ער מיינט, אז די מעשה וועגן בלעמען מיטן אייזל איז בלויז א משל, אדער דעם רלב"ג, דערפאר וואס ער גלויבט אין „קדמות החומר". מען קאן אויך דערפאר בשום אופן ניט מסכים זיין מיטן רמב"ם בעת ער דערקלערט פאר כופרים די „מגשימים", ד"ה די, וואס באקליידן גאט מיט קערפערלעכע אייגנשאפטן. אמת, די דאזיקע מענטשן זיינען זיך טועה, זיי זיינען אבער ניט קיין כופרים, ווארעם זיי זיינען פעסט איבערצייגט, אז זיי בלייבן טריי דער יידישער אמונה און רוען אונטער איר שוץ [1].

די דאזיקע אנשויונגען, וואס דוראן זאגט ארויס אין דער הקדמה צו זיין „אוהב משפט", האט ער ווייטער אנטוויקלט אין זיין הויפטווערק „מגן אבות" [2], אין וועלכן ער האט פאר זיך געשטעלט א דאפלטע אויפגאבע: זיין א סניגור פאר דער יידישער אמונה, באשיצן זי פאר די בילבולים פון אירע גיפטיקע שונאים, און דערביי טאקע געבן דעם אייגענעם פאלק אין פאפולערער פארם א קלארן און געלייטערטן באגריף וועגן די גרונט־אנשויונגען פון דער יידישער רעליגיעזער וועלט. אין הסכם מיט דוראנס לערע וועגן דריי גרונט־עיקרים אין דער יידישער אמונה, באשטייט אויך זיין ווערק אויס דריי טייל [3]. דער ערשטער טייל באהאנדלט דעם ערשטן יסוד — וועגן דער עקסיסטענץ פון גאט און די פיר „תולדות", וואס זיינען מיט איר פארבונדן: 1) מציאות האל, 2) גאטס איינציקייט, 3) גאטס אייביקייט און 4) גאטס אטריבוטן. דער צווייטער טייל, וואס טראגט אן אונטערקעפל „חלק שוסינו", און בא־

---

1 „אוהב משפט", קאפ' 91, 14—15.

2 פארפאסט זיין 1423—5, געדרוקט אין ליווארנא אין 1785.

3 דער פערטער טייל, א פירוש אויף „פרקי אבות", איז פאקטיש א חיבור פאר זיך, געשריבן אין א הייכן הארציקן טאן, פול מיט דברי מוסר.

האנדלט די דאָגמע וועגן תורה מן השמים, טראָגט א ריין אַפּאָלאָגעטישן כאַראַקטער. דער פאַרפאַסער פירט דאָרט וויכוחים מיט די קאַראַימען, דאַן מיט קריסטלעכע און מוסלמענישע טעאָלאָגן. באַזונדערס שאַרף טרעט ער אַרויס קעגן דער דעה פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן, אַז זינט דאָס עוואַנגעליום איז געשאַפן געוואָרן, האָט שוין די יידישע אמונה איר גאַנצן ווערט אָנגעוווירן [1]. דער דריטער און גרעסטער טייל באַהאַנדלט אַלס „תולדות”, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער לערע וועגן שכר ועונש, די פיר רעליגיעזע פראַגן: 1) וועגן גאָטס אַלוויסן, 2) וועגן גאָטס השגחה, 3)וועגן ביאת המשיח, 4) וועגן תחית המתים.

דוראַן האָט געהאָפט, אַז זיין „מגן אבות” וועט ווערן א אמת פאָלקס־בוך. זיין האָפענונג איז אָבער ניט מקויים געוואָרן. דוראַנס בוך איז באַלד פאַרדרענגט געוואָרן דורך אַן אַנדער אַפּאָלאָגעטיש ווערק, וואָס ס'איז ערשינען גלייך נאָך דעם „מגן אבות”, און ס'האָט זוכה געווען צו ווערן איינס פון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע ווערק ביי יידן. דאָס איז דער „עיקרים” פון חסדאי קרשקשס תלמיד יוסף אַלבאָ [2].

ניט בלויז מענטשן, נאָר אויך ביכער האָבן א פאַרשיידן מזל. און אויסטערליש פאַרפּלאָנטערט זיינען דעם מזלס וועגן. קרשקשס טיף און מאָנומענטאַל ווערק איז בלויז איין מאָל געדרוקט געווען (1556), און דערנאָך גאַנצע דריי הונדערט יאָר געמוזט וואַרטן אויף א נייער אויסגאַבע. אינם לאַנגן משך פון די הונדערטער יאָרן איז דער בעל „אור ה'” אַזוי גרינטלעך פאַרגעסן געוואָרן, אַז אפילו אַזא אויסגעצייכנטער קענער פון יידישער פילאָזאָפיע ווי שלמה מונק, האָט אין זיין געשיכטלעכער

---

1 דער פערטער קאַפּיטל פון דעם צווייטן טייל, וואו דוראַן קריטיקירט שאַרף די קריסטלעכע לערע, האָט די צענזור פאַרבאָטן, און ער פעלט אין ליוואָרנער אויסגאַבע. דוראַנס זון, שלמה, האָט דעם דאָזיקן קאַפּיטל אַריינגעשטעלט אונטער א באַזונדערן נאָמען „קשת ומגן” אין זיין ווערק „מלחמת מצוה”. ער איז אויך דערנאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם פּאָלעמישן זאַמלבוך „מלחמת חובה” (38—60). דער טייל פון דוראַנס ווערק, וווּ ער פּאָלעמיזירט מיט די מוסולמענישע געלערנטע טעאָלאָגן, האָט שטיינשניידער פאַרעפנטלעכט אונטער דעם נאָמען „סתירת אמונת הישמעאלים” (אין „אוצר טוב”, 1881, 1—35). דאָרט איז אויך פאַרעפנטלעכט די דייטשע איבערזעצונג (Islam u. Judenthum, Magazin etc. 1880).

2 מיר באַזיצן גאַנץ קנאַפּע ידיעות וועגן זיין לעבן. עס איז בלויז באַקאַנט, אַז ער איז א געבאָרענער אויס מאָנרעאַל (אין אַראַגאָניע) און אַז ער האָט נאָך אַלס יונגערמאַן אָנטייל גענומען אין דעם היסטאָריש־באַוואוסטן וויכוח אין טאָרטאָזע (1413—14). זיין ווערק האָט ער פאַרענדיקט אין 1428 אין אָריא, וווּ ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס פּרעדיקער. געשטאָרבן איז ער לויט אייניקע קוועלן אין 1444.

ארבעט קרשקשס נאָמען ניט דערמאָנט [1]. שמעון דוראן האָט געשמט אין די שפּעטערדיקע דורות אַלס גרויסער תּלמודי, אָבער זיינע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק זיינען כּמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן. גאַנץ אַנדערש האָט אויפגעשיינט דאָס מזל פון יוסף אַלבאָס „עיקרים”. דער „עיקרים” איז איינס פון די ערשטע יידישע ווערק, וואָס ס'האָט דעם דרוק־וואַרשטאַט דערזען; מען האָט עס דערנאָך פיל מאָל איבערגעדרוקט, אַ דור נאָך אַ דור האָט זיך מיט אַלבאָס הקירהספר געקוויקט, מען האָט אויף אים אַ סך פּירושים געשריבן [2], אין לויבלידער באַזונגען [3], אויף אַנדערע שפּראַכן איבערגעזעצט, און עס האָט זיך אַפילו אַ פאָרשער געפונען (ש. באַק), וואָס האָט מיט התפּעלות דערקלערט דעם בעל „העיקרים” אַלס „דעם ערשטן יידישן דענקער, וועלכער האָט דעם מוט געהאַט צו מאַכן אַ פּשרה צווישן דער רעליגיע און פילאָזאָפיע און דערוויזן, ווי ענלעך זיי זיינען איינס צום אַנדערן...” [4]

און דאָס אַלץ ניט קוקנדיק דערויף, וואָס שוין אין סוף פונם פופצנטן יאָרהונדערט האָט יעקב אבן חביב, דער פאַרפאַסער פון דעם אַלעמען באַוווּסטן „עין יעקב”, עפנטלעך באַשולדיקט דעם בעל ה„עיקרים” אַלס פּלאַגיאַטאָר, באַווייזנדיק מיט וואָגיקע ראיות, אַז אַלבאָ האָט שטאַרק אויסגענוצט זיין רביס ווערק (דעם „אור ה'”), און ערגעץ ניט דערמאָנענדיק קרשקשס נאָמען אַפילו [5]. און אַז אבן חביבס באַשולדיקונג האָט טאַקע אַ פעסטן יסוד, האָבן אין דער נייער צייט דערוויזן מ. יואל [6] און דערנאָך ה. פלענסבערג אין זיין פּירוש אויף „אור ה'” (ז' 22). דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער בעת מען פאַרגלייכט דעם „עיקרים” מיט שמעון דוראַנס ווערק. פריער ה. יהולום [7] און נאָך אים י. גוטמאַן [8], האָבן באַוויזן טויט ביי טריט, ווי אַזוי אין די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס

---

1 S. Munk, Melanges, 461—511

2 יעקב בן קאָפּעלמאַן אין 1584, גדליה ליפשיין אין 1761 אין אַנדערע.

3 יהודה אַריה די מודינה אין גדליה ליפשיצס איינאַבע.

4 זע יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע, II, 117.

5 „עוד השב (ר' יוסף אַלבאָ) לגנוב לב התלמידים... מצינו בספרו זה דברים ערבים ובדרש מתוקים כתובים בספר „אור ד'” שיסד הרב ר"ח (רבי חסדאי) והוא אינו מזכיר דבר בשם אומרו אלא כמשנה את טעמו להעליהו כותב ההיא כאלו היא מסיח לפי תומו” (מיר ציטירן נאָך יואלן, אין זיין אַרבעט וועגן קרשקש, ז' 78).

6 דאָרטן, 76—78.

7 „מאָנאַטסשריפט”, 1874, 457—403.

8 דאָרטן, 909, 5860, 67—69.

בילדן די ווינקלשטיינער פון זיין גאנץ ווערק (ווענן די דריי גרונט־יסודות פון דער אמונה, ווענן שכר ועונש אאז״וו) נוצט דער בעל ה„עיקרים״ זיער געטריי אויס דעם רשב״ץ, ערטערווייז אפילו וואָרט ביי וואָרט, און טאָקע אָלץ ניט „בשם אומרו״, אין ערגעץ ניט דערמאָנענדיק אפילו דעם רשב״צס נאָמען [1]. עס טרעפט אויך ניט זעלטן, ווען אלבאָ ווערט נכשל: די ראיות און דעות, וואָס ער ברענגט אויף זיין אייגענעם חשבון, געפינען זיך אין פולער סתירה מיט די גרונט־געדאנקען, וואָס ער האָט גענאַשט ביי אנדערע, און ניט זיי אויס פאַר זיינע אייגענע. ער חזרט, למשל, כמעט ווערטלעך איבער [2] דעם רשב״צס גלענצנדיקע שטעלע, ווי יענער דער־קלערט, ווען מען קען רעכענען פאַר א כופר ומין און ווען ניט; ווייטער פאַרגעסט אָבער אלבאָ אין דעם דאָזיקן פונדאַמענטאַלן זאַץ, און רעכנט אויס [3] גאַנצע זעקס „אמונות״, וואָס געהערן אפילו ניט צו די „עיקרים״ פון דעם יידישן דת, דאָך איז יעדער ייד מחוייב אין זיי צו גלויבן, אלא ניט ווערט ער פאַררעכנט פאַר א „מין״, וואָס „אין לו חלק לעולם הבא״. און דאָ דערקלערט אלבאָ פאַר א „כופר בעיקר״ אויך דעם, וואָס איז פון די „מגשימים״ און באַקליידן גאָט מיט קערפּערלעכע פאָרמען.

און דאָך איז דער „עיקרים״ א גאַנץ באַדייטנדיקע דערשיינונג אויפן געביט פון יידישער טעאָלאָגיע. זיין פּראָפעסער איז טאָקע געווען ניט קיין אָריגינעלער דענקער און שריפטשטעלער, דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אין באַדייטנדיקער מאָס דאָס, וואָס ס׳האָט געפעלט ביי קרשקשן און אויך ביי דוראַנען: א טאַלענט פון א אויסגעצייכנטן סיסטע־מאַטיקער און גלענצנדן פּאָפּולאַריזאַטאָר. א געניטער בעל־דרשן, באַ־האַנדלט אלבאָ די רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען אין אזא קלאָרער פּאָפּולערער פאָרם, אַז זיי ווערן „שוה לכל נפש״, צוגענגלעך און פאַר־שטענדלעך פאַר יעדן באַזונדער. אלבאָ האָט ניט באַרייכערט דעם יידישן רעליגיעז־פילאָזאָפישן געדאַנק, דערפאַר אָבער האָט ער געגעבן דאָס, וואָס קיינער ביז אים האָט ניט געגעבן: די יידישע רעליגיעזע וועלטאַנשויונג

---

1 גוטמאַן האַלט אַפילו נייטיק אָנצומערקן, אַז ביי דער פראַגע וועגן שכר ועונש ברענגט דאָך אַלבאָ איין ראיה, וואָס זי איז ביי דוראַנען ניט פאַראַנען (וועגן דער לייטרונג, וואָס דעם מענטשנס נשמה באַקומט דורך יסורים של אהבה). גוטמאַן האָט אָבער א טעות בעת ער מיינט, אַז אלבאָ איז אין דעם פרט זעלבשטענדיק. אויך די ראיה האָט דער בעל ה„עיקרים״ גענאַשט ביי א אַנדערן, אמת, ניט ביי דוראַנען, נאָר ביי קרשקשן (זע פריער קאַפּ׳ 4).

2 „עיקרים״, ו, קאַפּ׳ 2.

3 דאָרטן, קאַפּ׳ 23.

אלס א גאנצן בנין, אלס איינהייטלעכע סיסטעם, און דאס ניט אין פארם פון א מין חקירה־ספר, נאר אלס פאלקסבוך, דורכגעדרונגען מיטן הארציקן מאן פון א באגייסטערטן פרעדיקער.

מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, ווי אלבא גייט ארויס פון דוראנס שטאנדפונקט, אז יעדער דת איז געבויט אויף דריי גרונט־פרינציפן (עיקרים): 1) מציאות השם, 2) תורה מן השמים און 3) שכר ועונש[1]; ניט יעדער אמונה אבער, זאגט אלבא, וואס אנערקענט די דריי עיקרים, קאן שוין דורכדעם גערעכנט ווערן אלס ריכטיקער און אמתער גלויבן. דער אמת געטלעכער גלויבן (דת אלהית) איז נאר דער דת, וואס אנערקענט צוזאמען מיט די דריי עיקרים אויך די „ווארצלען" (שרשים) און „צווייגן" (ענפים), וואס זיינען לאגישע פועל־יוצאס פון די דאזיקע דריי גרונט־יסודות. למשל, אוים דעם גרונט־פרינציפ „מציאות האל" שפראצן ארוים פיר תולדות: גאטס פולשטענדיקע איינציקייט, גאטס אבסאלוטע רוחניות, זיין אומאפהענגיקייט פון צייט און זיין פולשטענדיקע שלמות. מיט די תולדות געפינט זיך אבער אין שטארקער סתירה די לערע וועגן דריי־איינִיקייט, וועגן גאטס פארקערפערונג אין מענטשלעכער געשטאלט אאז"וו. די צווייטע דאגמע — תורה מן השמים, איז אויך, לויט אלבאס מיינונג, ענג פארבונדן מיטן באגריף וועגן ידיעת השם — אז גאט איז אלוויסנדיק, דאן מיט דער לערע וועגן געטלעכער אנטפלעקונג דורך נבואה און אויך מיטן כלל, אז תורת משה איז גילטיק פאר אלע צייטן[2]. אט דער לעצטער פונקט, אז תורת משה איז גילטיק פאר אלע צייטן (הדת האלהית אי אפשר לה שתתחלף בהתחלף הזמנים, אבל מחויב לה שתהיה נצחית) האלט אלבא אוים פאלעמישע צוועקן פאר נייטיק באזונדערם אונטערצושטרייכן; אין משך פון גאנצע עלף פרקים באהאנדלט אלבא די דאזיקע פראגע[3] ביז ער קומט צום אויספיר, אז „תורת ה' תמימה בכל דור ודור בלתי חסרה דבר". אלבא באנוגנט זיך אבער ניט דערמיט, ער וויל אויך דערווייזן, אז נאר דער יידישער דת גרינדעט זיך

---

1 דערפאר איז אויך אלבאס ווערק, ווי דוראנס „מגן אבות", איינגעטיילט אין דריי חלקים, לויט דער צאל פון די עיקרים. זיי גיים נאך פאראויס אלס ארייגפיר א באזונדערער טייל, וואס אלבא האט אים לכתחילה אנגעשריבן אלס זעלבשטענדיק ווערק. נאר ערשט שפעטער, דערציילט אלבא גופא (ביים שלוס פונם ערשטן טייל), האט ער לויט דער פאדערונג פון זיינע גוטע פריינד באארבעט די דארט באריטע פראגן אין גאנצע דריי באזונדערע טיילן.

2 דארטן, I, קאפ' 13.

3 דארטן, III, קאפ' 13—23.

אויף דער אמתער מסורה, נאָר ער אָנערקענט די דריי גרונט־פּרינציפּן (עיקרים) מיט אַלע זייערע לאָגישע אויספירן; און דערביי קריטיקירט ער שאַרף אין פאָרם פון א וויכוח מיט א קריסטלעכן טעאָלאָג (חכם אחד מחכמיהם) די קריסטלעכע אמונה. די שפּעטערדיקע קריסטלעכע צענזור האָט אפילו געהאַלטן פאַר נייטיק צו אַסרן די דאָזיקע פּאָלעמישע פּרקים (III, קאַפּ' 25—26), און באַפוילן אירע אָגענטן אויסצורייסן פון אַלע געדרוקטע עקזעמפּלאַרן די אַפּיקורסישע בלעטער [1].

אין וואָס באַשטייט אָבער דער העכסטער תכלית פון דעם דת און אויך דער העכסטער ציל פונם מענטשן (עיקר תכלית האנושי)? [2] די זעלבע פראַגע, ווי מיר ווייסן, האָט שוין געשטעלט חסדאי קרשקש. אין אַלבאָס ענטפער פעלט די טיפקייט און חריפות פון זיין רבין, דאָך איז אויך אַלבאָס ענטפער זייער אינטערעסאַנט, ווייל אין אים שפּיגלען זיך גאַנץ בולט אָפּ די דעמאָלטיקע שטימונגען.

דער ציל פונם מענטשן באַשטייט אין זיין פאַרפולקומונג; און דער וועג פון מענטשנס שלימות באַשטייט ניט נאָר אינם כלל „ואהבת לרעך כמוך", נאָר אויך אין דער שטרעבונג ענלעך צו ווערן צום העכסטן סימבאָל פון שלימות — צו גאָט, וואָס האָט דאָך דעם מענטשן באַשאַפן בדמותו ובצלמו — לויט זיין בילד און געשטאַלט [3]. אין דער דאָזיקער שטרעבונג צו שלימות איז דער מקור פון אייביקער גליקזעליקייט; ניט אָבער בלויז אין וויסן און פילאָזאָפישן דענקען באַשטייט די העכסטע מדרגה פון שלימות. די פילאָזאָפן — זאָגט אַלבאָ — דרינגען, אז נאָר דורך אַבסטראַקטן דענקען און פילאָזאָפישער חקירה איז מען זוכה צו

---

1 מורטאַרא ברענגט אויס דעם „ספר הזיקוק" פאָלגנדיקן באַשלוס פון דער קאַטוילישער צענזור: „ס' העיקרים, מאמר ג', פרק כ"ה, ראוי למחוק כל הפרק לגמרי וליותר טוב יחתך מתוך הספר לגמרי" (זע „העבר. ביבליאָגראַפיע", V, 99). און בע האָט טאַקע דעם דאָזיקן פסק מקיים געווען. פון אַלע זעקס „עיקרים"־אויסגאַבן, וואָס זיינען שוין ביז דעמאָלט געווען געדרוקט, האָט מען די אַפּיקורסישע בלעטער אויסגעשניטן, און אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן האָט מען שוין דעם באַטרעפנדיקן פרק געדרוקט מיט שטאַרקע פאַרקירצונגען. פולשטענדיק האָט אים פאַרעפנטלעכט ערשט אין דער נייערער צייט (1876) אין ליוואָרנאָ יוסף יראַ אין „וויכוח על נצחיות התורה".

2 „עיקרים", III, קאַפּ' 2.

3 דאָרטן, I, קאַפּ' 34: „הנה ביארו מזה שהתורה האלהית ראויה שתכלול שני אלו הענינים, את הסרת העול והחמס מבין אנשי המדינה הנרמז בואהבת לרעך כמוך ואת הערת האנשים אל השלמות האנושי הנרמז בפסוק זה ספר תולדות אדם שיכתוב בו ביום ברוא אלהים אדם בדמות אלהים עשה אותו שבאר שיש באדם צורה אנושית היא בדמות אלהים ועל כן ראוי שיזהר שלא יבזה אותה לא בעצמו ולא בחברו וישתדל בהשארותה והדבקה בעליינים במקום אשר ממנה חוצבה".

השארת הנפש. דערצו זיינען אבער מסוגל בלויז איינער פון טויזנט, גע־צײלטע יחידים פון א גאנץ דור; די אבער, וואס דערגרייכן ניט צו אזא הויכער מדרגה פון וויסן, זיינען זיי צו די בהמות געגליכן, און ווי די בהמות גייען די מיליאנען מענטשן פארלוירן. א גאנץ דור עקסיסטירט בכן בלויז פון איינציקע דענקער וועגן, ווי אפלטון און סאקראט למשל. איז אבער א דור אזוי פאריתומט, אז ס'האט קיין באדייטנדיקן דענקער ניט געבוירן, האט דעמאלט דאס גאנצע מענטשנגעשלעכט קיין שום עקסיסטענץ־באַ־רעכטיקונג, און אויסגעמעקט ווערט זיין זכרון [1]. דער פילאזאף מיינט, זאגט ווייטער אלבא, אז נאר דער פילאזאפיש דענקענדיקער מענטש איז אומשטארבלעך, בלויז זיין נשמה באהעפט זיך מיט דעם דענקענדיקן גייסט, משה רבנו האט אבער געזאגט: „ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום" — איר א ל ע, וואס לעבט איצט, זייט איר באהעפט צו אייער גאט [2]. „די אמונה — פארזיכערט אלבא — אט דאס איז דער מקור פון אונזער גליקזעליקייט. אין איר איז דער יסוד פון אונזער אייביק לעבן (האמונה סבת ההצלחה וכן היא סבת החיים הנצחיים). דער מענטש איז דאך ניט אויס גאלע רוחניות, ער איז א בשר־ודם, פעסט פארבונדן מיטן חומר, דערפאר קאן ער ניט דערגרייכן קיין אמתע שלימות אן אקטיווע מעשים. דורך מעשים־טובים, שטרייכט אלבא מערערע מאל אונטער, דורך טאן דאס גוטע און גערעכטע אויס ליבע צו גאט דעם באשעפער, דורך דערפילן מיט גרויס ליבשאפט גאטס ווילן און געבאטן אין פראק־טישן לעבן — ליגט דער וועג פון דעם מענטשנס שלימות" [3]. „די ליבע צו גאט — חזרט אלבא איבער דעם זאץ פון זיין רבין — איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה (האהבה אל השם יתברך תכלית כל התורה). און קעגנזייטיק איז די ליבע: אויך גאט יתברך איז דורכגע־דרונגען מיט גרויס ליבשאפט צו די מענטשנקינדער, און ניט אומזיסט באטרעפט „אחד" בגימטריא „אהבה" [4]. און דאך, פירט אויס אלבא, ווי

---

1 דארטן, III, קאפ' 3: „ואם הוא אפשר ההשגה הנה אין ספק שלא יושג זה לכלל האנשים ולא לרובם אלא לאדם אחד מאלף או ליחיד בדור כאלו תאמר סאקראט ואפלטון ודומיהם, אבל שאר האנשים שלא השכילו כמותם ולא הגיעו למעלתם יהיו אצלם במדרגת החמור והחזיר אחר שלא הגיעו לפי דעתם אל התכלית האנושי ויהיה מציאות כלם לבטלה זולת האיש ההוא שהוא יחיד בדורו; ואם ימצא דור אחר שלא יהיה בו איש שלום כסוקראט דרך משל, יהיה אז מציאות כל המין לבטלה בזמן ההוא".

2 דארטן, I, קאפ' 21.

3 דארטן, III, קאפ' 4, 5, 27, 28.

4 דארטן, IV, קאפ' 45: „כי אהבה בגימטריא עולה לאחד". דאס הייסטביידע ווערטער באטרעפן איין און דיזעלבע צאל (13).

גרויס ס'זאָל ניט זיין די ליבע צום מענטשנגעשלעכט, דאָך איז זי ניט צו פאַרגלייכן צו דער ברענענדיקער ליבע, מיט וועלכער גאָט־ברוך־הוא באַגליקט זיין אויסדערוויילט פאָלק ישראל [1]. אמת, גרויס זיינען די ליידן פון פאָלק, אומענדלעך זיינען זיינע יסורים, דאָס זיינען אָבער בלויז „יסורים של אהבה", ליידן אַלס נסיון, וואָס פאַרשטאַרקן נאָך דעם בונד פון דער ליבע...

אַלץ שווערער און שווערער איז געוואָרן די לאַגע פון ייִדן אין שיינעם שפּאַנישן לאַנד; שטאָקפינסטערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל איבערן געטאָ. עס האָט זיך שוין געפילט דער שווערער, שטיקנדיקער שרעק פונם אָנקומענדיקן שטורעם, און נאָענט איז שוין געווען דער טאָג, ווען די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע וועלן איבער דעם גאַנצן לאַנד אויפלייכטן מיט זייערע טייוולאָנישע פלאַמען, און אָנגעפילט וועט ווערן דער חלל פון דער וועלט מיט די שרעקלעכע טויט־געשרייען פון די טויזנטער קרבנות, וואָס די גאָטספאַרכטיקע תליינים האָבן מיט די אומ־מענטשלעכע יסורים געפייניקט און אין פייער געוואָרפן אין נאָמען פון מענטשן־ליבע און אייביקער גליקזעליקייט... און אָט, אויף דער שוועל פון דער בלוטיקער דראַמע, איידער דאָס שפּאַנישע ייִדנטום איז געצוווּנגען געוואָרן ביז צום לעצטן טראָפּן אויסטרינקען דעם ביטערן בעכער פון ליידן און שאַנד, האָט דער בעל ה„עיקרים", דער פּרעדיקער יוסף אַלבאָ, מיט זיין ליבנדיקער האַנט זיינע ברידער דעם בעכער פון טרייסט דער־לאַנגט. „איר טאָרט ניט, איר דאַרפט ניט פאַרלירן די האָפענונג", דערמאָנט יעדעס מאָל יוסף אַלבאָ. אמת, גרויס זיינען די ליידן פון פאָלק, איבער יע־דער מאָס זיינען זיינע שמאַרצן; „מיר ווערן ווי די שאָף געשאָכטן (כצאן למאכל), אומדערטרעגלעך איז געוואָרן דער עול פון גלות און ווי שווע־רע וואָלקנס דריקן אויף אונז די צרות". מיר זיינען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט, מיר ווערן מיט די פיס געטראָטן, מיר ווערן געוואָרפן אין די טיפסטע אָפּגרונטן פון דערנידעריקונגען, אוממעגלעך איז אונז שוין נאָך נידעריקער צו פאַלן [2]. און דאָך דאַרפן מיר דעם יאוש פון אונזערע הערצער פאַר־טרייבן [3] — רופט אויס יוסף אַלבאָ — הבטחון, התקוה והתוחלת, בטחון

1 דאָרטן, III, קאַפּ' 37: „שאהבת השם יתברך אל ישראל יותר מכל אומה ולשון אינה כאהבת ההדמות ולא כאהבת הטבעית אבל אהבה בחירית נמשכת אל רצון האוהב בלבד בלי שום טעם, פנה הכתוב אהבת השי"ת אל ישראל בשם חשק".

2 דאָרטן, IV, פּרק 50: „ואחר שאנחנו בתכלית השפלות והדלות... רב שבענו בוז כשהגענו אל הקצה הזה שהוא בתכלית הבזיון... כי אי אפשר להגיע אל קצה יותר גדול ושפל בזה"...

3 דאָרטן, קאַפּ' 46—47.

און האָפענונג, אַז דאָס איז אונזער שוץ און שטיצע. ווייל מיר האָבן דערגרייכט די לעצטע שטופע פון שאַנד און דערנידעריקונג, ווייל מיר זיינען געשליידערט ביז צום לעצטן ראַנד פון אָפגרונט, דאַרפן מיר זיכער האָפן אויף באַלדיקע דערלייזונג; „צריכין לקבל החסד היותר גדול״ — דאַרפן און מוזן מיר באַשאַנקען ווערן מיטן גרעסטן גנאָד. וואָרעם גאָט איז דאָך דער גאָט פון גרויס גענאָד און גערעכטיקייט, דער גאָט פון חסד ואמת, פון ליבע און רחמים — ער וועט אונז באַווייזן, ער וועט אויס־גיסן זיין גרויסן חסד אויף אונז, זיינע פאַרחושכטע, פאַראומערטע קנעכט..

פעסט און שטאַרק, זאָגט ווייטער אַלבאָ, איז אונער בונד מיט גאָט, און כּל־זמן מיר טראָגן דעם צייכן פון דעם דאָזיקן בונד אויף אונזער לייב [1] — ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין אונזערע צרות און ליידן, מיר טאָרן דאָך די האָפענונג ניט פאַרלירן, אַז קומען וועט דער טאָג פון גאולה. מיר זיינען איצט גלייך צו אַ שווערן קראַנקן, וואָס ליגט אויפן טויטנ־בעט, מען איז זיך שוין מיאש פון אים, נאָר כּל־זמן עס צאַנקט נאָך אַ פונק פון לעבן, איז נאָך אַלץ אינגאַנצן די האָפענונג ניט פאַרלוירן. אַלע פעלקער אַרום אונז רעכענען אונז שוין פאַר פאַרלוירן, נאָר כּל־זמן מיר טראָגן נאָך דעם צייכן פון אונזער בונד מיט גאָט — ווייסן מיר אויף געוויס, אַז אין דער אומה איז נאָך דאָ לעבן, נאָך ניט אויסגעלאָשן איז די אַלטע קראַפט, זי וועט נאָך אויפשטיין צו נייעם לעבן [2].

די תחית האומה — די אויפלעבונג פון דער אומה איז אָבער פאַר־בונדן מיטן גלויבן אין ביאת המשיח. דאָ קומען מיר אין באַרירונג מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן פונקט אין אַלבאָס וועלטאַנשויונג. אַלבאָ איז ניט אינגאַנצן מסכּים מיט דוראַנען, אַז דער גלויבן אין ביאת המשיח קאָן ניט גערעכנט ווערן צו די גרונט־דאָגמען פון דער יידישער אמונה. דער בעל ה„עיקרים״ פּאָלעמיזירט אַפילו קעגן די אמונות, וואָס ביי זיי איז דער גלויבן אין דעם גואלס דערשיינען דער וויכטיקסטער ווינקלשטיין [3]. און דאָך רעכנט אַלבאָ, אַז גלויבן אין ביאת המשיח איז אַ חוב פאַר יעדן יידן, און ווער עס לייקנט אין אים, דער איז אַ „מין״, וואָס ווערט אָן זיין חלק עולם־הבא, ווייל דער דאָזיקער גלויבן איז געהייליקט פון דער מסורה, פון דעם גאַנצן היסטאָרישן עבר פונם יידישן פאָלק, און מיט אים איז

---

1 בריתו של אברהם אבינו — ברית מילה.

2 דאָרטן, IV, סוף קאַפּ׳ 45.

3 דאָרטן, I, קאַפּ׳ A, 15 און סוף קאַפּ׳ 23.

פארבונדן דער קיום האומה. ניט אינגאנצן קלאר און באוווסטזיניק, אבער דאך גאנץ באשטימט זאגט אלבא ארויס דעם געדאנק, אז דער גלויבן אין ביאת הגואל איז ניט קיין רעליגיעזער, נאר א נאציאנאלער סימבאל. ער וועט קומען, ער מוז קומען, דער לאנג דערווארטער גואל! „מיר ליידן דאך אזוי פיל פון די פעלקער ארום אונז", און מיר ווארטן און האפן אויף אים טריי און פעסט, „ווי דער טרייער וועכטער, וואס שטייט אויף דער וואך; ער ווארט אויפן קאיאר, און זיכער איז ער, אז פארביי וועט גיין די נאכט און קומען וועט דער ליכטיקער באגינען מיטן זונענשיין" [1].

און ניט נאר פאר דער יידישער אומה אליין וועט קומען דער גואל — ער איז דער וועלט־דערלייזער; און ליכט און שלימות וועט ער ברענגען דעם גאנצן מענטשנגעשלעכט! (שיבוא המשיח כדי שעל ידו יושלם המין האנושי וישיג תכליתו).

בעת מיר לייענען די דאזיקע הארציקע בלעטער, ווערט פאר אונז אנטפלעקט דער סוד, פארוואס אלבאס „עיקרים" איז געווען אזוי באליבט און טייער ביי די שפעטערדיקע דורות...

---

1 דרש, ע', קאפ' 47, 48, 50.

זעקסטער קאַפּיטל.

די קאַטוילישע קירך מיט אירע גזירות. — די יידישע פּרעדיקער. — אַפּאָלאָגעטן. — חיים בן כוסא און זיין „מגן ורומח". — יצחק נתן און זיין קאָנקאָרדאַנציע. — יוסף בן שם־טוב אַלס בעל־דרשן און פּאָלעמיסט. — זיין פילאָזאָפיש ווערק „כבוד אלהים". — יוסף בן שם־טוב אַלס פּאָרזעצער פון חסדאי קרשקש; זיין פאַרהאַלטן זיך צו אַריסטו. — יוסף בן שם־טובס שטאַנדפּונקט וועגן אומשטאַרבלעכקייט; זיין פּלוגתא מיט דעם רמב"ם און דעם רלב"ג. — נאָר די תורה גיט אומשטאַרבלעכקייט. — נאַטור־געזעצן און רעליגיעזע געזעצן. — יוסף בן שם־טוב קעגן די „מתפלספים". — דער פּאַרשלאָסענער קרייז. — אברהם ביבאַגי און זיין „דרך אמונה". — פילאָזאָפיש־עטישער דרוש; זיין אָנגעזעענסטער פּאָרשטייער יצחק עראַמה. — עראַמה אַלס בעל־דרשן; זיין פּאַמפּלעט קעגן די ראַציאָנאַליסטן „חזות קשה". — זיין קאַמף מיט דער „פילאָזאָפישער צרעת".

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דוראַנס און אַלבאָס ווערק האָבן פאַר זיך געהאַט צוויי אויפגאַבן: געבן זייערע ברידער אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער יידישער אמונה און אירע דאָגמען, און טאַקע דערביי האַלטן מלחמה מיט די קריסטלעכע טעאָלאָגן און אָפּענטפערן אויף די גיפטיקע בילבולים פון די מומרים־משומדים. די דאָזיקע משומדים, אַלס פריש געבאַקענע קריסטן, האָבן זיך געטומען מיטן גאַנצן ברען צו זייער מיסיאָנערישער אַרבעט, און זיי האָבן טאַקע ערטערווייז געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג ביי די ווייניק באַוווסטזיניקע און אָפּגעשטאַנענע שיכטן. די קאַטוילישע קירך איז געוואָרן אַלץ מער קריגעריש און אַגרעסיוו, און די יידישע געלערנטע האָבן געמוזט מיטן מויל און מיט דער פעדער פירן אַ עקשנותדיקן פאַרטיידיקונגס־קאַמף. זיי האָבן געמוזט פירן וויכוחים, האַלטן דרשות, שרייבן פאַרטיידיקונגס־שריפטן און פּאָלעמישע פּאַמפלעטן. אַט דערמיט דערקלערט זיך דער ריזיקער וווּקס פון דער פּאָלעמישער ליטעראַטור אינדערמיט פונם פופצנטן יאָרהונדערט. זי האָט צו זיך צוגעצויגן די בעסטע יידישע ליטעראַרישע קרעפטן פון יענער צייט.

אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דער דאָזיקער ליטעראַטור פאַרנעמט יוסף אַלבאָס אַ בן־דור, חיים אבן מוסא, געבוירן אין 1380 אין בכורה

לעבן סאַלאַמאַנקע. אַלס פּראַקטישער אַרצט [1] האָט ער געהאַט אַ צוטריט צום קיניגלעכן הויף, וווּ עס פלעגט אים אָפט אויסקומען צו פירן פּאָלעמישע וויכּוחים אויף רעליגיעזע טעמעס. אויף דער עלטער האָט ער פאַרפאַסט (1456) זיין פּאָלעמיש ווערק „מגן ורומח", וואָס ס'האָט שטאַרק אויס־גענומען אין יענער צייט [2].

„ווייל, שרייבט ער אין אָנפאַנג פון זיין ווערק, אומוויסנדיקע מענטשן, וואָס זיינען ווייניק באַהאַוונט אין רעליגיעזע וויכּוחים, לאָזן זיך לייכט פאַרפירן דורך קריסטלעכע טעאָלאָגן, בפרט דורך די טענות פון אַזוינע געניטע פּאָלעמיסטן, ווי די מומרים אבנר, שלמה אויס בור־גאָס, יעראָנימאָ לאָרקי און אַנדערע — האָב איך באַשלאָסן אָפּצוווענדן אין אַ ספּעציעל ווערק אַלע זייערע טענות, צונישט מאַכן זייערע ראיות, וואָס זיי ברענגען אויס יידישע קוועלן, בכדי אונזערע ברידער זאָלן האָבן אַ שטיצע און זאָלן אַרויסזען באַשיינפּערלעך, ווי אומבאַגרינדעט ס'זיינען די באַשולדיקונגען פון אונזערע שונאים... און ווייל איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן צווישן די קריסטלעכע פּאָלעמיסטן איז ניקאָלאַי דע־לירא [3], הייב איך קודם־כּל אָן פון זיין פּאָלעמיש ווערק און טרעט אַרויס קעגן זיינע טענות" [4].

טיפּיש איז זיין ענטפער די קריסטלעכע פּאָלעמיסטן, וואָס געוואָל־דעוועט אַזוי שטאַרק איבער דער „גרויסער מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט" ביי די יידן: „זיי קלאָגן זיך נאָך אויף אונז, אַז מיר פירן אַ זינדיק לעבן, און זיי ברענגען דערויף ראיות אויס דער ביבל. שוין גאַנצע פערציק יאָר, אַז איך בין אַן איינגייער אין די הויפן פון די מלכים און שרים, און עס איז ממש אוממעגלעך איבערצודערציילן די שרעקלעכע נידערטרעכטיק־אוממאָראַלישע מעשׂים [5], וואָס איך האָב דאָרט צוגעזען,

---

1 עס איז אויפגעהיט אין איבערזעצונג זיינע אַ איבערזעצונג פון אַ אַראַביש בעדיציניש ווערק (זע שטיינשניידער, העבר. איבערז., ז' 706).

2 דאָס ווערק איז דערגאַנגען בלויז אין כּתב־יד און דאָס ניט בשלימות. איייניקע פראַגמענטן האָבן פאַרעפנטלעכט גרעץ (אין זיין געשיכטע), און ד. קויפמאַן אין „בית תלמוד", II, 113—116.

8 אַ קריסטלעכער געלערנטער, וואָס שטאַמט פון יידן (1270—1340); פאַרפאַסער פון אַ פּאָלעמיש ווערק קעגן יידן „De Messua Ej usque Adventu Praeterito".

4 „בית תלמוד", II, 113--114.

5 אַלס ביישפּיל פון דער ציניש ער אויסגעלאַסנקייט, וואָס ער האָט צוגעזען ביים קריסטלעכן אַדל, דערציילט אבן מוסא: „והנה אכתוב אחת מאיש אחד שכב עם אשה וצוה לבעלה שיהיה רסן סוס בפיו ויאכל כבקר תבן ויאיר לו בשתי נרות בעוד שהיה מזנה עם אשתו בפניו".

שוין ניט ריידנדיק וועגן די אַלע גזילות, הריגות און רויבערייען, וואָס ווערן דאָרט אָפּגעטאָן".

אבן מוסא שטעלט ארויס צוועלף כּללים פאַר די חברים זיינע, וואָס פירן וויכּוחים מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן. וויל מען האָבן דערפאָלג אין די דאָזיקע וויכּוחים, שטרייכט ער אונטער, מוז מען זיך פעסט האַלטן אין די דאָזיקע כּללים. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: 1) דער יידישער דיס־פּוטאַנט דאַרף זיך האַלטן ביים ווערטלעכן פשט פונם ביבלישן טעקסט, און ניט אריינלאָזן זיך אין אַלעגאָרישע פּשטלעך; 2) מען דאַרף גלייך דערקלערן, אַז מיר אָנערקענען ניט דעם אויטאָריטעט ניט פונם תּרגום, ניט פון דער גריכישער ביבל־איבערזעצונג; 3) אויך דאַרף מען אָפן דער־קלערן, אַז די דרושים פון דער אגדתא האַלטן מיר כּלל ניט פאַר הלכה למשה מסיני, און עס איז ניט קיין חיוב צו גלויבן אין זיי; 4) מען דאַרף דערקלערן, אַז מיר רעכענען זיך ניט מיט ראיות, וואָס ווערן גע־בראַכט אויס די עוואַנגעליעס און אויס די אַפּאָסטאָלישע געשיכטעס, ווייל מיר, יידן, האַלטן זיי ניט פאַר באַגלויבט.

אַט דער ערשטער כּלל, וואָס אבן־מוסא שטעלט ארויס, אַז מען דאַרף זיך אויף די דיספּוטן האַלטן ביים ווערטלעכן פשט פון דער תּורה, דערקלערט אויך דעם טעם, פאַרוואָס אבן־מוסא פאַלט אַזוי אָפּט אָן אין זיינע פּאָלעמישע ווערק אויף די יידישע פריידענקער־דרשנים, וואָס באַפּוצן אַזוי גערן זייערע פּרעדיקן מיט אַלעגאָרישע פּירושים און ציטאַטן אויס די חכמי אומות העולם: „אַט די ניי־מאָדישע דרשנים — קלאָגט זיך אבן־מוסא — וואָס טרעטן ארויס אויף דער בּימה פאַר קריאת התורה און האַלטן דרשות אויף ספּעקולאַטיוו־פילאָזאָפישע טעמעס, לאָזן ניט ארויס פונם מויל די פילאָזאָפן ווי אַריסטו, אַלכּסנדר (הפרדוסי), טימאָסטעוס, אַפּלטון, אבן־רשד און פּטאָלאָמעוס, די נעמען אָבער פון אַביי ורבא ווערן גאָרניט דערמאָנט. און די תּורה ליגט נעבעך אויפן שולחן און וואַרט, ווי די פאַרלאָזענע פרוי וואַרט אויף איר מאַן, וואָס פאַרברענגט די צייט מיט זיינע געליבטע, און אויף איר קוקט ער זיך אַפילו ניט אום"[1].

שטאַרק מתרעם איז זיך אויך אבן מוסא אויף די פּרעדיקער, וואָס פאַרהאַלטן זיך קריטיש, שטיצנדיק זיך אויף דעם באַקאַנטן זאָג פון הלל דעם צווייטן, צו דער דאָגמע וועגן ביאת המשיח, און באַאומרויִקן דערמיט די הערצער פון די תּמימותדיקע צוהערער. אין יענער עת צרה, ווען די גזירות האָבן זיך אַזוי געשטאַרקט און געמערט, האָט אבן מוסא

1 „בית תלמוד", II, 118.

נעהאַלטן באַזונדערס געפערלעך אונטערצוגראָבן דעם גלויבן אין נאַציאָ־נאַלער גאולה. אין זיין לאַנגן בריוו צו זיין זון יהודה[1], און אין דעם „מאמר היעודים", וואָס איז מיט דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען, פּלייסט זיך דערפאַר אבן־מוסא צו דערווייזן, ווי פעסט און זיכער ס'איז דער גלויבן אין ביאת המשיח, אין דעם ליכטיקן גואל, וואָס וועט דאָס גלות־פאָלק דערלייזן.

אָט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט, וועלכן די יידישע פּאָלעמיסטן האָבן אַזוי שטאַרק אונטערגעשטראָכן, אַז בעת די וויכוחים דאַרף מען זיך טריי האַלטן ביים ווערטלעכן פשט פונם ביבל־טעקסט — האָט גורם געווען, וואָס טאַקע אין יענער צייט איז דערשינען די ערשטע ביבלישע קאָנקאָרדאַנציע אויף העברעיִש. יצחק בן קלונימוס אויס דער פּראָוואַנ־סאַלער פאַמיליע נתן, וועלכע האָט געגעבן אַ גאַנצע ריי טיכטיקע געלערנטע איבערזעצער, האָט, ווי חיים בן מוסא, געפירט אָפטע וויכוחים מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן, און אפילו צוויי פּאָלעמישע ווערק אָנגע־שריבן[2]. די קריסטלעכע דיספּוטאַנטן פלעגן שטענדיק ביי זייערע וויכוחים ברענגען ראיות אויס דער ביבל, און בכדי אימשטאַנד זיין גלייך זיי אָפּ־ענטפערן, האָט יצחק נתן געפונען, אַז ס'וואָלט דערצו זייער נוצלעך גע־ווען אַ ספּעציעל האַנטבוך, ווו די ביבלישע פסוקים זאָלן זיין גרופּירט נאָכן אלף־בית לויט די ערשטע ווערטער פון יעדן פסוק; אויף אַזאַ אופן וואָלט די יידישע אָפּאָנענטן לייכט געווען גלייך נאָכצוזען און פאַרגלייכן די פון זייערע קעגנער צו פּאָלעמישע צוועקן געבראַכטע ביבלישע ציטאַטן. העכער צען יאָר האָט ער געאַרבעט איבער זיין האַנטבוך, און אין 1447 איז זיין „מאיר נתיב" דערשינען, וואָס ס'האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַלע שפּעטערדיקע קאָנקאָרדאַנציעס[3]. אין נתנס ווערק זיינען די ביבלישע ביכער צום ערשטן איינגעטיילט אין קאַפּיטלעך נאָך דעם מוסטער פון דער לאַטיינישער ביבל־איבערזעצונג[4].

---

1 פאַרעפנטלעכט אין „בית תלמוד", II, 117—125.

2 די דאָזיקע צוויי ווערק „תוכחת מטעה" און „מבצר יצחק", ווו נתן פּאָלע־מיזירט מיט דעם מומר יעראָנימאָ לאָרקי, זיינען צו אונז נים דערגאַנגען. אין כתב־יד איז פאַרבליבן בלויז זיין עטיש ווערק „מאכין פתח". מער באַריכות וועגן יצחק נתן זע Les ecrivains Juifs fr., 582—585.

3 לויט דער מיינונג פון פאַכגעלערנטע, האָט פאַר יצחק נתנען ביי זיין אַרבעט אַלס פאָרבילד געדינט די לאַטיינישע קאָנקאָרדאַנציע, וועלכע ס'האָט באַאַרבעט דער פראַנציסקאַנער אַרלאָטאָ די פּראַטאָ אין 1290.

4 ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס יצחק נתנס בן־דור, פרץ טרעוואָ, האַלט אַפילו פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן אין דער פאָררעדע צו זיין לערנבוך „מקרי דרדקי" (צום

דער באַדייטנדיקסטער פון די געלערנטע יידישע פּאָלעמיסטן, וואָס האָבן געלעבט אינדערמיט פון פופצנטן יאָרהונדערט, איז בלי־ספק יוסף בן שם־טוב, דער זון פונם קנאישן מקובל שם־טוב בן שם־טוב. יוסף בן שם־טוב איז געווען אַ מאַן פון פּילזייטיקן וויסן, איינער פון די געלערנטסטע מענער פון זיין צייט [1]. ער איז געווען אַ גרינטלעכער קענער פון נאַטורוויסנשאַפטן און אַ גרויסער בקי אין דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע מיט אַלע אירע אַראַבישע, קריסטלעכע און יידישע מפרשים.

אַ קאַסטיליער פון געבורט (געבוירן בערך 1400), האָט ער געלעבט אַ לענגערע צייט אין טאָלעדאָ און אין אַנדערע שפּאַנישע שטעט. ער גופא דערציילט [2], אַז ער האָט אַ שטיק צייט פאַרנומען אַ שטעלע ביים קיניגלעכן הויף, און פון דאָרט פלעגט מען אים אָפט שיקן אין שליחות אין פאַרשיידענע שטעט. אין 1452 האָט מען אים קאָמאַנדירט קיין סעגאָוויע פאַר פּסח, ער זאָל דאָרט פאַרהיטן די געפאַר פון פאָלקס־אומרוען קעגן יידן. מחמת אַן אומבאַקאַנטער סיבה האָט מען אויף אים ביים הויף געוואָרפן אַן אומחן, ער האָט געהאַט גרויסע צרות אויסצושטיין און געמוזט פירן אַ נע־ונד־לעבן. ביי זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט ער אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט די ראיה, אַז ער איז אַ שטיק צייט געווען אין דער סכנה צו בלייבן אַ סגי־נהור. דעמאָלסט איז ער געוואָרן, ווי עס שיינט, אַ פּראָפעסיאָנעלער פּרעדיקער און פלעגט האַלטן דרשות אין פאַרשיידענע יידישע קהילות. מחמת זיין אויגן־קראַנקהייט האָט ער ניט געשריבן, נאָר דיקטירט פאַר אַן אָפּשרייבער זיין אינטערעסאַנט ווערק „עין הקורא" — דאָס ערשטע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור וויסנשאַפטלעך האַנטבוך פאַר האָמילעטיק (דרוש), ווו עס ווערן אויף אַ ריין מעטאָדאָלאָגישן אופן

ערשטן געדרוקט בשנת ה' רח״ם ליצירה, 1487), אַז אויך ער באַצוועקט מיט זיין ווערק באַהילפיק זיין די יידישע דיספּוטאַנטן: „וכי יש עשיר הומד ללמוד בנו ללמוד וללמד... ישיב על עקב בשתו יחשב בנו לפלא יועץ וחכם הרשים, יקו לעשות ענבים ויעש באושים, כי במקרא לא קרא, ואיך תהיה משנתו סדורה... ואם בפסוק תחלתו יהגה, ראשיתו מצער אחריתו ישגא, ועל יד ירבה ויתרובב, יעשה לו כאשר זמם, ואם לא ישיג למשפטים וחקים יעמוד הוא בין הדבקים ובמשפטים וחקים לא ישאר ריקם" (מיר האָבן זיך באַניצט מיט דעם זעלטענעם עקזעמפּלאַר „מקרי דרדקי", וואָס געפינט זיך אין אַזיאַטישן מוזיי אין לענינגראַד).

1 אַ פולשטענדיקן רייסטער פון יוסף בן שם־טובס ווערק זע: שטיינשניידער, עריש אונד גרובער לעקסיקאָן, 2־טע סעריע, ב. 27, 92; S. Munk, Melanges, 507—9

2 אין שלוסוואָרט צו זיין העברעיִשער באַאַרבעטונג פון קרשקשס שפּאַניש־קאַטאַלאַניש ווערק „ביטול עיקרי הנוצרים".

נענעבן די כּללים פון רעדנער־קונסט, און מיט פיל ציטאַטן און משלים דערקלערט ער, ווי אַזוי דער רעליגיעזער פּרעדיקער דאַרף זיך באַנוצן מיט דעם פּשט פונם ביבל־טעקסט [1].

ווען זיינע אויגן זיינען אויסגעהיילט געוואָרן, האָט יוסף בן שם־טוב זיך ווידער גענומען צו דער ווּיסנשאַפטלעכער אַרבעט און איז געשטאָרבן, לויט גרעצעס השערה [2], אַלס „קדוש״ אין 1460.

אַלס מקורב צום קיניגלעכן הויף, האָט יוסף בן שם־טוב געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט די קריסטלעכע געלערנטע און טעאָלאָגן, מיט וועלכע ער פלעגט, ווי ער גופא דערציילט, האַלטן, לויט דעם מנהג פון יענער צייט, גאַנץ אָפטע רעליגיעזע וויכּוחים אין דער אַנוועזנהייט פון די הויפלייט און דער קיניגלעכער פאַמיליע [3].

בן שם־טוב האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט בלויז מיט וויכּוחים בעל־פּה. כּדי צו שטאַרקן דעם מוט פון זיינע ברידער און אָפּשוואַכן די מיסיאָנערישע טעטיקייט פון די קאַטוילישע גייסטלעכע און די מומרים, האָט ער פּאָפּולאַריזירט און געמאַכט צוגענגלעך פאַר דעם ברייטן לעזער־פּובליקום צוויי מייסטערהאַפטע פּאָלעמישע ווערק פון דעם פריערדיקן דור. ער האָט געמאַכט אַ פּירוש און פאַרזאָרגט מיט אַ לאַנגער הקדמה אפודים באַרימטן פּאַמפלעט „אל תהי כאבותיך״, און פאַרעפנטלעכט אַ העברעיִשע באַאַרבעטונג פון חסדאי קרשקשס פּאָלעמיש ווערק Tradate [4].

און טאַקע מיט קרשקשס שאַפן איז ענג פאַרבונדן יוסף בן שם־טובס ווּיכטיקסטע ווּיסנשאַפטלעך ווערק. בן שם־טוב איז ניט נאָר דער באַטייטיקסטער דענקער, וואָס דאָס שפּאַנישע יידנטום פון פופצנטן יאָרהונדערט האָט פאַרמאָגט, ער איז אויך קרשקשס נושא־כּלים און נאָכפאָלגער אין זיין שאַרפער קריטיק, מיט וועלכער ער טרעט אַרויס קעגן דער

---

1 זע די פאָררעדע צו „עין הקורא״, פאַרעפנטלעכט דורך א. יעלינעק אין „קונטרס המפתח״, 31. דער „עין הקורא״ איז געבליבן אין כּתב־יד. פילע ציטאַטן ברענגט פון דאָרט דער בעל־קבלה מאיר אבן גבאי אין זיין „עבודת הקודש״ (זע חלק ב׳, קאַפּ׳ 5; חלק ג׳, קאַפּ׳ 67 און פילע אַנדערע ערטער).

2 גרעצעס געשיכטע, ב׳ VIII, סוף נאָטע 4.

3 צום סוף פון זיין פּירוש אויף אַריסטוס „ספר המידות״ שרייבט יוסף בן שם־טוב: „וכבר התוכחתי עליהם והתעצמנו ניצוח עם גדולי הכמי הנוצרים נגד מלכים ויועצי ארץ פעמים רבות״ („מאָנאַטסשריפט״, 1883, 81). אין זיין פאָררעדע צו אפודים באַקאַנטן „אל תחי כאבותיך״ שרייבט ווידער יוסף בן שם־טוב: „וגם קצת דברים אשר חדשתי אלי בזה וקצת ויכוחים שעשיתי עם חכמי האומה... ועתה ראיתי לכתוב פה וכוח אחד קצר נתוכחתי עם א׳ מגדולי חכמיהם על זה הדרוש (על דבר השלוש)״.

4 פאַרעפנטלעכט אין „קיבוץ ופוחים״, 1844.

ראַציאָנאַליסטישער שיטה פון די יידישע אַריסטאָטעליקער. אין דעם פּרט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט בן שם־טובס אין 1442 ערשינענע פילאָזאָפישע אַרבעט „כבוד אלהים"[1].

דער געשיכטע־שרייבער גרעץ, וואָס זיין שנאה צו די בעלי־קבלה גייט אַזוי ווייט, אַז בנוגע צו זיי פאַרלירט ער לחלוטין די נייטיקע וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיוויטעט — פאַרזיכערט, אַז יוסף בן שם־טוב טרעט אַרויס קעגן זיין פאָטער דעם אָרטאָדאָקסן קאַבאַליסט און זיינע אָנהענגער[2]. לייענט מען אָבער אויפמערקזאַם און אָן זייטיקע פּניות דעם „כבוד אלהים", איבערצייגט מען זיך אין דעם פולן היפך פון גרעצס באַהויפּטונג. בן שם־טוב פאַררופט זיך מערערע מאָל אויף זיין פאָטער[3]; ער איז אינגאַנצן מסכים מיט זיין קאַמף קעגן די ראַציאָנאַליסטן, און שטרייכט בפירוש אונטער, אַז זיין פאָטער איז פולקום גערעכט בעת ער באַשולדיקט די „מתפלספים", אַז דורך זיי זיינען פילע יידישע קהילות חרוב געוואָרן[4]. בן שם־טוב געפינט בלויז, אַז די מעטאָדע, מיט וועלכער זיין פאָטער האָט זיך אין זיין פּאָלעמיק באַנוצט, איז ניט קיין ריכטיקע געווען. וויל מען קעגנער באַקעמפן און בייקומען, זאָגט יוסף בן שם־טוב, דאַרף מען אַרויסגיין פון די הנחות און פּרינציפּיעלע כללים, וועלכע ווערן אָנערקענט פון ביידע צדדים. זיין פאָטער אָבער איז אַרויסגעגאַנגען פון אַזעלכע הנחות, וואָס דער צד שכנגד האָט אַמאָנטשיידנסטן אָפּגעוואָרפן[5]. און בן שם־טוב גופא איז טאַקע אַ נאה דורש ונאה מקיים. ער באַנוצט זיך מיט קרשקשס וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע[6]. מיר ווייסן שוין, ווי פעסט

---

1 געדרוקט אין פערראַראַ אין 1555.

2 זע גרעץ־שפ"ר, העברעישע אויסגאַבע, ב' VI, 179.

8 אויף איין זייט (דף כ"ח, עמ' א') ציטירט דער פאַרפאַסער דריי מאָל זיין פאָטער.

4 „כבוד אלהים", 27: „...ויסכים בזה מה שנמצא בנסיון מזה הזמן הארוך... כי השתדלו בקנין אלה הידיעות וההשקפה אליהם היה הסבה אל אבדן קהילות יעקב ברוב (קשטיליא וארגאן) ויותר גדולי המעלה שבהם יצאו מהכלל (ונשתמדו)". די אין קלאַמערן גענומענע ווערטער האָט די קאַטוילישע צענזור אויסגעשטראָכן. די צייט איז אָבער שטאַרקער פון דעם צענזאָרס טינט. האָט זי די פאַרב פונם טינט דורכגעפרעסן און די אויסגעשטראָכענע ווערטער זיינען תחית־המתים אויפגעשטאַנען. זע וועגן דעם אונזער אַרטיקל אין „Новый Путь", 1918, № 2, Кто сильнѣе.

5 דאָרטן, דף ג, עמ' ב': „אשר בהם התוכח אדוני אבי ז"ל בספרו הנזכר בלתי מקובלות לבעלי ריבו המתפלספים היונים, כבודו במקומו מונח, הנה לא השיב על דבריהם ולא סר מעלינו תלונות מופתיהם".

6 בן שם־טוב פאַררופט זיך אויף קרשקשן אין אָנהייב פון זיין ווערק (דף ג', עמ' ב').

מײמוני איז געװען איבערצײגט, אַז אַלץ, װאָס אריסטו האָט אַרױסגעזאָגט װעגן דעם עולם התחתון, װאָס געפינט זיך אונטער דער לבנה, איז לית מאן דפליג, אַז ס׳איז לױטער אמת [1]. דערפאַר טאַקע האָט דער רמב״ם אַרױסגעשטעלט זײַנע באַװוּסטע פינף־און־צװאַנציק „הקדמות״, גענומען אױס אריסטוס פיזיק, װאָס מיט זײער הילף פּלײסט ער זיך צו דערװײַזן אױפן רײן פילאָזאָפישן אופן די עקסיסטענץ פון אַן א י נ צ י ק ן אוניװערסאַלן באַשעפער. בכדי אונטערצוגראָבן אָט די פעסטע שטיצע פון די יידישע ראַציאָנאַליסטן, האָט קרשקש מיט גרױס חריפות אױפגעדעקט די שװאַכע זײַטן און גרױסע סתירות פון אריסטוס פיזיק. בן שם־טוב גײט נאָך װײַטער: בכדי אינגאַנצן צו צעשטערן דעם גרונט־יסוד פון די יידישע ראַציאָנאַליסטן, גײט ער אױך אַרױס פון אריסטון, אָבער נים פון זײַן פיזיק, נאָר פון זײַן עטיק. ס׳איז זײער כאַראַקטעריסטיש, װאָס בן שם־טוב טרעט כּלל ניט אַרױס אַלס אריסטוס קעגנער, נאָר, אדרבה, אַלס זײַן הײסער פאַרערער. מיט התפעלות דערקלערט ער, אַז מען דאַרף דאַנקען דעם באַשעפער דערפאַר, װאָס „ער האָט מיט זײַן גרױס גענאָד פון זײַן אומענדלעכער חכמה מזכה געװען אַ פּשוטן בשר־ודם, אײנעם פון די חכמי אומות העולם״ [2]. אריסטוס „ספר המידות״ איז געװען אײנס פון די בײַ בן שם־טוב באַליבטסטע ספרים, און בכדי צו מאַכן דאָס דאָזיקע װערק שוה לכל נפש, האָט ער אױף דער העברעישער איבערזעצונג, װאָס דער געלערנטער יידישער הױף־אַרצט מאיר אַלגואַדעז האָט פאַרעפנטלעכט, געמאַכט אַ גאַנץ גרױסן פּירוש, װאָס איבער אים האָט ער געאַרבעט יומם ולילה איבער דרײַ חדשים נאָכאַנאַנד [3]. אין זײַן „כבוד אלהים״ הײבט טאַקע בן שם־טוב אָן מיט אַ גרינטלעכער אַנאַליזע

---

1 „מורה נבוכים״, II, קאַפּ׳ 22: „שכל מה שאמרו ארסטו בכל הנמצא אשר מתחת גלגל הירח עד מרכז הארץ הוא אמת בלא ספק ולא יסח ממנו אלא מי שלא יבינהו״.

2 „כבוד אלהים״, דף ט״ו, עמ׳ א׳: „ברוך שחלק מחכמתו לבשר ודם וחלק בזאת בלב איש מחכמי אומות העולם״.

3 מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אַלטן כתב־יד פון דעם דאָזיקן פּירוש. דעם כתב־יד האָט פאַרענדיקט אום זומער 1470 דוד מײמון. דער כ״י, װאָס געפינט זיך אין פירקאָװיטשעס ערשטער קאָלעקציע נומ׳ 379 אַנטהאַלט גאַנצע 319 דפים אין קװאַרטאָ. אבן שם־טובס הקדמה פעלט אין דער האַנטשריפט. נאָכן שלוס געפינט זיך פאָלגנדיקע צישריפט פונם אָפּשרײַבער: „אודה לאל שעזרני ברחמיו לסיים כתיבת פי׳ המדות מהחכם האלקי ר׳ יוסף ן׳ שם־טוב כאן בעיר מאקדה יום ד׳, ששת ימים לחדש אב שנת מאתים ושלשים לפרט... השם ברחמיו יזכני להגות בו ולהבינו במעלת עניני וסדורו האלקי לעבדהו ולייראהו לי ולזרעי אחרי. ובעבור שיפורסם לכל מי הסופר הסכמתי לחתום שמי דוד מימון״.

פון די עמישע הנחות, וועלכע דער גרעסטער גריכישער דענקער זאגט ארויס דערהויפט אין דעם ערשטן און לעצטן קאפיטל פון זיין „עטיק". דעמאלסט ערשט שטעלט בן שם־טוב די פראגע: צי שטימען טאקע אין דער אמתן אט די דאזיקע הנחות צוזאמען מיט דעם וואס ס'לערנט תורת משה?

מיט ווערטלעכע ציטאטן אוים אריסטוס „עטיק" [1] דערווייזט בן שם־טוב, אז לויט אריסטוס אשויונג באשטייט דעם מענטשנס העכסט גליק און ציל אין שלימות הדעות, אין פארפולקומען דעם מענטשנס שכל. די גליקזעליקייט פון דער אומדערמידלעכער פארשונגס־קראפט איז נים נאר די העכסטע און שענסטע — זי איז אויך די איינציק פרייע און זעלב־שטענדיקע, וואס איז נים אפהענגיק פון קיינעמס ווילן. דער מעצענאט און בעל־צדקה, למשל, בכדי ער זאל קאנען טאן גוטס, נייטיקט זיך דאך הן אין מיטלען הן אין מענטשן, אויף וועלכע ער זאל קאנען משפיע זיין מיט זיין גוטסקייט. דער שכל אבער ער איז א וועלט פאר זיך, פריי און אומגעשטערט שוועבט ער אין די הויכע געמעכער פונם געדאנק. די מדרגה פון וויסנשאפטלעכער שלימות ווענדט זיך אבער נים נאר אן דער פאר־שונגס־קראפט אליין, נאר אויך אין דעם א ב י ע ק ט פונם פארשן; און וואס העכער ס'איז דער עצם, וואס מיט אים באשעפטיקט זיך דעם מענטשנס געדאנק, אלץ גרעסער און פולקומער איז די גליקזעליקייט. און ווייל דער העכסטער און פולקומסטער עצם איז דאך דער געטלעכער גייסט — איז טאקע דאס פארשן פון זיין מהות, דאס דערגרונטעווען זיין גרויסקייט די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער שלימות, די העכסטע שטאפל פון זיין גליק [2].

צי דערגרייכט מען אבער דורכדעם אומשטארבלעכקייט? צי איז דאס א באוויז אויף השארת הנפש, ד"ה אז דער דאזיקער העכסטער שכלדיקער טייל פונם מענטשנס גייסט בלייבט לעבן אויך נאך דעם מענטשנס טויט? דא באווירט בן שם־טוב מיט גרוים חריפות דעם טונקלסטן און פארפלאנטערטסטן פונקט פון אריסטוס פילאזאפיע: די

---

[1] בן שם־טוב באנוצט זיך מיט דער לאטיינישער איבערזעצונג (כפי מה שהיעתק בהלטין).

[2] „כבוד אלהים", דף ח', י', י"ג: „ובעבור שהעיון באל יתברך הוא העיון היותר נעלה לאין שיעור כי הוא יוקר העיון כפי יוקר הדרוש וכמו שהיה הוא יתברך היותר נעלה לאין שיעור ירם על זולתו היה העיון בו יותר נעלה ולכן היה זה תכלית ה אחרון לאדם".

לערע וועגן דעם מהות פון דער מענטשלעכער נשמה. אריסטו באטראכט די נשמה אלס די פארווירקלעכונג בפועל פון אן ארגאנישן קערפער, וואס באזיצט לעבן בלויז בכוח [1]. אט די אנטפלעקונג אין דער ווירקלעכקייט פון א לעבעדיקן ארגאניזם, וואס איז פריער געווען בלויז אין דער מעגלעכקייט, אנטהאלט אין זיך אלס העכסטע שאפונגס־שטופע אויך אלע נידעריקע מדרגות. די אויפגאבע פון די געוויקסן באשטייט בלויז אין ציען חיונה און וואקסן; ביי די חיות קומען נאך צו די איינגשאפטן פון געפיל, באוועגונג און ווילן; ביים מענטשן קומט נאך צו דער העכסטער פרינציפ, דער פרינציפ פון גייסט (vous), וואס געוועלטיקט איבער אלע אנדערע. צי איז אבער דער דאזיקער גייסט פון יעדן מענטשן באזונדער אומשטארבלעך? צי אנערקענט אריסטו בכלל די אומשטארבלעכקייט פון דער נשמה? בן שם־טוב שטרייכט באזונדערס אונטער, אז אריסטו גיט אויף דער דאזיקער פראגע קיין שום תשובה ניט, אדער ריכטיקער געזאגט די פראגע ווערט ביי אים אפילו גאר ניט געשטעלט. בן שם־טוב איז זייער גוט באקאנט מיט דער אריסטו־ליטעראטור, ער ווייסט, וואסערע דעות ס'האבן ארויסגעזאגט בנוגע צו דער פראגע אריסטוס מפרשים, ווי אלכסנדר הפרדוסי אין דער אלטער צייט און אבן רשד אין מיטלאלטער. בן שם־טוב האט אפילו געשריבן א ספעציעלן פירוש צו אבן־רשדס ארבעט וועגן דעם אינדיווידועלן מענטשלעכן שכל און זיין פעיקייט צו קומען אין „דבקות" מיטן „אקטיוון פארשטאנד" (שכל הפועל) [2]. „איך האב כלל ניט בדעה — שרייבט בן שם־טוב, — זיך ארייַנלאזן אין חקירה, אויף ווי ווייט ריכטיק עס זיינען די אלע דערקלערונגען פון די דאזיקע מפרשים; דא ווערט בלויז געשטעלט פאלגנדיקע פראגע: צי איז זיך מתחייב פון דעם אלץ, וואס אריסטו זאגט ארויס וועגן דעם מענטשנס העכסטן ציל אין גרעסטער גליקזעליקייט, אז דעם מענטשנס נשמה בלייבט אומשטארבלעך נאך זיין טויט? און איך דערקלער בפירוש, אז אין אלע

1 לויט אריסטוס טערמינאלאגיע הייסט דאס „ענטעלעכיא". אין de anima, 1, II, ווערט דער מהות פונם מענטשנס נשמה דערקלערט אין פאלגנדיקן זאץ: „די נשמה איז די ערשטע פולשטענדיקע אנטפלעקונג פון א מיט אברים באשאנקענעם קערפער, וואס האט לעבן בלויז אין דער מעגלעכקייט". וועגן דעם אויך אין: de anima, 3, I.

2 וועגן דעם דאזיקן פירוש, וואס טראגט דעם נאמען „פירוש על המלה לאפשרות הדבקות", זע באריכות שטיינשניידערס ארטיקל אין „מאנאטסשריפט", 1883, 514—520, 459—79, ווו עס ווערן אויך געבראכט לענגערע ציטאטן. בן שם־טוב געפינט, אז אבן־רשד איז טאקע א פיל־זייטיקער דענקער (שלמותו בחכמה), נאר פיל ביים סתירות (מבולבל).

אַריסטוס ווערק, הן אין זיין פיזיק, הן מעטאַפיזיק, הן אין זיין „פּאָלי־טיק" ווערט דערויף ניט געבראַכט קיין איין איינציקער באַווייז" [1].

אויס אַריסטוס לערע — זאָגט ווייטער בן שם־טוב — קאָן מען נאָר דרינגען, אַז דעם מענטשנס העכסטע גליק איז פאַרבונדן מיט דעם דענקענ־דיקן טייל פון זיין נשמה, אַז נאָר אין דעם פאַרשן, אין דעם שלייפן דעם שכל אַנטפּלעקט זיך דער אמתער מהות פונם מענטשן, וואָס מאַכט אים העכער איבער אַלץ אויף דער ערד (כאשר יתבאר מדברי אריסטו שהאושר השלם הוא עיון מיוחד מפני שזה הפעל הוא לחלק מן הנפש אשר בו האדם אדם והוא השכל). פונקט ווי ביי דעם גלענצנדיקן זינגער באַשטייט דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, אין זיין זינגען, אַזוי איז דאָס העכסטע און שענסטע ביים מענטשן, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ שאַרפן שכל — זיין פאַרשנדיקער גייסט, זיין פילאָזאָפישער געראַנג. אָט נאָר דאָס קאָן מען דרינגען פון אַריסטוס לערע. עס ווערט אָבער ביי אים בכלל ניט באַרירט די פראַגע: צי וועט דאָס דאָזיקע גליק דויערן אייביק, אפילו נאָך דעם מענטשנס טויט? בעת מיר זאָגן, אַז די שיינע מעלאָדיע איז דאָס שענסטע און בעסטע מיט וואָס דער זינגער איז באַשאָנקען, באַ־רירן מיר דאָך דערביי ניט די פראַגע, צי איז די דאָזיקע שיינקייט אייביק און אומשטאַרבלעך; אַזוי אויך בעת מיר ריידן וועגן דעם העכסטן גליק, וואָס ס'גיט דעם מענטשן דער דענקענדיקער און פאַרשנדיקער טייל פון דער נשמה — פאַרבינדן מיר דאָס ניט מיט דער פראַגע: צי איז דער דאָזיקער טייל באַשאָנקען מיט אומשטאַרבלעכקייט [2]. הויך און שטאָלץ דערהויבט דעם מענטשן זיין פאָרשער־גייסט, די העכסטע מדרגה פון שלימות דערגרייכט דער מענטש בעת זיין שאַרפער געדאַנק דרינגט אַריין אין די טונקעלע טיפענישן פון געטלעכן מהות; דאָס אַליין איז פאַר זיך גופא דאָס העכסטע גליק, די גרעסטע שטאַפּל פון פרייד; ווו איז אָבער דאָ דער לאָגישער מוז, אַז די דאָזיקע שלימות דאַרף אומבאַדינגט אויך

---

1 „כבוד אלהים", 15—16: „ואני אין דעתי במקום הזה לחקור מעומק זה הדרוש חקירה מופתית ולא להעתיק סברת האנשים בו אבל מראה לעין אם יתחייב ממה שזכר אריסטו בספריו בתכלית האנושי ובהצלחתו וטובו העליון שישאר נפשו אחריו אם לאו... אבל לא מצאתי אליו שייחד מופת בזה הדרוש בכל ספריו ולא גם כן שתקר ממנו לפי מה שהגיע אלינו מדבריו בחכמה הטבעית ולא בחכמת האל יתברך ולא בחכמה המדינית... ולכן הוא מבואר שלא כיון ארסטו שיתחייב מזאת ההצלחה העצומה ההשארות אחר המות ולא יתחייב משרשיו". — דעם זעלבן געדאַנק שרייבט בן שם־טוב אונטער אויך אין זיין פריער דערמאָנטן פירוש אויף אבן־רשד „אפשרות הדבקות" („באָנצאַסשריפט", 1883, 467).

2 דאָרטן, 16, עמ' א'.

זיין אומשטארבלעך? מיר זעען דאך, אז ביימער לעבן פיל לענגער ווי חיות, כאטש חיות שטייען דאך אויף א העכערער שטופע ווי געוויקסן. און ווי אפט זעען מיר, אז א פשוטער אומוויסנדיקער מענטש לעבט פיל לענגער ווי דער גרויסער חכם, „ווארעם דאס גליק ווערט ניט געמאסטן מיט דער מאס פון לענג און דויער, נאר געשאצט לויט דעם ווערט פון זיין מהות" (כי לא תבחן ההצלחה מצד ההשארות אבל מצד טבע עצמותו מבואר בנפשו). דער רלב"ג, ווי מיר וויסן [1], האט אנטשיידן אפגעווארפן אבן רשדס דעה, אז בנוגע צו אומשטארבלעכקייט איז קיין שום נפקא מיניה ניט צווישן דער נשמה פון א חכם און דער נשמה פון אן עם־הארץ. בן שם־טוב אבער געפינט, אז דעם רלב"גס ראיות האבן ניט קיין ממש. דער רלב"ג וויל דערווייזן, אז „קנית החכמה", דאס דערווערבן חכמה, מוז זיין פארבונדן מיט „השארת הנפש"; ער האט אבער א טעות — די חכמה און דאס שלימות פון וויסן איז שוין פאר זיך גופא א גרויס גליק (וזה שקר מבואר ממה שקדם, שהעיון וחכמה טוב בעצמו). שוין דא, אין אונזער לעבן אויף דער וועלט, געניסן מיר פיל מער גליק און פארגעניגן ווען מיר זיינען רייך אין וויסן, איידער ווי ווען מיר טאפן אין דער פינסטער פון אומוויסן און עם־הארצות, גארניט נעמענדיק דערביי אין באטראכט, צי איז אייביק דאס דאזיקע גליק, צי ניין [2].

הכלל, שטרייכט בן שם־טוב אונטער, אין אריסטוס לערע וועגן דעם העכסטן גליק, וואס דער מענטש דערגרייכט דורך שלימות הדעות, איז ניטא קיין שום רמז, אז דאס דאזיקע גליק דויערט אויך נאך דעם מענטשנס טויט. אריסטוס תלמידים און מפרשים האבן זיך, אמת, געפליסט ווי מעגלעך אנצופילן אט דעם חלל אין אריסטוס שיטה, נאר טאקע דאס, וואס יעדער באזונדער קומט מיט אן אנדערן פשט, באווייזט צומבולטסטן, אז אריסטו האט די דאזיקע פראגע געלאזט אפן און ניט געפרוווט אפילו געבן אויף איר וועלכן ס'איז ענטפער. מיר האבן, פירט אויס דער בעל „כבוד אלהים", דאס פולע רעכט צו דערקלערן, אז אומשטארבלעכקייט און השארת הנפש זאגט צו ניט די גריכישע פילאזאפיע, נאר אונזער תורה. בלויז זי ברענגט צו אייביקער גליקזעליקייט, נאר אירע וועגן פירן צום העכסטן און זיסטן גליק, וואס איבער אים האט דער טויט קיין שליטה ניט און שיינט מיטן ליכט פון אומשטארבלעכקייט [8].

1 זע פריער קאפ' 8.

2 כבוד אלהים", 17, עמ' א': „וזה הזמן אשר אנחנו חיים על פני האדמה נהיה יותר מצליחים ומעולים עם היותנו חכמים מהיותינו מעמי הארץ, מבלי בחינה אם נשאר לנצח בזאת ההצלחה או לא נשאר".

8 דארטן, 17, עמ' ב'.

אויך ער, דער פיינער און גרינדלעכער קענער פון אראַביש־גריכישער פילאָזאָפיע, שטרייכט צומשאַרפסטן אונטער, ווי וויַיט עס גייען זיך פר־נאַנדער די וועגן פון דער פילאָזאָפיע און די „דרכי התורה"; „די דאָזיקע צוויי וועגן, דערקלערט בן שם־טוב, זיינען גרונט־פאַרשיידן אין זייער כאַ־ראַקטער און זייער גאַנצן מהות" (אם כן הוא מבואר תכלית הביאור ששתי הדרכים נבדלים במין ובמהות). בן שם־טוב איז זיך דערפאַר שטאַרק מתרעם אויף דעם רמב"ם [1] און זיינע אָנהענגער, וואָס פליסן זיך צו דער־ווייזן, אַז די ספעקולאַטיווע פילאָזאָפיע און די רעליגיע זיינען נאָך זייער עצם איינס און דאָס זעלבע, שטרעבן צו איין און דעם זעלבן ציל, נאָר וואָס זיי באַנוצן זיך דערביי מיט פאַרשיידענע מיטלען: די תורה, וואָס ווענדט זיך צו דער פשוטער נים־אַנטוויקלטער מאַסע, מוז באַהאַלטן די פילאָזאָפישע אמתן אונטער דעם שלייער פון רמזים און משלים, די פילאָ־זאָפיע אָבער, וואָס האָט אין זין בלויז די יחידי סגולה, רעדט קלאָרע דיבורים און זי דאַרף זיך נים באַנוצן מיט מעטאַפאָרן און פאַרשטעלטע אַנצוהערעניש. „אפילו, שטרייכט בן שם־טוב אונטער, ווען זיי האָבן געזען, אַז די סתירות זיינען געוואַלדיק גרויס, האָבן זיי דאָך זיך געפלייסט די סתירות צו פאַרדעקן, געפרוּווט דערווייזן, אַז זיי לעבן ביידע אין גרעסטן פרידן; סודות התורה זיינען ביי זיי מגולגל געוואָרן אין פילאָזאָפישע סי־לאָגיזמען, „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה" — אין פיזיק און מעי־טאַפיזיק, און אַלע מצוות־עשה און לאַ־תעשה אין דער תורה זייגען אויסן די זעלבע עטישע כללים ווי דער „ספר המידות", וואָס טראָגט אויף זיך אַריסטוס נאָמען" [2].

אָט דער דאָזיקער איספיר זייערער, רופט אויס בן שם־טוב וועגן „הסכמת הדת והפילוסופיא", אַז ס'איז נים פאַראַן קיין שום סתירות צווישן דעם דת און דער פילאָזאָפיע — דאָס איז פאַלש פונם אָנהייב ביזן סוף (שקר מבואר), און דער פאָטער מיינער האָט שוין פון לאַנג דער־

---

1 קענן דעם בעל „המורה" טרעט בן שם־טוב אַרויס אויך אין זיין פירוש צו „חשארת הדבקות": „ראינו הרב האלהי מורה צדק רחוק מאוד בכל זה" („מאָנאַטס־שריפט", 1883, 464).

2 „כבוד אלהים", 18, עמ' א': „וכאשר ראו דוחק ההסכמה הזאת ביניהם העמיקו שיחתן לחקור ולבקש אופן ההסכמה האמתית ביניהם, עד שהיו סודות התורה דרושים ידועים בפלוסופיה, ותהיה מרכבת יחזקאל אשר חוייבנו עליה ההסתר מאוד, ידועה לחכמי היונים והישמעאלים, ושיהיו מדות הפילוסופיא כמה שהתבאר בספר הזה המיוחס לארסטו הנקרא ניקומכיאה הוא אשר כיוון אל דרושיו יתברך בתורה ובמצות עשה ולא תעשה". זע אויך בן שם־טובס פריער ציטירטן פירוש („מאָנאַטסשריפט", 1883, 464).

וויזן אין זיין ספר, צו וואָסערע גרונט־פּאַלשע און שעדלעכע פּועל־יוצאס דאָס קאָן ברענגען [1].

דעם מענטשנס שלימות און גליק, רופט אויס בן שם־טוב, באַשטייען אויס פאַרשיידענע בחינות. די ערשטע בחינה, דאָס איז בעת מען באַטראַכט דעם מענטשן אַלס רינגעלע אין דער קייט פון די נאַטור־דערשיינונגען און אַלס מיטגליד פון דעם סאָציאַלן קיבוץ. לעבן אַלס נוצלעך מיטגליד פון דעם אָרגאַניזירטן קיבוץ, לעבן נאָך באַשטימטע געזעצן, וואָס דורך זיי ווערט ער דערהויבן העכער פון אַלע איבעריקע בעלי־חיים — אין דעם באַשטייט די ערשטע בחינה פון שלימות, און מיט איר פאַרבונדענע גליקזעליקייט. די צווייטע, העכערע מדרגה, איז די שלימות הדעות, בעת דער מענטש פלייסט זיך מיט זיין שכל אויסצופאָרשן ווי ווייט נאָר ס'איז מעגלעך די דערשיינונגען פון דער וועלט, לויט דעם סדר און די געזעצן פון דער נאַטור, און דאָס אַלץ אויסנוצן אין לעבן, פאַר זיין גליק און שלימות וועגן [2]. אָט די דאָזיקע בחינות פון שלימות קאָן דער מענטש דערגרייכן מיט דער הילף פון זיין אייגענעם נאַטירלעכן שכל, און נייטיקט זיך ניט דערביי ניט אין התגלות, ניט אין רוח נבואה. בן שם־טוב איז אָבער טיף איבערצייגט, אַז דעם מענטשנס העכסטער אידעאַל וועגן גליק און שלימות קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט דעם ערדישן פּראַקטישן לעבן און דעם מעכאַנישן סדר העולם, וואָס ווערט רעגירט דורך די אייזערנע געזעצן פון דער נאַטור. און טאַקע דער דאָזיקער אידעאַל, וואָס לעבט אינם מענטשן און שטרעבט אין די הימלשע הייכן, זאָגט צום בעסטן עדות, אַז ס'איז פאַראַן אַן אַנדער וועלט, מיט אַ גאַנץ אַנדערער קייט פון מעגלעכקייטן, אויסער דער ריין מעכאַנישער געזעצלעכקייט פון די נאַטור־פּראָצעסן. אָט דער העכסטער אידעאַל — דער אידעאַל פון א י ב י ק ע ר גערעכטיקייט און פון דער פאַרקערפּערונג פונם אומפאַרגענגלעכן און אַבסאָלוט גוטן — דער קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך התגלות, דורך דער מן־השמים אַנטפּלעקטער תורה. די רעליגיע פון דער געטלעכער התגלות,

---

1 דאָרטן, 22, עמ' א'. עס איז אויך קיין ספק ניט, אַז אין בן שם־טובס טענות פילט זיך די השפּעה פון דעם אַראַבישן דענקער אַלגאַזאַלי, וועמעס „הפלת הפילוסופים" עס ציטירט מאָקע בן שם־טוב און שרייבט אונטער, אַז אבן־רשדס ענטפער אויף אַלגאַזאַליס ווערק האַלט ער פאַר צו שוואַך און ניט איבערצייגנדיק (דאָרטן, 24, עמ' א').

2 דאָרטן, 21, עמ' א': „ואושר שלם שני והוא העיון בשכל במה שיקיץ בו שכלו באופן היותר שלם שאפשר ואמנם זאת ההצלחה כלה פונה אל שיהיה יותר מעולה ושלם בבחלם באלה החיים ולא יעלה בו למעלה מהדברים הטבעיים"...

זאָגט בן שם־טוב, האָט זיך איר אייגענע געזעצמעסיקייט, זי ווערט רעגירט ניט דורך די נאַטור־געזעצן, נאָר דורך אַנדערע, העכערע; און טאַקע אָט די דאָזיקע געזעצן, די געזעצן פון געטלעכער גערעכטיקייט, ניט די מעכאַנישע געזעצן פון דער מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפטן — זיי זיינען עס די אַנטפּלעקונג פון דעם העכסטן ממשותדיקן אמת. „דערפון—שטרייכט בן שם־טוב אונטער — איז אָבער כּלל ניט געדרונגען, אַז די רעליגיע פון התגלות, אָט די העכסט־מעגלעכע מדרגה פון שלימות, געפינט זיך אין סתירה מיט די יסודות פונם לאָגישן דענקען, און לייקנט אין די הנחות, וואָס דער מענטשלעכער שכל איז מחייב"[1]; נאָר וואָס דען — די געזעצן, וואָס געוועלטיקן איבער דעם געביט פון דער אמונה, אונטערשיידן זיך פון די געזעצן, וואָס מיר באַאָבאַכטן אין די נאַטור־דערשיינונגען; דאָס זיינען געזעצן פון אַ העכערער מדרגה. די תורה, פאַרזיכערט בן שם־טוב, געפינט זיך ניט אונטער דער שליטה פון די מעכאַנישע נאַטור־געזעצן, זי ווערט רעגירט דורך באַזונדערע, געטלעכע געזעצן, און „אין דעם פּרט איז טאַקע דער רמב"ן גערעכט געווען, בעת ער האָט דערקלערט, אַז די תורה באַשטייט פון גאָלע ניסים"[2]. און די גרויסע סודות פון דער תורה[3], וואָס אַנטפּלעקן זיך אין זייער גאַנצן מהות בלויז פאַר נביאים און בעלי רוח־הקודש, זיינען נאָך בן שם־טובס איבערצייגונג סימבאָליש פאַרקערפּערט אין די מצוות און געבאָטן. די מעשים, דאָס טאָן און דערפילן, שטרייכט בן שם־טוב מערערע מאָל אונטער, ערשט דורכדעם באַקומט דער ווונטש און דער געדאַנק זיין תיקון, זיין רעאַלן מהות[4]. עס לעבן אָבער אין טעות די וואָס מיינען, אַז מען קאָן מיטן מענטשלעכן שכל מסביר זיין אַלע געטלעכע

---

1 דאָרטן, 19, עמ׳ ב׳: „ולהיות האמונה הדבר היותר חשוב ונעלה לאין שיעור כמה שאפשר שידומה, אין ראוי שנקבל שהיא תחלוק על המושכלות הראשונות ולדברים המתחייבים מהם חיוב הכרחי". דעמזעלבן געדאַנק חזרט בן שם־טוב איבער אין זיין פאָררעדע צו אפודים „אל תהי כאבותיך". ער ווייזט דאָרט אָן, אַז ס׳איז אַ גרויסע נפקא מינה צי מיר זאָגן, אַז די נבואה איז העכער פונם מענטשלעכן שכל, אָדער ווען מיר דערקלערן, אַז די נבואה איז סותר דעם מענטשלעכן שכל" (יש הבדל בין אומרנו שהנבואה למעלה מהשכל האנושי ובין אומרנו שהיא סותרת את השכל).

2 דאָרטן, 21, עמ׳ א׳: „ולכן השיב הרמב"ן זכרו לברכה במה שאמר כי התורה כלה נסים".

3 בן שם־טוב איז אויך ווי דער רמב"ן פעסט איבערצייגט, אַז אין די ווערטער און אין די אותיות פון דער תורה זיינען פאַרבאָרגן טיפע סודות. באַזונדערס בולט ביים דער דאָזיקער געדאַנק אַרויס אין בן שם־טובס פירוש אויף אבן רשד (זע „מאָנאַטסשריפט", 1883, 466).

4 „כבוד אלהים", 20, עמ׳ א׳: „כי אני אומר שהם המעשים אשר קרא אלהינו יתברך ויתברך נאים ומעולים והם שש מאות ושלש עשרה".

מצוות און געבאָטן. מיט דער גוזלעכקייט און פּראַקטישער צוועקמעסיקייט אליין, דערקלערט בן שם־טוב, קאָן מען ניט דערקלערן די טעמי המצוות, וואָס זיינען דאָך ניט קיין פּועל־יוצא פון די נאַטורגעזעצן, נייערט פון דער געטלעכער אַנטפּלעקונג. אַפילו אין דער נאַטור גופא, איז בן שם־טוב מוסיף, באַגעגענען מיר אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס מיר זיינען ניט אימ־שטאַנד זיי משיג צו זיין און זייער עצם דערקלערן. אָט, למשל, די קראַפט פון מאַגנעט: מיר זעען, ווי דאָס אייזן ווערט דורך דער קראַפט צוגעצויגן, מיר צווייפלען ניט, אַז די דאָזיקע קראַפט עקסיסטירט, נאָר איר מהות איז פאַר אונז פאַרבאָרגן [1]. דערפון — שטרייכט בן שם־טוב אונטער — איז אָבער כלל ניט געדרונגען, אַז די געזעצן פון דער דורך התגלות געגעבענער תורה זיינען אַלס „גזרת המלך״ געגעבן אָן שום סדר און טעם, און זיינען ניט אונטערגעוואָרפן אַ באַשטימטער געזעצמעסיקייט פון סיבות און תולדות; נאָר די דאָזיקע געזעצמעסיקייט איז אָבער פון אַן אַנדער אַרט און מין, און מיר מיט אונזער פשוטן פאַרשטאַנד זיינען ניט אימשטאַנד זי צו באַגרייפן אָן דער הילף פון די נביאים אָדער פון זייערע תלמידים און גייסטיקע יורשים [2].

בן שם־טוב טרעט דערפאַר גאַנץ שאַרף אַרויס קעגן מיימוניון און זיינע אָנהענגער, וואָס שילדערן די נביאים בלויז אַלס דענקער און וויסנ־שאַפטס־מענטשן, און די רוח נבואה באַטראַכטן זיי אַלס „באַהעפטונג פונם אַקטיוון פאַרשטאַנד מיטן כוח המדמה״. דער רוח הקודש, די פּראָפעטישע התגלות, זאָגט בן שם־טוב, איז ניט קיין פּועל־יוצא פונם אַבסטראַקטן פילאָזאָפישן געדאַנק, און ניט דורך וויסנשאַפטלעכע ידיעות און בקיאות אין חקירה דערגרייכט מען די מדרגה פון אַ נביא. ווי דער בעל „אור ה׳ ״, אַזוי שטרייכט אויך בן שם־טוב אונטער, אַז איר גלאַנץ־תקופה האָט דאָך די פילאָזאָפיע דערגרייכט אין אַריסטוס ציַיטן, אונזערע גרעסטע נביאים זיינען אָבער געווען באַדייטנד פריער, מיט הונדערטער יאָרן פאַר אַריסטון. „מיר ווייסן דאָך — זאָגט בן שם־טוב ווייטער — אַז ביי די גריכן און אַראַבער זיינען געווען גרויסע וווּנדערבאַרע דענקער (חכמים נפלאים היו), זיי האָבן געלעבט רויִק און זיכער אונטער דער שוץ פון זייערע לענדער,

---

1 דאָרשן, 22, עמ׳ ב׳: „ולא יודע אלינו מאמתתו אלא שיש כח במגניטים בו תמשוך הברזל... מציאותו מבואר אצלנו ואמתתו נעלמת ממנו״.

2 דאָרשן, 22—23: „וכשנאמר גזרת מלך אין הכונה בזה שאין להם סבה הלילה, אבל שהוא מוסכלת כמנו ולא יחוייב שנדע איתה... אבל על הכונה הראשונה יש לה מעשים אחרים במין ודעות אחרות בסוג ומפני שזה בלתי אפשר לעמוד על אמתתו מזולת נביא או מקובל ממנו״.

און קיינער פון זיי האָט דאָך ניט זוכה געווען דער רוח נבואה זאָל איבער־ אים רוען; און אונזערע חכמים, וואָס ווערן געטריבן פון איין בראָך צום אַנדערן, פון איין צרה צו דער צווייטער און זיינען ניט געווען ביכולת זיך רויִק פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטן — דאָך רוט די שכינה אויף זיי און זי באַגלייט זיי אין זייער וואָגל..." [1].

דערמאָנענדיק זיך דערביי וועגן די צרות, וואָס זיין דור האָט גע־ האַט אויסצושטיין, רופט בן שם־טוב מיט באַגייסטערונג אויס: „און אפילו איצט, בעת גאָט האָט זיין צאָרן אויף זיין פאָלק אויסגעגאָסן און אונזער פאַרוואָגלטע אומה געפינט זיך ביי די לייבן אין מויל — צי איז דען ניט דאָס גרעסטע וווּנדער, וואָס פון אַזוי פיל שטאַרקע פעלקער איז אפילו זייער נאָמען פאַרגעסן געוואָרן, און דאָס פאָלק ישראל איז דאָך ניט אונטערגעגאַנגען!" [2].

דער נביא איז אַלזאָ, לויט בן שם־טובס שטאַנדפּונקט, העכער פונם פילאָזאָף, און דער רוח נבואה איז ניט פאַרבונדן מיט וויסנשאַפטלעכע חקירות. בן שם־טוב האַלט אָבער פאַר נייטיק דערביי אונטערצו־ שטרייכן, אַז „נאָר אַן אומפאַרשטאַנדיקן מענטשן קאָן קומען אויפן גע־ דאַנק, אַז וויסנשאַפטן זיינען בכלל אַן איבעריקע זאַך" [3]. דאָ שטעלט בן שם־טוב אַרויס דעם זעלבן פּרינציפּ, וואָס האָט מיט אַ סך דורות שפּע־ טער, אין דער תקופה פון דער „השכלה", געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער פּראָגראַם פון די משכילים: וועגן די דאָפּלטע התחייבותן— אַלס מ ע נ ט ש און אַלס י י ד. די געזעצן פון אַריסטוס לערע בילדן דעם מ ע נ ט ש ן, די געזעצן פון דער תורה — דעם י י ד ן. דער ייד נייטיקט זיך אין וויסנשאַפטלעכע ידיעות ניט אַלס אָנהענגער פון דת משה וישראל, נאָר אַלס מענטש אַ בעל־שכל; און וויל ער זיין אַ מושלם, מוז ער שטרעבן צו אַלגעמיינעם וויסן און זיין אַ בקי אין פילאָזאָפיע און אין חכמות הטבע [4]. אַלס אָנהענגער פון דת משה, איז דער ייד ניט מחויב נאָכצו־ פאָרשן און מיט ראיות צו באַווייזן די „טעמי המצות", נאָר אַלס מענטש,

---

[1] דאָרשן, 21, עמ' ב'. דעם זעלבן געדאַנק זאָגט בן שם־טוב אַרויס אויך אין זיין פריער ציטירטן פירוש („מן נאַטסשריפט", 1883, 575).

[2] דאָרשן, 22, עמ' א'.

[3] דאָרשן, 26, עמ' ב'.

[4] דאָרשן, 22, עמ' ב': „ואם ירצה להיות איש שלם מצד שהוא איש מדבר לא מצד שהוא איש ישראל, ראוי שיקרא ההגיונות הלמודיות והטבעיות והאלהיות בסדור... מבואר שהידיעות האלה אינם מיוסדות לאיש ישראל מצד שהוא איש ישראל אבל מצד שהוא אנושי".

וואָס איז באַשאַנקען מיט דעם פאָרשער־גערַאנג, זוכט ער און קלערט נאָך דעם צוועק און באַטייט פון יעדן געבאָט באַזונדער. ניט אָבער פאַר בקיאות אין וויסנשאַפטן און אין אַלגעמיינע חכמות איז דאָס יידישע פאָלק געוואָרן דער „עם סגולה וגוי קדוש", און ס'איז אויף אים געזאָגט געוואָרן: „עם נבון וחכם". אין דעם פּרט, שטרייכט בן שם־טוב אונטער, האָבן אַנדערע פעלקער פיל מער אויפגעטאָן — נאָר ספּעציעל פאַר דער „יידישער חכמה" (חכמת ישראל), דערפאַר ווייל דאָס פאָלק ישראל איז דער טרעגער פון דער הייליקער תורה, וואָס זי איז דאָך די העכסטע בחינה פון שלמות [1].

דער פילאָזאָפיש געבילדעטער בן שם־טוב פאַרשטייט זייער גוט, אַז מען קאָן ניט שטעלן קיין צוימען פאַרן מענטשנס פרייען פאָרשער־גע־דאַנק; ער האָט אָבער געלעבט אין אַ שווערער צייט. אַלץ חוצפּהדיקער און אומבּרחמנותדיקער זיינען געוואָרן די שונאים, וואָס האָבן פון אַלע זייטן געשטורעמט דעם יידישן קיבוץ און זיין אמונה, און די פאָרכט און זאָרג פאַרן קיום האומה האָט געצוווּנגען דעם דאָזיקן פילזייטיקן גע־לערנטן אַרויסצוטרעטן צוזאַמען אין איין קאָמפּאַניע מיט די אָרטאָ־דאָקסע „מחזיקי הדת". „מען מוז מודה זיין, שרייבט בן־שם־טוב, אַז די צוציִונגס־קראַפט פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע איז זייער גרויס, און עס איז גאַנץ לייכט זיך צו פאַרפּלאָנטערן אין דעם אַזוי קונציק גע־פלאָכטענעם פילאָזאָפישן געוועב פון דער „גריכישער וויסנשאַפט". מיר ווייסן דאָך זייער גוט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן חורבן ס'האָט אָנגעמאַכט די לערע פון אונזערע ראַציאָנאַליסטן, אַז אין דעם אָפּגעבן זיך מיט וויסנ־שאַפטן, אין דעם פילאָזאָפישן פאָרשן באַשטייט דעם מענטשנס העכסטער ציל און דער סוד פון זיין אומשטאַרבלעכקייט [2]. מיר האָבן געזען, ווי פילע פון די אָנגעזעענסטע לייט אין די קהילות האָבן זיך געלאָזט פאַר־פירן פון די פילאָזאָפן און דענקער, מיט ביטול האָבן זיי געקוקט אויפן דת און דער מסורה, זיי זיינען דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען און ניט גע־וואָלט קיין קרבנות ברענגען — זיי זיינען דאָך אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז ניט אין דער רעליגיע, נייערט אין דעם פילאָזאָפישן דענקען איז די העכסטע מדרגה פון שלימות, און דאָס טאַקע דאָ אויף דער וועלט. האָבן זיי טאַקע פאַרלאָזן די אמונה פון זייערע אָבות, און

[1] דרשן, 25, עמ׳ א׳.

[2] בן שם־טוב צילט דאָ קודם־כל אין דעם רמב״ם; אין איין אָרט רופט ער אים אַפילו אָן ביים נאָמען (דף ז׳, עמ׳ א׳).

גורם געווען דעם חורבן פון פילע גרויסע קהילות אין קאסטיליע און אראגאניע"[1].

„מיר ווייסן אויך זייער גוט אויס דער געשיכטע, איז בן שם־טוב מוסיף, אז אין די לענדער, וווּהין עס האבן ניט אריינגעדרונגען די פי־לאזאפיש־ראציאנאליסטישע אידעען, האבן די טויזנטער און די צענער טויזנטער פון אונזערע ברידער זיך מוסר־נפש געווען אויף קידוש־השם און זיינען אומגעקומען דורך פייער און שווערד. אזוי, למשל, דערציילט דער רלב"ג[2], אז אין פראנקרייך האבן אין די יידישע קהילות הונדער־טער טויזנטער זיך מקריב געווען פאר דעם איינציקן בורא און זיין היי־ליקן נאמען; ביי אונז אבער אין שפאניע איז אזעלכעס ניט פארגעקומען מאקע אויס דער פריער אנגעוויזענער סיבה".

נעמענדיק דאס אין באטראכט, שרייבט ווייטער בן שם־טוב, איז מאקע ניט אומגערעכט געווען „המאושרא (מאעסטרא) החכם המופלא ר' אשר" (דער רא"ש), בעת ער האט גערדאנקט גאט, וואס ער האט אים אפגעהיט צו קומען אין מגע־ומשא מיט די וועלטלעכע וויסנשאפטן (בריך רחמנא די שזבין מיניה). דערפאר מאקע האט דער רשב"א און זיינע אנהענגער פארבאטן צו באשעפטיקן זיך מיט די חכמות הטבע אין די גאר יונגע יארן. די דאזיקע גאוני ישראל זיינען חלילה ניט געווען קיין קעגנער פון אלגעמיינעם וויסן, זיי האבן זייער גוט פארשטאנען צו שעצן זייער ווערט און נוצן; זיי האבן אבער געזען, וווּהין עס פירן די מתפלספים מיט זייערע פרעדיקן און שריפטן — דאס גאנצע לאנד איז איבערפולט געווארן מיט אפיקורסות (ואיך נהפך כל המלכות למינות)...

אט אזוי האט זיך דער עיגול פעסט צוזאמענגעשלאסן! אונטער דעם דרוק פון די גזירות און צרות, וואס דאס שפאנישע יידנטום איז אויסגע־

---

1 דארפן, 27, עמ' א: „מה שנמצא בנסיון מזה הזמן הארוך אשר הועתקו אלינו קורותיו כי השתדלו בקנין אלה הידיעות וההשקפה אליהם היה הסבה אל אבדן קהלת יעקב ברוב קשטיליא וארגאן, ויותר גדולי המעלה שבהם יצאו מהכלל ונשתמדו לראותם אשר ההזיקו אותם בחכמים אשר ידעו באלה החכמות וכמעט מהסבה סרו מהר מהדרך אשר צוה ד' אלהינו אותם אשר יאמינו שהם חכמים בראותם דעות בעלי הידיעות אשר לא יחשב דת בעיניהם אבל חשבו שהידיעה העיונית תכלית האנושי האחרון ושאין הנה שלמות אחר באמת בחרו להחיית החיים האלה באופן היותר שלם שאפשר להם".

2 בן שם־טוב מיינט דא בלי ספק פאלגנדיקע שטעלע אין דעם רלב"גס פירוש אויף תורה (ויקרא 26, 33): „ואכלה אתכם ארץ אויביכם, מורה על הצרות הגדולות שעברו על עמנו שמתו מהם רבים מכלל הרג קצת הקהלות הקדושות וגרוש היהודים מארץ צרפת שמתו בסבתו כפלים כיוצאי מצרים ברעב ובדבר".

שטאַנען, זיינען די ווייטע — דערנעענטערט געוואָרן, און די קעגנער האָבן אין זייערע חלוקי דעות פאַרגעסן. דער באַדייטנדיקסטער יידישער דענקער פונם 15טן י״ה אין שפּאַניע איז געוואָרן איין דעה מיט די אָרטאָדאָקס־שטרענגע „מחזיקי הדת״, און ער באַגריסט עפנטלעך דעם סנאָיִשן שטאַנדפּונקט, וועלכן ס׳האָט פאַרטראָטן דער טיפּישער פאָרשטייער פונם פאַרפרומטן און בילדונגס־פיינטלעכן דייטשן יידנטום...

* * *

די איבעריקע שריפטשטעלער פון יוסף בן שם־טובס דור, וואָס האָבן געשריבן אויף רעליגיעז־פילאָזאָפישע טעמעס, זיינען גאַנץ ווייניק אינטערעסאַנט הן פון וויסנשאַפטלעכן, הן פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. קיין „אייגנס״ איז ביי זיי ניט בנמצא, זיי חזרן בלויז איבער די געדאַנקען און סברות פון זייערע פאָרגייער, און מאַכן דערצו ברייטע פּרושים. דער טיפּישסטער פון זיי איז דער פילזייטיק געבילדעטער אברהם בן שם־טוב ביבאַגי, אַ געבורטיקער אויס סאַראַגאָסאַ. פּרטים וועגן זיין לעבן זיינען זייער ווייניק באַקאַנט. מען ווייס בלויז, אַז זיין ערשט ווערק (אַ פּירוש אויף אבן רשדס אַ חיבור) האָט ער פאַרענדיקט אין 1446 אין דער שטאָט וואַיעשקאַ [1], אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם 15טן יאָרהונדערט איז ער געשטאַנען בראש פון אַ ישיבה אין סאַראַגאָסאַ [2], געשטאָרבן איז ער נאָך 1489 [3]. ווי יוסף בן שם־טוב, אַזוי האָט אויך ביבאַגי געפירט וויכוחים מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן, און נאָך אין די יונגע יאָרן, ווי ביבאַגי גופא דערציילט, האָט ער אין הויף ביים אַראַגאָנישן מלך יאָהאַן דעבאַטירט מיט עפּעס „אַ גרויסן חכם״ [4]. אויף דער עלטער האָט ער פאַרענדיקט אַ גרויס ווערק אין דריי טייל „דרך אמונה״ [5], וווּ ער פּרוּווט סיסטעמאַטיש דערקלערן די יסודות און דעם מהות פון דער יידישער אמונה, און טרעט אויך אַגב אַרויס אַלס סניגור און באַשיצט זי פאַר די בילבולים און פיינדלעכע אָנפאַלן. ביבאַגי באַווייזט דאַ גרויס בקיאות ניט נאָר אין דער אַראַביש־יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין

1 „והשלמתיו פה וואישקה שנת מאתים וש״ו לפרט האלף הששי״.

2 זע Melanges, 507.

3 וועגן ביבאַגיס וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט האָט שטיינשניידער אַ ספּעציעלע אַרבעט געשריבן („מאָנאַטסשריפט״, 1883, 79—96, 125—142).

4 „דרך אמונה״, 99: „אכתוב לך מה שקרה לי עם חכם אחד מופלא בבחרותי על שלחן המלך דן גויאן במלכות ארגון״.

5 געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1521.

דער טעאָלאָגיש־קריסטלעכער [1]. און דאָך איז נאָך שמעון דוראַנס און יוסף אַלבאָס ווערק גאַנץ שווער צו געפינען עפּעס נייעס אין ביבאַגיס „דרך אמונה". אַלס טיפּישער עקלעקטיקער איז ביי אים דאָ „מכל המינים". ער ציטירט נאָכאַנאַנד די גריכישע פילאָזאָפן און די בעלי קבלה. די גלגלים און דער „שכל הפועל" זיינען ביי אים צונויפגעמישט מיט די „אומפאַרגלייכלעכע און זייער געטלעכער חכמה" קבלה־ספרים, ווי „ספר היכלות", „שיעור קומה" און „ספר הבהיר", וואָס „זיינען טייערער פון גאָלד און פון פּערל" [2]; מעשה בראשית איז צונויפגעקניפּט מיט נוטריקון, גימטריאות און מיט „צירופי אותיות" וואָס זייערע טיפע סודות זיינען באַקאַנט דער „אמתער קבלה" (שנודע בקבלה אמתית).

אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס האָבן בלויז די שטעלן אין „דרך אמונה", ווו ביבאַגי איז זיך מתרעם אויף „די היינטיקע חכמים, וואָס האַלטן פעסט די שאָלעכץ און דעם תוך ווארפן זיי אַוועק, און בכדי ארויסווייזן פאַרן עולם זייער פרומקייט און גאָטספאַרכטיקייט, ריידן זיי מיט ביטול און מיט גאווה וועגן דעם רמב"ם און זיינע אָנהענגער" [3] אויף די גאַנץ אָפטע באַשולדיקונגען, אַז די פילאָזאָפיש־געבילדעטע האָבן געגעבן דעם גרעסטן פּראָצענט משומדים און אַפּיקורסים, ענטפערט ביבאַגי: „איך האָב אָבער געזען אויך זייער פיל למדנים, וואָס זייער גאַנץ בקיאות האָבן זיי געשעפּט נאָר פונם ים־התלמוד, מיט פילאָזאָפיע האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט באַשעפטיקט, און דאָך האָבן זיי געפעלשט אינם דת פון זייערע אָבות און זייער פאָלק פאַרלאָזן. איך רייד שוין ניט וועגן די וואָס זיינען לוימער בורים און עם־הארצים און טוען אָפּ אין זייערע פּאַ־לאַצן און הויפן די שענדלעכסטע מעשים" [4].

---

[1] ביבאַגי ציטירט די לאַטיינישע ווערק פון יעוסטעוויוס, באָעציוס, דונס סקאָט, אָקקאַמאַ א. פּ. אַנד. בכלל איז צו באַמערקן, אַז די יידישע געלעהטע פון יענער צייט האָבן אויס ריין פּאָלעמישע צוועקן פלייסיק שטודירט די קריסטלעכע סכאָלאַסטי־קער. ביבאַגיס אַ בן־דור, אליהו חביליה, האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש פילע ווערק פון טאָמאַס ד'אַקווינאָ און אָקקאַמאַ, בכדי די יידישע למדנים זאָלן האָבן די מעגלעכ־קייט זיך צו באַקענען מיט די באַרימטע קריסטלעכע געלערנטע.

[2] „דרך אמונה", 64: „וספרים כמו ספר היכלות וספרי שיעור קומה וספר הבהיר בהם חכמה אלהית לא יערכנה זהב ולא יכילנה שכל שום חוקר".

[3] דאָרטן, 43: „כמו שקרה לקצת חכמי זמננו הלוקחים הקליפות ומשליכים התוכיות בהראותם חסידים נגד ההמון הרב ומלעיגים ומקנטרים על הרב ז"ל ותלמידיו מבלי בחינה".

[4] דאָרטן, 45: „ומכל שכן מי שלא קרא ושנה אשר אנחנו רואים מהם העסיקו שחתו האנשים החטאים האלה בנפשותם בחצריהם ובטירותיהם".

ווי יוסף בן שם־טוב, אזוי איז אויך אברהם ביבאגי געווען א פרע־דיקער. בשעת איין שבתדיקער דרשה, וואס ביבאגי האט געהאלטן אין שול (ווארשיינלעך אין סאראגאסא), האט דער קריסטלעכער המון געמאכט אן איבערפאל איבער דער ארטיקער יידישער באפעלקערונג, און ביבאגי האט זיין דרשה ניט פארענדיקט. ס'האט זיך דעמאלסט אנגעהויבן דער לעצטער אקט פון דער בלוטיקער דראמע, בעת דאס שפאנישע יידנ־טום האט זיך געראנגלט אין שווערן גסיסה־קראמף. די צוויי שפאנישע מלוכות, אראגאן און קאסטיליע, האבן זיך אקארשט פאראייניקט אונטער דער קרוין פון פערדינאנד און איזאבעלא, און איבער דעם גאנצן לאנד האבן העל אויפגעלויכטן מיט איער גיהינום־פייער די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע. די יידישע קהילות זיינען שוין געווייגט געווען צו אי־בערפאלן און העצעס פונם אויפגערייצטן המון, און אויפן צווייטן שבת האט דער עולם געבעטן ביבאגין, ער זאל פארענדיקן זיין איבערגעריסענע דרשה. האט אברהם ביבאגי, „בכדי צו טרייסטן און שטארקן די דורך בהלות און מהומות פאראומערטע הערצער", געהאלטן א דרשה וועגן דער הייליקייט פונם יום השבת, וואס איז דאך די קרוין פון „מעשה בראשית"—פון דער אנטפלעקטער געטלעכער לייטזעליקייט. „זה ינחמנו"— אזוי האט געהייסן די דאזיקע דרשה, וואס ביבאגי האט געהאלטן אויפן צווייטן שבת נאך דער בהלה...[1]

אבער אויך אויפן געביט פון דרוש האט זיך געבילדעט א פעסט נעשלאסענער קרייז. זינט שמואל אבן תיבון און יעקב אנאטאלי, האבן די יידישע אריסטאטעליקער געפרווט אויסנוצן די בימה אין די שולן אלס טריבונע צו פארשפרייטן זייערע ראציאנאליסטישע אידעען. מיר האבן געזען, וואס פאר א שארפן קאמף דאס האט ארויסגערופן אין די ארטא־דאקסע יידישע קרייזן. נאך דער קאטאסטראפע צום סוף פערצנטן יאר־הונדערט (די סעוויליער שחיטה) באווייזן זיך אין דער יידישער האמי־לעטיק (דרוש) גאנץ נייע טענדענצן. אלץ אומברחמנותדיקער ווערט דער קאמף פון דער קאטוילישער קירך; זי באנוגנט זיך שוין ניט דערמיט, וואס זי צווינגט די יידישע געלערנטע צו פירן עפנטלעכע וויכוחים וועגן רעליגיעזע פראגן מיט משומדים און אפטריניקע — אויף איר דרינגלעכן ווונטש ווערט ארויסגעגעבן א געזעץ, אז יידן זיינען מחוייב קומען הערן

1 געדרוקט אין 1522 אונטער פאלגנדיקן שער: „זה החבור נקרא „זה ינחמנו" חברו החכם השלם נ"ר אברהם ביבאגיי ז"ל". די דאזיקע דרשה, וואס איז איינגעטיילט אין 15 שערים, איז איצט די גרעסטע ביבליאגראפישע זעלטנהיים. מיר האבן זיך באנוצט מיט דעם עקזעמפלאר, וואס געפינט זיך אין לענינגראדער אזיאטישן מוזיי.

די מיסיאָנערישע פּרעדיקן. דאָס פּראָטעסט־געפיל קעגן אַזעלכע מעשי־
נוגש האָט זיך ביי דער יידישער באַפעלקערונג אויסגעגאָסן אין אַ
שטאַרק אַנטוויקלטער פּאָלעמיש־אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור, האָט אויך
געפונען אַ שאַרפן אָפּקלאַנג אין דער האָמילעטישער ביבל־דערקלערונג
און אין די דרשות אין די שולן און בתי־מדרשים. די יידישע פּרעדיקער
האָבן זיך געפלייסט צו פּאַראַליזירן די השפּעה פון די מיסיאָנערישע
דרשות, צו שטאַרקן אין די הערצער פון זייערע צוהערער דעם פעסטן
ביטחון אין די יסודות פון דעם יידישן גלויבן. דערפאַר טאַקע זיינען,
ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, כמעט אַלע יידישע געלערנטע פון
יענער צייט געווען אויך פּרעדיקער, און יוסף בן שם־טוב האָט אפילו
אַ ספּעציעל האַנטבוך געשריבן וועגן דרוש און פּרעדיקער־קונסט.

ניט אָבער בלויז אַפּאָלאָגעטישע צילן האָבן פאַר זיך געשטעלט די
יידישע פּרעדיקער, ניט נאָר קאַמף קעגן די מיסיאָנערישע דרשות איז
געווען זייער אויפגאַבע. מיר האָבן שוין ביי אברהם ביבאַגים פּרעדיקן
באַמערקט, ווי שטאַרק עס קלינגט נאָך איין באַשטימטער מאָטיוו — „זה
ינחמנו!” טרייסטן, שטרקן די צעבראָכענע פאַראומערטע הערצער. די
פּרעדיקן באַקומען דערפאַר אַ ריין דידאַקטישן כאַראַקטער, דער גרונט־
טאָן — דברי מוסר און רעליגיעזע עטיק. אין דער קולטור־געשיכטע באַ־
גענט מען זיך אָבער גאַנץ אָפט מיט דער אייגנאַרטיקער דערשיינונג,
וואָס אַחד־העם האָט, אַמאָל באַצייכנט מיט די ווערטער „שמות שנתרוקנו
מתוכנן”. דאָס איז די מאַכט פון דער מסורה, פון דער בירושה באַקומע־
נער טראַדיציע... אין משך פון דורות האָבן די פּרעדיקן אין יידיש־שפּאַ־
נישן קיבוץ געטראָגן אַ ספּעקולאַטיוו־פילאָזאָפישן כאַראַקטער; דאָס איז
געווען אַ לאָגישער פּועל־יוצא פון דעם קולטורעלן מצב אין אַ באַשטימ־
טער תקופה. די פאָרם, דער לבוש לעבט אָבער אָפט איבער דעם תוך. די
„שמות” בלייבן נאָך אַלץ ביים אַלטן קלאַנג, כאָטש זייער „תוכן” האָט
די צייט שוין פון לאַנג מיט אירע שאַרפע ציין אויסגעפרעסן. דער פילאָ־
זאָפישער גייסט איז אין שפּאַנישן יידנטום שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָרבן,
נאָר דער לבוש, די פילאָזאָפישע פאָרם אַלס טראַדיציאָנעלער, פעסטגע־
שטעלטער נוסח, איז נאָך געבליבן. די עטיש־דידאַקטישע האָמילעטיק פון
אברהם ביבאַגים דור, די פרום גאָטספאָרכטיקע דרשות, אָרטאָדאָקס־
יידישלעך נאָך זייער אינהאַלט, טראָגן נאָך אַלץ די פילאָזאָפישע פאָרם,
וואָס האָט שוין פון לאַנג פאַרלוירן איר געוועזענעם אינהאַלט...

דער טיפּישסטער פאַרטרעטער פון אָט דער אייגנאַרטיקער עטיש־
פילאָזאָפישער האָמילעטיק איז יצחק בן משה עראַמה, דער גוט באַקאַנ־

טער פאַרפאַסער פון „עקדת יצחק״, איינס פון די פּאָפּולערסטע יידישע חקירה־ספרים.

די קנאַפּע ידיעות וועגן עראַמהס לעבן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער עיקר דעם פאַרפאַסערס הקדמה צום „עקדת יצחק״. געבוירן בערך אין 1420, איז עראַמה שוין אין די יונגע יאָרן געווען א ראש־ישיבה אין דער שטאָט זמורה, דערנאָך געווען רב און פּרעדיקער אין טאַראַגאָן און אין טראַגו. אויף דער עלטער איז ער געווען רב און ראש־ישיבה אין קלאַת־יוד. נאָך דעם גרויסן גירוש פון 1492 האָט עראַמה זיך באַזעצט אין נעאַפּאָל, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1494. וועגן דעם גרויסן יראת־הכבוד, מיט וועלכן זיין דור האָט זיך צו אים פאַרהאַלטן, זאָגט עדות די אויפשריפט, וואָס מען האָט אויסגעקריצט אויף זיין מצבה:

לֹא גַל אֲבָנִים זֶה — אֲבָל מִזְבֵּחַ,
יִצְחָק לְעוֹלָה בָּא — וְאַל זוֹבֵחַ.

עַראַמה איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער יידיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע, נאָר פיל מער האָט אים אימפּאָנירט די חכמת הקבלה. גרויס און הייליק איז ביי אים געווען דער זוהר, און אַלס „אמת געטלעך״ האָט ער דערקלערט ניט נאָר ר׳ שמעון בן יוחאי, נאָר אויך אַנדערע בעלי־קבלה (ולמקובלים אשר הם האלהיים באמת) [1]. דער ביי אונזערע עלטער־זיידעס אַזוי שטאַרק באַליבטער „עקדת יצחק״ זאָגט עדות, אַז עַראַמה איז בלי־ספק געווען א געניטער און באַגאַבטער פּרעדיקער, אָבער אָן אָריגינעלן גייסט, אָן דעם רוח־הקודש פון אמתער באַגייסטערונג, און דער שטעמפּל פון לאַנגווייליקער מיטלמעסיקייט ליגט איבער דעם גאַנצן שטח פון דעם דאָזיקן פינפבענדיקן חיבור [2]. עראַמה בויט זיינע דרשות אויפן יסוד פון פסוקים אוים דער תורה, פלעכט זיי צוזאַמען מיט תלמודישע אַגדות, עטישע כללים און פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע סענטענצן, און די דאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן בלייבן בלויז אַלס מעכאַנישגעמיש און ווערן ניט צונויפגעשמאָלצן אין אַן איינהייטלעכער אָרגאַנישער זאַך. עראַמהן, דעם עפּיגאָן פון דער ירידה־תקופה, פעלט די נאַיווע פשטות פון דער דייטש־פראַנצויזישער שול, דער התלהבותדיקער ברען פון די מקובלים און אויך די סיסטעמאַטישע אויסגעהאַלטנקייט פון די פריידענקער־ראַציאָנאַליסטן. ער איז שטענדיק ניט קאַלט און ניט וואַרעם, און זעלטן־ווען ער דערהויבט זיך איבער דעם פלאַכן שטח פון

1 „חזות קשה״, 27, עמ׳ ב׳ (מיר ציטירן נאָך דער פּרעסבורגער אויסגאַבע).

2 דער „עקידת יצחק״ איז געשריבן אין פאָרם פון א פּירוש אויף תורה.

באַנאַלער דרשנות, צוגעפּעפּערט מיט סכאָלאַסטישן פּילפּול. דער בעל „עקדת־יצחק" נוצט אויס מיט אַ ברייטער האַנט די ביי די ראַציאָנאַליסטן אַזוי באַליבטע אַלעגאָרישע מעטאָדע, און אין דער זעלבער צייט האַלט ער שטאַרק מלחמה מיט די ראַציאָנאַליסטן און טרעט אַרויס אַקעגן דער „פילאָזאָפּיישער צרעת" מיט אַ ספּעציעלן פּאַמפלעט „חזות קשה".

אָט דער דאָזיקער צאַרניק־בייזער פּאַמפלעט האָט בלי־ספק אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס. טיפּיש איז עראַמאַהס באַשרייבונג ווי מען פלעגט יידן צווינגען אויסהערן מיסיאָנערישע פּרעדיקן, און ווי ער גופא האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ וויכוח מיט אַ קריסטלעכן טעאָלאָג וועגן גאָטס לייטזעליקייט און ליבע[1]. כאַראַקטעריסטיש איז אויך, ווי דער גאָטספאַרכטיקער פאַרפאַסער איז זיך מתרעם אויף די דעמאָלטיקע ישיבות: „איך האַלט עס פאַרן גרעסטן אומגליק — שרייבט עראַמה — וואָס אין דער זעלבער צייט, בעת מיר ווערן געיאָגט און געפּלאָגט אין גלות, און מיר פאַלן אַלץ טיפער און טיפער אין די אָפּגרונטן פון יאָמער אַלס שווער געצאָלט פאַר די אַלטע זינד — טוען נאָך אונזערע אייגענע באַשיצער און קעמפער (שרי צבאותינו ואנשי מלחמתנו) אין אונז פעלשן; ווי פאַררעטער טוען זיי אונז פאַרפירן אויף פרעמדע וועגן, פול מיט שטרויכלונגען און נעצן; מיט פאַלשע רייד טוען זיי אונטערגראָבן די יסודות פון דער אמונה, צעשטערן דעם ביטחון אין די הערצער פונם פאָלק. איצט, בשעת חירום, ווען דאָס אומגליק וואַקסט אַזוי אימהדיק אין די געצעלטן פון יעקבס הויז — פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער אַ נייע אַנשטעקנדיקע קרענק צווישן די פירער און עלטסטע פון אונזער אומה (זרחה צרעת חדשה בראשינו ובזקנינו), אַלץ מער וואַקסט די צאָל פון די, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די פרעמדע חכמות, וועלכע זיינען דאָך די געפערלעכסטע קעגנערינס פון אונזער תורה און אמונה. מען באַנוגנט זיך ניט דערמיט, וואָס מען לערנט דאָס אַלץ אין דער אייגענער שפּראַך, נייערט דאָס רוב פון אונזער יוגנט ווערט אויפגעצויגן אויף פרעמדע שפּראַכן, און עד־היום איז דאָס די הויפּט־באַשעפטיקונג אין אונזערע ישיבות; און די תורה און דער תלמיד ווערן דאָרט פאַרגעסן, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט זיי (ומתורה ומתלמוד בטלה ישיבה אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובותינו)[2].

דער פּאַמפלעט איז געשריבן אין פאָרם פון אַ חלום, אַ „שווער זעעניש" (חזות קשה), וואָס איז בלויז אַן אַלעגאָרישער פּירוש צו דער

---

1 „חזות קשה", קאַפּ' 4.

2 דאָרטן, 34, עמ' א'.

ביבלישער דערציילונג וועגן שרהן מיט הגרן. שרה — דאָס איז די אָנט־פּלעקטע רעליגיע, די תורה מן השמים, און הגר — די חכמת הפילוסופיה, וואָס איר אויפגאַבע איז בלויז צו באַדינען, מסביר זיין און דערלייכטערן משיג צו זיין די רעליגיעזע אמתן. די „שפחה" איז אָבער באַלד צו שטאָלץ געוואָרן, „ותקל גבירתה בעיניה" — און זי האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף איר האַרין; האָט דעמאָלט די באַליידיקטע שרה געפאָדערט פון אַברהמען, ער זאָל דערווייטערן די צו חוצפהדיק געוואָרענע דינסט[1].

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דערביי פאָלגנדיקער דעטאַל: עראַמה נופא שטרייכט אונטער, אַז אין זיין שנאה צו דעם פרייען פילאָזאָפישן געדאַנק איז ער ניט פריי פון דער השפעה פון דער קנאַישע־ און זייער קריגעריש געשטימטער קאַטוילישער קירך. די מיטלאַלטערלעכע סכאָלאַס־טישע פילאָזאָפיע האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער קריטישער אי־בערגאַנגס־תקופה, ביי בולטע סימנים פון צייטווייליקער ירידה און בעת די קאַטוילישע קירך אין שפּאַניע איז געוואָרן אַלץ אַגרעסיווער. ווייזט טאַקע עראַמה אָן אויף דער קירך, אַז מען דאַרף זיך אין דעם פּרט לער־נען פון די קאַטוילישע טעאָלאָגן: יענע האַלטן דאָך אייזן־פעסט אין דעם כּלל, אַז די פילאָזאָפיע איז בלויז אַ באַדינערין ביי דער טעאָלאָגיע, זיי אָנערקענען דערפאַר נאָר די פילאָזאָפישע הנחות, וואָס זיינען מסכּים מיט דער אמונה, וואָרעם זיי זיינען איבערצייגט, אַז דער געטלעכער דת איז העכער פון דער פילאָזאָפישער חקירה, וועלכע איז גאָר ניט אימ־שטאַנד משיג צו זיין די גרויסע וווּנדער פון דער התגלותדיקער אמונה[2].

עראַמה געפינט דערפאַר, אַז די קריסטלעכע טעאָלאָגן שטייען אויף אַ פיל ריכטיקערן שטאַנדפונקט, און זיינען ווייניקער געפערלעך, ווי די „בוגדי יהודה", די יידישע ראַציאָנאַליסטן, ווייל יענע האָבן אויסדער־ווײלט דעם וועג פון גלויבן (בחרו להם דרך האמונה) און צוליב דער פילאָזאָפיע האָבן זיי ניט מוותר געווען פון דער אמונה אפילו כּחוט השערה, ניט ווי אונזערע „מתפלספים" און פריידענקער. באַזונדערס פאַרהאַסט זיינען אים די „פשרנים" — די שלום־מאַכערס צווישן דת און פילאָזאָפישער חקירה. לפנים פאַרזיכערן די „פשרנים", אַז זיי האַלטן

---

1 דאָרטן, קאַפּ' 11.

2 דאָרטן, 15, עמ' ב' און אין פילע אַנדערע שטעלן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס עראַמהס בן־דור, דער אָרטאָדאָקס־פרומער יוסף יעבץ, שטרייכט אויך אונטער אין זיין „אור החיים" (דף מ'), אַז מע דאַרף זיך אין דעם פּרט נעמען אַ מוסר פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן („מלעיג על המצות, חולק על הקבלה, הפך ההגרים ואדומים המחזיקים בחוקי דתם החלושה באסמכתות חלושות והיקשים מזוייפים)".

טייער די תורה און אירע געבאָטן, אין דער אמתן אָבער פאַרפירט זיי די פילאָזאָפיע אויף גאַנץ פאַלשע דרכים, וואָס ברענגען צו פולשטענדיקן הריסת הדת. אַלץ, וואָס אין דער תורה, קלאָגט זיך עראַמה, אַלע אירע ניסים און דברי נבואה, פליסן זיי זיך צו דערקלערן אויף אַ לאָגיש־נאַטירלעכן אופן, בכדי עס זאָל זיך ניט געפינען אין סתירה מיט דער פילאָזאָפיע; אַלץ מוז זיין צוגעפּאַסט צו דעם, וואָס אריסטו האָט געלערנט (באופן שתקבל כל מה שגזר עליו ארסטו מהיותו נמצא או לא). צוליב דער פילאָזאָפיע צעשטערן זיי אומברחמנותדיק די יסודות פון דער אמונה. די געטלעכע תורה, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אויפן באַרג־סיני, איז ביי זיי מגולגל געוואָרן אין משלים און אַלעגאָריעס פאַרן פשוטן המון, וואָס איז מיט זיין גראָבן שכל ניט אימשטאַנד משיג צו זיין די ריין פילאָזאָפישע אמתן (אינה תורה על דרך האמת אבל שמוה למשל לכתות ההמון אשר לא ידעו ולא יבינו אמתת הפילוסופיה), און נאָר די געבאָטן פון דער תורה דאַרפן אָנערקענט ווערן, וואָס קאָנען גערעכנט ווערן אין פולן הסכם מיט די פילאָזאָפישע סברות [1].

נאָר וויבאַלד אַזוי — רופט אויס עראַמה — וואָס טויג בכלל די געטלעכע תורה? צי וואָלט דען ניט גלייכער געווען הן פאַר איר הן פאַר אונז און פאַר כל ישראל, זי זאָל גאָר ניט געווען נתגלה ווערן? וואָרעם האַלט מען זיך ביים ווערטלעכן פשט פונם טעקסט, קומט דאָך אויס צו דריגנען לויט די ראַציאָנאַליסטן, אַז די גאַנצע תורה איז פול מיט שקרים און באָבע־מעשיות, בכדי צו פאַרפירן דעם פשוטן המון, פאַרבלענדן די נאַראָנים די אויגן מיט פאַנטאַסטישע חלומות, בכדי זיי זאָלן בלאָנדזשען אין דער פינסטער ווי בהמות און זאָלן ניט אימשטאַנד זיין צו דערגיין דעם אמת און בירן אַ באַוווסטזיניק מענטשן־לעבן. אלא־וואָס־דען, דערקלערט מען דעם טעקסט אויף אַן אַלעגאָרישן אופן און מען אַנטפּלעקט אין אים אַ פאַרבאָרגענעם פילאָזאָפישן תוך — פרעגט זיך ווידער די שאלה: אַז מיר האָבן שוין די פילאָזאָפישע אמתן, צו וואָס נוצט אונז נאָך די תורה מן השמים? [2].

מיר ווילן אָבער — דערקלערט עראַמה — ניט נאָכגיין די דאָזיקע „מתחכמים", וואָס ווילן אונז איינריידן, אַז דער פשט פון דער תורה איז בלויז פאַר נאַראָנים (שפשוטי התורה לא הונחו אלא לפתאים) [3];

---

[1] דאַרשן, 16.

[2] דאַרשן, 16, עמ׳ ב׳.

[3] דאַרשן, 18, עמ׳ ב׳. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אויך עראַמה איז זיך סומך אויף אַלגאַזאַליס „הפלת הפילוסופים" און קרויננט אים מיטן נאָמען „הפילוסוף האלהי" (דאַרשן, 12, עמ׳ ב׳).

מיר וועלן זיך נים לאָזן פירן פון די „פשרנים”, די „בוגדי יהודה”, וואָס מאַכן פונם לעבעדיקן געטלעכן וואָרט אַ טרוקענעם פירוש צו פילאָזאָפישע סברות, און די גאַנצע תורה ווערט ביי זיי אַ זייטיקער צונאָב צו דער ספעקולאַטיווער פילאָזאָפיע [1].

און עראָמה דערקלערט אַ קאַמף קעגן דער „פילאָזאָפישער צרעת”, קעגן די „בנים משחיתים”, וואָס „אונטערשטייען זיך צו מאַכן צו שפּאָט די תורה און אירע געבאָטן און לייקענען אין אירע וואונדער [2]. אָט זיי, די פשרה־מאַכערס (בעלי הפשרות) — רופט אוים מיט פּאַטאָס דער בעל „עקדת יצחק” — וואָס האָבן די תורה געמאַכט אוטערטעניק דער פילאָזאָפיע, זיינען עס שולדיק, וואָס דער טאָג פון דער גאולה האָט זיך פון אונז אזוי דערווייטערט! זינט די „שפחה תירש גבירתה”, זינט מען האָט די דינסט ארויפגעזעצט אויפן פּלאַץ פון איר האַרין, פאַלן מיר אַלץ נידעריקער און נידעריקער און עס נעמט קיין סוף צו אונזערע צרות... [3]

---

1 דאָרטן, 18, עמ׳ א׳: „תהפוך דבריה דברי אלהים חיים אל דעת הפילוסופיא, לא תוסיף ולא תגרע עד שנשארה תורה שלמה במדרגת פילוסופיא קטנה וחסרה”.

2 דאָרטן, 30, עמ׳ ב׳: „בנים משחיתים ומלעיגים על הנחות התורה וכל נפלאותיה וכריכים יד כנגדה”.

3 דאָרטן, 33, עמ׳ ב׳.

זיבעטער קאַפּיטל

דער בעל־קבלה דער נעלם. — די ספרי קבלה „ספר הקנה" און „ספר הפליאה". — זייער מיסטישער סטיל. — די קבלה אַלס העכסטער אויטאָריטעט. — די „סודות התלמוד". — דער אַסקעטישער קאַמף קעגן די תענוגים פון עולם הזה. — דער רוגז אויף די רבנים. — דער קאַמף פאַר א „לאַנג־פאַרלוירענער זאַך". — דער לעצטער אַרויסטריט פון די מיימוניסטן. — שם־טוב בן יוסף אַלס פשרה־מאַכער צווישן די „צוויי ליכטער". — דער ערשטער פון מיטלאַלטער און זיין סאַטירע „עלילת דברים". — דער ראַציאָנאַליסט־אַריסטאָטעליקער און זיין דאַנטע. — דער ליטעראַרישער ווערט פון דער סאַטירע. — דער לעצטער יידישער דיכטער אין אַנדאַלוזיע סעדיה אבן דאַנאַן. אבן דאַנאַן אַלס ליבע־דיכטער. — אבן דאַנאַן אַלס מיימוניסט און פּאַמפלעטיסט.

עראָמה איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס האָבן עס די „פשרה־מאכערס" דערוויטערט דעם „קץ", און דורך זייער שולד איז די גאולה נאָך ניט געקומען. אָבער נאָך פאַר דעם בעל „חזות קשה" איז אַרויסגעטראָטן אַן אַנדער קנאָישער פאָרשטייער פון די „מחזיקי הדת", און יענער האָט ניט נאָר צווישן די ראַציאָנאַליסטישע פריידענקער, נאָר אַפילו אינם לאַגער פון די רבנים געזען א סך שולדיקע, וואָס דער גלות האָט זיך נאָך ניט געענדיקט און דער גואל איז נאָך ניט געקומען. דאָס איז דער התלהבותדיקער מקובל, וואָס זיין נאָמען און זיין לעבן זיינען איינגעהילט אין טיפן סוד, דער פאַרבאָרגענער און אומבאַקאַנטער מחבר פון צוויי פּאָפּולערע און ווייט באַקאַנטע מדרשים: „ספר הקנה" (א פירוש אויף מצוות על דרך הקבלה) [1] און „ספר הפליאה" (א מיסטישער פירוש אויף „מעשה בראשית") [2].

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז דער נאָמען פון פאַרפאַסער איז אומבאַקאַנט געבליבן. אין „ספר הקנה" רופט ער זיך — קנה אבן גדור בנו נחום, אין „ספר הפליאה" הייסט ער: אלקנה בן ירוחם בן אביגדור

---

1 דאָס ערשטע מאָל געדרוקט אין פּוריצק 1776.

2 געדרוקט אין קאָרעץ אין 1784.

ממשפחת רם. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז דער נאָמען „גדור״ טראָגט דאָ אַ ריין סימבאָלישן כאַראַקטער: ער איז עס דער „פּאַרצוימער״, דער באַשיצער, וואָס מאַכט אַ גדר. און טאַקע גאַנץ אָפט פאָלגט גלייך נאָכן נאָמען אַ דערקלערונג: „בעל הגדר בתורת אל״ — דער וואָס מאַכט אַ צוים אַרום גאָטס תורה[1]. אין ביידע ווערק שטרייכט דער פּראָפעסער אונטער, אַז ער שטאַמט „ממשפחת ר׳ נחוניא בן הקנה״, און אין „ספר הקנה״ ווערט אָנגעוויזן, אַז דאָס ווערק איז געשריבן „בשנת ארבע אלפים״, ד״ה אין דריטן יאָרהונדערט לויט קריסטלעכער רעכענונג. דער היסטאָריקער גרעץ האָט אָבער מיט אייזערנע ראיות דערוויזן, אַז ביידע ווערק שטאַמען פון איין און דעם זעלבן פּראָפעסער, וועלכער האָט געלעבט אין שפּאַניע. גרעץ האָט נאָר אַ שטיקל טעות בעת ער שרייבט, אַז דער אומבאַקאַנטער פּראָפעסער פון די ביידע מיסטישע ווערק האָט געלעבט אין לעצטן פערטל פונם פופצנטן יאָרהונדערט[2].

ביידע ווערק הייבן אָן אין אַ ריין פאַנטאַסטיש־מיסטישן סטיל: „אויפן הר הזיתים האָב איך געטאָן שטיין (הייתי עומד) און אַ שטימע האָב איך דערהערט, נאָר קיין מענטשן האָב איך ניט געזען. זאָגט די שטימע צו מיר: אלקנה מיין זון! שטיי אויף פון דאַנען, קער אום צו דיין הויז און צו דיין ישיבה. אַ גאַנצער מייל איז געווען פון דאָרט ביז מיין הויז, די ערד האָט זיך אָבער פון איר אָרט גערירט, און דורך „קפיצת הדרך״ בין איך גלייך פאַר מיין הויז געשטאַנען. האָב איך פאַר זיך אַ זקן דערזען, און דערשראָקן בין איך זייער געוואָרן, וואָרעם אויסגעזען האָט ער ווי אַ הימלישע דערשיינונג (כי דמו לבר אלהין). און ער האָט צו מיר געזאָגט: שרעק זיך ניט, איך בין אליהו! אומבאַשרייבלעך גרויס איז געווען דאָ מיין פרייד, און אַנטפּלעקט האָט ער פאַר מיר דאָס, וואָס ס׳איז פאַרבאָרגן אין די הימלישע הייכן, און געלאָזט מיך זען גרויסע וווּנדער. צוגעפירט האָט ער מיך צו אַ גרויסן שטיין פון העליש פייער, האָט מיר אָנגעוויזן וואָס ס׳שטייט דאָרט אָנגעצייכנט מיט שוואַרצן פייער אויף

1 דער ערשטער פּראָפעסער, וואָס ציטירט די ווערק פון דעם דאָזיקן מיסטיקער, משה הגולה אויס קיעוו, רופט אָן דעם בעל „הקנה״: „הנה כתב אבינדור בדבורו במצוות״ („שושן סודות״, 28, עמ׳ ב׳); אין אַ צווייטער שטעלע (דאָרטן, 46, עמ׳ א׳) שרייבט משה הגולה: „בעל הגדור בחבורו במצוות ע״ד אמת״.

2 די ביבליאָגראַפן האָבן דערוויזן, אַז שוין אין דער ערשטער העלפט פונם פופצנטן יאָרהונדערט זיינען באַקאַנט געווען אָפּשריפטן פון „הקנה״ און „ספר פליאה״ (זע שטיינשניידער אין „העבר. ביבליאָגראַפיע״, XV, 59; XVIII, 4). יעלינעקס ראיות (אין קונטרס תרי״ג, 41), אַז דער פּראָפעסער פון די צוויי מדרשים שטאַמט אויס איטאַליע, איז כלל ניט איבערצייגנדיק.

וויסן פייער. ווי נאָר איך האָב דעם שטיין דערזען און די אויפשריפט באַטראַכט, זאָגט צו מיר אליהו: אלקנה מיין זון! האָסטו פאַרשטאַנען, וואָס ס'שטייט דאָ געשריבן? האָב איך געזאָגט: יאָ!..."

אין נאָך מער פאַנטאַסטישן סטיל איז געשריבן די הקדמה צו „ספר הקנה" [1]:

„אַט דאָס זיינען די רייד פון אבן גדור, דעם מאַן, וואָס האָט אַ צוים געמאַכט אַרום גאָטס הייליקער תורה: איך בין אַמאָל אויף אַ שיף געשטיגן און אין ים זיך געלאָזט; האָב איך דערזען, ווי עס שווימט אונטער דער שיף אַ גאַנץ גרויסער באַרג. זאָג איך צו די מענטשן וואָס אויף דער שיף: וואָס זעט איר? האָבן זיי געזאָגט: אַ גרויסער באַרג באַוועגט זיך אונטער אונז. האָב איך ווייטער געפרעגט: מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך? האָבן זיי געענטפערט: מאמיני השם יתברך אנחנו — מיר גלויבן אין אונזער גאָט, און אויס גרויס ליבע צום באַשעפער טרויערן מיר אונזער גאַנץ לעבן אויף גלות השכינה און פאַרברענגען אונזערע טעג אין תעניתים. ווי איך האָב די דאָזיקע ווערטער דערהערט, האָב איך אויסגערופן: אין כמוך באלים ה'! ווער קאָן זיך גלייכן צו דיר, אַלמעכטיקער גאָט, ווער קאָן דיינע מעשים דערגרונטעווען! דו האָסט דאָך אָנגעהויבן פאַר מיר, דיין קנעכט, דיינע וווּנדער צו אַנטפּלעקן — דערקלער זשע מיר: וואָס באַטייט דער דאָזיקער באַרג, וואָס גייט אונז נאָך אינמיטן ים, און ווער זיינען עס די דאָזיקע מענטשן? האָט גאָט געשיקט אַ גרויסע שלאַנג, דער ווידל שטעקט אין ים און דעם קאָפּ שפּאַרט זי אין די הימלען. זי האָט זיך געשטעלט צווישן ים און צווישן באַרג, האָט מיך באַגריסט, און צו מיר אַזוי געזאָגט: דער באַרג — דאָס איז תפארת ישראל, די שיינקייט פונם פאָלק ישראל, וועלכע לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער קרוין פון חכמה, וואָס טראָגט דעם נאָמען ים... און די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַרברענגען אין תעניתים און אין טרויער די טעג פון שווערן גלות — דאָס זיינען די „ספירות", וואָס גלוסטן נאָך דעם הימלישן וואַסער (צמאים למים עליונים), ווי די עלנדע און שמאַכטנדיקע לעכצן נאָכן דערפרישנדיקן קוואַל" [2].

„און מיינע אויגן שוועבן איבער דער ברייט פונם ים, באַטראַכטן גאָטס גרויסע ווונדערבאַרע מעשים. און בעת איך האָב זיך געפונען אינ-

---

1 די פאָררעדע איז געווען אָפּגעדרוקט באַזונדער אונטער דעם נאָמען „קנה בינה" נאָך אין יאָר 1610 (אין פּראָג) מיט הוספות און מיט אַ פּירוש.

2 דער פאַרגלייך פון חכמה און תורה צו פריש-קוואַלנדיק וואַסער איז זייער באַליבט ביי די מקובלים.

דערמיט פונם ים, האָט אויפגעשיינט פאַר מיינע אויגן א העל־בלענדנדיק ליכט, און איך האָב דערזען ווי איינער לויפט מיר אַנטקעגן און זאָגט אָן די בשורה: „משיח וועט קומען אין דער צייט פון ר״ן, ווען געוועל־טיקן וועט די קרוין״ [1]. בעת איך בין אַראָפּ פונם שיף און געלאָזט זיך גיין מיטן וועג, באַגעגנט מיך ווידער איינער, גריסט מיך און זאָגט: „האַר מיינער! בר״ן לממשלת הכתר וועט אויסגעלייזט ווערן ישראל!..״

כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הקדמה די דערציילונג, ווי אַזוי דער „ספר־הקנה״ איז אויף דער וועלט געקומען:

„אינם יאָר פיר טויזנט (לבריאת העולם) האָט מיין פאָטער גע־הערט אין חלום: דיין שנור, די פרוי פון דיין זון קנה איז מעוברת, זי וועט א זון געבוירן, זאָלסטו אים א נאָמען געבן נחום, ווי דיין פאָטער האָט געהייסן. האָט די שנור געבוירן אַ יינגל, איך האָב אים א נאָמען געגעבן נחום״. און שוין צו דריי יאָר זיינען פאַר דעם קינד אַלע סודות געווען אַנטפּלעקט. האָבן זיך באַוויזן פאַר אונז, דערציילט ווייטער דער פאַרפאַסער, דריי מענער, איינער איז געווען שוואַרץ, דער אַנדערער ווייס און דער דריטער געל. דער זיידע און דער פאָטער זיינען שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, נאָר דאָס וואונדערבאַרע קינד איז רויק צוגעגאַנגען צו זיי און געפרעגט: צו וואָס זייט איר אהער געקומען? האָט דער ווייסער געזאָגט: איך בין געקומען אייך צו באַקענען מיט דער תורה שבכתב; דער שוואַרצער האָט געענטפערט: „איך וועל אייך באַקענען מיט דער משנה און דעם תלמוד, און דער מיטן געלן פנים האָט געזאָגט: איך וועל אייך דערקלערן די ביבל בייטאָג און די משנה ביינאַכט... איך וועל איי־בערגעבן אין אייערע הענט די אותיות פונם אלף־בית אין די וואונדער־לעכסטע פאַרבינדונגען און באַהעפטונגען, איך וועל אייך באַקענען מיט די טיפע סודות פון נוטריקון און גימטריאות, דעמאָלט וועט איר פאַר־שטיין, אַז די „נגלות״, דאָס פאַר אַלע פשוטע און אָפענע, דאַרף צעשטערט ווערן, און נאָר די נסתרות, דאָס פאַרבאָרגענע און פאַרהוילענע, וועט אויף דעם צעשטערטן ווידער אויפבויען אַ גאַנצן פעסטן בנין (והרסו הריסות הנגלות, והנסתרות יחזרו ויבנו ההריסות בנין חזק, בנין שלם).

אין דער דאָזיקער מיסטישער דערציילונג שטעקט די גרונט־טענ־דענץ פונם אומבאַקאַנטן פאַרפאַסער. גרעץ [2], וואָס אים זיינען אַזוי פאַר־

---

1 „ספר הקנה״, דף ט״ו, עמ׳ ב׳: „ובהיותי בתוך הים בא אור גדול לעיני וראיתי אחד רץ ובא אלי מבשר ואומר: ביאת המשיח בר״ן לממשלת הכתר״. ר״ן — ד״ה 250 פון זעקסטן טויזנט לבריאת עולם, אָדער 1490 לויט דער קריסטלעכער רעכענונג.

2 זיין געשיכטע, באַנד 8, נאָטע 8.

האָסט די מקובלים און מיסטיקער, פליייסט זיך צו דערווייזן, אַז דער פאַר־פאַסער פון די דאָזיקע צוויי מיסטישע מדרשים האָט „אויס חוצפה און עם־הארצות" געהאַט די העזה חוזק צו מאַכן פון די בעלי התלמוד און פון פילע מצוות אין דער תורה. נאָר ניט אומזיסט זאָגן די בעלי התלמוד, אַז „השנאה מקלקלת השורה". די שנאה צו די בעלי קבלה איז ביי גרעצן אַזוי גרויס, אַז ער פאַרגעסט אין דעם פאַל אין דער וויכטיקסטער פאָדע־רונג, וואָס ווערט דעם געשיכטע־שרייבער געשטעלט: דערפאָרשן דעם אמת בלי משא פנים און אָן זייטיקע פניות. בנוגע צום „בעל הקנה" דער־לויבט זיך אָבער דער היסטאָריקער גרעץ אַזוינס, וואָס טאָר זוך ניט דער־לויבן קיין שום אויפריכטיקער געלערנטער און פאָרשער. ער רייסט אַרויס האַלבע ציטאַטן, האַקט איבער אין דער מיט, אַזוי, אַז דער גע־דאַנק קומט אַרויס פאַרקריפּלט, פאַרדאָרבן, און ניט זעלטן באַקומט ער אויף אַזאַ אופן אַזאַ אויסזען, אַז ער ווערט דער פולער היפך פון דעם, וואָס דער פאַרפאַסער מיינט באמת. די שנאה פאַרבלענדט אַזוי ווייט אונזער געשיכטע־שרייבער, אַז ער האָט פשוט ניט באַמערקט די אייגנאַר־טיקע דיאַלעקטישע מאַניער פון דעם בעל „ספר הקנהם" אַרט שרייבן און דיספּוטירן. דער „ספר הקנה" איז געשריבן אין פאָרם פון אַ פאַ־מיליעשן געשפּרעך צווישן דעם זיידן, דעם זון און דעם ווונדער־קינד. איינער פרעגט און דער אַנדערער ענטפערט, ניט זעלטן — מיט אַ נייער פראַגע, שאַרף צוגעשפּיצט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. דער פאַרפאַסער איז אַן אויסגעצייכנטער דיאַלעקטיקער, און בכדי צו דערווייזן די ריכטי־קייט פון זיין ליבלינגס־געדאַנק, אַז די קבלה איז די קרוין פון אַלע חכמות, פליייסט ער זיך אויף אַ דיאַלעקטישן אופן לעכערלעך מאַכן דעם שטאַנד־פּונקט פון זיינע קעגנער. ביי אַזאַ אַרט שרייבן איז טאַקע כלל ניט שווער מיט אַרויסגעריסענע האַלבע ציטאַטן און צופעליקע פראַזן צו דערווייזן, וואָס מען וויל נאָר: ניט נאָר, אַז דער פאַרפאַסער מאַכט חוזק פון די בעלי־התלמוד, נאָר אפילו פון גאָט אַליין, וועגן די נביאים איז שוין כלל ניט צו ריידן — אין „ספר פליאה" ווערן זיי דאָך דערקלערט אַלס פשוטע „נאַראָנים":

„האָט דער זון געזאָגט צום פאָטער — אַזוי לייענען מיר אין „ספר הפליאה" [1], — די נביאים זיי זיינען דאָך נאַראָנים, ווייל אונזערע חכמים האָבן דאָך געזאָגט: זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן איז דער רוח נבואה נאָר ביי די טיפּשים. ענטפערט דער פאָטער: נאַראָנים זיינען זיי נאָר אין עניני דעלמא, אין פשוטע פראַגן פון ערדישע, וועלטלעכע

1 „ספר הפליאה", עמ' א' (מיר ציטירן נאָך דער קאָרעצער אויסגאַבע, 1784).

ענינים, גרויסע חכמים זיינען זיי אָבער אין געטלעכע זאַכן... די בעלי קבלה, זיי זיינען דאָך די יורשים און תלמידים פון די נביאים, זיי זיינען עס די טרעגער פון דער מסורה, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור ביז משה רבנו, דער ערשטער און גרעסטער פון אַלע נביאים.

...די טרייע יורשים פון די נביאים און די אמתע טרעגער פון דער מסורה זיינען די בעלי התלמוד, און נאָר אדאַנק זיי איז צו אונז דערגאַנגען די חכמת האמת, די חכמת הקבלה, וואָרעם אין יעדן וואָרט פון די חכמי התלמוד זיינען פאַרבאָרגן די טיפסטע, וואונדערלעכסטע סודות״.

אָט מיט דעם געדאַנק, אַז די בעלי התלמוד זיינען די טרעגער און לערער פון חכמת הנסתר, זיינען דורכגעדרונגען ביידע ווערק פון דעם אומבאַקאַנטן מיסטיקער.

„ווען ניט די חכמי התלמוד — לייענען מיר ווייטער [1] — וואָס האָבן איבערגענומען די סודות פון דער תורה ביי די נביאים, די נביאים ביי משה רבנו, וואָס האָט גערעדט מיט גאָט פנים אל פנים — וואָלטן מיר אין ידיעת התורה געווען נאָך גרעסערע עמי־הארצים פון אַלע אומות העולם; נאָר זיי, אונזערע חכמים, האָבן געוויזן דעם ריכטיקן וועג פאַר די, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער; זיי האָבן דערלויכטן אונזערע אויגן און מיר געניסן דעם גלאַנץ פון דער שכינה אדאַנק די אַנטפּלעקטע סודות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די וואונדערלעכע הייליקע שמות״.

„די תנאים און אמוראים—זאָגט ווייטער דער בעל „ספר הפליאה״— האָבן געלערנט די חכמה במתיבתא דרקיע, אַלע זיינען זיי געשטאַנען ביים באַרג־סיני בשעת מתן־תורה, און דערנאָך האָט זיי דער באַשעפער פון דער וועלט אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם; זיי זיינען אמת, און די תורה זייערע איז אמת״[2].

„באַטראַכט נאָר אויפמערקזאַם — לייענען מיר אין „ספר הקנה״ [3] — די כוונות פון די בעלי התלמוד, וועט איר זיך גלייך איבערציייגן, אַז אַלע זייערע רייד זיינען גאָלע „משל ומליצה״ און דאָרט וווּ זייריידן וועגן פּשוטע מאַטעריעלע זאַכן, זיינען דאָס רמזים אויף הויכע ענינים פון גאָלע רוחניות. וועט איר זיך אָבער האַלטן אינם ווערטלעכן פשט פון זייערע רייד, וועט איר דערמיט צעשטערן דעם גאַנצן בנין, וואָרעם טאַקע

---

1 דאָרטן, 50, עמ׳ ב׳, זע אויך דף י״א, עמ׳ ב׳.

2 דאָרטן, 74, עמ׳ א׳.

3 „ספר הקנה״, 3, עמ׳ א׳.

די פאַרבאָרגענע סודות — זיי זיינען עס דער עיקר און דער יסוד פון זייער תורה, וואָס דאַרף דערהויבן און פאַרשפּרייטן גאָטס גרויסקייט און שטאַרקייט; וואָרעם יעדעס וואָרט, וואָס זייער מויל ברענגט אַרויס, איז ברענענדיק פייער".

„וויי, וויי צו דעם — רופט פּאַטעטיש אויס דער בעל „הפּליאה" — וואָס גאַרט ניט און שטרעבט ניט אַריינצודרינגען אין די סתרי תורה!" (וַי וַי ואוי למי שאינו רודף להשיג ולדעת סתרי תורה).

דער פּאַרפאַסער ווענדט דערפאַר אָן די גאַנצע קראַפט פון זיין דיאַלעקטיק, בכדי צו דערווייזן, צו וואָסערע דברי שטות און לעכערלעכע הנחות עס מוזן קומען די, וואָס האַלטן זיך בלויז אין דעם ווערטלעכן פּשט, און ווילן ניט נאָכפאָרשן נאָך די סודות, וואָס ליגן אין דער טיף פאַרבאָרגן. און כלל ניט „חוזק צו מאַכן" פון די חכמי התלמוד, ווי גרעץ מיינט, נאָר טאַקע אַלס פּאָלעמיש מיטל קעגן זיינע קעגנער, שטעלט זיך דער פּאַרפאַסער אָפּ אויף דעם וויכוח, וואָס ווערט געפירט אינם תלמוד וועגן דעם וואָרט „אור": צי באַטייט דאָס דאָזיקע וואָרט „באַגינען" אָדער „בין־השמשות". אים איז וויכטיק צו דערווייזן, אַז אין דעם אויסטייטשן פון אָט דעם פּשוטן וואָרט „האָט דער תנא פאַרבאָרגן אַ טיפן סוד", וואָרעם דער „שיין פון ליכט" איז דער סימבאָל פון „אור החכמה", וואָס מיט זיין הילף פאַרטרייבט דער מענטש פון גאָטס הויז דאָס אומריינע און שעדלעכע" [1].

דעם זעלבן טעות האָט אויך גרעץ בעת ער איז זיך מתרעם אויפן בעל „הקנה", פאַרוואָס יענער שפּאָט אָפּ פון מצות ציצית און תפילין. אין דער אמתן איז דער פּאַרפאַסער, דער פאַרברענטער מיסטיקער, מער ניט אויסן נייערט צו דערווייזן, אַז ניט נאָר אַלס אָנדענק און צייכן זיינען די דאָזיקע מצוות געגעבן: עס שטעקט נאָך אין זיי אַ טיפער רמז, באשר זיי זיינען פאַרבונדן מיטן סוד פון „צינורות", וואָס זיינען משפּיע די געטלעכע מידה פון חסד [2].

---

1 „הקנה", 68: „ונאמר כי התנא קרא ליל י"ד — אור, אל"ר: ומאחר שהתנא ירד במתיבתא דרקיע איך לא ידע דקוב"ה היום קרא אור ולא לילה, ולמה יכחישו התורה בסברות כוזבות ודברים בטלים לאמר האמת שקר?... ודע בני: או"ר — ר"ז עליון וז"ר להבינו, ראית איך כסא התנא הסוד גילה הטעם לפיים השוטים ואמר למה יבדוק בלילה, בעבור שאור הנר יפה לבדיקה ובני אדם מצויין בבתיהב... ומהאור שהוא ת"ת אור החכמה שהוא נר הבינה יפה לבער מן הבית כל החמץ המצוי שם ולבטלו ולגרשו כבית ה'".

2 „הקנה" 40—46.

באזונדערס כאראקטעריסטיש איז דער וויכּוח, וואָס ווערט געפירט אין „ספר הקנה", פאַרוואָס זיינען עס די פרויען פטור פון אַ סך מצוות, וועלכע זיינען חל בלויז אויף מענער.

„זאָגט דאָס ווונדערקינד דעם פאָטער און דעם זיידן: אָדער איר ביידע צעשטערט און איך וועל אויפבויען, אָדער איך וועל צעשטערן און איר וועט אויפסניי אויפבויען. האָבן זיי צו אים געזאָגט: וואָס באַטייטן דיינע ווערטער? וואָס זיינען זיי אויסן? האָט דאָס ווונדערקינד געענטפערט: ביז צו די הימלען דאַרף מען די שטים דערהייבן און פרעגן דעם רבונו־של־עולם: צו וואָס האָט ער באַשאַפן די אומגליקלעכע פרוי, וואָס אויף איר טוט נים וואַרטן נים קיין שכר און נים קיין עונש? מען האָט זי באַפרייט פון דעם רוב מצוות, אפילו פון דער מצווה, וואָס זי איז שקול קעגן אַלע מצוות צוזאַמען — פון תלמוד תורה. ווייל עס שטייט: ולמדתם את בניכם, האָבן די חכמי התלמוד געדרונגען, אַז דאָס מיינט מען נים סתם קינדער, נאָר ספּעציעל זין און נים קיין טעכטער. און זיי האָבן זיך דערמיט נאָך נים באַנוגנט, זיי האָבן מתקן געווען, אַז תפילין זיינען שקול קעגן לימוד התורה, און אויך פון תפילין־לייגן האָבן זיי די פרוי באַפרייט. עס שטייט געשריבן: דו זאָלסט לערנען תורה, וואָרעם — היא חייך ואורך ימיך. וואָס־זשע? מענער דאַרפן לאַנג לעבן און פרויען נים? און מען האָט זיך נאָך דערמיט נים באַנוגנט, וואָס מען האָט זי, די אומגליקלעכע, ביז צו דער ערד דערנידעריקט, זי פאַר אומווערדיק דערקלערט וויכטיקע חובות און מצוות צו דערפילן — האָט מען זי נאָך צו אַ קנעכט געגליכן און אָפן דערקלערט: יעדע מצווה, וואָס איז חל אויף דער אשה, איז אויך חל אויפן עבד. דערקלערט־זשע מיר למען־השם: ווי האָט מען עס זיך דערלויבט אַ בת ישראל, אַ פרייע טאָכטער פון פאָלק ישראל, גלייכן צו אַן עבד כנעני, צו אַ פאַרקויפטן קנעכט?"[1].

דער פאַרפאַסער קערט זיך מערערע מאָל אום צו דער דאָזיקער פראַגע, פרעגט קשיאָס אויף די בעלי התלמוד און אויף גאָט אַליין, און דאָס אַלץ מיט אַ באַשטימטן ציל: בכדי צו דערווייזן, אַז בנוגע צו דער פראַגע קאָן מען מיטן ווערטלעכן פאַרטייטשן דעם פשט פון פסוק גאָרניט מאַכן, און איין סתירה מוז אויסוואַקסן נאָך דער אַנדערער. בלויז די חכמת הקבלה איז, נאָך זיין מיינונג, ביכולת צו פאַרענטפערן די אַלע סתירות: דער גרויסער אונטערשייד אין די התחייבותן, וואָס זיינען חל אויף די ביידע געשלעכטער בנוגע צו קיום המצוות, האָט אַ אוניווערסאַל־קאָסמישן

1 „ספר הקנה", 23; דאָרטן, 71. זע אויך „ספר הפליאה", 74.

טעם, ווייל ער איז פארבונדן מיט דער געשלעכטלעכקייט פון די „ספירות" גופא: יענע זייגען דאך אויך איינגעטיילט אין מענלעכע און ווייבלעכע, אין אקטיווע און פאסיווע...[1]

דער אומבאקאנטער פארפאסער, וואס איז אזוי פעסט איבערצייגט, אז נים נאר אין ביבלישן טעקסט, נאר אויך אין די מאמרי חז"ל זיינען פארבארגן די טיפסטע סודות, רעדט מיט ביטול וועגן די דאזיקע תלמידי-חכמים, וואס באמערקן נים דעם מיסטישן תוך פונם תלמוד. „וויים, מיין זון — לייענען מיר אין „ספר הקנה" — אפילו דער וואס האט געלערנט ספרא און ספרי און די גאנצע תלמודישע ליטעראטור, בלייבט ער אלץ אן עם-הארץ, וויבאלד ער פרווט נים ארייגדרינגען אין זייער אמתן תוך — אויספארשן די דארט פארבארגענע סודות"[2].

עס איז דערפאר קיין חידוש נים, וואס דער דאזיקער מיסטיקער רעדט מיט אזא צארן וועגן די ראציאנאליסטן. „די וואס פלייסן זיך צו דערקלערן דעם פשט פון דער תורה על-פי הכמת הטבע, ד"ה לויט די געזעצן פון דער נאטור, און פארזיכערן, אז דער שכל באהעפט זיך מיטן העכסטן אינטעלעקט—זיי פארפירן בלויז און נארן אפ די קינדער פון אונזער הייליקער תורה"[3]. „די — רופט אוים מיט כעס דער פארפאסער אין אן אנדער ארט — וואס מאכן פון אלץ אלעגאריעס און חלומות — אוים-געמעקט זאל זייער נאמען ווערן, און פארגעסן זאל זייער געדעכעניש ווערן אין די קומענדיקע דורות!"[4].

דער דאזיקער פארברענטער מיסטיקער באנוגנט זיך אבער נים בלויז דערמיט, וואס ער פירט א קאמף קעגן די ראציאנאליסטן; ווי אברהם אבולפיה בשעתו, אויף ווענעם ווערק ער שטיצט זיך גאנץ אפט[5], אזוי טרעט אויך דער בעל „ספר הקנה" שארף ארוים קעגן די רבנים און תורנים.

---

1 „ספר הפליאה", 74.

2 „ספר הקנה", 23.

3 „ספר פליאה", 45: „ולכן יש לך לדעת כי ההולכים לפרש התורה ע"פ הטבע ואומר כי השכל נדבק בשם, אין זה רק התול וגניבה שהם גונבים דעת בני תורתנו הקדישה".

4 דארטן, 80, עמ' א'.

5 וועגן דעם, ווי שטארק דער דאזיקער מיסטיקער נוצט אוים די ווערק פון זיינע פארגייער, אברהם אבולפיה און אנדערע, זע ביי יעלינעק זיין „קונטרס תרי"ג", 40—41. דאס באווייזט אבער נאך אלץ נים דעם שטרענגן פסק-דין, וואס שטיינ-שניידער פראגט ארוים בנוגע צום בעל „ספר הקנה": „דער פרעכער פלאגיאטאר אונד פעל-שער" („פאלקס. א. אפאלאג. ליטעראטור", 368—9).

„דאָרט אין די הימלען — רופט אויס דער בעל „הקנה" — זיינען פאַרצייכנט די זינד פון די בעלי התלמוד, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פוסטע און נאַרישע זאַכן!..[1] פאַרגעסן האָבן זיי אין דער מסורה פון די תנאים ואמוראים, וואָס יעדעס וואָרט זייערס איז הייליק. א טייל פון די אחרונים האָבן ניט משיג געווען די סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די רייד פון אונזערע חכמים און האָבן ניט פאַרשטאַנען, ווי נייטיק און וויכטיק ס'איז צו דערגיין די דאָזיקע סודות און פאַר אַנדערע זיי אַנטפּלעקן".

באַזונדערס שאַרף טרעט אַרויס דער דאָזיקער מיסטיקער אַקעגן אַ געוויסן טייל רבנים פון זיין דור, וועלכע ער רופט אפילו אָן אויף איין אָרט „ריקים ופוחזים" (נידערטרעכטיקע מענטשן)[2]. אין דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס ער פירט קעגן די דאָזיקע רבנים, טרעט באַזונדערס בולט אַרויס איין אייגנאַרטיקער שטריך, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם בעל „הקנה": זיין אַסקעטישע שטימונג, זיין שנאה צו די, וואָס גיבן זיך צו פיל אָפּ מיט עולם-הזה-זאַכן.

„ווי איז צו די — רופט אויס דער בעל „הקנה" — וואָס לעבן אין ווילטאָג און צירן זיך אויס אין די רייכע פּילפּאַרביקע קליידער. זיי פאַרגעסן גאָר, אַז מען איז אין גלות און אַז מיר זיינען געהאַסט און געיאָגט צווישן די אומות העולם. אין שוואַרצן טרויער דאַרפן זיי זיין געקליידט, וויינען און קלאָגן דאַרפן זיי, ניט שטאָלצירן אין די שיינע קליידער, וועלכע מען וועט דאָך מאָרגנדיקן טאָג מיט שפּאָט און מיט שאַנד פון זיי אַראָפּרייסן, און ווי נאָר מען וועט זיי אין זייערע צירונגען באַגראָבן, וועט דער שונא זיי אויס די קברים אַרויסגראָבן און זייער קערפּער וואַרפן פאַר די הינט און פאַר די פייגל[3].

„ווי צו די עלטערן, וואָס דערלאָזן, אַז זייערע קינדער זאָלן פאַרברענגען זייער צייט מיט טאַנצן און זינגען, מאַכן פריילעכע סעודות, געניסן די שענסטע מאַכלים און די בעסטע וויינען, און זיי פאַרגעסן גאָר, אַז עס לויערט אויף זיי דער טויט, און עס קאָן אויף זיי פאַלן דער גורל אומקומען ניט מיט'דעם נאַטירלעכן טויט, נאָר דורך מיתות משונות"[4].

---

1 „ספר הקנה", 2: „תוך מתיבתא דרקיע נזכר עון בעלי התלמוד הנישאים ונותנים להבל ולריק".

2 דאָרטן, 37, עמ' ב': „דייני חוצה לארץ השונין ומתנין בתלמוד ומיברים שעולין במעלת סנהדרין יושבין דין לדין כלומר להורות: ראו מעלתינו והריפּתינו שאנחנו דייני ישראל. ולא די להם שהם ריקים ופוחזים אלא שהן יושבין בתהלת שנה שביעיה ומקלקלין המנחה".

3 דאָרטן, 122, עמ' ב'.

4 דאָרטן.

און דער מיסטיקער, דער שטרענגער מוכיח, באַשולדיקט אין דעם אַלץ די רבנים פון זײַן צײַט: „צי האָסטו, מײַן זון, געזען אַזאַ װוּנדערלעכע זאַך? מיר װוּנדערן זיך אַלץ: פֿאַרװאָס דױערט אַזױ לאַנג דער גלות. זע זשע אָבער: אונזערע רבנים, װאָס זײַנען אַזױנע שטרענגע מדקדקים, פֿײַערן מיט קולות ובֿרקים פֿאַר אַ מינדסט פּינטעלע פֿון יעדן דין, מערן מיט יעדן טאָג אַלץ נײַע חידושים — און פֿרעסן און זױפֿן װי די װילדע חיות, טרינקען װײַן גאַנצע עמערס, די פּנימער זײַנען זײ פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט, באַגאָסן מיט שמאַלץ און מיט גשמיות... און זײ פֿאַרגעסן גאָר, אַז די שכינה איז אין גלות; דאָס פֿאָלק זײַנען זײ ניט מדריך, און זאָגן אים ניט קײן מוסר... זײערע טעג און זײער גאַנץ לעבן פֿאַרברענגען זײ דערמיט, װאָס זײ זאָרגן נאָר װעגן דעם גוף און טראַכטן גאָרניט װעגן דער נשמה... זײ לערנען, זײ װײסן און—זײַנען נ י ט מקיים; אַפֿילו דעם תּלמוד לערנען זײ נאָר מיט אײן כּוונה — כּדי זיך גרױס מאַכן פֿאַרן המון: איך בין עס דער גדול בתּורה!" [1].

באַזונדערס טיפּיש איז אין דעם פּרט דעם בעל „הקנהס" דערצײלונג, װי אַזױ ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ רבֿ, אַ זקן אַ מהודר פּנים; האָט ער בײַם רבֿ געבעטן, ער זאָל אים דערלױבן קומען צו אים אַהײם הערן פֿון זײַן מױל תּורה. „האָט מיך דער זקן בײַ דער האַנט גענומען, און מיך אין זײַן הױז געבראַכט. און דאָס הױז איז געװען פֿול מיט פּרױען און מיט קעפּסװײַבער, מיט דינסטן און קנעכט־מױדן, װײַן שטײען גאַנצע פֿעסער און פֿול זײַנען די שפּײַכלערס מיט אַלע מיני מאכלים. זאָג איך צו אים: יאָ, רבי! גאָט האָט אײַך געבענטשט מיט אַלעם גוטן, דאָס איז אָבער ניט דער פּאַסיקער דרך פֿאַר אַ תּלמיד־חכם. האָט זיך יענער קעגן מיר אַנידערגעזעצט און אַזױ געזאָגט: מײַן זון! איך זע דו בלאָנדזשעסט און טוסט דאָס, װאָס גאָט האָט פֿײַנט. לױט דײַן אױסזען נאָך ביסטו אַ בן־גדולים, דײַנע עלטערן האָבן אָבער זײער ניט גוט געטאָן, װאָס זײ האָבן דיך ניט געפֿירט בדרכי העולם, ניט צוגעװױנט דיך צו די פֿאָדערונגען פֿונם רעאַלן לעבן. װאָרעם דער רבונו־של־עולם האָט דאָך באַשאַפֿן דעם מענטשן מיט אַלע חושים, ער האָט אים באַשאָנקען מיט אױגן, זײ זאָלן קאָנען געניסן דאָס ליבע און שײנע, ער האָט אים מיט הענט באַזאָרגט, בכדי זײַן ביכולת זײַנע װוּנטשן צו דערפֿילן, ער האָט אים באַשאָנקען מיט חשק און תּאװת, דאַרף דער מענטש די דאָזיקע תּאװת באַפֿרידיקן

---

[1] דאָרטן, זע אויך „ספר הפליאה", 78, עמ' ב': „נראה שלא למדו תורה לאהבת אלהינו כדכתיב: ואהבת את ד' אלהיך, וכתיב: ולמדת אותם את בניך, רק להתהדר ולהתגאות על ההמון ולומר: אני רבי, והוא רע בעיני ד'".

און פון אַלעמען געניסן, אויך פון פרויען־שיינקייט. און דו, מיין זון, פאָלג מוין עצה, ניט אומזיסט האָט דאָך אונז גאָט באַשאַפן: מען דאַרף עסן און טרינקען און אַלץ געניסן, אַלא ניט וועלן מיר הונגעריקע און אומבאַפרידיקטע אין קבר גיין״. ווי איך האָב אַזעלכע מיאוסע ווערטער (דבריו המכוערים) דערהערט, האָב איך צו גאָט מתפלל געווען, און איינגעפאַלן איז דאָס הויז און געטויט אונטער זיך אַלע איינוווינער. די שטאָט אָבער האָב איך מחזיר בתשובה געווען״ [1].

דער היסטאָריקער גרעץ האָט זיך שטאַרק מתרעם געווען איבער דער „העזה און חוצפה״ פון דעם דאָזיקן „אומוויסנדיקן״ מחבר, שטיינשניידער האָט אין אים געזען דעם „פּרעכען פּלאַגיאַטאָר אונד פעלשער״; די ביידע זייער חשובע פאָרשער האָבן אָבער ניט באַמערקט דאָס ווערטפולע און מערקווערדיקע, וואָס ס׳האָט פאַרמאָגט אָט דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער, דער כּפול־שמונהדיקער פאַנאַטיקער און קנאַישער בעל־מקובל: דעם ברען פון אמתער מסירת־נפש, פון התלהבותדיקער איבערגעבנקייט צו זיין אידעאַל, זיין קדשי־קדשים. זיין פייערדיקער פּאַטאָס, זיין פּילפּאַרביקער, שטורמיש־צאָרנדיקער סטיל האָט מיט אייזערנער געוואַלט נעפּאַקט דעם לעזער, אים אַרויסגעריסן פון זיין גלייכגעוויכט, אים געמאָנט און גערופן... און טאַקע אין דעם ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, אין דעם נצחניש־קריגערישן פּאָלעמישן טאַלאַנט ליגט דער סוד פון דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט, וואָס די צוויי מדרשים פון דעם פאַרבאָרגענעם נעלם האָבן זיך דערוואָרבן אין משך פון גאַנצע דורות... [2]

אין דער פּערזאָן פון בעל „הקנה״ און „ספר הפליאה״ דערשיינט די קבלה פאַר די שפּאַנישע יידן אין אַ נייעם לבוש — אינם מרה־שחורהדיקן לבוש פון אַ ס ק ע ז ע, וואָס פירט מלחמה מיט „עולם הזה״ און

---

1 „ספר הקנה״, 26, עמ׳ ב׳.

2 נאָכדעם, ווי דער דאָזיקער קאַפּיטל איז שוין געווען אָנגעשריבן אין רוסיש (1918), איז דערשינען ש. א. האָראָדעצקיס אַרטיקל („התקופה״, X, 283—329), ווו עס ווערט מיט גרויס התפּעלות גערעדט וועגן דעם בעל „הקנה״ און „ספר הפליאה״. לײדער דערוויזט אָבער האָראָדעצקיס אַרטיקל, אַז נים נאָר שנאה, נאָר אויך ליבע איז אָפט „מקלקלה השורה״. דער אַרטיקל איז נים געשריבן אין פאָרם פון אַ קולטור־היסטאָרישער פאָרשונג, נאָר אין דעם התלהבותדיקן נוסח פון „שבחי בעל שם־טוב״ און „קהל חסידים״. ביי האָראָדעצקין איז דער אומבאַקאַנטער מיסטיקער אַ „איש הרוח, וואָס איז פולו קודש, ריין ווי קרישטאָל; ער רופט אין גאָט, און רעדט שטענדיק מיט גאָט״ (דאָרטן, ז׳ 326). איז זיך דער מיסטיקער, דער קנאַישער אַסקעט און בעל־מוסר מתרעם אויפן שטייגער לעבן פון זיין צייט, רעדט שוין האָראָדעצקי אויף דעם סמך וועגן דער „פאַרדאָרבענער סביבה״ (בתוך הסביבה המשחתה), וואָס אין איר איז דעם דאָזיקן „איש אלהים״ נעבעך אויסגעקומען צו לעבן.

זעט אין דעם גוף און זיינע פאַרלאַנגען — די זינד, די סיטרא אחרא. וואָס שווערער און פינסטערער ס'ווערט די לאַגע פונם שפּאַנישן יידנטום, אַלץ שטאַרקער ווערט די דאָזיקע שטרעמונג, און אויף איר ניצחונדיקן טריומף־וועג צעטרעט זי די געוויקסן פונם פרייען פאָרשער־געדאַנק און ליגט ניצחונדיק אַרויף איר שטעמפּל אויף דעם רבנישן וועלטבאַנעם, און מאַכט אים פאַר איר טרייען אָנהענגער און דינער...

אָבער אויך די קעגנערישע ריכטונג, די טרעגער פונם ראַציאָנאַליס־טיש־פילאָזאָפישן געדאַנק, ווילן זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעבן. זיי קעמפן מיט מסירת־נפש פאַר „איינע לענגסט פערלאָרענע זאַכע", און חלומען נאָך אַלץ וועגן ניצחון... אין דער זעלבער צייט ווען די מאַנוסקריפּטן פון „הקנה" און „ספר הפליאה" האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן איבער די יידישע קהילות, און יצחק עראַמה האָט זיין „חזות קשה" געשריבן, האָט געפירט זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט דעם בעל „כבוד אלהימס" זון, שם־טוב בן יוסף[1]. אין זיין לאַנגן פירוש אויפן „מורה נבוכים" פּרוּווט ער איפּסניי שלום מאַכן צווישן די „צוויי ליכטער" (שני המאורות) — צווישן דעם „שכל" (פילאָזאָפיע) און דעם „געזעץ" (רעליגיע)[2]. דעם רמב"מס אַ פייערדיקער חסיד, דערקלערט ער מיט ביטול, אַז „דעם ליכטיקן אָנדענק פון דעם גרויסן גאון קאָנען ניט פאַרטונקלען די נאַרישע רבנים, וואָס האָבן אפילו אַ שם אין די קהילות, דאָך ווייסן זיי גאָרניט און פאַר־שטייען גאָרניט און טאַפּן אין דער פינסטער, בעת דעם רמב"מס דרך איז דער וועג פון העלן ליכט, וואָס שיינט מיטן אַמאָליקן גלאַנץ ביז היינ־טיקן טאָג"[3]. און שם־טוב בן יוסף וואָרנט דעם לייענער, ער זאָל „ניט דערלאָזן צו פאַרטונקלען דעם געדאַנק, ניט דערלויבן, מען זאָל אים מיט פאַלשע דעות פאַרפירן און זיך לאָזן איינריידן זיי זיינען אַ גאַנצע תורה, ווי דאָס פּאַסירט טאַקע מיט אַ סך נאַרישע רבנים פון אונזער צייט, וואָס

---

1 שם־טוב בן יוסף האָט געמאַכט פירושים אויף איייניקע ווערק פון אבן־רשד, האָט אויך געשריבן אַ ספּעציעלע אַרבעט וועגן דעם ענדציל פון „מעשה־בראשית" און וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער פאָרם און דער מאַטעריע (1461). אין דעם יאָר 1489 שרייבט ער זיינע „דרשות התורה", וואָס האָבן אין זעכצנטן יאָרהונדערט אויסגעהאַלטן דריי אויפלאַגעס (זע שטיינשניידער, צים. וו, 120, און אויך S. Munk, Melanges, 508—9.

2 זע די פאָררעדע צו זיין פירוש אויפן „מורה" און אויך: דאָרטן, III, קאַפּ' 51.

3 זיין פירוש, III, קאַפּ' 26: „מבלתי שישיג לו גנות מהרבנים הסכלים אשר יש להם שם על פני חוץ ולא ידעו ולא יבינו בחשיכה יתהלכו, ודרך הרב כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום" (מיר ציטירן נאָך דער יעסניצער אויסגאַבע פון 1742).

רעכענען, אז זיי דערנעענטערן זיך צו גאָט דערמיט, וואָס זיי גלויבן אין אַלע מיני שקרים און פוסטע חלומות״[1].

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער, וואָס שם־טוב בן יוסף, דער איבערצייגטער אַריסטאָטעליקער, וויל כּלאחר־יד צו נישט מאַכן חסדאי קרשקשם עפּאָכע־מאַכנדיקע ארבעט: זיין פּאָלעמיק קעגן די יסודות פון אַריסטוס פיזיק. דער פאַקט גופא — אויפהייבן די שאַרף פון דער קריטיק קעגן דעם וויסנשאַפטלעכן אויטאָריטעט פונם גרויסן וועלט־גאון, דאָס איז ביי שם־טובן אין די אויגן אַן אומדערהערטע העזה. ניט זייענדיק ביכולת וויסנשאַפטלעך אָפּוועגדן קרשקשם אייזערנע ראיות, באַנוגנט זיך שם־טוב בן יוסף מיט דער פאַרזיכערונג, אַז „ווער ס׳איז נאָר אימשטאַנד מיט זיין שכל צו אונטערשיידן דעם אמת פון דעם שקר, דער וועט גלייך איינזען די טעותן פון ר׳ חסדאין״[2].

שם־טוב בן יוסף איז געווען אַ שוואַכער קעגנער, און זיין קאַמף קעגן די „הרבנים הסכלים״ האָט קיין גרויסן רושם ניט געמאַכט. נאָר אין איין צייט מיט אים איז אַרויסגעטראָטן אַ צווייטער קעמפער, און אין זיין מלחמה קעגן די אָרטאָדאָקסישע רבנים און מקובלים האָט ער זיך באַנוצט מיטן שאַרפסטן געווער — מיט דער בייטש פון דער סאַטירע און די שפּיציקע פיילן פון שפּאָט און סאַרקאַסטישן געלעכטער.

דער נאָמען פונם סאַטיריקער איז ניט אויף זיכער פעסטגעשטעלט, ווייל ער איז אַרויסגעטראָטן אונטער אַ פּסעוודאָנים, דער ערשטער פּסעוודאָנים אין דער יידישער ליטעראַטור — פּלמון בן פּלת. דאָך, ווי מיר וועלן ווייטער זען, קאָן מען אויפן סמך פון גוט באַגרינדעטע השערות באַהויפּטן, אַז זיין אמתער נאָמען איז געווען יוסף בן משולם. דערפאַר אָבער ווייזט דער סאַטיריקער גאַנץ גענוי אָן די צייט פון זיין ליטעראַרישן אַרויסטריט: אין פרילינג 1468. דעמאָלט איז נעמלעך דערשינען זיין סאַטירע „עלילות דברים״, איינס פון די גלענצנדיקסטע ווערק, וואָס די

---

1 דאָרטן, II, סוף קאַפּ׳ 47: „ולא יתבלבלו דעותיך ומחשבתך ותאמין דעות בלתי אמתיות רחוקות מאוד מן האמת ותחשבם תורה, כמו שחשבו רבים מסכלי הרבנים הנמצאים בזה הזמן, כי יחשבו כי יתקרבו לחשם בהאמין כל נמנע ושקר, ועליהם נאמר: פתי יאמין לכל דבר״.

2 אַריינפיר צום צווייטן טייל, הקדמה א׳: „יבוטל מעלינו כל הטעיות שעשה הרב רבי חסדאי על הרב על ביאור זאת ההקדמה כי באלו השני מופתים אין ספק ולא דחיה אלא מסכל מתעקש ובלתי מבין הדברים, ואף יבוטל מעלינו כל הטעיות שעשה הרב רבי חסדאי על הביאורים שעשה אריסטו על זאת ההקדמה הם. הזיות יבינם כי שנתן לו השם שכל ודעת להבין האמת והשקר״.

העברעיִשע ליטעראַטור באַזיצט אין דער בראַנזשע[1]. לויט דער דערקלע־רונג פון פאַרפאַסער גופא, באַטייט דער נאָמען פון זיין סאַטירע — „רייד פון קריג און צאָרן". קריג דערקלערט ער אַלע נאַרישע פאַרעלטערטע מנהגים פון זיין צייט, אַלץ וואָס ס'איז נים על־פי שכל הישר, וואָס ס'שמעקט מיט שימל. זיין שפּאָט און געלעכטער, זיינע סאַטירישע, ניפּ־טיקע פיילן שלײדערט ער אין לאַנגער פון די „מורדי אור" — די אָרטאָ־דאָקסישע רבנים און מקובלים. דער דאָזיקער רייך באַגאַבטער סאַטירי־קער, אַ גלענצנדיקער סטיליסט און מייסטער פון ביבלישער פּראָזע, איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט־אַריסטאָטעליקער פונם עקסטן לינקן פליגל. זיין „אני מאמין" איז געווען — „שלטון השכל", דער אומבאַגרענעצטער אַליינהערשנדיקער פאַרשטאַנד־געדאַנק — אָט דאָס איז דאָס איינציקע אומ־שטאַרבלעכע אין מענטשן, דאָס וואָס פאַרבינדט דעם מענטשן מיטן וועלט־גייסט, דעם „שכל הפועל". דערוועגן „מושכלות", אַבסטראַקטע פילאָ־זאָפישע באַגריפן — דאָס איז די העכסטע אויפגאַבע פון מענטשן. דער־רמב"ם און דער רלב"ג זיינען ביי אים די גרעסטע אויטאָריטעטן; ער איז פעסט איבערצייגט, אַז נאָר זיי האָבן ריכטיקע באַגריפן וועגן דעם מהות פון גאָט, און וועגן גאָטס אַלוויסן קאָן מען נאָר ריידן אין דעם זין, ווי דאָס דערקלערט דער בעל „מלחמות ה'": אַז גאָטס וויסן נעמט נאָר אַרום די כּללים, דאָס אַלגעמיינע, אָבער נים דעם פּרט, דעם יחיד[2].

אין איין וויכטיקן פּרט האָט זיך אָבער דער בעל „עלילות דברים" שאַרף אונטערשיידט פון דעם רוב ראַציאָנאַליסטן אויס יענער תקופה. ער האָט געהאַט די מעלה, וואָס ס'האָט אַזוי געפעלט דעם בעל „מורה נבוכים" און זיינע אָנהענגער — דעם היסטאָריש־קריטישן חוש, דאָס געפיל פאַר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. ער גיט אַ גאַנץ אָביעקטיוון און, אין אַלגע־מיין, ריכטיקן איבערבליק וועגן די ערשטע עטאַפּן אין דער אַנטוויק־לונג פון מסורה און קבלה. ער גיט אָן אויסגעצייכנטע כאַראַקטעריסטיק פון רש"יס שאַפן, און אונטערשטרייכט זייער שאַרפזיניק, אַז רש"יס פּירוש אויף תלמוד האָט אַ גרעסערן וויסנשאַפטלעכן ווערט, ווי זיין פּירוש אויף חומש, ווו עס זיינען אַזוי נאַיִוו צונויפגעמישט פּשט און דרוש[3]. דער סאַטיריקער פאַרהאַלט זיך מיט גרויס רעספּעקט צו די חכמי התלמוד און זייער שאַפן, דערפאַר אָבער קריטיקירט ער זייער שאַרף זייערע „נושאי כלים", די מפרשים, פּוסקים און בעלי התוספות. ער פאַ־

---

1 צום ערשטן געדרוקט אין „אוצר נחמד", IV, 179—214 (1863).

2 „אוצר נחמד" IV, 191—2, אויך 206—7.

3 דאָרטן, 182, 199.

שולדיקט די גאונים און רבנים פון די שפעטערדיקע דורות, אז זיי זיינען נעגאנגען אויף קרומע וועגן, האבן פארקריפלט און פארדרייט. דעם פשט פון די מאמרי הז"ל און אויף זייער סמך אויסגעטראכט אזוינע דינים און געזעצן, וואס „לא שערום אבותיכם" — וואס האבן זיך אפילו ניט גע־חלומט אונזערע זיידעס; זיי, די עפיגאנען, האבן געשאפן גאנצע בערג חידושים, שאלות־ותשובות און כל המיני פשטלעך, זיי רופן דאס „פילפי", דאס דארף אבער ריכטיקער הייסן „בילבול" — וואס צעמישט און פארפלאנטערט דעם גערדאנק [1]. „די ביבל און דער תלמוד — קלאגט זיך דער בעל „עלילות דברים" — ליגן אין א ווינקעלע, קיינער פרעגט ניט נאך זיי, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט זיי, נאר ווער עס פארנעמט זיך מיט פילפול, דער איז אין גרויס כבוד, דער זיצט גאנץ אויבנ־אן, ער מעג אויסער פילפול גארניט קענען (והמקרא והתלמוד מונחים בארון אין דורש ואין מבקש להם, אך העוסק בפלפול הוא הקדוש והוא ראש וקצין ואם אין לו ידיעת דבר בלתו). פרעגט די פריערדיקע דורות, צי האבן זיי זיך פארנומען מיט דעם פילפול, אין וועלכן איר זייט אזוי פארטאן? מאכט א פארגלייך צווישן זיי און אייך, פארגלייכט זייער קול־טורעלן מצב מיט אייערן — דעמאלט וועט איר ערשט האבן א באגריף, ווי אומוויסנדיק איר זייט, ווי נידעריק איר זייט געפאלן, און פאלט נאך אלץ נידעריקער און נידעריקער. „אוי, איר ארעמע פירער (הראשים הרשים) — וועגדט ער זיך צו די, וואס שטייען בראש פון פאלק — אייך איז פארהאסט וויסן און אויפקלערונג, ווייל איר האט מורא, טאמער וועט דאס פאלק ליכטיקע אויגן באקומען און דערזען, ווי נישטיק איר, זיינע מנהיגים, זייט, ווי אומוויסנדיק איר זייט!" „אוי, מיין פאלק — רופט ער ווייטער אויס מיט פאטאס — דיינע וועכטער זיינען דיינע פארקנעכטער, דיינע פירער — פארפירער! פעסט פארשלאסן האבן זיי פאר דיר די טויערן פון חכמה און וויסן און קיין איינציקער ליכטיקער שטראל דרינגט ניט דורך צו דיר!" [2]. מיט דעם זעלבן גרימצארן פאלט אן דער סאטירי־קער, דער איבערצייגטער ראציאנאליסט, אויף די בעלי הקבלה; ער לאכט

---

1 דארטן, 183. אויפן פילפול איז זיך אויך שטארק מתרעם דאס סאטיריקערס א בן־דור פונם קענגעריש לאגער, דער קנאי און פארפרומטער ירא־שמים יוסף יעבץ אין זיין „אור החיים": „לא שתו לבם רק לפלפול לבד להודיע את גבורתם שיכולים בפלפולם לסחר את השכל, ובזה הוציאו כל ימיהם ולא באו לתכלית התורה, אין צריך לומר לתכלית הכל שהוא המעשה והחסידות אלא אפילו לידיעת הדינים הצריכים בכל יום".

2 דארטן, 183: „עמי, מאשריך — מאסריך ורועיך — רעיך קדקיך! הם נעלו לפניך דלתות התורה והחכמה עד לא נשאר בך יודע עד מה".

אוים זייער באַשעפטיקונג מיט „צירופי אותיות", שפּאַט אָפּ פון די ביל־דער און צייכענונגען, אין וועלכע זיי זאַמלען די ספירות". „זיי ציילן אַלץ די אותיות פון גאָטס נעמען, אָבער גאָט איז פון זיי פרעמד און זיי באַגרייפן אים ניט". זיי זיינען, פאַרזיכערט דער בעל „עלילות דברים", ניט בעסער פון די אַמאָליקע „עובדי הבעל", זיי זיינען די אייגענע געצנ־דינער ווי יענע...

ווי שאַרף דער סאַטיריקער טרעט ניט אַרוים קעגן זיינע אידעי־שע קעגנער, איז ער דאָך געצוואונגען ערטערווייז צו ריידן בלויז מיט אָנצוהער־רענישן, איינהילן זיינע רמזים אין ביבלישע ציטאַטן און פאַרגלייכונגען. דער סאַטיריקער וויל אָבער קלאָר און שאַרף שטעלן יעדעם פּינטעלע אויבן שין, ער טראַכט צו מיטלען, בכדי זיין שפּאַט זאָל זיין וואָס גאַליקער, זיינע פיילן — וואָס שפּיציקער. דאָס דערגרייכט ער אויף פאָלגנדיקן קונציקן אופן. ער שרייבט אויף זיין סאַטירע אַ פּירוש, און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז דעם דאָזיקן פּירוש האָט כלומרשט געשריבן אַ פרעמדער, איינער אַ יוסף בן משולם, וואָס האָט געפונען אַן אַלטן האַלבפאַרפוילטן כתב־יד, און ווייל דער אינהאַלט פונם מאַנוסקריפּט האָט אים פאַראינ־טערעסירט, האָט ער אויף אים אַ פּירוש געמאַכט. און דער מפרש בעט מיט אַ תמעוואַטן פּנים ביי זיינע לייענער, זיי זאָלן אויף אים קיין תרעומות ניט האָבן, טאָמער וועלן זיי אין דעם דאָזיקן ווערק געפינען וועלכע אַפּיקורסישע געדאַנקען — ער איז דאָך ניט מער ווי אַ מפרש, און קאָן ניט ערוב זיין פאַר דעם מחברס אידעען און אָנשווינגען. אַז דאָס אַלץ איז אָבער בלויז ניט מער ווי אַן אָנשטעל, בכדי צו מיסטיפיצירן דעם עולם, איז לייכט אַרויסצוזען פון די פאָלגנדיקע דאַטן: די סאַטירע איז, ווי מיר ווייסן, געשריבן אין יאָר 1468, און שוין אין פינף יאָר אַרום, אין פרילינג 1473, האָט אין איטאַליע דער באַקאַנטער אברהם פאַריצאָל[1] איבערגעשריבן די סאַטירע מיטן פּירוש צוזאַמען. בכן איז דער פּירוש געשריבן געוואָרן ניט צו אַן אַלטן האַלב־פאַרפוילטן כתב־יד, נאָר צו אַ גאַנץ פרישער זאַך. און דווקא דער פּירוש שפּיצט אַמשאַרפסטן צו די פיילן, וואָס דער דאָזיקער סאַטיריקער וואַרפט אין זיינע קעגנער. דער פּירוש דערקלערט עס און שטרייכט תמימותדיק אונטער, אַז „אין דעם דאָזיקן ספר" איז „רב" און „עם־הארץ" איינס און דאָס זעלבע, און „מורים" (לערער, וועגפירער) גראַמט זיך גאַנץ גוט מיט „חמורים", היינט דאָס וואָס מען רופט „יראי אלהים" מיינט מען עס פשוט „ההמונים הנסים" — גראָבע גאָס־מענטשן אַאַז"וו.

---

1 זע דעם זעקסטן טייל פון אונזער ווערק.

אינם סטיל פון די ביבלישע נביאים ווענדט זיך דער סאטיריקער צו די רועי ישראל: „איר קאַנט זיך אפילו ניט פאַרענטפערן דערמיט, אַז איר האָט נעגרייזט און געזינדיקט בלויז אויס אומוויסן. וואָרעם אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער: נאָך חתימת התלמוד האָב איך אייך גע־שיקט אַ געטלעכן מאַן, דעם צווייטן משהן (ד״ה משה בן מיימון), ער האָט אייך געגעבן זיין „משנה תורה״, ווו ער האָט אייך דערקלערט די גאַנצע תורה מיט אַלע אירע מצוות און געבאָטן. ער האָט אויך אַ בוך געשאַפן, וואָס זיין ווערט איז ניט צו שאַצן. אַ מורה־דרך האָט דאָס גע־זאָלט זיין פאַר אַלע „נבוכים״, פאַר אַלע, וואָס צווייפלען און זוכן... איר זייט אָבער ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן, אָפּגעווענדט האָט איר זיך פון אים, מיט חוצפה זיין ווונדערלעך ווערק אויפן שייטער־הויפן געברענט, און זיין משנה־תורה, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע תורה שבכתב און דעם גאַנצן תלמוד, האָט איר געפעלשט, און זיין גרויסע שיינקייט פאַרדאָרבן; איר האָט אים אַרומגערינגלט מיט אייערע פירושים און הוספות, איר רופט דאָס אויסבעסערן און דערקלערן — איר האָט אָבער בלויז פאַר־קריפּלט און פאַרדאָרבן; ניט דערקלערט האָט איר, נאָר פאַרטונקלט און פאַרדרייט, וואָרעם זיין דרך איז נישט גלייך צו אייערע וועגן, זיין לאָגיק איז ניט אייער פילפול און ניט דערגרייכן קאַנט איר זיין גרויסקייט״[1].

דער סאַטיריקער ווענדט זיך אָבער מיט זיינע שטראָף־רייד ניט בלויז צו די פאָלקס־פירער, נאָר אויך צום פאָלק גופא. מיט שפּאָט און מיט סאַרקאַסטישן געלעכטער ווייזט ער פאַר זיין דור, ווי טיף ער שטעקט אין פינסטערע און נאַרישע גלויבענישן, ווי ווילד און אומגעלומפּערט זיינע מנהגים זיינען. די דאָזיקע טאַלענטפולע בלעטער האָבן ניט נאָר אַן עטנאָגראַפישן אינטערעס, זיי זיינען אויך פון באַדייטנדיקן היסטאָריש־ליטעראַרישן ווערט. אין דער מאָדערנער אייראָפּעישער ליטעראַטור באַ־געגנט מען ניט זעלטן אַזוינע ווערק, וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון „סטיליזאַציע״. מען פרווט, למשל, נאָכמאַכן דעם אייגנאַרטיקן סטיל פון די איטאַליענישע נאָוועליסטן אויס דער רענעסאַנס־תקופה, אָדער מען שרייבט אינם נוסח פון דעם דייטשן ניבעלונגען־ליד צי פון די רוסישע אַמאָליקע „בילינעס״. און מען פלייסט זיך דערביי ניט נאָר סטיליזירן דעם נוסח, נאָכמאַכן דעם סטיל, די פאָרם פון די אַלטע קונסט־ווערק, נאָר אויך קאָפּירן די פרימיטיווע וועלטאַנשויונג פון יענער תקופה. אין דער העב־רעישער ליטעראַטור אָבער, אין דעם קונסט־שאַפן פון דעם אַלטן וואַנדער־פאָלק, זעען מיר אַ גאַנץ אַנדער דערשיינונג, עפּעס אַזוינס, וואָס מען

[1] דאָרטן, 185.

קאָן ניט געפינען ביי קיין שום אַנדער אומה. די יידישע קולטור האָט איבערגעלעבט אויף איר טויזנטיאָריקן וועג פיל עליות און ירידות. פון די באַדייטנדיקע ליכטיקע הייכן האָט זי דער ביטערער גורל פונם אייביקן נע־ונדניק גאַנץ אָפט אַראָפּגעוואָרפן אין די טונקעלע טיפן; און פון דער נידער הייבט זי אויפסניי אָן מיט גרויס מי, טריט ביי טריט, אויפצוקלאַ־מערן פון שטאַפּל צו שטאַפּל. ביי אַזאַ זיגזאַגיקן גאַנג פון דערהויבונגען און דערנידערונגען פּאַסירט ניט זעלטן, אַז אין פאַרשיידענע תקופות, וואָס זיינען אָפּגעטיילט מיט אַ לאַנגער קייט פון דורות, חזרן זיך איבער איינע און די זעלבע קולטורעלע דערשיינונגען, עס באַווייזן זיך ביי גלייכע קולטורעלע צושטאַנדן ענלעכע אידעען־שטרעמונגען, וואָס באַקומען אויך אין דער ליטעראַטור איין און דעם זעלבן לבוש, אַנטפּלעקן זיך אין גאַנץ ענלעכע פאָרמען. דאָ קאָן קיין שום רעד ניט זיין וועגן „סטיליזאַציע", וועגן „נאָכמאַכן"; מיר האָבן פאַר זיך איין און דעם זעלבן סטיל, איין און דעם זעלבן נוסח. ווער עס איז באַקאַנט מיט דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור אויס דער השכלה־צייט און געדענקט די קונסט־פולע סאַטירעס פון יצחק ערטערס „הצופה לבית ישראל", דעם וועלן ממש איבערראַשן די טאַלענטפולע בלעטער פון „עלילות דברים". ער וועט שטוינען, אויף ווי וויט די דאָזיקע צוויי שריפטשטעלער, וואָס זיינען אָפּגעטיילט מיט כמעט גאַנצע פיר הונדערט יאָר, שרייבן ניט נאָר מיט איין סטיל און מיט איין מאַניער, נאָר אַפילו דער תוך, די טעמען און די לעבנס־דערשיינונגען, וואָס קענן זיי טרעטן זיי אַרויס מיט דער ביטיש פון זייער סאַטירע, זיינען איינע און די זעלבע. נישט מער, וואָס ערטער־ווייז פילט זיך, אַז דער שפּאַניער אויס דעם פופצנטן יאָרהונדערט אָטעמט אַ מער פרייע לופט און זיין אויג איז מיט אַ ברייטערן פאַרנעם, ווי דער גאַליציאַנער משכיל פונם ניינצנטן יאָרהונדערט. און דאָ קאָן קיין שום רייד ניט זיין וועגן וועלכער ס'איז השפּעה, וואָרעם דער „עלילות דברים" איז דאָך צום ערשטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1863, גאַנצע צוועלף יאָר נאָך ערטערס טויט. ערטערס סאַטירעס זיינען אָפט געשריבן אין פאָרם פון חלומות און אַנטפּלעקונגען. אין איינער פון זיי שפּאָט ער אָפּ פון אלעזר קלירס פיוטים מיט זייער ווילדן „אַץ־קוצץ־לשון", וואָס קיין פשוטער בן־אדם קאָן דעם פשט ניט דערטיין. און אויך אין „עלילות דברים" ווערט אין גייסטרייכער פאָרם אַ פאַנטאַסטישער חלום באַשריבן[1], ווי פאַרן „כסא הכבוד" טרעט אַרויס מיט גרויס געוויין אַן אומגליקלעכע

---

[1] דאָרטן, 185—7.

פרוי און בעט שטיצע און הילף. אויף דער פראגע: „ווער ביסטו, טאכ־טער?" ענטפערט די פרוי: אינם לאנד פון שנער, אין בבל בין איך גע־בוירן, א טאכטער פון כוהנים און נביאים, אין געצעלט פון די אנשי כנסת הגדולה איז מיין וויג געשטאנען, די לעצטע נביאים זיינען מיינע דערציער געווען, ווונדערבאר איז געווען מיין פראכט און שיינקייט און — זע, וואס די פייטנים האבן אויס מיר געמאכט: זיי האבן פון מיר מיין פראכט־מאנטל אראפגעריסן, מיין קערפער מיט ווונדן, בײלן און גע־שווירן באדעקט, קיין גאנצער אבר איז אין מיר ניט געבליבן, איך בין פארקריפלט, פארדרייט, מיין אויסזען דערוועקט שרעק. ואני תפילה — תפילה איז מיין נאמען!...

אין זיין „תשליך" און „סיני סנסני וסמנגלף" לאכט ערטער פון די נארישע מנהגים: ווארפן די חטאים אין וואסער, אדער באהענגען דאס בעט פון א יולדת מיט קוויטלעך, בכדי אפצושרעקן די מכשפות און מזיקים, זיי זאלן קיין שליטה ניט האבן איבער דעם ניי־געבוירענעם קינד. אט קענען די זעלבע אבערגלויבנס טרעט ארויס מיט זיין שפאט און גע־לעכטער אויך דער בעל „עלילות דברים". „זעט — רופט ער אויס — ווי יעקבס קינדער לאזן זיך צו די ברעגן פון די טייכן, טרייסלען אויס זייערע פאלעס אין די וואסערן, און מיט זייערע לעפצן שעפטשען זיי תפילות — דאס ווארפן זיי אריין אין די טיפע אפגרונטן אלע זייערע חטאים פאר א גאנץ יאר, און מיט גרוים שמחה לויפן זיי אהיים — זיי האבן זיך דאך ריין געוואשן פון אלע זינד. און אין אכט טעג ארום, ערב יום־כיפור, כאפט מען ארעמע עופות, יעדער מאנסביל א האן, יעדע נקבה א הון, און מען דרייט מיט זיי איבער די נארישע קעפ און מען שרייט און מען פילדערט: „זה חליפתי", „זאת תמורתי". דערנאך גייט איבער דער סאטיריקער צו אנדערע מנהגים[1]; ער לאכט אפ פון די העוויות און פון דעם ווארפן און שאקלען זיך בשעת דעם דאווענען, בכדי מקיים צו זיין דעם פסוק „כל עצמותי תאמרנה". „באווייזט זיך די לבנה — לייענען מיר ווייטער — לויפט געשווינדט ארויס דאס פאלק ישראל, פארשפרייט זיך אויף די בערג און אויף די גאסן, שפרינגען ווי די ווילדע צאפעס און זיינען מתפלל פאר דער לבנה. טוט א פרוי א קינד געווינען, זעט ווי זיי גורטן אן זיי־ערע לענדן מיט די שווערדן, מאכן א עיגול ארום דער יולדת מיטן ניי־

1 עס איז שווער צו זאגן אויף זיכער, אז די אלע פונם עטנאגראפישן שטאנד־פונקט זייער אינטערעסאנטע מנהגים זיינען געווען אנגענומען ביי די שפאנישע יידן. עס איז אויך מעגלעך, אז דער סאטיריקער האט באזוכט אויך די שכנישע לענדער, ווי איטא־ליע ופדוסה, און האט זיך דערביי באקאנט מיט די מנהגים פון די דארטיקע יידן.

נעבוירענעם קינד, און זאָגן ווילדע שפּראַכן מיט מישונהדיקע השבעות. די ווינקלען און די ווענט באַצייכענען זיי מיט ציורים, מאָלן אויס אָדם וחוהן מיטן נחש — דאָס פירן זיי עס מלחמה מיט ניט־גוטע, שדים און מלאכי חבלה. ווערט עמעצער קראַנק, ווענדט מען זיך ניט צו קיין דאָק־טאָר, נאָר צו מכשפים און אָפּשפּרעכערס, מען צעלייגט פייערן ארום דעם קראַנקן פון אַלע פיר זייטן, מען ציט פון אים אראָפּ דאָס וועש און מען פאַרשפּרייט עס קעגן דעם שיין פון דער לבנה, מען מעסט אויס דעם קראַנקן מיט שטריק אין דער לענג און אין דער ברייט, מען מאַכט דערפון ליאַלקעס און פּופּן, און מען האַלט אין איין שפּרעכן, מען איז משביע מיט כלערליי השבעות, מען רייסט קברים, מען רופט צו די טויטע, און עס איז קיין גרענעץ ניטאָ צו זייערע ווילדע נאַרישקייטן".

„זאָל מען זיך ניט פאַרענטפערן דערמיט, זאָגט ווייטער דער בעל „עלילות דברים"[1], אַז אויך ביי אַנדערע פעלקער זיינען פאַראַן זייער פיל נאַרישע מנהגים — עפּנט אויף די תורת־משה: צי וועט איר דאָרט גע־פינען אַ זכר פון זיי? צי ווערט דאָרט ניט געוואָרנט, אַז „כמעשה ארץ מצרים וכמעשה ארץ כנען לא תעשו" — איר זאָלט ניט נאָכטאָן ניט די מצרים און ניט די פעלקער פון כנען! דערווייטערט די פרעמדע אָפּגעטער פון אייערע געצעלטן, וואַשט אייך ריין פון דעם גאַנצן שמוץ, לאָזט אייך ניט מער פאַרפירן פון די פינסטערע אָפּשפּרעכערס (לקול מלחשים), וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געמערט ביי אייך. גרויס איז אַ צאָל זיינען אייערע נאַרישע גלויבונגען, אייך פעלט אָבער דער איינציקער אמתער גלויבן!"

„נאָר מיט ווייסן, רופט אויס דער דאָזיקער איבערצייגטער מיימוניסט, מיטן פאַרשער־געדאַנק פונם געבילדעטן שכל קאָן מען אמת גאָט דינען! וועט איר אָבער אויך ווייטער גיין אויפן וועג פון אָבערגלויבן, וועט איר ווערן גלייך צו די עמלקים, מדינים און אַנדערע ווילדע פעלקער; בלויז דעם נאָמען וועט איר נאָך טראָגן „עם ישראל", אָדער אפשר וועט אפילו דער נאָמען ישראל אויך פאַרגעסן ווערן (ולא יזכר רק שם ישראל עוד, או לא יזכר שם ישראל עוד)".

זייער כאַראַקטעריסטיש זיינען די שלום־בלעטער פון דער סאַטירע. אין נאַכט־שוואַרצע פאַרבן שילדערט דער סאַטיריקער דעם גייסטיקן מצב פון זיין דור, ער זעט ארום זיך לויטער אָבערגלויבן און ווילדן שימל, דאָך האָט ער די האָפענונג ניט פאַרלוירן, און ער גלויבט אין אַ ליכטיקער צוקונפט. „יאָ, מיר טאַפּן אַלע ווי בלינדע אין דער פינסטער, מיר זיינען איינגעשלאָפן אַלע און זיינען פאַרטאָן אין פאַנטאַסטישע חלומות; דאָך

---

1 דאָרט, 188—189, 204.

וויל איך גלויבן, אז ערגעץ אין א פארבארגן ווינקל זיצט דער איינציקער, וואס וואכט, און ער, דער וואכענדיקער, וועט אלע איינגעשלאפענע אויפוועקן! מיר ווייסן דאך, ווי פון איין פונק פלאקערן אויף אן א צאל ליכטער..." [1] מיר האבן דאך געזען, זאגט דער סאטיריקער ווייטער, וואסערע גרויסע וווּנדער איין משה בן מיימון האט מיט זיינע ווערק באוויזן. גרויס איז געווען די צאל פון ז...ע קעגנער, מען האט זיינע ספרים אויף די שייטערהויפנס געברענט, דאך זיינען פילע אדאנק אים זעענדיק געווארן, אלע קעגנער זיינען שוין ניט אימשטאנד געווען אויסצולעשן דאס ליכט, וואס דער גרויסער מאן האט אנגעצונדן, ווארעם שטארק און אומבאזיגבאר איז די מאכט פון וויסן און פארשטאנד...

און דער סאטיריקער חלומט וועגן דעם גרויסן טאג פון ליכטיקער גאולה, ווען עס וועט דערשיינען דער פון גאט באגנעדיקטער שליח, דער שפראצלינג פון „שרש ישי", וואס זיין חכמה וועט זיין „ברייטער פונם ים". אלע וועלן ווארטן אויף זיין באפעל, ער וועט זיין די פאן פאר אלע פעלקער (עומד לנס עמים), די טרייסט פון דער גאנצער מענטשהייט. אויפוועקן וועט ער אלע אויס דעם שלאף פון פינסטערניש און אומוויסן, ער וועט מיט זיין געטלעכן גייסט דערלייכטן די אויגן פונם גאנצן גלותפאלק, אונטער זיין שוץ וועט די חכמה די וועלט רעגירן, עס וועט מער ניט געוועלטיקן קיין שטרייט און קיין קריג, און מיט אפענע פארשטאנדיקע אויגן וועט דער מענטש שרייטן אויפן וועג פון ליכט און אמת...

וואס פאר א ביטערע אנטוישונגען זיינען אבער פארגעשטאנען אונזער טאלענטפולן סאטיריקער. בעת ער האט געחלומט וועגן דעם גלענצנדן נצחון פון ליכט און וויסן, איז שוין געווען געחתמעט דער שרעקלעכער גזר, און די נאכט־פינסטערע פליגל פון דער בלוטיקער אינקוויזיציע האבן שוין באדעקט די קאטוילישע שפאניע. ניט דאס „ליכט פון וויסן", נאר דער גיהנום־פייער פון די שייטערהויפנס האבן העל אויפגעפלאקערט אויף דעם פירענעישן האלב־אינזל, און ניט די שבחים און לויב־געזאנגען דעם אליינהערשנדיקן פארשטאנד און זיינע דערגרייכונגען האבן געשטיגן אין די הימלען, נאר די זיפצן און געשרייען פון די טויזנטער אויף טויט געפייניקטע...

שוין איז דער גורל געווען באשלאסן. די חיילות פונם קאטוילישפרומען פערדינאנד האבן שוין באלאגערט דעם לעצטן „עיר המקלט" פון

1 „אם אנחנו כלנו הוזים שוכבים, אולי ימצא בקצה הארץ ע״ר אחד יעיר כל הנרדמים, כי הנה כה דברי באש, נאם ד׳, אשר בן רשף קטן ממנו ידלק גרות אין מספר".

דער אַראַבישער קולטור און מאַכט אין שפּאַניע — די וווּנדערשיינע גראַ־נאַדע. און געציילט זיינען שוין געווען אירע טעג... און טאַקע דאָרטן, אין דער שטאָלצער גראַנאַדע, האָט דעמאָלט געלעבט דער לעצטער יידישער דיכטער פון אַנדאַלוזיע און געזונגען זיין ליד — דאָס לעצטע שוואַנען־ליד פון דער יידישער מוזע אין שפּאַנישן לאַנד. דאָס גרויסע אומגליק, וואָס ס'האָט באַלד געטראָפן דאָס שפּאַנישע יידנטום, האָט אָבער דאָס דאָזיקע ליד דערשטיקט; אויסגעלאָשן זיינען געוואָרן זיינע קלאַנגען, און צו אונדז זיינען דערגאַנגען בלויז אָפּגעריסענע אַקאָרדן; ניט קיין גאַנצע לידער און געזאַנגען, נאָר צופעליקע סטראָפעס און אָפּגעריסענע פערזן. דאָס איז בלויז אַ שוואַכער ווידער־קול פון אַ אויסגעלאָשן ליד; אַ זכר, אַ געדעכעניש וועגן אַ דיכטעריש שאַפן, וואָס ס'איז בשעת דער גרויסער קאַטאַסטראָפע געגאַנגען לטמיון...

סעדיה בן מיימון אבן דאַנאַן האָט דער דיכטער געהייסן. ווי דער בעל „עלילות דברים", אַזוי איז אויך אבן דאַנאַן געווען דעם מיימונים אַ הייסער חסיד. ער איז געווען דיין אין גראַנאַדע, פיל זיך אָפּגעגעבן מיט יידישער פילאָלאָגיע [1], האָט געשריבן אַ ספּעציעלע אַרבעט וועגן יידישער געשיכטע [2]. נאָר זיין אמתר באַרוף איז געווען דיכט־קונסט. אין דעם דיכטערישן שאַפן פון דעם דאָזיקן לעצטן יידיש־אַנדאַלוזישן דיכטער האָבן ווידער אויפגעוואַכט די שוין לאַנג פאַרשטומטע אַקאָרדן אויס דער גלאַנץ־תקופה פון דער יידיש־שפּאַנישער דיכטונג. עס האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן שטורמישע לידער פון הייסער ליבע און ברענענדיקער ליידנשאַפט. ער שרייבט לויבגעזאַנגען די „טעכטער פון וויינשטאָק", אין וועלכע ער איז פאַרליבט „זינט די גאַנצע יונגע יאָרן". דער דיכטער איז אָבער פאַרליבט ניט בלויז אין דעם וויינשטאָקס טעכטער, און ניט נאָר זיי באַזינגט ער אין זיינע לידער. „ביי ווען דאָס האַרץ איז קראַנק פון ליבע — זאָל ער זוכן גענעזונג אין די בליענדיקע סעדער, ביי דעם בלומען־דופט און פויגל־געזאַנג; זאָל ער מונטער זיין געליבטע אומאַרע־מען, איר געזיכט מיט קושן באַדעקן — די ביימער מיט זייער געדיכטן שאָטן וועלן זיי דאָך באַהאַלטן און קיינעם דעם סוד ניט דערציילן". „פאַרבלייב ביי מיר, דו שיינע, דו מיין, — מיין האַרץ און נשמה האָסטו געפאַנגען. בלייב אין מיין צימער ביז דיין פאָטער קערט אום; אין מיינע

---

[1] עס איז אויפגעהיט אין כתב־יד זיין קאַפּיטאַל ווערק „ספר השרשים". אין דעם ערשטן קאַפּיטל (במשקלי השירים), וואָס נייבויער האָט פאַרעפנטלעכט אין „מלאכת פרק השיר", ברענגט אבן דאַנאָן קליינע פראַגמענטן פון זיינע אייגענע לידער.

[2] זיין מאָנאָגראַפיע „סדר הדורות" איז געדרוקט אין „חמדה גנוזה" (1856).

אָרעמס פאַרוויי! ביז די מוטער ראַן קומט" [1]. „פעסט בײַ מיין ברוסט ליגט מיין געליבטע, פעסט אָן איר ברוסט דריקט זי איר ציטער*; די סטרונעס באַרירט בלויז איר האַנט, און די סטרונעס פון מיין האַרצן צע־רייסט זי, און אומהיילבאַר בלייבן די ליבע־ווונדן" [2]. „מיין געליבטע — ווי די זון טוט זי בלענדן, ווי דער מאָרגנשטערן שיינט זי אויף מיין נע־לענער. ווי די לבנה־שטראַלן שימערירן אירע ראָזע באַקן, און די נאַכט־שוואַרצע לאָקן האַלטן מיין האַרץ געפאַנגען!" [3]. „מיין געליבטערס ברע־מען זיינען, ווי געשפּאַנטע בויגנס — זיי שליידערן די פיילן־בליקן אין דאָס שמאַכטנדיקע האַרץ. מיט פייערדיקע קושן האָב איך אירע ליפּן באַדעקן געוואָלט און דער פלאַם פון איר אָטעם האָט מיין האַרץ פאַר־ברענט" [4].

אַלס אמתער דיכטער קאָן ער ניט ביישטיין קעגן דעם שאַפונגס־דראַנג, און ער מוז דיכטן און שאַפן בעת ער דערפילט אין זיך דעם רוח־הקודש. „ווי נאַר — דערציילט דער דיכטער — דער מוזעס הייליק פייער באַרירט מיין האַרץ — מוז איך דיכטן, און איך שאַף מיינע העברעיִשע און אַראַבישע לידער!" (אש מבנות השיר בערה בי — לשיר בְּעִבְרִי או בַּעֲרָבִי). ווי משה אבן עזרא, אַלחריזי און עמנואל רומי בשעתם, אַזוי רעדט אויך אבן דאַנאַן מיט גרויס התפּעלות וועגן דעם גרויסן באַטייט פון דעם דורך גאָט געבענטשטן דיכטער, און די דיכט־קונסט איז בײַ אים אמתער גאָטסדינסט. „ווייסט איר, מיינע ברידער, ווער ס׳האָט די דיכ־טער געבוירן, און פון וואַנען זייערע לידער שטאַמען? זיי זיינען פון נביאימס געשלעכט, און גאָטס ברענענדיק וואָרט טוט אויף זייערע ליפּן רוען" [5]. „דער מוזעס געליבטע — זיי זיינען די שטערן, וואָס באַלייכטן

---

1 שבי יעלת החן לפני שבי — הלא לך לבבי בו ונפשי שבי,
יעד יעבור אביך לחדרי עלי — ועד תעבור אמך בתיקי חבי.

* ציטער — דער העברעיִשער כִּנּור, אַ שפּיל־אינסטרומענט.

2 צבית חן בתוך חיקי — והכנור בתוך חיקה
מְנַגֶּנֶת בְּיָדֶיהָ — וְהוֹרֶגֶת בְּיַד חֲשֻׁקָה.

3 לי עגובה ברה כחמה וטובה — על יצועי האיר כמו המאורות
כלבנה יפה אדומה לבנה — אך קווצות שערה בלבי שחורות.

4 אין אָריגינאַל אַן איבאיבערועצבאַרער וואָרט־שפּיל:
גבות צביה קשתות דרכו — לירות בחץ עינה ללב חושקה
דלק לנשק את שפתה — ואש מלחמה דלקה בלב דולקה.

5 מי הוא אבי המשוררים אם תדעו — אחי, ואי מזה חרוזים באו?
אולי נביאים הם ואם הם הללו — תורת ד׳ באמת נבאו.

די ערד און דער בית־המקדש איז זייער געצעלט. ווי וווּנדער־שיין איז זייער מזל: זיי געוועלטיקן איבער דעם וואָרט, און דער פּלאַם פון באַגייסטערונג רוט אין זייערע הערצער" [1].

אבן דאַנאַנס לעבנסלוסטיקע מוזע האָט זייער ווייניק האַרמאָנירט מיט די דעמאָלטיקע שטימונגען און פילע האָבן אים ניט געוואָלט מוחל זיין זיינע עראָטישע לידער [2]. זיין בן־דור, אברהם גבישון, וואָס רעדט מיט גרויס רעספּעקט וועגן אבן דאַנאַן אַלס חשובן תלמודיסט און רופט אים „הרב הגדול גר ישראל", וואַרפט אים אָבער דערביי פאָר זיין „זינד", וואָס ער האָט געשריבן „פריוואָלע און עראָטישע" לידער [3].

עלנט און פאַראיינזאַמט פילט זיך דערפאַר דער דיכטער. „איך שרייב — קלאָגט זיך אבן דאַנאַן — און זיי ווילן ניט לייענען, איך טו זיי באַלערן — זיי ווילן ניט הערן, איך אַנטפּלעק די אוצרות פון מיין נשמה — זיי ווילן ניט גלויבן. איך מעג פּרעדיקן ווי הלל — זיי קערן זיך אָפּ פון מיר; מיין ליד מעג זיין זיסער פון די לוויימס געזאַנג — טויב זיינען זייערע אויערן" [4]. „איך פּרעדיק דעם אמת — קלאָגט זיך דער דיכטער אין אַן אַנדער ליד — פאַר אַ ליגנעריש דור. איך רוף אומזיסט צו זיי — קיינער וויל ניט הערן. איך וויל שלום, און מיין דור דערקלערט מיר קריג; איך זאָרג פאַר זייער גליק — און זיי טראַכטן שלעכטס אויף מיר; איך דעק אויף די טיפעניש פון מיין האַרצן — און זיי שפּינען אין דער פינסטער בילבולים אויף מיר" [5].

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער סיכסוך צווישן דעם דיכטער און דער סביבה נעמט זיך בלויז דערפון, וואָס ער האָט „פריוואָלע" לידער געזונגען; אַממייסטן קעגנער האָט זיך דער דיכטער געשאַפן מיט זיינע סאַטירעס און פּאַמפלעטן. אבן דאַנאַן איז דאָך געווען ניט בלויז אַ דיכטער, נייערט אויך אַ געלערנטער. אויפן געביט פון

---

1 כוכבי ארץ גבירי בני שיר — יושבי דוכן בבית תבחירה;
חלקכם טוב בתבונה ולכם — מענה לשון ונפש יתירה.

2 צו אַפּקלאַנג פון די דאָזיקע אָנפאַלן געפינען מיר אַפילו אין איינעם פון דאַנאַנס לידער: „למה תריבני עלי חשקי".

3 „עומר השכחה", 131, עמ' ב': „אח"כ ראיתי כי הרב הגדול ר' סעדיה בן דאנן ז"ל בעל הערוך, כי נראה מתוכו שלא הניח מקרא משנה תלמוד רבה תנחומא שלא למד גם עשה שרשם על כל הכ"ד, ואעפ"כ בשיריו מצאנו כמה וכמה משירים דופים וגופניים".

4 „אכתוב ולא יקראו, אשנה ולא ילמדו -- אראם גבורות והם לא יאמינו לי, לא יאזינו ואם אדרוש בקהל, ולא — יפנו לשירי ואם אשיר כמו מחלי".

5 אבקש שלום — אנשי זמני יריבוני — ואחשוב עליהם טוב והם יחשבו רעה ואראם עצת נפשי, ויתלחשו עלי — ואקריב וירחיקם לבבם אשר תעה.

פילאזאפיע און וויסן האט ביי אים גענאלטן אלס גרעסטער אויטאריטעט דער בעל „מורה נבוכים"; אויף די אנטי־מיימוניסטן און קעגנער פון ראציאנאליסטישער פילאזאפיע האט ער געקוקט ווי אויף „מורדי אור" און פינסטערע אומוויסנדיקע מענטשן, און ער האט געקעמפט קעגן זיי מיט דעם זעלביקן געווער ווי דער בעל „עלילות דברים": מיט דער בייטש פון סאטירע און מיט סארקאסטישן געלעכטער. איינע פון זיינע סאטירעס איז צו אונז דערגאנגען בשלימות [1]; און מען מוז מודה זיין — זי שטימט גאנץ ווייניק מיטן דיכטערס פארזיכערונג, אז ער איז א רודף־שלום און וויל מיט אלעמען לעבן אין פרידן.

„זעט — רופט אויס אבן דאנאן — ווי די דאזיקע שמאל־קעפיקע מענטשן האסן יעדעס וויסן, טוען פארן ליכט פון דער זון זיך באהאלטן, און ווי די פלעדערמייז באווייזן זיי זיך בלויז אינם שאטן פון דער נאכט. זיי, די בלאנדזשענדיקע, דערקלערן קריג דעם „מורה", דעם וועגווייזער. זיי לעסטערן און שענדן דאס בוך, וואס ס'האט צעשטערט די פעסטונגען פון געצנדינסט און אבערגלויבן, דאס בוך, וואס ס'היילט די טיפסטע וווּנדן, דאס בוך, וואס ס'איז דער לייכטטורעם פאר אלע, וואס דארשטן נאך וויסן, דאס בוך, וואס פלאנצט דעם בוים פון לעבן און ווארצלט אויס די דערנער און ווילדע געוויקסן, דאס בוך, וואס ס'האט אנטפלעקט די גרויסע ווונדער און רייכע אוצרות פון דער תורה און האט געמאכט צו שפאט און צו שאנד אלע כופרים און פארפירער"...

„זיי, לייענען מיר ווייטער, וואס שעפטשען מיט די ליפן „ה' אחד", איינציק איז אונזער גאט און פריי איז ער פון דעם מינדסטן חומר, — שילדערן אים ווי ער זיצט אויף א קיניגלעכן שטול ארומגערינגלט מיט כיתות פון מלאכים. און אז דער „מורה" האט באוויזן ווי אומוויסנדיק און פינסטער זיי זיינען און האט זייער שאנד פאר דער גארער וועלט אנטפלעקט, האבן זיי, די פאלקס־נאראנים (אוילי עם), וואס האבן מיט זייערע בלינדע אויגן זיין ליכט און גלאנץ ניט געקאנט אפשאצן — זייער גאנצן האס אויף דער „חכמה יונית" אויסגעגאסן און אין איר די גרעסטע נעבאר דערזען... יא, וואלט איר, בלינד־פינסטערע, אימשטאנד געווען צו זען און צו באגרייפן, וואלט איר געוווּסט, אז אונזער תורה איז דער קוואל פון חכמה און פון וויסן; זי האט מיט איר ליכט געשיינט פאר אלע פעלקער, און די גריכישע דענקער, בעת זיי האבן געפארשט נאך דעם פילאזאפישן אמת, האבן זיי אים אין דת משה געפונען..."

---

[1] פארעפנטלעכט אין „דברי חכמים" 81—82 (1849).

אכטער קאַפּיטל.

דער גרויסער גירוש. — די צרות און ליידן פון די פאַרטריבענע; די אָפּקלאַנגען פון דער קאַטאַסטראָפע אין דער העברעישער ליטעראַטור. — די אָפּטריניקע צווישן די געבילדעטע און די הויף־יידן. — דער גרעסטער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער יוסף יעבץ און זיין „אור החיים". — יצחק אַבּרבּנאל און „חבלי משיח". — יצחק אַבּרבּנאל אַלס ביבּל־דערקלערער. אַבּרבּנאל אַלס אָנזאָגער פונם באַלדיקן „קץ". — משיחס צייטן. — שלום.

דאַנאָנס היימאַטשטאָט איז געפאַלן. דער צלם האָט גובר געווען די מאַכמעדישע פאָן. און אונזער דיכטער האָט די בייטש פון דער סאַטירע געמוזט פאַרבייטן אויפן וואַנדערשטעקן. אינם יאָר 1492, בעת דער גאונישער גענועזער, קאָלומבוס, האָט זיך געלאָזט איבער דעם ים־אוקינוס אַ נייע וועלט צו אַנטדעקן, איז חרוב געוואָרן די לעצטע פעסטונג פון דער אַראַבישער קולטור אין אייראָפּע — גראַנאַדע, און טאַקע דאָרט, אין דעם וואונדער־פּאַלאַץ אַלהאַמבּראַ האָט זיך פאַרענדיקט דער לעצטער אַקט פון דער בלוטיקער דראַמע, און באַשלאָסן איז געוואָרן דער גזר איבער דעם שפּאַנישן יידנטום. דער קנאישער אינקוויזיטאָר טאָמאַסאָ טאָרקוואָמאַדאָ האָט געבענטשט מיטן צלם אין דער האַנט דאָס גאָטפאָרכטיקע פּאָר, פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, בעת זיי האָבן געחתמעט דעם „גירוש"־באַפעל, אַז אין משך פון פיר חדשים מוזן אַלע יידן, וואָס ווילן ניט אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן, פאַרלאָזן אַלע דריי שפּאַנישע לענדער: קאַסטיליע, אַראַגאָן און סיציליע.

אויף איין מאָל איז דורך דער תּלִיָנישער האַנט חרוב געוואָרן דער גרויסער קולטור־צענטער, וואָס האָט אין משך פון איבער פינף הונדערט יאָר גייסטיק געוועלטיקט איבער דער גאַנצער דיאַספּאָראַ. הונדערטער טויזנטער האָבן געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און זיך לאָזן אין וואָגל, אין די אומבאַקאַנטע ווייטן, וווּ אין יעדן ווינקל האָט אויף זיי געלויערט אומגליק און שרעק. פילע פון די „גדולים", פון די רייכע יידישע שררות, זיינען דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען, און בכדי דאָס לאַנד ניט צו פאַרלאָזן האָבן זיי דעם קאַטוילישן גלויבן אָנגענומען.

טויזנטער פאַמיליעס האָבן דורכן „שמד" זיך אויסגעקויפט פון גלות [1], צווישן זיי אויך דער רייכער מוכסן און פון דער רעגירונג באַשטימטער קאַסטילישער רב־הכולל, אברהם שניאור.

אָט וועגן דער פעלשונג, וואָס ס'זיינען באַגאַנגען קעגן זייער פאָלק פילע פון די יידישע גראַנדן און אינטעליגענטן, שרייבט דער היסטאָריאָגראַף פון יענער צייט אברהם בן שלמה אוים טורטייאַל: „אין יאָר 1492 האָט גאָטס צאָרן זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פאָלק ישראל... וואָרעם אימהדיק גרוים זיינען געווען אונזערע זינד, און אונזער שולד האָט ביז צו די הימלען דערגרייכט... צוליב די חכמות חיצוניות איז די תורה כמעט פאַרגעסן געוואָרן. און מיט תורה שבעל־פה האָבן זיך נאָך פאַרנומען בלויז די אָרעמע שיכטן (כי אם העניים והאביונים)... און ווען ס'איז אויסגעגאָסן געוואָרן דער גרויסער צאָרן, האָבן דאָס רוב פון די יידישע גדולים, פאַרשטייער און ריכטער (גדוליהם ואדיריהם ושופטיהם) ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון און בכדי פונם גירוש זיך צו ראַטעווען, האָבן זיי די אמתע אמונה פאַרלאָזן און זי אויף פרעמדע אָפגעטער פאַרביטן. בראש פון די אָפּטריניקעס איז געווען דער רב הכולל פון גאַנץ ספרד, דון אברהם שניאור, ער, זיין זון און די גאַנצע משפחה. אים האָבן נאָכגעטאָן טויזנטער און טויזנטער — אויסגעמעקט זאָל זייער נאָמען ווערן פונם ספר החיים, וואָרעם זיי האָבן ניט נאָר אַליין געזינדיקט, נייערט אויך אַנדערע געמאַכט זינדיקן, וואָס האָבן אויף זיי, די מנהיגים, געקוקט און געגאַנגען אין זייערע וועגן. פון די אַלע אָנגעזעענע פירער און ראשי הקהילות האָבן בלויז איינצלנע באַשלאָסן זיך מוסר־נפש זיין על קידוש־השם; דער ערשטער צווישן זיי איז געווען הרב דון יצחק אברבנאל"[2].

מיט נאָך גרעסערן צאָרן רעדט וועגן דעם אַ צווייטער בן־דור, דער באַוווּסטער פרעדיקער פון יענער צייט, יוסף בן חיים יעבץ, וואָס האָט נאָכן גירוש אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע און פלעגט דאָרט אַרומפאָרן איבער די יידישע קהילות און האַלטן מוסר־דרשות [3].

---

1 דער פייטן פון יענער צייט, אברהם חיון, קלאָגט דערויף אין איינער פון זיינע קינות:

מיום ברוא אלהים אדם — שמד גדל כזה לא קדם — על היהודים לאבדם.

(מיר ציטירן לויט דעם מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון „אָזע" אין לענינגראַד).

2 זע נייבויער, „סדר החכמים וקורות העמים", I, 111—112.

3 זע זיין „אור החיים", 2—3, 12, עמ' א'.

„הערט, מיינע ברידער! איך בין אויך איינער פון די גולי ספרד, און איך האָב אליין בייגעזען, ווי פשוטע ווייבער און אומוויסנדיקע עמי־הארצים האָבן מוסר געווען זייער גוף און זייער פאַרמעגן על קידוש־השם; אָבער דאָס רוב פון די געבילדעטע, וואָס שטאָלצירן אזוי מיט זייער גרויס וויסן, זיינען כּמעט אַלע אָן אויסנאַם אָפּטריניק געוואָרן, און פאַרשוועכט זייער ערע אינם טאָג פונם גרויסן אומגליק" [1].

ווי אברהם אוים טורטייאל אזוי זעט אויך דער שטאָק־פרומער יוסף יעבץ אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע גאָטס גערעכטן שטראָף [2] דערפאַר, וואָס מען האָט זיך מער איבערגעגעבן מיט פילאָזאָפיע און וועלטלעכע וויסנשאַפטן ווי מיט דער הייליקער תורה. און דעם גאַנצן צאָרן זיינעם גיסט ער אוים אויף די „מתפלספים" אין זיין „אור החיים".

„זיי, אָט די געבילדעטע, שטאָלץ מיט זייער וויסן און בקיאות אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, האָבן פון זיך אראָפּגעוואָרפן דעם עול פון מצוות און פון דער תורהס געבאָטן. זיי האָבן דערקלערט, אז די מצוות פון דער תורה זיינען בלויז פאַרן המון, אָבער נים פאַר זיי, וואָס האָבן געגעסן פונם עץ־הדעת" [3]. און יעבץ רופט אוים מיט גרוים כּעס: „מיט וואָס פאַר א ביטול האָבן די דאָזיקע נידערטרעכטיקע מענטשן (אלה הנבלים) מיט זייערע גאַנץ קנאַפּע ידיעות אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן זיך פאַרהאַלטן צו די חכמי־הקבלה און צו אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געבליבן געטריי דער מסורה און האָבן ניט געוואָלט מסכּים זיין מיט זיי, אז די תורה איז בלויז א פירוש אויף אריסטוס „ספר המידות". מיט וואָס פאַר א גדלות און מיט שפּאָט און געלעכטער זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן צו די פרומע גאָטספאַרכטיקע פרויען דערפאַר, וואָס אין זייערע פאַרשטעלונגען און באַגריפן האָט גאָט אָנגענומען מענטשלעכע פאָרמען. נאָר טאָקע אָט די דאָזיקע פשוטע ווייבער האָבן אליין, און אויך זייערע מענער אויפגעפאָדערט זיך מוסר־נפש זיין אויף קידוש־השם; און די אַלע געבילדעטע, וואָס האָבן אזוי שטאָלצירט מיט זייער חכמה און פילאָזאָפישער חקירה,

---

1 דאָרטן, 5, עמ׳ א׳.

2 דער גרונט־מאָטיוו חענן „שטראָף" און „נקמה"־נעמען אין חידערשפעניקע קינדער לאָזט זיך הערן אין דעם רוב קינות פון יענער צייט, וואָס קלאָגן אויפן גרויסן גירוש. אין איין קינה לייענען מיר:

חָאָב גִּדֵּל הבנים — לעשוה בהם נקמת.

און א צווייטע פאַנגט אָן מיט פאָלגנדיקער סטראָפע:

מי האב ייסר בנו — ביסורי נקמה – וישפוך עליו חרונו — בעזוז אף וחמה.

3 „אור החיים", 5, עמ׳ 5, 10 עמ׳ ב׳.

זיינען דעם נסיון ניט בייגעשטאנען, מומרים און אפטריניקע זיינען זיי געווארן״ [1].

„איך האב ניט בדעה — זאגט יעבץ ווייטער, — צו פירן וויכוחים מיט די ראציאנאליסטן און מתפלספים, צו דערווייזן ווי אומבאגרינדעט זייערע סברות זיינען; דאס האט שוין גלענצנד דערוויזן דער גרעסטער דענקער פון זיין צייט, חסדאי קרשקש; איך וויל בלויז הויך אויסשרייען: הערט און ווייסט — איר בלאנדזשעט!״ [2].

יעבצס „אור החיים״ איז אינטערעסאנט דערמיט, וואס אין אים שפיגלען זיך גאנץ בולט אפ די שטימונגען, וואס האבן געוועלטיקט צווישן די ארויסגעטריבענע; עס הערט זיך פון זיינע בלעטער זייער צארן און עמפערונג־געפיל בנוגע צו דעם טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, ביי וועלכער דער פילאזאפישער ראציאנאליזם האט געטויט דעם רעליגיעזן געפיל און אין דעם טאג פון נסיון האט זי דעם וואנדער־שטעקן אויפן צלם אויסגעביטן און דעם גלות־בעכער אויפן קריסטוס־בעכער...

און שרעקלעך איז געווען דער גורל פון די, וואס האבן גענומען דעם וואנדער־שטעקן און געמוזט טרינקען אויס דעם ביטערן גלות־בעכער. די היסטאריאגראפן פון יענער צייט גיבן איבער אימהדיקע פרטים, ווי אזוי די פארטריבענע זיינען אומגעקומען אין די טויזנטער פון קעלט, הונגער און אלע מיני אנשיקענישן. רויבער און פיראטן האבן אויף זיי אויף די וועגן געלויערט, זייער האב גערויבט, און זיי גופא אן רחמנות געשאכטן אדער פאר קנעכט פארקויפט. איבערפולט איז געווען דער בעכער פון צער, און די ביים לעבן געבליבענע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט איין־איינציקן געדאנק: „ס׳איז ניט מער צו דערטראגן! עס מוז א סוף נעמען צו די אומדערטרעגלעכעליידן, נאענט מוז שוין זיין דער „קץ״, די גאולה מוז באלד קומען; די שרעקלעכע פינסטערניש — דאס איז פארן באלדיקן באגינען, די שרעקלעכע ווייען — דאס זיינען די „חבלי משיח״! דאס ווערט געבוירן דער גרויסער ליכטיקער טאג פון גאולה, און באלד וועט דערשיינען אין זיין ווונדער־פראכט און שיינקייט דער ליכטיקער גואל, דער משיח בן דוד, דער דערלייזער פונם פארוואגלטן פאלק, דער לייכטנ־דיקער שטערן פאר דער גאנצער מענטשהייט...

דער באגייסטערטער שליח און אנזאגער פון די דאזיקע מיסטיש־גאולהשע שטרעמונגען און האפענונגען איז געווען דער מאן, וואס איז

1 דארסן, 12.

2 דארסן, 23.

פאַרוים געגאַנגען פאַר דער גאַנצער מחנה און איז געשטאַנען בראש פון די אוים שפאַניע פאַרטריבענע — דער באַרימטער דון יצחק אברבנאל (געבוירן אין 1437).

פול מיט שפאַנענד־דראַמאַטישע מאָמענטן איז געווען דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן חשובן מאַן[1]. א מענטש מיט ברייטע ידיעות אין פינאַנ־סיעלע און עקאָנאָמישע פראַגן, האָט אברבנאל פאַרנומען א זייער חשובע שטעלע ביים פּאָרטוגעזישן קיניג אַלפאָנס דער פינפטער. דערפאַר אָבער נאָך דעם קיניגס טויט (אין 1483) האָט אברבנאל געמוזט אַנטלויפן פון פּאָרטוגאַליע. ער האָט זיך באַזעצט אין קאַסטיליע, און דאַנק זיינע גלענצנדיקע פעיקייטן האָט ער נושא־חן געווען ביי דעם קיניג פערדינאַנד און יענער האָט אים באַשטימט פאַר זיין פינאַנסיעלן אַגענט. נאָך דעם גרויסן גירוש איז אברבנאל צוזאַמען מיט א גאַנצער גרופּע פאַרטריבענע אריבערגעפאָרן קיין איטאַליע און זיך באַזעצט אין נעאַפּאָל, ווו ער האָט געפונען שוץ ביים דאָרטיקן קיניג פערדינאַנד, וועלכער האָט פאַרשטאַנען ווי געהעריק אויסצונוצן די אויסטערליש ידיעות פון דעם דאָזיקן גרויסן בקי אין פינאַנסיעלע מלוכה־ענינים. נאָר אויך דאָ איז אברבנאלן נים באַשערט געווען צו געפינען דעם געווונטשן מקום מנוחה: דער פראַנצוי־זישער קיניג, קאַרל דער אַכטער, האָט איינגענומען נעאַפּאָל, און אברבנאל איז געווען געצוווּנגען צוזאַמען מיטן קיניג פערדינאַנד צו אַנטלויפן קיין סיציליע (1495). בשעת דאָס פראַנצויזישע חייל האָט נעאַפּאָל איינגענו־מען, האָט אברבנאל פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעג, זיינע ביכער און אויך זיינע אייגענע מאַנוסקריפּטן. פון סיציליע איז אברבנאל באַלד אריבער־געפאָרן קיין קאָרפו, פון דאָרטן (סוף 1496) קיין דרום־איטאַליע אין דער שטאָט מאָנאָפּאָל, און דאָרט האָט ער אין משך פון גאַנצע זיבן יאָר זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. אין 1503 איז ער אריבערגעפאָרן קיין ווענעדיק, ווו ער איז אין 1508 געשטאָרבן א בן־שבעים.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אברבנאל איז רוב ימיו געווען א גע־ונדניק און זייער פיל צייט אָפּגעגעבן פינאַנסיעלע מלוכה־ענינים, איז דאָך זיין ליטעראַרישע ירושה א גאַנץ גרויסע[2]. ביז דעם גירוש ספרד

1 אויטאָביאָגראַפישע ידיעות געפינען זיך אין די הקדמות צו אברבנאלס פירושים אויף דברים, יהושע, מלכים און אויך אין דער פאָררעדע צו זיין „מעיני הישועה". אינטערעסאַנטע פּרטים גיט אויך איבער אין זיין הקדמה צו אברבנאלס נאָר־וואָס דערמאָנטן „מעיני הישועה" ברוך חזקיטו, וועלכער איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט אברבנאלס זון, יוסף.

2 דער רייסטער פון זיינע ווערק גיט אברבנאל גופא אין זיין באַקאַנטן בריוו צו שאול כהן (זייט 8).

האָט אַברבנאל זיך גאַנץ ווייניק פאַרנומען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט, און דאָס בלויז אויפן עקסעגעטישן געביט [1]. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַברבנאלס פירושים איז דער, וואָס עס פילט זיך אין זיי דער שטאַטסמאַן, דער בקי אין פינאַנץ־פראַגן און אין עניני המדינה. ער איז כמעט דער איינציקער פון די אַלטע מפרשים, וואָס דערקלערט ביים טעקסט די סאָציאַלע און פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן פון דער באַטרעפנדיקער תקופה. ער פּרוּווט געבן אַ בולט בילד וועגן דעם סדר המדינה אין דער צייט פון די שופטים, דאָן אין דער תקופה פון די מלכים און נביאים. ער גיט די נייטיקע דערקלערונגען בנוגע די געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, וועגן דעם באַטייט פון די פאַרשיידענע אמטן, און פון די אין דער ביבל דערמאָנטע וואָג און מאָס, מטבעות אאַז״וו. פאַר איינִיקע זיינע פירושים געפינען זיך ספּעציעלע הקדמות, ווו עס ווערט געגעבן אַן אַלגעמיינער איבערבליק וועגן דעם מהות פון דעם באַטרעפנדיקן ספר [2]. דער אַברבנאל איז אויך כמעט דער ערשטער צווישן די אַלטע ביבל־דער־קלערער, וואָס האָט געהאַט אַ היסטאָרישן חוש און פאַרשטאַנען, וואָס הייסט געשיכטלעכע פּערספּעקטיוו — אָט דאָס וואָס ס׳האָט לחלוטין גע־פעלט ביידע קעמפנדיקע צדדים: די ראַציאָנאַליסטן פון איין זייט און די בעלי־קבלה פון דער צווייטער.

אַ באַדייטנד מינערן ווערט האָבן זיינע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק. אַברבנאל איז געווען אַ פילאָזאָפיש־געבילדעטער טעאָלאָג פונם אָרטאָ־דאָקס־רעכטן פליגל, זייער גוט באַקאַנט געווען מיט די יידישע, אַראַבישע און קריסטלעך־לאַטיינישע פּראָפאָסער; קיין אָריגינעלער דענקער איז ער אָבער כלל ניט געווען. ער באַרירט די פראַגן ניט אין דער טיף, נאָר בלויז אין זייער אייבערשטן שטח. אין זיין „מפעלות אלהים״ (וועגן מעשה־בראשית און וועלט־באַשאַפונג אלס „יש מאין״) און „ראש אמנה״ (וועגן די דאָגמען פון דער יידישער אמונה) חזרט ער בלויז איבער די סברות פון זיינע פאָרגייער און אפילו פון זיינע צייטגענאָסן, דעם בעל „דרך אמונה״ און בעל „עקדת יצחק״. כאַראַקטעריסטיש איז בלויז מיט וואָס פאַר

1 אין דעם פריער ציטירטן בריוו שרייבט אַברבנאל: „ואתה תדע חכם חרשים שהפרושים והחבורים האלה כלם עשיתי אחר שיצאתי מארץ מולדתי, כי הנה קודם לזה כל הימים שהייתי בחצרות המלכים ומירותיהם עסוק בעבודתם לא היה לי פנאי לעיין ולא ידעתי ספר וכליתי בהבל ימי ושנותי בבהלה״ (דאָרטן, 8, זמ׳ ב׳).

2 די נעהעריקע טשטלע אין גרעצם געשיכטע און אויך ש. ד. (דובנאָוו) אין יידישער ענציקלאָפּעדיע, I, 136.

א גרויס ליבשאַפט און האַרציקייט ער רעדט אין זיין „ראש אמנה"[1] וועגן איינעם פון די רעליגיעזע הויפּטדאָגמען, וואָס מיימוני שטעלט ארויס אין זיינע „אני מאמינס" — דעם גלויבן אין ביאת המשיח, אין דער גאולה, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צום שרעקלעכן גלות מיט זיינע ליידן. אַבּרבּנאַל רעדט דערפאַר מיט גרויס צאָרן וועגן יוסף אַלבּאָ, וואָס יענער האָט זיך דערלויבּט אין זיין „עיקרים" צו דערקלערן, אַז דער גלויבּן אין ביאת המשיח איז „אינו עיקר מעיקרי דת משה רבּנו"[2].

נאָך דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפן דאָס שפּאַנישע יידנטום, האָט די האָפענונג אויפן „קץ" און אויף דער באַלדיקער גאולה צוגעצויגן צו זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון יצחק אַבּרבּנאַל. דאָס איז אָבער ניט געווען בּלויז אַ ריין פּערזענלעכע שטימונג — דאָס איז געווען דער האַרציקער אויסגעשריי פונם גאַנצן קיבוץ, דער שטורמישער אויסדרוק פון די שטימונגען, וואָס האָבּן געוועלטיקט אין דער גאַנצער סביבה, צווישן די פיזיש און גייסטיק געבּראָכענע קינדער פון וואָגל און צער...

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָזיקע שטימונגען איז אַבּרבּנאַלס פאָררעדע צו זיין „מעיני הישועה"[3]. דער פּראָפעסער שילדערט אין אימהדיקע פאַרבּן די אַלע צרות און ליידן, וואָס די פאַרטריבּענע האָבּן אין זייער וואָגל אויסגעשטאַנען; פון די הונדערטער טויזנטער[4] זיינען געבּליבּן בּלויז בּערך צען פּראָצענט; די איבּעריקע זיינען אויסגעגאַנגען פאַר הונגער און קעלט, אומגעקומען אויפן ים, אין די מדבּריות, פאַרצוקט געוואָרן פון ווילדע חיות און פון מענטשן, וואָס זיינען געווען פיל גרויזאַמער פון די ערגסטע חיות. „אויסגעמאַטערטע, דערשלאָגענע, צו דער ערד געבּויגענע—דערציילט דער פּראָפעסאָר—האָבּן די איבּערגעבּליבּענע אויסגעשריען: „ניטאָ מער קיין כּוחות! יעדע האָפענונג איז פאַרלוירן, בּאַשלאָסן איז אונזער גורל אינמיטן וועג צו פאַלן, אומצוקומען אין די זאַמדן פון די טרוקענע וויסטעניש!" איך האָב געזען, אַז אַפילו די בּעסטע און די פרימסטע מיט זייער שטאַרקן גלויבּן אין גאָט האָבּן אויך די האָפענונג פאַרלוירן און צוזאַמען מיט די איבּעריקע, האָבּן זיי געקלאָגט: „גאָט

---

1 קאַפּ׳ 14, א״ח.

2 „ישועות משיחו", 25 (מיר ציטירן נאָך דער קיניגסבּערגער אויסגאַבּע, 1861).

3 לויט דער אָנווייזונג פונם מחבר גופא, האָט ער דאָס דאָזיקע ווערק פאַרענדיקט אין דעצעמבּער 1496.

4 יצחק אַבּרבּנאַל שאַצט אָפּ די צאָל פון די אַרויסגעטריבּענע אויף דריי הונדערט טויזנט. זייער פאַרבּענן האָט בּאַטראָפן דרייסיק מיליאָן גאָלדענע דוקאַטן.

האָט פאַרלאָזן די קינדער פון יעקב און יוסף, ער האָט באַשלאָסן צו צעשטערן ביזן גרונט די וווינונג פון ציונס טאָכטער!" דעמאָלט האָב איך אין מיין הארצן באַשלאָסן: מער טאָר מען ניט וואַרטן! מען מוז שטיצן די אָפּגעשוואַכטע און שטרויכלענדיקע, מען דאַרף שטאַרקן די פאַריאושטע הערצער און דערלאַנגען דעם בעכער פון טרייסט די אין וואָגל פאַר־שמאַכטע!"

אין האַרציקע רירנדיקע ווערטער דערציילט דער פאַרפאַסער מיט גרויס פשטות, ווי אומדערמידלעך ער האָט געזוכט און געבלעטערט אין די כתבי הקודש, בכדי דעם גרויסן סוד צו דערגיין: „מתי קץ הפלאות?"— ווען קומט די גאולה, ווען וועט דערשיינען דער ליכטיקער גואל אין זיין נאָלדענער פּראַכט? ער מוז דעם וווּנדער־סוד אַנטפּלעקן, ער מוז אָנזאָגן זיינע אָרעמע שמאַכטנדיקע ברידער די ליכטיקע בשורה: לא אלמן ישראל! „ווייסט, מיינע ברידער — נאָענט איז דער טאָג פון דער גאולה! אָט קומט דער לאַנג־דערוואַרטער ליכטיקער דערלייזער! זעסט, ווי גאַטס גנאָד לאָזט זיך אַראָפּ אויף די בערגער פון ציון ווי דער געבענטשטער טוי פון חרמון!"

ניט אַזוי לייכט איז אָבער דעם סוד צו דערגיין. טונקל און טיף זיינען די נביאימס רייד, ניט דורכצודרינגען איז דעם שלייער, וואָס פאַר־הילט דעם גרויסן סוד פון די קומענדיקע צייטן. די ליידן פון פאָלק ווערן אָבער אַלץ אומדערטרעגלעכער, דער קאַלטער יאוש וואַקסט אַלץ מער... דער אַלטער אברבנאל זוכט אַלץ און זוכט מיט אומענדלעכער עקשנות, טאָג און נאַכט, אין דער וואָך און אין חלום. ער מוז דעם אמת דערגיין, ער מוז ברענגען טרייסט זיינע שמאַכטנדיקע ברידער און — ער איז ענדלעך דעם סוד דערגאַנגען. אין דעם טונקעלן דניאל־בוך מיט זיין מיסטיש־בילדלעכער שפּראַך האָט ער סוף־כל־סוף געפונען, וואָס ער האָט אַזוי מיזאַם געזוכט — די „מעיני הישועה", די קוואַלן פון הילף פאַר דעם ליידנדיקן פאָלק. טריט ביי טריט צעגלידערט ער יעדן פסוק, יעדן אויס־דרוק פון דעם טונקעלן דניאל־בוך; דניאל גופא איז ביי אים פאַררעכנט ניט נאָר פאַר אַ צדיק און ירא אלהים, ווי עס שילדערן אים די חכמי התלמוד, נאָר פאַר אַ אמתן נביא, וואָס האָט גערעדט ברוח־הקודש [1]; און אין זיינע זעענישן און חלומות האָט אברבנאל, נאָך זיין פעסטער איבערצייגונג, אַנטפּלעקט אַלץ, וואָס וועט געשען באַחרית הימים, אַלע

1 אין דעם פּרט שטייט אַברבנאל אויפן שטאַנדפּונקט פון דער קריסטלעכער קירך, וואָס רעכנט דניאלן צווישן די נביאים. דערפאַר אָבער פּאָלעמיזירט אַברבנאל אין זיין „מעיני הישועה" קעגן די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וואָס חילן דערוויזן, אַז אין דניאלס **חלומות** זיינען דאָ רמזים אויף קריסטוסן און דער קאַטוילישער קירך.

צרות און פורעניות, וואָס שטייען פאַר דעם יידישן פאָלק, אָבער אויך דעם ליכטיקן „קץ", ווען גאָטס שליח, משיח בן דוד, וועט קומען און וועט דאָס פאָלק ישראל פון גלות אויסלייזן. מיט ריי̇רנדיקן פּאַטאָס באַשרייבט אַברבנאַל, מיט וויפיל מי אים איז ענדלעך געלונגען דעם אמת צו דער־גיין און אויפדעקן דעם אין ספר דניאל אונטער רמזים און גימטריאות באַהאַלטענעם סוד, אַז אין יאָר רס"ג (1503) וועלן זיך אָנהייבן „משיחס ציימן" און ניט שפּעטער ווי אין רצ"ה (1535) וועט זיין די פולשטענ־דיקע גאולה [1].

אַברבנאַל איילט זיך אָנזאָגן די ליכטיקע בשורה, ער טראָגט אונטער „דעם בעכער פון טרייסט צו די שמאַכטנדיקע ליפּן פונם ליידנדיקן פאָלק" און רופט אויס מיט פרייד: „אשרי המחכה! געבענטשט איז דער, וואָס וואַרט און האָפט! געבענטשט איז דער, וואָס טראָגט מוטיק איבער די ליידן פון גלות, נעמט אָן פאַר ליב דעם נסיון, בלייבט טריי דער אמונה און וואַרט אויפן יאָר 1503, ווען עס וועט נעמען אַ סוף צו די צרות און דער מלך המשיח וועט מיט גאָטס הילף קומען".

מיט מוראַדיקער געשווינדיקייט שרייבט אַברבנאַל איין ווערק נאָכן אַנדערן, וואָס פאַרנעמען זיך אַלע מיט איין און דער זעלבער פּראָ־בלעם: אַז משיח מוז קומען בעגלא ובזמן קריב. נאָך „מעיני הישועה" שרייבט ער זיין „ישועות משיחו"; דאָרט ווערן אָנגעוויזן אַלע שטעלן אין תלמוד און מדרשים, ווו עס ווערט גערעדט וועגן ביאת המשיח, און שוין אין דריטהאַלבן חדשים אַרום [2] דערשיינט זיין ווערק „משמיע ישועה", ווו ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אַז צווישן די נביאים זיינען געווען זיבעצן „מבשרים", וואָס האָבן אָנגעזאָגט די בשורה, אַז משיח וועט קומען.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז פאָלגנדיקער פּרט: אין די אַלע ווערק, וואָס באַהאַנדלען די „גאולה־פּראָבלעם", קערט זיך אַברבנאַל יעדעס מאָל אום צו איין און דער זעלבער פראַגע, וואָס האָט, ווי עס שיינט, שטאַרק באַאומרויִקט ניט נאָר אַברבנאַלן אַליין, נאָר זיין גאַנץ דור: וואָס וועט זיין בעת משיח וועט קומען מיט די צוואַנג־מאַראַנען, מיט די, וואָס האָבן אויס טויט־שרעק אָנגענומען לפּנים דעם קריסטלעכן גלויבן, אָבער אין האַרצן טריי געבליבן דער אמונה פון די אָבות. אין האַרציק־ריי̇רנדיקע ווערטער פאַרזיכערט אַברבנאַל, אַז אויך זיי, וואָס האָבן אויס נויט און

---

[1] זע „מעיני הישועה", מעין ח', תמר י', מעין י"א און י"ב.

[2] דאָס ווערק „ישועות משיחו" האָט אַברבנאַל פאַרענדיקט סוף דעצעמבער 1497, און שוין אינמיטן מערץ 1498 איז געווען פאַרטיק דער „משמיע ישועה".

צוואַנג אין דער צייט פון שמד און צרות דעם פרעמדן גלויבן אָנגענומען, וועלן אויך געניסן פון דער גאולה, אויך זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן, אויך אויף זיי וואַרט דער בעכער פון גרויסער פרייד [1]. דער אַבּרבּנאל איז אָבער פעסט איבערצייגט, אַז משיח בן דוד וועט ברענגען די גאולה נישט נאָר דעם יידישן פאָלק, נייערט אויך דער גאַנצער מענטשהייט. אויסגעלייזט וועט ווערן די גאַנצע וועלט, און קיניגן וועט דעמאָלט איבער איר בלויז אמת און גערעכטיקייט[2].

דער דאָזיקער רייך בּאַגאַבּטער מאַן מיט זיין הייס ליבנדיק האַרץ און טרייסט צום פאָלק איז געוואָרן דער „משמיע ישועה" פון זיין דור, דער באַגייסטערטער פּרעדיקער פון האָפענונג און טרייסט; און מיט ליבע און דאַנקבּאַרקייט האָבן די שפּעטערדיקע דורות זיין נאָמען דערמאָנט. ער איז געווען דער אָנזאָגער פון נייע מיסטיש־גאולהשע שטרעמונגען, וואָס זייער השפּעה איז אין די שפּעטערדיקע צוויי הונדערט יאָר אַלץ מער געוואַקסן אויף דער יידישער גאַס, בעת דאָס לעבן איז דאָרט געוואָרן אַלץ פינסטערער און פינסטערער, און אַלץ ענגער האָט אַרומגעכאַפּט דעם יידישן געטאָ די פעסטע מויער פון שנאה, רישעות און רעכטלאָזיקייט.

פאַרענדיקט האָבן זיך די פינסטערע דורות פונם מיטלאַלטער. אויפ־געשיינט האָט דער קאַיאָר פון אַ נייער וועלט. די מענטשלעכע פערזענלעכ־קייט האָט זיך אָנגעהויבּן צו באַפרייען פון די שווערע מיטלאַלטערלעכע קייטן, און דעם מענטשנס פרייער פאָרשער־געדאַנק האָט ניצחונדיק אויס־געקעמפט זיין זכות אויף זעלבּשטענדיקן קיום אָן דער טיראַנישער אַפּיטרופּסות פון דער טעאָלאָגיע און קאַטוילישער קירך. אין די שווערע וויען פון די רעפאָרמאַציע־קאַמפּן איז געבוירן געוואָרן אַ נייער לעבנס־שטייגער מיט אַ נייעם וועלט־באַנעם. דער פרום־אַסקעטישער אידעאַל פון פרישות און סיגופים האָט אָנגעוווירן זיין געוועזענעם גלאַנץ — אים האָט פאַרדרענגט דער לוסט און חשק צום רעאַלן ערדישן לעבן מיט אַלע זיינע וויען און פריידן. און דווקא אין דער צייט פון גייסטיקן דערוואַכן האָבן די יידישע גאַס גערדיבנע שאָטנס באַדעקט. די גייסטיקע העגעמאָניע פון יידישן פאָלק וואַנדערט איבער פון מערב קיין מזרח, און דערמיט הייבט זיך אָן די טרויעריקע תקופה פון בּין־השמשות, פון מיטלאַלטערלעכער פינ־סטערניש. אַז דאָס רעאַלע לעבן איז געוואָרן פאַרן יידן אַ אמתער „עמק

---

[1] „משמיע ישועה", 54, עמ' א' (מיר ציטירן נאָך דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע פון 1767).

[2] דאָרטן, 27, דף א': „יהיו שני הדברים סמוכים זה לזה שהם: תשועת ישראל והצדק האמונה האמתית בעולם".

הבבא", א טאל פון יאמער און קלאג, האט די יידישע פערזענלעכקייט גע־פלייסט זיך אויסטאן פון „עולם הזה", אפשיידן זיך פון דער אויסערלע־כער וועלט און פארטיפן זיך אין די „עולמות העליונים", אין דער פאנ־טאסטישער וועלט פון מיסטישע באגריפן און אינטערעסן, וואס האט ניט געוואלט וויסן פון וויסנשאפטלעכן פארשן און פרייען קריטישן דענקען. בלויז אונטער דעם לאזור־בלויען הימל פון איטאליע, אינם לאנד פון אויפ־לעבונג און רענעסאנס, האט נאך צניעותדיק געצאנקט דאס ליכט פון יידיש־עולמישער קולטור; אבער אין דעם הויפט־צענטער פון דעם גייס־טיקן יידישן לעבן — אין דעם דייטש־פוילישן און טערקיש־פאלעסטי־נישן יידנטום, האט די קולטור געטראגן אן איינזייטיקן טעאלאגיש־רבנישן כאראקטער. די קבלה המשיחית איז געווען דער „מלך בכיפה", זי האט אומבאגרענעצט געוועלטיקט איבער די מוחות פון דעם געטא און געשפינט איר פאנטאסטיש געוועב...

אט ווענן דער בין־השמשות־תקופה וועלן מיר ריידן אין די ווייטערדיקע בענד פון אונזער ווערק.

ביילאַגן

בײלאַגע נומ׳ 1

(זע זײט 46)

אַברהם אַבולפיה װעגן התפּשטות הגשמיות

כאַראַקטעריסטיש זײנען די ספּעציעלע פּאַרשריפטן, װאָס אברהם אַבולפיה גיט אין זײן „חיי עולם הבא" [1], אויף װאָס פאַר אַן אופן דער מענטש קאָן דערגרײכן די נײטיקע מדרגה פון התפשטות הגשמיות, בכדי ער זאָל זײן מסוגל צו פאַרנעמען זיך מיט „צירופי אותיות" און װוּנדער טאָן מיט דער הילף פונם „שם":

„הכון לקראת אלהיך, ישראל! הכון עצמך לייחד לבבך וטהר גופך ובחר לך מקום מיוחד, שלא ישמע קולך לשום אדם בעולם, והיה יחיד ומיוחד מתבודד מבלתי אחר; ושב במקום אחד בחדר או בעליה ואל תגלה סודך לאדם, ואם תוכל תעשהו ביום בבית אפילו מעט עשהו, ואמנם הטוב והישר ראוי שתעשהו בלילה. והזהר לפנות מחשבותיך מכל הבלי העולם באותה שעה משאתה מכין עצמך לדבר עם בוראך ואתה מבקש שיודיעך את גבורותיו; והתעטף בטליתך ושים תפילין בראשך ובידיך אם תוכל כדי שתהיה ירא וחרד מפני השכינה אשר היא עמך אז בעת ההיא, ונקה בגדיך ואם תוכל יהיו כלם בגדים לבנים כי כל זה מועיל לכונת היראה והאהבה מאד מאד. ואם יהיה בלילה הדלק נרות הרבה עד שיאירו עיניך יפה יפה, ואח"כ תקח בידיך דיו ועט ולוח וזה יהיה לך לעד שאתה בא לעבוד עבודת ד' אלהיך בשמה ובטוב לבב והחל לצרף אותיות מעטות אם רבות והפכם וגלגלם במהירות עד אשר יחם לבבך בגלגליהם וישיש בתנועתם, ובמה שתוליד מגלולים. ושתרגיש בך שכבר הם לבבך מאוד מאוד בצירופים והבינות מהם ענינים חדשים אשר לא השגתם בקבלה האנושית ולא ידעת מעצמך מתוך העיון השכלי, וכבר אתה מוכן לקבל השפע והשפע נשפע עליך ומעוררך בדברים זה אחר זה, הכן מחשבותיך האמתיות לצייר את השם ית' ואת מלאכיו

---

1 אין אונזער מאַניסקריפּט, ו' 38.

העליונים לציירם בלבבך כאלו הם בני אדם עומדים או יושבים סביבותיך ואתה ביניהם כמו שליח שהמלך ועבדיו רוצים לשלחו והוא מוכן לשמוע מפי מי מהם ישמע דבר השליחות אם מהמלך או מאחד מעבדיו, ואחרי ציירך זה הכן שכלך ולבך להבין ממחשבתך הענינים הרבים אשר יבואו לך מתוך האותיות הנחשבות בלבך או המעשים ועיין בכללם ובחלקיהם כמו איש שמגידים לו משל אחד או חידה אחת או חלום אחד או מעיין בספר חכמה בענין אחר עמוק בהשגתו ופתור הענין אשר תשמע לפתרון המעולה ולקרוב אשר תוכל וכפי מה שתבין ממנו תדין בעצמך וגם באחרים לכל מה שיאמרו לך. וזה כלו יהיה לך אחר שתשליך הלוח מידיך והקולמוס מבין אצבעותיך או אחר שיפלו הם בעצמם מתוך רוב מחשבותיך. ודע כי כל מה שיתחזק אצלך השפע השכלי הנכבד יחלשו אבריך החצונים והפנימיים ויתחיל כל גופך להשתער שערה חזקה עד מאוד עד שתחשוב בעצמך שעל כל פעם תמות בעת ההיא כי תפרד נפשך מגופך מרוב שמחתה בהשגתה ובהכרתה מה שֶׁמַּכֶּרֶת (שמוכרחת?) ותבחר מות מחיים בדעתך כי זה המות קורה לגוף ובסבת זה תחיה הנפש תחית המתים לעולמי עד, אז תדע שהגעת אל מעלת קבלת השפע. ואם תרצה אז לכבד את השם הנכבד ולעבדו באמת בחיי הנפש וגוף הסתר פניך עוד ותיירא מהבט אל אלהים ואל תקרב הלום, של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא. ושוב לעניני הגוף וקום משם לאכול מעט ושתה מעט והריח ריח טוב והשב רוחך לנדנה עד זמן ושמח לבך עם חלקיך. ודע כי אהבת ד׳ אלהיך המלמדך להועיל המלמד אדם דעת. וכשתהיה בקי בענין בחירת חיים זאת ותעשה דבר זה פעמים רבות עד שיעלה הדבר הזה בידיך חזק ואמץ מאוד ותבחר עוד בבחירה אחרת עליונה מזאת תקן עצמך כאשר אמרתי וכוון לבך ונפשך וזכך מחשבותיך השכליות והחל להזכיר בכוונה שלימה ובניגון נחמד ונעים בניקוד האמתי של כל אות ואות.

ביילאַגע נומ׳ 2

(זע זייט 43—45)

וועגן דער אידענטישקייט צווישן באַוווסטזיין און זיין

אינם „זוהר" פאַרנעמט אַ גאַנץ בכּבודיקן אָרט דער גרונטגעדאַנק וועגן פולשטענדיקער ענלעכקייט און גלייכקייט צווישן דעם באַוווסטזיין און דעם זיין. דערביי ווערט געמאַכט דער לאָגישער פּועל־יוצא, אַז דאָס

רעאַלע און אידעאַלע, ד"ה דאָס וואָס ס'איז און וואָס ס'דאַרף זיין, זיינען היינו הך — איינס און דאָס זעלבע, און ס'איז צווישן זיי קיין שום חילוק ניט פאַראַן. דער באַרימטער בעל מקובל משה קורדובירו פאַר־טייטשט דעם דאָזיקן געדאַנק אין זיין „פרדס רמונים" בזה הלשון:

„דעם באַשעפערס וויסן איז גרונטפאַרשיידן פון דעם מענטשנס וויסן, אָדער פון דעם וויסן פון אַנדערע באַשעפענישן, וואָרעם ביי זיי אַלע איז דאָך דאָס וויסן און אויך דאָס דערוווּסטע גאַנץ אָפּגעזונדערט פון דעם וויסנדיקן גופא, ד"ה — עס עקסיסטירט אַ געוויסע מחיצה צווישן דעם וויסן, וויסנדיקן און געוווּסטן, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: צווישן דעם געדאַנק, דענקענדיקן און געדאַכטן. גאַנץ אַנדערש פאַרלויפט דער פּראָצעס פון דענקען ביים באַשעפער: ער איז אין איין און דער זעלבער צייט דאָס וויסן, דער וויסנדיקער און דאָס געוווּסטע צוזאַמען. וואָרעם זיין וויסן באַשטייט דאָך ניט אין דעם, וואָס ער דערפאַרשט אַזוינס, וואָס געפינט זיך אויסער אים — ער פאָרשט און ערקענט בלויז זיך גופא; און זיך דערפאָרשנד, דערקענט ער דערמיט אַלץ, וואָס עקסיסטירט, וואָרעם קיין זאַך עקסיסטירט דאָך ניט אויסער אים, אַלץ געפינט זיך רק אין איב. ער איז דאָס פאָרבילד פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט, אַלץ רוט אין אים אין זיין העכסטער און פולקומענסטער געשטאַלט, און די שלימות פון יעדער עקסיסטענץ באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זי גיסט זיך צונויף מיטן ערשטן קוואַל פון אַלץ וואָס ס'איז, און וואָס מער עס דערווייטערט זיך פון דעם מקור — אַלץ ווייטער ווערט עס פון שלימות".

ניט דער זוהר אָבער האָט דער ערשטער באַקענט מיט דעם דאָזיקן פילאָזאָפישן געדאַנק די העברעיִשע ליטעראַטור. מיר באַגעגענען שוין דעם זעלבן געדאַנק אויסגעדריקט, אמת אין אַ גאַנץ קנאַפּער פאָרם, אין דעם ערשטן זאַץ פון דעם „ספר יצירה", ווו עס ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפן „בספר ספור וספר". לויט יהודה הלוים ערקלערונג האָבן די דאָזיקע ווערטער פאָלגנדן באַטייט: מיט ציילן, ד"ה מיט דענקען, מיטן מינדלעכן וואָרט און מיט דער שריפט. „די געטלעכע שריפט — דער־קלערט הלוי — דאָס איז זיין באַשאַפונג, גאָטס וואָרט — איז זיין שריפט, און גאָטס געדאַנק — זיין וואָרט. דער געדאַנק, דאָס וואָרט און די שריפט זיינען ביי גאָט איינס און דאָס זעלבע, ביי דעם מענטשן אָבער זיינען דאָס דריי גאַנץ פאַרשיידענע זאַכן"[1].

---

1 „כוזרי", VI, סימ' 25: וְסֵפֶר רצה לאמר המכתב, ומכתב אלקים הוא יצירתיו ודבר אלקים הוא מכתבו ושיעור האלקים הוא דברו. הנה שב הסֵפֶר והסִפּוּר והסְפָר בחק האל דבר אחד ובחק האדם שלשה.

הלוים יינגערער בן־דור, אברהם אבן עזרא, זאָגט אויך אַרויס דעם אייגענעם געדאַנק אין זיין פּירוש אויף תורה. די באַקאַנטע ווערטער: ויקרא ד׳ ד׳! ווערן ביי אים באַגלייט מיט פאָלגנדער באַמערקונג: „ואל תתמה בעבור שהשם קורא השם, כי הוא לבדו יודע, ודעת וידוע"[1].

אויך ביים אַריסטאָטעליקער מיימוני געפינען מיר דעם אייגענעם געדאַנק און כמעט אין די זעלבע אויסדרוקן ווי ביים מקובל קורדובירו[2]:

„הקב"ה — זאָגט דער רמב"ם אין זיין „ספר המדע"[3] — ווייסט און באַגרייפט אויפן ריכטיקסטן אופן זיין אמתן מהות. זיין וויסן הייסט אָבער ניט באַגרייפן אַזוינס, וואָס געפינט זיך אויסער אים, ווי דאָס איז דער פאַל ביי אונזער וויסן און וועלט־באַגרייפן, ווייל דאָס, וואָס מיר באַגרייפן, ליגט אויסער אונז; ביים באַשעפער אָבער איז ער, זיין וויסן און זיין „זיין" — די פולשטענדיקע און אַבסאָלוטע איינהייט. וואָרעם ווען מיר זאָלן מאַכן אַ מחיצה צווישן אים, זיין „זיין" און זיין וויסן, וואָלטן מיר דאָך געמוזט קומען צום געדאַנק וועגן פילע געטער, און דער געדאַנק איז דאָך אויסגעשלאָסן. קומען מיר דערפאַר צום אויספיר: הוא היודע והוא הידוע והוא הדיעה עצמה הכל אחד — ער איז דער וויסנדער, ער איז דאָס דערוווסטע און אויך דאָס וויסן — אַלץ צוזאַמען איז די פולשטענדיקע איינהייט. דאָס איז אַזאַ טיפער באַגריף, וואָס דאָס מויל דאַרף אים ניט אַרויסברענגען, די אויערן דאַרפן אים ניט פאַרנעמען און דעם מענטשנס מוח איז ניט אימשטאַנד אים געהעריק משיג צו זיין... ער באַגרייפט דערפאַר די באַשעפענישן, און באַגרייפט זיי אַלס באַשעפענישן ניט ווי מיר טוען זיי באַגרייפן; ער ערקענט זיי דאַדורך, וואָס ער ערקענט זיך גופא, וואָרעם — זיך ערפאַרשנד און ערקענענד ערקענט ער אַלץ, ווייל אַלץ אין דער וועלט שטיצט זיך דאָך אויף זיין מהות" (לפיכך אינו מכיר הברואים וויודעם מחכמת הברואים כמו שאנו יודעין אותם, אלא מחכמת עצמו ידעב לפיכך מפני שהוא יודע עצמו יודע הכל שהכל נסמך לו בהוויתו)[4].

לויט פראַנקס ריכטיקע באַמערקונג[5], האָבן בנוגע צו דעם פונקט הן די מקובלים, הן דער אַריסטאָטעליקער מיימוני געשעפּט פון איין און דעם זעלבן מקור — פון די נעאָפּלאַטאָניקער.

---

1 שמות, פרש׳ כי תשא.

2 דערויף האָט שוין אָנגעוויזן ד. יואל אין זיין „רעליגיאָנספילאָזאָפיע דעס זאָהאַרס", 8—9.

3 ענדע פונם צווייטן קאַפּיטל.

4 מער באַריכות אַנטוויקלט דער רמב"ם דעם דאָזיקן געדאַנק אין „מורה", ח"א, פרק 68.

5 דיע קאַבאַלאַ, 211—212 (מיר ציטירן לויט דער דייטשער איבערזעצונג, 1844).

ביילאגע נומ׳ 3

(ז. זייט 72).

פראגמענט אוים דעם זוהר:

I. ר׳ שמעון בן יוחאים פטירה

א״ר אבא: לא סיים בוצינא קדישא למימר חיים, עד דאשתככו מילוי ואנא כתבנא; סברנא למכתב טפי ולא שמענא ולא זקיפנא רישא׳, דנהורא הוה סגי ולא הוה יכילנא לאסתכלא, אדהכי אזדעזענא, שמענא קלא דקארי ואמר: ארך ימים ושנות חיים וכו׳. שמענא קלא אחרא: חיים שאל ממך וכו׳, כל ההוא לא אפסיק אשא מן ביתה ולא הוה מאן דמטי לגבי דלא יכילו דנהורא ואשא הוה בסוחרניה.

האט געזאגט ר׳ אבא[1]: אז דער „הייליקער געליכט”[2] האט פארענדיקט מיטן ווארט „חיים”, האבן זיך מער קיין ווערטער שוין נים געלאזט הערן, און איך האב נאך אלץ געשריבן. מיר האט געדאכט איך האב נאך לאנג געשריבן זייט דעם די שטים איז אנטשוויגן געווארן. איך האב אלץ דעם קאפ נים אויפגעהויבן, דאס ליכט איז געוועזן אזוי בלענדנד, אז איך האב אויפבליקן נים געקאנט. פלוצלונג בין איך פארציטערט געווארן, איך האב דערהערט א שטים, וואס האט צו מיר גערופן: א לאנגע קייט פון טעג אנטפלעקט זיך פאר דיר, און פילע יארן פון לעבן און גליק!.. און א אנדער שטים האב איך דערהערט: „לעבן האט ער ביי דיר געבעטן און דו באשענקסט אים מיט יארן פון אייביקייט!” און א גאנצן טאג האט דאס פייער ארומגערינגלט דאס הויז, און קיינער האט דעם מוט נים געהאט צום הויז זיך דערנעענטערן. אזוי גרוים איז געוועזן דאס פייער און בלענדנד דאס ליכט וואס ארום דעם הויז.

---

1 ר׳ אבא איז געווען ר׳ שמעון בן יוחאים נעליבטער תלמיד, וואס פלעגט פארשרייבן דעם רבינס תורה.

2 אזוי פלעגן די תלמידים רופן ר׳ שמעון בן יוחאי.

כל ההוא יומא נפילנא על ארעא וגעינא, בתר דאזל אשא המינא לבוצינא קדישא קדש הקדשים דאסתלק מן עלמא אתעטף שכיב על ימיניה ואנפוי חייכין. קם ר' אלעזר בריה ונטול ידוי ונשק לון ואנא לחיכנא עפרא דתחות רגלוי. בעו חברייא למבכי ולא יכילו למללא, שארו בכי חברייא ור' אלעזר בריה נפל תלת זמנין ולא יכל למפתח פומיה, לבתר פתח ואמר: אבא, אבא!.. קם ר' חייא על רגלוי ואמר: עד השתא בוצינא קדישא מסתכל עלן, השתא לאו הוא עדן אלא להשתדלא ביקריה? קם ר' אלעזר ור' אבא נטלו ביה בטירקא דסיקלא מאן חמא ערעורא וערבוביא דחברי' וכל ביתא סליק ריחין, סליקו ליה בפוריה ולא אשתמש ביה ר' אלעזר ור' אבא...

דעם גאנצן טאג בין איך אויף דער ערד געלעגן און געזיפצט. אז דאס פייער האט זיך דערווייטערט, האב איך דערזען, אז דער בוצינא קדישא, דער הייליקער פון אלע הייליקע, האט די דאזיקע וועלט פארלאזן. ער איז געלעגן אויף דער רעכטער זייט און א שמייכל האט געשיינט אויף זיין געזיכט. איז אויפגעשטאנען דער זון זיינער ר' אלעזר, האט דעם פאטערס הענט גענומען און זיי געקושט און איך האב געקושט דעם שטויב, וואס אונטער זיינע פיס. די איבערגעבליבע־נע פריינד האבן אים באוויינען גע־וואלט, קיינער האט אבער קיין ווארט ניט געקאנט ארויסריידן, זיי האבן נאר צולעצט אנגעהויבן גיסן מיט טרערן. אויך זיין זון ר' אלעזר איז דריי מאל צו זיינע פיס געפאלן און קיין איין ווארט ניט געקאנט ארויס־ריידן. צום סוף האבן זיך זיינע ליפן געעפנט און ער האט אויסגעשריען: אבא, אבא! — פאטער, פאטער!..

איז אויפגעשטאנען ר' חייא און האט געזאגט: ביז היינטיקן טאג האט דער „בוצינא קדישא" געזארגט פאר אונז אלע, צי איז איצט ניט געקומען די צייט מיר זאלן זארגן וועגן זיין כבוד וועגן? זיינען אויפגעשטאנען ר' אלעזר און ר' אבא, אים אין תכריכים איינגעוויקלט; אלע האבן אים ארומ־גערינגלט מיט גרוים געוויין און דאס גאנצע הויז איז פול געווארן מיט ווונ־דערשיינע גערוכן. מען האט אים אויף דער מיטה ארויפגעלייגט און בלויז

ר' אלעזר און ר' אבא האָבן זיך דער־ביי מתעסק געווען...

בתר דנפק פורייא הוה סליק באוירא ואשא הוה להיט קמיה, שמעו קלא: עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון... כד עאל למערתא שמעו קלא במעורתא: זה האיש מרעיש הארץ מרגיז ממלכות... דנא רשב"י דמאריה משתבח ביה בכל יומא. זכאה חולקיה לעילא ותתא כמה גניזין עלאין מסתמרן ליה עליה אתמר: ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין.

ווי נאָר די מיטה האָט זיך דערווייטערט, האָט מען אים דערזען הויך אין דער לופטן שוועבן, און אַ פייער האָט געפלאַמט ארום אים. דעמאָלט האָט זיך אַ שטים דערהערט: שטייט אויף, קומט, זאַמלט זיך צונויף אויף דעם גרויסן יום־טוב פון רבי שמעון.. בעת ער האָט זיך צו דער הייל דערנענטערט, האָט זיך פון דאָרט אַ שטים געלאָזט הערן: „אָט דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט מרעיש געווען די גאַנצע וועלט און מאַכט קיניגרייכן ציטערן!..” אָט אַזעלכער איז ר' שמעון בן יוחאי, וואָס גאָט גרויסט זיך מיט אים יעדן טאָג. געליובט איז זיין חלק אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט... אויף אים זיינען געזאָגט געוואָרן די ווערטער: גיי מונטער אַנטקעגן דיין סוף. רו וועסטו געפינען, און אויפשטיין וועסטו דערנאָך בכדי עמפאַנגען דיין שיינעם גורל — לקץ הימין, אויף דער גרענעץ פון די קומענדיקע טעג...

(זוהר, חלק ג', דף 296 לויט מאַנטואַנער אויסגאַבע; חלק ג', דף 502—3 לויט זולצבאַכער אויסגאַבע).

II. ווי גאָט האָט די צען ספירות אויס זיך געטאָן אויסשטראַלן

ואל מי תדמיוני ואשוה יאמר קדוש, לית כל בריה דאשוה כוָתי ואע"ג דבראתי לה כדמות אתוון דילי, דאנא יכול למחא' ההיא צורה ולמעבד לה כמה זמנין ולית אלה אחרא עלי

אין פסוק שטייט: ואל מי תדמיוני ואשוה, צו וועמען קאָנט איר מיך גלייכן איך זאָל צו אים ענלעך זיין, זאָגט דער הייליקער. צווישן אַלע באַשעפענישן, וואָס זיינען טאַקע באַ־

דיכיל לממחי דיוקני ובגין דא: כי לא כצורנו צורם ואויבינו פלילים. ואי יקשה בר נש דהא כתיב כי לא ראיתם כל תמונה? איהו יתרץ ליה: האי תמונה חזינא, דהא כתיב: ותמונת ד׳ יביט, ולא בכל תמונה אחרא דברא ויצר באתווי ובגין דא: ואל מי תדמיוני ואשוה, ואל מי תדמיון אל ומה דמות תערכו לו? דאפילו האי תמונה לית ליה באתריה, אלא כד נחית לאמלכא עלייהו ויתפשט על בריין, יתחזי לון לכל חד כפום מראה וחזיון ודמיון דלהון והאי איהו: וביד נביאים אדמה... אע״ג דאנא אדמה לכו בדיוקנייכו— אל מי תדמיוני ואשוה?

שאפן נאך מיין עפנבילד, איז דאך קיין איינציק ניטא, וואס זאל מיר ענלעך זיין; ווארעם איך קאן צעשטערן די געשטאלט און וועלכער איך האב מיך פאר דער וועלט אנטפלעקט, און באשאפן נייע, עס איז אבער ניט פאראן קיין אנדער גאטהייט איבער מיר, וואס זאל קאנען מיין בילד צעשטערן, ווי עס שטייט געשריבן (דברים 31, 32): כי לא כצורנו צורם, ניט גלייכן קאן זיך אייער גאט צו אונזערן, אפילו די שונאים מוזן דאס אנערקענען. ווען אבער א בר־נש א קשיא פרעגן: עס שטייט דאך אין דער תורה: כי לא ראיתם כל תמונה? דעם דארף מען געבן דעם ענטפער: נאר אין דער געשטאלט זעען מיר גאט, ווי אין דער תורה שטייט: ותמונת ד׳ יביט, נייערט אין קיין שום אנדער געשטאלט, ווי אין פסוק שטייט: ואל מי תדמיוני ואשוה? ואל מי תדמיון אל ומה דמות תערכו לו? צו וועמען קענט איר מיך גלייכן איך זאל זיין ענלעך צו אים? צו וועמען קאנט איר גאט פארגלייכן, און וואס פאר א געשטאלט וועט איר אים אקעגנשטעלן? ווארעם אפילו די געשטאלט איז דאך אים אויך ניט ענלעך. בלויז ווען ער לאזט זיך אראפ צו קיניגן איבער דער וועלט און באווייזן זיין גרויסקייט פאר זיינע באשעפענישן, דערשיינט ער פאר יעדן באזונדער אין דער געשטאלט, אין דעם בילד און אויסזען לויט יענער איז אימשטאנד משיג צו זיין, ווי עס שטייט געשריבן: וביד

נביאים אדמה, לויט דעם נביא איז מיין דערשיינונג... דערפאר טאקע זאָגט גאָט: כאָטש איך ערשיין פאר אייך אין אייערע בילדער — צו וועמען קאָנט איר מיך גלייכן איך זאָל ענלעך זיין?

דהא קודם דברא דיוקנא בעלמא וצייר צורה הוה הוא יחידאי בלא צורה ודמיון ליה ומאן דאשתמודע ליה קודם בריאה דאיהו לבר מדיוקנא, אסור למעבד ליה צורה ודיוקנא בעלמא לא כאות ד׳ ולא כאות י׳ ואפילו בשמא קדישא מפרש ולא בשום אות ונקודה בעלמי והאי איהו: כי לא ראיתם כל תמונה מכל דבר דאית ביה תמונה ודמיון לא ראיתם. אבל בתר דעביד הא דיוקנא דמרכבה דאדם עלאה נחית תמן ואתקרי בההוא דיוקנא יהו׳, בגין דאשתמודעון ליה במדות דיליה * וקרא: אל אלהים, שדי, צבאות.

איידער גאָט האָט אויף דער וועלט א בילד פולבראכט און פאָרמען געשאפן, איז ער געווען גאנץ אליין אָן א געשטאַלט און עבנבילד. ווער־זשע איז אימשטאנד צו באגרייפן זיין מהות פון פאר מעשה בראשית, אז ער איז דאָך דאַן געווען אויסער וועלכער ס׳איז געשטאַלט? עס איז דערפאר פארבאָטן אים אויסצומאָלן אויף וועלכן ס׳איז אופן, ניט מיט קיין בילד, ניט מיט וועלכן ס׳איז ציור, ניט אפילו מיטן שם המפורש, אויך ניט מיט קיין שום אות און פינטעלע, ווי אין פסוק שטייט: כי לא ראיתם כל תמונה, ד״ה איר האָט ניט געזען אזוינס, איר זאָלט עס קאָנען אויסמאָלן אין בילדער און פארצייכענען אין פאָרמען. נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געשאפן דאָס אורבילד פונם הימלישן מענטשן, האָט ער אים באנוצט אלס רייטוואָגן, אויף וועלכן ער האָט זיך פאר דער וועלט באוויזן. אין דער דאָזיקער געשטאַלט ווערט גאָט אָנגערופן מיטן שם הויה. האָט ער געוואָלט מען זאָל אים דערקענען אויך אין אנדערע געשטאַלטן, האָט ער זיך אנטפלעקט

* אין דער זולצבאַכער אויסגאַבע פאָלגן דאָ נאָך די ווערטער: בכל מדה ומדה, זיי האָבן אָבער דאָ קיין זין ניט, און אין די אַנדערע אויסגאַבן פעלן זיי טאַקע.

אהי"ר בגין דאשתמודעין ליה בכל מדה ומדה איך מתנהג עלמא בחסד ובדינא כפום עובדיהון דבני נשא דאי לא יתפשט נהוריה על כל בריין איך ישתמודעון ליה ואיך יתקיים מלא כל הארץ כבודו. ווי ליה מאן דישוה ליה בשום מדה ואפי' מאלין מדות דיליה כ"ש לבני האדם אשר בעפר יסודם דכלים ונפסדים; אלא דמיונא דיליה כפום שלטנות על ההוא מדה ואפילו על כל בריון ולית לעילא מההיא מדה כד אסתלק מינה לית ליה מדה ולא דמיון ולא צורה, אלא באתפשטות דמיא דימא על מאנא דאיהו ארע' אתעביד דמיון.

אלס אל אלהים, אלס שדי און אלס דער גאט פון די הערשאפטן — ד' צבאות.

האט ער געוואלט מען זאל אים לויט זיינע מדות דערקענען. מען זאל באַגרייפן ווי ער פירט די וועלט און רעגירט איבער אלע באַשעפענישן מיט דער מדה פון חסד און מיט דער מדה פון דין לויט זייער פאַרדינסט. וואָרעם וואָלט ער זיין ליכט פאַרשפּרייט איבער אלע באַשעפענישן — ווי וואָלטן זיי אים געקאָנט ערקאָנען און ווי וואָלט מקוים געוואָרן דאָס, וואָס אין פסוק שטייט: מלא כל הארץ כבודו. וויי איז אָבער צו דעם, וואָס וויל גאָט גלייכן צו איינער פון זיינע מידות אָדער אפילו צו אלע מדות צוזאַמען, בפרט נאָך צו אַ פשוטן בן אדם, וואָס וועגן אים שטייט דאָך געשריבן: אשר בעפר יסודם, זיי שטאַמען פון שטויב, און ווי שטויב ווערן זיי צעשטערט און פאַרלוירן. דאָס בילד וואָס מיר באַקומען וועגן אים איז בלויז דער צייכן פון זיין שליטה איבער דער און דער מידה אָדער איבער די באַשעפענישן בכלל. מער ווי עס איז אויסגעדריקט אין זיינער אַ מדה, קאָנען מיר וועגן זיין מהות ניט וויסן, וואָרעם אויסער דעם האָט ער ניט — ניט קיין מידות, ניט קיין בילדער און פאָרמען. זיין אַנטפּלעקונג קאָן מען פאַרגלייכן צום וואַסער פונם ברייטן ים, וואָס באַקומט ערשט דאַן גרענעצן און נעמט אָן באַשטימטע פאָרמען, ווען ער באַרירט זיך מיט דער יבשה.

ויכילנ׳ למעבד חושבן תמן כגון המקור דימא הא חד, נפיק מיניה מעין כפום אתפשטותא דיליה בההוא מאנא בעגולא דאיהי הא מקור חד ומעין דנפיק מניה הא תרין. לבתר עבד מאנא רברבא כגון מאן דחפר חפירא רברבא אתקרי ים, והוא מאנא תליתאה. וההוא מאנא רברבא אתפלג לז׳ נחלין מאנין כפום מאנין אריכין, הכי אתפשט מיא מן ימא לשבעה נחלין והא מקור ומעיין וימא וז׳ נחלין אינון י׳. ואי אתברו אלין מאנין דתקין יהדרון מיא למקור וישתארו מאנין תבירין, יבישין בלא מיא. הכי עלת העלות עביד עשר ספירות וקרא לכתר מקור וביה לית סוף לנביעו דנהורא ובג״ד קרא לגרמיה אין סוף ולית ליה דמות וצורה ותמן לית מאנא למתפס ליה למגדע ביה ידיעה כלל ובג״ד כתיב: במפלא ממך אל תחקור. לבתר עבד מאנא זעירא ודא י׳ ואתמלייא מניה וקרא ליה מעין נובע חכמה, וקרא גרמיה בה חכם ולההוא מאנא קרא ליה חכמה. ולבתר עבד מאנא רברבא וקרא ליה ים וקרא ליה בינה, והוא קרא לגרמיה מבין בה חכם מעצמו ומבין מעצמו כי החכמה איהי לא אתקרי את חכמה מגרמיה אלא בגין ההוא חכם דאמלי ליה מנבועי דיליה, ואיהי לא אתקראת בינה מעצמה אלא בגין ההוא מבין דאמלי ליה מניה דאי הוה מסתלק מניה אשתארת יבשה, הה״ד: אזלו מים מני ים ונהר יחרב ויבש. לבתר והכהו לשבע

מיר קאנען דאס אויסמאלן אויף פאלגנדן אופן: דער קוואל פונם ים מיט זיין געוויסער — איז איינס. פונם קוואל פליסט אויס א אויסגוס, און ער מיטן קוואל צוזאמען באטרעפן שוין צוויי. דערנאך אנטשטייט א וואסער־זאמלער ווי א גרויסע אויסגעגראבענע הייל, און דער וואסערזאמלער, וואס ווערט אנגערופן ים — דאס איז שוין זאלבעדריט. פון דעם אומגעהייערן וואסערזאמלער פליסן אויס זיבן טייכן, וואס פילן אן זיבן גרויסע געפעסן. אלע זיבן טייכן ווערן גע־שפייזט מיטן וואסער פון דעם איינעם ים; דער קוואל, דער אויסגוס, דער ים און די זיבן טייכן באטרעפן צוזאמען צען, און ווען דער באשעפער צעברעכט די זיבן געפעסן, קערט זיך אום דאס וואסער צום קוואל און די געפעסן בלייבן צעבראכן, פארטריקנט אן וואסער. אט אזוי האט דער עלה פון אלע עלות, די סיבה פון אלע סיבות בא־שאפן די צען ספירות. דעם קוואל האט ער א נאמען געגעבן „כתר“, און די קרוין שטראלט ארוים אן אומענדלעך ליכט. זיך גופא האט די סיבה ראשונה א נאמען געגעבן „אין־סוף“, ווייל דא האט זי נאך ניט קיין געשטאלט, ניט קיין פארם און עס איז נאך אוממעג־לעך זי צו פארשטיין און קיין שום מיטל פאראן זי צו באגרייפן. דערפאר זאגט דער בן־סירא: במפלא ממך אל תחקור — גלידער ניט נאך דעם, וואס ס׳איז פאר דיר פארהוילן. דערנאך האט ער באשאפן א קליין געפעס ווי

נחלים לו מאנין יקירין וקרא לון: גדולה, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. וקרא גרמיה גדול בגדולה והסיד גבור בגבורה, מפואר בתפארת, מארי נצחן קריבן בנצח נצחים, ובהוד קרא שמיה הוד יוצרנו וביסוד קרא שמיה צדיק ויסוד בלא סמוך ביה כל מאנין וכל עלמין, ובמלכות קרא שמיה מלך, ולו הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים דאיהו צדיק ולו הממלכה דאיהו מלכות כלא ברשותיה. למחסר במאנין ולאוספא בהון נביע׳ ולמחסר כפום רעותיה ביה...

דער אות י׳; דאָס געפעס איז אָנגע־פילט געוואָרן פון דעם קוואַל, און די סיבה ראשונה האָט עס אַ נאָמען גע־געבן דער קוואַל פון הכמה, זיך גופא האָט זי אָנגערופן חכם. נאָך דעם גע־פעס, וואָס הייסט חכמה, האָט גאָט באַשאַפן אַ געפעס גרויס ווי דער ים און עס אַ נאָמען געגעבן בינה; איז ער געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען „מבין", ד"ה דער גאָט פון בינה. בעת אָבער גאָט איז אי „חכם" אי „מבין" לויט זיין עצם און מהות, האָט די „חכמה" באַקומען איר נאָמען נאָר אַדאַנק דעם, וואָס אויף איר איז משפיע דער קוואַל, און אויך דער ים וואָלט דעם נאָמען „בינה" ניט גע־טראָגן ווען ער זאָל ניט שעפּן יניקה פון דעם זעלבן קוואַל. און זאָל נאָר די סיבה ראשונה זיך אָפּווענדן פון אים — גלייך ווערט ער פאַרטריקנט; טאַקע ווי אין פסוק שטייט (איוב, 14, 2): אזלו מים מני ים ונהר יחרב ויבש — פאַרשווונדן איז דאָס וואַסער פונם ים; פאַרטריקנט און פאַרוויסט איז דער טייך געוואָרן. דערנאָך צע־צווייגט זיך דער ים אויף זיבן טייכן און עס בילדן זיך זיבן טייערע געפעסן און ער האָט זיי נעמען געגעבן: גדולה, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. אויף דעם סמך ווערט ער גע־רופן: דער גאָט פון גדולה, וואָס איז שטאַרק מיט גבורה און באַשיינט מיט תפארת. ער איז דער גאָט פון איי־ביקן נצחון, איינגעהילט אין פּראַכט־מאַנטל פון הוד, ער איז דער יסוד

פון אַלע וועלטן און אַלע עקסיסטענצן. ער איז געקרוינט מיט מלכות און קיניגט איבער דעם גאַנצן וועלטאַל, אים געהערט אי גדולה, אי גבורה, אי תפארת, אי נצח, אי הוד, וואָרעם אים געהערט אַלץ אין די הימלען; אים געהערן אַלע קיניגרייכן, אַלץ איז אין זיין מאַכט. ער קאָן מינדערן די צאָל פון די געפעסן, קאָן פאַרקלענערן און פאַרמערן דעם גלאַנץ פונם אויבערשטראַלטן ליכט — אַלין נאָך זיין באַרוט...

(זוהר, II, ז' 42—43 לוים מאַנטיאַנער אויסגאַבע, ז' 69—70 לוים װילצבאָכער אויסגאַבע).

III. וועגן דעם מענטשנס נשמה.

נשמת' דצדיקי עלאין על כל אינון חילין ומשריין דלעיל. ואיתימ' הא עלאין אינון מהרין סטרין אמאי נחתין להאי עלמ' ואמאי אסתליקו מנייהו? למלכי דאתייליד ליה בר, שדר ליה לכפר למרבי ולגדלא ליה עד דיתרבי לי' ויולפון ליה ארחי דהיכל' דמלכא. שמע מלכא דהא בריה רב ואתרבי. מה עבד ברחימו דבריה? משדר לי למטרוני' אמיה בגיניה ואעיל ליה להיכליה וחדי עמיה כל יומא. כך קב"ה, אוליד בר במטרנית' ומאי איהו נשמת' עלאה קדישא, שדר ליה לכפר להאי עלמא דיתרבי ליה וילפון לה ארחי דהיכל' דמלכא. ביון דידע מלכ' דהא ברי' אתרבי בהאי כפר ועדן הוא למיתי ליה להיכלי, מה עביד ברחימו? משדר למטרוני בגיניה ואעיל ליה להיכליה.

די נשמות פון די צדיקים זיינען העכער פון די אַלע הימלישע מלאכי השרת. וועט מען אָבער פרעגן: אויב זיי זיינען אַזוי גרויס און דערהויבן, צו וואָס דערנידעריקן זיי זיך אין דעם עולם און דערווייטערן זיך פון זייער קוואַל? איז דערויף דאָ אַ משל: ביי אַ מלך איז געבוירן געוואָרן אַ זון, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין דאָרף אַריין, דאָרט אים ערציען ביז ער וועט אויסוואַקסן און מען וועט אים דאַן באַקענען מיט דעם שטייגער לעבן אינם מלכס הויף. האָט דער מלך דערהערט, אַז זיין זון איז שוין אויסגעוואַקסן, וואָס זשע טוט ער אויס ליבע צום זון? ער שיקט רופן די מלכה, די מוטער פון זיין זון, זי ברענגט צו פירן דעם זון אין פּאַלאַץ אַריין און זיי נעען זיך מיט אים משמח דעם גאַנצן טאָג.

דנשמת׳ לא סלקא מהאי עלמ׳ עד דאתת מטרוני בגיניה ואוביל ליה בהיכלי דמלכא ויתיב תמן לעלמין. ועכ״ד אורחא דעלמי דאינון בני כפר בכאן על פרישו דבריה דמלכא, מנייהו חד פקח הוה תמן אמר לון: על מה אתון בכאן? וכי לאו ברי דמלכי הוא? לא אתחזי למידר יתיר בינייכו אלא בהיכלא דאבוה. כך משה דהוה פקח חמא בני כפר דבבאן ע״ד אמר: בנים אתם לי לד׳ אלהיכם, לא תתגודדו! ת״ח אלו הוו ידעין כלהו צדיקיא האי הוו חדאן ההוא יומא דמאטי לון לאסתלקא מהאי עלמא. וכי לאו יקרא עלא׳ הוא דמטרו׳ איהי אתאר בגינייהו ולאובלא לון להיכלא דמלכא למחדי בהן מלכא בל יומא.

אזוי דער הקדוש ברוך הוא, א זון האט ער פון דער קיניגין — דאס איז די הייליקע הימלישע נשמה. שיקט ער זיין זון אויף דערציִונג אין דארף אריין, ד״ה אויף דעם עולם, ער זאל דארט אויסוואקסן און זיך באקענען מיטן שטייגער לעבן אין דעם מלכס פאלאץ. און ווען דער מלך דערוויסט זיך, אז זיין זון איז אויסגעוואקסן און ער איז שוין ראוי מען זאל אים אריינפירן אין פאלאץ אריין — וואס זשע טוט ער אוים ליבע צום זון? שיקט ער נאך אים די קיניגין און זי ברענגט אים אין פאלאץ אריין. וואר־רעם די נשמה פארלאזט קיין מאל ניט די ערדישע וועלט אן דער באגלייטונג פון דער קיניגין, און יענע פירט זי אריין אין דעם קיניגס היכל און דארט בלייבט זי אויף אייביקע צייטן. און דאך די מענטשן, וואס זיינען נייערט ניט מיין ווי דארפס־לייט, טוען זיי וויינען און קלאגן בעת דער בן־מלך טוט זיי פארלאזן. איז אבער צווישן זיי איינער א חכם געווען, האט ער צו זיי געזאגט: „וואס באוויינט איר אים? צי איז ער דען ניט דעם מלכס זון? פאסט ניט פאר אים ער זאל וויי־טער צווישן אייך בלייבן — זיין פלאץ איז אין זיין פאטערס פאלאץ". אזוי האט אויך משה רבנו , וואס איז א גרויסער חכם געווען, געזאגט צו די בני כפר (ד״ה צו די קינדער פון דער ערד), וואס האבן די טויטע באוויינט: קינדער זייט איר ביי גאט דעם אלמעכ־טיקן — לא תתגודדו, זאלט איר אויף

אייער קערפּער קיין טרויער־צייכן ניט מאַכן צוליב דעם געשטאָרבענעם. וואָלטן ווענן דעם געוווּסט אַלע צדיקים, — מיט וואָס פאַר אַ פרייד וואָלטן זיי דעם טאָג באַגעגנט, ווען זיי דאַרפן זיך מיט דער וועלט צעשיידן. צי איז דען ניט דער גרעסטער כּבוד, אַז די מטרוניתא אַליין לאָזט זיך אַראָפּ אייך צוליב, פירט אייך אריין אין דעם מלכּס פּאַלאַץ, וווּ דער מלך גופא פרייט זיך מיט אייך טאָג־טעגלעך...

(זוהר, I, 245, לויט מאַנטואַנער אויסגאַבע, ו' 518 לויט זולצבאַכער אויסגאַבע).

IV וועגן פּשט און רמז.

כמה בני עלמא בערבוביא בסכלתנו דלהון ולא חמאן בארח קשוט באוריתא ואוריתא קרי בכל יומא בנהימו לגבייהו דבני נשא ולא בעאן לאתבא רישא. ואף על גב דאמינא דהא אוריתא מלה נפקא מנרתקא ואתחזיאת זעיר ומיד אתטמרת הכי הוא ודאי. ובזמנא דאתגליא מגו נרתקיה ואתטמרת מיד לא עבדת דא אלא לאינון דידעין בה ואשמודעאן בה. לרחימתא דאיהי שפירתא בחיזו ושפירתא בריוא ואיהי טמירתא בטמירו גו היכלא דילה ואית לה רחימא יחידאה דלא ידעין ביה בני נשא אלא איהו בטמירו ההוא רחימא מגו רחמו דרחים ליה עבר לתרע ביתה תדיר זקיף עיוני לכל סטר איהי ידעת דהא רחימא אסחר תרע ביתה תדיר, מה עבדת? פתחת פתחא זעירא בההוא היכלא טמירתא דאיהי תמן וגליאת אנפהא

דער זוהר איז איבערצייגט, אַז יעדעם וואָרט פונם ביבל־טעקסט האָט אויסער דעם איינפאַכן פּשט נאָך אַ טיפן, פאַרבאָרגענעם מיין, און אונטער דעם אייבערשטן לבוש איז באַהאַלטן די „נשמה פון דער נשמה". דער דאָזיקער געדאַנק ווערט אינם זוהר אויסגעדריקט אין אַ איינגאַרטיקן משל: די לערע פון דער תורה איז ווי אַ בלענדנדע שיינהייט, וואָס איז אין די פאַרבאָרגענע צימערן פון אַ פּאַלאַץ באַהאַלטן. גייט פאַרביי איר געליבטער און פריינד, עפנט זי אויף אַ רגע אַ פאָרבאָרגן פענסטער, באַווייזט זיך פאַר אים און ווערט ווידער אויף אַ צייט פאַרשוווּנדן. אַנדערע מענטשן אָבער ווייסן גאָר ניט וועגן דער, וואָס איז אין פּאַלאַץ באַהאַלטן. אָט אַזוי איז אויך די תורה: בלויז פאַר אויסדערוויילטע אַנטפּלעקט זי איר שיינקייט, בלויז פאַר

דלנ גביה רחימאה ומיד אתהדרת ואתכסיאת. כל אינון דהוו לגבי רחימהא לא חמו ולא אסתכלו בר רחימא בלחודוי ומעוי ולביה ונפשיה אזלו אבתרה וידע דמגו רחימו דרחימת ליה אתגליאת לגביה רגעא חדא לאתערא לגביה רחימו, הכי הוא מלה דאוריתא: לא אתגליאת אלא לגבי רחימהא ידעת אוריתא דהוא חכימא דלבא סחרא לתרע ביתה כל יומא מה עבדת? גליאת אנפהא לגביה ההוא חכימא דליבא מגו היכלא וארמיזת ליה רמיזא ומיד אהדרת לאתרה ואתטמרא כל אינון דתמן לא ידעי ולא מסתכלי אלא איהו בלחודויא ומיעוי ולביה ונפשיה אזיל אבתרה ועל דא אוריתא אתגליאת ואתכסיאת ואזלת ברחימו לגבי רחימהא לאתערא בהדיה רחימו (ת"ח) אורחהא לחיוריתא כך הוא בקדמיתא כד שריא לאתגלאה באתגלייא לגבי בר נש ברגעא ארמיזת ליה ברמיזו אי ידע שב ואי לא ידע שדרת לגביה וקרא לית פתי (אמרת אוריתא לההוא דשדרת לגביה) אמרו לההוא פתי דיקרב הכי ואשתעי בהדיה הה"ד: מי פתי יסור הנה חסר לב קריאת לגביה שריאת לממללא עמיה מבתר פרוכתא דפרסא מלין לפום ארחוי עד דיסתכל זעיר זעיר ודא הוא ד ר ש א. לבתר תשתעי בהדיה מבתר שושיפא דקיק מלין דחידה ודא איהו ה ג ד ה לבתר דאיהו רגיל לגבה אתגליאת לגביה אנפין באנפי ימלילת בהדיה כל רזין סתימין

די, וואס זיינען איר מיטן גאנצן הארצן איבערגעגעבן; און אפילו פאר זיי אנטפלעקט זי זיך ניט אין גלייכער מאס. אין דער התחלה גיט זי דעם פארבייגייענדיקן בלויז א צייכן מיט דער האנט; איז נאך א פראגע, צי וועט יענער דעם צייכן פארשטיין? אט דאס הייסט „רמז“. דערנאך דערנענטערט זי זיך צו אים, רוימט אים אייניקע ווערטער איין, אבער איר געזיכט בלייבט נאך אלץ באהאלטן אונטער דעם געדיכטן שלייער, און זיין אויג קאן דורך אים ניט דורכדרינגען. דאס ווערט גערופן „דרוש“. דערנאך פירט זי שוין א שמועס מיט אים און איבער איר געזיכט הענגט בלויז א לייכט נעץ־געוועב. דאס איז די פאעטיש־סודותדיקע שפראך פון דער הגדה. ערשט נאכדעם ווי ער ווערט ביסלעכווייז געוויינט ווי זיך צו האלטן קעגן איר, אנטפלעקט זי פאר אים איר געזיכט און אויפגעדעקט ווע־ט פאר אים דער לאנג פארהוילענער סוד. ווער ס'איז אויף אזוי וויט אריינגעדרונגען אין די טיפעניש פון דער תורה, דעם איז קלאר און פארשטענדלעך, אז די טיפסטע סודות זיינען באהאלטן טאקע אינם איינפאכן פשט פון די ווערטער און זיינען איינס צום אנדערן הארמאניש צוגעפאסט, און צו דעם פשוטן פשט פונם ווארט קאן מען אויף קיין אייניציקן אות ניט מוסיף זיין און אויך מיט גארניט מינדערן.

דילה מכל אורחין סתימין דהוו
בלבתא טמירין מיומין קדמאין כדין
איהו גבר שלים בעל תורה ודאי
מאריה דביתא דהא כל רזין דילה
גליאת ליה ולא רחיקה ולא כסיאת
מניה כלום אמרה ליה חמירו (?)
מלה דרמיזא דקא רמיזנא לך
בקדמיתא כך וכך רזין הוו כך וכך
הוא כדין חמי דעילאן דעל אינון
מלין לאו לאוספא ולאו למגרע מניהו
וכדין פשטיה דקרא כמה דאיהי
דלאו לאוספא ולא למגרע אפילו
אות חד.

(זוהר, II, זולצבאַכער אויסגאַבע, 162—163).

ביילאַגע נומ׳ 4

(זע זייט 84).

לוי בן אברהם „בתי הנפש והלחשים“.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון פירקאָוויטשעס מאַנוסקריפּטן־קאָלעקציע אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק געפינט זיך (אונטער נומ׳ 464) אַ זייער זעלטענער כתב־יד אויף פּאַרמעט־פּאַפּיר, 200 בל. אין קוו.

דער מאַנוסקריפּט פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: אמר לוי בר אברהם בר ראובן זצ״ל. נאָך דער הקדמה און תוכן הענינים פאָלגט די איבערשריפט. ספר בתי חנפש והלחשים, עזרי מעם ד׳ עשה שמים וארץ.

דער ערשטער קאַפּיטל פאַנגט זיך אָן מיט פאָלגנדיקן אַקראָסטיך (אני לוי בר אברהם בן חיים צבי):

אָרה[1] מורי ובינה את דבָרי — ובטח תשכנה בכלות שְׁאֵרים
נְצור תורה, קנה מוסר תחלה — ותענוד מזהב שכלך נְזָרים
יְרא האל אהוב לשמו ותָרוץ — כמגדַל עוז ועופֶל הנצורים
לְכָה וחַזה ידידי בנעימים — אֲמיתות בִין ראה הדרת מאורים
וְעם כל שיר זמירי בא בשיתול — הֲבִי כזב ושוא זמרת זמירים
יְדיד מוסר תְנָה מִכְּמַן ואוצר — ושים שם טוב כמו לֶשֶׁם ותורים

[1] לשין צווי פונם וואָרט אָרה — קלייבן, זאַמלען.

בכל קנין קנה חכמה ובינה — הכי טוב סחרה מכל סחרים
רדה יערת דבש חברת חכמים — ואל תבחר בלצים או מהירים
אמת טוב להיות בזנב אריות — ואל שועל וראש שבחברים
בני יתש שתיקתם למופת — וקול סכל בקול סירים באורים
רעה גן בין בבחרותך ויוחס — כהחצב בעט ברזל בצורים
הכי נמשל כתו על חול בזקנה — ואך נאה ומה חפץ בצורים
מקור דרי תבונה לנבונים — ואל תשליך פנינים לחזירים
באור שכל מאור נפש וזיוה — כתת נפש בכחה אור בשרים
נעים שכל ואורו באמונה — שתיליה נטע בלב כמסמרים
חיים תמצא במצאך בין וחכמה — ובה כל מעשה האל סדורים
צבי הכל בחכמתו וישרו — ובה היו עליותיו מקורים
בכל דרך דעה צורך וזכרו — נצור חקיו ומשפטיו ישרים
יעדנו היות אליו סגולה — שברנו כרועה העדרים

צום סוף פונם ערשטן קאפיטל קלאגט זיך דער פראפעסאר אויף זיין ביטער מזל. מיר ברענגען דא די דאזיקע סטראפן בשלמות:

אני מעיר אלי חכם ומזכיר — והדריך אל דרכים נהדרים
כפי מסת לשוני הקצרה — ורוב צוקי זמני בו מתחרים
אשר מאז דלקוני נדודיו — והם אורבים יחידתי וחודרים
דרבי סורבי היו צניני — וכסאותי לארץ שם מגירים
והריק אחרי חרב להריק — והמיל את שמי נדר נדרים
והפאני והרחיק את נדודי — ובמגורי מגורי שת מגורים
ויטעים לי מרורת ראש פתניו — ויתנכר צניף הודי לנכרים
חשבוני מיודעי לנכרי — ובגדו בי וגם קשרו קשרים
ותחתתים אהי מוצא ופנים — זעומים גם כאבי נעכרים.
בלעני כתנין כתרני — ולא הונח בחדלי מצערים
בצלמו החשיך צלמי, והקדיר — מאור תארי ושחרו משחרים
זמן חרמי יגורני בחרמו — ולא אמצא דרור לי בדרורים
ותמרודי בתמרוד החליף לי — והמיר לי בפר רומי נמרים
מנעני בעת אגע בטרפי — יעור את מעילי ההדורים
ולא מצאו יגיעי כל צרכי — ואם אצדיק דברי במשורים
וירשיע בעת אחשוב להשקיט — וממתקים אהי טועם מרורים
ותמיד יהגה כי עת לענות [1] — וישקני ברי מי ראש מארים.

[1] אין דעם זין פון פייניקן.

תלאותי ישנות אין ספורות — ועול ימים אני שני צעירים
כאלו שבתאי מושל בביתי — ונולדתי בעתים שעורים
ואין מחזיק עלי ידי ועוזר — בכל שרי רקיעים המאירים
אבל בי ממסלותם כלוחמים — וחשכו לי בני כוכבי שחרים
עדי בזתי ונואשתי לטובו — ונחמתי לעפר ואפרים
ברעתי כי זמן לא לי ולי די — בשרי הוא חנית לי גם סגורים
אחל קוני ישבני לביתי — בתוך אחים ערבים גם יקרים.

ביילאגע נומ׳ 5

(זע קאפיטל 6)

יצחק אלבאלאג און זיין ווערק.

מיר האבן זיך באנוצט מיט דעם כתב־יד פון אלבאלאגס ווערק, וואס ס׳האט זיך פריער געפונען אין דער ביבליאטעק פונם יידישן געלערנטן צבי קאצענעלבויגן אין ווילנע (זע די קארעספאנדענץ אוים ווילנע אין „ליטעראטורבלאט״, 1845, נומ׳ 14); איצט געפינט זיך דער מאנוס־קריפט אין לענינגראדער אזיאטישן מוזיי (פרידלאנדס קאלעקציע). די דאזיקע קארעספאנדענץ אין „ליטעראטורבלאט״ האט געבראכט י.ה. שור צום טעות, אז אין דעם באטרעפנדיקן מאנוסקריפט פעלט אלבאלאגס הקדמה (זע „החלוץ״, VII, 169). אין דעם כתב־יד געפינען זיך אין אל־באלאגס איבערזעצונגביידע ערשטע טיילן פון אלגאזאלים ווערק (וועגן לאגיק און וועגן מעטאפיזיק) און בלויז די התחלה פונם דריטן טייל (וועגן פיזיק), ווייל אלבאלאג האט די איבערזעצונג ניט פארענדיקט. אין דעם כתב־יד, וואס באשטייט אוים 112 בלעטער, פארנעמט דער ניט־פארענ־דיקטער דריטער טייל בלויז 21 בלעטער און פארענדיקט זיך מיט דעם זאץ: „ומעלות המלאכים והנביאים והחכמים מתחלפות במדרגות הקירבה חליפים ולא יסופר מרוב״. ניט קוקנדיק דערויף, וואס דאס ווערק איז ניט פארענדיקט און רייסט זיך איבער אין דער מיט, געפינען זיך דאך צום סוף פונם כ״י פאלגנדיקע שלום־שורות:

הנה זה מה שכוונו לספר מחכמתם הגיוניות, אלהיות, טבעיות בלי שנסתפק להבדיל בהם בין האמת והשקר ולא בין השמן והרזה. ונתהיל אח״ז הספור בספר הכחשת הפילוסופים כדי שיתבאר בו מה שהוא בטל מכל זה הכלל, והאלהים ידריכנו בדרך אמת למען חסדו אין צור מבלעדו. אמן.

ניט ריכטיק איז אויך שורס מעלדונג, אז אלבאלאג האט איבער־זעצט און פארזארגט מיט א פירוש אלגאזאלים א צווייט ווערק „תועלת ההגיון". אלגאזאלי האט בכלל ניט געשריבן קיין ספעציעל ווערק אונ־טער דעם דאזיקן נאמען, און שורס טעות נעמט זיך דערפון, וואס דעם ערשטן טייל פון „כונות הפילוסופים", ווו עס ווערט באהאנדלט די לאגיק, האט אלגאזאלי פארויסגעשיקט א ספעציעלע פאררעדע, אין וועלכער דער פארפאסער ווייזט אן אויף דער גרויסער וויכטיקייט פון דער דא־זיקער חכמה. דערפאר טאקע טראגט אין פילע מאנוסקריפטן דער ערשטער טייל פון „כונות הפילוסופים" א באזונדערן נאמען „תועלת ההגיון".
אין אזיאטישן מוזיי געפינט זיך אזא מאנוסקריפט מיט פאלגנדן שער:

כספר תועלת ההגיון וגם כוונת הפילוסופים מאבוחמד אל גאזלה ערבי עם פירוש.

נכתב באמשטרדאם בשנת עֲטרת תִּפארת הֲגִיוֹנְךָ לפ״ק (תקס״ב).

אין דעם מאנוסקריפט געפינט זיך דער ערשטער טייל פון אלגאזאלים „כונות הפילוסופים" און דער אנפאנג פונם צווייטן טייל. צום שלוס פאלגט דעם אפשרייבערס דערקלערונג: „עד כאן מצאתי בקונטרס ספר אבוחמד". צום טעקסט איז צוגעגעבן א פירוש און אויך פילע צייכע־נונגען. הן די איבערזעצונג הן דער פירוש געהערן א אנדערן, ניט אל־באלאגן.

מיר ברענגען דא דעם ווערטלעכן טעקסט פון אייניקע כאראקטע־ריסטישע שטעלן אוים אלבאלאגס ווערק:

I. אוים אלבאלאגס פארעדע:

א) אמר יצחק אלבלג...* וחכמי המחקר אמרו: האדם מדיני בטבעו** ולפי שברבות האנשים ירבו הדעות וחברת הרבים לו תושלם ב"א בהתאחדם על דעת אחת ומשפט אחד, הערימה החכמה העליונה לשפוך מרוחה על רוח תמים הדור*** ולעורר לבו להיות להם מורה צדק וללמדם חקים ומשפטים ישתתפו בהם כלם בדרך אחד ילכו בו על סדר נכון והסכמה משותפת, פן יחלק לבם ויאשמו בהיות עזר כל אדם כנגדי כמו שדרשו: זכה — עזר, לא זכה — כנגדו, ונמצא מונע לחפץ המחייב התמדת מציאות המין לנצח וזאת היתה**** סבת מציאות התורה וטעם

---

* אין פראנקפורטער מאנוסקריפט שטייט: בן אלבלג.

** אין שורס מאנוסקריפט: בטבע.

*** אין פראנקפורטער מאנוסקריפט: תמים דעות הדור.

**** אין דעם פראנקפורטער און אויך אין שורס מאנוסקריפט פעלט דאס װארט.

היות העולם עומד עליה ועל השלום. ומכאן אתה למד שאין המין הנחפץ בלבד צריך בקיומו לסדר התורני אלא אפילו החפץ האלהי הנוזר קיומו צריך בקיומו אליו, וכשם שהפועל הטבעי נשלם ומתקיים בפעל האומני, כך פועל הסדר העליון הנשלם נשלם ומתקים בפעל הסדר השפל...

ב) נתחייבו מזה ארבע אמונות אמתיות שכל התורות משתתפות בהן ובנויות עליהן והן יסודתן והפילוסופיא ג"כ מודה בהן ומשתדלת בקיומן, אלא שהתורה מלמדת אותן למוד המוני, ר"ל דרך ספור והפילוסופיא למוד מופתי ראוי ליהידים, והן: מציאות שכר ועונש, והשאר הנפשות * אחר המות לקבלם, ומציאות אדון משכיר ומעניש שהוא האלוה, ומציאות ההשגחה בדרכי האדם לתת לאיש ואיש כדרכיו. אלו הן האמונות המושתתפות לכל התורות והפילוסופיא **, אשר אי אפשר להמצא התכלית המכוון במציאות התורות זולתן, וענפי כל התורות משתרגים מן העקרים האלה. ולפי שרוב *** התלמודים ורבים מעמי הארץ מתיהדים חושבים כי הפילוסופים הורסים יסודות התורות**** ועקרי***** האמונה כל שכן האמונות האלו ארבעתן, עד שירחיקו ספריהם ויחפיאו עליהם דברים אשר לא כן, מלאני לבי להעתק הספר הזה הנקרא דעות הפילוסופים מלשון הערב ללה"ק אולי יקרה לפני אחד מחושדי הפילוסופים וישיב מחשוד כשרים וידע כי אמונת התורה והפילוסופיא אחד ואין בו שום הפרש כי אם אחת שאי אפשר זולתה והיא כי תכלית כונת התורה היא הצלחת ההמון והרחקתם מן הרע וללמדם מן האמת מה שדעתם יכולה לסבול כי לחוסר ****** דעתם וקוצר השגתם אין בהם כח לעמוד על אמיתת המושכלות ולצירם על מה שהם, כי אם בתארים גשמיים אשר הרגילו להרגיש, עד שא"א להם לצייר שום מצוי כי אם במקום וזמן ולא שום זמן כי אם בעל תחלה וסוף, כי כשם שא"א לסומא לצייר מהות הגון ולא לחרש מהות הקול מפני חסרון הכלים, כך אי אפשר להם לצייר המושכלות מפני חסרון הכל, והוא השכל, ולפיכך הערימה התורה לשכך את אזנם ולהניח דעתם במה שאפשר להם לשמוע והמשילה להם העונש באש ותענוג הנפש בתענוג הגשמי ותארי

---

* אין שורס מאַנוסקריפּט: הנפש.

** אין פראַנקפורטער מאַנוסקריפּט: ולפילוסופים.

*** אין שורס מאַנוסקריפּט פעלט דאָס דאָזיקע וואָרט.

**** אין שורס מאַנוסקריפּט: התורה.

***** דאָרטן: ועוקרים.

****** דאָרטן: לקוצר.

האלהי מתארי דגוף והשגחתו בהשגחת בני אדם ודעתו כדעתם * ועל הדרך הזה המשילה להם הויות העולם בהויות חלקיו וחידושו כחידושיו. אבל הפילוסופיא שאין מגמתה למוד ההמון ולא הצלחתם אלא הצלחת השלמים התלויה בידיעת כל המציאות על אמתתו - וכל דבר על בוריו, הביאה מופתים על אמיתת אמונות התורה אבל לא על דרך אשר ההמון מבינים, אלא בדרכים זרים מדעתם ודברים רחוקים מהשגתם.

II. וועגן דרייאייניקייט (דף ס"ג—ס"ה).

אמר המעתיק: הנה באר א"ת (אבו חמד) כי האלוה הוא היודע והידוע והעדעה וכי הכל עצם אחד אע"פ שהם שלשה מצד חלוף התבוננות. ושמא מכאן נתפשטה אמונת המון גוים בשלוש החמר לאחד כששמעו אותו מן החכמים שבהם, והם לא הבינו ממנו אלא מה שבכח ההמון להבין מן הענינים האלה ואין ספק כי האמונה הזאת טובה ואמתית בעצמה ואינה דעה כי אם בערך אל ההמון אשר יכשלו בה מכשל שאין לה תקומה ויצאו ממנה אל מה שיצאה האמונה הנפסדת. ולא להם בלבד אירע זה רק בכל אומה ואומה יקרה כזה לחכמים עם ההמון באמרם דבר אמתי מצד חכמתם והם יבינו אותו על דרך אחר ויצאו ממנו לשבוש באמונתם. וזה בעונתינו היה רב מאוד באומתנו ולפיכך ראו רבותינו להעלים האמת בקצת הדעות במשלים וחדות המוניות ולשתוק מקצתן עד שלא דברו מהם כלל...

III. אויס אַלבּאַלאַגס „מאמר בראשית" (דף מ"ג-מ"ה).

א) וועגן קדמות העולם:

ויהיה חדוש חלקי העולם אשר היותם והפסדם נמשך אחר חדוש חלקי התנועה נצחי ויתחייב שיהיה העולם מתחדש תמיד בחלקיו וקיום בכללו. ואין ספק שכשם שהפועל הנצחי אשר לא סר תמיד מהיותו פועל לא ירפה מפעולתו כהרף עין יותר ראוי להקרא פועל מן הפועל זמן קצוב, כך המחדש הנצחי אשר לא סר תמיד מהיותו מחדש יותר ראוי להקרא מחדש מאשר חָבַשׁ זמן קצוב כמו שההמון חושב במחדש העולם. וכשם שהמתפעל אשר הוא מתפעל יותר ראוי להקרא פעול מזולתו כך המתחדש תמיד שאין לחדושו התחלה וסוף יותר ראוי להקרא מחודש מן המתחדש פעם ושוקט פעם שאם כן שם המחודש השלם והפעול השלם אינו נופל אלא על העולם לבדו ושם המחדש השלם והפועל השלם אינו נופל אלא על הבורא לבדו לפי שהוא המחדש והמתחדש תמיד המיוחדים

---

* אין שורס מאַנוסקריפּט פעלן די לעצטע צוויי ווערטער.

אשר הידושם אינו תלוי בזמן ידוע ולא צריך לתנאי כי אם מציאות המהדש בה"ד הפילוסופים בחדוש העולם וענין קדמותו אצלם אינו אלא חדוש נצחי ואפיסת היותו בלתי מתחדש בשום עת. ואפשר שלזה אמרו בתפלת שחר באמרם: בטובו מחדש בכל יום תמיד מעשי בראשית, ר"ל שהבורא ית' מחדש המציאות בכל יום ויום ושהחדוש הזה הוא תמיד, ר"ל אחד מאין תחלה וסוף.

ב) וועגן ביבל־דערקלערונג:

זהו מה שהבאתי * בשמות ובענינים האלו מכח מה שנתבאר לי מן המופת, אע"פ שיש בהם מבעלי הנסתרות אשר בארצנו סברות אחרות שונות שהכתוב סוב את כולן. ואין על האמת מהן ראיה מוחלטת ולפי כך אין למבקש האמת לבאר מציאותו ממה שיבין מן הכתוב עצמו מאין קדימתו מופת אבל יש לו ללמדו מן המופת תחלה ולבקש לו אסמכתא מן הכתוב אח"כ וכן דרכי בכל מה שאני סומך לתורה ולתלמוד מן הדעות העיונית כי אני מעיין הכתוב ואם אמצאהו סובל הענין המופתי אפרש אותו על הדרך ההוא ואם אינו סובל בלום מן הענינים המבוארים במופת לא אפריש בו כלום רק אומר שאיני מבין אותו ושכונתו נעלמת ממני... משא"כ דרך בעלי הנסתר אשר בארצנו: דרכם לחפש ולעיין בכתובים ומה שיראה להם ויעלה במחשבתם שרוב הכתובים נוטים לזה ומעידין לו אע"פ שלא ידעו מדרך אחר לא מקובל ולא מופתי שהענין ההוא אמת בעצמו, יקחו אותו לאמונה וימסחו אותו בסתר לדומים להם מן המאמינים לכל דבר ויאמרו להם כי היא האמת המקובל איש מפי איש פה אל פה אל אברהם אע"ה או כונת הנביא אשר הבינוהו מרעתם, וז"ר מחשבי קיצין וגימטריאות וזה דרכם כסל למו ולפיכך יצאו מהם למה שיצאו מן הדעות נפסדות אשר אין להם שורש ולא ענף. ואם אתה מן החפצים בידיעת האמת עשה אזנך כאפרכסת לכל הדעות ובחר לך מכלם מה שנתבאר במופת או נתבאר אצלך שהדרך ההוא מקובל מן הנביא איש באות ולא אירע בו שינוי לא בענין ולא בלשון, ואל תאמן בפרוש הכתוב אלא מה שנתבאר לך באחד מב' הדרכים האלה. ואם אינך ממי שזכה למעלה הזאת טוב שתאחוז בפשט הכתוב ולהאמין הנגלה ממנו אמונה מוחלטת מאין שאלת טעם מהאמין בו סברה זרה, שאין מן החכמה ולא מן הנבואה, כי בהיותך מכת הנסתר אשר בארצנו לא תהיה מבעלי החכמה ולא מבעלי אמונה.

---

* אין שורש מאַנוסקריפּט: שהבינותי.

ג) וועגן דער עקסיסטענץ פון אומענדלעכע וועלטן:

ולדעת חכמי הזדו ר"ל מדעתם זה חדוש העולם וביאורו, כי הכמי הכבבים שבהם מצאו מקום גובה השמש שהוא היום בצד צפון מתנועע תנועה כבדה עד שלסוף שבעים אלף שנה יהיה גובה השמש במקום שהוא היום שיפלו לצד דרום. יכל אשר יתרחק השמש מצד צפון יתקדר אותו הצד ויתלחלח ויגבר בו יסוד המים ויתחמם ויבש הצד הדרומי אשר כנגדו עד אשר לסוף ע' אלף שנה יקוו המים אשר הם היום בצד דרום אל המקום הצפוני ויהיו הימים בצפון, יתראה היבשה בצד דרום שהוא היום מקוה המים שקרוי: ימים. וישוב שם הישוב ויהיה הישוב ההוא לפ"ד עולם חדש, ועל הדרך הזה יתחדש תמיד עולם אחר אחר חורבן עולם לסוף כל ע' אלף שנה. ואולי שלענין זה כון החכם באמרו שקודם העוה"ז היה הקב"ה בונה עולמות ומחריבן ר"ל שקודם זה הישוב הצפוני שהתחיל מהיום ה' אלפים וצ"ד* שנה למנינו היה הב"ה מחדש ישובין זאח"ז פעם בצפון ופעם בדרום.

ד) אלהאלאג קענן מיימונים שטאנדפונקט בנוגע צום פראבלעם וועגן קדמות העולם (דף נ"ד).

ומי יתן ידעתי למה לא גלה הרב המורה לנו בענין הזה והוא כמדבר בערמה פעם רומז ומעיד על היות אמונתו זאת ובונה ראיותיו עליה כמ"ש בספר המדע כשרצה לבאור שאין לכח הבורא תכלית באר אותו מתנועת הגלגל שהיא תמידית נצחית, הוא שאמר: אלוה זה אין לכחו קץ ותכלית שהרי הגלגל סובב תמיד. ופעם משיב על הפילוסופים בטענות עיניות מזויפות ומשתדל לסתור דעתם מדרך ההקש ואומר שחידוש העולם אחד מעיקרי התורה א"א להכחישו. ואני משיב לו בשם הפילוסופים, כי בדברו כן הוא אבל החידוש השלם לא זולתו; ואין ספק אצל הפילוסופים כי החידוש שהתחיל מזמן קצוב — גרוע, ואשר אין לו תחלה וסוף — שלם. ולפיכך היה אצלם החידוש אשר ההמון מבינים — כפירה בחק התורה וחסרון בחק הבורא ונמנע בחק הטבע. ובכלל אומר לך בטענות הפילוסופים: כי כל מחודש שמחדשו מחודש — חדושו מחודש ויש לו תחלה, ואם אין מחדשו מחודש ולא צריך בחידוש ולדבר מחודש חדוש נצחי. והאמת אצלי שאפילו הגרוע אצל הפילוסופים אי אפשר לו להכחישו מצד האמונה אבל אפשר להכחישו מצד העיון. ואולי הרב להיותו נאמן רוח מכסה דבר לא ראה לגלות מה שהעלימה התורה מן ההמון, ומן הדין היה לי לעשות כמוהו, אבל יש לי שלשה טעמים שלא

---

* ביי שורן: נ"ב.

היו לו: הא׳ שהוא רוצה לקיים פשטי התורה ולבטל דעת הפילוסופים מן העיון מה שלא יתכן בשום פנים, ואני מודה לפשט התורה על דרך אמונה פשוטה, מבלי ראיה, ומודה לפילוסופיה מדרך הטבע והעיון האנושי; והטעם הב׳, כי הספר הזה אינו תורני כספרו כדי שיקראו אותו ההמון ואם בא אחד מהם לקראו ולא הבין מתחלתו עד כאן, מיד יקוץ וימאסהו ויניחהו ולא יגיע למקום הזה. ואם הבין כל מה שנזכור קודם זה נמצא מסתלק ממעלות המון למעלת הראויים לדבר עמהם בדברים אלו, ואז ידע כי איני מודה לדעת הפילוסופים אלא על שם שאין המחקר העיוני מניח אותי להכחישו, ולפיכך אני מודה דרך ידיעה אנושית לא על דרך אמונה. והטעם הג׳, כי בזמן הרב היתה הסברא הזאת ר״ל קדמות העולם זרה מאוד אצל ההמון עד שהיו מדמין שכל המודה בקדמות העולם ככופר בכל התורה, והיום נתפרסמה השאלה הזאת אצלם ונתפרסמה ביניהם עד אשר אין טבע רובם בורח מלקבל אמונת הקדמות אשר היה מאמין אפיקורס* והיא: שהעולם קדמון בעצמו מבלי עלה ויחשבו כי הוא הקדמות אשר יש לפילוסופים מופת עליו חלילה להם ונמצאו כופרים בתורה ובפילוסופיא, וכשישמעו דברי אלה ידעו כי הפילוסופים אינם מאמינים הקדמות המוחלט אלא החדוש המוחלט, ונמצאתי מועיל להם בג׳ דברים: הא׳ בלמדי להם הדעת הנכון התלוי בטבע, והב׳ בקיימי בידם אמונת פשט התורה העומדת** בנס, והג׳ בהשיבם מלחשוד כשרים ומלהוציא לעז על דעתם ובודאי דעתם דעתי ואמונת התורה*** אמונתי, זה על דרך טבע וזה על דרך נס; ואם הבנת כל דברי תדע כי דעתי אמת ואמונתי אמת ויודע האמת יודיעני האמת למען שמו.

ה) וועגן די קעגנזאַצן צווישן דת און פילאָזאָפיע, צווישן נביאים און פילאָזאָפן (דף 51—52):

ואין הפרסום ההמוני כדאי לסמוך עליו בידיעת האמת רק יש לו ללמוד האמת מן המופת ולעיין אחר כך בתורה, ואם נמצא דבריה מתישבים על הדעת המופתי נאמין הדעות ההוא מצד העיון ומצד האמונה ואם לא נמצא לדעת ההוא כתוב סובל אותו נאמין אותו מצד העיון בלבד ואם נמצא לדעת ההוא כתוב סותר אותו נאמין ג״כ פשט הכתוב ע״ד נס ונאמין שאין הדעת התורנית ההוא זרה אצל כונתינו אלה להיותה מן

---

* דער גריכישער דענקער עפיקור.

** אין שורס מאַנוסקריפט: המתבדת.

*** אין שורס מאַנוסקריפט אַנשטאָט די לעצטע צוויי ווערטער: ואבונתם.

הדעות האלהיות המיוחדות בהשגת הנביאים ובפעולת היכולת אשר למעלה מן הטבע. ועל הדרך הזה תמצא דעתי בדברים רבים הפך אמונתי, כי אני יודע מצד המופת כי זה אמת ע"ד טבע ואני מאמין מדברי הנביאים כי הפכו אמת ע"ד נס. ולא עוד אלא אפילו הדעת המופתי אשר הכתוב סובל אותו אני מוחזק בו שהוא כונת הכתוב בודאי ואינה זולתה. ולפיכך אין כונתי במה שפרשתי להודיעך שזאת היא אמונתי אשר אני מאמין ואשר אני מוסר לך לאמונה אלא שהודיעך שאפשר לסמוך הדעות העיוניות לכתוב ושהכתוב סובל אותן כמו שהוא סובל הפכן או יותר. וכל זה למה? כדי שלא תהיה מן הנמהרים הממהרים להכחיש ולכזב הדעות המופתיות במה שהם רואים בתחלת מחשבתם שהוא דעת הכתוב ורוצים לחזק ולקיים הדעת ההוא בטענות עיוניות חזקות מטענות הפילוסופים בעיניהם, עד אשר יחשבו שהפילוסופים טועים בטענותיהם וחושבים שהן מופתיות ואינו כן. ובעלי הדרך הזה היו רבים בכל אומה ואומה, גם באומתנו אף רבנו משה על' השלום מהם ואלו הסכילו עשה בשני דברים: הא' בהכחישם המופת וגוזרים עליו שאינו מופת, וב' בגזרם על רעיונם כי הוא כונת הנביא, וכבר זכרתי בפתיחת הספר הזה כי כונת התורה א"א לנו להשיגה מסברתנו השגה בלתי מסופקת, כי כשם שבַוָנת הפלוסוף לא ישיגה כ"א פלוסוף, כך כונת הנביא לא ישיגה כ"א נביא, והטעם כי דרכי השגותם משונות זו מזו, ולא עוד אלא הפכם, לפי שזה משיג המושכל במורגש וזה ישיג המורגש במושכל, ואין ספק כי כרחוק דרכי השגותם כן רחקו ההשגות עד ייתכן לזה שהשיג מצד מטה הפך במה שישיג זה מצד מעלה, ולפיכך אין להקשות מן האחד על השני רק יש לחכם להאמין את זה בהביאו מופת ולקבל מזה דרך אמונה פשוטה ואפילו יהיו דברי הא' סותרים את דברי הב' אין זה נדחה מפני זה, כי מסגולות האמונה התורנית שהכחשת המופת אותה לא תדחה אפשרות אמתתה, לפי שהנמנע אצל המחקר ההקשי מצד מנהג הטבע אפשר שתחייבהו ההשגה הנבואית מצד יכולת המנהיג. ולפיכך יש דברים רבים נמנעים אצל הדעת העיוני שהם אפשריים אצל התורני וכ"כ יש דבר מושג לפילוסוף מצד חקירתו שאינו מושג לנביא אלא מצד החלק אשר לו בעיון לא מצד הנבואה, ואין זה מפני חסרון הנבואה אלא מפני שדרך השגתה מעלה מזאת...

IV. וועגן גאָטס ווילן און גאָטס וויסן (דף מ"א):

אמר המעתיק... ומן המאמר הזה חשבו, ההמון כי הפילוסופים מאמינים הבורא ית' פועל בטבע פשוט כאש שמחממת ואינו יודע שהיא

* אין שורס מאַנוסקריפּט: הענין.

מחממת, או שהם מאמינים שאין הבורא ית' פועל כלל, והסבה בזה כי הפועל לא יתחלק אצלם אלא לב' חלקים אשר חָלק א"ח (אבוחמד) ר"ל פועל בטבע ופועל ברצון ולפי מחשבתם אין שם חלק שלישי. והפילוסוף אמר כי אין זה מתחייב מדבריו כי הוא יש לו מופת על היות הבורא ית' פועל עכ"פ ויש לו מופת שאינו פועל ברצון ויש לו מופת שאינו פועל בטבע. לפי שהפועל ברצון גרוע כמו שנבאר, יתחייב שיהא פועל על דרך אחר שיהיה לא טבעי ולא רצוני אבל הוא באמצעי לשניהם. והפועל הזה אין ההמון משיגים מציאותו ולא הפילוסוף איכותו, ולפיכך לא כתבה אותו התורה והוצרכה להניח דעת ההמון ולהשלים להם שפועלת האל ברצון כפועלת האדם שהיא מעולה המפורסמת. וכמה היא רחוק מדרך הפילוסופים מי שיחשוב שהם מאמינים שפועלת הבורא יתברך באות ממנה בלא ידיעה ולא חפץ כי אם בחיוב הפשוט כאור הבא מן השמש, שהרי הפילוסופים מכריזים וקוראים כי הבוא"א ית' צורה שכלית נבדלת מכלי המר וידוע למשכילים כי השכל אשר בו נשכיל אינו אלא הצורה החמרית בההבדל מן החמר, ואם הצורה היא זאת כך ר"ל שהדברים באים ממנה בידיעה וחפץ — הצורה הנבדלת ממקרא לא כ"ש. **אבל כשם שאותה הצורה אינה ממין הצורה, כך ידעתה וחפצה אינה ממין ידיעת הצורה הזאת וחפצה**, שאלו כך היו גרועים והתארים הגרועים אינם נמצאים לדבר השלם, ולפי שדעתנו עלולה ואותה הדעה עִלָה, אין דעתינו מקפת באותה דעה ולפיכך א"א לנו שנדע מהות הדעה לנו שנדע מהות הדעה ההיא ולא החפץ ההוא, ועל כן לא מצאו להם החכמים שמות נאותים לענינים ההם **בפרט והוצריכו לקראם בשמות המיוחדים בידיעתנו וחפצנו** עד שיהיו שתוף השמות סבה לטעות בענינים ולחשוב שעניניהם אחד, ותכלית הכונה כי אין הרצון שלול מן הבורא כמו שיבינו הכסילים ממאמר א"ח (אבוחמד אלגאזלי) והפילוסופים, רק יש לו ענין שהוא בחוקו כמו הידיעה בחוקינו וענין שהוא בחקו כרצון בחקינו זולת הידיעה הוא, כי הבורא יש לו דעת כמו שזכרתי ודעתו משגת ההפכים ואלו היה דעתו לבדו מספיק בביאת הפועל ממנו בלי רצון היה פועל שני הפכים כאחד לפי שהוא יודע שני הפכים ואינו כן, ובראותנו שאינה פועל אלא אחד מן ההפכים בלבד והוא הטוב שבהם נדע שפעולתו צריכה לענין אחר נוסף על הידיעה שבו בחר האחד על השני והוא הנקרא רצון בלשון בני אדם, ואלמלא הענין ההוא היה פועל שני הפכים כאחד או מניחם באחד. וא"ת יתחייב מזה שיש לבורא יכולת לעשות כל מה שירצה וא"כ האיך אפשר שנאמין, שיש לדברים טבע קיים שלא ישתנה לעולם כי מה שהוא תלוי בבחינת הפועל אפשר שיהא למחר בהפך מה שהם היום, נאמר כי

בודאי זה דרך הרצון המחודש ברצוננו מצד שהוא מתפעל מן הרצוי ולפיכך הוא משתנה בהשתנות הרצוי, אבל הבורא אע״פ שיש לו יכולת על כל דבר דרך רצוני להתלות תמיד ברצוי אחד והוא הטוב שבהפכים ובודאי אלו רצה לעשות הרע היה יכול לעשותו אבל אין דרכו לרצות אלא בטוב בלבד.

V. וועגן די אמתע בעלי הקבלה (דף צ׳):

אמר המעתיק: עד כאן יד המופת משגת באלהיות ומכאן ואילך בלום פיך מלדבר ולבך מלהרהר ואמץ לבך שוב לקבלה אשר היא אוצר הנסתרות ובית נכותן. ואין ספק כי הקבלה היתה מורשה ממשה לקהלת יעקב, אבל באורך הגלות ושעבוד המלכיות נתמעטו המוסרים והמקבלים ותלך הלוך וחסור וכמעט אבד זכרה מני ארץ לולא השם צבאות הותיר לנו שריד שנים שלשה גרגרים בארצנו זאת כהן ולוי וישראל, ר׳ יצחק הכהן [1] והרב ר׳ טודרוס הלוי [2] והרב ר׳ משה בר׳ שמעון [3] אשר השתדלו להקים שם המת ממנה וגדול שבכלם בכונה הזאת הרב רבנו משה, כי זה משה האיש לא נתן פוגת לו מעודו ועד היום הזה רק מכל מלמדיו השכיל והאלהים אנה לידו ראשי דברים מיתר הפלטה אשר היו לשם. והנה שמעו הולך בכל המדינות משה קיבץ (?).

ביילאַגע נומ׳ 6

(זע ז׳)

וועגן דער אגדה, אַז אַלע חכמות שטאַמען פון יידן.

שוין אין די קדמונישע צייטן איז ניט נאָר ביי יידן, נייערט אויך ביי אַנדערע אומות העולם זייער פאַרשפּרייט געווען די מיינונג, אַז פילאָ־

---

1 וועגן דעם מקובל יצחק הכהן זע אויבן ז׳ 259 שם־טוב. בן שם־טוב דער־מאָנט אין זיין „ספר האמונות״ נאָנט אָפט יצחק הכהן אַלס איינעם פון די חשיבע אויטאָ־ריטעטן אין חכמת הנסתר (זע „ספר האמונות״, 8־טע אָפּטיילונג, קאַפּ׳ 8 אין 9: „ודברי ר׳ יצחק הכהן נכונים ומקובלים... שלשם המפורש תן עיניך והבך לדברי ר׳ יצחק הכהן ז״ל״).

2 טודרוס אַבולפיה אוים טאָלעדאָ, דער פאַרפאַסער פונם קבלה־ווערק „אוצר הכבוד״; געשטאָרבן אין 1283 (זע „דביר״, II, 314–17)

3 דער איינציקער מאַנוסקריפּט פון משה בן שמעונס ווערק וועגן די „ספירות״ געפינט זיך אין בערלינער ביבליאָטעק. דער מאַנוסקריפּט פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „אמר משה בר׳ שלמה בר׳ שמעון מעיר ברגש הנקראת קשטיליה״ (זע שטיינשניידער אין ציפירבן ווערק, 41). שם־טוב ציטירט משהס ווערק אין זיין „ספר האמונות״ (5־טע אָפּטיילונג, קאַפּ׳ 1).

זאָפיע און אַנדערע „שבעים חכמות" זיינען געווען שטאַרק באַליבט ביי די יידן בעת זיי האָבן געפירט א זעלבשטענדיק לעבן אין זייער איינן לאַנד; אין טאַקע ביי זיי, ביים „עם חכם ונבון", האָבן עס איבערגענומען אַלע חכמות די אַלטע גריכן און אַנדערע פעלקער. נאָכן חורבן, ווען יידן זיינען א גלות־פאָלק געוואָרן, האָבן זיי שוין געקאָנט זיך גאַנץ ווייניק אָפּגעבן מיט וויסנשאַפטן און מיט דער צייט אינגאַנצן אין זיי פאַר־געסן. לויט דער מעלדונג פון דעם געלערנטן פּראַפּיריוס (De abstinen-tia", 26, II) האָט שוין אַריסטוס תלמיד, טעאָפראַסטוס, גערופן די יידן „דאָס פאָלק פון פילאָזאָפן" [1]. אין די צייטן פון פילו אַלכסנדרוני האָבן נים בלויז ביי יידן, נאָר אויך ביי די אומות העולם צירקולירט פערליי פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן וויכוחים און אונטערהאַנדלונגען צווישן גריכישע דענקער און יידישע חכמים. פילע געלערנטע זיינען אין דער הינזיכט נעגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן דערקלערט פּיטאַגאָרן, אַפּלטונען און אַריסטון פאַר תלמידים פון יידישע חכמים. יוסף פלאַוויוס [2] און יעווסעוויוס אויס קסריא [3] ברענגען אין נאָמען פון אַריסטוס תלמיד קלעאַרך, א אינטערעסאַנטע באַשרייבונג, ווי אַזוי אַריסטו האָט בשעת זיין נסיעה איבער קליין־אַזיע (אין די יאָרן 345—347) זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט א גריכיש געבילדעטן יידן. דער גרויסער גריכישער דענקער איז שטאַרק נשתומם געווען איבער דער הויכער בילדונג פון דעם פרעמדן מענטשן אויס א ווייטער פּראָווינציאַלער מדינה; באַזונדערס האָבן אים איבערראַשט די הויכע באַגריפן, וואָס דער דאָזיקער מאַן האָט געהאַט וועגן דער גאָטהייט. דערציילנדיק וועגן דעם זיין תלמיד קלעאַרכן, האָט אַריסטו געהאַלטן פאַר נייטיק מוסיף צו זיין: „איך ווייס, דו מיינסט אוודאי איך דערצייל דיר בלויז א חלום אָדער עפּעס וווּנדערבאַרעס". ווייטער האָט אַריסטו דערציילט, אַז דער דאָזיקער מאַן איז איינער פון די, וואָס טראָגן דעם נאָמען יידן. די דאָזיקע מענטשן געהערן צו די חכמי הודו. מען זאָגט, אַז אין אינדיע הייסן פילאָזאָפן — קאַלאַנען, אין סיריע אָבער הייסן זיי יהודים.

אָט די דאָזיקע אינטערעסאַנטע דערציילונג איז אויך וויכטיק דער־מיט, וואָס זי קלערט אונז אויף, פון וואַנען עס נעמט זיך די לעגענדע, אַז די יידן זיינען „א פאָלק פון פילאָזאָפן".

---

[1] זע הרכבים הערות צו דער רוסישער איבערזעצונג פון גרעצס געשיכטע ב' VI, ז' 317; אויך Тюменев. Евреи в средние века, 111.

[2] זע זיין „קאָנטרא אַפּיאָנעם", ליב. I, קאַפּ' 22 (אין איזראַעלסאָנס רוסישער איבערזעצונג, 42—43).

[3] זע Praeparatio evang, lir. IX, cap. 3

די לעגענדע, אז די גריכישע פילאָזאָפיע שטאַמט פון יידן, איז אויך נעווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די קריסטלעכע און מוסלמענישע געלערנטע. „זיי (די פילאָזאָפן) — פאַרזיכערט מינוציוס פעליקס — האָבן גענאַשט זייערע בּרעקלעך וויסן און מער ווייניקער ריכטיקע ידיעות אויס די ביכער פון די נביאים". „ווער — רופט אויס דער באַקאַנטער קריסטלעכער טעאָלאָג טערטוליאַן — פון די דיכטער און סאָפיסטן האָט ניט געטרונקען אויס דעם קוואַל פון די נביאים!" אין דעם אייגנאַרטיקן עפּאָס פון חיות און עופות, וועלכן קלונימוס בן קלונימוס האָט איבערזעצט [1] אויף העברעיִש אויס דער ענציקלאָפּעדיע פון דעם מוסלמענישן אָרדן „די ריינע ברידער", ווערט אויך באַרירט דער זעלבער מאָטיוו: בעת דער גריך רעדט דאָרט מיט גרויס התפעלות וועגן דער גרויסער חכמה און וויסן פון זיין פאָלק, ווייזט דערויף גלייך אָן איינער פון דעם מלכס יועצים: „פון וואַנען וואָלטן זיך צו אייך געווען גענומען די אַלע חכמות און דאָס גרויס וויסן מיט וואָס דו באַרימסט זיך אַזוי, ווען איר זאָלט דאָס אַלץ ניט געווען איבערגענומען בּיי די יידן אין דער צייט פון די פּאָטאָלאָמעען און אויך טיילווייז בּיי די חכמי מצרים אין דער צייט פון טעליסטיוס? אָט דעמאָלסט טאַקע האָט איר די אַלע חכמות אריינגעבראַכט אין אייער לאַנד, און פון דעמאָלט אָן גיט איר זיי אויס פאַר אייערע אייגענע". לויט דער מעלדונג פון פּראָפיאַט דוראַן [2] און אברהם ביבאַגי [3], איז אויך דער באַרימטער אַראַבּישער פילאָזאָף אבן־רשד געווען איבערצייגט, אַז בּיי די יידן האָבן נאָך אין קדמונישע צייטן געבּליט אַלע חכמות.

די זעלבע מיינונג איז אויך געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן די קריסטלעכע געלערנטע. ראַדזשער בעקאָן האָט געגלויבט, אַז די חכמי מצרים האָבן איבערגענומען די פילאָזאָפישע אידעען בּיי אברהם אָבינו; און בעת ירמיהו הנביא האָט געלעבט אין מצרים האָט בּיי אים געלערנט דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף אַפּלטון [4]. דער הומאַניסט רייכלין האָט גערעכנט [5], אַז די גריכן האָבּן זייערע פילאָזאָפישע אידעען איבער־

---

1 „אגרת בעלי החיים", III, קאַפּ׳ 7.

2 „מעשה אפוד", 8: „וגם החכם בן־רשד העיד בספרו בהפלת ההפלה על מציאות ההכמות היוניות בבני ישראל מקדם".

3 „דרך אמונה", 8 43.

4 זע ערש אונד גרובער ענציקל., סעריע II, ב׳ 31, 72—3; י. גוטמאַן, די סכאָלאַסטיק, 1902, 144.

5 De Arte cabalistica, t. 2 (זע אויך א. פראַנק, „די קאַבּאַלע" (דייטשע אויסגאַבע, 1844, 8).

גענומען ביי די יידן און אַז אַפּלטאָן, פּיטאַגאָרוס און זאָראָאַסטער האָבן אויס דער ביבל געשעפּט זייערע רעליגיעזע אָנשויונגען. די זעלבע מיינונג האָט אַרויסגעזאָגט אויך דער באַוווּסטער איטאַליענישער הומאַניסט מאַרציליאָ פיצינאָ [1], וועלכער גיט אויך איבער אינם נאָמען פון קלעאַרך די לעגענדע, אַז אַריסטו האָט זיך מגייר געווען [2].

עס איז לייכט באַגרייפלעך, אַז די דאָזיקע לעגענדעס האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער סביבה אינם מיטלאַלטער. דער באַקאַנטער געלערנטער אברהם ב' חיא שרייבט: „ואתה מוצא את כל גדוליהם, דבריהם המפורשים עד המקום הזה לקוחים מדברי תורה ושאובים ממעין החכמה אם אתה מעיין בהם ותמצא ההיולי והצורה אשר היו לדבריהם עומדים בכוח לפני בריאות העולם — הן תוהו ובוהו אשר העידה התורה שהיתה הארץ [3].

אין יהודה הלוים „כוזרי" דערקלערט דער יידישער „חבר" דעם כוזרישן מלך:

„ומה תאמר בחכמת שלמה וכבר דבר על כל החכמות בכח אלקי ושכלי וטבעי והיו אנשי העולם באים אליו להעתיק חכמתו אל האומות עד מהודו, וכל החכמות הועתקו שרשיהן וכללם מאתנו אל הכשדים תחלה ואחר כך אל פרס ומדי ואחר כך אל רומי ובאורך הזמן ורב המצועים לא נזכר בחכמות שהם הועתקו מן העברים אך מן היונים והרומים" [4].

אויך דער רמב"ם שטרייכט אונטער אין זיין „מורה נבוכים":

„דע כי החכמות הרבות אשר היו באומתנו באמתת אלו הענינים אבדו באורך הזמן ובשלוט האומות הסכלות עלינו" [5].

דער באַרימטער יידישער אַריסטאָטעליקער האָט געהאַלטן פאַר באַזונדערס וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז די „חכמת יונית", ד"ה די אָנשויונגען פון דער גריכישער פילאָזאָפיע געפונען זיך אין גרויס קרבות מיט דער יידישער אידעענוועלט, און אין זיין „יד החזקה" [6] געפינען מיר פאָלגנדע שורות: „חכמת התקופות, והגימטריאות שחברו בה חכמי יון

---

[1] De religione Christiana, Paris, 1559, f. 48

[2] דאַרמן, בלאַט 49, עמ' א'.

[3] „הגיון הנפש", 2.

[4] „כוזרי", פרק ב', § 66.

[5] „מורה נבוכים", חלק א', פרק 71; אויך חלק ב', פרק 11.

[6] „הלכות קידוש החודש", קאַפּ' 17.

ספרים הרבה והם הנמצאים עכשיו ביד החכמים, אבל הספרים שחברו חכמי ישראל שהיו בימי הנביאים מבני יששכר לא הגיעו אלינו".

שם־טוב פאלקירה שרייבט אין זיין „ספר המעלות":

ובטלמיוס זכר כי הוא שלח לכהנים שבירושלים להעתיק לו ללשונו ספרי החכמות שהיו שם... ואני חושב והוא אמת כי הפילוסופים הקדמונים מאוד קבלו משֵׁם ועבר ואברהם אבינו ע"ה ושאר האבות וכ"ש משלמה המלך ע"ה ומהחכמים שהיו בדורו.

א אנדערער פּראָפעסער פונם דרייצנטן יאָרהונדערט, דער בעל „לוית חן", לוי בן אברהם, שילדערט אין זיין „בתי הנפש והלחשים" אויף פאָלגנדיקן אופן די אנטשטייונג פון די וויסנשאפטן.

עלי כל אום כבר נפלא לאומי — בכל מַדָּע ואֶדֶר הסתרים
ואמנה מהמון עם נעלמו — ולסגולות לבד היו מסורים [1]
והתקינו ללבב המבינים — משלים, גם לעור עין חֲסֵרים [2]
והתיפו בני יֶפֶת בחכמות — ולקחום מנבוני שֵׁם ועִבְרים
והתפארו בספרי בין מצאום — ומהם ירשו גויים והגרים [3]
ופסו את נבונינו בחורבן — ונשארו קצת יודעי פְשָׁרים
ונפזרו בכל רוח ופאה — בתוך עמי סְבָלים וארורים
לזאת עמדו והסתירו דברים — ועמם כל חמודות נעדרים.

יוסף אבן כספי דערקלערט אין זיין „ספר המוסר":

אריסטו התנשא לפרש המצות היקרות שלנו ויחס פירושם לעצמו תחת אשר גנב כל זה מספרי שלמה ע"ה וזולתו שחברו בענין זה... וזכרו זה תחלה רבותינו המכובדים במקומות מפוזרים ובאר דבריהם אריסטו בס' המדות באור שלם, כי בזמן בית שני היה זה החכם ומהם למד... והנה הקדמות הניחו אריסטו מצד עיון הנפש ואחר נכנע לאמונת החדוש כי בא בתורה מצד בעלי הנפש הנביאית שהיא למעלה מן העיונית...

---

1 דער פּראָפעסער גופא דערקלערט אין זיין פירוש דעם דאָזיקן פערז אויף פאָלגנדיקן אופן: „ואמנה מהמון אומתנו נעלמו החכמות והכודות ההם ואל היחידים סגולות לבד היו מסורים וידועים.

2 דער פּראָפעסער דערקלערט אין פירוש: „והתקינו המשלים ללב המבינים והחכמים הם בחדות שכלם ופלפולם יאכלו תוכם ויבינו סודם, גם תקנו המשלים לעורי השכל והחסרים ביען יקבלו תועלת בנגלה אם לא יוכלו להבין התוך והנסתר".

3 דער פירוש: „והתפארו בספרי החכמה והבינה אשר מצאו ולקחו מעם ישראל, ומהיונים נעתקו החכמות ההם אל מלכות רומי וישמעאלים".

נמצאים מעמנו שיבזו החכמות המיוחסות וספרי אריסטו וחבריו ולא ידעו כי בנפשם ידברו כי אלה החכמות היו מקדם שלנו [1].

א אנדער פּראָפאַסער פונם פערצנטן יאָרהונדערט, מאיר אלדבי, דערציילט אין זיין „שבילי אמונה":

עד שראיתי כתוב בספר, כי כאשר גלה יכניה מלך יהודה וגלו עמו סנהדרין וחכמי ישראל... ואז למדו מחכמתם חכמי יון... עוד מצאתי בתוב כי אריסטו היוני אשר כל חכמי המחקר נגררים אחריו ושואבים מספריו שהיה רבו של אלכסנדרוס מוקדון שמלך על כל העולם וכאשר כבש אלכסנדרוס ירושלים השליט לאריסטו רבו על אוצר שלמה ע"ה ואז חקר ודרש על ספרי שלמה ולקחם והעתיקם על שמו והוסיף הוא טעיות משלו ואז נגזו על ספרים של שלמה כדי להטעות העולם שאריסטו עצמו חיברם משיקול דעתו. ובראותי אני המחבר את הדברים האלה שמצאתי, עלץ לבי בה' ואומרה: אכן נודע הדבר כי יסודי החכמות אשר ביד אדום וישמעאל הן הנה היו לבני ישראל.

משה ארובש, וועלכער האָט איבערזעצט אויף איטאַליעניש און העברעיש דאָס אינם מיטלאַלטער אזוי פּאָפּולערע זאמלבוך „טעאָלאָגיא", דערקלערט אין דער פאָררעדע:

אמר המעיין משה בר' יוסף ארובש... זה הספר בא לידי בערבי בדמשק והעתקתי אותו ללשון הקודש. והוא אמת שחזר בו (אריסטו) ממה שהלק על... תורתנו הקדושה, ועשאו בסוף ימיו ואליו נסמך וקראו ספר תיאולוניה שר"ל ספר האלהות [2].

דער אפודי (פּראָפיאַט דוראַן) איז אויך גאַנץ זיכער „כי כל מה שנמצא אצלם (חכמי יון) מהאמת באלה החכמות העיוניות לקחוהו כלו מבני ישראל בזמן הגלות" [3].

דעם אפודים א בן־דור, שמעון דוראַן, דערקלערט אין זיין פאָר־רעדע צו זיין „מגן אבות":

וארסטו היה מצוה לשמוע את כל דברי התורה דרך קבלה וליסר הבאים לתת טעם לאזהרותיה ומצותיה ולגעור במי שמלאו לבו להקשות עליה. ואמר אפלטון: אנחנו נלאים מהבין דברי התורות אבל נבין מעט ונסכל הרבה.

און אין דעם „מגן אבות" גופא (דף 30, עמ' א') איז דוראַן מוסיף:

וכבר כתב במורה המורה להחכם ן' פאלקירה ז"ל כי אפלטון הפילוסוף שכל חכמי המחקר נכנעו לפילוסופיתו כתב כי דבר עם אחד

---

[1] זע אבן בספים „מנורת כסף", 85; „שלחן כסף", 171, און „עמודי כסף", 31.

[2] Melanges, 249.

[3] „מעשה אפוד", 8.

מנביאי ישראל ובתחלת הדברים לא נראה לו ממנו ענין גדול וכשנכנס עמו בעומק אלהותו הבהילו והיה תכלית כונתו להבין דבריו. וי״א כי זה היה ירמיהו הנביא ובאמת כי בזמן אפלטון היה, אבל אני חושב שיהיה אלא אחד מתלמידיו הקטנים.

דער פילאזאפיש געבילדעטער יוסף בן שם־טוב שרייבט אין דער פאררעדע צו זיין פירוש אויף אריסטוס „ספר המידות״:

ויאמרו דהכמים האחרונים כי במצרים נמצא ספר ממנו (מאריסטו), שב בו ממה שהניח שהעולם קדמון ומשאר הדעות אשר חולק בהם על תורת משה ושהחזירו שמעון הצדיק ז״ל [1].

אן ענלעכע אגדה גיט אויך איבער יוסף בן שם־טובס בן־דור, אברהם ביבאגו:

ומצאתי בשם חכם מופלא מפילסופיה היונים דבר זה ענינו: פעם א׳ נכנסתי להוכוח עם חכם מחכמי ישראל והתחלנו לדבר בחכמת הטבע ולא היה בעיני הרבה, ואחר נכנסנו בחכמת האלהות והעלני באלהותו אל שלא הייתי יכול לסבור ולהבין עד שהתפללתי לאל יתן לי שכל להבינו ע״כ [2].

דער רמ״א גיט איבער אלס דבר ידוע, אז סאקראט האט זיין גאנץ חכמה צו פארדאנקען די יידישע חכמים אסף און אחיתופל [3]. די דאזיקע מיינונג, אז די „חכמי יון״ האבן זייער גאנצע חכמה גענאשט ביי יידישע חכמים, איז געווען נאך זייער פארשפרייט צווישן די יידישע שריפט־שטעלער פונם 16טן יארהונדערט. מיר געפינען זי ביים בארימטן פאר־פאסער „Dialoghi di Amore“, יהודה אברבנאל [4], ביים בעל „מנחת קנאות״ יחיאל אוים פיזא, אויך ביי יהודה מוסקאטו [5], ביי דוד מיסר ליאון [6] און אפילו ביים בארימטן בעל „מאור עינים״, דעם באשעפער פון וויסנשאפטלעכער קריטישער פארשונג אויפן געביט פון יידישער גע־שיכטע. דער פרומער און גאטספארכטיקער גדליה אבן יחיא גיט איבער אין זיין „שלשלת הקבלה״ אלס היסטאריש באגלויבטע פאקטן די אלע אלטע לעגענדעס, ווי אזוי די „חכמי יון״ פלעגן עולה רגל זיין קיין ציון

1 „צייטש. פ. העבר. ביבל.״, XIII, 154; זע אויך: Melanges, 249.

2 „דרך אמונה״, צוויטע אפטיילונג, קאפ׳ 3, דף 46.

3 „תורת העולה״, I, קאפ׳ 11: „ודע כי ראיתי בספר אחד ישן מאוד... והיה כתוב בו שסאקראט... שהוא קבל החכמה מאסף הקרחי ובאחיתופל״.

4 „וכוח על האהבה״, 71, 85.

5 „נפוצות יהודה״, 1589, דף 30, עמ׳ ב׳.

6 זע: Revue d. etudes juives, v. 24, p. 122.

הערן תורה ביי די יידישע חכמים, וואָס זייער שם האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט; דער גרויסער אַפּלטון איז געווען אַ תלמיד ביי ירמיהו הנביא און מכּוח אַריסטו גופא איז פאַראַן אַ חלוקי דעות: אַ טייל פאַר־זיכערן, אַז ער האָט סוף ימיו זיך מגייר געווען, און אַנדערע ווידער דרינ־גען, אַז ער שטאַמט פון יידן און טאַקע פון שבט בנימין. דאָרט ווערט אויך געבראַכט דער פיל באַקאַנטער לעגענדאַרער בריוו, וואָס אַריסטו האָט בלומרשט געשיקט זיין תלמיד אַלכּסנדר מוקדון, ווי דער באַרימטער גריכישער דענקער ווערט אַ מחזיר בתשובה: ער האָט חרטה אויף די דעות, וואָס ער האָט פריער אַרויסגעזאָגט אין זיינע ווערק, ווייל איינער אַ „חכם מחכמי ישראל" האָט מיט אים געהאַט אַ וויכּוח און יענער האָט אים, אַריסטון, איבערציינגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. דער הויפּט־טעות זיינער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז דעם אמת קאָן מען דערפאַרשן נאָר אויפן ראַציאָנאַליסטישן דרך דורך שכלדיקער חקירה, איצט אָבער, אַדאַנק דעם „חכם מחכמי ישראל", ווייס ער, אַז דעם אמת דערגרייכן קאָן דער מענטש זוכה זיין נאָר דורך געטלעכער התגלות. „ווען איך — איז אַריסטו מודה אין דעם דאָזיקן אַפּאָקריפישן בריוו — זאָל זיין בכּוח צונויפנעמען אַלע מיינע ווערק, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, וואָלט איך זיי אַלע פאַרברענט, קיין איינציקן ניט איבערגעלאָזט, זיי זאָלן אַנדערע ניט פאַרפירן".

אָט דער דאָזיקער לעגענדאַרער בריוו איז געווען זייער פּאָפּולער אין די ברייטע יידישע קרייזן און איינער פון די גרעסטע רבנים אינם זעכצנטן יאָרהונדערט, דער רש"ל, קלאָגט זיך דערויף, וואָס די יידישע ישיבה־בחורים שרייבן אַריין אין זייערע סידורים די „תפילה" פון דעם גריך אַריסטו [1].

ערשט אינם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט דער יידישער פריידענקער אריה די מודינה דער ערשטער קריטיש זיך פאַרהאַלטן צו די דאָזיקע לעגענדעס און האָט אָפן דערקלערט, אַז דאָס זיינען „לויטער נאַריש־קייטן" (דברי כסילות) [2].

---

1 זע שו"ת הרמ"א, נומ' 6: „ועתה אני הגבר ראיתי כתוב בתפילות ובסידורי הבחורים רשום בהן תפילת אריסטו".

2 „ארי נוהם", 44.

ביילאַגע נומ׳ 7

(זע זייט 197)

א אויסצוג אוים דער פֿאָררעדע[1], וואָס לעאָן יוסף אוים קאַראַסקון האָט געשריבן צו זיין איבערזעצונג פון געראַרד דע סולגס פירוש אויף דעם ניינטן בוך פון אַלמנצורי דע ראַזים מעדיציניש ווערק:

אמר ליאון יוסף המעתיק היושבי קארקשונה: הנה מאז פקחתי עינים לדרוש ולתור בחכמות החיצוניות אשר הם במין ובמספר רבות במספר ימי שבוע זאת ולזה אין כולם כאחד נגדרות ונקשרה תוחלית בהם לדעת לחקור מהם חקירות מתחלפות גדלו מעלות החכמות ההם בעיני מעל כל התהלות וזה מרוב כָספי ותאותי לעמוד על דרישתם והשתוקקי על חקירתם והלכתי אחרי עקבות חכמינו הנמצאים היום גם מתמול גם משלשום לחשוב מחשבות יאורו עיני בהם אור השכל והלבבות באמרי: הניעו הם במה שהגיעו השלמים שכבר חלפו והלכו להם זה ימים ומצאתי היות החסרון הנמצא בהם ולקצת אומתנו בדור הנה גדול ועצום ודבריהם בחכמות החיצוניות כדבר הספר החתום, ואמרתי אולי כָספי גדול מהשגתי והחסרון מגיע מצדי לעומק המושג וקצור שכלי ודלותי ודקותי וסכלותי מהשיג ענינם לא מסכלותם וחסרון ידיעתם... כי ראיתי שאין על החסרון המגיע לקצת האומה ראוי להפלא ואין הסבה בזה בלתי ידועה ולא נתעלמה ממנה הלכה. ונפלאתי על המראה ואשתומם כשעה חדא ואשמע הקול מדבר: סבת חסרון הידיעה מקצת חכמינו איננה אחת אבל רבות ומפני זה אליהם חכמות רמות כי התורה והאמונה על אחת כמה וכמה. ומפני זה מנעו קצת חכמינו מלעיין בהם דברים שכליים מחוק המוננו ברחוק מזרח ומערב רחוקים ומשרשי בהם ומלדעתם ומעמוד על ענינם גם קצת מהם אשר האל הננם לעיין בהם לברור האוכל מתוך הפסולת וכל אחד את זה שכלו חקר רמון מצא תוכו אבל קליפתו זרק הוכיחו לעשות זה בהסתר ובהצנע בחוחים ובמחבואות, לא היו רשאים להרביץ החכמה בשוקים וברחובות ולהתוכח בהם להראות פנים להם ולהושיב ישיבה ברבים להמציא האמת על בוריו, כי לא יודע האמת כ"א בהפכיו וזה מפחדם מלשון המון הסכלים, כי הם מתי מעט והנה הרבים מצורף לזה מיראת קצת התורנים אשר מהם מיתר החכמות מופשטים אשר ידם תקפה על המעיינים לא בכחם ורוב ידיעתם רק לחוזק ידיהם ורוב נכליהם להיות עדת ההמון ההוא נשמע אליהם בחשבם היות החכמות

---

1. געשריבן אין יאָר 1394.

ההם והמעיינים בהם יוצאים מכלל בעלי התורה, אלה מדות החסרים והמדברים על החכמים תועה...

והנה נמנעה ממנו ידיעת החכמות בכיוצא בזה לא שיהיה שכלנו למטה משכליהם כי גם לנו לבב כמוהם, אמנם מנעונו הסבות אשר קדם זכרונם עם גלותנו ולחצנו ורוב העם נגהם הודם והמונם ומפני זה המה עלו בחכמות החצוניות מעלה מעלה ואנחנו ירדנו מטה לרוב הטרדות המעיקות (Les ecrivains juifs fr., 772—3).

אינטערעסאַנטע פּרטים דערציילט ווייטער דער איבערזעצער, מיט וואָס פאַר אַ מי ס'איז אים אָנגעקומען ביז עס איז אים געלונגען צו באַקומען אַ נייטיק מעדיציניש ווערק, ווייל די קריסטלעכע מעדיצינער פלעגן מחרים זיין די מחברים, וואָס פלעגן פאַרקויפן מעדיצינישע ווערק זייערע יידישע קאָלעגן, און וועלכע זיי פלעגן זען געפערלעכע קאָנקורענטן:

„וכאשר ארך זמן עמידתי עמהם והייתי שפל בעיניהם כי אין באומתנו מי שיהיה מכובד בעיניהם אם לא יהיה הרופא אשר ירפאם מחולייהם... וספר החכם מאשטרי יואן די טורנה מירה אשר זה עשר שנים שמעתי שמעם ולא יכולתי להשיגם לא בהר (מאָנפּעליע) ואם הוא המקום אשר ממנו חוצבו, ולא באויניון ולא ביתר המקומות הטובים כי היה במציאות מעטים, מצורף לזה שחכמי ההר היו מחרימים ומנדים כל מי שימכרם לזולת הנוצרים, והוצאתי בהשגתם ממונות כפי כוחי.

ביילאַגע נומ׳ 8

(זע זייט 244).

מאיר אַלגואַדעז און זיין ספר־המידות־איבערזעצונג.

מאיר בן שלמה אַלגואַדעז איז געווען לייב־מעדיקער ביים מלך פון קאַסטיליע היינריך דעם דריטן. ער איז אויך געווען רב הכולל איבער גאַנץ קאַסטיליע. ער אַליין דערציילט, אַז ער האָט געפירט אַ וואַנדער־לעבן, „געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון איין לאַנד אין אַנדער לאַנד". דאָך האָט ער געפונען פרייע צייט צו פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע און אַנדערע וויסנשאַפטן, און איבערזעצן אַריסטוס ווערק אויף העברעיש.

די איבערזעצונג פון „ספר המידות" האָט אַלגואַדעז געמאַכט אויפן ווונטש פון דעם באַקאַנטן מעצענאַט בנבנשת אבן לביא. אַ מאַנוסקריפּט

פון דער דאָזיקער איבערזעצונג געפינט זיך אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע נומ' 378. אויפן מאַנוסקריפּט געפינט זיך די אויפשריפט פון איינעם פון זיינע אמאָליקע אייגנטימער: ספר המדות זה קניתיו אני הצעיר אברהם אליגרי בארבעים לבנים. אין דער לאַנגער פאָררעדע פונם איבערזעצער געפינען זיך אייניקע גאַנץ אינטערעסאַנטע פּרטים, מיר ברענגען זיי דערפאַר אין אָריגינאַל: והנה חכמי יון אשר לא ראו אור התורה בהיותם משכילים ובוחרים ארחות יושר חברו ספרים ללמד אדם דעת ודרך תבונות ולהורות אי זו דרך ישרה שידבק בה, ובפרט אריסטו הידוע ראש חכמי יון חבר ספרים בהנהגת המדות אחד מהם קראו איטיקאש ידבר בהנהגת המדות לכל אחד מבני אדם, והשני קרא אֶיקונומיקאש והוא יגיד הנהגת הבית והג' קרא פוליטיקאש, ידבר בהנהגת המדינה, והוא חברם בלשון יון אחר כן הועתקו אל לשון נוצרי גם קצתם הועתקו אל לשוני ערבי. ואני מאיר בן שלמה ז"ל ן' אלודיש בלומדי לשון נוצרי ראיתי העתקת הספרים הנזכרים גם ראיתי עליהם פירושים לחכמי הנוצרים כי חכמה מפוארה היא אצלם הפילוסופיא אשר במדות... והנני מנעורי לא שקטתי ולא נחתי ומהייתי לאיש הייתי נע ונד בארץ מתהלך מעיר אל עיר וממלכה אל עם אחר ומקום מנוחתי ברחוב אבין מושבי אסתופף בחצרות מלכי קשטיליא מיום ליום סובב מכפר לכפר והיה משכני בצחיחים ובמערות ובבתי כלאים. עתותי ורגעי נפשי נבהלה מאוד ממראה עיני אשר אראה מוסף על היות משא משפט כל עמי עלי לא יתנני השב רוחי. ולאיש אשר אלה לו הנכון להעתיק חידה או משל א' או סיפור אחד אף כי ספר פליסופיא גבוה ותלול ומדברי ארסטו אשר דבר במלות זרות ומאמרים קצרים, גם כי בואֶיסיו המעתיק דבריו אל לשון נוצרי [1] העמיק לסתום ובכפל רסנו מי יבוא... והנה נמצאו לי מלמדים נוצרים יודעי דעת ומביני מדע גם מצאתי און לי במוצאי פירוש מבואר לספר אֶיטיקאש בלשון נוצרי... גם העירני על זה היקר הנעלה החכם דון בנבנשת בן לביא י"צ שוכן בסרקסה אשר במלכות אראגון שאל ממני העתקת ספרי אריסטו בפילוסופיא אשר מהמדות... והנה ב"ה עזרי אעתיק ספר איטיקאש אשר הוא ראש ונבחר ויותר מועיל, ואם חפץ ד' בידי יצלח אעתיק ספר אֶיקונומיקאש וספר פוליטיקאש אם אמצא ביאורים, כי לא מצאתים עד עתה...

---

1 זע חצגן דעם שטיינשנייד, העבר. איבערז. 211.

ביילאַגע נומ׳ 9

(זע זייט 345).

פּראָפיאַט דוראַנס „כלימת הגויים״.

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט צוויי מאַנוסקריפּטן: איינער אַן עלטערער (ניט שפּעטער פונם זעכצנטן יאָרהונדערט) שטאַמט בלי־ספק אויס איטאַליע, פאַרנעמט 74 דפים, 19 ס״מ די לענג און 14 די ברייט. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין אזיאַטישן מוזיי אין לענינגראַד, אין פרידלאַנדס קאָלעקציע (דעם מאַנוסקריפּט װעלן מיר דערפאַר װייטער באַצייכענען מיטן אות פּ׳). אין דעם זעלבן מוזיי געפינט זיך אין כוואָלסאָנס קאָלעקציע, אונטערן נומ׳ 159, א צווייטע אָפּשריפט „כלימת גוים״, א באַדייטנד נייערע, װאָרשיינלעך פונם 19טן יאָרהונדערט (מיר װעלן זי װייטער באַצייכענען מיטן אות ח׳). בלויז אין דעם עלטערן מאַנוסקריפּט פּ׳ געפינט זיך דעם אָפּשרייבערס צושריפט מיט דער אין דעם טעקסט דערמאָנטע ... נאָך דער צושריפט גייט דוראַנס א שיר, װאָס פאַרענדיקט זיך מיט א שבח צו חסדאי קרשקש:

כלימת הגויים — וחרפת ערלים — ולישראלים — צבי ועטרה
לתורה במרמה — יסודה מהומה — ולתורה תמימה — לעדות — ברורה
לאומה סכולה — לחרב גדולה — ואל עם סגולה — לחומה נצורה.
להולכי חשכים — לקוצים ושיכים — ולזרע ברוכים — לדרך ישרה
למופת לאומו — וגם הוד לעמו — והולך לתומו — אני שי למורה
גביר רב ברכות — ועולם הליכות — בלבו ערוכות — למצוה ולתורה
לחסדאי גדול עם — נגידם ושועם — ויערב וינעם — כמנחה טהורה
בימיו יגאל אל — משיחו וגואל — ויבנה אריאל — ובית הבחירה.

דערנאָך גייט אין פּראָזע אַן אָפענע ערקלערונג געװענדט צו חסדאי קרשקש, אין װעלכער עס װערט אָגב אָנגעװיזן, אַז דאָס װערק איז געשריבן לויט דעם װונטש פון קרשקשן גופא. מיר ברענגען דאָ די דאָזיקע אינטערעסאַנטע ערקלערונג װאָרט ביי װאָרט:

תפארת הרבנים והאמינים*, שאלני רוממותך להעמידך על נכון מה שנתברר לי בכוונת המשיח המדומה ותלמידיו ושלוחיו ע״ד כלל ואם כוונתו בהריסת חקירת האלקות בכללה או בחלקים כפי מה שנתפרסם ונמשך אצל המאמינים בו ונמשכים אחריו ומה היתה כונתם באמונה ההיא

---

* אין דעם מאַנוסקריפּט ח׳: „עטרת החכמים והרבנים ונזר המאמינים״.

ועל איזה יסוד בנו אמונתם ודעת המדברים באמונה ההיא אשר באו אחריהם במה שישענו מדבריהם למדברי נביאי האמת והתורה האלהית. הכונה ממך, תפארת הרבנים והמאמינים, לפתוח השער אם אפשר להשיב בזה המאמר כפי מאמר האומר עצתו כי היא התשובה האמיתית והנצחת בביוצא באלו הנישאים. ועם היות שאחד מן הקודמים נוחלים האמת לזה לא השגיחו ולזה לא רצו לבלות זמנם בדומה לזה *. הנה אתה תפארת הרבנים ראית ימי הרעה והחימה השפוכה על גלות ירושלים אשר בספרד ורבו המתפרצים והמעמיקים לסתור עצה ולשפוך סוללה על חומות התורה האלהית. לתת אותה כמלונה במקשה, כעיר פרוצה, ורוצה אתה להקים סוכת דוד הנופלת והנהרסת אחרי כי צרעת המינות במצחות האנשים פורחת ויהי כל אדם נידון, צץ מטה רשע ופרח הזדון; על כן לעשות רצונך חפצתי ואליו רצוני, ואכתוב מעט כנרצה יען ידעתי ברוב חכמתך וברוחב לבבך וגובה שכלך תוסיף בו דברים מפלפוליך, ואשר אדבר בו כדי מצותך להקים אשימנו שנים עשר פרקים וזה הראשון.

גלייך דערנאך ווערן אויסגערעכנט די אלע צוועלף קאפיטלעך פונם ווערק און איבערגעגעבן דער תוכן הענינים:

פרק א': להביא ביאור בפירוש מאמר האומר שלא היתה כונת המשיח מדומה ולא כונת תלמידיו שיהיה הוא אלקים כמו שחשבו הבאים אחריהם.

פרק ב': לבאר ענין השילוש אשר יאמינהו והמקומות אשר ישענו עליהם באמונה הזאת.

פרק ג': לבאר ענין ההגשמה אשר יאמינוהו.

פרק ד': לבאר כי מעולם לא חשב ישו לחלוק על תורתנו הנצחית ואינו נראה בכל הארבעה אונגליום שחשב לעשות דבר שיחלוק על התורה האלהית ושיהרוס ממנה דבר גדול או קטן, יען בהיותו רוצה בקיומה וכי הוא האמין נצחיותה והראה עצמו לפי מה שנזכר ממנו בספורים מתחסד מאוד בסכלותו.

פרק ה': לבאר אמונת ישו ואיך נתפשטה בין הגוים.

פרק ו': על ענין לחם אלקים ויין.

פרק ז': על ענין הטבילה שלפני פרסום ישו זמן מועט היה יוחנן המטבל.

פרק ח': על ענין האפיפיור אשר יניחוהו גם כן אחד משרשי דתם, והמקומות שנשענו עליהם באמונה הזאת בלי סמך ובלי ראיה.

---

* אין דעם מאנוסקריפט ח': „לא השגיחו בזה לפרסום האמת והגלותו אם כי לא רצו לבלות וכו'".

פרק ט׳: על דבר מרים אָם ישי, וענינים אחרים ושרשים גם סעיפים אשר יניחו ברתם.

פרק י׳: בטעיות ושבושים ודברם בלתי צודקים שהניחום ישי ותלמידיו הבאים אחריו... אין ספק שישי ותלמידיו עמי הארץ היו.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל ווענדט זיך אפודי ווידער אַמאָל צו חסדאי קרשקשן: והנה אנכי אָביא בפרק הזה קצת מטעותם אם שבזה מאיבוד הזמן בדברי הבל, עכ״ן אביאם לפי שידעתי: ישמחו בזה נוחלי האמת במתנת חלקם אשר אתה, תפארת הרבנים, ראשם כהיום הזה ותפרסם בזה במעלת התורה האלקית ואמיתתה ויתרונה על זולתה להבדיל בין הקודש ובין החול ובין האור ובין החשך.

הפרק הי״א: ביאור שישתבשו בענין התארים.

הפרק הי״ב: שיבושי יירונימו המשובש ובהבאת ראיה כי הנמצא אצלנו בספרי הקודש הוא האמת, עליו אין להוסיף וממנו אין לגרוע.

צום סוף פונם לעצטן קאַפּיטל ווענדט זיך אפודי ווידער צו קרשקשן מיט פאָלגנדע שורות:

זהו מה שראיתי תפארת הדור * לכתוב להשלים רצונך רצון שוכני סנה וכתבתי בו היתר קצת ספיקות חדשו...** עם שידעתיך כביר כח ללחום מלחמת ד׳ וקטנך עבה ממתני לחדש פלפולים בויכוחים בם ולגלות עמוקות על התשובות באנשי און, אך אמרתי אם יבוא זה המאמר ליד מי שלא הרגיל ולא השיג בהשגתך*** אולי יאורו עיניו במעט הדבש הזה. אלקים קוינו לו יושיעך ויברך אותך ברוך ונגד צורריך שלח ערוך קשובות (?)לפניו יערוך ויכחשו אויביך לך ואתה על במותיך תדרוך אמן כי״ר.

אין דעם מאַנוסקריפּט פּ׳ געפינט זיך נאָך צום סוף א צווייטע, קלענע פּאַמפלעטישע שריפט פון דעם זעלבן פאַרפאַסער, און אלס קעפל דינען די ווערטער פון די נאָר־וואָס ציטירטע שלוס־צײלן: תשובות באנשי אָוֶן (א ענטפער זינדיק־ליגנערישע מענטשן). דער פּאַמפלעט פאַנגט זיך אָן מיט פאָלגנדיקן שיר:

אני חיל וחומה — לנוצרי התמימה — משיבי מלחמה — בהוצות ושערים
לגלות מסתרים — במימי הזרים — בהבלי שוא שומרים — כפי
מאמר אומרים

---

* אין כ״י ה׳ שטייט: הרבנים.

** איין וואָרט איז שווער צו לייענען.

*** אין מאַנוסקריפּט ה׳ פעלן ווייטער די ווערטער: „יאורו עיניו במעט הדברים בזה תם ונשלם“. דערביט ענדיקט דער כ״י ה׳.

וכל דברי ריבות — אליהם מכאיבות — ולהם לתשובות — אני
חרבות צורים
וישיבו בו בודים — בזנבות האודים — ויכלמו הזדים — וילדי הנכרים
ללב נחה חכמה — להוציא תעלומה — ובנין לנקמה כנגד הסותרים
ויצוה אל חסדו — לחדש את חלדו — ואמר ברוב חסדו *—לכהן באורים.

דערנאָך גייען פינף פאָלעמישע תשובות קעגן די אָנפאַלן פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן. דער תוך פון די תשובות איז פאָלגנדער:

תשובה א': לעם ההולכים בחשך טוענים שתורתנו לא הבטיחתנו בקיום המצות יעודים נפשיים כי אם גופיים.

תשובה ב': אל הטועים כזב ושוד ידברו שדוד אמר: יהי שמו לעולם לפני שמש ינון שמו, על ישו שהיה קודם לבריאת השמש זמן בלי תכלית.

תשובה ג': אל הטפשים נוחלי השקר שאומרים שאותה העלמה וילדה בן נאמר על ישו אלוק' שלהם ולזה נאמר: וקראת שמו עמנו אל.

תשובה ד': למשקרי הנבואות הטועים שמה שאמר דוד: נאם ד' לאדני שב לימיני עד וכו — נאמר על ישו.

תשובה ה': תשובה אל הטועים הטוענים על ישו אלקות בסיבה שעשה מופתים לפי דבריהם היוצאים מההיקש השכל.

ביילאַגע נומ' 10

(זע זייט 253).

וועגן דעם דיכטער שלמה דאָפּיערא.

שלמה דאַפּיערא איז געווען אַן אוראייניקל פון משולם דאַפּיערא, וואָס האָט צוזאַמען מיט שלמה מההר געקעמפט קעגן די מיימוניסטן. אייניקע פּרטים וועגן דעם דיכטערס לעבן געפינען מיר אין דער פאָררעדע צו זיין האַנטבוך פאַר דיכטקונסט „אמרי נואש"[1]. בעת ס'האָבן זיך אָנגעהויבן

* אין דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז געווען אין די הענט פון דעם באַקאַנטן געלערנטן שד"ל, שטייט אָנשטאָט „ואמר ברוב חסדו" — „ואפד בו ידו" און לויטאַט דריננט, אַז דאָס איז אַ רמז אויף דעם פּאַרפאַסער אפודי (זע: „אגרות שד"ל", 1107).

1 „אמרי נואש" איז געבליבן בלויז אין כתב-יד. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דעם מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אונטער נומ' 161 אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון דער פירקאָוויטש-קאָלעקציע.

אין סוף 14טן יאָרהונדערט גרויסע רדיפות אויף יידן, האָט דאַפּיערא נע־מוזט פאַרלאָזן זיין געבורטסשטאָט און ער האָט זיך באַזעצט אין סאַ־ראַגאָסאַ. אים האָט צו זיך איינגעלאַדן אַלס דערציער פאַר זיינע קינדער דער יידישער גביר און כלל־טוער בנבנשת אבן לבי 1, און אין דער זעל־בער צייט איז דאַפּיערא געווען אויך באַשעפטיקט אַלס סעקרעטאַר אין דער אָרטיקער קהילה (אייניקע בריוו, וואָס דאַפּיערא האָט געשיקט אינם נאָמען פון דער קהילה, האָט ח. בראָדי פאַרעפנטלעכט אין זיין מאָנאָגראַפיע „ר' שלמה דפירה", 1893).

דאַפּיערא גופא דערציילט אין זיין פאָררעדע:

אמר שלמה בר' משולם די אפיארי... אני אשר קורותי גרשוני מהתלונן בצל קורותי ומהסתפח בנחלת אבותי והזמן מחשב להרע הרחיק ממני אוהב ורע... אלוה נתנני לחן ולחסד ולרחמים בעיני מבחר החכמים נגיד השלמים, דבר ד' לדוד* רועה אמונה עומד לנס עמים הכרוב הסוכך באברת חסידותו על עם מרעיתו נוטה לפניה ציצת בינת הדרתו... הוא השר הנכבד והטפסר המעולה מרון בנבנשת יגדל כבודו לאורך ימים פרי עץ הדעת הישיש עטרת זקנים בן כבוד הישיש עטרת זקנים החכם דון שלמה נ"ע בן לביא, הוא אספני אל ביתו... ויבחר בי לתת עלי יד ושם עם שתילי החמדה... צאצאי מעיו... למען דעת למשוך בשבט סופר להעלות על ספר אמרי שפר... [2]

אויפן פאָרשלאָג פון זיין מעצענאַט בנבנשת האָט דאַפּיערא צוזאַמענ־געשטעלט זיין האַנטבוך „אמרי נואש", וואָס באַשטייט אויס דריי טייל. דער דריטער טייל איז אַ גראַמען־לעקסיקאָן, „בכדי באַהילפיק צו זיין — דערקלערט דער פאַרפאַסער אינם אריינפיר — די, וואָס ווילן שרייבן מעטרישע שירים ומליצות, זיי זאָלן ניט דאַרפן פטרן פיל צייט אויף צו זוכן פאַסיקע ריימען און קלאַנגען":

בעזרת שוכן מרומים ומשגיח גם בהדומים אחל לכתוב צורות דרך החרוזים הנצרכים לבעלי השירים והמשקלים כדי שלא יצטערו לבקשם בזמן שירצו לחבר שירים ומליצות. ויסדתי אלו החרוזים על סדר אותיות האלפבית כדי שיהיו מוכנים ומזומנים למבקש אותם, והם מסדרים

---

1 מער באריכות וועגן דעם פרט זע שטיינשניידער, העבר. ביבל. XV, 56—60.

* לויט בראָדיס מיטטיילונג האָבן די לעצטע דריי ווערטער אין דער בערלינער האַנטשריפט אַ גאַנץ אַנדערן נוסח: „דָבָר אחד לדורי". אויך אין דער האַנטשריפט, וואָס געפינט זיך אין דער ירושלים־ביבליאָטעק, הערט זיך איבער דער זעלבער נוסח (זע „קרית ספר", 1924, 64).

2 דער גרויסער שיר, וואָס פאָלגט נאָך דער פאָררעדע, איז אָפּגעדרוקט אין „קרית ספר", 1924, 139—141.

ומיסדים כדרך התנועות היוצאות מהמבטא שהם אה, אֶי, אִי, או, אוּ, כי בלתם לא תתנועע תנועה היוצאת מהשפה לחוץ [1].

לויט בראָדיס מיטטיילונג, וועלכער האָט זיך באַקאַנט מיט דאַפּיעראַס האַנטשריפטלעכן „דיוואַן" אין בערלינער ביבליאָטעק, האָט דאַפּיעראַ אַמ־מייסטן געשריבן אָדעס און לויבגעזאַנגען; אין זיין דיכטערישער ירושה געפינען זיך אָבער אויך עלעגיעס און אויך שאַרפע עפּיגראַמעס [2].

דאַפּיעראַ גופא האָט געהאַלטן פון זיין דיכטקונסט גאָר עולם ומלואו. מיט שטאָלץ דערקלערט ער, אַז זיין „ניי ליד", וואָס זיין פּראַכט קאָנען נים פאַרשעמען די לידער פון חריזי און ידעיה פּניני — וועט אייביק לעבן אין זכרון פון פאָלק און אַלע דיכטער וועלן קניען פאַר אים און קושן דעם שטויב פון זיינע פיס:

חרוזים כחרוזי החריזי — וכמליצות ידעיה הפניני
בשיר חדש יהי נצחי וקדמון — במעלתו ואם הוא אחרוני,
לפניו יכרעו נוגנים ללחך — עפר רגליו כהולך על גחוני [3].

אין דער פאָררעדע צו זיין „אמרי נואש" רופט דאַפּיעראַ אויס מיט גדלות:

אני האיש שבע רצון ומלא — חמודות שיר בכתם לא יסולה
ומצפונות ומטמונות אגלה — לדור דורשיו עדי החל וכלה
ומשפטיו וחוקיו אל דבקיו — ואל חושקיו ואוצרותיו אמלא.

אין דער אמתן איז אָבער דאַפּיעראַ געווען בלויז אַ גאַנץ געאיבטער ווערסיפיקאַטאָר און טיכטיקער סטיליסט, צו אמתער פּאָעזיע דערהויבט ער זיך גאַנץ זעלטן און דאָס אויך בלויז אין זיינע עלעגיעס. יעדנפאַלס שטייט ער אַלס דיכטער נידעריקער פון זיין בן־דור שלמה באָנפעד.

דאָס יאָר פון זיין טויט איז נים פעסטגעשטעלט. די ידיעות וועגן זיין לעבן רייסן זיך איבער מיטן יאָר 1417.

---

[1] דעם דאָזיקן טייל פון דאַפּיעראַס ווערק האָט שפּעטער אויסגענוצט מרדכי תּמה אין „משכיות כסף", אַמשטערדאַם, 1770.

[2] צום ביישפּיל: קענן איינעם מיטן נאָמען מצליח, וואָס איז געווען פון די „מגשימים", ד״ה פון די וואָס האָבן נאָך געשילדערט אין קערפּערלעכע פאָרמען, האָט דאַפּיעראַ זיך געווענדט מיט פאָלגנדער עפּיגראַם:

זה מצליח לא יצליח — עוזריו עתה יאכלם חודש
כי הזניח כר הצריח — ויתן חומר בקודש. (דברי חפץ, 27).

[3] זע שטיינשניידער, פּאָזנן און פּאָלעביקער, „העבר. ביבל." XVI, 88.

אינהאַלט:

פערטער טייל

דער קאַמף פון קבלה און מסורה קעגן ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע.

ערשט בוך

זייט.

ערשטער קאַפּיטל:

צוויי וועלטאַנשויונגען — צוויי וועלטן. — דער ראַציאָנאַליסטישער גאָט-באַגריף (דעיִזם) און די רעליגיעזע התלהבות. — שלום-טרעגער און פשרה-מאַכערס. — שם-טוב בן פאַלקירה און זיין „אגרת הויכוח”; דער באַטייט פון זיין דידאַקטישע דערציילונג „המבקש”. — די אומבאַפרידיקטע „זוכערס”. — יצחק אבן לאַטיף. — די וועגן, וואָס פירן צו מיסטיק; דער מקור פון די מיסטישע שטרעמונגען. — די לערנונג וועגן „אויסשטראַלונגען” און „ספירות”. — די „אָבות” פון קבלה אין דער פּראָווענס. — יצחק דער סגי-נהור און דער מדרש „בהיר”. — דער מיסטיקער עזריאל און זיין פּירוש אויף די צען ספירות. — דער אַבסאָלוט אומפאַססבאַרער („אַיִן”) און זיינע אויסשטראַלונגען (אצילות). — דער מקובל יצחק בן יעקב הכוהן און זיין „מאמר על האצילות השמאלית”. — די „לינקע ספירות” און די צען כיתות פון קריג און רשעות. — דער פּראָטעסט קעגן דעם ראַציאָנאַליזם. — יעקב בר ששת און זיין „שער השמים” . . . 7

צווייטער קאַפּיטל:

די געראָנער קאַבאַליסטישע שול. — משה בן נחמן אַלס תלמודיסט. — דער רמב"ן און דער רמב"ם. — דעם רמב"נס אָפּטימיזם; די וועלט אַלס לויטער נס. — דער רמב"ן אַלס פּייטן, בעל-קבלה און ביבל-דערקלערער. — דעם רמב"נס חיכוח מיט פּאַבלו כריסטיאַני; דעם רמב"נס נסיעה קיין ארץ-ישראל. — אברהם אַבולפיה אַלס פערזענלעכקייט און אַלס „זוכער”. — דער „סוד האותיות”; דער פאַרביַיט פונם נאָמען מיט דער זאַך גופא, דאָס צונויפמישן פון זיין און דענקען. — אַבולפיהס חלומות וועגן ביאת משיח; זיינע תלמידים. — יוסף גיקאַטילאַ. — אַבולפיהס פּראָפּאַגאַנדע אין רויס; זיינע „נביאישע” ביכער און זייער סטיל. טינט און בלוט. — דער מיסטיקער קעגן די רבנים. — די אַנטפּלעקונג פונם „זוהר”. 28

דריטער קאַפּיטל:

זוהר און קבלה. — משה די ליאון און זיין שייכות צום זוהר. — די פאַרשיידענע טיילן, פון וועלכע דער זוהר באַשטייט. — דער זוהר אַלס קאָמפּענדיום פון יידישער מיסטיק. — די לערע וועגן „אין-סוף”. — די לערע וועגן

אַנדרוגינוס (טאָפּלגעשלעכטקיים) אין דער יידישער מיסטיק. — די אייניקייט פון דענקען און זיין, פון דעם וואָס ס'איז מיט דעם וואָס ס'דאַרף זיין. — דער עטישער עלעמענט אין דער קבלה. — די ראָלע פון דער פּרוטנלעכקייט אינם זוהר; דער באַגריף וועגן דעם „אייבער־מענטש" (אדם עילאָה). — דער ענגער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אייבערשטער וועלט מיט דער אונטערשטער; „צדיק יסוד עולם". — די סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די תפילות. — די לערע וועגן דער נשמה; די באַשאַפעניש און זייערע פאַרבילדער; דער היכל פון ליבע. 55

פערטער קאַפּיטל:

דער באַנייטער קאַמף קעגן דעם אַריסטאָטעליש ראַציאָנאַליזם. — דער זוהר וועגן די רבנים און פילאָזאָפן. — פּלאַטאָניזם און אַריסטאָטעליזם. דער אונטערשייד צווישן אַלעגאָריעס און סימבאָלן. — די שנאה פון די בעלי־קבלה צו דעם אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם. — דער אָנהייב פונם קאַמף. — דער אַנטימיימוניסטישער קעמפער שלמה פטי. — די באַנייונג פונם קאַמף אין דער פּראָווענס, און זיינע סיבות. — די יידישע הויף־אַריסטאָקראַטיע אַלס טרעגערין פון ראַציאָנאַליזם. — די „פילאָזאָפירנדיקע" דרשנים. — לוי אוים ווילעפראַנש און זיין נטיה צו אַסטראָלאָגיע. — דער „גזר" מן השמים אַלס הכשר אויף שמד. — דער אַרויסטריט פון אבא מארין אוים מאָנפּעליע; זיין כתב צום רשב"א. — רשב"אס באַציִונג צו פילאָזאָפיע. — אבא מארים „מנחת קנאות". — דער רשב"א און לוי אוים ווילעפראַנש. — די מודעה פון די באַרצעלאָנער רבנים. — יעקב בן מכיר און די אָנהענגער פון די בני־תיבון. — דער פאַרביטערטער קאַמף 73

פינפטער קאַפּיטל:

די טראַגישע לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד. – די רינדפלייש־רציחות. — ר' מרדכי בן הלל. – ר' מאיר פון ראָטנבורג. — ר' מאיר אַלס תלמודיסט און פייטן. — ר' יצחק בן משה און זיין „אור זרוע". — ר' אָשר בן יחיאל אַלס תלמודיסט; זיין „צוואה". — דעם ראַ"שם אַנטלויפן קיין שפּאַניע. — דער ראַ"ש און דער רשב"א. — דער חאַרבער „חרם" פון דעם רשב"א. — די ראַציאָנאַליסטן מיט זייער „אדרבה". — דער קאַמף אַרום דעם רמב"מס נאָמען. — די קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק. — מנחם מְאִירי אַלס מענטש און געלערנטער. — ידעיה פניני און דער „כתב ההתנצלות". — דער אומדערוואַרטער סוף. — די פּראָווענסאַלער קהילות אין גלות. — יוסף בן יחיא און זיין עלעגיע. — פניני אַלס דיכטער; זיין „בחינת עולם" 103

זעקסטער קאַפּיטל:

יצחק אַלבאַלאַג און זיין „דעות הפילוסופים". — אַלבאַלאַג אַלס פריידענקער. — אַלבאַלאַגס דעות וועגן דער וועלט־באַשאַפונג און דעם געטלעכן ווילן. — דער „נאַטירלעכער סדר" און דער „רעליגיעזער סדר"; גלויבן און איבערצייגונג. — דער „צווייאַרטיקער אמת" ביי די קריסטלעכע טעאָלאָגן און ביי אַלבאַלאַגן. — אַלבאַלאַג אַלס פערזענלעכקייט 130

זיבעטער קאפיטל:

דער משומד אבנר אויס בורגאָס און זיין מאמר קעגן „בחירה חפשית". — פולנער און זיין פּאָלעמיש ווערק „עזר הדת"; ווענן פינף מינים קעגנער. — „צחיי קלאָסן" אויף דער יידישער גאָס. — יוסף כספי און זיין פאַרהאַלטן זיך צום רמב"ם. — זיין מאמר „ספר הסוד" און די פּאָלעמיק קעגן אים. — אבן כספי אַלס אמת-זוכער („הכבקש"), אַלס ליטעראַט און ביבל-דערקלערער. — אבן כספיס „צוואה" 144

אכטער קאפיטל:

די פּראָוואַנסאַלישע שטאָט פּערפּיניאַן אַלס צענטער פון פרייען געדאַנק. — נרבוני אַלס פרייער דענקער; זיין פּירוש אויפן „מורה נבוכים". — דער רלב"ג אַלס פילזאָפישער געלערנטער. — דער רלב"ג אַלס אַריסטאָטעליקער. — חילוקי-דעות צווישן דעם רלב"ג און אַריסטו. — דער רלב"גס שטאַנדפּונקט בנוגע צו דער פראַגע וועגן אומשטערבלעכקייט. — דער רלב"ג אַלס ראַציאָנאַליסט און אַלס ביבל-דערקלערער 166

צווייט בוך

1348—1214

ערשטער קאפיטל:

דער „מורה נבוכים" און דער „מלחמות השם". — די בלוט-שרעקן פון דער „שוואַרצער מגפה". — די רבנים און מנהיגי-הדור און זייער שטרענג קאָנסערוואַטיווע ריכטונג. — ר' יום-טוב ליפמאַן און זיין „הנצחון". — די קולטור-רעלע ירידה פונם שפּאַנישן און פּראָוואַנסאַלישן יידנטום. — יצחק הישראלי, עמנואל בונפיס, אישתורי פרחי און שם-טוב אַרדוטיל. — יעקב דער בעל „הטורים". — בחיא בן אשר און די פאַרשטאַרקונג פון די מיסטישע שטרע-מונגען. — די עקלעקטיקער. — דוד בן ביליאַ; מאמר אַלבּבי און זיין „שבילי אמונה". — אַלבּבים קאַמף קעגן די „מתפלספים". — די לעגענדע, אַז דער רמב"ם האָט חוזר בתשובה געווען און געוואָרן אַ חייסער מקובל. 187

צווייטער קאפיטל:

די קלעריקאַלע רעאַקציע אין שפּאַניע. — די הויף-יידן. — די מאָראַלישע ירידה פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. — שלמה אַלעמים שטראָף-פּרעדיק. — די שנאה צו יידן ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. — די עקאָנאָמישע יסודות פון דער דאָזיקער שנאה. — דער קאַמף פאַר דער קיניגלעכער קרוין, און די צרות, וואָס יידן זיינען דערביי אויסגעשטאַנען. די גזירות קעגן יידן און די פיינדלעכע אַגיטאַציע; די פּאָלעמישע ליטעראַטור; די חיבּוּחים פון משה אויס טאָרדעסילאַ און שם-טוב אבן שפּרוט. — די אַגיטאַציע פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. — די שחיטה אין סעווילע. — די מאַראַנען און די מוסרים-משומדים. 214

זייט.

דריטער קאפיטל:

פאמפלעטן אלס קאמף-מיטל. — שלמה באנפער אלס דיכטער און פאמ-פלעטיסט. — יהושע אלורקי און דער משומד פוילוס אויס בורגאס. — אלורקיס בריוו, דער מאראן פראפיאט דוראן און זיין לעבנס-דראמע. — דוראנס פאמ-פלעט „אל תהי כאבותיך" און זיין פאלעמיש ווערק „כלימת הגוים". — די פארערדע צו זיין „מעשה אפוד" און איר קולטור-היסטארישער באטייט. — די דריי שטרעמונגען אין דער יידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט 232

פערטער קאפיטל:

די פארשטארקונג פון די מיסטישע שטרעמונגען נאך דער „סעווילער שחיטה". — דער בעל-קבלה און בעל-נס משה באטארעל. — אברהם אויס גראנאדע און זיין „ברית מנוחה". — דער קאמף קעגן דער ראציאנאליסטישער פילאזאפיע פון דריי פראנטן. — די רבנים מנחם אבן זרח און ר' יצחק בר ששת (ריב"ש). — דער מיסטיקער שם-טוב און זיין „ספר האמונות". — פון מיימונין צוריק צו יהודה הלוי. — חסדאי קרשקש אלס תורני און אלס פאלע-טיקער. — קרשקש אלס דענקער. — זיין דרך און שיטה. — די גרענעצן צווישן די געביטן פון רעליגיע און פילאזאפיע. — די קריטיק פון אריסטוס שיטה און פון דער גאנצער גריכישער פילאזאפיע. — קרשקש וועגן מיימונים שלשה עשרה עיקרים. — קרשקשס אידעען וועגן דעם חלל פון דער וועלט און וועגן גאטס איינגשאפטן. — ניט דאס וויסן, נאר די ליבע איז די גרונט-איינג-שאפט פון גאטס מהות. — קרשקשס שטאנדפונקט בנוגע דער פראגע וועגן גאטס וויסן און בחירה חפשית. — דער צוועק פון „מעשה בראשית". — קרשקשס פארהאלטן זיך צו קבלה און ראציאנאליזם. — „ואהבת את ה' אלהיך" אלס גרונט-פרינציפ פון טאן און שאפן. — די וועלט-באשאפונג אלס נויטווענדיקייט. — די אומענדלעכקייט פונם וועלטאל 251

פינפטער קאפיטל:

דער באטייט פון חסדאי קרשקש. — די עפיגאנען. — פילאזאפיש גע-בילדעטע טעאלאגן. — ר' שמעון בר צמח דוראן (רשב"ץ) און זיין שאפן. — שמעון דוראן אלס דאגמאטיקער; זיין שטאנדפונקט בנוגע צו דער פראגע וועגן ביאת המשיח. — דוראן אלס סניגור פארן יידנטום. — וואס הייסט „אפיקורסות"? — יוסף אלבא און זיין „עיקרים". — די השפעה פון זיינע פארגייער. — דער באטייט פון אלבאס ווערק. — דער בעכער פון טרייסט, וואס דער בעל ה„עקרים" דערלאנגט 297

זעקסטער קאפיטל:

די קאטוילישע קירך מיט אירע גזירות. — די יידישע פרעדיקער. — פאלעמיקן. — חיים בן מוסא און זיין „מגן ורומח". — יצחק נתן און זיין קאנקארדאנציע. — יוסף בן שם-טוב אלס בעל-דרשן און פאלעמיסט. — זיין פילאזאפיש ווערק „כבוד אלהים". — יוסף בן שם-טוב אלס פארזעצער פון חסדאי קרשקש; זיין פארהאלטן זיך צו אריסטו. — יוסף בן שם-טובס שפאנ-

פונקט ווענן איבערשטאַרבלעכקייטן; זיין פּלוגתא מיט דעם רמב״ם און דעם רלב״ג. — נאָר די תורה גיט אומשטאַרבלעכקייט. — נאַטור-געזעצן און רעליגיעזע געזעצן. — יוסף בן שם-טוב קעגן די „בתפלספים“. — דער פאַרשלאָפענער קרייז. — אברהם ביבאַגי און זיין „דרך אמונה“. — פילאָזאָפיש-עטישער דרושן; זיין אָנגעזעענסטער פאָרשטייער יצחק עראַמה. — עראַמה אַלס בעל-דרשן; זיין פּאָמפּלעט קעגן די ראַציאָנאַליסטן „חזות קשה“. — זיין קאַמף מיט דער „פילאָזאָפישער צרעת“ . 315

זיבעטער קאַפּיטל:

דער בעל-קבלה דער נעלם. — די ספרי קבלה „ספר הקנה“ און „ספר הפליאה“. — זייער מיסטישער סטיל. — די קבלה אַלס העכסטער אויטאָריטעט. — די „סודות התלמוד“. — דער אַסקעטישער קאַמף קעגן די תענוגים פון עולם הזה. — דער רוגז אויף די רבנים. — דער קאַמף פאַר אַ „לאַנג-פאַרלוירענער זאַך“. — דער לעצטער אָרויסטריט פון די מיימוניסטן. — שם-טוב בן יוסף אַלס פשרה-מאַכער צווישן די „צוויי ליכטער“. — דער ערטער פון מיטלאַלטער און זיין סאַטירע „עלילת דברים“. — דער ראַציאָנאַליסט-אַריסטאָטעליקער און זיין דאָגמע. — דער ליטעראַרישער ווערט פון דער סאַטירע. — דער לעצטער יידישער דיכטער אין אַנדאַלוזיע סעדיה אבן דאַנאַן. — אבן דאַנאַן אַלס ליבע-דיכטער. — אבן דאַנאַן אַלס מיימוניסט און פּאָמפּלעטיסט 343

אַכטער קאַפּיטל:

דער גרויסער גירוש. — די צרות און ליידן פון די פאַרטריבענע; די אָפּקלאַנגען פון דער קאַטאַסטראָפע אין דער העברעישער ליטעראַטור. — די אָפּטריניקע צווישן די געבילדעטע און די הויף-יידן. — דער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער יוסף יעבץ און זיין „אור החיים“. — יצחק אַבּרבנאל און „חב לי משיח“. — יצחק אַבּרבנאל אַלס ביבל-דערקלערער. אַבּרבנאל אַלס אָנזאָגער פונם באַלדיקן „קץ“. — משיח צייטן. — שלום. 369

ביילאַגן 383

הוספות

צו ז׳ 17: די סברה, אז דאָס װערק „מעאַנסי אל נפס״ זאָל האָבן פאַרפאַסט דער בעל „חובות הלבבות״ בחיי אבן פקודה, פאַלט איצט ענדגילטיק אָפּ נאָך א. באַריסאָװס אַרבעט אין די לענינגראַדער Bulletin de l'académie des sciences de l'urss 1929, 775—797.

צו ז׳ 19: דער באַװוסטער קבלה־פאָרשער ג. שלום װײַזט אויך צו (תרביץ, III, 47) אויף דער השפעה פון אברהם בר חייאס װערק אויף געװיסע טײלן פון ספר „הבהיר״. אין דער זעלבער אַרבעט דערװײַזט אויך ג. שלום, אַז די פריִערדיקע קבלה־פאָרשער האָבן אַ טעות געהאַט בעת זײ האָבן גערעכנט, אַז די „מסכת אצילות״ איז שוין פאַרפאַסט געװאָרן אין 12טן י״ה. דורך אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון דער עװאָלוציע, װאָס ס׳האָט אין דער ייִדישער מיסטיק דורכגעמאַכט די אידעע װעגן די פיר עולמות: אצילה, בריאה, יצירה, עשיה (אבי״ע), דערװײַזט דער פּראָפעסאָר, אַז די „מסכת אצילות״ איז ערשט געשריבן געװאָרן ניט פריִער פונעם 14טן י״ה. דאָס װערק זאָל האָבן פאַרפאַסט אַ געװיסער אליה בן יוסף.

צו ז׳ 24: הוספות צו יצחק בן יעקב הכהנס װערק „מאמר על האצילות״ האָט פאַרעפנטלעכט יעקב משה טולידאנו אין „הצופה לחכמת ישראל״, תרפ״ט, 261 – 267. װעגן יעקב הכהנס צװײט װערק, אַ פירוש למרכבת יחזקאל, רעדט באַריכות ג. שלום אין זײַן גרינטלעכער אַרבעט „לחקר קבלת ר׳ יצחק בן יעקב הכהן״, (תרביץ II — III); שלום װײַזט אָן אויף דעם סינקרעטישן כאַראַקטער פון יעקב הכהנס מיסטישן װעלט־באַנעם, װי עס זײַנען צונויפגעפלאָכטן פאַרשידנאַרטיקע און אָפּ אויך סתירהשע עלעמענטן פון גנאָסטיציזם און נעאָפּלאַטאָניזם.

צו ז׳ 36: ס. י. בער גיט אין זײַן אַרבעט „לבקורת החיכוחים של ר׳ יחיאל מפאריז ושל ר׳ משה בן נחמן״ (תרביץ, II, 172 — 187) אַ קריטישע פאָרשונג װעגן דעם רמב״נס „חיכוח״, און קומט צום אויספיר, אַז דער דאָזיקער באַריכט (װי אויך די אויפגעהיכע לאַטײַנישע באַריכטן װעגן דאָזיקן דיספוט) „אינו דין וחשבון נאמן אלא רק כתב תעמולה״ — איז ניטשט קיין פּראָטאָקאָל־געטרײַער באַריכט נאָר אַ צגיטאַציע שריפט.

צו ז׳ 56: בנוגע דער נאָך ניט אויסגעקלערטער פראַגע װעגן דער אַנטשטײונג פונעם זוהר זײַנען אינטערעסאַנט פאָלגנדיקע פּרטים אויף װעלכע עס װײַזט אָן דער קבלה־פאָרשער ג. שלום: דער בעל „משל הקדמוני״, יצחק אבי סהולה, ציטירט שוין אין דעם דאָזיקן װערק װאָס איז דערשינען אין 1281 (בכן פינף יאָר פריִער איידער משה די ליאונס ערשטע װערק איז דערשינען) דעם „מדרש הנעלם״. (זע תרביץ, III, 181 — 183). שלום װײַזט אויך דערבײַ אָן, אַז דער נוסח פונעם מדרש הנעלם האָט זיך אין 13טן י״ה אין פיל פּרטים אונטערשײדט פון דעם שפּעטערדיקן נוסח. אין זײַן אויבן־ציטירטער אַרבעט װײַזט ג. שלום אָן, אַז „הזוהר נמצא על כל פנים כבר בזמן שנכתבו ספר הרמון או ס׳ משכן העדות של ר׳ משה (די לאון) ומה גם בזמן שנכתב ספרי גיקאטיליא על הספירות וטעמי המצוות״, (תרביץ, III, 42). כמעט אַלע מקובלים פון אָנפאַנג 14טן י״ה — װײַזט שלום װײַטער אָן — באַנוצן זיך פיל מיטן „זוהר״ זיי װייסן אָבער נאָך ניט פון „רעיא מהימנתא״ און „תקוני זוהר״. משמעות די דאָזיקע

טײלן זײַנען פאַרפאַסט געוואָרן באַדײַטנדיק שפּעטער פון די איבעריקע גרונדטײלן פונעם „זוהר“ (דאָרטן, 55, 58).

צו ז' 85: דער מקובל טודרוס אבולפיה (געשטאָרבן 1298) האָט אויך פיל שירים געשריבן. זײַן דיוואַן „גן המשלים והחידות“ האָט פאַרעפנטלעכט אין 1932 דוד ילין.

צו ז' 224: וועגן פאַרשײדענע וואַריאַנטן פון שם-טוב בן שפּרוטס „אבן בוחן“ זע פרײדוס' אָנרעגונג-בוך, 1929, 265 — 270.

צו ז' 259: וועגן דעם מיסטיקער משה בר' שלמה בר' שמעון, וואָס איז געווען דײַן אין בורגוש, האָבן מיר ביז גאָר דער לעצטער צײַט געהאַט בלויז די גאַנץ קנאַפּע ידיעות, וואָס עס האָבן געגעבן וועגן אים שם-טוב בן שם-טוב אין זײַן „ספר האמונות“ (שער ה', פרקים א—ב) און שטײנשנײַדער אין זײַן באַשרײַבונג פון די מאַנוסקריפּטן וואָס געפינען זיך אין בערלינער ביבליאָטעק (ז' 41). אין 1932 איז דערשינען (תרביץ, III) אַ גרעסערע אַרבעט פון דעם אומדערמידלעכן ג. שלום „ר' משה מבורגוש תלמידו של ר' יצחק“, וווּ ער גיט צום ערשטן אַ פולשטענדיק בילד וועגן דער אידעען-וועלט פון דעם דאָזיקן מקובל פון דעם 13טן י"ה (משה פון בורגוש איז געבוירן בערך 1222 — 1225 און געשטאָרבן אין אָנהײב 14טן י"ה). אין זײַן דורך ג. שלום פאַרעפנטלעכטן הויפּטווערק „ס' עמוד השמאלי“ (אַ פירוש אויף די צען ספירות הטומאה אָדער ספירות השמאליות) אַנטוויקלט משה פון בורגוש אַלס יצחק הכהנס אַ טרײַער תלמיד נאָך מער די רײן גנאָסטישע עלעמענטן וואָס געפינען זיך אין זײַן רבינס שטה.

צו ז' 265: אין דעם אין 1929 דערשינענעם ווערק פון א. וואָלפזאָן Crescas Critiqes of Aristotel ווערט קריטיש באַלויכטן און אויסגעבעסערט אויפן גרונט פון עלף מאַנוסקריפּטן דער טעקסט פון דעם טײל „מורה“ וווּ קרשקש קריטיקירט אריסטוס פיזיק.

צו ז' 310: אַ אויסגעבעסערטער טעקסט פון יוסף אלבאס ווערק, אויפן גרונט פון דער ערשטער אויסגאַבע (1485) און פון אַ מאַנוסקריפּט פון 1454, איז דערשינען אין פילאַדעלפיע אין 1929 (Sefer ha'ikkarim, Book of Principles, by Josef Albo).